STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00593

# EYBIKE VEGN FUN EYBIKN FOLK

A. Golomb

*Permanent preservation of this book was made possible
by Dr. Alfred & Sandra M. Sherman
in memory of
parents, Pearl & Archie Sherman*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



א. גאָלאָמב

# אייביקע ווענן פון אייביקן פאָלק

א. גאָלאָמב

# אייביקע ווענן פון אייביקן פאָלק

עסייען

אַרויסגעגעבן פון יובל־קאָמיטעט
מעקסיקע־בועגאָס איירעס, 1964 — ה׳תשכ״ד.

לזכר מיין פאָטער

אבא מורי הרב ר׳ יהודה הכוהן

און מיין מוטער

מרת שרה בת ר׳ לייב

מנוחתם עדן בירושלים עה״ק

## יובל־קאָמיטעט אין מעקסיקע

ישעיה גאָרינשטיין (פּאָרזיצער) און פרוי שיינדל
נחמן און הילדע באַקאַל
אינזש' הערש און רחל בערמאַן
יהודה און אסתר גראַפּא
אינזש' אברהם און צילה טשעלמינסקי
אברהם און שרה טיקטין
ד"ר עקיבא און טייבל ליכטינגער
אינזש' סאלא און לאה פיינער
לעאָן סוראזסקי
ד"ר מאַקס און ראשל שיין

# פון די אַרויסגעבער

אַ מחנה איבערגעגעבענע פריינד און פאַרערער פון אברהם גאָלאָמב, אַ מחנה וואָס איז פאַרשפּרייט אין די ארבע פינות העולם, פון מאָנטרעאַל ביז בוענאָס־איירעס אין דער לענג און פון ישראל ביז מעקסיקע אין דער ברייט, האָבן נישט געשפּאָרט קיין מי און קיין מיטלען בכדי זיין געבענטשטע פעדער זאָל קאָנען באַרייכערן די יידישע ליטעראַטור מיט נאָך איין גרויס און וויכטיק ווערק וועגן יידישקייט: דאָס בוך וואָס מיר ברענגען דאָ פאַרן לייענער און וואָס טראָגט דעם נאָמען: „אייביקע וועגן פון אייביקן פאָלק".

אברהם גאָלאָמב איז אַן אוניקום אין אונדזער יידישער ליטעראַ־ראַטור, אַ לערער און אַ שרייבער, איז ער אויך אַ טיפער דענקער וועגן דער יידישער פּראָבלעמאַטיק, וואָס ענדערט איר אינהאַלט פון לאַנד צו לאַנד אין פאַרלויף פון דורות.

גאָלאָמב איז אַן עקלעקטיקער, ד"ה ער האַלט די קייט פון יידיש־קייט ביי ביידע עקן, פון יציאת־מצרים און מעמד הר־סיני, ביז די שאַפונגען אויף יידיש און העברעיש אין אונדזערע צערודערטע צייטן. ער איז סיי אַ יידישיסט, סיי אַ העברעער (נישט קיין העברעיסט), ער איז טראַדיציאָנעל־רעליגיעז און גלייכצייטיק וועלטלעך. ער איז סיי אַ טיפער באַאַבאַכטער, סיי אַן ערנסטער פאָרשער פון יידישן לעבן, וועלכן ער זוכט דורכצודרינגען וואָס טיפער.

גאָלאָמב קאָן האַלטן גלייכצייטיק אַז „תורה איז די היים פון יידן, בעיקר „תורה לשמה", און אַז „דער תלמוד נישט דער תנ"ך האָט געפורעמט דאָס לעבן פון יידישן פאָלק, פון זיינע למדנים און מתמידים", ווען אַפילו ער שטעלט פעסט, אַז דווקא דער נביא ירמיהו — אַ תנ"ך־געשטאַלט — איז דער פונדאַמענט־לייגער פון דער נייער יידישקייט. און זאָל מען נישט זען אין דעם קיין ווידערשטאַנד, נאָר גיכער דעם באַגריף פון „אלו ואלו דברי אלוקים חיים", סיי דער תנ"ך און סיי דער תלמוד זענען די רייד פון לעבעדיקן גאָט פון ישראל, באָטש זיי האָבן פאַרשידענע דרכים פון איינטייטשן און אויסטייטשן

אָט די לעבעדיקע ווערטער. פאַר גאָלאָמבן איז אויך די ייִדישע ליטע-ראַטור, תנ"ך.

דאָס ווערק איז היפּש היסטאָריאָזאָפיש. גאָלאָמב שפּאַצירט אין באַגלייטונג פון לייענער איבער די תקופות פון דער ייִדישער געשיכטע און איבער פאַרשידענע תקופות: ארץ-ישראל, בבל, תקופת ספרד, תקופת אשכנז, מזרח-אייראָפּעיִשע תקופה. און כאָטש העברעיִש בלייבט לשון-קודש, בלייבט ייִדיש די אינטערנאַציאָנאַלע ייִדישע שפּראַך.

ער באַטאָנט שטאַרק די ייִדישע אַנדערשקייט, און דאָס רעכט וואָס דאָס ייִדישע פאָלק האָט צו זיין אַנדערש פון אַלע אַנדערע אומות.

גאָלאָמב ווערט נישט נתפעל פון די גרויסע פּאַרציייטיקע רעלי-גיעזע פירער, און קאָן נישט פאַרטראָגן די פאַלשע וועלטלעכקייט, כאָטש ער איז גאָר אַ גרויסער אַנהענגער פון דער אמתער וועלטלעכ-קייט, וואָס איז אין תוך ייִדיש-רעליגיעזע. גאָלאָמב קעמפט פאַר קדושה און טראַדיציע אין זיין פיינסטער פאָרעם און אין אַלע אומשטענדן.

פאַראַן אין בוך אַ ברייטע אָפּהאַנדלונג וועגן „מאַסע און אינטע-ליגענץ" און די באַציִונגען צווישן זיי...

מיט איין וואָרט, דאָס נייע בוך פון א. גאָלאָמב איז אַ מין סינ-טעזע פון ייִדן און ייִדישקייט און ווי אויך פון די צרות פון ייִדן און די צרות פון ייִדישקייט.

אַפילו דאָס קאַפּיטל „עגאָפּאָביע", וואָס מיינט ייִדישער זעלבסט-האָס, וואָס איז נישט אַזוי שכיח ביי ייִדן ווי עס דוכט זיך גאָלאָמבן, וועקט אויף דעם געדאַנק און רופט צו פאַרטיפן זיך אין ענין, ווייל עס איז געשריבן מיט פיעטעט פאַר ייִדן און ייִדישקייט.

עס איז בכלל אַ גוט, נוצלעך, אינטערעסאַנט ווערק, און די גרויס-געבער טראָגן אונטער דעם חשובן מחבר אַ האַרציקן יישר-כוח פאַר זיין פּרעכטיקער אַרבעט.

# פון מחבר

יעדער דענקענדיקער ייִד ווערט איצט באַאומרויִקט פון שווערע פּראָבלעמען וועגן די ווייטערדיקע גורלות פון אונדזער פאָלק. די לעצטע צענדליקער יאָרן בין איך נישט זוכה געווען צו האָבן תלמידים אין געהעריקן עלטער מיט זיי צו טראַכטן וועגן די פּראָבלעמען בקול רם. דער איינציקער מעדיום איז געבליבן פאַר מיר דאָס פּאַפּיר — אַ געטרייער, געדולדיקער פריינד, וואָס נעמט אויף אַלץ וואָס אַ ייִדיש האַרץ לעבט איבער אין די איינזאַמע פאַרטאָגן. איך האָב אָבער געהאַט אַ גרויסן זכות, וואָס אין ווייטן אַרגענטינע האָט זיך געפונען אַ נאָענ־טער פריינד — אַמאָל אַ יונגער בחור׳ל אַ תּלמיד אין יענע יאָרן פון אמונה און האָפענונגען און היינט — אַ באַקאַנטער ייִדישער פּעדאַגאָג און ליטעראַטור־קריטיקער מיט זיין אייגענעם פּסיכאָלאָגישן מעטאָד — פריינד גרשון סאַפּאָזשניקאָוו, — און ער האָט עס פאַרטראַכט אַרויסצוגעבן די שריפטן פון דעם אַמאָליקן רבין.

נאָך מער זכות האָב איך געהאַט וואָס ער האָט געפונען אויך אומבאַקאַנטע פריינד, ווי דער באַוווּסטער שרייבער, משה שענדעריי, די פרוי לאה שוואַרץ, דירעקטאָרין פון זשורנאַל „די שריפטן״, וואָס האָבן געהאַלטן פאַר כדאי זיך צו באַמיִען מיינע געדאַנקען זאָלן פאַר־עפנטלעכט ווערן און פאַרשפּרייט ווערן. מיינע ערשטע צוויי ביכער פון דער סעריע („אויף די וועגן פון קיום״ און „אונדזער גאַנג צווישן פעלקער״) האָבן זיך טאַקע זייער גיך פאַרשפּרייט, און געהאַט אַ וואַרעמען אָפּרוף: קענטיק אַז זיי האָבן געפונען אַן אָפּקלאַנג אין ייִדישע הערצער.

דאָס איצטיקע בוך גייט אַרויס מיט דער הילף פון אַ געמיינזאַמען יובל־קאָמיטעט אין מעקסיקע און אין בוענאָס־איירעס.

ייִדישע ביכער טראָגן נישט אַריין קיין געלט־רווחים, — איך בין אָבער צופרידן, וואָס קיינער פון די שותּפים אין אַרויסגעבן מיינע בי־כער האָט ביז איצט קיין געלט נישט דערלייגט. עס איז אַפילו געקור־מען אַ געדאַנק ביי פריינד צו שאַפן אַ שטענדיקן פאָנד אַרויסצוגעבן מיינע ווייטערדיקע שריפטן. הלוואַי זאָלן זיי זיין.

בין איך צופרידן צו קענען דאָ דאַנקען פון טיפן האַרצן אַלע פריינד, וואָס העלפן, דרוקן און פאַרשפּרייטן מיינע ביכער. מיין ברכה זיי אַלעמען.

ט״ו בשבט תשכ״ד — 29סטן יאַנואַר 1964.

# ישראל ואורייתא

## (יידיש פאָלק און תורה)

### אַ ר יי נ פ י ר

וואָס מער מען טראַכט זיך אַריין אין די גורלות פון יידישן פאָלק און זיין גאַנג צווישן פעלקער, אַלץ מער ווערט קלאָר און בולט די פעסטע פאַר־בינדונג צווישן די צוויי מהותן — יידיש פאָלק און דעם גרויסן קאָמפּלעקס וואָס טראָגט דעם נאָמען תורה — ישראל ואורייתא, וואָס איז נאָך אַמאָל פּראָקלאַמירט געוואָרן ווי אַן אחד, באַהעפט אויף אייביק, ווי עס שטייט „וארשתיך לי לעולם"...

האָט מיר געזאָגט אַ פריינד: איך דאַרף אומבייטן דעם נאָמען פון דער אָפּהאַנדלונג. דעם נאָמען „ישראל ואורייתא" דאַרף איך לאָזן פאַר רבנים, ער פּאַסט נישט פאַר אַ וועלטלעכן יידן... אָבער איך שענק נישט אַוועק דעם תנ"ך בן־גוריונען און גיב נישט אַוועק דעם תלמוד קיינע רבנים, און איך שענק קיינעם נישט אַוועק ביאַליקן מיט שלום עליכמען — כולם שלי. איך בין צו דעם אַלעם אַ גלייכער שותף. עס איז ביי אונדז אַן אַלטער אויסדרוק: „דור דור ודורשיו" — יעדער דור מיט זיינע דענקער וואָס דרשענען אין דער תורה נייע און נייערע געדאַנקען און אידעען, נייע טעאָריעס און אַלץ איז יידיש־קייט, דאָס אַלטע ווי דאָס נייע. דורות גייען און דורות קומען און יעדער דור, תקופה איז מחויב צו זאָגן איר וואָרט, צו שאַפן איר תורה — נייע דורות איז נייע דרשות און נייע דרשנים, נייע צייטן און נייע לערנונגען אין יידישקייט, אין דער תורה. און אַלע נייע אידייען, אויף וויפל זיי זענען אַרויסגעוואַקסן פון יידישקייט און אויף וויפל זיי זענען אַריינגעוואַקסן אין יידישקייט — אַלע זענען זיי תורת ישראל, איין ישראל ואורייתא. עס פליסט אַ טייך, ער שטראָמט שטאַרקער אָדער שוואַכער, אָבער ער שטראָמט שטענדיק. ער שטעלט זיך נישט אָפּ. דאָס וואַסער וואָס שטראָמט דורך קערט זיך נישט אום צוריק, און דאָך איז דער טייך דער זעלביקער, דער זעלביקער מיט זיינע נייע וואַסערן.

נישטאָ היינט אין ירדן קיין איין טראָפּן וואַסער פון דעם וואָס יהושוע האָט געשפּאָלטן ווען ער האָט אַריבערגעפירט די יידן קיין כנען, און דאָך איז דער ירדן דער זעלביקער, דער זעלביקער וואָס דער זיידע יעקב האָט אַריבערגע־שפּרייזט מיט זיין שטעקן און זיינע גאָר ווייטע אוראייניקלעך האָבן אים גע־בראָדזשעט אויך אָן אַ שטעקן (פון כנרת קיין דגניה פאַר רוטנבערגן), און לאָמיר האָפן, אַז אויך זייערע ווייטע אוראייניקלעך וועלן געניסן פון די וואַ־סערן פון זעלביקן ירדן...

אָבער וואָס איז אין אים אייביק? וואָס איז די אייביקייט פון אַ טייך? — אייביק איז זיין שטראָם, זיין כסדרדיקע באַנייונג. אייביק איז דער פּראָצעס, די המשכדיקייט. דורות גייען און דורות קומען; תקופות גייען אַוועק אין דער אייביקייט און קערן זיך נישט אום; תורות גייען און קומען, אַלץ שטראָמט און דער פּראָצעס איז איינער... און אַזוי גייען מיר — דורות און תורות געפלאָכטן, צונויפגעבונדן; איין שטראָם — ישראל ואורייתא.

אַוודאי בין איך אַ וועלטלעכער, זיכער בין איך נישט מסכים מיט די רבנים וואָס גאָר אָפט באַמיִען זיי זיך צו פאַרוואַנדלען דעם אייביקן יידישקייט־שטראָם אין אַ שטייַיק וואַסער. אָפט, צו אָפט נוצן זיי אויס זייער גאַנצע בקיאות, כדי צו ווייזן קונצן און גרויסע חריפותדיקע קונצן אין זייער שווימען אין דעם ים התלמוד פון איין ברעג צו זיין צווייטן, אָבער הגם „רבנישע תורה איז דאָך גרויס", דאָך העלפט זי נישט דעם אייביקן שטראָם פון יידישקייט. פאַרקערט, זוי זיי וואָלטן גאָר באַמיט זיך דעם שטראָם אָפּצושטעלן, צו פאַרוואַנדלען יידישקייט אין אַ פּיקסירטס, וואָס איז נישט פאַרבונדן מער מיט דעם לעבן, מיט דעם לעבן פון פאָלק. זיי ווילן אָנערקענען נאָר עד כאן, נאָר דאָס וואָס איז פאַרשריבן, נאָר די יידישקייט שבכתב. דאָס לעבן גייט זיין וועג, נייע דורות מיט נייע תורות, נייע אידעען, און די רעליגיעזע ווילן פון דעם נישט וויסן... און אַ טייך וואָס הערט אויף צו שטראָמען, פאַרלירט זיינע גאָר די וואַסערן אין די מדברדיקע זאַמדן פון אַרום („בלינדע טייכן" הייסן זיי אין דער געאָגראַפיע). אָט דאָס איז די סכנה פון אונדזערע פרומע רבנים, פון דער אָרטאָדאָקסיע.

און פאַרקערט, זענען די מערהייט וועלטלעכע אויך אויף אַ פאַלשן וועג. וועלטלעכע יידישקייט איז נישט קיין באַשעפעניש וואָס איז אַרויסגעשפּרונגען פון גאָרנישט אַ יש מאַין, אַ נייע יידישקייט אָן אַ טאַטן און אָן אַ מאַמען, חס ושלום. ניין און ניין! אויך די וועלטלעכע יידישקייט זאָגט זיך חלילה נישט אָפּ פון גאָרנישט וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט געהאַט ביז אונדז, אין דעם אייביקן יידישקייט־שטראָם. מער נישט וואָס ווידער דור דור ודורשיו — יעדער דור מיט זיין ניי לעבן, מיט זיינע אריינדרשענונגען אין דעם

שטראָם, אין דעם אייביקן גאַנג פון דעם „גייער־פאָלק". נייע דורות, נייע תקו־פות און נייע תורות, און אַלץ איז ייִדישקייט. האָט ר׳ עקיבא געמעגט לערנען תורה וואָס משה רבינו אַליין האָט נישט פאַרשטאַנען (אַ גמרא דערציילט עס), מעגן אויך איצט דורות לערנען תורות וואָס האָבן זיך נישט געחלומט אַפילו רבי עקיבאן אויך.

ווי אין אַ טייך מוזן כסדר צוקומען נייע וואַסערן פון בייטייכן, פון ביי־שטראָמען, וואָס דער טייך האָט אין זיין פריִערדיקן שטראָמען נישט געקענט, אַזוי דאַרפן אויך אין שטראָם פון ייִדישקייט כסדר צוקומען נייע און נייע תורות, לערנונגען, נייע אידעען און געדאַנקען. נישט אומזיסט האָט נאָך ירמיהו פאַרגליכן ייִדישקייט צו אַ קוואַל פון לעבעדיק וואַסער... לעבעדיק איז דער שטראָם, דאָס קוועלן, וואָס טאָר זיך נישט אָפּשטעלן. און אַזוי טאָר זיך אויך נישט אָפּשטעלן דער שטראָם פון ייִדישקייט, דאָס קוועלן פון נייע און נייע תורות און געדאַנקען, נייע הלכות און נייע אגדות — נייער שטייגער און נייע ליטעראַטור. און ווי עס שטייט איז יפתח בדורו כשמואל בדורו. יעדער דור מיט זיין תורה איז גלייכוועדיק.

גייען מיר אַזוי פון אייביק ביז אייביק — דורות און תורות געפלאָכטן צוזאַמען, אַ מאָדנע אייגנאַרטיקע פאַרבינדונג; אין אָט דער באַהעפטונג איז דאָס לעבן פון פאָלק. און אַלע וואָס מיינען איבערצורייסן אָט־די באַהעפטונג צווישן די דורות מיט די תורות, פון וואָסער צד די איבעררייסער זאָלן נישט קומען — אַלץ איינס זענען זיי איבעררייסער, אָפּהאַקערס, און איבערשניידן די המשכדיקייט איז טויט, איז אומקום. ייִדיש פאָלק קען לעבן נאָר ווען זיין ייִדישקייט, זיין תורה איז אַ לעבעדיקער פּראָצעס, אַ תורת חיים — אַ תורה פאַרבונדן דירעקט מיט דעם לעבן און אַ לעבעדיקע תורה, און איר לעבן איז אין ענדערונגען, אין כסדרדיקע באַנייונגען. אין דעם איז אונדזער אייגנאַר־טיקער מהות, אונדזער אַנדערשקייט. עס העלפט אונדז נישט דער אייביקער פאַרלאַנג צו זיין „ככל הגויים בית ישראל"; וויפל ייִדן זאָלן זיך נישט באַמיִען צו זוכן פאַראַלעלע שטריכן ביי אַלע אַנדערע פעלקער, קען עס נישט העלפן, מיר בלייבן פאָרט אַ „גוי אחד בארץ". האָט דער גרויסער געלערנטער מתמיד ד״ר יוסף קלויזנער ערגעץ געשריבן, אַז מיר זענען טאַקע אַנדערש, אָבער נישט מער ווי יעדער פאָלק איז אַנדערש פון אַנדערע. אָבער ער איז אומגע־רעכט, ער האָט אויך געזוכט אַ פאַראַלעל ביי אַנדערע. און מיר לעבן טויזנטער יאָרן צוזאַמען מיט אַנדערע פעלקער, אַריינגעגלידערט אין זייערע סאָציאַלע אָרגאַניזמען, און טאַקע „יפול מצדך אלף" — גרויסע מאַסן האָבן מיר פאַר־לאָרן, כסדר פאַרלאָרן. אָבער דער געבליבענער „שארית ישראל" איז געבליבן אַ דאַנק זיין אַנדערשקייט פון אַלעמען, און מיר זענען געבליבן פרעמד, אין אַ

פרעמדער וועלט, מען פאַרשטייט אונדז נישט און — נאָך מער — מיר אַליין פאַרשטייען אויך אָפט נישט אונדזער אַנדערשקייט.

און אויף וויפל קולטור פון אַ פאָלק איז נישט עפּעס אַ פּראָדוקט וואָס איז אַנדערש, נישט אידענטיש מיט דעם פאָלק גופא, ווי עס איז אַנדערש אַ פּראָדוקט פון דער מאַשין וואָס פּראָדוצירט אים; אויף וויפל קולטור איז אין פאָלק און דאָס פאָלק איז אין זיין קולטור, אויף אַזוי פיל זענען מיר אַליין אויך אַנדערש, אייגנטימלעך אַנדערש, נישט אַזוי ווי אַלע אונדזערע שכנים, אַנדערש אַפילו ווען מיר ווילן עס נישט. איז מיר שרייען „ככל הגויים" און עס העלפט אונדז נישט; די אַנדערשקייט בלייבט.

ייִדן זאָגן „גאָט איז איינער און זיין נאָמען איז איינער". טייטשן ייִדישע פילאָסאָפן: נישט איינער ווי אַ צאָל, נאָר אַן איינציקער, גאָט איז איינס און גאַנץ אין דער איינציקער אייניקייט און אַזוי איז אויך ייִדישקייט איינציק, אַנדערש, אייניק און גאַנץ אין איר אייניקייט אין צייט און אין שטח, געשיכט־לעך און געאָגראַפיש.

פּראָפעסאָר קלויזנערס באַהויפּטונג, אַז מיר זענען נישט מער אַנדערש פון אַנדערע ווי עס זענען פאַרזיכיק אַנדערש אַלע אַנדערע פעלקער אויך, — די באַהויפּטונג איז נאָר אַ פאַרענטפערונג, נאָר אַ פאַרלאַנג צו באַרעכטיקן אונדזער אַנדערשקייט מיט דעם וואָס אַלע זענען אַנדערש. ווען חלילה, נישט וואָלטן מיר מסתמא אויך נישט געהאַט קיין רעכט אויף אַנדערשקייט, אַפילו גרויסע ייִדן האָבן מורא, זוכן אַרום זיך באַרעכטיקונגען פאַר אונדזער זיין וואָס מיר זענען. אין תוך אָבער זענען מיר אַנדערש פון אַלעמען אין אַלץ — מיט אונדזער פּסיכיק, מיט אונדזערע העוויות, מיט דער זשעסטיקולאַציע, מיט דעם דענקען און טראַכטן, מיט דער גאַנצער אידעען־וועלט, אַפילו מיט דעם גאָט־באַגריף און אַפילו מיט דעם זוכן באַרעכטיקונגען צו זיין אַנדערש, מיט דעם באַמיִען זיך צו פאַרלייקענען, פאַרמינערן אונדזער אַנדערשקייט. איטלעך פאָלק האָט זיך זיינע הייכן און זיין נאַרמע, זיינע גאונים, וואָס מען נעמט זיך איבער מיט זיי. פון דעם אַלגעמיינעם ניוואָ שטאַרצן אַרויס די הויכע שפּיצן, אָבער נבואה, איז פאַרט ספּעציפיש ייִדיש. איטלעך פאָלק גרייסט זיך מיט זיינע גרויסע לייט, וואָס ברענגען אַרויס דאָס אינטימע אין פאָלק אויף דער אויי־בערפלאַך, אָבער אַ ר' ישראל סאַלאַנטער — ער מיט זיין מוסר־באַוועגונג איז פאַרט אייגנטימלעך נאָר פאַר ייִדן. יחידים קענען זיין, אָבער אַ באַוועגונג — איך ווייס נישט צי עס איז ערגעץ געווען עפּעס אַזוינס.

די קולטור פון אַ פאָלק איז נישט סטאַטיש, עס איז דאָך ווי אַ שטראָם, האָבן מיר געזאָגט, זי האַלט זיך אין ענדערן, בייטן עלעמענטן, אַנטוויקלען זיך, וואַקסן און איבערגעשטאַלטן זיך. אָבער — אויך ווי אין אַ שטראָם, איז

אויך אין אַ קולטור פון אַ פאָלק פאַראַן עפּעס ווי אַ לאַנגער שנור וואָס ציט זיך פון אָנהייב און רייסט זיך נישט איבער. איך גלייב צו זיין גאָר נישט ווייט פון אמת, ווען איך וועל זאָגן אַז אַט אַזאַ אייביקייט־שנור פון אונדזער געשיכטע, איז דער אַלטער „ישפּוט תבל בצדק”, וואָס ציט זיך ביי אונדז פון אברהם אָבינו מיט זיין תפילה פאַר סדום, דורך אונדזער גאַנצער ליטעראַטור, דורך די טענות פון די נביאים, דורך די אגדות פון תלמוד און ביז פרצעס „בערל שניידער”.

אפשר איז אויך אַזאַ אייביקער שטריך ביי אונדז אָט־דאָס נישט גלייבן אַז מיר מעגן זיין אַנדערש, אַז מיר דאַרפן זיך באַמיִען אונדזער אַנדערשקייט צו פאַרמינערן, אונדזער פאַרלאַנג צו אַנטלויפן פון אונדזער אַנדערשקייט. אָבער דאָס געהערט צו אַן אַנדער טעמע. דאָ ווילן מיר, פאַרקערט, אַרויסהייבן, בולטער מאַכן יאָ אונדזערע אַנדערשקייטן. לכל־הפּחות פאַר זיך אַליין.

אַלץ וואָס לעבט ענדערט זיך, לעבן מיינט ענדערן זיך. ייִדישקייט האַלט זיך כסדר אין ענדערן זיך: „פּושט צורה ולובש צורה”. אָבער אַלע מאָל, אייביק קען ייִדישקייט עקזיסטירן נאָר ווי אַן אייגנטימלעכע פאַרזיכיקע אַנדערשקייט. מיר לעבן אין דער פרעמד, צווישן פעלקער וואָס שטעלן אין זייערע נאָרמעס פאַר זיי, און אָט די פרעמדע נאָרמעס נאָרמירן אויך אונדזער לעבן, אָט די כסדרדיקע און אייביקע צופּאַסונג צו יענעמס נאָרמעס פאַרמינערט תמיד אונדזער פאַרזיכיקייט. אונדזער דראַנג צו וועלן זיין ווי אַנדערע באַמיט זיך אָפּצומעקן אונדזער אַנדערשקייט. איז עס אַ מצווה און אַ חוב פאַר יעדן באַוווסטזיניקן ייִדן, פאַרקערט, קלאָרער און בולטער צו מאַכן יאָ אונדזער אַנדערשקייט. און דער כוללדיקער נאָמען פאַר אַלע אונדזערע אַנדערשקייטן איז — ייִדישקייט. און ייִדישקייט איז תורה, ישראל — ואורייתא איז דאָך איינס. און אויפקלערן, באַווייזן, באַשרייבן אָט די אַנדערשקייטן דאָס איז אונדזער לערנען, דאָס דורש זיין — דור דור ודורשיו.

עס איז אונטערגעגאַנגען אונדזער שטעטל און נישטאָ מער. און עס וועט מער שוין נישט זיין. עס איז אַוועק די גאַנצע תקופה פון שטעטל. און אונדזער גאַנצע קולטור, מיר ווי אַ פאָלק — אַלע און אַלץ קומען מיר פון שטעטל. אַלץ וואָס מיר האָבן אייגנס, פון רעליגיע, פון שטייגער, פון קולטור, פון כאַראַקטער, פון פאָלקלאָר און פון געמיט — אַלץ האָבן מיר פון שטעטל, ווי אַ פאַרזיכיק, אייגנאַרטיק קולטור איינס. ווען מיר שטייען, ווי ביאַליק, פאַר די ספרים־שאַפעס אונדזערע, פאַר די גאַנצע ווענט מיט ספרים, פון די „פאַליאַנטן פון תלמוד” ביז די לעצטע ווערק פון דער חורבן־ליטעראַטור, — שטייען מיר כסדר פאַר דער רייכער ירושה פון שטעטל, דאָס אַלץ האָט געשאַפן דאָס שטעטל, ווי איין לאַנגדויערנדיקער קולטורשטראָם, וואָס איז דורכויס אייגנ־

אַרטיק, אַנדערשדיק, פּאַרזיכטיק; וואָס האָט דורות און יאָרהונדערטער גע־שטראָמט צוזאַמען מיט אַ סך אַנדערע פרעמדע שטראָמען און זיך קיין מאָל ניט צונויפגעגאָסן מיט קיינעם פון זיי.

נישטאָ מער דאָס שטעטל. זיין אונטערגאַנג האָט זיך אָנגעהויבן מיט לאַנגע יאָרצענדליקער צוריק, מיט דעם אָנקום פון דער אורבאַניזאַציע און געענדיקט האָט עס זיך מיט דער ציוויליזירטער רציחה פון טייוול־פעלקער. און מיר — דורות פון איבערגאַנג — שטייען ביי די שוועלן פון דער נייער אורבאַנישער תקופה, ווו מיר מאַכן ערשט די ערשטע שריט. און מיר קומען אַהער נישט מיט ליידיקע הענט, נייערט מיר קומען מיט האַק און פּאַק, מיט דער גאַנצער ירושה פון שטעטל. אַלץ וואָס מיר פאַרמאָגן, אַלץ וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט אין דער נייע תקופה, — אַלץ איז אויפגעטאָן געוואָרן מיט דעם אימפּעט פון שטעטל.

ניין! דאָס שטעטל איז נאָך נישט קיין סתם אַ מאַטעריאַל פון אַנטראָפּאָ־לאָגישער אַרכעאָלאָגיע; נישט קיין אינהאַלט פאַר אָביעקטיווער פאָרשונג פון דעם וואָס עס איז געווען אַמאָל און מער שוין נישטאָ. ניין, דאָס חרובע שטעטל לעבט נאָך אין אונדז, אין אונדזער געמיט און גייסט, אין אונדזער אימפּעט און ענערגיע, אין אונדזערע אימפּולסן, געפילן און געדאַנקען, אין אַלע אונדזערע שאַפונגען, אין די מחשבות און אין מעשים, אַפילו אין דער נייער אייגענער מדינה. אָן דעם שטעטל און זיין ירושה זענען מיר ווי אַ זאָמען וואָס האָט נאָך נישט אַרויסגעשפּראָצט, ווי אַ קינד וואָס איז נאָך נישט געבאָרן געוואָרן.

אָבער צי קענען מיר דאָס שטעטל? אונדזער גאַנצע ליטעראַטור איז פון שטעטל און מיר האָבן נאָך עס לגמרי נישט אויסגעשעפּט. און איך מיין דאָ נישט דאָס מאַטעריעלע שטעטל. איך מיין דאָס שטעטל ווי אַ קולטור, ווי אַ קולטור־שטראָם, כ׳מיין די נשמה פון שטעטל. און איך גלייב, אַז עס איז דער חוב פון אונדז אַלע וואָס קומען פון שטעטל, וואָס דאָס שטעטל לעבט נאָך אין אונדז, אַז מיר מוזן אַט־די גרויסע מיסתורין פון שטעטל פאַרוואַנדלען אין נגלה, פּרובירן עפענען די קלאַמערן און אויפקלערן דעם גרויסן איקס, וואָס לעבט נאָך אין אונדז און וואָס סטימולירט נאָך אונדזער גאַנץ לעבן ווי אַ פאָלק.

צו אָט דער אויפגאַבע וויל אויך די אַרבעט זיין אַ צושטייער.

# תורה אָדער חכמה

תאמר — חכמה בגויים — תאמין
תאמר — תורה בגויים — אל תאמין.
(אַ מדרש)

דער תוך פון אונדזער פאָלק איז ייִדישקייט; ייִדישקייט איז אונדזער תורה. איז טאַקע דער מהות פון אונדזער תורה דער תוך פון אונדזער אַנדערש־קייט. פעלקער גיסן זיך צונויף פון שבטים, פון גרופּעס אויף אַ געמיינזאַמער טעריטאָריע, מיט גוואַלד אָדער אָן גוואַלד, אָבער לענדער שאַפן פעלקער. ייִדן זענען געוואָרן אַ פאָלק אויך פון שבטים אָבער נישט אין אַ לאַנד, נאָר אין דער תורה, מיט דער תורה. זאָגט עס אַ מדרש, אַז ביז דעם מעמד הר סיני זענען ייִדן געווען באַזונדערע שבטים, מיט דער תורה אָבער איז מען געוואָרן איין גאַנצקייט, איין פאָלק (איכה רבתי). אונדזער געשיכטע הייבט זיך אָן גאָר פאַרקערט מיט אַ „לך לך", גיי וואַנדער, וואָס עס איז אָנגעזאָגט געוואָרן שוין דעם ערשטן ייִדן, גיי, קויף זיך קברים. און געוואָרן איז ער אַ ייִד, אַ פאָלק פאַר זיך טאַקע מיט זיין אַנדערשקייט אין פיר, אין שטייגער, אין פאַרמעגן פון לעבן, טאַקע ווייל ער האָט געלעבט און זיך געפירט לויט זיין פאַרזיכיקער תורה (אַ גמרא). און שוין קלאָגט זיך דער ערשטער ייִד, אַז ער איז „גר ותושב אנוכי עמכם" — ער איז דאַכט זיך אַן אַלטגעזעסענער, אַן אַלטער איינוווינער, און דאָך נישט מער ווי אַ גר, אַ פרעמדער, וואָס בויט קברים און צאָלט געלט פאַר זיי... אָנגעהויבן ווי אַ קליינע מינדערהייט, אַנדערש פון אַלעמען, וואָס האַלט זיך ביי זיין אַנדערשקייט אַפילו אין קאַלכאָויוונס. אַזוי דער ערשטער ייִד און אַזוי זיין גאַנצער אָפּשטאַם. „מעשי אָבות סימן לבנים".

פעלקער ווערן געשטאַרקט אין פרייהייט, ייִדן אָבער פאַרקערט: אַריין אין מיצרים איז איין מישפּחה און אַרויס איז אַ פאָלק. אין אייגענעם לאַנד ווערט אָפּגעשוואַכט און כמעט ווי אָפּגעמעקט די גרעסערע ייִדישע מדינה (מלכות ישראל). און ווידער אַמאָל איז דאָס ייִדישע פאָלק געוואָרן אַ פאָלק דווקא אין גלות (בבל) און פון גלות האָט מען געבראַכט די ייִדישקייט אין אייגענעם לאַנד. און עס קומט גאָרנישט גרינג אָן די געקומענע „עליות" צו פאַרפעסטיקן די געבראַכטע ייִדישקייט אויך ביי די געבליבענע אין לאַנד, ביי דעם „עם הארץ". און די גמרא שעמט זיך נישט צו דערציילן אַז נישט איין מאָל איז די תורה (דעם פאָלקס אַנדערשדיקע קולטור) פאַרגעסן געוואָרן אין אייגענעם לאַנד, און אַלע מאָל קומען „עליות" פון בבל און „באַנייען זי". נישט די הײם, נאָר דער גלות בויט ייִדישקייט.

און ווידער איז עס געזאָגט אין דער גמרא, אַז „צוליב דריי זאַכן זענען יידן אויסגעלייזט געוואָרן פון גלות (ד"ה. געבליבן אַ פאָלק), נאָר אַ דאַנק דעם אָפּהיטן דאָס אייגענע לשון, די אייגענע נעמען און די טראַדיציעס. מיר וועלן ווייטער זען, אַז דאָס איז אייגנטלעך טאַקע די תורה, זי האָט איינגעהיט דאָס פאָלק און נישט דאָס לאַנד, נישט די היים. נישט דאָס לאַנד האָט געשאַפן די קולטור — די תורה, נאָר פאַרקערט. אַ פאָלק לעבט לענגער פון אַלע אַנדערע פעלקער, וואָס מיט זיי האָט עס זיך געטראָפן דורך דער לאַנגער געשיכטע, און ביי זיך איז דאָס פאָלק געווען בלויז קוים אפשר אין דריטל פון זיין געשיכטע.

## אָבער וואָס איז עס אַזוינס אָט די תורה?

ווען מען זאָל פרעגן די פראַגע דעם בעסטן גוי, וועט ער וויסן באַלד קלאָר צו ענטפערן: „טאָרא" — דאָס איז די הייליקע שריפט וואָס גאָט האָט געגעבן די יידן פון הימל און גאָט שטראָפט די יידן ווייל זיי היטן זי נישט ווי גאָט האָט זיי געהייסן. בכן, הייסט עס, אַז די תורה דאָס איז פון גאָט געשאַפן, אַ ווערק אַ פאַרטיקע, אויסגעאַרבעטע מאַטעריעלע זאַך, — אין דאָס יידישע פאָלק איז בלויז דער היטער — און אַ שלעכטער היטער — פון גאָטס באַשאַף. די תורה איז אַ פיקסירטע, געענדיקטע, און קיין מענטש קען נישט און טאָר נישט ווערן אַ שותף צו גאָט אין זיין תורה. און אַלץ וואָס יידן האָבן געשאַפן שפּעטער — דאָס איז שוין נישט פון גאָט, און עס טויג טאַקע נישט... די הייליקייט איז, פאַרשטייט זיך, פון גאָט, פון זיין אַרבעט.

גאָר אַנדערש איז דער יידישער באַגריף וועגן דער תורה און דער יידי־שער גלויבן אין איר. זיכער איז די תורה געטלעך, אָבער נישט פיקסירט. זי שאַפט זיך כסדר און זי וואַקסט, זי ווערט אַנטוויקלט אַלץ ווייטער און ווייטער דורך מענטשן מיט זייער געטלעכן גייסט וואָס שאַפט אין זיי. אויך די הייליקייט בכלל קומט פון מענטשן. אַפילו גאָטס הייליקייט שטאַמט אויך פון מענטשן — „והאל הקדוש נקדש בצדקה", וואָס מענטשן טוען. און דער גע־דאַנק ווערט נאָך שטאַרקער אַנטוויקלט אין שפּעטערדיקע תקופות. אויך תורה ווערט געשאַפן כסדר און דווקא דורך מענטשן, וואָס זענען זיך „עוסק" מיט דעם. יידן שאַפן תורה, מען שרייבט תורה, מען זאָגט תורה, מען איז מחדש חידושי תורה, מען דרשנט תורה און מען איז זיך מפלפל אין תורה — אַלץ מענטשן, אַז דער רבונו־של־עולם אַליין האַלט אויך כסדר אין לערנען תורה. אַז עס איז גאָר אוממעגלעך פאַר אַ בית־מדרש אָן תורה, און יידן טאָרן גאָר נישט נעכטיקן דריי נעכט אָן תורה, און רבי עקיבא לערנט תורה, וואָס משה

אַליין פאַרשטייט נישט. און דאָס אַלץ האַלט זיך בסדר אין שאַפן נייעס און פון דאָס ניי דורך מענטשן מיט דער הילף פון גאָטס גייסט וואָס אין זיי. דאָס פאַרשריבענע שוין, דאָס פיקסירטע איז דער גוף פון דער תורה, און ווי יעדער מאַטעריע בלייבט עס. אָבער די תורה מוז לעבן ווי אַלץ דאָס לעבעדיקע. מוז זיך די תורה פאַרמערן און וואַקסן. אַט־די נשמה פון דער תורה — זי לעבט אייביק, ווייל זי איז דער חלק אלוה ממעל. אַ פאָלק איז אַ פאָלק מיט זיין קאָלעקטיוון גייסט און יעדער זון פון פאָלק טראָגט אין זיך אַט־דעם פאָלקישן כאַראַקטער. און פונקט ווי יעדער טראָפּן וואַסער שפּיגלט אָפּ די גאַנצע זון, אַזוי טראָגט אין זיך יעדער זון פון פאָלק זיין גאַנצן פאָלקישן כאַראַקטער אין זיין פאַרקלענערונג, אין זיין צימצום און אין זיין קאָלעקטיווער גאַנצקייט איז דאָס דער גייסט פון פאָלק, אָדער, ווי רנ״ק דריקט זיך אויס: דער „אלוהי האומה״. שפּעטער איז ביי יידן דאָס וואָרט אלוהי פאַרביטן געוואָרן מיט דעם וואָרט שכינה„ וואָס איז ווידער גאָטס גייסט און וואָס האַלט זיך תמיד מיטן פאָלק, אין פאָלק אין אַלע זיינע וואַנדערונגען. און אַט די אַלע אייגנטימלעכע שטריכן און אייגנשאַפטן פון פאָלק, און איבערהויפּט די וואָס זענען נאָך נישט פאַרמולירט, נישט פיקסירט — איבערהויפּט אין זיי איז דאָס געטלעכע פון פאָלק.

און די טרעגער פון אַט־די פאָלקישע כוחות, פון דעם פאָלקישן גייסט, די היטער און טרעגער פון דעם זענען נישט ווי ביי אַנדערע פעלקער די העלדן און די מלכים, די האַרן און הערשער, נאָר די לערער, די אָנפירער און די אָנווייזער ווי זיך צו פירן, ווי צו האַנדלען, די לערער פון אויפפיר, פון שטייגער. און אַז די משנה רעכנט־אויס ווי יידישקייט האָט זיך איבערגעגעבן פון דור צו דור, פון תקופה צו תקופה, נעמט זי אַריין אין חשבון יהושוע, די זקנים, די נביאים, די אנשי כנסת הגדולה. זי דערמאָנט נישט די שופטים, די מלכים, די האַרן, די העלדן, די כוהנים און די שרים. נישט זיי האָבן דאָס אויפגעהיט יידישקייט, די יידישע תורה; די תורה און אירע בסדרדיקע לערנער. די אַנטוויקלונג האָט שוין אויך באַשטעטיקט דער רמב״ם מיט זיין אונטערשיידן „דת אברהם״ און „דת משה״, וואָס איז דאָך ווייטער אַנדערש פון דער יידישקייט פון די נביאים, און נאָך ווייטער — פון דער הלכה־יידישקייט און אַזוי בסדר ביז אונדז. (זען הקדמה פון י. קויפמאַן צום צווייטן באַנד מורה נבוכים, הערה 7).

## תורה יום-טובים

איך ווייס נישט צי עס זענען ביי אַ צווייט פאָלק פאַראַן יום־טובים פאַרבונדן מיט זייער תורה, אויב אַזאַ איז גאָר דאָ ביי עמעצן פון אַלע

פעלקער. אונדזערע צוויי יום־טובים זענען שבועות און שמחת־תורה. ביי־דע זענען מדרבנן. דאָס הייסט, אַז אין דער תורה גופא, אין חומש זענען זיי נישטאָ. אמת, שבועות איז טאַקע יאָ פאַראַן אין דער תורה, אָבער עס איז אין ערגעץ נישט דערמאָנט זיין פאַרבינדונג מיט דער תורה ווי אַזאַ. דער נאָמען פון יום־טוב אין חומש איז חג־הביכורים, אַ ריין אַגריקולטור יום־טוב, אָבער גאָר נישט זמן מתן־תורה. דאָס איז אין חומש נישט דערמאָנט. די פאַר־בינדונג פון דעם יום־טוב שבועות מיט דעם געבן די תורה אויפן באַרג סיני איז איינגעשטעלט אין דער צייט פון תלמוד, צי פון דער כנסת הגדולה אָבער בכל־אופן שוין אין צווייטן בית־המקדש. וועגן שמחת־תורה איז דאָך נישטאָ וואָס צו רעדן — דער גאַנצער יום־טוב איז נישטאָ אין חומש, נישטאָ אויך היינט אין ארץ־ישראל, קיין מאָל נישט געווען. דאָרטן איז סוכות נאָר אַכט טעג און מער נישט. און טאָמער איז דאָס נאָך געווען ביי ייִדן וויניק זיך צו פרייען מיט דער תורה, האָט מען גענומען אַ יום־טוב וואָס איז איינגעשטעלט געוואָרן טאַקע אין צווייטן בית־המקדש (נאָר ביי די פרושים, נישט ביי די צדוקים), די שמחה פון גיסן וואַסער אויפן מזבח (שמחת בית השאבה, אפשר אין פאַר־בינדונג מיטן אָנהייב פון דער רעגן־צייט אין ארץ־ישראל) און מען האָט דעם יום־טוב, וואָס איז נאָכן חורבן פאַרגעסן געוואָרן אַריבערגעטראָגן אויף דער נאַכט פון הושענא רבה און אים ווידער פאַרבונדן מיט דער תורה. זיצן ייִדן אַ גאַנצע נאַכט, מען לערנט און מען זינגט און מען פאַרגעסט אויך נישט צו מאַכן אַ לחיים — אַן אמתער יום־טוב. און די יוגנט, די לערנענדיקע יוגנט מאַכט אויך פאַרמעסטונגען, נישט מיט קיין פילקעס, נאָר מיט אַ תוספות אַ שווערן, מיט אַ רמב״ם, וואָס איז האַרב. און עלטערע ייִדן מיט בערד שטייען און מען קוקט און מען הערט זיך צו ווי „קינדער דערלאַנגען זיך״ און מען קלייבט נחת... ווו פרנסה, ווען פרנסה, — אַבי עס קוועלט די תורה. און אויך משפחה־יום טובים זענען פאַרבונדן מיט דער תורה. פראַוועט מען נישט ביי ייִדן קיין געבוירנטעג... כ׳מיין — וואָס איז דאָ די רבותא צו ווערן מיט אַ יאָר עלטער? אַ קו ווערט דאָך אויך עלטער... פראַוועט מען יאָ אַ יום־טוב פון התחלת חומש, אַ קינד גייט דעם ערשטן טאָג אין חדר לערנען גאָטס תורה. בר־מצווה איז אויך פאַרבונדן טאַקע מיט תורה און דרשה־געשאַנק אויף אַ חתונה איז נישט סתם מתנות נאָר טאַקע געשאַנקען פאַר דער דרשה, וואָס דער חתן האָלט און וואָס זיינע חברים באַמיִען זיך „אָפּצושלאָגן״... אָט אַזוי איז עס אַ גאַנץ לעבן פון אַ ייִדן — מיט דער תורה, אין דער תורה, וועגן דער תורה.

און מען דאַרף געדענקען אַז די פאַרשריבענע, די שוין פיקסירטע תורה — דאָס איז דער גוף פון דער תורה. אַלע ספרים וואָס זענען פאַרשריבן —

זיי זענען ווי די תבואה וואָס איז שוין אין שייער, ווי די פרוכטן פון גאָרטן וואָס זענען שוין אין שפּייכלער. זיי לעבן שוין נאָר ווען זיי פאַרמערן זיך, ווען פון זיי וואַקסט אָן נייע און נייערע תורה. אין דעם איז דאָס לעבן, און תורה דאַרף אויך לעבן, זי איז און דאַרף זיין אַ תורת חיים. און לעבן מיינט וואַקסן, גרעסער ווערן, זיך פאַרמערן. האָט מען גאַנץ איינפאַך מינימיזירט דעם ווערט פון דעם אַמאָליקן מתן־תורה אויפן באַרג סיני. דער באַרג גופא, דער סיני אַליין איז שוין מער נישט הייליק, ווארום „נסתלקה שכינתו נסתלקה — איז באַלד — נסתלקה קדושתו" — איז שוין די תורה געגעבן געוואָרן דאָרטן, איז שוין דער באַרג מער נישט הייליק (תענית, כ"א, ב'). זאָלן דאָרט די וואָס האַלטן פון מאַטעריעלע הייליקייטן, זאָלן זיי דאָרטן בויען קלויסטערס. פאַר יידן איז הייליק נאָר די תורה וואָס האַלט כסדר אין וואַקסן, דערפאַר איז אַ „סיני" — דער ייד וואָס שאַפט כסדר נייע תורות, נייע אידעען און נייע גע־דאַנקען אין דער תורה, דער וואָס איז מחדש חידושים אין דער תורה. במה דברים אמורים? ווען איז עס גערעדט געוואָרן? — נאָר ווען זיי, די נייע תורות זענען „הלכה למשה מסיני" — אַנגעוואַקסן פון דער אַלטער יידישער טראַדיציע. מעגן זיי זיין שוין זייער ווייט אַוועק פון די דירעקטע משהס ווער־טער. מעג אַפילו משה אַליין זיי שוין מער נישט פאַרשטיין, אָבער אַלע מאָל מוז די תורה זיין אָן אָפּשטאַם למשה מסיני. מען רופט עס היינט טראַדיציע און המשך. עס דאַרף אָבער נישט זיין פּונקט דאָס זעלביקע, פּונקט אַזוי ווי משה האָט עס געגעבן. אַ זאַך וואָס ענדערט זיך נישט, קען זיין הייליק, אָבער קיין לעבן האָט עס שוין נישט מער. אַזאַ תורה, אַזאַ הייליקייט קען פּאַסן פאַר אַנדערע, אָבער נישט פאַר יידן.

כדי בעסער קלאָר צו מאַכן דעם באַגריף תורה, וועלן מיר זיך אָפּשטעלן אויף דעם וואָס די תורה איז נישט. קודם־כל וועלן מיר זאָגן, אַז תורה איז נישט קיין וויסנשאַפט. פאַר וויסנשאַפטן האָבן יידן גאָר לכתחילה נישט געהאַט קיין נאָמען. שפּעטער איז אויפגעקומען דאָס וואָרט „חכמה" אין זינען פון וויסנשאַפט. נאָך שפּעטער איז אויפגעקומען אַ ניי וואָרט „מדע", וואָס קומט שוין, אמת, אין די לעצטע ספרים פון תנ"ך, אָבער עס ווערט גאָר ווייניק גענוצט ביי יידן, גלייך ווי די אינהאַלטן וואָס דאָס וואָרט באַטייט. ערשט אין מיטלעלטער איז דאָס וואָרט „מדע" טיפער אַריינגעדרונגען אין יידישן לעבן. אָבער צו תורה האָט עס נישט קיין שייכות. און ריכטיק איז עס באַצייכנט אין תלמוד: חכמה ביי גוים — דאָס יאָ, אדרבא, אָבער נישט תורה דאָס איז נישט אַריין אין באַנוץ פון גוים. שפּעטער, אויך אין מיטלעלטער, האָט עס נאָך שטרענגער אונטערגעשטראָכן רבי יהודה הלוי, וואָס איז אַליין, אגב, געווען גאַנץ טיף אין וויסנשאַפטן ווי אַ דאָקטער און אַ פילאָסאָף. ער שרייבט אין אַ

ליד: „זאָל דיך נישט פאַרפירן די גריכישע חכמה, ווייל זי האָט נאָר בלומען און נישט קיין פרוכט". דאָ איז נישט סתם אַ נעגאַציע, אַ האַס צו וויסנשאַפטן ווי צו אַ פרעמדער זאַך, ניין, דאָ איז אַ מאָטיווירטע מיינונג — די בלומען פון וויסנשאַפט זענען טאַקע גאַנץ שיינע, אָבער מען דאַרף זוכן נישט נאָר בלומען, מען דאַרף שטרעבן צו פרוכט. וואָס ר' יהודה הלוי האָט געמיינט מיט דעם וואָרט „פרוכט" דערקלערט ער נישט. אָבער מען קען אָננעמען, אַז דאָ האָט ער געמיינט די השפעה פון דער גייסטיקער אַקטיווקייט אויף דעם אויפפיר פון מענטשן, אויף זיין כאַראַקטער. דאָס דערקלערט ער אָבער אין זיין פילאָסאָפישן ווערק אין דעם „ספר הכוזרי". דאָרטן שרייבט ער קלאָר (כדי צו שפּאָרן אָרט וועל איך גלייך ציטירן אין ייִדיש): „עס איז ווייט צווישן דעם מאַן פון תורה און דעם פילאָסאָף. דער בעל התורה זוכט גרויס נוצן, נישט סתם דאָס וויסן. דער פילאָסאָף אָבער, זוכט נאָר מען זאָל אים לויבן פאַר זיין וויסן" (מאמר ד', סעיף י"ג; זען אויך סעיף י"ט און סעיף ט"ז אין זעל־ביקן מאמר ד'). דעם מענטשן מאַכט די וויסנשאַפט נישט אַנדערש, זי ענדערט נישט זיין אויפפיר, זיין האַנדלען. בעת תורה מיינט עס דווקא יאָ. די אַלע שיינקייטן און אַלע חכמות זענען פאַר דעם מענטשן, צו מאַכן פאַר אים גרינגער, באַקוועמער, בעסער, שענער, אָבער זיי זענען נישט אין אים, אין זיין נשמה, אין זיין כאַראַקטער. דערפאַר איז ביי ייִדן אַזאַ קאַלטע באַציונג צו די חכמות „חיצוניות" — דרויסנדיקע, בעת די תורה איז אינעווייניק, ווי עס שטייט „תורתי בתוך מעיי", אין דעם מאַרך פון די ביינער דאַרף זי אַריינ־דרינגען, אין אַלע ווינקעלעך פון דער נשמה. אַזוי איז עס און אַנדערש האָט עס אויך נישט געקאָנט זיין ביי אַ פאָלק, וואָס איז אַלע מאָל, כמעט אַלע מאָל, אַ „גר ותושב" — הייַנט דאָ, און מאָרגן — ווער ווייסט ווו? ווו קען ביי אַזאַ פאָלק זיין אַן אָרט פאַר קונסטן, פאַר מאַטעריעלע רייכטימער, פאַר מוזייען?... אַזאַ פאָלק דאַרף זיין גאַנצע ירושה טראָגן נישט מיט זיך, נאָר אין זיך. דער־פאַר איז די תורה — דער ספּעציפישער ייִדישער אינהאַלט דורך און דורך פּנימיות, נישט חיצוניות... גייט אַזוי דער אַלטער ישראל סבא (דער גרייז־גרויער ר' ישראל) מיט זיינע פּעקלעך, מיט זיינע צרות, איבער דער גאָרער וועלט, דורך אַלע פעלקער און דורות, אָבער אויך מיט זיין גייסטיקן פאַר־מעגן אין זיך, מיט דער תורה, וואָס האַלט אַלץ אין ענדערן זיך, אין בייטן זיך, אין פושט צורה ולובש צורה, ווייל דברי תורה פּרין ורבין... איז תורה נישט וויסנשאַפט, נישט קונסטן. אָבער תורה איז אויך נישט אידענטיש דווקא מיט די שיין אויסגעפוצטע ספרי־תורות אין אַ שיין געפוצטן און געצאַצקעטן אָרון־קודש. נישט מיט איר פאַרנעמען זיך אַזוי שטאַרק ייִדן, נישט דאָס מיינט מען ווען מען רעדט וועגן לערנען תורה, דאָס לערנט מען מיט קליינע קינדער אין

חדר. אָבער ווען מען רעדט וועגן יידיש פאָלק און תורה, איז עס ווידער עפּעס אַנדערש. אַז מען זאָגט תורה לערנען, מיינט מען עס בדרך־כלל אַלץ שאַפּונגען וואָס זענען געקומען שפּעטער, נאָך דער תורה שבכתב, מען מיינט מיט דעם וואָרט דעם תלמוד און בכלל אַלץ וואָס עס האָט זיך געשאַפן אין יידישקייט אַרום דעם תלמוד. אויב „יידישקייט" איז כולל די יידישע אידעען און געדאַנקען, די יידישע מחשבה און שטייגער, — איז תורה אידענטיש מיט יידישקייט. ווי עס איז אָנגענומען פון זוהר אָן, אַז ישראל־יידישקייט און אורייתא — די תורה איז איינס. די תורה איז הייליק מיינט עס אַז יידישקייט איז הייליק, גאָר די יידישקייט, יידישקייט אין מחשבה און אין מעשה, אין לעבן און אין אידעען, אַלץ וואָס עס שיידט־אָפּ דאָס יידישע פאָלק פון אַלע אַנדערע פעלקער אַרום. אַלץ אין וואָס אָט־די אַנדערשקייט ווייזט זיך אַרויס און וואָס עס ווערט אָפּגעהיט לשם יידישקייט — אל דאָס איז תורה. און הייליק איז עס בקדושת העם, ווייל עס איז יידישקייט, פון פאָלק, ווייל הייליקייט איז נישט מן השמים, נישט עפּעס פון הימל, נאָר דווקא ווייל פון פאָלק, פון דעם פאָלקס אייגנטימלעכקייט און אַנדערשקייט. און דאָס וואָרט „הייליק" מיינט אַז עס דאַרף זיין ליב און טייער. ליב־טייער־הייליק זענען מדרגות פון איין קאַטעגאָריע ווי אַ פאָלק דאַרף זיך באַציִען צו זיין פאָלקישער אייגנטימלעכקייט, צו זיין פאָלקישן אייגנס. דאָס אייגענע, פון דורות, די הלכה למשה מסיני איז ליב. דאָס ליבסטע איז טייער, דאָס טייערסטע איז הייליק.

## יידישקייט, תורה, רעליגיע, קולטור

ביז דער השכלה האָבן יידן נישט גענוצט דאָס וואָרט רעליגיע; מען האָט עס נישט געוווּסט. מען האָט גערעדט וועגן יידישקייט, וועגן יהדות, אָבער נישט דאָס וואָרט רעליגיע. און גענומען האָט מען דאָס וואָרט ביי אַנדערע פעלקער. ביי זיי זענען פאַראַן צוויי מקורים פאַר זייער קולטור, ביי אַלע פעלקער. וואָס צווישן זיי לעבן מיר. איטלעך פאָלק האָט זיך זיין פאָלקישן נאַציאָנאַלן מקור פון קולטור, פון שטייגער און אידעען, פון געמיט און אויפפיר. און אַחוץ אָט־דעם נאַציאָנאַלן מקור האָבן פעלקער נאָך אַ צווייטן מקור וואָס קומט פון יידישן גליל אָדער פון מדבר יהודה. ווי די צוויי שטראָמען פון צוויי באַזונדערע און גאַנץ ווייטע קוואַלן גיסן זיך צונויף און צי זיי גיסן זיך יאָ צונויף אָדער נישט — דאָס איז נישט אונדזער דאגה דאָ, אָבער זיי דאַרפן האָבן צוויי באַזונדערע ווערטער: זייער קולטור איז באַזונדער און זייער רעליגיע איז ווידער באַזונדער. קענען זיין עטלעכע צענדליק באַזונדערע און פאַרשיידענע פּראָטעסטאַנטישע קירכעס, און אַלע זייערע אָנהענגערס געהערן צו

איין פאָלק מיט איין קולטור. און פאַרקערט, קענען זיין גאַנץ פאַרשיידענע און ווייטע פעלקער מיט גאָר פאַרשיידענע קולטורן, טראַדיציעס און שטייגערן, און זיי אַלע קענען האָבן איין רעליגיע. זענען דאָך פּאָליאַקן, איטאַליענער און מעקסיקאַנער — אַלע אָנהענגער פון איין קאַטוילישער רעליגיע. אַנדערש איז ביי אונדז: איין מקור, איין אָפּשטאַם פאַר אונדזער גאַנצער קולטור, ווי פאַרשיידנאַרטיק זי זאָל נישט זיין. גאָר אונדזער אַנדערשדיקע ייִדישקייט, ווי עס איז דערגאַנגען ביז אונדז, אָט די גאַנצע „הלכה למשה מסיני" אין איר הליכה — אין איר אַנטוויקלונג — דאָס איז און דאָס דאַרף זיין אונדזער רעליגיע, אונדזער תורה. אַזוי אַרום איז ייִדישקייט און תורה און רעליגיע — אַלץ איינס ביי אונדז און אַזוי דאַרף עס זיין פאַר אונדז. ווידער אַמאָל ווי די קבלה לערנט עס, אַז ישראל ואורייתא — ייִדיש פאָלק און תורה איז איינס.

און קולטור? קולטור, זאָגט אַן אַנטראָפּאָלאָג, פאַרבינדט דורות. געוויקסן, שרייבט ער, פאַרבינדן כעמישע עלעמענטן (ווי באַקאַנט זענען די גרינע געוויקסן די איינציקע לאַבאָראַטאָריע וואָס שאַפט אָרגאַנישע שטאָפן פון אומאָרגאַנישע); חיות, שרייבט ער ווייטער, פאַרבינדן שטחים, מרחקים און קולטור פאַרבינדט צייטן. קולטור — דאָס איז דער סכום אוראַלטע קאָלעקטיווע געוווינהייטן, פּירונגען, מנהגים, שטייגער און לשון. יעדע קולטור ציט איר אָפּשטאַם פון אוראַלטער פאַרגאַנגענהייט; קולטור איז עלטער פון אונדזער קאָלעקטיוון פאָלקישן זכרון. קיין פאָלק געדענקט נישט פון וואַנען זיין קולטור און זיין שטייגער האָבן זיך גענומען און ווי זיי האָבן זיך אין משך פון אומצאָליקע דורות טראַנספאָרמירט און אַנטוויקלט. אָן אָט דעם טראַדיציאָנעלן אינהאַלט איז נישטאָ קיין פאָלק. דאָס איז קולטור און דאָס איז דאָך ייִדישקייט. רעליגיע און קולטור זענען ביי אונדז איינס און דאָס זעלביקע. אַנדערע פעלקער היטן אָפּ זייערע טראַדיציעס נאַטירלעך, אָן קיינע אָנזאָגן, פאַרזאָגן און צוזאָגן. איבעריקנס, איז עס פאַר זיי אַ סך גרינגער — די טעריטאָריע, דאָס לאַנד, די מדינה מיט איר רעגירונג זאָרגט פאַר דער אָפּהיטונג פון די טראַדיציעס און שטייגער. אַנדערש איז עס ביי אונדז, ביי אַ פאָלק וואָס איז צעזייט און צעשפּרייט צווישן אַן אַ שיעור פעלקער, צווישן אַלערליי הערשנדיקע קולטורן און שטייגערן. דאָ זענען געקומען אַ סך סיגים (קמץ יוד) און פאַר אַלץ איז געקומען דער צוזאָג אַז גאָט וועט צאָלן. שכר ועונש איז אַן אַלטער גלויבן ביי ייִדן. שווער צו זיין אַ ייִד, האָט דער גלויבן אין פּערזענלעכן שכר ועונש געהאָלפן. און ווידער האָט עס די קבלה צו די צוויי שותפים, דעם אידענטישן צווילינג ישראל ואורייתא צוגעגעבן נאָך אַ דריטן, עס האָט זיך באַקומען די פאָרמול „ישראל ואורייתא און קודשא בריך הוא" (די געבענטשטע הייליקייט, געמיינט גאָט) זענען איינס.

אָבער דווקא דאָ מאַכן אַלע ריכטונגען ביי אונדז אַ טראַגישן פעלער: מען וויל נישט אָנערקענען די אידענטישקייט פון אַלע פיר פאַרשיידענע טער־מינען — ייִדישקייט, תורה, קולטור און רעליגיע. די אָרטאָדאָקסן זאָגן זיך אָפּ אויפצונעמען אַל די ייִדישע קולטור וואָס טראָגט נישט קיין רעליגיעזע באַפאַרבונג. עד כאן און ווייטער ווילן זיי נישט. אָבער ייִדישקייט, ייִדישע קולטור האָט זיך אין די לעצטע פּאָר דורות שטאַרק צעוואַקסן מיט אַ ברכה און אויך אָן אַ ברכה. ווילן זיי עס נישט אָננעמען, נישט אָנערקענען. אַזוי ווי די פרומע צדוקים פאַרצייטנס, אַזוי זאָגן זיך אויך די היינטיקע פרומע אָפּ אָנצונעמען די גאַנצע היינטיקע תורה שבעל פה. זענען דאָס גאָר אַמאָל געווען די צדוקים, שפּעטער זענען אויף דעם וועג געגאַנגען די קאַראַימער און איצט גייען אויף דעם זעלביקן וועג דווקא די אָרטאָדאָקסן, די פרומע, וואָס האַלטן זיך פאַר די עכטע יורשים פון די פרושים. אויף זיי קומט אויס איבערצופראַזירן אַ תלמודישן אויסדרוק. עס קומט אויס „עושה מעשי צדוקים ומבקשים שכר כפרושים".

און פון דער צווייטער זייט קומען די וועלטלעכע ייִדן און וואַרפן פון זיך אַראָפּ אַלץ פון ייִדישן שטייגער וואָס איז, חלילה, פאַרשריבן אין שולחן־ערוך, אַלץ וואָס קען אויסגעטייטשט ווערן ווי רעליגיע. פונקט ווי די רעליגיעזע ווילן נישט פאַרהייליקן די וועלטלעכע קולטור־שאַפונגען, אַזוי ווילן נישט די וועלטלעכע האַלטן פון דער גאַנצער רעליגיעזער ייִדישקייט. קוים טראָגט עס אַ רעליגיעזן שטעמפּל איז עס שוין גענוג אָפּצוּוואַרפן. עס איז „מוקצה מחמת רעליגיע". עס איז באמת גערעדט אַ חרפּה ווען נאַציאָנאַלע, געטרייע ייִדן שטעלן זיך איין מיט היץ און מיט אַ ברען פאַר האָדעווען חזירים אין ייִדישע קיבוצים. און נישט נאָר מחמת דעם פאַרבאָט אין דער תורה, נאָר מחמת דעם דרך־ארץ צו אַלע דורות ייִדישקייט, און ייִדישע קולטור, ייִדישער שטייגער איז דאָך מסתמא ווי אומעטום פריִער פאַר דעם פאַרבאָט. עס פּאַרט זיך נישט קיין חזיר מיט וועלטלעכער ייִדישקייט — נישט מער ווי מיט רעליגיע. און אין שכנות מיט די ייִדן לעבן אַראַבער וואָס קעמפן נישט פאַר חזירים, ווייל אַזוי איז זייער טראַדיציע... נאָר ביי ייִדן איז נאָך געבליבן די „מצווה" צו קעמפן קעגן רעליגיע, צו גלייבן, אַז קולטור און רעליגיע זענען קעגנזאַצן. אָט אַזוי האָבן מיר אָפּוואַרפערס פון ביידע זייטן. די ווילן קאָנסערווירן דעם נעכטן, אָן אַ בריעקל צוגאָב און די וואַרפן־אָפּ דעם גאַנצן נעכטן. אָט אַזאַ געפיל, אַן ענלעכער געפיל האָט געבראַכט אַמאָל דעם נביא ירמיהו צו געבן די ייִדן פון זיין צייט אַ טראַגישן ביישפּיל: אָט זעט, האָט ער געטענהט — די בני רכב היטן אָפּ זייער אוראַלטע טראַדיציע און זיי ווילן נישט האַלטן פון אַגריקולטור, ווייל זי איז אַ נייעס, ווייל זייערע אורעלטערן האָבן געפירט אַ נאָמאַדן־שטייגער

און זיי ווילן גיין אין די דרכים פון זייער טראַדיציע. און איר ייִדן, האָט געד־טענהט דער צעוויטיקטער נביא, איר וואַרפט אַוועק אייער אייגענע קולטור וואָס קוועלט ווי אַ לעבעדיקער קוואַל און איר גייט זוכן צעבראָכענע גריבער אָנצופילן זיי מיט פרעמד וואַסער... און דאָס זעלביקע חזרט זיך איבער אין אַלע דורות, אויך איצט: ווילן די פרומע נישט אָנערקענען קיין נאַציאָנאַלע טייערקייט (אָדער הייליקייט) פון קיינע וועלטלעכע שאַפונגען און אַזוי אויך פאַרקערט. טרעפט שוין צו אָפט אַז די האַלטן זיך ביי „תורות", וואָס האָבן קיין שום ווערט נישט און יענע ווילן זיך איינרעדן אַז דאָס ייִדישע פאָלק איז ערשט נעכטן געבאָרן געוואָרן. די באַנעמען נישט, אַז אַלדאָס רעליגיעזע איז לכתחילה, פון אָנהייב געווען וועלטלעך, פאָלקיש פשוט, און איז פאַרהייליקט געוואָרן ערשט שפּעטער און די אַנדערע ווילן בשום־אופן נישט „מטמא זיין" זיך מיט עפּעס פון דער ייִדישער קולטור־טראַדיציע, וואָס איז פאַרהייליקט געוואָרן אויך רעליגיעז. דאָס איז אין די שפּיצן פון פאָלק, און דאָס גאַנצע פאָלק, דער שטאָם פון פאָלק — ער באַמיט זיך לגמרי נישט צו וויסן, דרייט אים בכלל נישט קיין מוח. איז עס טראַגיש צו הערן אַז אַ סך דענקענדיקע ייִדן מיינען אַז מען קען פאַרבינדן נאַציאָנאַלע ייִדישקייט מיט קאַטוילישער רעליגיע (די מעשה מיט דעם „ברודער דניאל"). עס איז פאַלש און נישט דורכ־געטראַכט די אַמאַליקע פאָרמול „ייִדן פון אַלע רעליגיעס", וואָס איז געווען גאַנגבאַר אין אָנהייב פון היינטיקן יאָרהונדערט. און דאָס איז אוממעגלעך, נישט צוליב די אָדער אַנדערע עיקרים, נאָר פשוט ווייל ייִדישקייט און רע־ליגיע און תורה און קולטור איז אַלץ איינס. דאָס עלטערע איז פאַרהייליקט, דאָס ייִנגערע דאַרף נאָך פאַרהייליקט ווערן.

אין דעם איז אויך געווען דער טראַגישער טעות פון דער השכלה, וואָס האָט געוואָלט אַ ייִדישקייט אָן שטייגער, אָן מצוות און עבירות, אַ ייִדישקייט וואָס זאָל זיין נאָר אַן „אמונה צרופה", אַ רעליגיע וואָס באַשטייט פון אַ צאָל קרעדאָס און מער נישט, אַ רעליגיע וואָס האָט נישט צו טאָן מיט דעם שטייגער לעבן, מיט דעם אויפפיר, מיט דער גאַנצער שטייגער־קולטור. זיי האָבן געוואָלט צעררייסן די איינהייט און גאַנצקייט פון דעם פירלינג־ייִדישקייט, תורה, קול־טור און רעליגיע. און דאָס האָט געבראַכט צו עקרה־ישקייט פון דער השכלה, זי איז געבליבן אָן יורשים. און די קינדער פון די משכילים קען מען גיכער געפינען צווישן די משומדים איידער צווישן ייִדן. ניין, עס איז אוממעגלעך אויך וועלטלעכע ייִדישקייט אָן מצוות מעשיות, אָן געבאָטן, אָן פּרינציפּן, פון „איך טו אַזוי, איך פיר זיך אַזוי, ווייל איך בין אַ ייִד". אַוודאי איז ייִדישקייט אָן אמונה, אָבער דאָס וואָרט אמונה מיינט נישט דווקא גלויבן, עס מיינט אויך געטרייקייט. דאַרף אַ וועלטלעכער ייִד זיין געטריי דער היסטאָרישער ייִדיש־

קייט, דער פאַרהייליקטער רעליגיעז נישט וויניקער. און עס דאַרף אַ רעליגיעזער ייִד אויך אַזוי אָנערקענען די וויכטיקייט, די טייערקייט און טאַקע אויך הייליקייט פון דער אָנגעוואָקסענער נייער קולטור, אויף וויפל זי איז דורכגעזאַפּט מיט ייִדישן גייסט, אויף וויפל זי איז אַ היינטיקע טראַנספאָרמאַציע פון פריִערדיקער ייִדישקייט, אויף וויפל זי קען אַרונטערגיין אונטער דעם כּלל פון למשה מסיני הן צי עס איז הלכה, אָנווייזונגען צום אויפפיר און הן צי עס איז אגדה־ריינע ליטעראַטור. אַזוי אַרום דאַרפן זיך צונויפקומען די וועלטלעכע ייִדן מיט די רעליגיעזע, וואָס ציִען ביידע איין שטריק, נאָר פון די פאַרקערטע עקן. דאָס איז דער זינען פון אינטעגראַלער ייִדישקייט: די שטריק איז איינע. וועגן דער גאַנצקייט און איינהייט פון קודש און חול, פון הייליקער ייִדישקייט און וועלטלעכער, האָט אויך געשריבן אַ סך הרב א. י. הכּוהן קוק ז״ל אין זיין „אורות הקודש״.

אַוודאי איז ייִדישקייט אַ פּראָצעס וואָס ענדערט זיך, האָבן דאָס דאָך נאָך אונדזערע פאַרצייטיקע געזאָגט, אַז ייִדישקייט איז פּושט צורה ולובש צורה. ייִדישקייט, פאַרקערט, טאָר נישט שטיין אויף איין אָרט, טאָר נישט באַלזאַמירט ווערן, פאַרגליווערט ווערן. צוויי פּרינציפּן מוזן אָבער תּמיד זיין דערביי, ביי אַלע ענדערונגען — עס מוז זיין אַנדערש, נישט ווי ביי די שכנים אַרום און עס מוז זיין הלכה למשה, עס מוז אַרויסוואַקסן פון דער פריִערדיקער ייִדישקייט. און אַלץ וואָס איז אַנדערשדיק, ייִדישלעך אַנדערש, פאַרזיכיק — אַלדאָס איז פאַר אונדז הייליק בקדושת־העם. איך קוק זיך צו מיט וואָס פאַר אַן עקשנות די פרומע ווילן נישט וויסן פון דער גאָרער וועלטלעכער ייִדישער קולטור, — און עס נעמט אַן אַ ווייטיק, אַ פאַרדרוס: ווו איז דאָס געהערט געוואָרן, ווו איז עס געזען געוואָרן אַז רעליגיעזע מענטשן זאָלן אַזוי מבטל זיין אַלץ אין פאָלק וואָס איז נישט רעליגיעז. און פאַרקערט, דאָס זעלביקע. אָט דאָס קעגנזייטיקע נישט פאַרשטיין און נישט וועלן פאַרשטיין, דער האַס און ביטול פון איין ריכטונג צו דער צווייטער איז אויך ביי אונדז אַן אַלטע, אוראַלטע טראַדיציע, צום באַדויערן. און אָט די מידה האָט אונדז געבראַכט אַ סך צרות, זי האָט געשפּאָלטן דאָס פאָלק און האָט געבראַכט נישט איין מאָל ברודער מלחמות און דערנענטערט דעם חורבן איין מאָל און נאָך מער אַ צווייט מאָל. נישט אַלע טראַדיציעס זענען געזונטע. נישט אומזיסט בעטן ייִדן וועגן שלום על ישראל און נאָך מער דאַרף מען בעטן אויף שלום בישראל... דערוויילאיידער אָט דער שלום בישראל וועט מקוים ווערן איז עס אַ טראַגישע צעשפּאָלטונג. פון איין זייט — נאָר דאָס אַלטע פון געוועזענעם לעבן, פון חרובן שטעטל, און פון דער צווייטער זייט — גאָר נישט פון דעם געוועזענעם, פריִערדיקן. גיי בוי אַ גאַנץ פאָלק! דער באַגריף פאָלק האָט צוויי זייטן —

דעם אינהאַלט און דעם פּאַרנעם. דער אינהאַלט מיינט אַלע סימנים וואָס עס פאַרמאָגן אַלע איינסן וואָס געהערן צום באַגריף, וואָס שאַפן זיין פאַרנעם. איז כל־זמן מיר האָבן אַ סכום ייִדן מיט געמיינזאַמען אינהאַלט פון ייִדישקייט, האָבן מיר אַ ייִדיש פאָלק — קלענער אָדער גרעסער, אָבער אָט דאָס איז דאָס ייִדישע פאָלק. און דער אינהאַלט איז נישט בלויז אין אַ סכום קרעדאָס, פּרינ־ציפּן, נאָר אומבאַדינגט אויך אין עלעמענטן פון אויפפיר און שטייגער. איז נישטאָ קיין איינהייטלעכער אינהאַלט אין לעבן און אין דענקען פון ייִדן, איז חלילה אויס מיטן ייִדישן פאָלק.

און ווען איך קוק זיך צו מיט וואָס פאַר אַ ציטער און האַס אַ וועלטלעכער ייִד נעמט אויף איין וואָרט „שטעטל״, ווערט מיר קאַלט. „וואָס, ווייטער אין געטאָ?!״... און אָט די וועלטלעכע וואָס האַלטן זיך פאַר זייער אינטעליגענטע פאַרשטייען נישט און ווילן נישט פאַרשטיין דעם פשוטן אונטערשייד צווישן געטאָ און היים. היים איז דאָך אויך אַן אָפּזונדערונג, פאַר זיך, אָפּגעטיילט פון אַלע אַנדערע. אייגנטלעך איז דאָך אויך די מדינת־ישראל איין גרויסע געטאָ אָפּגעזונדערט פאַר זיך. און הלוואי וואָלטן מיר געהאַט אַ סך אַזוינע קליינע „געטאָס״ אין אַלע ווינקעלעך פון דער וועלט, אומעטום ווו מען וואָלט אונדז געלאָזן. געטאָ, אָדער תפיסה איז פאַרקערט ווו מען פאַרשפאַרט מיך קעגן מיין ווילן, געצוווּנגען, ווו אַנדערע פירן אָן מיט מיין אָפּגעשלאָסנקייט. יעדער פּריוואַטע היים איז אַן אָפּזונדערונג, אָפּגעשלאָסנקייט, אָבער ווי איך וויל, ווי איך האָב ליב, און ווי עס איז מיין שטייגער. איז דאָס שטעטל געווען פאַר אונדז נישט קיין געטאָ, נאָר אַ היים, אַן אָרעמע היים, אַ קליינע, אָבער אַ היים. די שרעק וואָס וועלטלעכע ייִדן דערשרעקן זיך פאַרן וואָרט שטעטל, שטאַמט גאָר פון דעם פאַרלאַנג צו אַנטלויפן פון זיך, פון דעם נישט וועלן קיין אייגענע היים, קיין ייִדישע היים. מיר מיינען צו זאָגן, אַז דאָס שטעטל איז געווען פאַר אונדז אַן אויטאָנאָמע היים. עס קען זיך איצט נישט איבערחזרן צוליב אַ סך סאָציאַלע פאַקטאָרן; מיר לעבן אין אַ נייער אורבאַנישער תקופה, און דאָס שטעטל וועט זיך נישט איבערחזרן. אָבער אַ נאָרמאַל פאָלק וואָלט זיך באַמיט אויך אין די היינטיקע באַדינגונגען צו שאַפן עטוואָס אויטאָנאָם, פאַרזיכיקס אַזוי ווי דאָס שטעטל איז געווען בשעתה. דאָס און נאָך עפּעס —

פונקט אַזוי ווי דער תלמוד האָט אויף אַלע נייע אין זיין צייט איינפירונ־גען געזוכט צו געפינען דעם „מן התורה מנין״ — ווי שטאַמט דאָס נייע פון דעם אַלטן? ווי די נייע תקופה מיט אירע עלעמענטן קומט אַרויס פון דער פריערדיקער, פונקט אַזוי דאַרפן מיר אין דער היינטיקער אורבאַניש־וועלט־לעכער תקופה כסדר זוכן דעם „מן השטעטל מנין״? ווי דאָס נייע קומט אַרויס פון דעם אַלטן, דאָס אורבאַנישע פון דעם שטעטלשן, דאָס וועלטלעכע פון דעם

רעליגיעזן, דער היינט פון דעם נעכטן. און פאַרקערט איז מיר דאָ אַנומלט אויסגעקומען צו ציטירן פאַר אַ פרומען ייִדן עפּעס פון ביאַליקן, האָט ער מיר געגעבן אַזאַ שמייכל, ווי ער וואָלט געוואָלט זאָגן: אויף וואָס אַ ייִד פאַררופט זיך... דאָס איז איינע פון די טראַדיציעס וואָס מען דאַרף נישט אָפּהיטן — אָט דער דראַנג זיך צו שפּאַלטן און ברעקלען, אָט דער אומדרך־ארץ פון איין ריכטונג צו דער צווייטער. ייִדישקייט — אין איר גאַנצקייט, מיט אַלע אירע שאַפונגען, אויף וויפל זיי שפּיגלען אָפּ אונדזערע ייִדישע, פאָלקישע אַנדערש־קייט און אויף וויפל זיי ציִען זייער מקור פון אונדזער ייִדישן נעכטן, אויף וויפל זיי זענען נישט קיין פּשוטע נאָכמאַכונג און נאָכאַנונג.

## תורה איז די היים פון ייִדן

אַזוי האָט אונדזער פאָלק געלעבט אַ גרעסערע העלפט פון זיין געשיכטע אָן אַ מאַטעריעלער, טעריטאָריעלער היים. צי גוט אָדער נישט, אָבער דער פאַקט איז אַזוי. האָט זיך דאָס פאָלק איינגעלעבט אויך מיט אַמאַטעריעלע באַ־גריפן. האָט דאָס ייִדישע פאָלק זיך אַריינגעלעבט און איינגעלעבט אויך אין אַ היים, וואָס איז דורך און דורך נישט מאַטעריעל. און אָט די היים איז די תורה. ייִדן האָבן בפועל ממש געלעבט נישט מיט דער תורה, נאָר גאָר פּשוט אין דער תורה. געוועזן ביי ייִדן אַן אויסדרוק „באהלי תורה" — אַ מענטש לעבט אין די געצעלטן פון דער תורה, ער איז זיך „ממית באהלי תורה", לעבן און שטאַרבן. ווייזט אויס, אַז ווען אָט־דער אויסדרוק איז געשאַפן געוואָרן, איז עס ביי ייִדן נישט געווען בלויז אַ מעטאַפאַר, בלויז אַ אַ שיינער אויסדרוק, עס איז געווען דיווירקלעכקייט. די תורה איז דער עיר־מיקלט, וואָס אַהין אַנטלויפט אַ ייִד פון זיינע פּריוואַטע אַזוי אויך פון אַלגעמיינע צרות, מען באַהאַלט זיך באהלי תורה. פעלקער לעבן אין לענדער. צעשניטן די ערד אויף שטיקער — מיינע, דיינע און מען דינט די לענדער ווי צו געטער. פאָטערלאַנד איז דאָס העכסטע נאַציאָנאַלע אייגנטום, נישטאָ קיין סוף צו די קרבנות וואָס פעלקער ברענגען צו אָט־דעם מאָדערנעם גאָט. אַנדערש איז ביי ייִדן: היים איז נישט דאָס לאַנד, נישט די ערד, נישט די זאַמדן און שטיינער, די טייכן און בערג. היים איז מער אַ צייט־באַגריף. דאָרטן ווו איך פיל זיך „ביי זיך", ווען איך פיל זיך „ביי זיך" דאָרטן און דעמאָלט בין איך אין דער היים. האָט מען זיך פאַרמאָסטן און מען האָט עס טאַקע אויך דורכגעפירט: מען איז „היימיש" אין דער תורה, ביים לערנען, איז זי די היים, במקום פאָטערלאַנד. אָדער אפשר דאָס פאָטערלאַנד של מעלה. „אין בין חורין אלא מי שעוסק

בתורה" (פּרקי אָבות, ו'). און אַזוי איז עס געווען דורך דער גאַנצער תלמודיש־שטעטלשער תקופה אין אונדזער געשיכטע.

אויב דער אַנטלאָפענער דוד אין תנ"ך קלאָגט זיך, אַז מען האָט אים פאַרטריבן פון זיין לאַנד, „כאָטש גיי און דין פרעמדע געטער"; אויב אין תנ"ך האָט אַ נישט־ייִד גענומען מיט זיך ערד פון ייִדישן לאַנד, כדי צו בויען אויף אַ מזבח פאַרן ייִדישן גאָט, — זענען אָבער שפּעטער, אין דער צייט פון צווייטן בית־המקדש, די באַגריפן געוואָרן גאָר אַנדערע. די געאָגראַפישע היים, דאָס לאַנד האָט פאַרלאָרן איר חשיבות; די גאַנצע מלוכה האָט פאַרלאָרן איר חשיבות, נאָך אין צייט פון דער אייגענער מדינה האָבן ייִדן זיך צעשפּרייט איבער דער דיאַספּאָראַ. די אייגענע מלוכה האָט געליטן פון מילחמות, ברודער־קריגערייען און אָנפאַלן פון פרעמדע ביזן ענדגילטיקן חורבן. און ייִדישקייט קען מען היטן אויך אין דער פרעמד. איז אין אַלעקסאַנדריע איפגעקומען אַ בית־המקדש, האָבן ייִדן אין בבל אַפילו וועגן דעם נישט געטראַכט, — און דאָרטן האָט עס אויפגעבליט דער תלמוד־תורה. און „משקעה שמשה של ארץ־ישראל, זרחה שמשה של בבל". און ארץ־ישראל איז הרוב געוואָרן האָט עס די היסטאָריאָסאָפיע פון יענע צייטן שוין דערקלערט ווי אַ רעזולטאַט פון „שנאת חינם", וואָס איז שווערער ווי די דריי גרעסטע עבירות. האָבן ייִדן שוין דעמאָלט געשאַפן די פאָרמול „אלה ברכב ואלה בסוסים, ואנחנו בשם אלוהינו". דעמאָלט שוין האָבן ייִדן זיך אויסגעלערנט מיטצונעמען זייער היים אין אַלע זייערע „לך לך". און אָט די היים איז געווען דאָס לערנען תורה. האָבן ייִדן געקאָנט אומעטום, צווישן אַלערליי פעלקער בלייבן מיט זיך, ביי זיך, אָפגעשיידט און אָפגעזונדערט פון דעם גאַנצן אַרום. האָט אַ ייִד געקאָנט לעבן אין דער צייט פון די קרייצצוגן, פאַרקויפן ווין צו טרינקערס און אַליין לעבן גאָר אין אַן אַנדער וועלט און אויפבויען אַ פּירוש אויף דער גאַנצער תורה (רש"י), האָט עס אַ מאָדערנער ייִד אין אונדזערע צייטן געקאָנט זיין אַן אינזשיניער אין אַ פּעטערבורגער מלוכהשער פאַבריק צווישן טויזנטער און טויזנטער רוסישע אַרבעטער און אַליין אָפּלעבן אַ גאַנץ לעבן אין אַ וועלט פון ייִדישע ספרים, און שאַפן אַן ענציקלאָפּעדיע פון דער „ליטעראַטור ביי ייִדן" (צינבערג יה"ד). און אַזוי איז דאָך געווען דער גאַנג פון לעבן ביי אַלע ייִדן, נישט נאָר ביי די אָנגערופענע צווייי גדולי ישראל.

האָבן ייִדן געקאָנט לעבן צווישן פאַרשיידענע פעלקער, און אומעטום זיך פילן ווי פרעמדע ווי „גר ותושב"; האָבן ייִדישן קינדער געקאָנט מורא האָבן אַריינצוגיין אין דאָרף אין האַרטער שכנות מיטן שטעטל: דאָ דאַרף מען מורא האָבן פאַר הינט און פאַר שקצים... און אין דער זעלביקער צייט האָבן די זעלביקע ייִדן, אַלטע און יונג געקאָנט זיין אויסגעבונדן היימיש אין דער וועלט

פון חומש, פון דאַוונען. בעטן דאָך ייִדן עד־היום ערב ווינטער, אויף רעגן אין צייט פון שנייען און פרעסט, און ערב זומער בעטן זיי נישט אויף רעגן, נאָר אויף טוי. ווייל אַזוי איז דער לוח פון חומש. זענען די ייִדן געווען ביי זיך, אין דער היים ביי אַ בלאַט גמרא, אין די „אהלי תורה״. דאָס שטעטל און דער דאָרף — די נאָענטסטע שכנים אין שטח, געלעבט איינער פון צווייטן, מיטן צווייטן און דאָך ווייט און פרעמד־צוויי וועלטן. טויזנטער יאָרן קולטור זענען געלעגן צווישן אָט־די צוויי שכנים. נאָענט אין שטח און ווייט אין צייט. אַן עלטערער ייִד האָט עס מיר נישט לאַנג צוריק גוט פאָרמולירט. איך פרעג אים, ווו איז זיין היים? ענטפערט ער מיר — דאָרט ווו איך האָב מיינע ספרים. האָבן ייִדן אין זייער וואַנדער איבערן מידבר זיך באַגייסטערט מיט „מה טובו אוהליך יעקב משכנותיך ישראל״ און דווקא אָט־דעם פסוק פון דער תורה, וואָס מען שרייבט אים צו גאָר צו אַ גוי אַ רשע (בלעם) האָבן ייִדן גענומען פאַר אַן אָנהייב פון זייער טעגלעכן דאַוונען אין דעם לאַנגן גלות, ווו זיי האָבן גאָר־נישט קיין זיכערע, דויערנדיקע היים. אַז די היים איז ווו די ספרים זענען געווען — איז עס געזאָגט ווי אַ וויץ, כלומרשט, אָבער אין דעם וויץ איז געלעגן אַ גרויסער אייביקער אמת. ענלעך צו דעם האָב איך געהערט פון אַ מאָדערנער אינטעליגענטער פרוי: אַז זי קומט אַריין צו זיך און דערזעט אירע ביכער. דערפילט זי זיך ערשט באמת אין דער היים... ייִדן האָבן אַן אייביקייט געלעבט מער אין ארץ־ישראל איידער אין זייערע לענדער. אָבער תמיד איז געווען דאָס ארץ־ישראל פון חומש, נישט די געאָגראַפישע ארץ־ישראל.

איך האָב אַפילו אַ חשד אויף די נישט־ייִדן, אַז אויך ביי זיי איז די שטאַרקע געטרייע ליבע צו זייערע פאָטערלענדער פון סעקונדערן כאַראַקטער. דאָס ערשטיקע איז אויך ביי זיי די צוגעבונדנקייט צו דער אייגענער פאָלקישקייט. „דער רויך פון פאָטערלאַנד איז זיס און אָנגענעם״ — חזרן די רוסן אַ זאָג, אין דעם גאַנצן לאַנד איז דאָס גאַנצע לעבן איינגעשטעלט לויט מיינע טראַדי־ציעס, מיינע געוווינהייטן, לויטן מיין געשמאַק, דאָ קען איך זיך אויסלעבן ווי עס גלוסט זיך מיר. און גלוסטן גלוסט עס זיך מיר, ווייל אַזוי האָבן געלעבט מיינע זיידעס און אורעלטערן בכלל. דאָס מאַטעריעלע היימלאַנד איז ליב צו־ליב דער גייסטיקער היימישקייט. וויס איך נישט צי איז מיין חשד באַרעכטיקט, ווייל פונקט אַזוי בין איך זיי אָפּט חושד פאַרקערט, אַז דאָס לאַנד, די געאָגראַ־פישע גרענעצן, די בערגלעך און די טאָלן זענען אַ דירעקטער גילגול פון יענע פאַרצייטיקע ליימענע און מעטאַלענע געטער — מיין גאָט, דיין גאָט, וואָס מען פלעגט זיך פאַר זיי שלאָגן. דער עיקר איז דער דראַנג זיך צו שלאָגן, דער רציחה־אינסטינקט, — און פאָטערלאַנד איז היינט אַ גוטער מאָטיוו צו לעגאַ־ליזירן די איינגעצאַמטע מאָרד־דראַנגען. פאַר דעם פאָטערלאַנד מעג מען, נאָך

מער — עס איז אַ מצווה גדולה — צו פאַרגיסן בלוט, אומצוברענגען מיליאָנען מענטשן... פונקט אַזוי ווי מען פלעגט עס טאָן אַמאָל פאַר די געטער. ווייס איך נישט וואָסער חשד איז ריכטיקער. אָבער גאָר אַנדערש איז עס ביי ייִדן. ייִדן האָבן באַוויזן צו שאַפן היימישקייט, פאַלקישקייט אָן טעריטאָריעלע לענדער, היימען אָן מאַטעריעלע היימען. איז דאָס אַ גייסטיקע היים, קען דער גוף טאַקע זיין אין דער פרעמד און גאַנץ היפש פאַרשקלאַפט, אָבער דער גייסט איז ביי זיך, אין זיין היים. אפשר איז עס שווער פאַר אַ היינטיקן מענטשן צו פאַרשטיין, אָבער עס איז פּאַרט אַזוי. אַ היים אין אַ פרעמדער און אין אַ בייזער וועלט. און די היים איז די תורה. אָבער נישט די ספר־תורה וואָס אין אָרון־קודש, ווו מען טאָר נישט ענדערן קיין איין פּינטעלע, נאָר די „דברי תורה", וואָס לאָזן זיך קנעטן און דרשענען און אַריינטייטשן, דרייען און איבערדרייען. די ייִדישע היים איז תמיד געווען אין דעם לערנען די תורה, אין דעם מחדש חידושים זיין.

האָט עס דעם ייִדישן פאָלק זייער טייער געקאָסט צו זיין איין פאָלק פון גייסטיקייט צווישן פעלקער פון מאַטעריעלע הייליקייטן. און דאָך! דאָך האָט אָט דאָס איינציקע פאָלק פון גייסטיקייט דאָס איינציקע אויסגעהאַלטן פון אַלע מאַטעריאַליסטישע פעלקער אין דער וועלט. איז טאַקע דער „אלוהי הרוחות" זייער שוואַך, אָבער די אייביקייט איז אין אים, ביי אים, מיט אים. דאָס איז דער פּסק פון דער געשיכטע. עס האָט אונדז געקאָסט צופיל, אָבער עס האָט אונדז אויך אויסגעלערנט. אַזוי האָבן ייִדן זיך אין גאַנצן אויסגעטאָן פון זייער געאָגראַפישער און עקאָנאָמישער היים און זיך אַריינגעלעבט אין דער תורה־היים. דערציילט אברהם רייזען, אַז די ייִדן אין שטעטל האָבן גוט געוווּסט די ביימער פון חומש, אָבער זיי האָבן קיין אַנונג נישט געהאַט וועגן ביימער ביי זיי אין שטעטל... שלום־עליכם זאָגט עדות אויף די חדר־ייִנגלעך, אַז זיי האָבן שוין אין זייער קינדהייט געלעבט מער אין דער וועלט פון חדר איידער אין זייער פיזישער היים. אָט גייט אַ ייִנגל אָנרייסן גרינס אויף שבועות, אָבער די געוויקסן פון גאָרטן זענען גאָר פאַר אים פלישתים, וואָס ער דאַרף מיט זיי מילחמה פירן („גרינס אויף שבועות"). יוחנן מלמד דערציילט ביי פּרצן, אַז ער — דער אָרעמער מלמד — ווערט פריי פון אַלע דאגות און זאָרגן באַלד ווי נאָר ער עפנט די גמרא, ער פאַרגעסט אַלע זיינע צרות, ער גייט אַריבער אין אַן אַנדער וועלט, אין אַ וועלט שכולו טוב, אין די עולמות העליונים. זיין שטוב איז זיין גלות נעבעך, אין גמרא געפינט ער זיין גאולה פון גלות, דאָ איז זיין בעסערע היים, זיין אמתע היים.*

---

* ר׳ סעדיה גאון האָט געזאָגט: „אומתנו אינה אומה, אלא בתורתיה".

די משכילים האָבן קריטיקירט דאָס, אָפּגעלאַכטע פון דעם, זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען, נישט געוואָלט פאַרשטיין ווי אַ פאָלק קען זיך אַזוי אַרויסטאָן פון זיין פּאַקטישער היים און זיך אַריינטאָן אין דער היים פון ספרים. אויך בן־גוריון האָט נישט איין מאָל קריטיקירט, וואָס יידן פאַרנעמען זיך מיט דעם „שור שנגח את הפרה" — וואָס האָט עס פאַר אַ זינען און צו וואָס דאַרף מען דאָס? פאָלעמיזירט מיט אים דער שרייבער קאַליקשטיין און וויל באַווייזן, אַז אין אַן אַגריקולטור־לאַנד זענען אַזוינע פּראָבלעמען גאַנץ אַקטועל... איז מילא בן־גוריון — ביי אַלע זיינע גרויסע מעלות און אויפטוען, האָט ער נאָך נישט באַפרייט זיך פון דעם משכיל אין זיך, אָבער קאַליקשטיין האָט דאָך געמעגט יאָ וויסן, אַז ערשטנס, פּסקנט מען גאָר נישט קיין דינים לויט דער גמרא און צווייטנס, איז דער שור שנגח דאָך גאָרנישט קיין פּשוטער אָקס, אַפילו נישט פון שדה־בוקר, וואָס איז פון שטאָל אַריינגעשפּרונגען גלייך אין דער גמרא אַריין. עס איז בפירוש אַ שור, וואָס איז אָנגעלאָדן מיט תורה צו שפּייזן יידישע קינדער מיט שאַרפזין — ער צוזאַמען מיט דער ביצה שנולדה ביום־טוב. איי, צו וואָס דאַרף מען דאָס? — טאַקע פאַר דעם. אין די אויפגאַבעס־ביכער פאַר מאַטעמאַטיק זענען פאַראַן כסדר פּראָבלעמען מיט באַסיינען וואָס דאָס וואַסער גיסט זיך אין זיי אַריין דורך איינע רערן און גיסט זיך אַרויס דורך אַנדערע; אָדער מיט צוגן וואָס גייען איינער קעגן דעם צווייטן מיט פאַרשיידענע גיכ־קייטן, און ווען און ווו וועלן זיי זיך באַגעגענען?... אויך זייער ווייניק פּראַק־טיש; אָדער וויפל מאָל אַ טאָג און ווען דיביידע ווייזערס פון אַ זייגער וועלן זיך טרעפן? — דאָס זענען ריין־טעאָרעטישע פּראָבלעמען נאָר צו שלייפן דעם שאַרפזין פון די לערנערס, און קיינער פרעגט נישט קיין קשיות פאַרוואָס און צו וואָס? נאָר יענער נישט־געפלויגענער און נישט־געשטויגענער פאַר־שוין וואָס לייגט אַוועק אַ קרוג דווקא אין רשות הרבים, כדי עמעצער זאָל גיין און געשטרויכלט ווערן — דאָס, מיינט מען, דאַרף זיין פּראַקטיש ווי אַ געזעצן־בוך, וואָס דער תלמוד איז נישט און איז נישט געווען קיין מאָל. און דאָך האָבן דורות און דורות יידישע קינדער יאָ געהאַט שאַרפזין און באַרימטע „יידישע קעפּלעך", אַ דאַנק יענעם שור שנגח און יענער ביצה שנולדה, און נאָך און נאָך אַזוינע „אומפּראַקטישע" ענינים, הגם עס געפעלט נישט בן־גוריונען און דער ליבער קאַליקשטיין פאַרשפּאָרט זיך צו פאַרענטפערן.

מסירת־נפש איז ביי יידן, ברוך־השם, גאָר אַן אָפּטע דערשיינונג, איב־ בערהויפּט אַ דאַנק אונדזערע הומאַנע, ציוויליזירטע און קולטורעלע בעלי־ בתים. עס דערמאָנט זיך אָבער נישט מען זאָל אין תלמוד זיך שטאַרק פאַר־ נעמען מיט מסירת־נפש פאַר דעם פאָטערלאַנד, פאַר דעם לאַנד. אָבער מסירת נפש פאַר דער תורה — אָ! דאָס איז גאָר עפּעס אַנדערש, דאָס איז שוין יאָ גע־

זוען אַ פּראַקטישע פראַגע — צי יעבור ולא יהרג אָדער יהרג ולא יעבור... אין גייסט פון ייִדישקייט אויסצומיידן אַלע מאַטעריעלע, גשמיותדיקע הייליקייטן, זענען ביי ייִדן אויך נישטאָ קיין הייליקע מענטשן. צדיקים — גערעכטע — זענען דאָ ביי ייִדן, אָבער נישט קיין הייליקע, לעבעדיקע קדושים — אַזוינע זענען פאַראַן ביי קריסטן, נישט ביי ייִדן. אָבער זויפל ייִדן זענען געוואָרן הייליקע, קדושים דורך זייער טויט פאַר דער תורה דורך די הענט פון די גוטע און פרומע פעלקער מיט לעבעדיקע קדושים...

דאָס איז די ראָל וואָס תורה און תלמוד־תורה האָבן געשפּילט אין ייִדישן לעבן. עס איז טאַקע אמת דער „וחיי עולם נטע בתוכנו".

## אַ ווייטער מהלך

אַזאַ מין באַהעפטונג פון אַ פאָלק מיט דער תורה איז נישט אַראָפּגעפאַלן למשה מסיני. עס איז געווען אַ לאַנגדויערנדיקער פּראָצעס, וואָס האָט זיך געצויגן גאַנצע יאָרהונדערטער. כדי בולטער צו מאַכן דעם גאַנג פון דער אַנטוויקלונג, וועלן מיר פאַרגלייכן עטלעכע ענינים אין דער צייט פון בית־ראשון און בית־שני. אין דעם ערשטן פעריאָד האָט ביי ייִדן געהערשט דאָס לאַנד — „כדי איר זאָלט בלייבן אין דעם לאַנד וואָס גאָט האָט געגעבן אייערע עלטערן פון אייביק און ביז אייביק". אָט דער זאַץ חזרט זיך איבער אַן אַ שיעור מאָל אין די ספרים פון תנ"ך. גאָט איז געווען די העכסטע הייליקייט און אין זיין נאָמען רעדן אַלע נביאים, דער בית־המקדש מיט זיינע באַדינער — די כוהנים — זענען אין צענטער פון פאָלקס־לעבן. גאָר אַנדערש, גאָר ווייט אַנדערש איז געוואָרן דער גלויבן אין דער צייט פון צווייטן בית־המקדש. עס האָט זיך אָנגעהויבן צו בייטן דער געדאַנק נאָך ביים סוף פון ערשטן בית. איז מלכות ישראל אומגעבראַכט געוואָרן, איז צוזאַמען מיט דער מלוכה, מיט דעם לאַנד אויך אומגעקומען דאָס פאָלק פון שומרון. שוין מיט אַ הונדערט יאָר שפּעטער בענקט ירמיהו נאָך דעם „בן יקיר לי אפרים", און ער האָט אים נישט ווו צו זוכן. דאָס פאָלק און זיין קיום זענען פאַרבונדן מיט דעם קיום פון דער מלוכה, פון לאַנד, אַן דעם לאַנד איז נישטאָ אויך דאָס פאָלק. גאָר אַנדערש איז עס געווען אין יהודה. נאָך פאַרן חורבן לערנט ירמיהו דער טיפסטער דענקער צווישן די נביאים, אַז דער גורל פון פאָלקס־לעבן און קיום איז לגמרי נישט פאַרבונדן מיט די מאַטעריעלע הייליקייטן, ווי עס איז למשל דער בית־המקדש. גאָטס טעמפּל. „וואָרום גייט און זעט וואָס גאָט האָט געמאַכט מיט זיין פריִערדיקן טעמפּל אין שילו".... דער גורל פון פאָלק הענגט אין גאַנצן אָפּ פון דעם פאָלקס פירונג. ווער עס עסט רויע, אומצייטיקע פרוכט, דעמס ציינער

זוערן הייליק... אויך די פריערדיקע גרויסע נביאים ווי עמוס און ישעיה האָבן געערדט קעגן קרבנות, אָבער ירמיהו דערגייט ביז אָפּצולייקענען אַז גאָט האָט גאָר ווען עס איז געהייסן ברענגען קרבנות. דאָס זענען געווען די ערשטע זאָ־מען, וואָס פון זיי זענען אויסגעוואַקסן גאָר נייע באַגריפן און אידעען וועגן ייִדישקייט, און זיי האָבן גענומען הערשן אין דער צייט פון צווייטן בית־המקדש. איז ירמיהו — דער גרעסטער באַווײנער פון דעם חורבן, פון דער פאַרלאָ־רענער פּאַרזיכיקייט, אָבער דווקא ער הייסט די ייִדן זיך איינפעסטיקן אין בבל, מען קען זיין ייִדן אויך אין גלות. גליקלעך איז אַ פאָלק ווען עס לעבט פּאָליטיש פאַר זיך, אָבער מען טאָר זיך נישט מייאש זיין אויך ווען מען פאַר־לירט די פּאָליטישע פאַרזיכיקייט. און די תורה ירמיהוס איז דורך ברוך בן נריה געבראַכט געוואָרן קיין בבל, ער איז זיכער נישט געווען איינער, אים האָבן געהאָלפן די סופרים און איבערהויפּט עזרא, וואָס די גמרא פאַרגלייכט אים צו משהן. איז איצט ביי זיי אין צענטער פון אַלע אידעען און שטרעבונגען שוין נישט געשטאַנען דער „אויבערשטער גאָט, נאָר דאָס פאָלק מיט זיין פאָלקישקייט, וואָס איז געטלעך הייליק מיט זיין גייסטיקער פאַרזיכיקייט און אַנדערשקייט. איז אָן דעם בית־המקדש זענען אָנשטאָט אים און אפשר נאָך בעסער — די בתי־מדרשים. איז אָן קרבנות — האָט דאָך, ווי געזאָגט שוין, ירמיהו געלייקנט אין גאַנצן דעם ווערט פון קרבנות; איז לערנען און דאַווענען בעסער פון קרבנות. איז נישטאָ קיין פּראָבלעם פון כוהנים, זענען בעסער פון זיי די סופרים וואָס פאַרשפּרייטן גאָטס תורה און די תלמידי חכמים, וואָס שאַפן נייע און נייע עלעמענטן פון ייִדישקייט, פון תורה. און ווייטער איז אַלץ געוואָרן דער געדאַנק טיפער. נישט גאָט פירט די וועלט לויט זיינע פאַרלאַנגען און לויט זיינע שטימונגען. דאָ ברענגט ער אַ מבול און דאָ האָט ער חרטה, — נאָר ער פירט די וועלט ווי עס הייסט אים די תורה. ער קוקט אין דער תורה און שאַפט די וועלט ווי אַן אינזשיניער דאַרף קוקן אין זיינע פּלענער, ווען ער בויט אַ הויז. מען טאָר גאָר נישט גלייבן, אַז גאָט פירט די וועלט לויט זיין רחמנות, עס זענען גזירות און נישט קיין רחמים (מגילה, כ״ה, א׳; ברכות, ל״ג, ב׳). דאַרף מען דערמאָנען, אַז דאָס וואָרט גזירה איז לגמרי נישט דאָס וואָס גזירה רעה; גזירה מיינט אויך באַפעלן, פּרינציפּן וואָס קענען נישט געענדערט ווערן. אָט, למשל, וויינט גאָט אויף דעם גלות פון זיינע קינדער; אָבער ער קען עס נישט אומבייטן, ענדערן, ער בעט גאָר אַז „ישמעאל בני ברכני״ — ער דאַרף אויך אַ ברכה ווי אַ פּשוטער בשר ודם. און מיט וואָס פאַרנעמט ער זיך? — אַ דריטל פון טאָג זיצט דער רבונו־של־עולם און לערנט תורה. אויך אין ישיבה של מעלה, און געלערנטע זיינע קינדער דיסקוטירן מיט אים בדבר הלכה טאַקע, און ווער פּסקנט? — נישט גאָט, נאָר אַ בשר ודם (בבא מציעא,

פ"ו, א׳). און טאָמער וויל איין מאָל גאָט העלפן איין געלערנטן צווישן אַנ־דערע, און עס גייט אַרויס אַ בת־קול, אַז "רבי אליעזר מיין קינד איז גערעכט", — ענטפערט אים איינער פון דער מערהייט און זאָגט: מיר פאָלגן נישט קיין בת־קול, קוים שטייט אין דער תורה, אַז דער דין איז לויט דער מערהייט — אחר רבים להטות, און גאָט מוז זיך אונטערגעבן, ווייל אַזוי שטייט דאָך טאַקע אין דער תורה. און אַז רבי עקיבא פרעגט ביי אליהו הנביא, ווי האָט דער רבונו־של־עולם רעאַגירט אויף דער "חוצפה"! — ענטפערט אליהו, אַז גאָט האָט געשמייכלט און געזאָגט; ניצחוני בני! ניצחוני בני! — מיינע קינדער זענען מיר בייגעקומען. גאָט אַליין מוז זיך אונטערגעבן דער תורה. נישט ער איז דער אויטאָריטעט, נאָר די תורה, און ער קען נישט פירן די וועלט ווי עס גלוסט זיך אים, נאָר די וועלט, דער קאָסמאָס האָט זיין דיסציפּלין. גאָט ברוך הוא דאַרף אויך לערנען און ער דאַרף דאַווענען גלייך מיט זיין פאָלק. ער איז צוזאַמען מיט זיין פאָלק, מיט דעם גאַנצן קאָסמאָס אונטערגעוואָרפן אונטער די געזעצן פון דער תורה, די "גזירות", ווייל אַזוי זענען די פירונגען פון דער וועלט ("שאינם רחמים אלא גזירות" (ברכות ז׳, א׳; מגילה, כ"ה, א׳).

כמעט ביזן סוף בית ראשון האָבן יידן זיך געטיילט אויף שבטים. בעתן בית שני איז די שבטים־פאַרטיילונג אין גאַנצן פאַרגעסן. עס איז איין פאָלק. און דאָס פאָלק איז מער נישט קיין לאַנדפאָלק, נאָר אַ תורהפאָלק. און מיט דער תורה ווערט דאָס פאָלק אומאָפּהענגיק פון לאַנד און עס הייבט זיך אָן אַ געשיכטע פון אַ וועלטפאָלק, טאַקע גוי אחד בארץ. עס איז נישט אונדזער שולד וואָס אַנדערע פעלקער האָבן עס נישט געקאָנט ווערן; נישט אונדזער שולד וואָס אַ וועלט מיט פעלקער קען עס ביז הייַנט נישט פאַרשטיין. ווי וויים זענען די באַגריפן פון די וואָס האָבן געהערשט ביי אונדז אין צייט פון בית ראשון! דאָס איז געווען אפשר די גרעסטע עוואָלוציע פון יידישן געדאַנק און פסיכיק. און דערמיט האָט זיך אָנגעהויבן אונדזער אַנדערשקייט, וואָס מיט איר זענען מיר אַוועק צווישן פעלקער און וואָס טיילט אונדז אויס פון צווישן אַנדערע פעלקער עד היום הזה.

ביי אונדז איז די וואָרט־פאַרבינדונג: "עם ישראל מיט ארץ־ישראל" אַ סך ייִנגער, נישט אין פאַרגלייך ייִנגער ווי די פאַרבינדונג עם ישראל — תורת ישראל (דער אויסדרוק: "ישראל ואורייתא") און יעדער דור, יעדער תקופה מיט איר אינהאַלט פון דער "אורייתא". און מיר היינט מיט דעם גאַנצן אינ־האַלט פון ייִדישקייט ביי היינטיקן טאָג.

# תורה לשמה

פאַראַן ביי ייִדן אַ מידה פון לערנען תורה לשמה — לערנען אָן אַ וואָסער עס איז ווייטערן ציל, לערנען ווייל דאָס לערנען גופא, פאַר זיך איז אַ ציל אין לעבן. נישט מען לערנט כדי שפּעטער מיט דעם קענען מאַכן אַ בעסערן לעבן, נאָר דער גאַנצער זינען פון לעבן איז אין לערנען, איי׳גנטלעך גיבן אַלע פעל־קער (לענדער) אויס גרויסע טיילן פון זייער ביי׳דזשעט אויף בילדונג. אָבער דאָס עצם וואָרט בילדונג באַווייזט אַז דער ציל איז אין דער אויסבילדונג, אין דער צוגרייטונג פון דער יוגנט צו עפּעס וואָס דאַרף קומען שפּעטער, אַז דער ציל פון לערנען איז עפּעס צו דערגרייכן, אַז דאָס לערנען איז אַ מיטל צו עפּעס אַ ווייטערדיקן ציל. יעדער מענטש דאַרף לערנען אין זיין יוגנט, כדי ער זאָל קענען דערגרייכן זיין קאַריערע אין לעבן. און דאָס גאַנצע פאָטער־לאַנד ווי אַזאַ דאַרף נייטיק האָבן געלערנטע, געבילדעטע מענטשן פאַר דעם וווילזיין פון דער גאַנצער באַפעלקערונג. אָבער אַז דער עצם פּראָצעס פון לערנען זאָל זיין דער ציל פאַר זיך, אָן דעם זוכן מיט דעם צו דערגרייכן וואָ־סערע עס זאָל נישט זיין פּראַקטישע צילן אין לעבן — אַזאַ באַגריף איז נישטאָ ביי די פעלקער, וואָס צווישן זיי לעבן מיר. דאָס איז אַ ריין ייִדישער צוגאַנג. נאָך מער — דאָס לערנען איז דער וויכטיקסטער ציל פון לעבן, די גרעסטע מצווה — ותלמוד תורה כנגד כולם, וויכטיקער פון אַלע מצוות צוזאַמען. יעדער לעגענדע האָט תמיד אַ טיפערן זינען. ווועלן מיר דאָ דערציילן איינע אַזאַ לע־גענדע: דוד המלך האָט נישט געוואָלט שטאַרבן, איז ער געזעסן און געלערנט, ווייל כל־זמן אַ מענטש האַלט אין לערנען, קען דער מלאך־המוות אויף אים קיין שליטה נישט האָבן. האָט דער שטן ספּעציעל געמוזט מאַכן אַ שטאַרקן ווינט, דוד זאָל איבעררייסן דאָס לערנען, כדי דער מלאך־המוות זאָל אין דער צייט קענען דורכפירן זיין שליחות... לערנען און לעבן איז דאָס זעלביקע, נישט מען דאַרף לערנען כדי צו קענען גוט לעבן, נאָר פאַרקערט איז דאָס לעבן געגעבן געוואָרן כדי צו לערנען. עס זענען ביי אַלע פעלקער פאַראַן מענטשן וואָס גיבן זיך אָפּ מיט לערנען, מיט פאַרשן ריין לשמה, אָן פּראַקטישע צילן; דאָס זענען איבערהויפּט די וואָס גיבן זיך אָפּ מיט די אַזוי־גערופענע „ריינע וויסנשאַפטן", אָבער קיין אַלגעמיינער כלל אין פאָלקס לעבן איז עס ביי קיינעם נישט. מען קען זאָגן, אַז ביי פעלקער דאַרף דעם יחידס נשמה זאָרגן כדי דער גוף זאָל קענען בעסער און גליקלעכער לעבן. ביי ייִדן איז פאַרקערט: דער גוף, מ׳שטיינס געזאָגט, וואָס ער איז ווערט גאָר און גאָר; איז עפּעס אַ גרויסע נפקא־מינה ווי ער מאַכט דורך זיינע זיבעציק יאָר — אין פּאַלאַצן צי אין קע־לערן? אַז בסך־הכל איז דאָך דאָס גאַנצע לעבן נישט מער ווי אַ פּרוזדור, ווו

מען דאַרף זיך אויספּוצן כדי צו קענען אַריינקומען אין דעם אמתן טרקלין: די גליקלעכע צוקונפט איז דאָך גאָר נישט אויף דער וועלט — קיין גאָלד עסט דאָך קיינער נישט און קיין שטיינער אויך נישט. עס ווערט דאָך אַלץ געוואַרט אויף דער ווייטער אייביקייט, אויף דעם לעתיד לבוא, אויף דעם יום שכולו טוב, אויף דעם עולם הבא... זאָל יעדערער פאַרשטיין פאַר זיך דעם באַגריף עולם הבא ווי ער וויל און ווי ער קען, דער עיקר אָבער איז אַז נישט די נשמה דאַרף דינען דעם גוף, נאָר פאַרקערט, דער גוף דאַרף באַדינען דער נשמה, זי זאָל נישט אָפּשטאַרבן סתם אַזוי, צוזאַמען מיט דעם גוף, אַז זי — די נשמה — זאָל בלייבן צרורה — איינגעבונדן, מיטבאַהעפט מיט דעם צרור החיים...

דערפאַר איז ביי ייִדן פון אייביק אָן געווען פרעמד דער טערמין ענדיקן לערנען, קריגן אַ דיפּלאָם, גראַדויִרן וכדומה. וואָס הייסט עס עפּעס ענדיקן לערנען? דאָס ענדיקן קען קומען נאָר ביים שטאַרבן. אַז אַ ייִד שטאַרבט, דאַרף מען באַווייִנען די תורה וואָס גייט פאַרלאָרן, אָבער ענדיקן לערנען, פּטור ווערן כדי מער נישט צו דאַרפן האַלטן עס אין האַנט, מאַכן יום־טובים וואָס מען האָט געענדיקט לערנען — דאָס זענען פאַר דער ייִדישן אויער גאָר אוממעגלעכע באַגריפן. דער ציל פון דערציִען איז אָנצוהייבן, נישט צו ענדיקן, עס איז פון גרויסער וויכטיקייט צוצוגרייטן דעם יונגן תלמיד ער זאָל קענען אַליין לערנען, אָן לערערס, לערנען פאַר זיך. דאָס איז געווען אַ מין צייטיקייט, מאַטור. אָבער נישט פאַרוואַרפן, נישט ענדיקן! און בכלל זענען דאָך די אַלע טעקסטן פון דער ייִדישער תורה גאָרנישט קיין ענדגילטיקע, אַלע טעקסטן, די גאַנצע תורה, אַלע שריפטן זענען געגעבן געוואָרן מען זאָל אויף זיי דרשענען, אַריינלערנען, אַרויסלערנען, מחדש זיין חידושים, וואָרום „עס קען דאָך נישט זיין קיין בית־מדרש אָן חידוש”. מען דאַרף דאָך תמיד אַריינטייטשן אַלץ נייע און נייע באַגריפן, אַלץ נייע אויספירן מאַכן, כדי די אַלע טעקסטן זאָלן זיין אַקטועל, פאַר דעם היינט. ווי ווייט דאָס אַלץ איז פון דעם וואָס און ווי עס איז אָנגענומען אין דער היינטיקער וועלט. מיר לעבן אין געזעלשאַפטן ווו אַלץ איז רעגלאַמענטירט, דאָס גאַנצע לעבן איז פול מיט פליכטן און פאַרפליכטונגען, כסדר מען מוז און מען דאַרף און מען קען אַנדערש נישט. קינדער מוז מען שיקן לערנען, אַניט וועלן די עלטערן צאָלן שטראָף, דאָס קינד וועט שפּעטער, דערוואַקסענערהייט, נישט קריגן קיין שום אָרט אין לעבן. און לערנען וואָס מיינט? — לערנען מיינט אַריינגעמען אין זיך אַזוי פיל און אַזוי פיל פאָרמולירטע זאַצן פון ביכער, כדי עס צו געדענקען ביז דעם עקזאַמען, אַלץ וואָס עס שטייט אין די אָבליגאַטאָרישע ביכער. ערשט ווען דו האָסט שוין געענטפערט אויף די עקזאַמענעס און געקראָגן דיין פּאַפּירל, — דעמאָלט ביסטו פריי צו פאַרגעסן אַלץ און די ביכער דיינע מעגסטו פאַרברענען, אַרויסוואַרפן.

קענסט לעבן, פאַרדינען, געננג פאַר דיר. די שול איז געגליכן צו אַ מין תפיסה: דאָרטן ווי דאָ זעצט מען אַריין אַ מענטשן אויף אַ צאָל יאָרן און מען זאָגט אים: ועסטו זיך פירן ווי מען דאַרף וועסטו נאָך דעם קריגן אַ פּאַפּירל אַז דו ביסט שוין אַ פרייער מענטש און ביסט פטור פון די שולפליכטן...

איך גלייב צו זיין נישט ווייט פון אמת, אויב איך וועל זאָגן, אַז אַ נייניציק פּראָצענט פון די געוועזענע שול־תלמידים וועלן נישט נוצן נאָכן ענדיקן קיין זאַך פון אַ נייניציק פּראָצענט לימודים וואָס מען האָט געלערנט אין משך פון יאָרן אין שול... נישט די סינוסן און קאָסינוסן, נישט די דאַטעס פון געשיכ־טע, נישט די נעמען פון געאָגראַפיע וכדומה, וכדומה. דאָס גאַנצע לערנען לאָזט נישט אין פאַרגלייך אַ סך ווייניקער פון וויסן און פון קענען ווי דער נע־בעכדיקער „שור שנגח", אָבער אויף דעם אַלץ פרעגט מען נישט קיין קשיות... אַן אַרעסטאַנט האָט אָפּגעהינעט זיין באַשטימטע צאָל יאָרן, אויסגעפירט פּינקט־לעך אַלע זיינע פליכטן, — איצט איז ער פטור, פטור, פון אַלץ, אַ פרייער ביר־גער, פריי פון אַלץ...

און ביי ייִדן? — אַוודאי מאַכט מען אַ יום־טוב ווען מען ענדיקט אַ מסיכתא, אָבער דער עיקר פון סיום איז דער „הדרן" — עפּעס אַרויסגעדרשנט און אַ צוזאָג זיך אומצוקערן, קומען צוריק, קיין מאָל נישט ענדיקן. עס זענען ביי ייִדן נישט געווען קיין באַשטימטע קורסן — דאָס מוז מען קענען און דאָס מוז מען געדענקען. נישטאָ קיין פאַרפליכטנדיקע פּראָגראַמען. פאַרקערט, דאַרף מען לערנען „ממה שליבו רוצה", וואָס עס גלוסט זיך מער. און פון לערנען איז וויכטיק צו וויסן וואָס עס זאָגן די טעקסטן, אָבער נאָך מער וויכטיק איז צו הערן וואָס זאָגסטו אַליין, דער לערנער? וואָס קענסטו מחדש זיין אין דעם לערנען. ווי ווייט דאָס איז פון דעם לערנען וואָס איז אָנגענומען אין דער וועלט! און לערנען איז לגמרי נישט קיין צוואַנג, קיין אַרויפגעצוווּנגענער חוב — דו מוזט! ניין, עס דאַרף זיין גאָר אַ זכות, אַ פּריווילעגיע. פלעגן עלטערן זיך בענטשן מען זאָל זוכה זיין מגדל צו זיין די קינדער לתורה, לחופּה און למעשים טובים. דער גרעסטער נחת פון עלטערן איז געווען צו האָבן קינדער עוסקים בתורה. אין אַ לידל וואָס ווערט צוגעשריבן צו ר' לוי יצחק באַרדיטשעווער „מאירקע מיין זון", זאָגט זיך, אַז דער ציל פון האָבן קינדער איז כדי עס זאָלן זיין „בנים עוסקים בתורה, טאַטעניו". לערנען דאַרף זיין נישט קיין חוב, נאָר אַ פאַרברענגען. נאָך אין תהילים איז פאַראַן עטלעכע מאָל, אַז „דיין תורה פאַרווײַלט מיך". נישט פאַר פּראַקטישע נוצן און מען דאַרף אויך נישט חושד זיין אַז ייִדן האָבן כסדר געהאַט אין זינען וויפל דער רבונו־של־עולם וועט זיי באַצאָלן אויף יענער וועלט פאַרן לערנען. מען האָט טאַקע גאָר פשוט הנאה געהאַט פון לערנען, און אַז ייִדן פלעגן זיך צונויפקומען אויף אַ משפחה־שמחה,

אויף אַ „קידוש", אויף אַ חתונה, צי וואָס עס זאָל נישט זיין, — מיט וואָס פלעגט מען זיך מכבד זיין, אויב נישט מיט אַ שטיקל תורה? מיט עפּעס אַ דרוש, מיט אַ תורה־וויץ, אַ חכמהלע, מאַלע וואָס. איך פלעג זיך אַמאָל אַריינ־כאַפּן צו מיינעם אַ פעטער אין ווילנע אין אַ שבת־בייטאָג, פלעגט ער מיך מכבד זיין מיט אַ שטיקעלע פון דעם שבתדיקן „רעטשישניק" כדי אַ ברכה צו מאַכן, אָבער דער עיקר־כיבוד איז אַלע מאָל געווען „אַ ברעקעלע אבן עזרא" אויף דער סדרה פון דער וואָך, וואָס ער וועט באַלד גיין אין בית־מדרש אַריין דרשע־נען פאַר יידן. מיר פלעגט ער זאָגן: „זאָלן אַזוי ציגן וויסן פון עסן פרעמדע דעכער, ווי איר די „געבאַלבעטע" (אָנשטאָט געבילדעטע) קענט דאָרטן געפּי־נען אייערע הענט און פיס"... דער זעלביקער גאַנץ אָרעמער פעטער פלעגט זיך אַמאָל רייצן מיט די ווילנער רבנים, פלעגט ער פרעגן: וואָס איז דער אונטער־שייד צווישן אַ רב און אַ שענקער? און ער פלעגט ענטפערן: — אַ שענק נעמט אַ ייד אויף אַ גוייִשן נאָמען (אַ יידן פלעגט מען נישט דערלויבן) און סמיכה אויף רבנות נעמט אַ גוי אויף אַ יידיש נאָמען" (אָנגעוווּנקען אַז אַ רב קען גאָרנישט לערנען)... איז אין לערנען שוין געווען ביי יידן אַ מין „יצר הרע" וואָס האָט געצויגן: אָך און ווי וואָס עס איז ווערט דאָס גאַנצע לעבן, אַז מען קען אַפילו נישט אַריינקוקן אין אַ ספר... טוביה דער מילכיקער דערציילט, אַז ערשט שבת פילט ער זיך ווי אַ מענטש: „שבת בין איך דאָך גאָר אַ מלך, קוק אַריין אין אַ יידישן ספר, אַ פּרשה חומש, אַ ביסל תרגום, תהילים, פּרק, דאָס, יענץ לאָקש, בוידעם"... דער יידישער ספר האָט דעם פּשוטן יידן גע־מאַכט ער זאָל זיך פילן ווי אַ מלך... און מען פלעגט לערנען אומעטום און אַלע מאָל — אין בית־מדרש — דאָך זיכער, צוגאַסט ווידער אַ כיבוד מיט אַ שטיקל תורה, אַז יידן פלעגן שפּאַצירן פלעגט מען שמועסן אין תורה, זיך „אַמפּערן" איבער אַ שטיקל גמרא, און אַז יידן סוחרים פלעגן פאָרן אין די בוידן איבער די בלאָטיקע וועגן און מען פלעגט זיך אַריינכאַפּן אין אַ וואַרעמע, ליכטיקע קרעטשמע, פלעגט מען דען נישט ביי דעם הייסן סאַמאָוואַר און שאַרפן גלעזל זיך מכבד זיין מיט אַ שטיקל תורה? מיט אַ דרוש, מיט אַ מימרא, מיט אַ פּשטל. און טאַטעס פון דערוואַקסענע טעכטער פלעגן שליסן שידוכים און זוכן אַ בחור אַ צאַצקע, וואָס זאָל פאַרהילכן די שטוב מיט דעם קול התורה... און יידן־לומדים פלעגן זיך אָפּרייסן פון אַלע געשעפטן און לויפן אַריינכאַפּן דעם „דף גמרא", און פּשוטע יידן פלעגן לויפן הערן אַ דרשה, כדי נאָך דעם צו האָבן פון וואָס צו „לעקן די פינגער". און קליינע יינגלעך מיט שאַרפע קעפּלעך פלעגן אויך מאַכן ספּאָרט און זיך פאַרמעסטן מיט אַ תוספות, צי מיט אַ שטיקל פּשוטע גמרא, אָדער גאָר מיט אַ פּסוק פון תנ"ך. ספּאָרטן, אָבער אָן דער פילקע, נישט מיט די פיס, נאָר מיט די קעפּ...

עס דערציילט אַ גמרא (שבת, ל״א, א׳) — אַז אַ מענטש קומט אויף יענער וועלט, צום געטלעכן משפּט, פרעגט מען אים: ביסטו געווען ערלעך אין דיין האַנדלען? האָסטו געהאַט אויסגעטיילט צייט צום לערנען? האָסטו געהאָדעוועט קינדער? האָסטו געהאָפט אויף משיחן? און האָסטו זיך פאַרנומען מיט חכמהדיקן פּילפּול? (אין דער תורה) און צי האָסטו זיך באַמיט אַרויסצוצי׳ען אין געדאַנק פון אַ צווייטן? (דבר מתוך דבר). אָט אין דעם איז דער זינען פון מענטשנס לעבן. אַזוי האָט געגלייבט דער מחבר פון דעם זאָג (רבא): לערנען, גייסטיק לעבן איז גלייכוועדטיק מיט ביאָלאָגישן לעבן. די ביאָלאָגיע רעכנט צוויי לע־בנס־אינסטינקטן — דערהאַלטן דעם אינדיווויד און דעם מין. האָבן די יידן געהאַט אַ דריטן דראַנג־ — דערהאַלטן דעם גייסטיקן קיום פון פאָלק. און ער באַשטייט אין פּראָצעס פון כסדרדיקן אָנוואַקסן (דבר מתוך דבר), אין אַרויס־לערנען און אַרויסדרינגען נייע און נייערע אידעען און געדאַנקען. מיר וועלן שפּעטער זען, אַז דאָס מיינט דער אויסדרוק: „תלמוד תורה״, אַנדערש פון „לימוד תורה״.

אין אַ צווייטן אָרט זאָגט די גמראָ, אַז עס איז בעסער איין טאָג לערנען, איידער טויזנטער קרבנות ברענגען (שבת, ל׳, א׳).

אָט דאָס לעבן אין דער תורה ווי עס האָבן געלעבט די יידן אין דער פאַרגאַנגענער תקופה איז אויך צו זען פון די טיטולן ווי מען פלעגט זיך טי־טולירן אין געוויינטלעכן פאַרקער. ביי אַלע פעלקער איז דער טיטל פאַרבונדן מיט הערשאַפט — גאָספּאַדין, פאַן, הער, מיסטער, סיר, סעניאָר — דאָס זענען דאָך אַלץ באַגריפן פון הערשאַפט. און ביי יידן זענען די טיטלען געווען נישט פון הערשאַפט, נאָר פון דער תורה — רב, רבי, מורנו, מורה־מורנו, רבן. צום באַדויערן האָט מען אין ארץ־ישראלדיקן מאָדערנעם העברעיש אַריינגע־פירט דעם טיטול אדון, מר און גברת, וואָס מען האָט פשוט איבערגעזעצט פון פרעמדע שפּראַכן און זיי פּאַסן לגמרי נישט צו דער יידישער טראַדיציע און אויך נישט צו דער דעמאָקראַטישקייט פון דער היינטיקער געזעלשאַפטלעכקייט דאָרטן.

דאָס זעלביקע איז אויך קענטיק פון דער ראָל וואָס עס פירט ביי יידן דער רעליגיעזער פירער פון דער געמיינדע. ביי אַנדערע איז ער דער פאַר־מיטלער צווישן דעם פאָלק און גאָט. נאָר ער קען דורכפירן געוויסע רעליגיעזע צערעמאָניעס, ער איז אויך דער וואָס פירט די חשבונות פון עבירות פון זיינע „אונטערטעניקע״.

אַנדערש איז עס ביי יידן: איטלעכער ייד קען דורכפירן אַלע צערעמאָ־ניעס, יעדער ייד קען זיין דער שליח־ציבור. דער רב איז איז אַלע ענינים בין אדם למקום אויף דער זעלביקער מדרגה ווי אַלע אַנדערע יידן. צען עם־הארצים

קענען זיין אַ מנין, ניין גרויסע גאונים קענען אָבער נישט זיין קיין מנין. דער רב האָט נישט קיין פּריווילעגיעס. די אויפגאַבע פון רב איז לערנען און געבן אָנווייזונגען ווי אָפּצוהיטן יידישקייט, אייגנטלעך איז ער אַ לערער אין יידישקייט. דער אויסדרוק: „יורה יורה וידין ידין״ איז פון דער גמרא אַריין אין דער סמיכה וואָס אַ רב קריגט. ער דאַרף געבן אָנווייזונגען וועגן אַלע פּרטים און דעטאַלן ווי אָפּצוהיטן יידישקייט און ער איז דער שופט, דער דיין, ער דאַרף מישפּטן אין אַלע קאָנפליקטן אין לעבן. כ׳ווייס נישט צי ביי אַנדערע פעלקער האָט אַ רעליגיעזער אָנפירער די גערעכטלעכע, יורידישע פונקציעס ווי אַ יידישער רב. אין דער גאַנצער איצט פאַרעגדיקטער שטעטל־תלמודישער תקופה איז דאָך אונדזער לעבן געווען אויטאָנאָם, און דער גאַנצער ציווילער געריכטסוועזן איז געלעגן ביי די רבנים אין די הענט, מיט די דיינים, מיט אַ בית־דין־שטוב. און די תורה — לגמרי נישט נאָר דער תלמוד — האָט פאַרמאָגט אויך אַ גאַנצן יורידישע קאָדעקס פאַר אַלע געביטן פון לעבן.

עס האָט זיך שפּעטער אין פּוילן ביי יידן פאַרשפּרייט דער צדיקיזם. דאָס איז אָבער געווען גאָר אַן אַנדער אינסטיטוציע, וואָס האָט נישט געהאַט קיין שייכות צו רבנות.

איז תורה געווען טאַקע די בעסטע סחורה פאַר אַלע יידן, און אַ גאַנץ באַלק מאַמעס פלעגט וויגנדיק די קינדער זיך ווינטשן, אַז „יאַנקעלע וועט לערנען תורה, ספרים וועט ער שרייבן, און אַ גוטער, פרומער ייד וועט ער בלייבן״... גאַנצע שטעטלעך פלעגן זיך גרייסן מיט „אונדזער עילוי״. און וואָבער שטעטל האָט עס נישט געהאַט כאָטש איין עילוי? עס איז דאָך געווען „פול ס׳בית־מדרש / מיט קאָרפּענע קעפּ / מען לערנט אין פאַליש / מען זיצט אויף די טרעפּ״... אַזוי האָט אויסגעזען אַ יידיש שטעטל, ווי פּרץ באַשרייבט עס. „די מישפּחה — לומדים סאַמע — סאַמע גאונים, למדנים מיט אַן „אלף־בית רבנים״... אין אַזוינע מישפּחות זענען גאָר נישט זעלטן געווען אַט די עילויים, וואָס „האָבן ליב אַ בלאַט גמראַ / און האָבן חשק צו אַ סברא / און שור שנגח את הפרה / איז זיין געשעפט״... און אָט אַזאַ עילוי איז „אָנגעפּילט מיט תורה / טרעפּט ער באַלד אַריין אין קאָרב / מעג דער רמב״ם זיין ווי אַ האָרב״ (מאָניש, פּרץ). איז עס גאָר נישט זעלטן געווען אַז אַזאַ עילוי איז געווען אין גאַנצן אַ בר מצווה־בחור, און צו זעכצן־זיבעצן פלעגט שוין אַזאַ עילוי טראָגן סמיכה אין קעשענע און אַ ים מיט תורה און סברות אין קאָפּ. און צו דער חתונה פון אַזאַ איינעם פלעגן זיך צונויפפאָרן אַ „וועלט מיט רבנים״ צו הערן דעם „חילוק״, וואָס דער חתן וועט זאָגן, און חברים פלעגן זיך אַריינלאָזן אין אַ וויכוח — אַ דיסקוסיע, נאָר לשם ספּאָרט, חלילה נישט מיט די פּויסטן ווי די גויים... און פון תלמוד אָן איז געווען אַזאַ טערמין:

„תלמידי חכמים מנגחים זה את זה בהלכה" — מען שטעכט זיך, מען שלאָגט זיך מיט תורה... און יידן מיט בערד, און מיט ספרים מער ווי האָר אין דער באָרד, פלעגן זיצן, הערן און קלייבן נחת פון אָט־די תורה־ספּאָרטן...

און מערקווירדיק איז עס געווען איינגעשטעלט ביי יידן: דווקא די העכערע בילדונג, איז געווען אומזיסט. אין חדר פלעגן די עלטערן צאָלן שכר־לימוד, אין די ישיבות אָבער פלעגט מען נישט נאָר לערנען אומזיסט, מען פלעגט נאָך אויך אויסהאַלטן מיט חיונה. דאָס איז אַן איינשטעלונג פּונקט פאַרקערט ווי עס איז ביי אַנדערע פעלקער, וואָס ביי זיי איז די אָנהייב־שול אומזיסט אָבער נישט די הויכשול. און עס האָט געהאַט אַ טיפן זינען. עס איז דאָך נישט געווען קיין „בילדונג", קיין אויסבילדן פּאַכמענער לשם קאַריערעס, נישט לשם בעסערע פּרנסות, נאָר עס איז געווען תורה לשמה. דאָס פאָלק האָט גענדאַרפט די לערנער. די תורה איז דאָך געווען די „גייסטיקע טעריטאָריע" פון יידישן פאָלק, דאָס „פאָטערלאַנד אין גייסט", האָט אָט דאָס פאָטערלאַנד גענדאַרפט האָבן אַזוינע „גענעראַלן, מיניסטאָרן, פירער און זעלנער", וואָס זאָלן קענען היטן און אויפהיטן אָט דאָס „היימלאַנד" וואָס באַשטייט פון אותיות פורחות אַפילו ווען די גבילין נשרפין (די פּאַרמעטן ברענען)... זאָגט עס דאָך נאָך די גמרא, אַז די כנסת־ישראל (דאָס יידישע פאָלק) איז די פעסטונג און די בתי־מדרשים און שולן זענען די טורעמס (פסחים, פ"ז, א'). און פעסטונגען מיט טורעמס דאַרפן דאָך האָבן זעלנער, גאַנצע אַרמייען... פלעגן קליינע שטעטלעך קאָנקורירן מיט די גרויסע שטעט אין אויסהאַלטן ישיבות, פלעגן זיך יידן אָנשטרענגען ביז גאָר מיט זייערע ישיבות. פאַרקערט, זענען דווקא די גרעסטע ישיבות כמעט תמיד געווען דווקא אין קליינע שטעטלעך. „עמדו על דרכי מיר וואיישישאָק", האָט באַגייסטערט געזונגען דער „ארי שבחבורה" פון די משכילים — י. ל. גאָרדאָן, און די גרעסטע, באַרימטסטע ישיבה איז געווען אין אַ וואָלאָזשין — אַ קליין שטעטעלע ערגעץ אַרום סמאָרגאָן, און ביי יענע קאָמוניקאַציע־מיטלען — גאַנץ אָפּגערוקט פון ווילנע. רבנים אין שטעטלעך וואָס האָבן נישט זוכה געווען צו פירן ישיבות, האָבן זיך געפילט ווי פּרויען־עקרות, קינדערלאָזע... אַן אַנדער תקופה, אַן אַנדער וועלט, אַנדערע באַגריפן און אַנדערע זיטן און פירונגען. שווער, דאַכט זיך, אַ היינטיקן יידן צו פאַרשטיין יענע איינשטעלונגען. דאָס שטעטל איז געווען דער יסוד, איטלעך שטעטל — אַ קולטור־איינס, דאָ זענען געוואַקסן עילוים, גאונים. ווען אַזאַ איינער זאָל אייך אָנרופן, אַז ער שטאַמט פון אַ גרויסער שטאָט, פרעגט אים, ווי האָט מען גערופן דאָס שטעטל, וואָס פון דאָרטן זייט איר געקומען אין דער שטאָט אַריין? אַפילו דער ווילנער גאון איז אויך געקומען קיין ווילנע. איז עס געווען אַזוי, אַז די שטעט האָבן צונויפגעזאַמלט דאָס וואָס די שטעטלעך האָבן געשאַפן. די

שטעט זענען געווען די שייערן, די שפּייכלערס, וואָס אין זיי פלעגן זיך איינ־זאַמלען די פּרוכטן און די תבואות פון די קליינע שטעטלעך.

יידן האָבן אין די שטעטלעך געלעבט צווישן דעם פּויערישן דאָרף און דעם הויף פון פּריץ. דער לעצטער — ווילד, צעלאָזן, אַריינגעטאָן אין אַלערליי דערלויבטע און אומדערלויבטע פאַרגעניגנס און דער דאָרף פול מיט אָרעמע פּויערים־קנעכט, אָנאַלפאַבעטן און שיכורים, איז דאָס יידישע שטעטל געווען יאָרהונדערטער ווייט פון ביידע — ווי פון הויף אַזוי אויך פון דעם אָרעמען דאָרף, צייט־מרחקים אָנשטאָט שטח־מרחקים. האָט מען געלעבט אין גאַנצן פּאַר זיך און פאַרזיכיק, טאַקע להבדיל און שלא עשני גוי... דערמאָנט זיך פּייערבערגס דערציילונג „ביינאַכט" (בערב), ווי דער דערהרגעטער טאַטע קומט נאָך אַ פאַרבלוטיקטער צום חלום זיין זון און שרייט ער זאָל נישט גיין צום פּריץ, וואָרום דאָרטן וועט ער זיין אַזאַ גזלן־רוצח ווי דער פּריץ אַליין... אין אַ פרעמדער וועלט האָט דאָס יידישע שטעטל געלעבט אָן אייגן, גאָר ווייט לעבן. פאַרשיכורן זיך טאַקע אויך, אָבער „שיכורת ולא מיין" — דער גוף פאַרשיכורט זיך מיט ווייַן, אָבער די נשמה דאַרף נישט קיין וויין זיך צו פאַרשיכורן, דאָ דאַרף מען נישט פאַרסמען די נערוון, כדי צו זיין צופרידן, מען פאַרשיכורט זיך מיט אַ „שאַרפער סבראַ" מיט אַ „פילפלא חריפתא" — מיט אַ שאַרפן פּילפּול און דרוש. און אָט דער גייסטיקער פאַרגעניגן האָט די מעלה וואָס ער איז דויערנדיק, ער פאַרגייט נישט אַזוי ווי שיכרות, ער בלייבט. אשרי מי שזוכה לכך. דאָס איז די „עלית נשמה".

האָב איך רחמנות אויף מיינע אייגענע תלמידים, וואָס זענען נישט זוכה — נישט זיי און נישט זייערע לערער צו אָט יענעם מין לערנען, וואָס מאַכט פאַרגעסן אַלע צרות „אין אַ בלאַט גמרא, פאַררעדן דעם דלות אין אַן אַלטן מדרש" (ביאַליק). מיינע תלמידים די היינטיקע, נעבעך, ווי אַלע זייערע חברים פון דעם דור, זיי לערנען ווייל עס איז אַ צוואַנג, אַ מוזאַך... אָרעמע קינדער, נעבעך, ווי רייך זייערע עלטערן זאָלן נישט זיין, דאָך אָרעמע, פאַרשקלאַפטע, וואָס מוזן נעבעך מאַכן פאַרגעבענע לעקציעס, און הערן לעקציעס וואָס זאָגן גאָרנישט דער נשמה... און די לערער? — אויך אַזוי: מען קומט, ווייל מען מוז, מען זיצט און מען לערנט, מען חזרט איבער, מען קייט אַלץ דאָס אַלטע, און מען קוקט אויפן זייגער, ווען וועט מען שוין פטור ווערן פון דער נודנעקייט... און נישט זיי און נישט זייערע תלמידים ווייסן נישט דעם טעם פון אַ סבראַ... מיר האָבן פאַרוואָרפן אונדזערע דרכים פון לערנען און מיר האָבן גאָר אַ סך פאַרלאָרן, מיר האָבן זיך פאַרלאָרן.

כ'דערמאָן זיך: אַמאָל איז מיר אויסגעקומען אַריינצוגיין אין ירושלימער אַלטשטאָט אין אַ ישיבה מיט מיינע תלמידים פון אַ מאָדערנער אַגריקולטור־

שול. אין בית־מדרש זענען געשטאַנען יונגלעך — יונגער פון מיינע תלמידים — און פאַרוויין אויפן קול געלערנט. אויף די געסט אַפילו זיך נישט אומגע־קוקט, זיך געשאָקלט איבער די גמרות מיט ברען. מיינע תלמידים זענען שטיין געבליבן ווי פאַר אַ וווּנדער. עס האָט אין אַ טיר זיך באַוויזן אַ ראש־ישיבה. ער האָט געקוקט אויף אונדז, איך אויף אים און זיינע תלמידים. וואָס ער האָט געטראַכט ווייס איך נישט, נאָר איך האָב נישט אויסגעהאַלטן און אַרויסגעפירט מיין עולם. שוין אין דרויסן לויפט צו מיר צו אַ בחורל, און גיט מיר אַ שריי אַריין: „הלא המה משוגעים״... איך האָב אים געענטפערט: און איך וואָלט געוואָלט אַז מיין זון זאָל זיין אַזוי משוגע ווי יענע... מיינע תלמידים האָבן נאָך דעם צווישן זיך דיסקוטירט צי איך האָב עס געמיינט טאַקע אַזוי, אָדער איך האָב עס געזאָגט סתם אַזוי...

עס שטעלט זיך אַ פראַגע: פאַרוואָס איז אַנדערש די באַציִונג פון די לער־נער צום לערנען? פאַרוואָס דאָ אַזאַ אַפּטע התמדה און דאָרטן אַזאַ אַפּטע פויל־קייט? פאַרוואָס דאָ אַזאַ קאָנצענטרירטקייט און דאָרטן אַזאַ צעשטרייטקייט?

אונדז וועט נאָך אויסקומען צו באַרירן די פראַגע אין קאַפּיטל וועגן דער תלמודישער דידאַקטיק. דאָ וועט זיין גענוג צו זאָגן, אַז דאָ ווירקט די באַציִונג פון דער סביבה. אַז אַלע אַרום לערנען, אַלט און יונג, אַז דער בית־מדרש איז געדיכט באַזעצט, נעמט גאָר אָן אַנדער חשק אויך די תלמידים. אָבער אַז אַלץ אַרום לערנט נישט, אַז קיינער נעמט נישט קיין ספר אין האַנט, אַז דער גאַנצער אינטערעס פון די גרויסע איז אין שפּיל און פאַרווילונג, טאָ ווי זאָלן די קינדער זיין אַנדערש? פאַרוואָס איז גאָר אויף זיי אויסגעפאַלן די „קללה״ צו זיצן און צו לערנען? בעת אַרום, אין דער וועלט פון דערוואַקסענע איז גאָר נישט צו געפינען אַזאַ מין זאַך ווי לערנען. דאָס איז אַחוץ די פּעדאַגאָגישע מעלות פון דעם תלמודישן לערנען.

## איבער די לאַנגע וועגן פון אַנטוויקלונג

עס איז קלאָר אַז אַזאַ מדרגה פון תורה־לעבן איז אַ רעזולטאַט פון אַן אומגעהייער דויערנדיקן פּראָצעס פון אַנטוויקלונג: ביז עס איז געקומען צום באַוווּסטזיין פון פאָלק ווי אַ גאָטס מתנה. וועלן מיר פּרובירן ווי עס איז אָנצו־מערקן די עטאַפּן פון אַזאַ לאַנגן פּראָצעס.

### א. דאָס לעבן גייט אָן באַוווּסטזיין

גרויס און שטאַרק קאָמפּליצירט איז דאָס לעבן אויף דער ערד. אָבער אַלע פּראָצעסן פון לעבן גייען לגמרי אָן באַוווּסטזיין. פון אַלע מיליאָנען מינים

באַשעפענישן איז בלויז איין מין באַשאַנקען מיט באַוווסטזיין. דאָס איז דער מענטש, דער „האָמאָ סאַפּיענס". אָבער אויך זיין באַוווסטזיין איז נאָר אַ טייל־ווייזער. ער ווייס נאָר אַ קליינעם טייל פון די לעבנס־פּראָצעסן וואָס קומען פאָר אין אים גופא, און נאָך ווייניקער ווייס ער — דער שכלדיקער מענטש — פון דעם אַלעם וואָס עס לעבט אַרום אים. נאָך ווייניקער הייבט ער אָן צו וויסן פון דעם אַלעם וואָס זיין מין האָט דורכגעמאַכט פון אָנהייב אָן ביז צו דער היינטיקער מדרגה. און נאָך אַלעמען איז דער באַרימטער באַוווסטזיין אויך אַ קנאַפּער בעל־דעה אויף דעם לעבן, אויף דעם אויפֿפיר פון דעם מענטשן גופא. אַ משל צו וואָס עס איז געגליכן — עס גייט אַן אויטאָ, דער מאָטאָר אין אים איז באַהאַלטן, מען זעט אים נישט אַרויס, אָבער פאָרויס זענען דאָ די לאָמפּן וואָס באַלייכטן דעם וועג. עס וואָלט אָבער געווען גאָר נאַריש ווען די לאָמפּן הייבן זיך אָן באַרימען אַז זיי פירן דעם וואָגן...

אָדער אַ צווייטער משל: אַ טאַשמע פון אַ קינאָמאַטאָגראַף. זי באַשטייט פון טויזנטער, טויזנטער באַזונדערע בילדעלעך. אָבער בלויז איינס פון זיי איז באַלויכטן אין יעדן מאָמענט, אַלע איבעריקע זענען באַהאַלטן אין דער פינצטער. אַזוי איז עס אויך ביי דעם מענטשן. דאָס גאַנצע לעבן באַשטייט פון כסדרדיקע אַקטיווע פּראָצעסן. און ווי ביי אַלע אַנדערע באַשעפענישן זענען די מאָטאָרן, די באַוועגער פון די פּראָצעסן באַהאַלטן, בלויז אַ קליינער טייל פון זיי איז באַלויכטן דורך די לאָמפּן פון באַוווסטזיין. און אַ טייל פון די באַוווסטזיניקע האַנדלונגען פּרובירט דער מענטש דערקלערן, מאָטיווירן. און ווייט נישט אַלע מאָל שטימען די מאָטיווירונגען פון דעם מענטשן מיט די אמתע מאָטיוון פון זיינע האַנדלונגען און פירונגען. די מאָטיווירונגען, וואָס דער מענטש דערקלערט זיינע האַנדלונגען מיט זיי, זענען אָפט בלויז מאָטיווירונגען, אָבער זיי זענען נישט די אמתע מאָטיוון, וואָס האָבן געבראַכט די „כלומרשט באַוווסטזיניקע" האַנדלונג. על פי רוב קומט גאָר די מאָטיווירונג פּאָסט פאַקטום. און זייער אָפט קען גאָר דער מענטש אַליין נישט וויסן די אָביעקטיווע מאָטיוון פון זיין האַנדלונג. זיי ליגן גאָר טיפער פון זייַן באַוווסטזיין, פון זיין וויסן בכלל. זיי, די אמתע מאָטיוון, ליגן אָפט אין דער אומענדלעכער קייט פון פאַרגאַנגענע דורות ביז דעם אינדיוויד און זיין האַנדלונג. און דאָ קומען מיר צום באַגריף

## ב. פאָלק

מיר נעמען אָן פאָלק ווי אַ קאָלעקטיוון אָרגאַניזם, ווי אַן „איבעראָרגאַנישער אָרגאַניזם". דער תוך פון לעבן איז דאָס כסדרדיקע ענדערן זיך, אין יעדער קעמערל באַזונדער און אין דעם אָרגאַניזם בכלל. יעדער געוועב, יעדער

קעמערל אין אָרגאַניזם, יעדער יחיד אין פאָלק איז אַקטיוו, ענדערט זיך, אָבער די אַלגעמיינע נעמען פון דער האַנדלונג, פון אויפפיר זענען אַלע אין די ראַמען פון דעם קאָלעקטיוו, פון דעם אָרגאַניזם בכלל, פון פאָלק ווי אַזאַ, לגמרי אומאָפּהענגיק פון דעם פּריוואַטן באַוווסטזיין פון יעדן באַזונדערן יחיד ווי ער איז און ווי ער אַליין דערקלערט און פאַרשטייט זיין פּריוואַטע האַנדלונג. על פּי רוב ווייס דער מענטש אַליין גאָר נישט, אַז די פאָרמען פון זיין האַנדלונג זענען לגמרי נישט קיין תולדה פון זיין ווילן, פון זיין וויסן, נאָר זיי שטאַמען גאָר פון אומצאָליקע דורות פאַר אים אין לעבן פון זיין פאָלק, וואָס ער אַליין הייבט לגמרי נישט אָן צו וויסן פון זיי. ווי דער מענטש אַליין, אַזוי אויך זיין אויפפיר און זיין פּסיכיק זענען אַלע אַ פּראָדוקט פון דער לאַנגער געשיכטע פון דעם קאָלעקטיוו, פון פאָלק. און די געשיכטע פון פאָלק, וואָס ווערט געלערנט אין שולן, איז פאַר זיך נאָר אַ קליינער טייל פון די איבערלעבונגען אין פאָלק, וואָס זיי ווערן לגמרי נישט געלערנט... אָט זינגט אַ יידיש פאָלקסלידל, אַז אַ גוי גייט אין שענקל אַריין, אין שענקל אַריין ווייל ער איז אַ גוי, ווייל שיכור איז ער, טרינקען מוז ער, ווייל ער איז אַ גוי... און אַ ייד גייט אין בית-מדרשל אַריין, ווייל ער איז אַ ייד, לערנען דאַרף ער, לערנען מוז ער ווייל ער איז אַ ייד... אין זיין צייט איז דאָס לידל געווען ריכטיק, און די אויסדרוקן „ייד" און „גוי" האָבן בפירוש געשטימט מיט אומצאָליקע דורות אַנטוויקלונג פון די צוויי הגם שכנהשע פעלקער אָבער דאָך אין גרונט פאַרשיידענע, ווייל פאַרשיידן איז געווען זייער געשיכטע.

עס טרעפט אַז דער באַוווסטזיין פון אַ מענטשן ענדערט אַמאָל די האַנדלונג זיינע. דערפאַר איז גערעכט די גמרא וואָס זאָגט, אַז „אדם ניכר בכיסו, בכעסו ובכוסו". אין די דריי פאַלן איז דאָס באַוווסטזיין אַ קנאַפּער בעל-דעה, און דערפאַר קומט אַרויס בולטער דער נאַטירלעכער, איינגעבאָרענער, אומבאַוווסטזיניקער כאַראַקטער פון דעם מענטשן, ער איז מער אַזוי ווי ער איז פון דער נאַטור, פון דער געשיכטע. און אַזוי איז אויך מיט אַ קאָלעקטיוו, מיט אַ פאָלק, דאָס באַוווסטזיניקע פון אַ פאָלק — דאָס דאַרף מען זוכן ביי זיין אינטעליגענץ. דאָס אומבאַוווסטזיניקע — דאָס איז ביי דעם פּשוטן, אומגעבילדעטן, אָפּט אַנאַלפאַבעטישן טייל פון פאָלק, ביי דעם עם הארץ, וואָס לעבט אַזוי ווי זיין טאַטע האָט געלעבט, ווי עס האָבן געלעבט דורות פאַר אים. וויל מען קענען אַ פאָלק, דאַרף מען גיין צום עם-הארץ. דאָ ליגט דער תוך פון אַ פאָלק, אַל-דאָס פאָלקישע איז דאָ איינגעפּעסטיקט פונדאַמענטאַל. וויט נישט אַלע מאָל שטימט די אינטעליגענץ מיט דעם עם-הארץ. און ווער איז גערעכט? דערויף האָט נאָך געענטפערט דער אַלטער הילל: „פוק חזי עמא מאי דיבר" — גייט

און זעט וואָס דאָס פאָלק רעדט, ווי דאָס פאָלק פירט זיך. „אויב זיי זענען נישט קיין נביאים, זענען זיי דאָך בני נביאים”.

עס טרעפן אויך ביי אַ יחיד קאָנפליקטן צווישן דעם באַוווּסטזיין און דעם אונטערבאַוווּסטזיין. דעמאָלט איז עס אַ קראַנקייטן וואָס קען פירן ביז צו זעלבסטמאָרד. אויך ביי אַ קאָלעקטיוו, ביי אַ פאָלק איז ווייט נישט אַלע מאָל די אינטעליגענץ אין גאַנצן געבונדן מיט דעם עם־הארץ. עס טרעפט אַז די אינטעליגענץ איז נישט אָרגאַניש. דערפאַר איז געזעצט די גמרא וואָס זאָגט: „הזהרו מבני עם הארץ שמהם תצא תורה”. איך בין זיכער אַז מען מיינט דאָ נישט דווקא די פיזישע קינדער פון דעם עם־הארץ, נאָר דעם אָפּשטאָם, די תורה וואָס וואַקסט אַרויס פון דעם עם־הארצישן לעבן, שטייגער. עס איז ביי אונדז געשען נישט איין מאָל אין דער געשיכטע, אַז די אינטעליגענץ איז געווען נישט אָרגאַניש, נישט אויסגעוואַקסן פון פשוטן פאָלק און פון זיין שטייגער, פון זיין פסיכיק. קיין געזונט איז דעם פאָלק פון דעם קיין מאָל נישט צוגע־קומען. די השכלה־באַוועגונג — צי גוט, צי נישט גוט, אָבער פון פאָלקס לעבן אין פון זיין מהות איז זי נישט אַרויסגעוואַקסן, און דערפאַר האָט זי געמוזט פאַרפירן, ווי עס איז טאַקע געשען. גאָר אַנדערש איז עס געווען מיט דער מוסר־באַוועגונג, למשל. איז ר׳ ישראל סאַלאַנטער געווען טאַקע דער גרויסער תלמיד־חכם, אָבער זיין תורה איז געווען דורכויס אין גייסט פון פאָלק. אַזוי, למשל, אויך מיט דער חסידישער באַוועגונג, וואָס איז דורכויס פאָלקיש. ר׳ ישראל סאַלאַנטער האָט נאָר אַרויסגעבראַכט דאָס וואָס עס איז אין פאָלק געווען פון פריער, פון תמיד, דערפאַר איז עס אָרגאַניש. בעת די השכלה איז טאַקע געווען נישט אָרגאַניש. פעלקער שלאָגן אונדז, אָבער איטלעך פאָלק שלאָגט אונדז אַנדערש, לויט זיין כאַראַקטער, לויט זיינע טראַדיציעס, אויסגעאַרבעטע אין משך פון דורות און דורות.

עס טרעפט — איר רעדט מיט אַ מענטשן און איר פילט אין זיין רעדן, אין דעם טעמבער פון זיין שטים, אין דעם אַקצענט, אין דער מוזיקאַלישקייט און אַזוי אויך אין דער לאָגיק פון דעם זאַץ — אַט אַזוי רעדט אַ פאָלק. מעג דער מענטש זיין פון דער העכסטער אינטעליגענץ, אָבער דאָס פאָלקישע אין אים איז באַלד קענטיק, בולט. איר לייענט אַ בוך, און איר ווייסט נישט ווער עס איז דער שרייבער, אָבער עס איז נישט שווער צו דערקענען צי דער שריי־בער איז אַ קינד פון דעם אָדער פון אַ צווייט פאָלק: כאַראַקטעריסטיש אַנדערש גיסט זיך גאָר די באַשרייבונג, אַנדערש איז דער געמיט פון שרייבן. דאָס איז אַלץ גערעדט ווען די אינטעליגענץ פון פאָלק איז אָרגאַניש פאָלקיש. די אינ־טעליגענץ ברענגט אַרויס אויפן אויבערפלאַך דאָס וואָס ביים פאָלק איז טיף אָרגאַניש אונטערן באַוווּסטזיין. דאָס איז אָבער גערעדט געוואָרן נאָר בנוגע

צו אַן אינטעליגענץ וואָס איז דורך און דורך פאָלקיש, וואָס שטאַמט שפּראַך־לעך און גייסטיק פון פאָלקישע פירונגען און טראַדיציעס, וואָס איז אמתדיק „פון די בני עמי הארצים״. פאַרקערט, איז עס זייער טראַגיש ווען די אַקטיווע אינטעליגענץ קומט צו אונדז פון דער פרעמד, ווען זי איז שפּראַכלעך און אינטעלעקטועל אַן איבערגעזעצטע. אַזאַ אינטעליגענץ מוז זיין אַ מין דור הפלגה, וואָס קען זיך נישט צונויפרעדן, מען ציט אין פאַרשיידענע ריכטונגען אַפילו ווען דער ווילן איז אַ גוטער. די דערשיינונג זעען מיר, צום באַדויערן, איצט זייער אָפט אין יידישן לעבן.

און אַזוי גייט אַלע מאָל די אָרגאַנישע אַנטוויקלונג פון אַ פאָלקס קולטור. דער אָנהייב ליגט תמיד איז דעם פאָלקישן, עם־הארצישן אומבאַוווסטזיין ביז די אינטעליגענץ — דער יחיד אָדער דער כלל ברענגט עס אַרויס אויף דעם אויבערפלאַך פון באַוווסטזיין.

## די אַנטוויקלונג פון דער תורה

מיר האָבן זיך באַמיט אַנצוּוואַרפן אַ בילד פון אונדזער לעבן אין דער תורה ווי עס האָט אויסגעזען אין דער פאַרגאַנגענער תקופה, אָבער עס איז קלאָר אַז צו אַזאַ מדרגה האָט עס געקאָנט דערגרייכן בלויז נאָך אַ לאַנגער אַנטוויקלונג. עס איז דאָך נישט בלויז אַ וואָרט „תורה״; עס איז דאָך אַ גאַנצער און אַ גרויסער סכום קולטור. טאָ ווי אַזוי איז עס דערגאַנגען ביז אַזוי ווייט?

די גמרא דערציילט אַז אברהם אָבינו האָט מקיים געווען די גאַנצע תורה, אַפילו אַן עירוב תבשילין (יומא, כ״ח, ב׳). אין דעם זאָג איז פאַראַן, פאַרשטייט זיך, אַ גרויסע גוזמא, אָבער עס איז דאָ אויך פאַראַן אַ גרויסער אמת: יעדער פאַרשריבענע נאָרמע, יעדער שטייגער וואָס ווערט רעגיסטרירט, קאַנאָניזירט איז פריִער פאַראַן אין לעבן. אברהם און זיינע קינדער זענען געווען יידן. אָבער מיט וואָס? — מיט זייער אויפפיר, מיט זייער שטייגער לעבן, מיט די פאָרמען פון זייער לעבן. צי די פאָרמען זענען געווען פונקט אַזוינע ווי זיי זענען באַר שפּעטער פאָרמולירט געוואָרן אין שולחן ערוך, — דאָס איז שוין לגמרי נישט וויכטיק, אָבער דאָס איז וויכטיק, וואָס שוין ביי די ערשטע יידן איז געווען אַן איינגעשטעלטער שטייגער, מנהגים, און זיי — אָט די מנהגים — זענען געווען די תורה נאָך איידער די תורה איז געגעבן געוואָרן. אַז אַזאַ „תורה שבעל פה״ (אַן אומפאַרשריבענער סכום פירונגען) איז געווען, ווערט באַשטעטיקט פון דעם קלאַסישן פאַרשער א. ה. ווייס אין זיין „דור דור ודור־שיו״ און אויך פון אַנדערע. אַנדערש קען עס גאָר נישט זיין. דורך אָט־די מנהגים האָבן זיך די ערשטע יידן, די בני אברהם אויסגעצייכנט, אָפּגעשיידט

פון אַלע אַרומיקע פעלקער און שבטים. צי דאָס זענען געווען באַוווסטזיניק־פאַרהייליקטע תורות איז נישט וויכטיק. אָבער שוין אויף דער מדרגה הייבט אָן איין דור צו לערנען די קינדער, דעם יינגערן דור ווי זיך צו פירן, ווי צו האַנדלען, ווי צו גיין אין „די וועגן פון די עלטערן" און אָט פאַר די אָנווייזונגען און באַלערנונגען האָט מען גענוצט דאָס וואָרט „תורה". דאָס איז אויך דער בוכשטעבלעכער זינען פון דעם וואָרט — פון וואָרט ירה — אָנווייזן, ווי מורה וכדומה. אין חומש זענען פאַראַן זייער פיל אַזוינע אויסדרוקן, ווען דאָס וואָרט תורה באַצייכנט איינצלנע, באַזונדערע שטייגער־עלעמענטן, פירונגען, ווי, למשל: „זאת התורה לעולה ולחטאת"; „זאת התורה לנגע צרעת" און אַזוי אין אַ סך ערטער. דאָ אומעטום מיינט דאָס וואָרט תורה אייגנטלעך דאָס זעלביקע וואָס מען האָט שפּעטער, אין דער צייט פון בית־שני באַצייכנט מיט דעם וואָרט „הלכה". אַז עס שטייט „תורה אחת תהיה לכם — לגר ולתושב" מיינט עס: איין פאָרעם פון באַהאַנדלען אַלעמען גלייך. אָדער אין משלי, — אַ סך שפּעטער ווי די געבראַכטע מוסטערן פון חומש: „שמע בני מוסר אביך ואל תיטוש תורת אמך", מיינט עס פּשוט די אָנווייזונגען וואָס אַ מאַמע גיט אירע קינדער ווי זיי זאָלן זיך פירן. און אַזוי אַ סך מאָל. ערשט אין ספר דברים, וואָס איז אויפגעקומען שפּעטער, איז פאַראַן עטלעכע מאָל דאָס וואָרט תורה אין זינען פון אַ זאַמלונג אָנווייזונגען און פירונגען, מנהגים, אויך פיגורירט שוין דאָרטן אַן אויסדרוק „ספר התורה". אַזוי איז אויך געגאַנגען די שפּראַכיקע באַנוצונג פון דעם וואָרט. אַן אויסדרוק ווי „תורת החטאת" אין סמיכות מיינט פּשוט קרבן־חטאת־פאָרעם, אָבער אַז עס קומט אַזאַ אויסדרוק ווי „זאת התורה — אדם כי ימות באוהל", דאָס איז די תורה (מיט אַ' ה הידיעה — התורה). איז אָט אַזאַ פאַרבינדונג געווען קשה פאַר די בעלי־התלמוד: וואָס הייסט עס — דאָס איז די תורה, אַז מענטש ווערט שטאַרבן? פאַר זיי איז דאָך שוין דאָס וואָרט תורה געווען אידענטיש מיט דעם גאַנצן סכום געזעצן, מיט אַלע אָנווייזונגען, מיט דער גאַנצער תורה שבכתב און בעל פה, איז וואָס איז דאָס עפּעס פאַר אַזאַ פאַרבינדונג: „אָט איז די תורה — אַז אַ מענטש שטאַרבט"... האָט מען זיך אַן עצה געגעבן מיט אַ דרש: פון דעם איז געדרונגען, אַז די תורה בלייבט נאָר ביי די וואָס זענען זיך ממית איבער איר (אין דברי תורה מתקיימין אלא במי שממית את עצמו עליהם (גיטן, נ"ז, ב'; ברכות, ס"ג, ב'). עס איז שוין אויך געווען קשה פאַר דעם תרגום יונתן, און ער זעצט איבער „דא אחווית אורייתא" (דאָס זאָגט אָן די תורה). אויך דער תרגום יידיש יהואש זעצט איבער „זאת התורה — דאָס איז דער דין". ווי מיר האָבן פריער געשריבן, אַז לכתחילה איז תורה געווען דאָס וואָס שפּעטער האָט געמיינט דאָס וואָרט הלכה און שפּעטער האָט שוין געמיינט גאָר די יידישקייט, דער גאַנצער סכום פון יידישער אָנ־

דערשקייט און פאַרזיכיקייט ביז עס איז געוואָרן איינס מיט ייִדישקייט, קול־טור און אויך רעליגיע. ישראל ואורייתא חדא. אַזאַ פּראָצעס האָט געמוזט גע־דויערן זייער לאַנג, עס מוז נעמען אַ סך דורות ביז די שטייגער־פאָרמען ווערן איינגעשטעלטע נאָרמען, ביז זיי ווערן אַ טייל פון נאַציאָנאַלן באַליבטן און פאַר־הייליקטן געזעץ, ביז זיי ווערן אַ תורה. און נאָך דעם דאַרף נאָך ווידער נעמען צייט ביז זיי ווערן צונויפגענומען אין איינעם, ביז פון תורות ווערט איין ספר התורה הזאת. דער פּראָצעס האָט זיך אָנגעהויבן נאָך אין צייט פון בית־ראשון. אין ירמיהוס צייטן איז אויפגעקומען דער ספר דברים און אַ סך האָב אויף דעם געביט געטאָן די סופרים אין בבל און אין צייט פון בית שני. עזרא האָט שוין געהאַט פאַר זיך די תורה פאַרשריבן און ער האָט אַ סך אויפגעטאָן צו פאַר־שפּרייטן די תורה אין פאָלק און איינפירן אין לעבן אירע געזעצן.

אָבער אין משך פון אַט דער לאַנגער צייט האָט זיך דאָס לעבן פון פאָלק זייער שטאַרק געביטן, געהאַלטן אין ענדערן. די נאָרמען און געזעצן וואָס זענען איינגעשטעלט געווען אין צייט פון בית־ראשון, און וואָס זענען פאַר־הייליקט געוואָרן דורך עזרא און זיינע נאָכאָפּלגער, האָבן זייער אָפט נישט געשטימט מיט די שטייגער־פאָרמען פון דעם נייעם לעבן אין די נייע באַ־דינגונגען. פון דער נאָמאַדן־תקופה, ווען די אַלטע פאָרמען האָבן זיך אָנגע־הויבן איינצושטעלן ביז דער צייט פון בית־שני איז דאָך אַ מהלך רב. ווי־זשע בינדט מען צונויף די אַלטע פאַרהייליקטע געזעצן מיט די נייע פאָרמען?

## צדוקים און פּרושים

זענען געווען צוויי שיטות. די ערשטע האָבן זייער שטאַרק געהאַלטן פון דער פאַרשריבענער תורה, מען טאָר אין איר נישט ענדערן קיין אות, אַלץ וואָס אין איר שטייט טאָר נישט געענדערט ווערן. עס איז ווי אַ הייליקער בעכער וואָס טאָר נישט איבערגעשמאָלצן ווערן, ווי דער געשטאָרבענער באַ־בעס אוירינגלעך, וואָס ליגן אין ירושה־קאַסטן באַהאַלטן, מ׳טאָר זיך גאָר צו זיי נישט צורירן... צו דעם הייַנטיקן אַקטועלן לעבן האָט די תורה־רעליקוויע נישט קיין דירעקטע שייכות. הייליקע אַלטמאָדישע ירושות און דאָס הייַנטיקע אַקטועלע לעבן — זיי זענען צוויי באַזונדערע געביטן. פאַראַן אַ מיינונג אַז די צדוקים האָבן אַליין זיך געהאַלטן פאַר צדיקים (רנ״ק און אַנד׳), זיי האָבן געקוקט אויף אַנדערע ווי זיי וואָלטן מחלל געווען די קדושה פון דער פאַר־הייליקטער תורה.

פון דער צווייטער זייט זענען געווען די פּרושים — אַ פאָלקסטימלעכע אינטעליגענץ מיט אַ סך צוגעבונדנקייט צום פאָלק און צו זיין לשון (אַראַמיש),

צו זיין שטייגער, זיי האָבן זיך דערלויבט צו זאָגן — לאָז זיי — דעם פּשוטן פּאָלקס־טאָן ווי זיי זענען געוווינט, ווייל אויב נישט קיין דירעקטע נביאים, זענען זיי אָבער בני נביאים. זיי האָבן זיך נישט געשעמט צו מינימיזירן די אומבאַרירלעכקייט פון דער פאַרשריבענער תורה. זיי האָבן געשטעלט העכער די פאָלקישע מנהגים, זיטן און מנהגים ווי די פאַרשריבענע תורה. „וחכמים עשו חיזוק לדבריהם יותר משל תורה" (יבמות, ל"א, ב'; עירובין, עז"ב; כתובות, נ"ז, א') און אין אַנדערע ערטער. מען האָט זיך נישט געשטערט מבטל צו זיין אַ בפירושן געזעץ פון דער תורה „מוטב שתעקר תורה מישראל ולא תשכח תורה מישראל" (תמורה, י"ד, ב') אָדער „פעמים שביטולה של תורה זוהי קיומה (מנחות, צ"־צ"ט). מען האָט אַפילו מבטל געמאַכט קלאָרע, בפירושע דינים פון דער תורה, ווי די מים המררים און נאָך, מען האָט רעפאָרמירט ווי „עין תחת עין — ממון" וכדומה. אין דער תורה שטייט קלאָר און דייטלעך אַ געזעץ וועגן אַ בן סורר ומורה, וואָס דאַרף געהרגעט ווערן. קומט אַ גמרא און זאָגט ,אַז „בן סורר ומורה לא היה ולא עתיד להיות (סנהדרין). זיי — די פּרו־שים האָבן געהאַט צוויי פּרינציפּן: די נייע איינגעשטעלטע און איינהייטלעכע נאָרמען פון לעבן זענען דער עיקר פון ייִדישקייט. די פאַרשריבענע תורה קען מען איבערזעצן און אַלע קענען האַלטן פון איר, און דערמיט איז מען נאָך אָבער נישט קיין ייִדן. דער בונד וואָס גאָט האָט געמאַכט מיט זיין פאָלק איז נאָר צוליב דער תורה שבעל־פה — דער שטייגערישער ייִדישקייט. אָט דאָס זענען געווען די צוויי קעגנגעזעצטע ריכטונגען אין ייִדישן לעבן — די צדו־קים און פּרושים. אָדער, אָדער —

אָדער די תורה איז אַ באַלזאַמירטע הייליקייט וואָס ענדערט זיך נישט און דערפאַר לעבט זי שוין אויך נישט מער, ווייל לעבן מיינט כסדרדיקע ענדע־רונגען. אָדער די תורה לעבט און האַלט זיך יאָ אין כסדרדיקן ענדערן זיך. דאָס איז דער ערשטער פּרינציפּ פון די פּרושים. און דער צווייטער איז — יעדער נייע אידעע, יעדער נייער פּרינציפּ מוז אָפּשטאַמען פון דער תורה, אָבער אַזוי ווי נייע צווייגן און בלעטער שטאַמען פון אַלטע וואָרצלען. אַלע נייע פאָרמען און נאָרמען דאַרפן זיין הלכה למשה מסיני, זיי מוזן האָבן אַ בית־אָב, אַן אָפּ־שטאַם, וואָס אָן דעם איז קיין תורה נישט קיין תורה. און דערפאַר האָט מען כסדר געזוכט צו געפינען אין דער תורה אַ סימן פאַר אַלץ וואָס איז ניי. מן התורה מנין? איז געווען די כסדרדיקע פראַגע.

דאָס האָט געפירט די זעלביקע פאָלקסטימלעכע אינטעליגענץ — די פּרו־שים — צו גאָר אַן נייעם מעטאָד פון שטודירן די תורה, וואָס איז אין גאַנצן אייגנאַרטיק. די אידעע פון אָט־דעם נייעם דרך איז געווען, אַז די תורה איז לגמרי נישט נאָר דאָס וואָס עס שטייט פאַרשריבן, די תורה איז לכתחילה גע־

געבן געוואָרן נישט נאָר ווי עס שטייט אין איר פאַרשריבן, נאָר מיט דער אויסרעכענונג מען זאָל אין איר קענען אַריינלערנען, אַריינדרשענען, אַריינגעמען אַלץ וואָס עס וואַקסט אָן אין יידישן לעבן און אַלץ וואָס עס וועט נאָך אָנוואַקסן, אַלץ וואָס אַ פעיִקער לערנער וועט ווען עס איז אפשר מחדש זיין — אַלץ איז פון לכתחילה אָנגעוווּנקען אין דער תורה. נישטאָ קיין געדאַנק וואָס איז נישט פאַראַן פאַר דעם אַ רמז אין דער תורה. מען דאַרף נאָר קענען דאָס אַלץ אויסגעפינען, אָנבינדן. מעג עס זיין אַ וואָרט, אַ זאַץ, אַן אות, אַ שטריכעלע — אַלץ און אויף אַלץ מעג מען, דאַרף מען דרשענען. דאָס גאַנצע יידישע לעבן, דער גאַנצער יידישער געדאַנק וואָס איז אַקטועל איז געגעבן פון לכתחילה אין דער תורה, הגם נישט געזאָגט אָפן. און דאָס אַריינגעלערנטע, אַריינגעדרשנטע איז אַזוי וויכטיק און נאָך וויכטיקער ווי דאָס וואָס עס שטייט פאַרשריבן בפירוש...

פון איין זייט איז די תורה לגמרי נישט קיין פאַרשלאָסענער אוצר פון אַ פריערדיקער תקופה, וואָס איז שוין מער נישט אַקטועל, הייליק ווי עס איז הייליק אַן אַלטער, אוראַלטער דענקמאָל פון פאַרגעסענע צייטן. די תורה איז און מוז בלייבן אַקטועל אין אַלע צייטן, אין אַלע תקופות. און פון דער צווייטער זייט איז אַלץ וואָס עס שאַפט זיך איצט, אַקטועל אין יידישן לעבן הן אין געדאַנק, הן אין מעשים, הן אין וואָרט און הן אין טאָט, — אַלץ איז ווידער הייליק, און אָט דאָס אַקטועלע באַשטעטיקט דורך די אַקטועלע חכמים פון זייער צייט איז נאָך אפשר הייליקער ווי דאָס פאַרשריבענע אין תורה.

אָט דער מעטאָד פון שטודירן די תורה האָט געקראָגן דעם נאָמען תלמוד תורה. מיט דער צייט, אין משך פון דורות איז אָט־די סיסטעם פון לערנען, פון פאַרנעמען זיך מיט דער תורה געוואָרן פאַר זיך אַ גאַנצע קולטור און אַ גרויסע אייגנאַרטיקע קולטור, וואָס האָט געהערשט אין יידישן לעבן אין משך פון דער גאַנצער תלמודיש־שטעטלשער תקופה, ד״ה — ביז אונדז. מיר וועלן זיך מיט דער קולטור פון תלמוד תורה פאַרנעמען באַזונדער, אָבער פריִער מוזן מיר דורכשטודירן אַ שטילע אָבער אַ גראַנדיעזע אַנטוויקלונגס־עוואָלוציע, וואָס די זעלביקע פרושים און זייערע נאָכפאָלגער — די חכמי התלמוד האָבן דורכגעפירט אין די באַגריפן וועגן גאָט. וויבאַלד מיר באַהאַנדלען די טעמע פון דער תורה־אַנטוויקלונג קענען מיר די פּראָבלעם נישט אויסמיידן.

## עטוואָס וועגן דעם גאָט-באַגריף

מיט אַן אמתן ציטער פון יראת הרוממות נעם איך זיך צו שרייבן אויף דער טעמע, וואָס אַלע גדולי ישראל האָבן זיך אָפּגעהאַלטן זי צו אַנטפּלעקן

אין איר גאַנצער גרייס און אין איר אומגעהייערער טיפקייט. אַ פּשיטאַ שוין אַן איינפאַכער פּשוטער ייִד, אַ קטן שבקטנים. אפשר טאָר גאָר נישט אַזאַ איי־נער זיך נעמען דערצו ער זאָל נישט געשטרויכלט ווערן אין זאַכן וואָס זענען אייביק הייליק און אומעטום הייליק און פול מיט סודות און רמזים. מיר מוזן אָבער עס האָבן דאָ אין פאַרבינדונג מיט דער גאַנצער אַנטוויקלונג וואָס עס האָט דורכגעמאַכט דער ייִדישער געדאַנק פון די בראשיתדיקע תורה־באַגריפן ביז צום עטאַפּ פון תלמוד־תורה. נעם איך זיך צו דעם טאַקע בדחילו ורחימא. און ווידער וויל איך דאָ נישט קומען מיט מיינע טעאָריעס, איך וויל נאָר וויזן ווי עס האָבן זיך געביטן די פאָרשטעלונגען און באַגריפן ביי אונדזערע אבות און לערער.

בכלל גענומען האָבן מיר איצט צווייערליי גאַטפּאַרכטיקע ייִדן. פאַראַן ייִדן וואָס האָבן מורא פאַר דעם גאָט וואָס זעט אַלץ און ווייס אַלץ און ער פירט דעם חשבון פון יעדן ייִדן באַזונדער, און ער היט די חשבונות און וועט איט־לעכן באַזונדער צאָלן אם־ירצה־השם אויף יענער וועלט... און פאַראַן ייִדן וואָס ציטערן ממש עס זאָל זיך צו זיי נישט צוקלעפּן קיין שמץ פון יעדער גלויבן אין גאָט, וואָס „נאַרישע" מגידים און „פּיפּיקע" רבנים האָבן אויסגעטראַכט צו שרעקן דאָס אָרעמע פאָלק, נעבעך... זיי וויסן אויף קלאָר, אַז ס'איז נישטאָ קיין גאָט און לית דין ולית דיין, הפקר־פּעטרישקע און עס איז אַ מצווה צו טאָן אַלץ פאַרקערט, ווי די נאַרישע גלייביקע ייִדן פירן זיך. ווי יענער קליינ־שטעטלדיקער אַפּיקורס האָט געלערנט זיין כלה, אַז עס איז נישטאָ קיין נשמה, עס איז פאַראַן „וואָזדוך" (לופט)...

ביידע אידעען זענען פּרימיטיוו פאַלש, פאַרשטייט זיך, און נישט אַזוי „פּטרט" מען אָפּ אַ באַגריף וואָס באַהערשט די גאַנצע מענטשהייט אויף דער וועלט און וואָס אַלע מענטשן אין אַלע לענדער און צייטן פאַרבינדן מיט אים דאָס העכסטע און דערהויבנסטע, פון די גאָר פּרימיטיוויסטע פעלקער און ביז איינשטיינען, וכדומה. דאָס ייִדישע פאָלק האָט פון אייביק פאַרבונדן זיינע גורלות מיט דעם אלוהי אברהם און ביז „טאַטע האַרציקער, די הענט נישט געוואַשן". קודם־כל פאָדערט אַזאַ באַגריף גרויס דרך־ארץ.

**
*

ווי די מענטשן אַזוי זייערע באַגריפן. אין דער תורה, אין חומש זענען פאַראַן גאָר אַ סך אַנטראָפּאָמאָרפישע אויסדרוקן וועגן גאָט. דער בורא־עולם שפּאַצירט לרוח היום, ער שמועסט זיך דורך מיט אַלע מענטשן, ער שילט דעם פאַרזינדיקטן, ער נעמט געבן אויף קרבנות, ער ווערט אין כעס, עס „רויכערט

זיין נאָז (ויחר אף), אין גרימצאָרן, ער מאַכט אַ מבול און שפּעטער האָט ער חרטה. ער איז אַ „איש מילחמה", אַ „גיבור מילחמה". איטלעך פאָלק האָט זיך זיין גאָט: ייִדן האָבן זייער גאָט מיט אַזאַ און אַזאַ נאָמען און מואב האָט זיין גאָט כמוש — איטלעך פאָלק איז שטאַרק מיט זיין גאָט און ווי זיין גאָט. גאָט איז דאָ איין גרויסער נאַציאָנאַלער מיטאָס. אָבער שוין די גרויסע נביאים האָבן נאָך אין די צייטן פון ערשטן בית געגומען לערנען גאָר אַנדערש. גאָט איז איינער — יוצר אור ובורא חושך, ער איז דער גאָט פון אַלע פעלקער, אשור איז שטאַרק און מעכטיק, נאָר ווייל ער איז די „שטראָף־רוט פון גאָט". ייִדן און אַנדערע פעלקער זענען אַלע גלייך (אַזוי ווי די קינדער פון כוש זייט איר פאַר מיר — עמוס). אמת, אַזוי ווי אשור האָט זיין שליחות צו שלאָגן, אַזוי האָט איר אייער פליכט צו זיין די „ממלכת כוהנים וגוי קדוש" און אַז איר זייט עס נישט, וועט גאָט אייך שטרענגער שטראָפן. גאָט בעט נישט קיינע קרבנות מער. עס דערגייט אַזוי ווייט אַז ירמיהו לייקנט אין גאַנצן, אַז גאָט האָט גאָר ווען עס איז געהייסן ברענגען קרבנות. די גאַנצע ייִדישקייט וואָס גאָט פאַר־לאַנגט פון זיין פאָלק איז בלויז בין אדם לחברו — העלפן דעם צווייטן, שטיצן דעם שוואַכן, דער אלמנה און דעם יתום — משפט און צדקה. עס איז אַ רעליגיע פון סאָציאַלער גערעכטיקייט.

ווידער הייבן אָן די נביאים אַ קאַמף קעגן יעדער מאַטעריעלער הייליקייט, קעגן הגשמה. ווידער אַמאָל איז עס דער טיפסטער דענקער צווישן אַלע נביאים — ירמיהו, וואָס לערנט אַז נישט די הייליקע שטאָט ירושלים און נישט דער הייליקסטער בית־המקדש זענען פאַר זיך אַליין הייליק און אייביק. די צוקונפט פון פאָלק הענגט־אָפּ נאָר פון דעם אויפפיר פון פאָלק, דער וואָס עסט אומצייטיקע פּרוכט, דעמס ציינער ווערן הבליק; דער גרויסער באַוויינער פון פאַרלאָרענער פאַרזיכיקייט איז איינצייטיק דער מוטיקסטער גלויבער אין גלות־ייִדישקייט און ער וואָרנט עס אויך מען זאָל נישט האָפן אויף די מאַ־טעריעלע הייליקייטן וואָס אין ירושלים. פונקט ווי גאָטס הויז אין שילו איז חרוב געוואָרן, אַזוי קען אויך ירושלים חרוב ווערן. אָבער, ייִדן, זייט אייך נישט מייאש אַפילו אין גלות... עס איז צו באַוווּנדערן דעם מוט פון דעם אָרעמען נביא פון אַ שוואַך פאָלק אין גלות אַזוי אויסצולאָכן די רייכע געטער־קולטור פון מעכטיקן בבל, ווי דאָס טוט ישעיה אין גלות. פאַראַן אָפט אַ געפיל, אַז די נביאים האָבן מער געטראַכט וועגן גערעכטיגער דערהויבנקייט אין פאָלק אידער וועגן גאָט ווי אַזאַ. געטלעכקייט ווי די גרעסטע האַרמאָניע און ווונ־דערבאַרסטע גנזעצמעסיקייט אין גאַנצן קאָסמאָס, — דאָס האָט אַרויסגערופן די גרעסטע באַגייסטערונג און אַ פאַרלאַנג צו דערהייבן זיך אין אייגענעם לעבן צו אַט־דער האַרמאָנישער גאַנצקייט. ערשט שפּעטער אין דער תלמוד־

צייט איז עס פאַרמולירט געוואָרן אין ווערטער. און טאַקע די בעלי התלמוד זענען אַוועק נאָך אַ סך ווייטער אין דער ריכטונג. קודם־כל האָט מען דער־קלערט אַלע אַנטראָפּאָמאָרפישע אויסדרוקן פון דער תורה מיט דעם אַז „דיברה תורה בלשון בני אדם״. ווידער איז עס אַ גוואַלדיקע געוואַגטקייט פון די בעלי־התלמוד צו שאַפן די לעגענדע וועגן אברהמס צעברעכן די געצן פון זיין טאַטן תרח — אויס מיט אַלע מאַטעריעלע געטער!

וועגן אחדות הבורא (מאָנאָטעיִזם) האָבן יידן זיך גאָר נישט אַזוי שטאַרק געדאַרפט איינשטעלן, אָנשטרענגען, לגמרי נישט אַזוי ווי פאַר דעמאַטעריאַליזאַציע פון גאָט־באַגריף. פון די נביאים, ביז די תרגומים, ביז ר׳ סעדיה גאון, רבנו בחיי, און בעיקר — דער גרעסטער זייל — דער רמב״ם: אין משנה תורה, אין הקדמה צום פירוש פון „חלק״, אין „אני מאמין״ און — דערהויפּט — אין מורה נבוכים. כאַראַקטעריסטיש: דער תלמוד גופא האָט ווייניק מורא געהאַט, די חכמי אשכנז — אויך. דער עיקר מורא איז געווען ווען יידן האָבן זיך נאָענט צונויפגעטראָפן מיט אַנדערע פעלקער וואָס מאָנאָטעיִזם — מילא. אָבער דעמאַטעריאַליזאַציע — דאָס איז צו שווער...

קיין שום גשמיותדיקע הייליקייט קען נישט זיין. נישט נאָר דאָס לאַנד ווי אַזאַ איז נישט הייליק. פאַרקערט, זאָגט דאָך נאָך ירמיהו: „איר זענט געקומען און טמא געמאַכט מיין לאַנד״, נישט נאָר דער בית־המקדש איז פאַר זיך נישט הייליק, נאָר עס טאָר אַפילו נישט זיין קיין מאַטעריעלע געט־לעכקייט. פאַר דעם געדאַנק איז זייער כאַראַקטעריסטיש די מעשה מיט דעם ארון־הברית וואָס איז געווען אין משכן, אין ערשטן בית־המקדש און איז מיט אַמאָל נישט געוואָרן. דער ארון־הברית פאַרנעמט אין חומש שמות זייער פיל אָרט, ער מיט די כרובים, מיט די לוחות אין אים, — און עס ווערט גאָר נישט דערציילט וואָס עס איז געוואָרן מיט אים, ערשט די גמרא דערציילט, אַז מען האָט אים פּשוט גאָר באַהאַלטן. די חכמי התלמוד האָבן ליב געהאַט דיסקוסיעס, אָבער וועגן דעם נעמען אַזאַ הייליקייט ווי עס איז געווען דער ארון הברית און אים שטילערהייט באַהאַלטן — וועגן דעם איז נישטאָ אויך אין תלמוד קיינע דיסקוסיעס. עס איז אַפילו נישט אין גאַנצן קלאָר ווער עס האָט אים באַהאַלטן, און פאַראַן אַפילו אַ מיינונג, אַז ער איז אַוועק מיטן גלות קיין בבל, און מען האָט אָנגעזאָגט אים צוריק נישט צו ברענגען. עס ווערט דערציילט וועגן דעם באַהאַלטן דעם ארון הברית (גניזת הארון), אין יומא, נ״ב, ב׳ און נ״ד, א׳; שקלים, פּרק ו׳, משנה א׳ און ב׳; הוריות י״ב, א׳; כריתות, ה׳, ב׳). אין ערגעץ איז נישטאָ מען זאָל דערמיט נישט זיין צופרידן, מען זאָל עס אָפּפרעגן, אַז מען האָט עס נישט געדאַרפט טאָן. מען פאַרענט־פערט עס מיט דעם, וואָס מען האָט שוין געוווּסט, אַז דער בית־המקדש דאַרף

הרוב ווערן. אָבער דאָס איז גאָר אַ שוואַכער תירוץ. דער מלך יאשיהו האָט אים באַהאַלטן און טאָמער איז געווען איין כוהן וואָס האָט דערקענט דאָס אָרט אונטער דעם דיל אין עזרה, ווו דער ארון איז באַהאַלטן, איז ער באַלד גע־שטאָרבן. קענטיק, עס איז געווען אַן איינשטימיקע זאַך — מען דאַרף נישט קיין גשמיותדיקע הייליקייטן. צוזאַמען מיט דעם ארון האָט מען אויך באַהאַלטן דאָס גלעזעלע מן וואָס משה האָט געהייסן באַהאַלטן און אויך דער שטעקן פון אהרון־הכוהן, וואָס האָט געוויזן ניסים. דערביי איז כאַראַקטעריסטיש — דער שטעקן טראָגט אין חומש דעם חשובערן נאָמען „מטה אהרון". אין גמרא איז ער דעגראַדירט צו אַ פּשוטן „מקל" — סתם אַ שטעקל... אָט האָט מען דאָך דעמאָלט דווקא אַריינגעפירט דעם ספר דברים און נישט מורא געהאַט פאַרן קומענדיקן חורבן. ריכטיקער וועט זיין אָנצונעמען, אַז דאָס באַהאַלטן דעם ארון איז דורכגעפירט געוואָרן אפשר אונטער דער השפעה פון ירמיהו הנביא. דאָס איז גאַנץ מעגלעך. אַלץ כדי אויסצומיידן מאַטעריעלע הייליקייט.

ווידער איז פאַראַן אַ דערציילונג אין גמרא, אַז מנשה המלך האָט גע־הרגעט ישעיהו דעם נביא. דערציילט די גמרא, אַז ער האָט אויף אים געמאַכט אַ משפט: ווי אַזוי האָט ישעיהו זיך דערלויבט צו זאָגן „ראיתי את ה'" — ער האָט געזען גאָט? בעת זיין רבי משה האָט געזאָגט: „כי לא יראני האדם וחי" — אַ לעבעדיקער מענטש קען נישט זען גאָט... מנשה האָט אין תנ"ך אַ נאָמען ווייט פון אַ צדיק, און דעם כעס אויף דעם פּאַטעטישן נביא האָט דער תלמוד, נישט מנשה. ווייטער רעכנט זיך ווידער דער תלמוד מיט דעם נביא: ער האָט זיך באַהאַלטן אין אַ בוים, האָט מנשה געהייסן צעזעגן דעם בוים. ווען די זעג איז דערגאַנגען צום נביאס מויל איז ער אויסגעגאַנגען. אָבער פאַרוואָס דאָס מויל? — דאָס איז דערפאַר ווייל ער האָט מיט זיין מויל געזאָגט אויף די ייִדן „בתוך עם טמא שפתיים אנוכי יושב" (יבמות, מ"ט, ב'). ווידער אַמאָל הייסט עס דער פאַרלאַנג אויסצומיידן יעדע גשמיות אין באַצוג צו גאָט. איז נאָך דאָס וויייניק, קומט אַ צווייטע גמרא (שבת, ל', א'; מועד קטן, ט', א'; סנהדרין, חלק קז"ב). און דערציילט אַז ווען שלמה האָט אויפגעבויט דעם בית־המקדש און געוואָלט אַריינטראָגן אַהין דעם ארון הברית, האָבן זיך גאָר די טויערן פאַר־מאַכט און נישט געוואָלט אַריינלאָזן דעם ארון... אין תנ"ך גופא איז נישטאָ קיין שום פלעק און קיין פסול אויף דעם ארון. נאָר אין דער גמרא איז זיין הייליקייט אָפּגעפרעגט געוואָרן, און אַן דיסקוסיעס, בנוגע צו דעם אויסמיידן גשמיותדיקע הייליקייטן איז ווי די גמרא דריקט זיך אויס: „כולא עלמא לא פליגי", קיינער דיסקוטירט נישט, קיינער נעמט זיך נישט אָן פאַר דער מאַ־טעריעלער הייליקייט. אברהם אבינו איז געוואָרן אַ ייִד דערמיט וואָס ער האָט אויפגעהערט צו גלייבן אין מאַטעריעלע געטער, אין געטלעכע מאַטעריעס.

געטלעכקייט איז פֿאַראַן אין דעם באַשאַף. איז פֿאַראַן אַ בירה (אַ פּאַלאַץ), איז זיכער פֿאַראַן אַ בעל־הבית. אָבער וועגן זיינע אַטריבוטן, וועגן זיינע אייגנ־שאַפֿטן איז בעסער נישט צו טראַכטן. דאַרף מען נישט לערנען קיין מעשי מרכבה, וועגן דעם וואָס עס איז מה למעלה און מה למטה, ווייל נאָר אַזאַ איי־נער ווי אַ רבי עקיבא קען אַריין אין די פּראָבלעמען בשלום און אויך אַרויס בשלום. מען האָט זייער טיף געפילט די געטלעכקייט אין קאָסמאָס, אָדער ריכ־טיקער אַז דער גאַנצער קאָסמאָס איז אַ צימצום פֿון גאָט. מלא כל העולם (ברכות, י׳). די גאַנצע וועלט, דער קאָסמאָס איז נאָר אַן אַנטפּלעקונג פֿון דער אומענדלעכער און אומבאַגרענעצטער געטלעכקייט. ווי עס שטייט „צימצם את עצמו וברא עולמו״. דאָס האָט אַ פֿראַנצויזישער געלערנטער פיזיקער־פילאָ־סאָף פּאַונקאַרע (נישט דער אַמאָליקער מיניסטער) אויסגעדריקט אַנדערש: ווען עס וועט אויסגעפֿונען ווערן דער אַלגעמיינסטער געזעץ וואָס פֿירט אָן מיט אַלע פּראָצעסן פֿון דער וועלט, וועט דאָס זיין די פֿאָרמול פֿון גאָט. (אַ ייִד וואָלט נישט גענוצט דאָס וואָרט גאָט, נאָר ״אחד״). ווי ווייט מען האָט זיך באַמיט אויסצומיידן יעדער הגשמה, יעדע מאַטעריאַליזאַציע פֿון גאָט־באַגריף איז ווידער קענטיק אָט פֿון אַזאַ מאמר: עס שטייט אין חומש: „אתה פה עומד עמדי״ — אמר ר׳ אבוהו: אלמלא זה מקרא שכתוב איז אי אפשר לאמרו״. טאַקע וואָס הייסט „דו שטייסט מיט גאָט״, — און ווער נישט? אַז מלא כל הארץ כבודו? (ברכות, ל״ב, א׳) און מיר דאַכט זיך אַז עס איז פֿאַראַן אין עטלעכע ערטער. און מען טאָר גאָרנישט צו פיל נעמען אויסרעכענען די עפּי־טעטן פֿון גאָט (ברכות, ל״ג, ב׳) און „המספר בשבחו של הקב״ה נעקר מן העולם״ (מגילה, י״ח, א׳)... מען קען אפשר גיין ווייטער און זאָגן, אויב גאָט איז די נשמה פֿון דער וועלט, ווי די געבראַכטע גמרא זאָגט עס, איז ווי אַ גוף איז טויט אָן אַ נשמה, אַזוי איז די וועלט, און פֿאַרקערט איז אַ נשמה אָן אַ גוף נאַקעט, בלאָנדזשענדיק, אַזוי וואָלט אויך געווען גאָט אָן דער וועלט, אָן דעם קאָסמאָס, אָבער עס ווילט זיך גאָר נישט גיין צו ווייט.

גאָר אָן שום איינזעעניש האָט די גמרא מבטל געמאַכט די קדושה פֿון באַרג סיני. דאַכט זיך — אַזאַ הייליק אָרט! דאָרטן האָט גאָט גערעדט צו זיין פֿאָלק, דאָרט האָט גאָט אין דונערן און אין בליצן זיך באַוויזן צום גאַנצן פֿאָלק, וואָס האָט געזען די קלאַנגען... און ביי דעם אַלעם דערלויבט זיך די גמרא צו זאָגן, אַז ווי נאָר די שכינה איז אַוועק פֿון באַרג, האָט ער אויפֿגעהערט צו זיין הייליק... נסתלקה שכינתו — איז ניסתלקה קדושתו. אויס מיט דער גאַנצער הייליקייט פֿון דעם באַרג סיני. בכלל איז פֿון אַ סך ערטער קענטיק, אַז די חכמי התלמוד האָבן מער געהאַלטן פֿון מתן תורה ווי אַ דויערנדיקער פּראָצעס

וואָס טאָר זיך נישט אָפּשטעלן אײדער פון דער איינמאָליקער געשעעניש אויף דעם הייליקן באַרג (תענית, כ"א, ב').

אַ סך שטאַרקער האָט באַקעמפט יעדער מאַטעריאַליזאַציע פון גאָט דער גיגאַנטישער גאון פון יידישקייט — דער רמב"ם, וואָס אויף אים זאָגט מען „ממשה ועד משה לא קם כמשה" און דער רב־צעיר זאָגט, אַז „לא בכוח מסורת התלמוד נצחו הרבניים את הקראים אלא בכוח המשנה תורה". ער האָט עס געזאָגט: „אין לו גוף ולא ישיגוהו משיגי הגוף". ער האָט יעדער הגשמה געהאַלטן פאַר מינות און געצנדינערײ. אמת, דער ראב"ד האָט דאָס אָפּגעפּרעגט און האָט זיך דערביי אויסגעדריקט וועגן רמב"ם גאַרנישט ווי עס וואָלט געפּאַסט, גאָר נישט איידל (זען וועגן דעם אין „דור דור ודורשיו", באַנד 5). אָבער עס וועט געווען זיין צו זאָגן קורץ: הלכה כרמב"ם. און דער רמב"ם האָט זיין גאַנצן ספר המדע אָפּגעגעבן דער פראַגע. עס וועט זיין גענוג צו ברענגען איין זאַץ זיינעם: „אילו היה היוצר גוף ובריה היה לו קץ ותכלית שאי־אפשר להיות גוף שאין לו קץ ותכלית, וכל שיש לו קץ, יש לכוחו קץ ותכלית" (ספר המדע, ב', ז'). און אַלץ וואָס עס איז פאַראַן אין תנ"ך פון מאַטעריאַליזאַציע, פון הגשמת הבורא, דאָס אַלץ דערקלערט דער רמב"ם מיט דעם תלמודישן „דיברה תורה בלשון בני אדם" — עס איז נאָר פּשוטע שפּראַך־אייסדרוקן און נישט מער. דאָס וואָס קאַנט האָט בשעתו אַזוי פיל געלערנט די וועלט וועגן „דינגע אַן זיך", וואָס מיר קענען זיי לגמרי נישט באַגרייפן אין זייער ערשטיקן מהות, נאָר מיר קענען עס אַלץ אויפנעמען נאָר לויט דעם ווי אונדזערע חושים גיבן אונדז, — דאָס האָט דער רמב"ם געזאָגט אַ סך פריִער קורץ און קלאָר: „הקב"ה מכיר אמתו ויודע אותה כמו שהיא ואינו יודע בדעה חוץ ממנה כמו שאנו יודעין" (פרק, ב', י'). אָבער אויך דער גרויסער רמב"ם צאַמט זיך איין און ער זאָגט, אַז דאָס אַלץ וואָס ער שרייבט אויף דער טעמע איז נאָר כטיפה מן הים פון דעם מה שצריך לבאר בענין זה. און דאָס איז, גיט ער צו, די מעשי מרכבה, וואָס די חכמים הראשונים האָבן אָנגעזאָגט נישט צו דרשענען וועגן די זאַכן. דאָס איז דער וועג פון דעם גרעסטן יידישן ראַציאָנאַליסט. און דערפאַר איז אָן שום ספק גערעכט דער רעדאַקטאָר פון אונדזער פילאָסאָפישן זשורנאַל אין יידיש ש. כוסקאָוויטש, ווען ער שרייבט: „דאָס איבערטראָגן דעם הייליקייט־באַגריף פון מאַטעריעלע סימבאָלן אויף גייסטיקע סימבאָלן איז געווען דאָס וויכטיקסטע וואָס יידן האָבן בייגעטראָגן דער אוניווערסאַלער קולטור" („דווקא", 21, זייט 307). צי דאָס וויכטיקסטע צי נישט דאָס וויכטיקסטע, סיי ווי האָבן די פעלקער גאָר ווייניק פון אונדז געוואָלט לערנען און רבי־געלט האָט מען אונדז געצאָלט ווי זיי קענען. אָבער

מיר זענען געגאַנגען אונדזער וועג, אַפילו אויב אַליין. דאָס איז די תורה פון ראַציאָנאַליזם אויף דעם געביט.

פון דער צווייטער זייט קומט דער העכסט מיסטישער זוהר און גיט צו זיין חלק צו דער דעמאַטעריאַליזאַציע פון גאָט־באַגריף. גאָט איז דאָס העכסטע פון אַלע דערהויבנקייטן, די סיבה פון אַלע סיבות: „וכד אנת תסתלק מנהון אשתארו כולהון כגופא בלא נשמה" — ווען גאָט זאָל זיך אָפּטאָן פון זיין באַשאַף, בלייבט אַלץ ווי אַ טויטער גוף. און דעם תנכישן כבודו מלא עולם, האָט שפּעטער דער תלמוד איבערגעזעצט „כי הוא מקומו של עולם", האָט עס ווידער דער זוהר פאַרטייטשט: „לית אתר פנוי מיניה", איז נאָך שפּעטער געקומען אַ יידיש פאָלקסליד, וואָס ווערט צוגעשריבן צו ר' לוי יצחק באַרדיטשעווער און זעצט עס ווידער איבער: „ניטאָ קיין אָרט אָן „דו", תמיד דו, אייביק דו".* און דאָס זעלביקע זאָגט מיט אַנדערע ווערטער ר' יהודה הלווי אין „כוזרי", (מאמר ה', סעיף ג'): והאלוהים הוא רוח העולם, ונפשו ושכלו והיותו כאשר נקרא „חי העולם" (אַרגענטינער אויסגאַבע, ז' 83). און דער מדרש (איכה רבה, פתיחתא) אָגט עס נאָך פריער: „כי נגע עד לבן — זה הקדוש ברוך הוא"; גאָט איז דאָס האַרץ פון דער וועלט. אין אַ צווייטן אָרט — דאָס האַרץ פון ישראל. אָט אַזוי איז געגאַנגען ביי יידן די אַנטוויקלונג פון גאָט־באַגריף — פון די פרימיטיווסטן אור־באַגריפן, ביז די העכסטע אידעען.

כדי נישט צו וווּלגאַריזירן, האָט מען גאָר ווייניק וועגן דעם געשריבן און גערעדט.

אינטערעסאַנט איז נאָך עפּעס וועגן גאָט און קאָסמאָס. לכתחילה האָבן יידן געגלייבט מיט אַלע פעלקער גלייך, אַז גאָט איז דער ריבון העולם, און „וואָס ער וויל טוט ער און וואָס ער וויל מאַכט ער" (פון אַ פאָלקס־לידל), און יידן בעטן ביי אים ער זאָל זיך זעצן אויף דעם כסא־רחמים, ער איז דאָך דער אב הרחמים, דער רחום וחנון, דער אל מלא רחמים און אַזוי ווייטער.

---

* דאָס זעלביקע שטרייכט אונטער פּראָפ' קלויזנער אין זיין הקדמה צו רשב"ג, „מקור חיים". ער שרייבט: „הכול נכלל באלוהים, אבל האלוהים אינו נכלל בכול, כמו שאמרו הוא מקומו של עולם ואין העולם מקומו". און דערמיט צייכנט זיך אויס דער יידישער פּאַנטעיזם און שיידט זיך אונטער פון ספּינאָזעס פּאַנטעיזם (ציטירט לויט הרב זלאָטניקס „מאמרים", 29). ענלעך צו דעם שרייבט דער באַרימטער צפתער מקובל ר' משה קורדובירי: „האלוה כל נמצא, ואין כל נמצא אלוה. אַ צווייטער מקובל שרייבט אָבער: 'כל מה שהוא במציאות הוא אלוה, והכול בו והוא בכל" (דאָרטן גופא). דאָס זעלביקע שרייבט דער רעדאַקטאָר פון „אורות הקודש" פון הרב קוק ז"ל: „נישט געטלעכקייט אין אַלץ, נאָר אַלץ אין געטלעכקייט (מבוא צו חלק א', זייט 20, 2טע אויפלאַגע).

אָבער שוין אין תלמוד זענען פאַראַן מיינונגען, אַז די וועלט פירט זיך לויט געזעצן וואָס גאָט אַליין קען נישט מער ענדערן. אַז עמעצער בעט צו פיל רחמים, דאַרף מען אים איינשטילן, ווייל די „מידות פון גאָט זענען גאָר נישט קיין רחמים נאָר גזירות״ (ברכות, ל״ג, א׳). און „גזירות״ מיינט נישט דווקא ווי אויף יידיש גזירות רעות, עס מיינט מער געזעצן וואָס ענדערן זיך נישט (שעושה מידותיו של הקב״ה רחמים ואינן אלא גזירות). גאָט וויינט אויף דעם גלות פון זיין פאָלק, אָבער ער קען נישט העלפן, ווייל „גזירה היא מלפני״. גאָט אַליין — דער אַלמעכטיקער — בעט זיך „ישמעאל בני ברכני״, ער בעט אַ ברכה ביי אַ בשר ודם. גאָט דאַוונט, ווי אַלע יידן, אַז די רחמים זאָלן גובר זיין דעם כעס (ברכות, ז׳, א׳), ווייל ער קען אויך נישט ענדערן די געזעצן.

נאָך אין חומש שטעלט אברהם אַפּ דעם רבונו־של־עולם — ער טאָר נישט חרוב מאַכן סדום, ווייל „חלילה לך השופט כל הארץ לא יעשה מישפט!״. ביי די נביאים קומט אַרויס די געזעצמעסיקייט פון דער וועלט נאָך בולטער; עס קומט אויס טאַקע „מעשיך יקרבוך און מעשיך ירחיקוך״. דער גאַנצער באַשאַף איז אומגעהייער גרויס, השמים מספרים כבוד אל, אָבער ער אַליין פאַרלירט אַלץ מער פון זיין אומבאַגרענעצטער מאַכט, פון זיין אַבסאָלוטקייט. אין דער זעלביקער צייט פאַרשטאַרקט זיך כסדר ביי די חכמי התלמוד די מאַכט פון דער תורה. די תורה איז עלטער פון דעם באַשאַף, זי איז עלטער אַפילו פון דעם כסא הכבוד פון גאָט; ביים באַשאַפן זיין וועלט קוקט גאָר כסדר אין דער תורה ווי אַן אינזשיניער דאַרף האָבן פלענער, אין זיי צו קוקן, לויט זיי צו בויען. אַז גאָט ווייל פסקענען אַ דין ווי אַ יחיד קעגן אַ רבים, און אַ בת־קול זאָגט אָן גאָטס פאַרלאַנג, — מעלדעט אים ר׳ יהושוע גאָר פשוט: „אין אנו משגיחין בבת קול״ — מיר פאָלגן דיר נישט ווייל אין דער תורה שטייט אחר רבים להטות. גאָט אַליין זיצט און לערנט תורה, לכל־הפחות אַ דריטל פון טאָג, און דאָס טוט ער אַפילו נישט אַליין, נאָר אין דער ישיבה של מעלה, צוזאַמען מיט מענטשלעכע תלמידי חכמים, וואָס דערלויבן זיך אַפילו מיט אים צו פירן וויכוחים, און פסקענען פסקנט אַ מענטש. אין זוהר (צו דער סדרה צו) ווערט דערציילט, אַז גאָט לערנט אין דער ישיבה של מעלה חידושי תורה פון רבי ישמעאל, און ער קומט צו אַ שווערער קשיא אין דער הימלישער ישיבה שיקט מען אליהו הנביא ער זאָל גיין פרעגן די קשיא ביי ר׳ ישמעאלן אַליין.

ביי אַ טיפער אַריינטראַכטונג קען מען ערשט באַנעמען ווי הויך זיי האָבן געשטעלט די תורה, אַז גאָט אַליין האַלט אין לערנען, ער פאַרנעמט זיך מיט מישפטן די וועלט, מיט שפייזן די וועלט „מקרני ראם ועד ביצי כינים״ און מיט תלמוד תורה. דאָס לעצטע, תלמוד תורה איז אַ פּראָצעס נישט ווייניקער

וויכטיק ווי די אָנגערופענע צווי, נישט ווייניקער געטלעך.* ראַבידאָוויטש ז״ל דערציילט, אַז ער האָט געפּרוּווט דערציילן אַ פּאָר ענגלישע טעאָלאָגן, זענען זיי אַזש פאַרציטערט געוואָרן פון דעם „חילול השם״, וואָס זיי האָבן איינגעזען אין דעם אַוועקזעצן גאָט לערנען... (בבל וירושלים, א׳, ז׳, 92). ביי זיי זענען אַנדערע באַגריפן פון גאָט און קיין תלמוד־תורה איז ביי זיי נישטאָ. די תורה איז שוין געגעבן געוואָרן אַ פאַרענדיקטע און משיח איז שוין געקומען, און פשוטע בשר ודם טאָרן גאָר נישט טראַכטן וועגן „שותפות״ מיט גאָט. אָבער די חכמי התלמוד, וואָס האָבן זיך אָפּגעטרייסלט פון יעדער הגשמה, פון יעדער מאַטעריאַליזאַציע פון דעם גאָט־באַגריף, און ביי זיי איז אויך די תורה נישט קיין שוין אָנגעשריבן ווערק, נאָר דער גאַנצער געטלעכער סדר פון דער וועלט, מעג דער רבונו דעלמא כולא זיך פאַרנעמען מיט תלמוד תורה. און „מיום שחרב בית־המקדש אין לו להקדוש ברוך הוא בעולמו אלא ד׳ אמות של הלכה״. דאָ וועלן מיר שפּעטער קומען צו דער פאַרבינדונג פון דעם מרא דעלמא.

---

* אַ צווייטע גמרא שטעלט דאָס לערנען תורה אַזוי הויך, אַז אַפילו „נכרי העוסק בתורה שהוא ככוהן גדול״ (עבודה זרה, ג׳, א׳). ווידער „תלמוד תורה כנגד כולם״ — העכער און וויכטיקער פון אַלע מצוות. אַפילו אַ נישט־ייִד, וואָס היט נישט קיין מצוות פון ייִדישקייט, איז גענוג ער זאָל זיין עוסק בתורה (תלמוד תורה, אָבער נישט לימוד התורה. דער אונטערשייד — שפּעטער) איז ער אויף דער העכסטער מדרגה פון ייִדישקייט.

נאָך אַ גמרא ווידער שטעלט די תורה אַזוי וויכטיק, אַז גאָט האָט אויסגענומען מיט דעם גאַנצן באַשאַף (מעשה בראשית) אַזאַ תנאי: וועלן ייִדן אָננעמען די תורה איז גוט, אָבער אויב זיי וועלן נישט אָנעמען די תורה, וועט גאָט צוריק פאַרוואַנדלען די וועלט אין תוהו ובוהו (דאָרטן, גופא). מיר קענען פון דעם אַרויסזען, אַז די חכמי התלמוד האָבן געהאַלטן, אַז אָן דער תורה, אָן די מאָראַלישע נאָרמען, אָן די געזעצן, הלכות פון אויפפיר קען די וועלט נישט האָבן קיין קיום. קיין מאָל איז אַזאַ מאמר נישט געווען אַזוי פאַרשטענדלעך, אַזוי צום פּונקט ווי איצט אין דער אַטאָם־תקופה...

און די גמרא גייט נאָך ווייטער און דערציילט: נישט נאָר גאָט זיצט צוזאַמען מיט גוטע ייִדן אין דער ישיבה של מעלה און לערנט תורה, גאָר ער פאַרנעמט זיך אויך מיט לערנען תורה מיט קינדער. גאָר פשוט „יושב ומלמד תינוקות של בית רבן״ (עבודה זרה, ג׳, ב׳).

מיר לערנען פון דעם מאמר אַרויס, אַז לערנען קינדער איז אַ געטלעכע עבודה. און מיר פאַרשטייען דאָ דעם טיפערן געדאַנק פון דעם לאַקאָנישן זאַץ אין תלמוד: עס איז אַ געטלעך וועזן, אַ געטלעך באַשאַף דאָס קינד. דער גוף און די נשמה.ביידע וואַקסן און אַנטוויקלען זיך. דאָס לערנען די תינוקות של בית רבן העלפט (דאַרף העלפן) אַנטוויקלען די נשמה. דאָס איז אויך אַ פּראָצעס פון יצירה. תלמוד־תורה באַהעפט ייִדישקייט מיט דעם גאַנצן קאָסמאָס, די קאָסמישע געזעצן מיט די תורה געזעצן (הלכות) האָבן איין ציל — דעם קיום פון דער וועלט. און ריכטיק לערנען מיט קינדער איז פּונקט אַזאַ יצירה־פּראָצעס ווי די גאַנצע יצירה אין דער וועלט... וואָסער לערער איז זוכה צו דעם?...

דעם אל עולם מיט דעם אלוהי ישראל, אַז די באַגריפן דעקן זיך. אָבער מיר וועלן פריִער זיך אָפּשטעלן אויף עפּעס אַנדערש.

עס איז פאַראַן אויך איצט גאַנץ פאַרשפּרייט אַ פּרימיטיווע פאָרשטעלונג. אַז דער גאָט־באַגריף איז גוט דאָרטן ווו די וויסנשאַפט בלייבט שטיין און קען נישט דערקלערן. מען גלייבט אין דעם וואָס מען קען נאָך נישט דערקלערן, וואָס מען ווייס נאָך נישט, וואָס די וויסנשאַפט ווייס נאָך נישט. אין דער אמתן איז עס פּונקט פאַרקערט: וואָס מער די וויסנשאַפט דרינגט אַריין אין די סודות הבריאה, אַלץ מער איז „השמים מספרים כבוד אל ומעשי ידיו מגיד הקוסמוס" — פון די גוואַלדיקע סודות אין יעדער אַטאָם ביז די גאַלאַקסן מיט זייערע מיליאָנען ליכטיאָרן־מרחקים צווישן זיי. ווען דער אמתער דענקענ־דיקער וויסנשאַפטלער נעמט זיך אַריינטראַכטן אין דעם אַלעם, איז דאָך טאַקע „מה אנוש כי תזכרנו ובן אדם כי תפקדנו?" און עס איז זיכער גערעכט אַ מדרש (תנחומא), וואָס זאָגט, אַז „רשע בחייו נקרא מת מפני שרואה חמה זורחת ואינו מברך... חמה שוקעת ואינו מברך". ווייל לעבן מיט עסן און טרינ־קען און פאַרגעניגן געבן דעם גוף — דאָס קען דאָך אַ וואָרעם אויך... כמעט דאָס זעלביקע זאָגט דער היינטיקער גאון־עולם איינשטיין. ער שרייבט: „די העכסטע און די טיפסטע עמאָציע, וואָס מיר קענען איבערלעבן איז דאָס געפיל פון דעם מיסטישן. דאָס איז דער זייער פון דער אמתער וויסנשאַפט. דער וואָס די עמאָציע איז אים פרעמד, וואָס קען נישט שטיין מיט באַגייס־טערונג, מיט יראת־הכבוד (פאַר דעם מיסטישן אין דער נאַטור), דער איז גלייך ווי טויט" (ציטירט לויט לינקאָלן באַרנעט „דער אוניווערז און ד"ר איינשטיין", ז' 108). איינשטיין האָט געוויס דעם מדרש נישט געזען, אָבער ער האָט אין זיין וויסנשאַפטלעכער גרויסקייט דערפילט וואָס דער בעל־המדרש האָט געפילט מיט זיין גאָט־געפיל אָן איינשטיינס וויסן. וואָס מער וויסן, וואָס מער און וואָס טיפער אַריינגעדרונגען אין די סודות פון קאָסמאָס, — אַלץ טיפער און ברייטער ווערט דער גאָט־באַגריף, און אַלץ טיפער און שטאַרקער איז די גאָט־עמאָציע. די אינטעלעקטועלע און עמאָציאָנעלע איבערלעבונג פון דעם גאָט־באַגריף וואַקסט און דאַרף וואַקסן צוזאַמען מיט דעם וויסן, וואָס די מענטשהייט דערגרייכט. ווי קינדיש, נאַיוו קינדיש עס איז אַנטקעגן דעם די פאָרשטעלונג וועגן ערגעץ אַ פּערזענלעכן, ממשותדיקן גאָט! וועגן אַ גאָט וואָס מען וואַרפט אויף אים אַרויף אַלץ וואָס מען פאַרשטייט נישט, וואָס מען קען נישט פאַרשטיין, ווען מען זעט נישט די נפלאות הבריאה, די גדולת היצירה. אַזאַ מענטש איז טאַקע נמשל כבהמה נדמה.

וועל איך זיך דערלויבן צוצוגעבן פון זיך עטוואָס צום רמב"מס ווער־טער. ער שרייבט: „הוא היודע, והוא הידוע, והיא הדעה עצמה, הכל אחד"

(מדע, פ"ב, י') וועל איך נאָך צוגעבן: הוא היוצר והוא היצירה והוא המחדש בכל יום מעשי בראשית, הוא העושה, והוא המעשה, והוא העשיה — הכל אחד. דאָס איז דורך און דורך אין גייסט און אין געפיל פון דער טיפער טראַדיציאָנעלער ייִדישקייט. און איך גלייב אַז דאָ גייען זיך צונויף די צוויי באַגריפן — דער אל עולם מיט דעם באַגריף פון אלוהי ישראל, נישט ווי עס זאָגט ערגעץ דער רב־צעיר (תולדות הפוסקים), אַז די צוויי באַגריפן זענען באַזונדערע. איך ווייס נישט צי עס איז ביי אַ צווייטן פאָלק פאַראַן אַזאַ באַהעפטונג פון די צוויי באַגריפן, אַז עס זאָל געזאָגט ווערן „אלהים בגימטריא הטבע"... און דערפאַר איז טאַקע אמת, אַז אָט דער גאָט־באַגריף איז איינס מיט דעם לעבן פון זיין פאָלק, ער לערנט זיין תורה, ער דאַווענט און פירט זיך מיט אים חבריש, ער איז מיט אים אין גלות. ער איז טאַקע מלא־עולם אָבער זיין שכינה, זיין גייסט, זיין געטלעכקייט איז מיט זיין פאָלק, ער באַוויינט מיט זיי צוזאַמען דעם גלות, אָבער ער קען טאַקע נישט העלפן, ווייל, ווידער אַמאָל, אין מדותיו רחמים אלא גזירות. קען זיך טאַקע אַ ייִד פון די חכמי התלמוד דערלויבן אַ שליידער צו טאָן קעגן גאָט אַזאַ מין פראַזע: „עלית למרום ואין אתה רואה בצרת בניך! (תענית, כ"ה, ב'), אָבער די גמרא גיט צו אַז מען דאַרף נישט מטיה זיין אַזוינע רייד כלפי שמיא. און עס איז פאַר מיר זיכער, אַז דער ייִדישער גאָט האָט אָנגעהערט זיך אַ סך אַזוינע אויסגעשרייען אין דער צייט פון דער לעצטער גזירה רעה. אָבער ער איז אַליין נישט בכוח צו ענדערן ווי מיר וועלן עס באַלד זען, ווייל עס זענען גזירות, חוקים, געזעצן, וועלט־געזעצן ואינן רחמים, ווי די גמרא זאָגט עס. אַזוי האָט זיך צונויפגעשמאָלצן ביי ייִדן דער ספּעציפיש־ייִדישער גאָט־באַגריף מיט ייִדישקייט בכלל. גאָט האָט נישט בעולמו גאָרנישט אלא די ד' אמות של הלכה. ווייל נאָר די הלכה, דער רעגולאַמענטירטער שטייגער לעבן, די איינהייטלעכע פאַר אַלע ייִדן איבער דער גאָרער וועלט נאָרמען און פאָרמען פון טעג־טעגלעכן פיר, נאָר דאָס פאַרביגדט און באַהעפט אַלע ייִדן אין איין פאָלק, אין איין גאַנצקייט, ווי דער מדרש זאָגט עס. צעזייט און צעשפּרייט איבער אַלע שבעים אומות און אַלע לשונות העלפט דאָס גאָט צונויפבינדן דאָס פאָלק אין איין גייסטיקער היים (די תורה) אין ער האָט עס געהאָלפן, אַז במשך פון דורות איז דער שטייגער געבויט און פעסטגעשטעלט אויף תלמוד־תורה, געוואָרן די היים און פאָטערלאַנד, ווייל „הליכות נעשו הלכות ומנהגים נעשו דינים" (תולדות ההלכה, ז' 201, פון רב־צעיר), באַזירט אויף אַ גמרא „אל תקרי הליכות אלא הלכות. און גאָט אַליין איז אָפּהענגיק פון ייִדישקייט, ווייל אָט דער באַגריף פון גאָט איז ריין ייִדיש. אויף דעם פסוק „בהבראם, ביום עשות האלוהים ארץ ושמים", זאָגט דער זוהר: „בהבראם — זענען די אותיות די זעלביקע וואָס אין אברהם. פון דעם

איז געדרונגען, אַז ערשט ווען עס איז גאַנץ געוואָרן דער נאָמען אברהם איז אויך גאַנץ געוואָרן דער נאָמען פון גאָט. זאָגט די גמרא, אַז: „בשביל עצלות שהיה בישראל שלא עסקו בתורה נעשה שונאו של הקב״ה מך, ואין מך אלא עני״ (תענית, ז׳, ב׳). גאָר פשוט: אָן ייִדישקייט איז גאָט שוואַך און אָרעם. דער אויסדרוק „שונאו של הקב״ה״ איז ווי אָפט אין תלמוד משום הכבוד, אַנשטאָט דירעקט הקב״ה. דאָס איז אַ געוויינטלעכע פאָרעם אויך למשל צו זאָגן: „שונאיהם של ישראל, אַנשטאָט ישראל וכדומה. דער עיקר — גאָטס גבורה, זיין מאַכטיקייט הענגט אָפּ פון ייִדישקייט. זיין כוח איז פּראָפּאָרציאָ־נעל צום ייִדישקייט. עס איז אויך פאַראַן, פאַרקערט, אַז כל־זמן שישראל עושים רצונו של מקום, איז מען מוסיף כוח דער געטלעכקייט (איכה רבתי, פ״א, ל״ד).

דער געדאַנק חזרט זיך איבער אין שפּעטערדיקע ספרים. אין זוהר אויף „וירד מצרימה״, אָדער אויף „לך רד״ איז אויך פאַראַן אַז יעדער ירידה אין ייִדישקייט איז איינצייטיק אַ ירידה פון דער געטלעכקייט. אויף דעם באַקאַנטן פּסוק, אַז ביי דער ערשטער מילחמה מיט עמלק, האָט משה געהייסן יהושוען ער זאָל זי פירן און משה אַליין איז געשטאַנען און געהאַלטן די הענט אין דער הייך, און ווי נאָר ער פלעגט די הענט אַראָפּלאָזן פלעגט עמלק זיך שטאַרקן. פרעגט דאָ די גמרא, צי משהס הענט מאַכן מילחמה? — און עס ווערט גע־ענטפערט, כל־זמן די ייִדן ווענדן זייערע אויגן אין דער הייך צו „זייער פאָטער אין הימל״ זענען זיי שטאַרק, און ער קען זיי העלפן. דאָס זעלביקע חזרט זיך איבער וועגן דער קופּערנער שלאַנג וואָס משה האָט געמאַכט אין מידבר ווי אַ שוץ קעגן די גיפטיקע שלאַנגען דאָרטן. די שטאַרקייט און מאַכטיקייט פון גאָט, פון דעם בורא־עולם איז אָפּהענגיק פון דער אמונה וואָס ייִדן האָבן אין אים. דערגייט אַזוי ווייט אַז דער זוהר שרייבט: „אין תורה אלא קודשא בריך הוא״ (בשלח). עס זענען אידענטיש גאָט און די תורה, און עס איז אַריין אין ייִדישן באַוווסטזיין די ייִדישע „דרייאייניקייט״, להבדיל — קודשא בריך הוא ואורייתא וישראל — גאָט און די תורה און ייִדישקייט איז אַלץ איינס. אָט דער גאָט־באַגריף ווי דער טיפערער ייִדישער געדאַנק האָט אים באַנומען, דער האַלט זיך טאַקע נאָר אויף ייִדן. ער איז דאָס „קדוש ישראל וגואלו״ — די העכסטע הייליקייט פון ייִדישן פאָלק, די טיפסטע, די הייליקסטע, די געבענטשטע אידעע פון ייִדישקייט. איז דאָס טאַקע ישראל (ייִדישקייט), תורה (אורייתא אין אַראַמיש), ווייל גאָר די ייִדישקייט אין מחשבה און אין מעשים — איז תורה און דאָס איז „די געבענטשטע הייליקייט״ פון ייִדישן פאָלק, וואָס נאָר ער פאַרמאָגט אָט־די געטלעכקייט, אָט־די גאָט־אידעע.

דער גרעסטער טעות פון דער השכלה איז געווען וואָס זיי האָבן געוואָלט מעסטן ייִדישקייט מיט נישט־ייִדישע מאָסן, און אויסטייטשן אויף ייִדן פרעמדע,

נישט־ייִדישע באַגריפן. איז ביי גויִים פאַראַן אַ רעליגיע באַזונדער מחוץ זייער נאַציאָנאַלער קולטור, דאַרף מען אַזוינס האָבן אויך ביי אונדז. איז ביי זיי די רעליגיע אַ סכום קרעדאָס, וואָס מען לערנט פון אַ קאַטעכיזם, טאָ לאָמיר אויך פאַרוואַנדלען ייִדישקייט אין אַזאַ „ריינע" רעליגיע (אָן מעשים, אָן מצוות און עבירות), אין אַן „אמונה צרופה". האָט מען טאַקע פון ייִדישקייט יאָ געהאַלטן, אָבער נאָר ווי אַ אידעע, נישט ווי קולטור (אָדער ציוויליזאַציע, ווי אַנדערע דעפינירן די באַגריפן), אָבער ייִדישקייט קען זיין אָדער אַ גאַנצע קולטור און שטייגער לעבן, אָדער גאָרנישט. האָט די השכלה דערפירט צו אָט אַזאַ גאָר־נישט.

וועלן מיר לאָזן די השכלה, וואָס איז געווען ווי די לבנה וואָס שיינט אָפּ, שפּיגלט אָפּ נאָר אַ ביסל שיין וואָס די זון באַלייכט זי. אַזוי האָט אויך די השכלה אָפּגעשפּיגלט בלויז אַ טייל פון דער שיין וואָס זי האָט געזען ביי די גויִים. אפשר איז דאָס דער מיין פון דעם חומש־אויסדרוק „אש זרה", וואָס מען טאָר נישט ברענגען אויף אַ ייִדישן מזבח (במדבר, ג׳ 4) און וואָס מוז פירן צום אָפּשטאַרבן. וועלן מיר זיך צוריקקערן צו ייִדישע קוואַלן. גאָט, זאָגט דאָ גמרא, צעטיילט זיין טאָג אויף דריי טיילן — ער לערנט תורה, ער מישפּט די וועלט און ער שפּייזט די וועלט־גערעכטיקייט, דאָס אויפהאַלטן דאָס לעבן און דאָס לערנען איז גלייכווערטיק פאַר דעם ייִדישן געדאַנק. דאָ באַגעגענען זיך צוויי קדושות די קדושה עליונה — פון דער אַבסטראַקטער געטלעכקייט, פון דער וועלט־אידעע מיט דער קדושה תחתונה פון מענטשלעכקייט, וואָס קען און וואָס דאַרף טאַקע זיך דערהייבן ביז צו געטלעכקייט, און די קדושות טרעפן זיך אין דעם תלמוד תורה, וואָס נאָר אין דעם איז דער ריינער און אמתער גאָט־באַגריף אָן אַ שמץ פון פרעמדער געצנדינעריי פון די פעלקער וואָס האָבן כלומרשט יאָ זיך געלערנט ביי אונדז, נאָר זיי האָבן דאָס ביסל אונדזערס פאַרפרעמדט און געמאַכט צו געצנדינעריי.

קדושה עליונה איז אַזאַ וואָס קומט פון הימל, פון גאָט, נישט מענטשן שאַפן זי און קדושה תחתונה שטאַמט פון מענטשן. זי גייט פון דער ערד צום הימל. ישעיהו זאָגט „והאל הקדוש נקדש בצדקה". צדקה — גערעכטיקייט קומט פון מענטשן, מענטשן שאַפן אָט די קדושה. אין דעם באַרימטן קאַפּיטל ו׳ דערציילט ישעיהו ווי ער ווערט אַ נביא, ווען אַ שרף האָט אָנגערירט מיט אַ פייערדיקן שטיין זיינע ליפּן, און דער שטיין איז גענומען געוואָרן פון מזבח. אַ הייליקן מזבח בויען אָבער מענטשן פאַר גאָט. די קדושה קומט ווידער פון מענטשן. דאָס צוזאַמען מיט די מאמרי חז״ל וועגן דער געטלעכער גבורה, וואָס מענטשן שטאַרקן אָדער שוואַכן אָפּ ווען זיי טוען „רצונו של מקום" און

זוען זיי טוען נישט — דאָס אַלץ ווייזט וואָסער קדושה עס איז ביי ייִדן גע־שטאַנען העכער, וויכטיקער, ערשטיקער.

דער רוס פּושקין האָט אין אַ פּאָעמע איבערגעגעבן דעם קאַפּיטל ו׳ פון ישעיהו אויף זיין שטייגער. ביי אים פיגורירט נישט דער מזבח ווי דער מקור פון הייליקייט. נאָר איין מקור איז פאַראַן פאַר קדושה — דער הימל, נישט די מענטשן, נישטאָ קיין קדושה תחתונה. דער נביא ווידער באַנוגנט זיך מיט דעם סימבאָלישן שטיין וואָס רירט אָן דעם נביאס ליפּן. דער נישט־ייִדישער גרויסער פּאָעט דערציילט אַז דער מלאך, דער שרף בייט אום זיינע אויגן און זיינע אויערן, ער שניידט אויס ביי אים דאָס מענטשלעכע האַרץ און גיט אַ פייערדיק האַרץ פון גאָט... אַזוי פיל מאַטעריעלע עלעמענטן. זיי פּאַסן לגמרי נישט צום ייִדישן גייסט. כדי צו ווערן אַ הייליקער נביא דאַרף מען גאָרנישט געבן דעם מענטשן אָרגאַנען פון הימל. גענוג דאָס מענטשלעכע אין מענטשן צו דערגרייכן ביז צו געטלעכקייט. עס זענען צוויי־דליי וויטע באַגריפן פון געטלעכקייט — ביים פּאַרצייטיקן ייִדן און ביים מאָדערנעם גרויסן נישט־ייִדישן דיכטער. און, ווי געזאָגט, טרעפן זיך די צוויי־ערליי קדושות — די הימלשע פון גאָט און די ערדישע, די מענטשלעכע קדושה תחתונה אין תלמוד תורה. נישט אומזיסט פלעגט מען ביי ייִדן שרייבן אויף אַ גרויסן ייִדישן גע־לערנטן תלמיד חכם „איש אלוקי״ (דער ק׳ אָנשטאָט דעם ה׳ — איז כדי נישט צו פאַרשוועכן מיט צופיל נוצן דאָס וואָרט גאָט). ביי ייִדן איז די קדושה עליונה, די הימלשע קדושה אָפּהענגיק אַפילו פון דער קדושה תחתונה — פון דער הייליקייט וואָס מענטשן שאַפן דורך זייערע מעשים, דורך זייער פירונג, ווען זיי דערהייבן זי ביז צו דער מדרגה פון געטלעכקייט.

ירמיהו זאָגט „קודש ישראל לה׳״. אַזוי ווי גאָט איז הייליק פאַר ייִדן, אַזוי זענען ייִדן הייליק פאַר גאָט. די קדושה פון ייִדן, די קדושה תחתונה שטאַרקט די קדושה עליונה. ווי עס זאָגט דער מדרש „מוסיפין לגבורה עליו־נה״. גאָט אַליין בעט ביי משהן „עזרני״ העלף מיר, — גיט אים משה אַ ברכה „ועתה יגדל נא...״ גאָט בעט ביי ר׳ ישמעאל „ישמעאל בני, ברכני!״ עס קומט אויס ווי די קדושה תחתונה, די מענטשלעכע קדושה שטייט אַפילו העכער. קומט צוגיין דער זוהר און זאָגט עס קלאָר. איך וועל עס דירעקט איבערגעבן אין ייִדיש: „די תורה איז דער לבוש פון דער שכינה, און ווען דער מענטש וואָלט נישט באַשאַפן געוואָרן, וואָלט די שכינה געווען ווי אָן אַ צודעק, אָט ווי אַ בעטלער. און יעדער איינער וואָס איז מקיים די מצוות פון דער תורה, איז ווי ער וואָלט אָנגעקליידט די שכינה מיט ליכט־קליידער״ (בראשית, אויף נעשה אדם בצלמנו). דער טיפערער געדאַנק פון דעם אַלעם וואָס מיר ברענגען דאָ פון פאַרהייליקטע ייִדישע מקורים, איז אַז אַלע רעדן זיי נישט וועגן אַן עצם

פאַרזיכיקן גאָט, נאָר וועגן דער געטלעכקייט וואָס איז ממלא די גאַנצע וועלט, דעם גאַנצן קאָסמאָס, און וואָס די הערשאַפט פון אָט־דער געטלעכקייט איך דער וועלט פון מענטשן הענגט אָפּ פון דעם אויפּפיר פון די מענטשן און אין דער ערשטער ריי פון דעם אויפפיר פון דעם יידישן פאָלק, וואָס ער איז דער טרעגער פון דער תורה, און זי פאַרבינדט עס צוזאַמען קודשא בריך הוא, און ישראל טאַקע דורך דער אורייתא.

אין אַ פריער געבראַכטער ציטאַט פון זוהר איז געזאָגט אַז גאָט איז די סיבה פון אַלע סיבות, די סיבה ראשונה, וואָס זי מאַכט לעבעדיק די גאַנצע וועלט. אָן דער געטלעכקייט וואָלט די וועלט געבליבן „כגופא בלי נשמה" — טויט. אין דער איצט געבראַכטער ציטאַט רעדט זיך דאָס פאַרקערטע — די וועלט איז דער לבוש פון גאָט, לבוש, פאַרשטייט זיך, מיינט מען נישט ווי אַ בגד. נאָר עס איז ווי דער אויסדרוק פון גאָט, די וועלט אַנטפּלעקט מיט זיך דעם גאָט־כביכול ווי עס שטייט אַז השמים מספרים כבוד אל ומעשי ידיו מגיד הרקיע. און אָן דער וועלט, וואָלט גאָט געבליבן ווי פאַרהוילן, ווי אָן אַן אויס־דרוק, ווי אַ גייסט וואָס דריקט זיך נישט אויס אין קיינע פאָרמען און אין קיינע פראַצעסן. פאַראַן אין קבלה אַן אויסדרוק פון „נשמות ערטילאין" — באַקעטע נשמות אָן עפּעס אַ קאָנקרעטקייט, אָן ממשותדיקייט. אָט אַזוי וואָלט געווען גאָט אָן דער וועלט. דאָס איז די אייגנטימלעכע אַנדערשקייט פון דער יידישער אמונה.

זיכער אַז יידישקייט איז אַ אמונה ווי אַנדערע רעליגיעס. אָבער דאָס וואָרט „אמונה" מיינט נישט דווקא גלויבן, איך גלייב, אני מאמין. אמונה מיינט אויך געטרייקייט, איבערגעגעבנקייט. האָבן די משכילים געוואָלט טאַקע אַן אמונה, אַ גלויבן, אַ אמונה צרופה, אַ ריינע אמונה וואָס באַשטייט פון געווי־סער צאָל קרעדאָס און מער נישט. זאָל זיך די „יידישע רעליגיע" נישט מישן אין דעם שטייגער לעבן, אין דער שפּראַך און זיטן פון מיין אויפפיר. אַזאַ יידישקייט איז נישט מער ווי די גמרא רופט עס אָן „צעברעכן די פּאַס און איינהיטן דעם ווייַן", ווייל די יידישע אמונה מיינט איבערהויפט געטרייקייט.

אָבער אויך געטרייקייטן קענען זיין פאַרשיידענע. עס קען זיין געטריי־קייט צו דעם געוועזענעם, צום אַמאָל, ווי די קאָראַימער זענען, למשל, געטריי דער פאַרצייטיקער יידישקייט. מען קען זיין געטריי די מינהגים פון זיידן, די מאכלים פון דער באָבען וכדומה. עס קען אָבער זיין אַ געטרייקייט צו דער צוקונפט, צו די קינדער, צו דעם וואָס מיר וואָלטן געוואָלט עס זאָל זיין, עס זאָל ווערן, געטרייקייט צו אַן אידעאַל, מיר שטרעבן צו אַ צוקונפט, צו אַ פריוואַטער אידעאַלער צוקונפט, צו אַ נאַציאָנאַלער צוקונפט, צו אַן אוניווער־סאַלער צוקונפט. מיר באַמיען זיך אַז אונדזער אידעאַל זאָל מקוים ווערן.

וואָס פאַר אַ געטרייקייט איז יידישקייט?

— איך מיין אַז יידישקייט איז איבערהויפּט טאַקע אַ אידעאַל. פון די עשרה הדיברות אָן, פון דעם וווּנטש „והייתם לי ממלכת כוהנים וגוי קדוש״, פיין אָנהייב אָן, הייסט עס, איז יידישקייט אַ אידעאַל, אַ אידעאַל פון אַ פאָלק אַ מוסטער, אַ פאָלק וואָס „והלכו עמים רבים ואמרו — לכו ונעלה אל הר ה׳ אל בית אלוהי יעקב״, ווייל — כי מציון תצא תורה אאז״וו. און דער אידעאַל איז אויך אַן אוניווערסאַלער: „לא ישא אל גוי חרב ולא ילמדו עוד מלחמה״ — אייביקער שלום. אָט דאָס איז דער אידעאַל פון יידישקייט, דער ציל פון יידישקייט. מערקווירדיק איז די שמונה עשרה פון ראש־השנה און יום־כיפור — אַלץ אידעאַלן פון אַ בעסערער וועלט, יידן בעטן נישט קיין ברויט, קיין פריי־וואַטע גליקן, נישט קיין געזונט, מען בעט אַז די רשעות זאָל ווי אַ רויך פאַר־שווינדן און אַלע זאָלן קומען און מאַכן איין בונד צו דינען דעם גאָט פון אמת און פון יושר. נישטאָ קיין וואָרט וועגן ראַטעווען די אייגענע נשמה פון גיהנום־פייערן. אין דער זעלביקער שמונה עשרה איז דער גאַנצער אידעאַל פון יידיש־קייט פאַרמולירט אין איין זאַץ „לתקן עולם במלכות שדי״ — געטלעכקייט אויף דער וועלט צווישן מענטשן. און דווקא אָט־די תפילה זאָגן יידן דריי מאָל אין טאָג (עלינו לשבח). אָט־דאָס איז דער תוכיקער אידעאַל פון יידישקייט פון די עשרת הדיברות און דורך אַלע נביאים און ביז טאַקע צו עלינו, וואָס איז צוגעשריבן צו רב, איינעם פון די ערשטע אמוראים, און דאָס איז דאָך דער תוך פון דעם משיח־אידעאַל, וואָס דאַרף קומען נישט בלויז צו יידן, נאָר די גאַנצע וועלט וואָרט דאָך אויסגעלייזט צו ווערן. און פאַרשטייט זיך, אַז בראש וראשון דאַרף אויסגעלייזט ווערן דאָס יידישע פאָלק וואָס איז אין גלות, פון איין גלות אין דעם צווייטן, און צוזאַמען מיט אים איז אויך אין גלות דער געטלעכער גייסט וואָס אין פאָלק (די שכינה) און יידן קלאָגן אויף אָט־דעם גלות השכינה נישט ווייניקער, אויב נישט מער ווי אויף זייער אייגענעם גלות. די שכינה איז דער חלק אלוה ממעל וואָס אין פאָלק, זיין נשמה, — און די נשמה אין גלות איז ערגער און ביטערער ווי דער גלות פון גוף... און אויף דעם זעלביקן גלות קלאָגט אויך דער רבונו של עולם, די נשמה פון דער וועלט, ער קלאָגט אויף דעם גלות פון זיינע קינדער, פון זיין פאָלק, וואָס האַלט זיך דאָך אין גלות אַדאַנק טאַקע זיין שכינה, וואָס באַגלייט דאָס פאָלק אין אַלע גלותן. ווי טיף עס זענען די געדאַנקען, וואָס נאָר אַ רמז קען מען געבן אויף זיי, און ווי פריי־מיטיוו מיר נעמען זיי אויף, און על פי רוב — לויט פרעמדע באַגריפן. און אַפילו אויף דעם „לעצטן וועג״ ווען יידן זענען געלעגן אין די הענט פון טייוול, פון אַ טייוול פאָלק, אַפילו דעמאָלט האָט דאָס יידישע פאָלק נישט פאַרלוירן דעם פּרצוף אלוהים און געזונגען דעם אני מאמין בביאת המשיח

אַני מאמין — ניין, די וועלט מוז אויסגעלייזט ווערן און זי וועט אויסגעלייזט ווערן! אַפילו דעמאָלט האָבן ייִדן געשריגן „גוואַלד, ייִדן! זייט אייך נישט מייאש!" טראַכט איך זיך אַריין אין דעם און איך זאָג אין זיך „מי כעמך ישראל?..." ווי האָט אַן אַנדער פאָלק דערצו געקענט דערהייבן זיך?...

און אַ יונג בחורל, ערגעץ פון אַן אָרעם ייִדיש געסל האָט אָט־דעם גייסט פון דעם אני מאמין איבערגעזעצט אויף ייִדיש „זאָג נישט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג..." נישט אומזיסט האָט עס דאָס גאַנצע ייִדישע פאָלק פון רעכטס און ביז לינקס אָנגענומען ווי אַ הימן, ווי אַ מין תפילה — תפילה לעם עני כי יעטוף — ווען עס גייט אַפילו אין די גאַזקאַמערן פון דער „ציוויליזירטער וועלט", און ביי די טויערן פון גיהנום — „זאָג נישט קיינמאָל...!".

איז ייִדישקייט נישט קיין גלויבן אין קיינע קאַטעכיזירן, און אין קיינע געטער, מיט זייערע מאַטעריעלע אַטריבוטן, און מיט זייערע פּאַרטיקע, געשאַפענע פּערפעקטקייטן, ווי עס זענען אַנדערע רעליגיעס. — ייִדישקייט איז אָבער אַ גלויבן אין דער געטלעכקייט פון קאָסמאָס, פון דער גאַנצער יצירה וואָס שטעלט זיך נישט אָפּ, וואָס איז זיך מחדש בכל יום מעשי בראשית, און אָט־די געטלעכקייט וואָס איז פאַראַן אין דער אַלוועלט דאַרף אויך זיין אין דער מענטשהייט, און דאָס דאַרף קומען דורך גאָטס פאָלק — דורך דעם ייִדישן פאָלק, וואָס ער איז געטלעך אַדאַנק דער תורה, וואָס זי איז געטלעך און זי פאַרבינדט דעם קאָסמישן גאָט מיט דעם ליידנדיקן פאָלק, ווייל קודשא בריך הוא וישראל ואוריתא איז איינס — חדא! דערציילט טאַקע די גמרא אַז גאָט האָט געמאַכט אַ תנאי מיט די מעשי־בראשית, אויב די ייִדן נעמען אָן די תורה וועט איר בלייבן, אויב אָבער נישט, אויב די ייִדן נעמען נישט אָן די תורה, דעמאָלט מאַך איך צוריק תוהו ובוהו (שבת פ"ח א'), אָן דער תורה האָט די גאַנצע וועלט נישט קיין זינען, האָט נישט קיין ווערט אויב די פּערפעקטע האַרמאָניע אין דעם קאָסמאָס, אין די מעשי־בראשית וועט נישט הערשן אויך אין דער מענטשהייט. הייַנט וואָלט מען אפשר געמעגט זאָגן, אַז דער מענטש מיט דער וויסנשאַפט איז בכוח אומצוברענגען די גאַנצע מעשי בראשית כל־זמן די ממשלה ליגט אין די הענט פון רשעים... און דערפאַר איז אין אַלע ייִדישע קאָדעקסן פון די עשרת הדיברות און ביז די גאָר לעצטע — שולחן־ערוך און אַפילו חיי אדם פאַראַן אָנווייזונגען וואָס אַ ייִד דאַרף טאָן און וואָס ער טאָר נישט טאָן, עס זענען אָבער נישט (אָדער כמעט נישטאָ) קיין אָנווייזונגען אין וואָס אַ ייִד דאַרף גלייבן אָדער נישט. און איבערהויפּט איז דאָס אָנגעמערקטע נישט פאַר דעם פּריוואַטן גליק פון דעם גלויבער נישט אויף דער וועלט און נישט אויף יענער וועלט. און אַפילו דער רמב"ם וואָס האָט יאָ אָנגעמערקט די דרייצן עיקרים (י"ג עיקרים) פון דעם ייִדישן גלויבן, האָט ער אָבער אַ סך מער געטאָן וועגן

דעם וואָס מען דאַרף טאָן און וואָס מען טאָר נישט טאָן כּדי צו זיין אַ ייִד. דאָ איז געווען זיין „יד החזקה" — זיין משנה תורה. קענען מיר לאָזן דאָס גלייבן אין אַ פּערזענלעכן גאָט פאַר אַנדערע פעלקער, אָדער פאַר אונדזערע קליינע קינדער — זיי קענען נאָך נישט באַנעמען אַבסטראַקטע באַגריפן. וועל איך זיך בעסער אָפּהאַלטן פון מאַכן וואָסערע עס זאָלן נישט זיין קאָנקרעטע אויספירן פון דעם אַלעם וואָס עס איז געזאָגט געוואָרן אין דעם קאַפּיטל, ווי עס איז געגאַנגען די אַנטוויקלונג פון דעם הייליקסטן באַגריף ביי ייִדן פון די פּאַרציי־טיקסטע און די עלטסטע פאַרשטעלונגען. איך מיין אַז די געביטן דאַרף מען נישט און אפשר טאָר מען נישט געבן קיין דעפיניציעס. גערעכט איז זיכער רנ"ק וואָס זאָגט אַז דער אינטימסטער גייסט און כאַראַקטער פון אַ פאָלק — דאָס רופט מען אלוהי האומה. (מורה נבוכי הזמן שער „גוי ואלוהיו"). שפּע־טער, דאַרף מען צוגעבן, האָט מען ביי ייִדן אויסגעמיטן צו נוצן דאָס וואָרט אלוהים אין מערצאָל, ווי אלוהי האומה און עס איז געוואָרן שר האומה. פאַר ייִדן איז עס די שכינה. אָבער נאָך פאַרשיידנאַרטיקער, נאָך אייגנאַרטיקער און פאַרזיכיקער איז דער עצם באַגריף גאָט ביי פאַרשיידענע פעלקער, איטלעך פאָלק לויט זיינע השגות און זיין גייסט. מיר האָבן נאָר געזוכט עטוואָס קלאָ־רער צו מאַכן דעם ייִדישן גאָט־באַגריף לויט דעם טיפערן ייִדישן גייסט דורך אַזוי פיל דורות, אַזוי פיל תקופות, איבער לענדער און פעלקער. און לאָמיר נאָר דאָ אין קורצן איבערחזרן דאָס געזאָגטע אין דעם קאַפּיטל אַן ציטאָטן און אָן איבערחזרונגען:

1. — ייִדישקייט — דער אינהאַלט פון ייִדישן אַנדערשדיקן לעבן און דענקען איז די תורה, זי איז די נשמה פון ייִדישן פאָלק. זי איז פאַר אונדז געטלעך אַזוי ווי די גאַנצע וועלט. די גאַנצע יצירה איז געטלעך, עס איז איין האַרמאָניע און עס איז אין ייִדישן גייסט צו שטרעבן צו אָט־דער געטלעך־קאָסמישער האַרמאָניע אויך אין לעבן פון מענטשן: לתקן עולם במלכות שדי. אין דעם איז דער זינען פון ייִדישן מאָניזם, פון דעם קודשא בריך הוא ואוריי־תא וישראל חדא.

2. — פונקט ווי די וועלט, די גאַנצע מעשה בראשית זענען געשאַפן גע־וואָרן נישט קיין שלמותדיקע, נישט קיין פּערפעקטע און פון דער יצירה אָן גייט אָן אייביקער און כּסדרדיקער פּראָצעס, אַ גאַנג צו השלמה, ווי דאָס שטעלן פעסט אַלע נאַטור־וויסנשאַפטן, אַן אייביקע אַנטוויקלונג וואָס שטעלט זיך קיינמאָל נישט אָפּ, — פונקט אַזוי איז אויך אונדזער ייִדישקייט, אונדזער תורה פון אָנהייב אָן באַשטימט געוואָרן זי זאָל כּסדר וואַקסן און זיך אַנטוויקלען. אַזוי ווי די גאַנצע גאָטס וועלט, דאַרף די תורה אויך נישט זיין קיין „עומד" נאָר אַן אייביקער, כּסדרדיקער „הולך", אַ גייער, ווי עס דאַרף זיין

יעדער ייִד; אײן אייביקע שטרעבונג צו שלמות. יעדער ייִד און יעדער דור ייִדן איז מחויב מחדש חידושים צו זײַן, צו זײַן אַ רינג אין דער אייביקער קייט פון תורת חיים, פון דעם חיים של תורה, וואָס דאַרף כסדר זיך פּרוכפּערן און פאַרמערן.

3. — יעדער געדאַנק צו פיקסירן ייִדישקייט, אָפּצושטעלן דעם אַנטוויקלונגס־וועג פון דער תורה כל־זמן עס איז נאָך דאָ אַ ייִדישע מחשבה, כל־זמן עס איז נאָך דאָ אַ „תלמיד ותיק" איז דער דרך הצדוקים, וואָס ברענגט טויט, פּונקט אַזוי ווי עס וואָלט געבראַכט אַן אָפּשטעל פון דער אייביקער באַוועגונג פון די גלגלים אין קאָסמאָס. אַזוי ווי אַ בוים וואָס שטייט שטאַרק און פעסט מיט זיין גאַנצן פאַרהאָלצטן גוף און ער שאַפט נישט קיין דינע, צאַרטע און שוואַכע בלעטלעך מער, איז שוין טויט, אַזוי איז אויך מיט אונדזער „עץ חיים", וואָס זאָל חלילה אויפהערן צו שאַפן נייע, זאָל זיין שוואַכע חידושי תורה. אין אָט־דעם איז דער תוך־אונטערשייד צווישן אונדזער ייִדישער השגה פון תורה און צווישן דעם באַגריף פון די אַנדערע פעלקער וואָס צווישן זיי לעבן מיר.

4. — דאָ, אין דעם כסדרדיקן פּראָצעס פון דער ייִדישער מחשבה איז דער גאַנצער אונטערשייד אונדזערער און דאָס איז דער זינען פון „תלמוד תורה", וואָס איז און מוז זיין אַנדערש פון „לימוד תורה". ביי זיי איז לימוד און ביי אונדז תלמוד. נישט לימוד התורה, נאָר תלמוד התורה. דעם גענויערן אינהאַלט פון די באַגריפן וועלן מיר זיך באַמיִען צו געבן אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלען. דאָ איז דער אונטערשייד צווישן לומדי תורה און תלמידים חכמים.

5. — דאָ וועלן מיר זיך באַגרענעצן מיט דעם זאָגן אַז יעדער הלכה אין ייִדישקייט איז אַ תולדה פון אַ הליכה, ווי עס ווערט שוין אָנגעמערקט אויך אין תלמוד. יעדער מעשה און מחשבה אין ייִדישקייט, יעדער הלכה און יעדער תקנה, און אַלע דיברי תורה זענען פּונקטן אין דער אייביקער ליניע, רינגען אין דער אינסופיקער קייט פון אונדזער אייביקער שעפערישער הליכה פון אונדזער ייִדישקייט, פון אונדזער תורה און אין דעם אייביקן פּראָצעס איז די אייביקייט פון ייִדנטום, פון ייִדישן פאָלק. אין דעם איז אונדזער געטלעכקייט צוזאַמען מיט דער געטלעכקייט פון גאַנצן געטלעכן קאָסמאָס.

6. — אין יעדער מאַשין וואָס האָט צו טאָן מיט הליכה, מיט באַוועגונג, איז פאַראַן אַ מאָטאָר וואָס טרייבט און עס איז פאַראַן אַן איינהאַלטער, וואָס לאָזט נישט דעם מאָטאָר צו ווייט לויפן. אין יעדן מענטשן איז פאַראַן אַ יצר־הרע וואָס אָן אים האָט די וועלט נישט קיין קיום און עס איז פאַראַן אַן איינהאַלטער — דער יצר־טוב. גליקלעך איז דער מענטש ביי וועמען עס איז דאָ

אַ האַרמאָניע צווישןביידע יצרים, נאָרמאַל איז אַ מאַשין מיט אַ באַלאַנס צווישן דעם מאָטאָר און איינהאַלטער. אויך אין אונדזער אייביקער הליכה פּאַראויס זענען פאַראַן מאָטאָרן וואָס טרייבן פאָראויס און איינהאַלטערס וואָס באַמיִען זיך אין גאַנצן אָפּשטעלן דעם גאַנג פון דעם אייביקן „גייער". יעדער הלכה איז אַ פּראָדוקט פון אַ הליכה, און קיין הלכה טאָר נישט אָפּשטעלן די הליכה... „דאָ שטייט מען נישט", זאָגט דער בריסקער רב צו זיין תלמיד — דעם ביאַלער רבין... (פּרץ).

## תלמוד תורה

דאָס עצם וואָרט תלמוד שטאַמט נישט פון תנ"ך־צייט. אין תנ"ך טרעפן זיך ווערטער פון דער פאָרעם (משקל, רופט מען דאָס אין דער העברעיִשער גראַמאַטיק) זייער וויניק, און דאָס — כמעט נאָר אין די שפּעטערדיקע ספרים ווי אין תהילים )תגמול(*, נאָך שפּעטער, שוין אין דער תלמוד־תקופה, זענען צוגעקומען נאָך ווערטער פון דעם משקל ווי תשלום, תרגום און אויך תלמוד. אין אַ שפּראַך קומט צו אַ ניי וואָרט ווען עס איז דאָ נייער באַגריף. איז דאָך אָבער פאַרן באַגריף לערנען געווען פון פריִער אַ וואָרט „למד" אין אַלע זיינע בייגונגען, צו וואָס האָט מען געדאַרפט דאָס נייע וואָרט?

מוזן מיר דאָ זיך עטוואָס פאַרנעמען מיט דער העברעיִשער גראַמאַטיק. העברעיִש איז אַ שפּראַך אָן פּרעפיקסן. דערפאַר קומט אויס פאַר איין באַגריף צו נוצן עטלעכע פאַרשיידענע ווערטער. אַט וועלן מיר נעמען אַ משל:

| אין יידיש | איז אין העברעיִש |
|---|---|
| גיין | הלוך |
| אַרויסגיין | יצא |
| אַריינגיין | בא |
| אַריבערגיין | עבור |
| פאַרבייגיין | חלוף |

האָבן מיר דאָ אין יידיש איין וואָרצל מיט עטלעכע פּרעפיקסן. אַנדערש איז עס אין העברעיִש, דאָ האָבן מיר פינף באַזונדערע פאַרשיידענע ווערטער

* אין תנ"ך בכלל האָב איך געפונען בלויז אַ צוועלף ווערטער פון דעם מין און פון דער פאָרעם. אין חומש — נאָר איין וואָרט „תרבות אנשים חטאים". אָבער דאָרטן מיינט דאָס וואָרט גאָרנישט דאָס וואָס שפּעטער, קולטור. דאָרטן מיינט עס פשוט אַ מענגע מענטשן, און יהושע זעצט איבער אַ געזינדל (במדבר ל"ב, 14).

פון פאַרשיידענע שרשים (וואָרצלען). קענען מיר אין יידיש האָבן לערנען, אויסלערנען, אַרויסלערנען, אַריינלערנען, איבערלערנען — אַלץ פון איין וואָרצל־וואָרט. אָבער אין תלמודישע צייטן האָט דאָס לערנען ביי יידן באַקומען אַ נייעם כאַראַקטער. מען האָט נישט געלערנט כדי צו וויסן, כדי צו קענען די טעקסטן. פאַר דעם לערנען וואָלט געווען גענוג דאָס וואָרט למד וואָס ווערט טאַקע כסדר געניצט. די ווערטער אָבער אַריינלערנען און אַרויסלערנען זענען געוואָרן נייע, איצט אין תלמוד־צייט אויפגעקומען. מען האָט דאָך געשטרעבט אַלע נייע פאָרמען און נאָרמען פון לעבן אַריינדרינגען אין די ווערטער פון דער תורה און אַרויסדרינגען פון די ווערטער נייע און נייערע אידעען און אויספירן, דורך דעם צו באַגרינדן נייע הלכות, סאַנקציאָנירן פירונגען און שטייגער־מינהגים מיט אַ סמך פון דער תורה. פאַר דעם געוויינטלעכן לערנען איז טאַקע געווען גענוג דאָס וואָרט למד אין זיינע פאַרשיידענע פאָרמען. איז דאָס נייע וואָרט תלמוד באַשטימט געוואָרן פאַר דעם נייעם און אַנדערשדיקן באַגריף פון לערנען. תלמוד־תורה מיינט אַ סך מער נישט לערנען נאָר דרשענען, אַריינדרשענען און אויסדרשענען, מאַכן אויספירן. עס זענען מיט דער צייט איינגעשטעלט געוואָרן גאַנצע סיסטעמען פון דרשענען די תורה (מידות שהתורה נדרשת בהם) כדי עס זאָל נישט בלייבן עפּעס וואָס איז נישט באַגרינדעט, נישט פאַרבונדן מיט דער תורה. עס איז געווען אַ גרויסע אויפגאַבע פאַר זיי: מען האָט געדאַרפט דערהייבן דאָס לעבן פון פאָלק, פאַרהייליקן זיין שטייגער ביז צו דער מדרגה פון געטלעכער תורה, מען האָט געדאַרפט די הייליקע תורה וואָס שטאַמט פון אַ פריערדיקער תקופה פאַרבינדן מיטן לעבן פון היינט, מיט דעם שטייגער פון לעבן, מיט זיטן און פירונגען, מיט די פאָרשטעלונגען און שאַפונגען, אידעען און געדאַנקען. די תורה איז פון גאָט, אָבער גאָט אַליין איז זיך עוסק מיט תלמוד תורה, וואָס דאַרף פירן צו דער קאָסמישער האַרמאָניע אין דער וועלט פון מענטשן. די גאַנצע יצירה איז נישט פערפעקט, כל־זמן די תורה וועט נישט באַהערשן די מענטשהייט, ווי מיר האָבן עס אויבן געבראַכט פון אַ גמרא אין שבת. דאָרטן גופא איז פאַראַן אַז גאָט בעט ביי משהן ער זאָל אים העלפן. משה געפינט דעם רבונו של עולם — ער מאַכט באַפּוצונגען צו די אותיות (קרוינען). דאָס זענען שטריכעלעך איבער אַ טייל אותיות. פרעגט אים משה צו וואָס ער דאַרף עס? ענפערט אים גאָט, אַז עס וועט קומען אַ מענטש ר׳ עקיבא וואָס וועט דרשענען אויף יעדער שטריכעלע תלי־תילין (גאַנצע בערג) הלכות (מנחות כ״ט ב׳). מיר האָבן שוין געבראַכט דעם אויסדרוק פון פראָפעסאָר ח. טשערנאָוויטש, אַז „הליכות נעשו הלכות" — שטייגער־פאָרמען זענען געוואָרן געזעצן. מיר האָבן שוין אויך אויבן געזאָגט אַז דאָס עצם וואָרט „הלכה" אין תלמוד באַטייט דאָס זעלביקע

וואָס דאָס וואָרט „תורה" אין די ערשטע ספרים פון חומש, געזעצן, נאָרמעס, וואָס זייער ווייטסטער ציל איז צו ברענגען דאָס לעבן פון דער מענטשהייט צו דער געטלעכער האַרמאָניע. לתקן עולם במלכות שדי" די געטלעכע, קאָסמי־שע האַרמאָניע אין דער וועלט. די וועלט איז גאָטס, די תורה איז גאָטס. אָן דער תורה איז די וועלט נישט ווערט איר קיום, די תורה איז פריִער פאַר דער וועלט, וויכטיקער פאַר דער וועלט. (און לאָמיר פון זיך צוגעבן, אַז אָן דער תורה איז די עצם וויסנשאַפט דער מלאך המות פאַר דער וועלט). און ווער עס העלפט דעם רבונו של עולם אין אַרבעט פון תלמוד תורה, דער ווערט אַ שותף צו דער געטלעכקייט, און דערפאַר איז ותלמוד תורה כנגד כולם — העכער און וויכטיקער פון אַלע מצוות אויף דער וועלט. און די אַר־בעט איז אַ גרויסע, ווייל עס איז דאָך נאָך פאַראַן גאַנצע בערג פון הלכה וואָס הענגען אויף אַ האָר (שהן הלכה מרובה ומקרא מעט), עס פעלט נאָך זיי דער סמך פון דער תורה. זיי ווערן, חלילה, נישט בטל דערפאַר וואָס עס פעלט פאַר זיי באַגרינדונג פון דער תורה, אָבער פאַרט איז זייער באַזע אַ שוואַכע, דער אויסדרוק פון תלמוד „תלוין בשערה" — זיי הענגען אויף אַ האָר (חגיגה י׳ א׳). עס איז אָפט פאַראַן אַ מיינונג, אַז יעדער הלכה איז דע־דוקטיוו אַרויסגעדרונגען פון אַ פסוק, פון אַ וואָרט, פון אַ שטריך אין דער תורה. אָן דעם סמך פון דער תורה פריִער איז די הלכה נישט געווען, זי איז ערשט סעקונדער געקומען פון דעם וואָרט פון דער תורה. אין דער אמתן איז עס פאַרקערט: די הלכה שטאַמט פון לעבן דירעקט, זי איז איינגעשטעלט, ווי אַ מינהג, אַ שטייגער, און ערשט שפּעטער פלעגט מען זוכן פאַר איר עפּעס אַ סמך פון דער תורה. עס פרעגט די גמרא „תחית המתים מן התורה מנין?" ד"ה אַז דער גלויבן אין תחית המתים איז שוין געווען, ער איז דאָ, ערשט שפּעטער ווערט פאַר אים געזוכט אַ באַזיס אין דער תורה. דער פסוק, דער דירעקטער געדאַנק, אָדער דער דרש האָט געדאַרפט באַשטעטיקן אַ הלכה, אַ דין, אַ מנהג, אַ אידעע וואָס איז געווען אין לעבן פון פריִער.*

---

* אַז דאָס איז אַזוי, אַז דער פסוק אָדער זיין דרש איז געבראַכט געוואָרן כדי צו באַ־שטעטיקן אַ זאַך וואָס עס איז שוין געווען אין לעבן נאָך פון פריִער, אַז נישט דער פסוק האָט געשאַפן די הלכה נאָר די הלכה, דער גאַנג, די פירונג אין פאָלק איז באַשטעטיקט געוואָרן דורך אַ פסוק, דורך אַ וואָרט אין דער תורה, אַז אַזוי איז געווען קען מען זען פון דער גמרא גופא: אין דער מסיכתא סוכה כ"ח א׳ זאָגט עס רבה בפירוש: „ביידע קעגנ־געזעצטע מנהגים זענען אַ הלכה, אַן אַלטער מנהג (אָדער ווי רש"י זאָגט — אַזוי איז געזאָגט געוואָרן משהן אויף דעם באַרג סיני). שפּעטער האָבן דאָס די רבנן פאַרפעסטיקט מיט אַ פסוק וואָס זיי דרשענען איין מאָל אַזוי און אַ צווייט מאָל פונקט פאַרקערט". עס האַנדלט זיך דאָרטן וועגן דעם אַז פרויען דאַרפן יאָ פאַסטן יום־כיפור און פון סוכה זענען

מיט דער צייט איז אַריינדרשענען און אַרויסדרשענען געוואָרן אַ מין ספּאָרט. אין סנהדרין האָט מען באַשטימט, לויט ז׳ער גמרא, נאָר אַזוינע וואָס האָבן געקענט מטהר זיין אַ שרץ בק״ן טעמים. ־אָס הייסט נישט, חלילה, אַז דער שרץ איז טאַקע געווען כשר, טהור. חס ושלום, אַ שרץ בלייבט אַ שרץ נאָך אַלע פּשטלעך און דרשן, עס איז אָבער געווען וויכטיק די בריהשאַפט פון דעם בעל דרשן, דאָס קענען „דורכפירן אַ העלפאַנט דורך אַ לאָך פון אַ נאָדל״ (פילא בקופא דמחטא). דאָס איז געוואָרן אַ מין קונסט אַזאַ, ווי ביי היינטיקע וו״ציקע מאַטעמאַטיקער צו באַווייזן אַז צוויי מאָל צוויי איז פינף. עס איז גע־ווען אַ גרויסקייט צו דרשענען אויף יעדער „את״ און יעדער „גם״ אין דער תורה. מען האָט ליב געקראָגן די גייסטיקע שאַרפזיניקייט, „טבא חדא פלפלתא חריפתא״ (עס איז בעסער איין שאַרף פעפערל פון אַ גאַנצן קאָרב מיט קירבעס) (מגילה ז׳, חגיגה י׳; יומא פ״ה); עס איז, הייסט עס געווען אַ גאַנגבאַר ווערטל, אַן אָנגענומענע זאַך; געמיינט — בעסער איין שאַרפזיניקער געדאַנק איידער גאָר אַ סך וויסן סתם. שפּעטער, אין מיטלאַלטער שוין, האָט זיך אָט־די שאַרפ־זיניקייט אַנטוויקלט און איז געוואָרן אַ גאַנצע סיסטעם פון פילפול, וואָס האָט שוין אַרויסגערופן אַ קעגנערשאַפט ווי אַלץ וואָס וואַקסט אַריבער די מאָס. עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ ספּעציעלער טיפּ פון תלמידי חכמים — דער חריף (אין קעגנזאַץ צו דעם „בקי״ — וואָס ווייס אַ סך). עס זענען באַקאַנט די קליי־נע האַלץ־סקולפּטורן פון מאַרק אַנטאָקאָלסקי — חריף און בקי. עס זענען צוויי טיפּן — דער וויסער און דער שאַרפזיניקער קענער. ווי מיר זעען אָבער איז עס שוין געווען אין דער צייט פון תלמוד. און פונקט ווי אין דער פריער־דיקער תקופה איז פון דעם בראשיתדיקן וואָרט „תורה״ — וואָס האָט גע־מיינט איין אָנווייזונג, איין „דין״ אָדער מינהג, א״ז מיט דער צייט געוואָרן די זאַמלונג פון אַלע אָנווייזונגען, פון אַלע תורות איז געוואָרן איין ספר התורה. אַזוי איז איצט אויך, אין דער תלמוד־תקופה פון אַלע תלמודישע דרשות און מימראס און אַלע באַזונדערע אַרויסדרינגונגען. פון אַלע באַזונדערע הלכות געוואָרן איין גיגאַנטיש־גרויסער תלמוד. פון אַלע ותלמוד לומרס, פון אַלע „צריך תלמוד״, פון אַלע „יש תלמוד״, פון אַלע ״ותלמודו בידו״ און פון אַלע „תלמו־דות״ איז געוואָרן איין כוללדיקער תלמוד, וואָס נעמט אַרום אַלע תלמודישע

---

זיי פּטור, און צום באַשטעטיקן ברענגט מען איין וואָרט „האזרח״ און איין מאָל טייטשט מען אים אַז עס מיינט אויך די פרויען און אַ צווייט מאָל טייטשט מען דאָס זעלביקע וואָרט פונקט פאַרקערט אַז פרויען זענען פּטור. פאַר אונדז איז וויכטיק דאָ דער זאָג פון רבה. אַז די הלכה איז געווען פון פריער, ערשט שפּעטער האָט מען זי באַפעסטיקט מיט אַ פסוק. אויף דער גמרא האָט מיר אָנגעוויזן הרב ד״ר ר׳ יעקב אביגדור. אַ דאַנק אים.

לערנונגען, דרשות און אויספירונגען. עס איז שווין אָבער נישט קיין איין ספר, ווי דער ספר התורה, נאָר אַ גאַנצער ש״ס — שישה סדרי משנה און גמרא.

און פונקט ווי פריִער איז דער עצם בראשיתדיקער ציל, דאָס זוכן צו באַגרינדן אַלע הלכות מן התורה פאַרטושט געוואָרן אַזוי אַז איצט איז דער דרש, דער תלמוד תורה געוואָרן אַ ציל פאַר זיך, דער הפוך בה והפוך בה דכולא בה און דער אי אפשר לבית המדרש בלי חידוש און דער פריִער גע־בראַכטער טבא חדא פילפלתא חריפתא — דאָס ליב קריגן יעדער שאַרפזי־ניקייט, פשטל און איינפאַל געוואָרן פאַר זיך אַ ציל, און דער ערשטיקער ציל איז ווי פאַרלוירן געגאַנגען.

דערביי דאַרף מען צוגעבן אַז ביים רעדאַקטירן די גמרא איז געווען די אַרבעט גאָר אַנדערש. די תורה איז שטאַרק געזיפּט און געקליבן געוואָרן. עס פאַרנעמט אין תלמוד אַ סך אָרט די פראַגע צי דער אָדער יענער ספר איז הייליק צי נישט, צי ער דאַרף אַריינגענומען ווערן אין סכום פון תורה אָדער נישט. אויך איז די משנה גאַנץ שטרענג רעדאַקטירט געוואָרן און דער רע־דאַקטאָר — רבי יהודה הנשיא האָט אַ סך אַרויסגעלאָזט, געלאָזן אָן אַ זייט. גאָר אַנדערש האָבן זיך נוהג געווען די רעדאַקטאָרן פון דער גמרא: זיי האָבן גאָרנישט געקליבן, גאָרנישט געזיפּט. זיי האָבן אַריינגענומען אַלץ, אַלע צו־זויפגעזאַמלטע הלכות, אַלע מיינונגען און אַלע מחלוקותן, דיסקוסיעס, קריגע־רייען, אַלץ איז פאַרשריבן געוואָרן ווי עס וואָלט קיין רעדאַקציע נישט געווען, אָט ווי עס איז געווען גאַנגבאַר אין די ישיבות, אין די בתי מדרשים, אין פאָלק. עס איז ווי אַ זאַמלונג פון פאָלקלאָר, ווי עס איז געווען אין „מויל פון פאָלק" — אמתע תורה שבעל פה. און אַזוי אויך נישט געסדרט לגמרי. זענען צונויפגענומען געוואָרן צוזאַמען אָן אַ סדר טיפע רעיונות, פילאָסאָפישע בליץ־אידעען, לאָקאַנישע טיפע געדאַנקען און גאָר פשוטע, אָפט אַפילו נאַרישע לע־גענדעס. און אַלץ אויף איין דף. רנ״ק שטעלט זיך אויף דעם פונקט אגדה, און ער טיילט איין די אגדה אויף דריי מינים: העברעע, וויכטיקע אגדות; נאַרישע (אגדות טפלות) און אַפילו רופט ער אָן „אגדות דופי", וואָס עס איז גאָר אַ שאַנדע, אַ חרפה וואָס זיי געפינען זיך אין תלמוד. איך האָב נאָכגעקוקט אַ פּאָר אַזוינע אגדות, זיי זענען גאַנץ האַמעטנע, פאָלקס־וויצן, חכמות אויף דעם באַדן פון סעקס. עס פאַרשטייט זיך אַז דער תלמוד וואָלט גאָרנישט פאַרלאָרן ווען די אגדות זענען נישטאָ אין תלמוד, אָבער מיר האָבן היינט אויך אין פאָלקלאָר־זאַמלונגען גאָרנישט זעלטן גאַנץ האַמעטנע און אַפילו גראָבע זאַ־געכצן. אויך די טעמעס זענען נישט אָפּגעזונדערט באַזונדער, עס זאָל אויס־געשעפּט ווערן איין פּראָבלעם אויף איין אָרט. אָדער מען זאָל ווערן נעמען אין תלמודישן גדול און וועלן זען זיין גאַנצע וועלט, אַלע זיינע אידעען, אַלע

זיינע מיינונגען, מוז מען ווידער דורכבלעטערן דעם גאַנצן ש״ס, ווייל אַלץ איז צעשאָטן ווי עס איז געווען באַקאַנט, גאַנגבאַר אין די זיכרונות, אָדער אין די נאָטיצן פון די תלמידים אָן אַ סדר און אַ סיסטעם. עס טרעפט זיך זייער אָפט אין תלמוד דאָס אַרויסזאָגן אַ מיינונג פון עמיצן וואָס ווערט איבערגע־געבן דורך אַ צווייטן און דורך אַ דריטן, נישט דירעקט. דאָס מאַכט זייער שווער דאָס לערנען גמרא, דאָס איז אויך איינע פון די סיבות וואָס האָבן גע־בראַכט דעם רמב״ם צו וועלן שאַפן זיין גראַנדיעזע תלמודישע „ענציקלאָ־פעדיע״ די משנה תורה, אָדער „יד החזקה״.

דערפאַר פאַסט טאַקע פאַרן תלמוד דער נאָמען „תורה שבעל פה״. אָבער נישט ווי עס דערקלערט עס די טראַדיציע, ווייל עס איז געגעבן געוואָרן בעל פה, אויפן באַרג סיני, נאָר ווייל עס איז פאַרשריבן געוואָרן פון פאָלקס מויל, ווי עס איז געווען גאַנגבאַר אין פאָלק, ווי עס איז געווען די מונדלעכע טראַדי־ציע אין פאָלק. שוין אין תלמוד אַליין איז דער מעמד הר סיני, ווי מיר האָבן געזען, דעגראַדירט געוואָרן און עס איז העכער פון דער איינמאָליקער דער־שיינונג אויף דעם סיני געשטעלט געוואָרן דער כסדרדיקער פּראָצעס, דער אייביקער פּראָצעס פון לערנען, פון שעפערישן לערנען און מחדש חידושים זיין אין דער תורה. די הלכה למשה מסיני איז ביי ייִדן שוין אין יענער צייט געוואָרן העכער ווי דער סיני גופא, די טראַדיציע וויכטיקער ווי דער בראַ־שיתדיקער אויפפלאַם. איז טאַקע דער תלמוד די אמתע מויל־טראַדיציע פון ייִדישן פאָלק, און אַזוי איז ער פאַרשריבן געוואָרן. דער תלמוד איז מער פאָל־קיש, נישט אין פאַרגלייך מער ווי דער תנ״ך, ער שפּיגלט אָפּ מער די ייִדיש־קייט פון זיין תקופה מער ווי דער תנ״ך — זיין תקופה. אויב אין די ערשטע ספרים פון תנ״ך זענען נאָך פאַראַן שפּורן פון פאָלק־שאַפונגען, זענען די לעצ־טע ספרים — פּראָדוקטן פון יחידישע געניאַלע אויפטוען. דאָס פאָלק ווי אַזאַ איז אין זיי נישט קענטיק.

עס איז ווי עס וואָלט פאַרגעקומען אַ צעשפּאַלטונג — די גייסטיקע אַריס־טאָקראַטיע פאַר זיך, אָפּגעטיילט און אָפּגעזונדערט פון פאָלק, וואָס האָט גע־לעבט זיין לעבן ווידער פאַר זיך, און דאָס פשוט פאָלקישע לעבן איז צו דער ליטעראַטור, צו די שאַפונגס־וואַרשטאַטן פון דער אינטעליגענץ נישט דער־גאַנגען. אפשר איז דאָ געלעגן איינע פון די סיבות, פאַרוואָס די פאָלקישע אינטעליגענץ האָט ווי מיט גוואַלד אָפּגעשניטן דעם תנ״ך, נישט מער ווי די פיר און צוואַנציק ספרים. אויך וועגן אַ טייל פון זיי זענען געווען געווען גענוג האַרבע דיסקוסיעס — יאָ אַריינגעמען אָדער נישט אַריינגעמען אין קאַנאָן; מען האָט בפירוש געזאָגט און פאַרשריבן אויך לדורות, אַז מען דאַרף נישט צופיל לער־נען דעם תנ״ך, עס איז נישט גענוג וויכטיק (מידה ואינה מידה), מען האָט זיך

אַפּילו נישט געשעמט מודה צו זיין אַז מען געדענקט נישט אַ פּסוק, און אַ שפּעטערדיקער בעל התוספות שעמט זיך נישט צו זאָגן, אַז „פּעמים שלא היו בקיאים בפסוקים"... די תורה איז ווי וואַסער לגבי דעם בעסטן ווין, אַזוי איז דאָס לערנען תורה לגבי דעם גמרא־לימוד. און אַזוי האָט זיך טאַקע געפירט דאָס יידישע פאָלק ביז דער השכלה. און ועל כולם האָט מען דאָך אַ גאַנצע ריי ספרים אין גאַנצן באַזייטיקט. צווישן זיי אַזעלכע וואָס דער תלמוד גופא ציטירט זיי פון צייט צו צייט (בן סירה, למשל), מען האָט „דן געווען לגינזה" — אַרויסנעמען פון געברויך. איך וויל גלייבן אַז דאָס איז געווען ווייל די ספרים זענען געווען צו אינדיווידואַליסטיש, צו ווייניק פאָלקסטימלעך. בעת דער תלמוד איז געווען דורך און דורך פאָלקיש, דירעקט פון פאָלקישן לעבן און פון זיין געדאַנק, פון פאָלקס מויל. אפשר איז דאָ אויך געווען דער מאָטיוו פאַרוואָס די גמרא איז אַזוי ווייניק אָדער גאָרנישט רעדאַקטירט געוואָרן. די חכמי התלמוד האָבן קלאָר פאַרשטאַנען די סכנה ווען עס צעגייען זיך באַזונ־דער צוויי שטראָמען — די פאָלקישע טראַדיציעס מיט דעם געדאַנק פון דער אינטעליגענץ, ווען די אינטעליגענץ איז אָפּגעריסן פון די פאָלקישע פשוטע טראַדיציעס. דאָס איז געגליכן צו דעם ווי דאָס באַוווסטזיין ביי איין יחיד זאָל זיך ווי אָפּרייסן פון זיין אומבאַוווסטזיין און זיך שטעלן מיט אים אין קאָנ־פליקט. די זעלביקע סכנה איז אויך אין דעם קאָלעקטיוון אָרגאַניזם פון אַ פאָלק. דערפאַר זענען ביי זיי געווען אָפּט גאַנץ פשוטע פאָלקישע אגדות הע־כער פאַר די טיף־פילאָסאָפישע ספרים פון תנ"ך. און אויך דעם תנ"ך האָט מען געלערנט „תלמודיש" (נישט לימודיש) — דרשענען, טייטשן און אַריינ־טייטשן, אַרויסדרינגען אַלץ נייע און נייערע אידעען און הלכות, אויספירן מאַכן. מען טאָר גאָרנישט לערנען אַ פּסוק לויט זיין פשוטן געשטאַלט, ווייל דאָס וואָלט דאָך געקענט דערפירן די תורה זאָל ווערן אַ ריין־פאַרהייליקטע מאַטעריע, וואָס מען קען גאָרנישט אַריינפּאַסן אין אַקטועלן לעבן.

עס איז באמת צו באַוואונדערן ווי טיף אָרגאַניש די חכמי התלמוד האָבן געפילט די גרעסערע וויכטיקייט פון דעם אַקטועלן, היינטיקן לעבן און היינ־טיקע אידעען אין פאַרגלייך מיט דעם ווערט פון די פאַרשריבענע, אויסגעפּו־רעמטע אידעען פון פריערדיקע תקופות. איך האָב פריער דערמאָנט שוין דעם פאַרגלייך ווי וואַסער און וויין. דער פאַרגלייך חזרט זיך איבער עטלעכע מאָל, אַלעמאָל ווערט אונטערגעשטראָכן די העכערע וויכטיקייט פון דעם אַקטועלן לעבן, פון דער אַקטועלער קולטור־שאַפונג. אַזוי וויַט ביז דער זוהר פאַרגלייכט די תורה צו רויע ווייץ־קערנער, די משנה — געמאָלן און געבאַקן, די גמרא און אירע נאָכפאָלגער — דאָס איז דער לעקאַך... און אין דעם איז פאַראַן אַ טיפער אמת — די סכנה פון דער דיסטאַנץ צווישן דעם לעבן פון פאָלקס מאַ־

סיוו און צווישן דער אידעאָלאָגישער וועלט פון דער אינטעליגענץ. דאָס איז די סכנה פון דער דיסטאַנץ צווישן די שפּיצן פון אַ געעפנטער שער. אָט אַזאַ „שער" האָבן מיר געהאַט בעת דער השכלה. דאָס פאָלק באַזונדער האָט גע־קלאָגט און געוויינט אויף די „גזרות" פון דער מלכות, און די משכילים האָבן געזונגען דיפיראמבן די „מלכי חסד" פון רוסלאַנד. קיין גליקן האָבן מיר פון דער שער נישט געהאַט. זענען אויך פאַרצייטן די פּרושים און זייערע נאָכפאָל־גער — די חכמי התלמוד געווען בשעתם די אמתע „פאָלקיסטן", ווי מען וואָלט עס היינט גערופן, און די צדוקים — די דערווייטערטע אינטעליגענץ און אפשר אויך אַריסטאָקראַטיע. דאָס הייסט נישט, חלילה, אַז די חכמי התלמוד האָבן נישט געהאַלטן פון דער תורה. חס ושלום, זיי האָבן אָבער זי געניצט און גע־לערנט „תלמודיש" כדי זי צו אַקטואַליזירן אין זייער לעבן. רש"י — אָט דער גאונישער, לאַקאָנישער מפרש פון דער גאַרער תורה און תלמוד פאַר־טייטשט דאָס וואָרט „גמרא", „לחשוב בסברא" (ב"מ ל"ג) אָדער „לתת לב להבין סתומות טעמי המשנה". די גמרא איז, הייסט עס, געווען די ווייטער־דיקע פאָלקישע קולטור, די ווייטערדיקע תורה שבעל פה נאָך דעם ווי די משנה איז געווען בכתב, פיקסירט. זיי האָבן אַזוי גוט פאַרשטאַנען אַז די קול־טור פון אַ פאָלק, ייִדישקייט, אָדער די תורה טאָר נישט בלייבן שטיין. ווייל עס איז דאָך געגליכן צו אַ בוים, וואָס לעבט, אַן „עץ חיים" טאַקע, צווייגן על־טערע דאַרן אָפּ, און עס קומען אויף נייע. אַלטע צווייגן פאַלן אָפּ, נישטאָ אין זיי מער קיין לעבן, און די עלטערע טיילן פון שטאַם ווערן פאַרהאַלצט. טאַקע ווערטפול מאַטעריאַל צו אַרבעטן, אָבער קיין לעבן אין דעם איז מער נישטאָ. עס קומען אויף נייע, צאַרטע, פרישע און שוואַכע בלעטער, בלומען און צווייגן — אין זיי איז דאָס לעבן פון בוים, זיין דויער, זיין המשך. איך ווייס נישט צי עס איז ביי די חכמי התלמוד דאָס געווען אַן אינטויטיוו געפיל אָדער אַ קלאָרע פילאָסאָפיע. אָבער סיי ווי איז עס דער טיפער אמת פון יעדער קולטור. גמרא — דאָס איז די פאַרבינדונג „בסברא" די פאַרשריבענע משנה מיט דעם אַקטועלן גייסטיקן לעבן אין פאָלק. איבעריקנס, איז דאָך ווייט נישט דער גאַנצער אינהאַלט פון גמרא נאָך יעדער משנה טאַקע נאָר אַ דערקלערונג צו דער משנה. עס קומען דאָך גאַנצע דפים וואָס האָבן נישט קיין שייכות צו דער משנה, עס איז אַ פאַרבינדונג צווישן דער פאָלקסקולטור מיט דער משנה. ווי די הלכה און אגדה זענען פאַר זיך געוואַקסן און זיך צונויפגעהעפט מיט דער תורה אָפט גאַנץ שוואַך, מיט אָנשטרענגונג, אַזוי איז איצט די גמרא פאַר־בונדן געוואָרן מיט דער משנה, אָבער געוואַקסן איז זי פאַר זיך, פון זיך, פון פאָלקישן לעבן און שטייגער.

## דער תלמוד, נישט דער תנ״ך האָבן געפורעמט דאָס יידישע פאָלק

אָט דער תלמודישער צוגאַנג צו דער תורה, דער וועג צו פאַרבינדן תמיד די אַקטועלע פאָלקישע קולטור מיט דער פרזערדיקער פיקסירטער תורה איז אַזוי העכער און געזינטער פון דעם היינטיקן פאַרלאַנג צו פאַרבינדן דאָס היינטיקע לעבן דירעקט מיט דער תנ״ך. עס דערמאָנט מיר יענעם קלוגן עצה־געבער: היות ווי דעם קינדס עלטער־באבע איז געווען אַ סך געזינטער פון דעם קינדס מאַמען, דעריבער זאָל דאָס קינד זויגן נישט פון דער מאַמען, נאָר דירעקט פון דער עלטער־באבען. נאָך אין די צייטן פון תלמוד איז שוין דער תנ״ך טאַקע פאַרהייליקט אָבער אויך פאַרהאַלצט, אָן דירעקטן לעבן, אָן פאָל־קישן אָטעם אין זיך. אינדיווידועלע ווערק פון גרויסע מענטשן, אָן דעם אָטעם פון פאָלקס נשמה. זאָגט עס טאַקע די גמרא: ווערק, פיקסירטע ספרים קען מען איבערזעצן, און אַלע פעלקער קענען זאָגן אַז זיי זענען דאָס פאָלק פון גאָט... ווייס איך נישט ווי מען קען אין אַלטע, פאַרשטאַרבענע, פאַרהאַלצטע געוועבן פון אַן אַלטן בוים־שטאַם אַריינבלאָזן ניי לעבן (תנחומא). און דערפאַר איז דער „יידישער גאָט פאַרבונדן מיטן יידישן פאָלק נאָר דורך דער תורה שבעל פה״ (גיטין, ס׳, ב׳). יידישקייט לעבעדיקע איז אין דעם וואָס לאָזט זיך נישט איבערזעצן אַפילו ווען מען זעצט עס יאָ איבער אין אַ פרעמדער שפּראַך. דאָס לעבעדיקע לעבן פון אַ פאָלק קען מען נישט איבערזעצן, ווי מען קען נישט איבערמאַכן אַ פּנים, ווי מען קען נישט איבערמאַכן אַ כאַראַקטער. דאָס איז דאָס מיסטעריעזע, דער מיסתורין, ווי די גמרא רופט עס אָן און דאָס איז איינע פון די דריי זאַכן, וואָס צוליב זיי איז דאָס פאָלק אויסגעלייזט גע־וואָרן פון מיצרים, עס הייסט, דאָס פאָלק איז געבליבן אַ פאָלק. דער שור שנגח את הפרה איז צוזאַמען מיט דעם שולחן־ערוך און מיט טוביה דער מילכיקער מיטגעגאַנגען מיטן פאָלק אין אַלע זיינע וואַנדערונגען, זיי האָבן גאָרנישט אויפגעהערט ביז איצט צו גיין מיט אונדז. אָבער דער תנ״ך מיט איובן און דעם קלוגן קוהלתן זענען געבליבן שטיין דאָרטן אין פאַרצייטיקן פּאַלאַץ, הגם מען לייענט זיי אין געוויסע טעג. נישט גדעונס עין חרוד און נישט אברהם אבינוס באר־שבע בויען די היינטיקע ערטער מיט די זעלביקע נעמען. דאָס בויען די אייניקלעך פון בנימין השלישי, וואָס מילאו כרסם — זיי זענען אָנגעפילט מיט דעם תלמוד אין לעבן, אַפילו אויב זיי האָבן אים אין ספרים נישט געלערנט. מען טאָר נישט פאַרגעסן אַז דאָס תלמודישע לעבן־סיסטעם און לערן־סיסטעם האָט זיך קיינמאָל נישט איבערגעריסן ביז דעם אונטערגאַנג פון שטעטל איצט. בעת דער תנכישער שטייגער לעבן און לער־נען האָט זיך פאַרענדיקט מיט דער קאַנאָניזירונג, און איז נישט פאַרגעסן גע־

וואָרן נאָר אַ דאַנק זיין איינגעקנאָטנקייט אין תלמוד. דער תלמוד איז קיין מאָל נישט אָפּגעשלאָסן געוואָרן, ער האָט נישט אויפגעהערט צו פורעמען דעם ייִדישן געדאַנק און אויפפיר. ייִדן און תלמוד זענען אַ צווילינג, איין גייסט און איין גורל. איינער האָט געשאַפן און געפורעמט דעם צווייטן, קעגנזייטיק, און אַזוי די גאַנצע תקופה פון שטעטל, פון תלמוד, פונקט ווי פריִער די תורה איז פון איינציקע, פּרטימדיקע דינים, געזעצן און נאָרמען געוואָרן איין גרויסע זאַמלונג פון ייִדישן אויפפיר און קולטור בכלל, אַזוי איז איצט אויך אין דער צווייטער תקופה מיט דעם תלמוד. לכתחילה איז עס געווען יעדער תלמוד לומר פאַר זיך, באַזונדערע אויספירן און באַזונדערע אַריינטייטשונגען און אַרויסמייטשונגען. איז פון די אַלע באַזונדערע הלכות און אגדות געוואָרן דער תלמוד אין זיין גאַנצקייט, איין גאַנצע תלמודישע ליטעראַטור. לכתחילה נישט מער ווי אַ מעטאָד אויסצולערנען פון דער תורה אַלדאָס ניי־אַקטועלע אין לעבן און אין שטייגער האָט זיך אָט דער „תלמוד לומר” זיך צעוואָקסן אין אַ גראַנדיעזער ליטעראַטור וואָס האָט באַהערשט דאָס ייִדישע לעבן מער ווי צוויי טויזנט יאָר און דערצויגן די גאַנצע פּסיכיק פון פאָלק, אַפילו פון די וואָס האָבן קיין תלמוד נישט געלערנט. דער פּראָצעס פון תלמודישן שאַפן האָט זיך קיינמאָל נישט געענדיקט, עס איז כולל געווען די גאַנצע פילאָסאָפיע פון ייִדישקייט, מיט אַ ספּעציפישן אופן ווי זי אַרויסצוברענגען לאַקאָניש, מיט געציילטע רמזים, אָדער אגדות, כלומרשטע מעשיות און נישט מער. די נייגונג צום תנ״ך מער ווי צום תלמוד האָט דורך אונדזער גאַנצער געשיכטע געפירט צו אָפּשוואַכונג, צו אַטראָפיע פון ייִדישקייט, ווי דאָס איז געווען ביי די צדוקים, ביי די קאַראַימער, וואָס האָבן שטאָלצירט מיט זייער היטן דעם „מקרא” (תנ״ך) און מיט זייער ריינעם העברעיִש קעגן די תלמודיסטן מיט זייער אַראַמיש; אָדער שפּעטער — דאָס זעלביקע ביי די משכילים און אפשר אַזוי אויך איצט. אַ כלל — דאָס דערווייטערן זיך פון פאָלקישקייט און אָפּנייג צו פיקסירטע ייִערק איז אַ סכנה פאַרן קיום פון פאָלק. דער תלמוד האָט אָבער קיין מאָל נישט אויפגעהערט צו זיין אַ מעטאָד פון לערנען און דערציִען. מיר וועלן שפּעטער דעם תלמודישן מעטאָד פאַרגלייכן מיט דעם הערבאַרטיאַנישן מעטאָד וואָס האָט באַהערשט גאַנץ אייראָפּע מער ווי הונדערט יאָר, און מיר וועלן זען די אונטערשיידן און די מעלות פון איטלעכן.

צוזאַמען מיט דעם באַגריף תלמוד דאַרף מען זיך אויך גענויער אָפּשטעלן אויף די ווערטער תלמיד און למדן וואָס ווערן אַזוי אָפט גענוצט ווי אין העברעיִש, אַזוי אויך אין ייִדיש. היינט איז יעדעס קינד אָדער יעדער יוגנטלעכער וואָס לערנט אַ תלמיד. אָבער דאָס איז ווכער אַ שפּעטערדיקע אַנטוויקלונג.

# דער באַגריף תלמיד

בכלל געגומען זענען ווערטער אין העברעיִש מיט אַ „ת" פאַרן שורש (וואָרצל פון וואָרט. אין אונדזער פאַל איז דער שורש „למד") אַ זעלטענע איינפירונג. אין תנ"ך זענען אַזוינע ווערטער פאַראַן נאָר עטלעכע מאָל (תגמול, און תרגלתי). פאַרקערט אָבער, טרעפן זיי זיך אָפטער אין תלמוד. אין דעם גרויסן ווערטערבוך פון גור האָב איך אָנגעציילט אַזוינע ווערטער אין גאַנצן עטלעכע און צוואַנציק. זייער גרעסטער טייל איז אָדער פון דעם גאָר מאָדערנעם, היינטיקן העברעיִש אָדער פון תלמודישן. אַ פינף־זעקס קען מען אפשר געפינען אין שפּעטערע ספרים פון תנ"ך (תמרוקי הנשים אין אסתר). אין תלמוד אָבער זענען זיי אָפטער, ווי תשלום, תרגום, תחנון, תנחום, תשליך וכדומה. דערביי דאַרף מען אָנווייזן, אַז די ווערטער מיט אַ „ו" פאַרן לעצטן אות, ווי: תרגום, תלמוד זענען אָפטער פּאַסיווע, אָבער די ווערטער מיט אַ „י" פאַרן לעצטן אות זענען אָפטער די אַקטיווע פאָרעם, דער וואָס טוט די זאַך (פאַראַן עטלעכע אויסנאַמען פון דעם כלל). אויב אַזוי וועט אויסקומען אַז תלמיד איז די אַקטיווע פאָרעם און תלמוד די פּאַסיווע. תלמיד וואָלט, אויב אַזוי, געקאָנט מיינען די פּערזאָן וואָס שאַפט תלמוד. תלמיד איז, בכן, נישט סתם אַ מענטש וואָס אַנדערע ווירקן אויף אים, מאַכן אים לערנען, נאָר פאַרקערט, תלמיד איז אַזאַ וואָס שאַפט, פּראָדוצירט נייע און נייע עלעמענטן פון יידישקייט. לגמרי נישט דאָס וואָס מיר רופן איצט תלמיד. תלמוד מיינט דעם מעטאָד ווי אַרויסצופירן נייע אידעען, אַרויסלערנען, מחדש זיין און תלמיד איז דער וואָס פאַרנעמט זיך מיט דעם. מען מוז אָבער גלייך צוגעבן אַז מען האָט לגמרי נישט געמיינט פון תלמוד מיט זיינע מעטאָדן אַרויסצופירן פּראַקטישע אויספירן, דינים, הלכות. עס איז מערער געווען אַ לערנען לשמה. פונקט ווי מען האָט פריִער געזאָגט וועגן דער תורה, אַז „המתרגם פסוק כצורתו אינו אלא בדאי" — דער וואָס פאַרטייטשט אַ פּסוק ווי עס איז זיי אויסזען, איז אַ פלוידערער, אַזוי איז דאָס עצם לערנען געוואָרן אַ ציל פאַר זיך, לשמה. עס איז געווען מער אַ פאַרלאַנג צו באַגרינדן אַ חוץ דער הלכה אויך אַלע זייערע אידעען און געדאַנקען מיט זאַצן אָדער רמזים פון דער תורה, מען האָט געוואָלט אַריינפירן זייערע אַלע יידישקייט־אידעען אין סכום פון תורה, לגמרי אָן אַ שייכות צו דער פּראַקטישער הלכה, הלכה למעשה. עס ווערט דערציילט, אַז רבי שמעון בר יחאי האָט גאָר מחרים געווען איינעם וואָס האָט געפּסקנט להלכה אַזוי ווי ער, רבי שמעון, האָט געלערנט. דער מאָטיוו: „וכי לא חברי חולקין עליי". די הלכה, די פּראַקטישע אויפפירונג איז קבלה־טראַדיציע פון דורות, אָנגענומענע מנהגים, און לגמרי נישט אָפּהענגיק פון די פילפּולים, דיסקוסיעס, דרש און רמזים אין לערנען. דאָס איז דער תלמוד, און דער וואָס

איז זיך עוסק בתלמוד דער איז אַ תלמיד. עס איז עפּעס פון דעם מין נביאים און בני נביאים פון דער תנ״ך־תקופה. דער תלמוד אַליין שטרייכט אונטער דעם אונטערשייד צווישן קינדער און תלמידים. פאַראַן אַ מימרא (ירושלמי, סנהדרין): „וכי קטנים היו, הלא תלמידים היו״. דאָס הייסט, אַז קינדער זענען לגמרי נישט דערוואַקסן צו זיין תלמידים. פאַר קינדער וואָס לערנען איז אין גמרא פאַראַן אַן אַנדער טערמין „תינוקות של בית רבן״ אָדער „בר בי רב״, אָבער נישט תלמיד. דאָס איז אַ סך אַ העכערע מדרגה. די גמרא דעפינירט: „תלמיד — כל ששואלין אותו דבר־הלכה בלימודו והוא אומר אפילו במסכתא כלה״; אָדער „תלמיד — המחכים את רבותיו״ (חגיגה, י״ד, א׳). דאָס מיינט, אַז אַ מענטש וואָס זאָל זוכה זיין צו ווערן גערופן תלמיד האָט באַדאַרפט זיין בקי אין ש״ס (תענית, י׳, ב׳, קדושין, מ״ט, ב׳). נאָך אַ העכערע מדרגה פון לערנערס איז געווען „תלמיד חכם״. זיי האָבן שוין נישט געדאַרפט זיין אָפּהענגיק פון קיין רבי. אין זעלביקן אָרט אין קדושין דער־קלערט רש״י, אַז די באַרימטע בן עזאי און בן זומא זענען געווען תלמידים, ווייל זיי זענען געווען בחורים „ולא הגיעו לכלל סמיכה״. אין אַ צווייטן אָרט ווידער דערקלערט די גמרא: תלמידי חכמים — שמהלכין מעיר לעיר ללמד תורה״ (עירובין, נ״ד, ב׳). תלמידי חכמים בעלי סמיכה האָבן שוין געמעגט אַליין אַרויסזאָגן אייגענע מיינונגען און געדאַנקען אין אַלע פּרינציפּיעלע דיס־קוסיעס. לויט דעם גייסט פון שפּראַך, וואָלט מען אפשר געקאָנט זאָגן, אַז „תלמיד״ — דאָס איז די אַקטיווע פאָרעם און „תלמוד״ — די פּאַסיווע. ס׳הייסט אַז דער תלמוד איז דער פּראָדוקט וואָס ווערט געשאַפן דורך די תלמידים. זיי זענען די שעפער פון תלמוד. בנוגע די תלמידי חכמים איז עס זיכער אַזוי. תלמיד איז איין מדרגה נידעריקער. עס איז געווען נישט גוט ווען עמעצער „שלא הגיע להוראה ומורה״ (סוטה, כ״ב, א׳). און הוראה האָט געמיינט טאַקע געבן פּראַקטישע אָנווייזונגען אין לעבן,* הלכה למעשה. און דאָ האָט מען פאַר־לאַנגט מער אויטאָריטעט, סמיכה. בכל אופן איז דאָס וואָרט תלמיד געווען שוין אַליין אַ בכבודיקער טיטל. היינט איז דער טערמין דעגראַדירט.

## למדן

אין צוזאַמענהאַנג מיט די צוויי ווערטער תלמוד און תלמיד דאַרף מען אויך קאָרעגירן דעם טערמין למדן, וואָס ווערט אַזוי אָפט גענוצט אין דער

---

* אין ווילנע איז נאָך דער גרויסער מחלוקת מיט דעם לעצטן רב, איינגעפירט געוואָרן, אַז מען נעמט מער נישט קיין רבנים. האָט מען זיי גערופן נישט רב, נאָר מורה הוראה, און אַזוינע זענען יאָ געווען אין יעדער פאַרשטאָט, אָבער זיי האָבן נישט געהאַט דעם טיטל רב.

פאָלקשפּראַך, און טאַקע אַ סך מער ווי אין תלמוד גופא. אין רעדן יידיש אָדער העברעיִש — אַלץ אײנס — ווערט דאָס וואָרט גענוצט אויף אַ מענטשן וואָס קען אַ סך — ער איז אַ למדן גדול, אַ מופלג בתורה, אַ מלומד וכדומה. אָבער באמת איז דער ריכטיקער טייטש שוין גאָר עפּעס אַנדערש. בכלל גענומען זענען ווערטער פון דער פאָרעם (פון דעם „משקל") מיט אַ נון צום סוף אין תנ"ך נישטאָ. די ווערטער צו באַצייכענען אַ מענטשן וואָס טוט אַ שטענדיקע אַרבעט, שטאַמען אַלע פון שפּעטערדיקן תלמודישן העברעיִש. פון דעמאָלט קומען די ווערטער כעסן, רצחן, בדחן, נדבן, רחמן וכדומה (אָבער שוין אין שמונה־עשרה פון יום־כּיפּור איז שוין דאָ סלחן ומחלן לשבטי ישורון פון סולח און מוחל). די אַלע ווערטער זענען גענומען פון ווערבן. דער ווערב באַצייכנט די אַרבעט און מיט דעם נון ווערט באַצייכנט דער טוער פון דער אַרבעט. ערשט אין גאָר מאָדערנעם הייַנטיקן עברית האָט מען גענומען שאַפן אַזוינע ווערטער אויך דירעקט פון סובסטאַנטיוון, ווי חצרן (פון חצר) און רפתן (רפת). אַלע מאָל באַטייטן די ווערטער אַ מענטשן, וואָס גיט זיך אָפּ שטענדיק מיט דער באַשטימטער אַרבעט. בכן וואָלט דאָס וואָרט למדן אויך באַטייט אַ מענטשן וואָס איז פאַרטאָן שטענדיק אין לערנען, אומאָפּהענגיק צי ער איז געוואָרן אַ גרויסער געלערנטער אָדער נישט. למדן איז בכן אידענטיש מיט דעם נאָך שפּעטערדיקן „מתמיד". למדן — אַ שטענדיקער לערנער. אַז עס איז אַזוי קען מען נעמען אַ ראיה אַט פון וואַנען. עס איז פאַראַן אַ פּסוק: „כי תראה חמור שונאך רובץ", זאָגט אויף דעם די גמרא: „רובץ ולא רבצן". דערקלערט רש"י אויפן אָרט: „רבצן — שרגיל בכך" — דער חמור איז געוווינט צו דעם. אַזוי איז אויך מיט דעם למדן — ער איז רגיל צו לערנען. בנוגע צו וועלטלעכע לימודים נוצט מען נישט דאָס וואָרט למדן. מען זאָגט נישט — דער איז אַ למדן אין פיזיק וכדומה. דאָ וועט מען זאָגן אַ מלומד. און עס איז אין דעם פאַראַן אַ טיפערער אונטערשייד. דער למדן זוכט נישט צו ענדיקן, דורכצומאַכן וואָסער עס איז קורס, צו ווערן אַ געלערנטער, אַ מלומד. ער לערנט, ווייל דאָס לער־נען גופא איז זיין באַשעפטיקונג, זיין אַרבעט, אַן וואָסערע עס זאָלן נישט זיין ווייטערדיקע צילן דערביי. אין וועלטלעכע לימודים, וואָס אויך מיר האָבן איבערגענומען ביי די גויִים, זענען אַזוינע למדנים, סתם לערנער נישטאָ, נישט באַקאַנט. איז אויך דער טערמין נישט אָנגענומען. אין תלמודישן לערנען איז דער ציל פון לערנען — טאַקע לערנען, נישטאָ קיין סוף צום לערנען, נישטאָ קיין ציל צוליב וואָס צו לערנען. דער ציל איז ווייטער לערנען, ווייטער פּראָ־דוצירן נייע תורות, מחדש חידושים זיין, געפינען נייע פּשטלעך, דרשים און דרושים, ווייל „דברי תורה פרין ורבין" — די תורה מוז האַלטן אין איין וואַקסן. בעת דאָס וואָרט מלומד ווייזט אויף עפּעס שוין געענדיקטס, עפּעס וואָס

איז שוין דערגרייכט געוואָרן. דאָס ווייטערדיקע לערנען פון וועלטלעכע גע־ביטן איז מער אַנטוויקלט אין לאַבאָראַטאָריעס פון די גרויסע פאַבריקן ווי אין די אוניווערסיטעטן, ווייל דאָ זוכט מען פּראַקטישע נוצן, דערפינדונגען צו מאַכן, צו פּראָדוצירן זאַכן, נוציקע, צום פאַרקויף. די „אָנגעווענדעטע" וויסנ־שאַפט (די פּראַקטיש נוציקע) שטויסט אַרויס די „ריינע" וויסנשאַפט (לשמה). זענען טאַקע באַקאַנט געלערנטע וואָס האָבן זיך געקלאָגט אויף דעם. איינער פון זיי האָט זיך באַמיט צו באַווייזן, אַז די אַנטוויקלונג פון וויסנשאַפטן גייט נאָר דורך דער „ריינער" וויסנשאַפט, דורך דער אומגייציקער, וואָס האָט נישט אין זינען קיינע פּראַקטישע רעזולטאַטן. ער דערקלערט אַז די גאַנצע אָנגע־ווענדעטע וויסנשאַפט איז נאָר אַ תולדה פון דער ריינער... מען דערציילט פון חיים וויצמאַנען ער זאָל האָבן געזאָגט: „די כלומרשטע וויסנשאַפטלער וואָס באַשטימען פאָרויס אַ קלאָרן ציל פאַר זייער פאָרשונג, — וועלן קיין מאָל צו אים נישט דערגרייכן. נאָר יענע וואָס פאָרשן לשם פאָרשונג (לשמה, הייסט עס), נאָר זיי וועלן זען פרוכט („פאָלק און ציון", 12טער יאָר, נומ' 1). עפּעס ענלעכס ווערט דערציילט פון פּאַסטיערן און פון נאָך. אָבער עס האָט גאָר ווייניק גע־האָלפן: די וויסנשאַפטן ליגן פאָרט אין די לאַבאָראַטאָריעס מער ווי אין די קאַבינעטן. אין תלמודישן לערנען איז עס נישט און עס קען נישט זיין. נישטאָ דאָ קיין גייציקע, פּראַקטישע נוצן. אַ למדן לערנט, ווייל זיין עובדא איז לער־נען. די צילן פון תלמודישן לערנען זענען טאַקע אויך פּראָדוקטיווע, שעפע־רישע, ווייל אי־אפשר לבית־מדרש בלי חידוש, אָבער נישט קיין פּראַקטישע צילן. די תורה דאַרף וואַקסן, זיך פאַרמערן, און דערמיט, מיט איר צוזאַמען, דאַרף אויך דער לערנער וואַקסן און זיך אַנטוויקלען. די צילן פון תלמודישן לערנען דעפינירט אַמבעסטן דער רמב"ם. וועלן מיר די דעפיניציע ברענגען דאָ: „להבין ולהשכיל, אחרית דבר מראשיתו ויוציא דבר מדבר וידמה דבר לדבר ויבין במדות שהתורה נדרשת בהן עד שידע היאך הוא עיקר המידות והיאך יוציא האסור והמותר וכיוצא בהן דברים שלמד" (הלכות תלמוד תורה, א', י"א). נישט דאָס גוטע וויסן איז דער ציל, נאָר די אויספירן וואָס דער גו־טער לערנער וועט קענען אַרויספירן, די שעפערישקייט פון דעם לערנער איז איפן ערשטן אָרט. ווי עס איז באַקאַנט האָט דאָך דער רמב"ם אין משנה תורה אַלץ גענומען פון דער גמרא, אַזוי איז געווען דער דרך פון לערנען נאָך פון פריער. און די זעלביקע דעפיניציע איז אַריבער אויך אין יורה דעה און עס איז געבליבן ביי יידן. נישט דאָס וויסן, נאָר דאָס קענען, נישט וואָס די אוי־טאָריטעטן האָבן געזאָגט, נאָר וואָס קענסטו זאָגן? דערפאַר האָט מען אַלע מאָל געשעצט מער דעם חריף איידער דעם בקי, דעם בעל־זכרון, וואָס קען אָבער אַליין נישט מחדש זיין. איז אין דעם באַשטאַנען דער מעטאָד פון תל־

מודישן לערנען: לשמה, אָן פּראַקטישע נוצן, נישט קיין „קרדום לחפור בו״, „והגית בם״, זיך אָפּגעבן מיט לערנען, זיין אַ למדן, אַ תלמיד, נישט קיין לומד, אַ תלמיד־חכם אָבער נישט קיין מלומד. שעפּערישקייט אין לערנען איז וויכ־טיקער ווי דאָס וויסן סתם, שאַרפזיניקייט מער ווי בקיאות. סתם וויסן און נישט קענען אַרויספירן, אַרויסדרינגען, ווי דער רמב״ם שרייבט, עפּעס נייעסן. דאָס איז נישט פון די וויכטיקע זאַכן. אַזאַ סתם וויסער האָט גאָר נישט קיין פיינעם עפּיטעט אין גמרא: „חמור נושא ספרים״, הגם אין אַ צווייטן אָרט איז אפילו פאַראַן אַ דיסקוסיע ווער עס איז וויכטיקער — דער סיני (דער וויסער) אָדער דער עוקר הרים (דער וואָס איז אַזוי שאַרפזיניק, אַז „ער רייסט אויס בערג״ מיט זיין סברא). אָבער מען פלעגט זיך גריסן מיט דעם „עילוי״, וואָס איז אַ גרויסער בריה אויף די געביטן, און וואָסער שטעטל האָט עס נישט געהאַט כאָטש איין עילוי? און אַלע מאַמעס פלעגן זיך בענטשן מיט אַזאַ.

דער צווייטער שטריך פון תלמודישן לערנען איז געווען דאָס אָפּגעבן זיך מיט דער שקלא וטריא פון דער סוגיא, מיט דער גאַנצער דיסקוסיע. מען האָט מער צייט אָפּגעגעבן אויף דער אַנטוויקלונג פון די מיינונגען פאַר און קעגן איידער אויף דעם קלאָרן אויספיר. אין די וועלטלעכע וויסנשאַפטן היט מען נישט אָן אין די קורסן די מיינונגען, למשל, פאַר און קעגן פלאָגיסטאָן, (אין לאַוואַזיעס צייטן), אָדער די דיסקוסיעס צווישן די אַנהענגער פון פּטאָלאָמייס קאָסמישער סיסטעם און קאָפּערניקס; אָדער פון די אַנהענגער פון דער אַטאָם־טעאָריע און די קעגנער, וכדומה. דער עיקר איז דאָ צו דערפירן צום היינטיקן אַנגענומענעם אויספיר. בעת אין תלמודישן לערנען איז דער אויספיר לגמרי נישט וויכטיק, ווייל סיי ווי פּסקנט מען גאָרנישט לויטן תלמוד. פאַרנעמט מען זיך בעיקר מיט די דיסקוסיעס — פאַר און קעגן — דער זאָגט אַזוי און דער — אַנדערש... מען האָט זיך באַמיט ווי אַריינצופירן דעם לערנער — נישט נאָר די תלמידים, נאָר אַפילו די תינוקות של בית רבן — אין דער לאַבאָ־ראַטאָריע פון דעם דענקען, ווי מען וואָלט די לערנערס געוואָלט מאַכן פאַר שותפים אין די דיסקוסיעס. עס איז אָפּט צו באַוווּנדערן ווי לאַקאָניש דער תלמוד זאָגט אַרויס טיפע פילאָסאָפישע אידעען, ווי שפּאַרעוודיק מען איז מיט ווערטער, און אויף אַ דיסקוסיע וועגן שניים אוחזים בטלית גיט מען אָפּ גאַנצע דפים. עס טרעפט, אַז נאָך אַזאַ לאַנגער דיסקוסיעס קומט גאָר אַ תיק״ו, עס ווערט לגמרי נישט געמאַכט קיין שום אויספיר פון דער גאַנצער דיסקוסיע. מען דאַרף גאָרנישט פּסקענען „הלכה מתוך משנתן״. כ׳מיין — עמעצער וואָס האָט געלערנט מקרא (תנ״ך) און משנה אָבער ער האָט נישט משמש געווען קיין תלמידי חכמים, נישט אָנטייל גענומען אין זייערע דיסקוסיעס און מחלוקתן — דער איז גאָר אַ... חסיד שוטה, אָדער גאָר אַן עם הארץ. און דער גוטער

רש״י דערקלערט עס ווייל ער האָט נישט באַוויזן „ללמוד סברת הגמרא בטעמי המשנה״. די סברא איז וויכטיקער ווי דער אויספיר. עס איז גאָר וויכטיק טאַקע צו וויסן פאַרוואָס דער זאָגט אַזוי און יענער פאַרקערט (סוטה, כ״ב, א״). דער תלמיד דאַרף קענען ווערן אַ שותף אין די מחלוקתן, אין די דיסקוסיעס פון די חכמי התלמוד...

איך קען נישט פאַרגעסן אַ בילדל וואָס איך האָב געזען אַמאָל אין ווילנע, אין אַ קיבוץ פון יונגע לומדים. אין בית־מדרש האָט נערוועז אַרומשפּאַצירט אַ יונג בחורל, זיך געריבן די הענט, געמאַכט מיט זיי אַהער און אַהער, ווי ער וואָלט גערעדט מיט עמעצן און ער טענהט צו זיך אַליין: „אוי, רבי עקיבא! דו פּלוידערסט דאָך ווי אַ שיכורער פּויער״... ער האָט אַפילו נישט באַמערקט, אַז אַ פרעמדער מענטש הערט זיין פלוגתא מיט רבי עקיבאן. און איך בין זיכער, אַז ווען רבי עקיבא הערט עס, גיט ער אים אַ קוש אין שטערן, ווי דער רבש״ע האָט זיך געפרייט ווען די חכמים האָבן געמאָלדן אַז זיי פאָלגן אים נישט, „אין אנו משגיחין בבת קול״ — אָט דאָס הייסט אין תלמוד לערנען! ווער ווייס וואָס עס האָט געקאָנט אַרויסוואַקסן פון אַזוינע „רבי עקיבאס אָפּאָנענטן״ — אַ וויטער, אַן א. ליטוואַק אָדער אַ גרויסער גאון — ווער ווייס?... מיר וועלן זיך נאָך באַזונדער אָפּשטעלן אויף דער ראָל פון איניציאַטיוו אין תלמודישן לערנען און אין די סיסטעמען וואָס פירן זיך בכלל אין דער וועלט.

וועלן מיר איצט פּרובירן מאַכן אַקטועלע אויספירן פון דער גאַנצער אָפּהאַנדלונג, וואָס קען גאָר אויסזען ווי אַ היסטאָריש־פילאָלאָגישע. קודם־כל וועלן מיר זאָגן אַז לימוד תורה האָט אַ ציל צו וויסן, תלמוד תורה צילט צו שאַפן, צו פּראָדוצירן, אויפצוטאָן עפּעס נייעס, שאַפן נייע דעות, נייע תורות און זיי פאַרבינדן מיט דעם פריערדיקן. וועלן מיר ווייטער זאָגן, אַז די היינטיקע אָרטאָדאָקסן פאַרנעמען זיך זייער פיל טאַקע מיט דער תורה, אָבער לימודיש. בעת מיר דאַרפן איצט אין דער היינטיקער נייער תקופה נישט קיין לימוד תורה, נאָר דווקא תלמוד תורה. מיר לעבן דאָך אין אַ נייער תקופה, אין לגמרי נייע פאַרמען און נאָרמען, און אויב מיר ווילן נישט אַז די תורה זאָל בלייבן ווי אַ צירונג וואָס ליגט אויסגעפוצט אין אַ הייליקן קאַסטן, נאָר זי זאָל גיין און זיך אַנטוויקלען צוזאַמען מיטן לעבן, זי זאָל זיין אַ „תורת חיים״ — די תורה פון לעבן און דאָס לעבן אין דער תורה, — אויב מיר ווילן עס, דאַרף דאָס לערנען זיין נאָר תלמודיש און נישט לימודיש. בבל האָט פאַרמירט די יידישקייט, די קולטור פון שטעט, טאַקע דורך תלמוד תורה. און אַזוי דאַרף איצט דער תלמוד פון שטעטל, דער תלמוד תורה פורעמען די יידישע קולטור פון דער נייער אורבאַנישער תקופה. אַן דעם קענען מיר זיך אין גאַנצן אָפּרייסן פון אונדזער עבר, איבערשניידן די וואָרצלען אונדזערע, און ווי אַ בוים אָן וואָרצלען וועט

חלילה דאָס פאָלק פאַרדאַרט ווערן, אָפּשטאַרבן, אָדער זיך אַסימילירן. און דאָס איז גלייך ווי אָפּשטאַרבן. ביי דער ייִדישער אָרטאָדאָקסיע איז איצט נישטאָ קיין תלמוד תורה, זיי פאַרנעמען זיך בלויז מיט לימוד תורה. זייער תורה איז איצט אין גאַנצן אָפּגעריסן פון לעבן. זיי שטרעבן צו ווערן אַ קאַסטע, אַן אָרדן אַזאַ, וואָס ווערט אגב על פי רוב אויסגעהאַלטן פון ייִדן וואָס לעבן און פירן זיך שוין גאָרנישט אָרטאָדאָקסיש. ביי די קאַטאָליקן זענען פאַראַן אַזוינע צוויי תורות — די גלחים באַזונדער מיט זייער שטייגער און די וועלטלעכע ווידער באַזונדער.

און פּונקט אַזוי ווי די אָרטאָדאָקסיע אונדזערע גייט אויף אַ פאַלשן וועג, אַזוי איז אויך פאַלש דער וועג פון די וועלטלעכע: וועלטלעכע ייִדישקייט וואָס איז נישט פאַרבונדן תלמודיש מיט דער תורה פון די פריִערדיקע תקופות, וועלטלעכקייט אָן תלמוד תורה איז נישט קיין ייִדישקייט, — עס איז דער וועג צו אויסייִדישקייט. פאַרשטייט זיך, אַז מען קען נישט פאָדערן פון אַלע וועלט־לעכע ייִדן זיי זאָלן זיך אַלע פאַרוואַנדלען אין תלמידי־חכמים און פּראָדוצירן פון דער תורת חיים וואָס אין דער געגענדיקטער תקופה אַ נייעם תלמוד השטעטל פאַר דער אורבאַנישער תקופה. עס איז קיין מאָל נישט געווען און עס איז קיין מאָל נישט דאָס גאַנצע פאָלק קיין געלערנטע. די וועלטלעכע ייִדן מוזן אָבער אומבאַדינגט דערציִען תלמידי חכמים און שאַפן פאַר זיי אַן אָרט אין לעבן, אַן אָרט פאַר זייער שעפערישער אַקטיווקייט און אַן עקאָנאָמישע פּאָזיציע. אַזוי ווי די רעליגיעזע ייִדן האָבן זייערע רבנים, אַזוי מוזן עס האָבן אויך די וועלט־לעכע ייִדן, וואָס זיי — די וועלטלעכע רבנים — זאָלן שאַפן און לערנען און פאַרשפּרייטן דעם תלמוד השטעטל אין פאָלק.

עס איז שווער צו גלייבן אַז די רעליגיעז־פרומע ייִדן, די אָרטאָדאָקסן וועלן האָבן דעם מוט צו נעמען זיך צו תלמוד תורה און פּרובירן אַריינפירן תיקונים און תקנות אין די דינים און הלכות, כדי זיי צו ברענגען אין הסכם מיט דער צייט. הגם מען מעג גלייבן אַז אַ סך אויפריכטיקע היינטיקע רבנים פילן און פאַרשטייען ווי נייטיק עס איז אַזאַ תלמוד־תורה־איינשטימונג צווישן תורה און לעבן, אָבער קיינער וועט זיך נישט נעמען די דרייסטקייט אָפּן אַרויסצוטרעטן מיט אַזאַ אידעע. די רעפאָרמער אונדזערע גייען אין אַן אַנדער וועג, וואָס ציט פון ייִדישקייט.

וואָס איז אָבער שייך צו אונדזערע וועלטלעכע, וואָס זיי וואָלטן באמת גע־דאַרפט זיי די מתחילים במצווה, — זיי, צום באַדויערן, טראַכטן גאָר ווייניק וועגן אַזאַ איינשטימען די היינטיקע ייִדישקייט מיט דער תורה — מיט דער ייִדישקייט פון פריִערדיקע דורות. אַזוי אַרום זעען מיר פאַרויס אַ טיפן אָפּ־

שטאַנד צווישן דעם לעבן און דער תורה, דער ייִדישקייט. און אין דעם ליגט אַ גרויסע פּילפּאַכיקע סכנה.

אַנדערע פעלקער ווערן אויס פאָלק ווען זיי פאַרלירן זייער מדינה. מיר זענען געוואָרן אַ פאָלק נישט מיט קיין לאַנד, נאָר מיט אַ תורה, און מיר וועלן, חלילה, ווערן אויס פאָלק אַז מיר וועלן זיך אָפּרייסן פון דער תורה. אַנדערע פעלקער האָבן אויך הייליקע שריפטן, כתבי הקודש. ביי אונדז זענען די ספרים, די שריפטן נאָר די ציגל, וואָס פון זיי דאַרף מען כסדר בויען נייע און נייערע תורה־געביידעס. נישט די תורה ווי אַ סכום ספרים צו לערנען און צו וויסן, נאָר דער תלמוד תורה ווי אַ פּראָצעס צו פאַרבינדן דאָס נייע, דאָס אַקטועלע מיט דעם געוועזענעם.

אַוודאי איז אָט דער פּראָצעס פון תלמוד תורה נישט קיין ענין פאַר אַלע ייִדן, נישט אַפילו פאַר די פּראַקטישע ייִדן, אָט דאָס „עוסק זיין זיך בתורה" איז אייגנטלעך אַן ענין פאַר „בטלנים", זייט מוחל. אָבער... נישט אומזיסט זאָגט די גמרא, אַז אַ שטאָט ווו עס זענען נישטאָ קיין עשרה בטלנים, איז גאָר אַ דאָרף.

און נאָך מער דאַרף עס געזאָגט ווערן וועגן אַ גאַנץ פאָלק: אַ פאָלק וואָס האָט נישט קיין בטלנים איז מער נישט קיין גאַנץ פאָלק, עס פעלט אין דעם אַ וויכטיקער אָרגאַנישער טייל.

## ראָל פון אינטויִציע אין לערנען

אויב דער ניינצנטער יאָרהונדערט איז געווען דער י"ה פון ראַציאָ, פון דעם „שכל הגדול", איז דער צוואַנציקסטער י"ה זיכער דער י"ה פון אינטויִציע. דער שכל איז געוואָרן אַ יורד, ער איז געוואָרן אַן אונטערטעניקער לגבי דעם אומבאַוווּסטזיניקן אין מענטשן, און די אינטויִציע איז דערהויבן געוואָרן העכער פון ראַציאָ. לאָמיר אין קורצן דאָ דערקלערן וואָס עס מיינט דאָס וואָרט. די דערקלערונג וואָס מען גיט געוויינטלעך, אַז אינטויִציע מיינט פּלוצימדיקע אייפּקלערונג, דערקענונג פון עפּעס אַ זאַך, אַ אידעע, אַן ענין, איז נישט גענוג. עס איז גאָרנישט אַזוי „פּלוצים" און נישט אַזוי איינפאַך. אַן אינטויִטיווער אמת איז אין דער בחינה פון „כל עצמותי תאמרנה", נישט שייך אים צו באַווייזן, צו באַגרינדן — גיי דערקלער אַז ווייס איז ווייס. עס איז אַ טייל פון מיין איך, עס קען גאָר אַנדערש נישט זיין... אַנדערש איז אַ דיסקורסיווער אמת, וואָס מוז מוז דערוויזן ווערן. און עס טרעפט — יאָ, מען האָט מיר באַוויזן, אַז עס איז אַזוי, איך קען דעם אמת נישט אָפּפרעגן, אָבער עס איז מיר דאָך נישט צום האַרצן, עס איז עפּעס „נישט דאָס", עס איז אמת, אָבער עס לייגט זיך פאָרט נישט אויפן שכל. וועגן אַזאַ לאָגישן, דערוויזענעם אמת קען מען דיסקוטירן,

באַווייזן, אָפּפרעגן, אָבער נישט קעגן אַן אינטויִטיוון אמת. גיי דיסקוטיר פאַר־וואָס ליכטיק איז ליכטיק.

אַן אינטויִטיווער אמת איז ווי אַן אָרגאַנישער טייל פון מענטשנס נשמה, אומאָפּהענגיק צי ער קען אים דערקלערן, באַווייזן אָדער נישט. בעת דער לאָגישער, דיסקורסיווער אמת איז דערקלערטער, אָפּט אַפילו אַן אַרויפגעצוווּנגענער. איך קען אים נישט אָפּפרעגן, איך מוז אין אים גלייבן, אָבער ער איז מיר דאָך פרעמד, נישט אָרגאַניש מיינער. מען גיט איבער אין נאָמען פון פּאַסקאַלן, ער זאָל האָבן געזאָגט, אַז דאָס האַרץ פאַרמאָגט אַזוינע שכלען, וואָס דער שכל אַליין האָט זיי נישט.

אינטויִטיוו דענקען איז לגמרי אַן ווערטער. דאָס איז דאָס דענקען פון קלוגע קינדער איידער זיי קענען נאָך רעדן, דאָס איז דאָס אַדעקוואַטע האַנדלען פון שכלדיקע חיות. דער אויספיר אין האַנדלען אָדער אין ווערטער קומט דירעקט. ווערטער זענען נעמען פון באַגריפן. אין פּראָצעס פון לאָגישן דענקען קומט איין וואָרט נאָך דעם צווייטן, איין באַגריף נאָך דעם צווייטן, איין גאַנצע זאַצן, איין הנחה נאָך דער צווייטער — ביז עס קומט די מסקנה. דער געדאַנק איז ווי אַן אויסגעצויגענע קייט, איין רינג נאָך דעם צווייטן, פון דער ערשטער הנחה ביז דעם אויספיר, אַן אָנגעצויגענער שנור, אַ גראַדער. אין אינטויִטיוון דענקען פעלן אין גאַנצן די מיטעלע רינגען, זיי ווערן נישט באַמערקט אין גאַנצן. די מסקנה קומט דירעקט, ווי עס וואָלטן לגמרי נישט געווען קיין באַזונדערע הנחות, קיין צווישנפּונקטן. עס איז נישט ווי אַ גראַדער שנור, אַן אָנגעצויגענער, נאָר ווי אַ קנויל וואָס דער אָנהייב פון פאָדעם מיט דעם סוף זיינען זענען ווי אין איין פּונקט, און דער פּראָצעס פון דענקען מאַכט דעם גאַנצן וועג פון דער ערשטער הנחה ביזן אויספיר אין איין כהרף עין, אָן צווישנפּונקטן, די דאָזיקע צווישנפּונקטן, די הנחות זענען פאַראַן, אָבער זיי זענען נישט צעגלידערט אויף באַזונדערע זאַצן, אויף באַזונדערע ווערטער און באַגריפן. דערפאַר מיינט מען אַז זיי זענען לגמרי נישטאָ און דער אויספיר איז ווי אַראָפּגעפאַלן פּלוצים פון הימל.

דאָס רוב זעט מען דעם אויספיר פון אינטויִטיוון דענקען אין די האַנדלונגען. קינדער נאָך אין ערשטע יאָר פון זייער לעבן פירן אויס גאַנץ קאָמפּליצירטע קאַפּריזן, שפּילערייען, קונצן נאָך איידער זיי קענען רעדן. זיי „ווייסן" ווי צו האַנדלען, ווי געפעלן צו ווערן, ווי צו ציִען די אויפמערקזאַמקייט, ווי צו „קעמפן" פאַר פּריִאָריטעט קעגן ברידער און שוועסטער. אַזאַ קינד קען אויך מאַכן „פאָרשונגען", עקספּערימענטן, למשל. ווען אַ קינד האַלט אין איין אַראָפּוואַרפן זיין צאַצקע און פאַרלאַנגט מען זאָל זי אויפהייבן צוריק, איז עס על פּי רוב אַן עקספּערימענט. און אַזוי כסדר. דער געדאַנק גיט ווי אַ

שפּרונג פון רייץ דירעקט צום אויספיר, ווי אַן עלעקטרישער שטראָם. דער „דענקער" (דאָס קינד) ווייס נישט לגמרי אַז ער דענקט, אָבער ער איז יאָ צו־פרידן. ער ווייס נישט, אָבער ער פילט יאָ.

אַזאַ אינטויִטיוו דענקען איז פאַרשפּרייט אין דער וועלט פון חיות, עס געהערט צו דעם סכום פון רעפלעקסן און אינסטינקטן, וואָלטן מען געקאָנט זאָגן „בראשית היה האינטויִציע", לגמרי נישט ווי עס שטייטביים אַפּאָסטאָל יוחנן, אַז בראשית איז געווען דאָס וואָרט. דאָס וואָרט וואָס אָן דעם איז טאַקע נישטאָ קיין דיסקורסיוו, לאָגיש דענקען איז פאַראַן נאָר ביי איין באַשעפעניש וואָס פאַרמאָגט באַוווסטזיין, — ביי דעם מענטשן, און דאָ קומט דאָס וואָרט אויך ביי אים נישט בראשית, נאָר אַ סך שפּעטער, אַפילו ווען ער קען שוין יאָ רעדן, אַפילו דעמאָלט איז נאָך ווייט ביזן באַוווסטזיניקן דענקען לאָגיש. קומט אויס, אַז דער געדאַנק איז פריִער פאַרן וואָרט, אַ סך פריִער, און דאָס לאָגיש דענקען מיט דער הילף פון ווערטער איז אַ סך שמעלער פון דעם אינטויִטיוון דענקען, וואָס קומט פאָר אין מענטשן. „איך ווייס אַליין נישט וואָס עס איז מיט מיר"...

אָט דאָס אינטויִטיוו דענקען גייט נישט אַוועק, ווערט נישט פאַרלאָרן ווען דער מענטש דערגייט צו העכערע מדרגות פון אַנטוויקלונג, פון לאָגישן דענקען. מער נישט וואָס דעמאָלט ווערט אַ טייל פון זיינע געדאַנקען באַוווסט־זיניק און זיי ווערן ווי איבערגעזעצט פון אינטויִציע אויף דער שפּראַך פון לאָגיק. איינע פון די וויכטיקסטע אויפגאַבעס פון לערנען איז טאַקע דאָס צו־געוויינען די תלמידים זיי זאָלן קענען זייערע אייגענע אינטויִטיווע געדאַנקען אַריבערפירן פון אינטויִציע אין דער שפּראַך פון לאָגיק. אין תלמודישן לער־נען פאַרנעמט אָט די טרענירונג, דאָס לערנען דענקען אַ סך מער אָרט. טאַקע די שקלא וטריא, די דיסקוסיעס און די פּלוגתאס לערנען דענקען. אָט פאַר־וואָס דער תלמוד פאַרנעמט זיך אַזוי פיל מיט די פּלוגתאס און דיסקוסיעס. דאָס איז „כדי לחדד את השכל", צו אַנטוויקלען די שאַרפזיניקייט צו קענען אַרויס־ציִען איין געדאַנק פון אַ צווייטן, און אַזוי ווייטער.

אָבער אויך אינטויִטיוו דענקען מיר נאָר אויף געביטן וואָס פאַרנעמען אונדז שטאַרק, וואָס מיר זענען קאָנצענטרירט אויף זיי, ווי יענער פאַבריקאַנט האָט מיר אַמאָל געזאָגט: איך בין געוואָרן רייך, ווייל איך פּלעג פיר און צוואַנ־ציק שעה אַ טאָג טראַכטן נאָר פון מיין פאַבריק. ווי גייט דער פּראָצעס ביי דעם מענטשן אויף זיינע העכערע מדרגות פון אַנטוויקלונג, ביי דעם באַ־וווסטזיניק דענקענדיקן מענטשן? אַ שטראַל ליכט אין אַ פינצטערער נאַכט. עס טרעפט — אַ מענטש גייט אין גאַס, ער טראַכט יאָ אָדער נישט, — און מיט איין מאָל ווי פון „העלער הויט" עפּעס פאַלט אים אַריין אַ געדאַנק, אַן

אידעע, עס איז אַן „איינפאַל" ווי דאָס וואָרט אַליין זאָגט עדות. מען דער־ציילט דאָך גאַנצע לעגענדעס (און עס זענען אפשר אַ סך מער ווי סתם אויס־געטראַכטע לעגענדעס!) וועגן אינטויִטיווע אַנטדעקונגען פון גאונים. ווי למשל, אַרכימעדעס „איירעקא" — געפונען! ס'האָט אים אַליין אַזוי איבעראַשט, אַז ער איז אַ נאַקעטער אַרויסגעלאָפן און געשריִען: „געפונען, געפונען!"; אָדער ניוטאָנס עפּל, וואָס איז אים אַראָפּגעפאַלן פון בוים אויפן קאָפּ, און דאָס האָט אים געבראַכט צו פאָרמולירן די קאָסמישע גראַוויטאַציע־געזעצן. עס זענען געווען מן־הסתם נישט איין מיליאָן מענטשן, וואָס עס איז זיי עפּעס געפאַלן אויפן קאָפּ, אָבער עס זאָל פון דעם עפּעס אַריינפאַלן אין קאָפּ — דערצו דאַרף מען שוין זיין אַ ניוטאָן. און דאָך איז אינטויִציע פאַראַן אַ סך אָפטער. מער בישט וואָס די געטראָפענע פערזאָנען זענען נישט בכוח אַריבערצופירן דעם אינטויִטיוון געדאַנק אין דער שפּראַך פון לאָגיק מיט אַלע נייטיקע דיסקורסיווע עלעמענטן פון הנחות און אויספירן. דאַרווין האָט זיין טעאָריע געבאָרן נאָך גאָר אַ יונגער מענטש, ווען ער האָט געמאַכט זיין באַרימטע רייזע. עס האָט אים אָבער געדויערט ביי אַ דרייסיק יאָר איידער ער האָט זיין טעאָריע נאָכגע־פאָרשט און קאָנטראָלירט. ניוטאָן האָט אויך ביי אַ זיבעצן יאָר אַלץ קאָנטראָ־לירט, אַלץ גערעכנט די צאָלן פון די פּריִערדיקע פאָרשער. דאָ ליגט די גאונות. אָבער אינטויִציע גופא איז אַ סך אָפטער. באשר זי גייט פאַרלאָרן פאַר דער וועלט. ביי ייִדישע לומדים איז אויך אינטויִציע אַ גאַנץ אָפטע דער־שיינונג, איבערהויפּט ביי דעם טיפּ פון חריף. — האַ, וואָס זאָגט איר צו אַזאַ איינפאַל? איך זאָג אייך — עס איז „כפתור ופרח"... — לעקט אַ ייִד די פינגער פון זיין אייגענער נייער „תורהלע", וואָס איז אים איינגעפאַלן... וועגן גאָר גרעסערע פאַלן פון אינטויִציע איז ביי ייִדן געשאַפן געוואָרן אַ לעגענדע פון „גילוי אליהו" — ווען אַ גרויסער למדן איז זוכה, קומט צו אים אליהו הנביא און איז מגלה אַלע סודות פון דער תורה. ער מאַכט עס על פי רוב ביינאַכט אין אַ חלום. אין אַט דער לעגענדע איז פאַראַן ווי תמיד אַן אמת: אינטויִציע איז אַן אָפטע דערשיינונג ביינאַכט. אָבער דאָס איז אויך ווייט נישט ביי אַלע־מען. מען דאַרף זוכה זיין. און זוכה קען זיין נאָר דער וואָס איז אַריינגעטאָן מיט אַלע זיינע אברים אין דעם לערנען. עס קען מסתמא נישט זיין קיין אינ־טויִטיווע אַנטפּלעקונג אין אַ געביט וואָס האָט מיך קיין מאָל נישט אינטערע־סירט, וואָס איך האָב אויף די געביטן קיין מאָל נישט געטראַכט, נישט גע־לערנט. עס קען זיין אינטויִציע נאָר אין דעם פעלד ווו עס איז מקוים געוואָרן דער „והגית בם יומם ולילה". עס קען נישט זיין קיין אינטויִציע ביי קינדער וואָס דער קאָפּ ליגט זיי נאָר אין שפּיל און אין פּילקע, אויב אַפילו זיי זענען פעיִק און פלינק. עס פעלן אָבער אינטערעסן דויערנדיקע, יום ולילהדיקע.

דערפאַר זענען ביי ייִדן אין די קליינע שטעטלעך געווען נישט אין פאַרגלייך מער „אָפּענע קעפּ", פלינקע מוחות, שאַרפע מוחות. עס איז געווען, ווייל „תורתי בתוך מעיי", אין מאַרך פון די ביינער ליגט עס וואָס מען לערנט, ווייל „תורתך שעשועי" — מען פאַרווײַלט זיך מיט דעם לערנען, עס איז דער פאַרגעניגן אין לערנען, קיין גרעסערער פאַרגעניגן איז גאָר נישטאָ. עס איז נישט קיין פראַגע פון געדענקען, פון באַמיִען זיך נישט צו פאַרגעסן, צו געדענקען צום עקזאַמען. עס איז די פראַגע דאָס געלערנטע זאָל זיך גאָר צעוואַקסן, זיך פאַרמערן. דער אונטערשייד איז אין לערנען: פאַרן זכּרון אָדער פאַר דער אינטויִציע; פאַרן דיסקורסיוון פאָרמולירן אָדער פאַר דער אַנטוויקלונג פון „כּאָפּ זיך אַליין"; פאַר דעם קלאָרן באַוווסטזיין אָדער כּדי אויפצוּוועקן נייע פראַגן; כּדי צו וויסן וואָס עס זאָגן אַלע אויטאָריטעטן און וואָס זיי האָבן באַשטימט אָדער כּדי צו אַנטוויקלען דעם „וואָס קענסטו אונדז זאָגן?". כּדי די אינטויִציע זאָל מעגלעך זיין דאַרף דאָס וואָס מען לערנט אַריינגיין אין אונטערבאַוווסטזיין, אין געביט פון עמאָציעס. דער באַוווסטזיין קען לגמרי פאַרגעסן, אָבער טיפער, אין אומבאַוווסטזיין בלייבט עס, ווי עס בלייבט דער נאָמען פון פריינד וואָס איך טראַכט איצט נישט וועגן אים, ווי עס בּלייבט אַ געפיל נאָך דעם ווי די סיבה, וואָס האָט אַרויסגערופן דאָס געפיל איז שוין מער נישטאָ, שוין פאַרגעסן. סוף־כּל־סוף פירט דאָך מיט אונדז און מיט אונדזער אויפפיר לגמרי נישט דאָס באַוווסטזיין, און על־פּי־רוב וויסן מיר דאָך גאָרנישט וואָס עס טוט זיך ביי אונדז אין אונטערבאַוווסטזיין; לויפן מיר דאָך צו פּסיכאָלאָגן, צו פּסיכאָאַנאַליטיקער זיי זאָלן אונדז אויפקלערן וואָס ביי אונדז אין דער נשמה טוט זיך אָפּ. „פינצטער איז אַ פרעמדע נשמה" — זאָגן די רוסן. אָבער די אייגענע נשמה איז נאָך ווייניקער באַליכטן פאַרן טרעגער פון דער נשמה. אָט אַזוי איז אויך מיט דער תורה וואָס מען לערנט. דאָס לערנען, די אַלע וויסנס און אַלע קלוגע תורות, וואָס מען האָט אויסגעלערנט און מען „פאַרשטייט זיי גוט", וואָס מיר קענען זייער גוט איבערזאָגן די ווערטער, דעם שפּראַכיקן לבוש פון די אידעען — דאָס אַלץ איז נאָך נישט מיינס, נישט „פאַראייגנט"; עס איז ווי עסן וואָס איך האָב שוין יאָ אַראָפּגעשלונגען אָבער נאָך נישט פאַרדייעט. היינט געלערנט און מאָרגן פאַרגעסן, אַרויסגעוואָרפן (ווי אַן עסן וואָס מען האָט אויסגעבראָכן). עס איז ווי אַ בגד — געקויפט, אָנגעטאָן, אָבער עס איז דאָך נישט איך, נישט מיין גוף. דאָס איז דאָס לערנען וואָס מען לערנט פאַר מיינונגען, צום עקזאַמען, פאַר אַ טיטל, פאַר אַ דיפּלאָם. צו דער נשמה פון מענטשן, צו זיין אייגנטימלעכן גייסט איז עס נישט דערגאַנגען. ערשט ווען עס דערגייט צו דעם געביט פון עמאָציעס, צום אונטערבאַוווסטזיין, ערשט דעמאָלט איז עס „תורתי בתוך מעיי", ערשט דעמאָלט קען מען וואַרטן אויף אינטויִציע.

מיר לערנען דאָך איבערהויפּט דורך ווערטער, פון לערער אָדער פון בי־כער. אָבער די זאַצן, די ווערטער זענען דאָך פּאָרט נאָר דער לבוש פון אי־דעען, פון געדאַנקען. יעדער געדאַנק קען דאָך האָבן פאַרשיידענע אויסדרוקן, פאַרשיידענע ווערטער־לבושים. און אַז איך לערן אויס די ווערטער, דעם לבוש, בין איך נאָך אַלץ נישט זיכער מיט דעם אמתן אינהאַלט פון די געדאַנקען. טויטע בגדים וואָס זייער טרעגער איז שוין נישטאָ מער. נישט אומזיסט האָבן דאָס אַ סך טיפע יידישע דענקער אתטערגעשטראָכן אויף פאַרשיידענע אופנים. „אל תשית לב למלות כי הן כגופות, והטעמים (די אינהאַלטן) — כרוחות (ווי די נשמות)"" — זאָגט ר' אברהם אבן עזרא). דאָס זעלביקע זאָגן אַרויס נאָך פריער דער זוהר, ר' משה אבן עזרא, סעדיה גאון (געבראַכט לויט הרב זלאָט־ניק אין „מאמרים").

דאָס אמתע לערנען קומט ערשט דעמאָלט ווען מען נעמט אַריין נישט בלויז די ווערטער, נאָר טאַקע די אינהאַלטן, דעם תוך פון די געדאַנקען, ווען עס וועקן זיך אויף עמאָציעס, אינטערעסן, ווען עס קומען אַלערליי אַסאָציאַ־ציעס פון אַנדערע געביטן, ווען דער לערנער פאַרגעסט די ווערטער פון די פאָר־מולירטע געדאַנקען און געפינט גאָר אַנדערע פאָרמולירונגען, ווען גאָר אַנדערע דערשיינונגען, אַנדערע זאַכן דערמאָנען אים דאָס געלערנטע אַמאָל. ערשט דעמאָלט איז עס געוואָרן „פלייש פון זיין פלייש און בלוט פון דעם לערנערס בלוט". ערשט נאָר אין אַזוינע געביטן קען מען וואַרטן אויף אינטויציעס, דע־מאָלט קען קומען „גילוי אליהו".

איך וויל אַפילו וואַגן צו פאַרטייטשן דאָס יידישע וואָרט „סברא", וואָס רש"י פון איין זייט און דער רמב"ם — פון דער צווייטער זייט האַלטן פאַר אַזוי וויכטיק, — ווי אַ נאָענטע קרובה פון דער אינטויציע. סברא — דאָס איז שוין אַ מער־וויניק פאָרמולירטע אינטויציע. הגם איך בין נישט אַזוי זיכער, אָבער, אין דער קרובהשאַפט פון די באַגריפן בין איך זיכער. בכל־אופן מיינט דאָך דער אויסדרוק „להבין בסברא" עטוואָס אַ געדאַנק וואָס דרינגט ערשט אַרויס פון דעם געלערנטן, הגם ער איז נישט דייטלעך געזאָגט. דאָס מיינט דאָך דער תלמודישער אויסדרוק: „ואידך זיל וגמור" — דאָ האָט מען דיר נאָר גע־וויזן אַ וועג, און ווייטער גיי אַליין און טראַכט און פאָרמוליר דיינע טראַכ־טונגען; אָדער אַ צווייטער אויסדרוק: „ודאי לחכימא ברמיזא". און דאָס איז געווען אַזוי פאַרשפּרייט אין יידישן, תלמודישן לערנען. דער חסרון פון אונ־דזערע לערנער איז געווען דאָס, וואָס מען האָט זיך צו אָפט פאַרלאָזט נאָר אויף דער סברא, נאָר אויף דער אינטויציע. אָבער אין דעם בכלל ליגט אַ גרויסע מעלה פון דער יידישער פּעדאַגאָגיק.

דערוויל וועט אפשר זיין באַרעכטיקט אויך מיינע אַ סברא, אַז ווען אַנרי

בערגסאָן — דער קאַטאָליק לויטן באַוווסטזיין און ייִד לויטן געבוירן און מזל, האָט אין זיין דערהייבן די וויכטיקייט פון אינטויציע אפשר צו פֿאַרדאַנקען דעם אונטערבאַוווסטזיניקן אַטאַוויזם פון דעם לערנער פון זיינע וואַרשעווער יידישע פאָרגייער און זייער „תלמוד־תורהדיקן לערנען"... זאָל עס אויך פֿאַר־רעכנט ווערן פאַר אַ סברא, אָן אַ פאָרמולירטער באַגרינדונג, אפשר וועט קו־מען עמעצער און מקיים זיין דעם „אידך זיל וגמור".

עס זענען געווען פרווון אויסצומיידן דעם גאַנצן תלמודישן שקלא וטריא. איבערהויפּט זענען דאָס געווען די אויפטוען פון די צוויי גרויסע ספרדים — דער רי"ף (רב יצחק אלפסי) און דער רמב"ם. אָבער דאָס פּאָלק האָט זיי נישט אָנגענומען. איבערהויפּט ווונדערט מיך אויף דעם רמב"ם טאַקע. ער האָט אַזוי פּרעכטיק דעפינירט דעם מהות און דעם ציל פון יידיש־תלמודישן לערנען, ער שטעלט אַזוי הויך די „סברא", און ער האָט אַזוי פאַרשטאַנען די השפּעה פון דער תלמודישער דיסקוסיע אויף דער אַנטוויקלונג פון די לומדים און תל־מידים. איז מיר אַ וווּנדער ווי האָט ער געוואָלט אויסמיידן די דיסקוסיע און געבן פּאַרטיקע, קלאָרע, דעפינירטע און באַשטימטע אויספירן? ווי האָט ער געוואָלט אומבייטן די גאַנצע סיסטעם פון תלמודישן לערנען, וואָס איז שוין אין זיינע צייטן געווען ביי יידן אַן איינגעפלאַנצטער שטייגער, און איבערגעבן די תלמודישע הלכה אויף אַ וועג פון לימוד און נישט פון תלמוד. ער אַליין דערקלערט עס ווייל „תקפו הצרות יתרות ודחקה השעה ואבדה חכמת חכמינו"... דעריבער האָט ער זיך פאַרמאָסטן מען זאָל קענען לערנען די תורה שככתב און גלייך איבערגיין צו זיין משנה תורה, „קורא בזה וידע מזה תורה שבעל פה כולה" (פון דער הקדמה צו דער „משנה תורה"). וויסן — דאָס טאַקע יאָ, אָבער נישט דעם פראָצעס פון קומען צום וויסן, דאָס וואָלט פאַרוואַנדלט די גאַנצע סיסטעם פון יידישקייט פון תלמוד אין אַ לימוד. מען קען נישט מסכים זיין מיט דעם גרויסן געלערנטן רב־צעיר (פראָפ' חיים טשערנאָוויץ), וואָס שרייבט אין זיין „תולדות הפוסקים", אַז דער רמב"ם האָט לכתחילה גאָרנישט געמיינט צו געבן הלכות פסוקות, והא ראיה, ער פאַרנעמט זיך אַפילו מיט אַזוינע ענינים וואָס האָבן נישט קיין ווערט אין גלות. מען קען נישט מסכים זיין ווען דער רמב"ם אַליין זאָגט בפירוש אַז ער האָט עס יאָ געמיינט — צו געבן די פּסקי־הלכות אָן די דיסקוסיעס פון תלמוד. מיר קענען היינט נישט וויסן, אין אפשר אַפילו נישט פאַרשטיין אין וואָס פאַר אַ באַדינגונגען דער גאון עולם — דער רמב"ם — איז געקומען צום באַשלוס צו שאַפן אָט די דאָזיקע גראַנ־דיעזע תלמודישע ענציקלאָפּעדיע, וואָס נאָר אַ רמב"ם האָט זיך געקאָנט פאַר־מעסטן אויף אַזאַ. קען זיין אַז עס איז יאָ גערעכט דער פראָפ' טשערנאָוויץ, אַז דער רמב"ם האָט געהאַט אין זינען דעם קאַמף קעגן די קראים, און דאָ האָט

ער יאָ דערגרייכט זיין ציל. שרייבט אפשר ריכטיק טשערנאָוויץ, אַז נישט אַ דאַנק דעם תלמוד האָבן די רבניים געזיגט קעגן די קאַראַימער, נאָר אַ דאַנק דעם „יד החזקה" פון רמב"ם. ווי עס זאָל נישט זיין, האָט דאָס יידישע פאָלק געקראָגן טאַקע אַן אויסערגעוויינלעכע ענציקלאָפּעדיע פון גאַנץ תלמוד, וואָס האָט טאַקע געהאַט אַ גאָר שוואַכע רעדאַקציע, אָבער דער תלמוד מיט זיין סיסטעם פון לערנען איז געבליבן. קען זיין אַז די קעגנערשאַפט צום רמב"ם האָט אפשר טיילוויז געשטאַמט פון דער סכנה וואָס מען האָט געפילט אין פאַרלירן דעם תלמודישן דרך אין לערנען. קען זיין.*

אגב אורחא איז שוין כדאי אויך צו זאָגן, אַז אַ צווייטער אויפטו פון גרויסן רמב"ם האָט אויך צום גליק נישט געהאַט קיין גרויס מזל ביי יידן. איך מיין זיין „אני מאמין". עס איז שוין אַ סך מאָל געזאָגט געוואָרן אַז יידישקייט איז נישט קיין רעליגיע פון קרעדאָס און פונקטן צום גלויבן אין דעם. יידישקייט איז אַ קולטור, אַ שטייגער לעבן און אַ רעליגיע פון געטרייקייט. ווער נאָך ווי אַ רמב"ם האָט געקאָנט וויסן אַז אין יידישקייט קען אַמאָל אַ „ארקתא דמסאנא" — אַ שטייגער ווי צו פאַרבינדן אַ שוך־בענדל ווערן אַ פּרינציפּ, וואָס מען דאַרף גיין פאַר דעם אויף מסירת־נפש (יהרג ולא יעבור). קענטיק, אַז אַפילו אַ רמב"ם טאָר זיך נישט שטעלן קעגן דעם גייסט פון פאָלק.

איך פּרוביר אָפּט טראַכטן וועגן די סיבות פון דער גרויסער ירידה פון ספרדישן יידנטום, און צווישן אַלע מעגלעכע סיבות איז אפשר איינע אויך דאָס וואָס זיי האָבן פאַרלאָזן די וועגן פון תלמודישן לערנען און דענקען. קען זיין, אָבער טיפער אַריינגיין אין די ענינים איז נישט דאָ דאָס אָרט. ס'קען אָבער זיין, אַז טאַקע דער תלמוד און זיין לערן־סיסטעם האָט דערהויבן דאָס אשכנזישע יידנטום און אים איבערגעגעבן די העגעמאָניע וואָס האָט פריער געהערט צו די ספרדים, און די אשכנזישע גדולים — דער רבינו גרשום און רש"י האָבן נישט געוואָלט פאַרבייטן דעם תלמוד נאָר פאַרגרינגערן דאָס לער־נען אים. קען זיין.

## די השפעה פון תלמוד

אויף ווי ווייט דער תלמוד האָט באַווירקט דאָס יידישן פאָלק איז צו זען פון די גמרא־ווערטער וואָס זענען אַריין אין יידיש לשון (צום באַדויערן קען איך עס נישט פאַרגלייכן מיט דער השפעה אויף די ספרדישע יידן). יידיש האָט אַ שלל ווערטער פון העברעיש וואָס זענען אַריין אין יידיש דורך דעם

---

* גענויער די דיסקוסיע וועגן דעם רמב"מס כוונות מיט זיין „משנה תורה" — אין „כתבים" פון מ. גליקסון, כרך ב', זייטן 210 און ווייטער. הוצאת „דביר", תשכ"ג.

דאַוונען און פון בית־מדרש בכלל. פון תלמוד זײַנען אַרײַן אַ סך אַראַמישע ווערטער. די העברעיִשע ווערטער קומען אָפּט צוזאַמען מיט זייערע טײַטשן. די גמרא־ווערטער קומען כמעט תמיד אָן די טײַטשן, דירעקט, אָבער מיט דעם „קנייטש" און מיט דער אינטאָנאַציע, ווי בעתן לערנען. פּונקט ווי ביים לערנען האָט מען זיי נישט געטײַטשט. וועלן מיר ברענגען עטלעכע: פּשט, פּשטל, פשיטאָ, מאי קא משמע לן?, דרש, מה־דאָך, קל וחומר, אפכא מסתברא, אדרבא, בשלמא, אכסניא, אחריות, איסור און היתר, אפשר, לכתחילה, מר בר רב אשי, אפיטרופוס, אכזר, בר־נש, אלא, כולא עלמא, אסיפה, אסמכתא, אפילו, מרא דאתרא, מאן דאמר, סברא, סלקא דעתך, בתמיה, מדינה, זוכה זײַן, נר תמיד, כל־זמן, ממה־נפשך, נפקא־מינה און אַזוי נאָך אַ סך. די אַלע ווערטער און אַלע אַנדערע פון תלמוד גענומען ווערן גענוצט אין ייִדיש אָן טײַטשן, דירעקט, זיי זײַנען נישט ווי פרעמדע ווערטער וואָס מען דאַרף זיי פאַרטײַטשן, נאָר ווי נאַטירלעכע ייִדישע ווערטער. אָט ווי מען האָט זיי גענוצט ביים לערנען. אָבער אויך מיט דער זעלביקער אינטאָנאַציע און מיט דעם „דריי".

אַ ייִדישער וויץ איז אַלע מאָל אַ מין תורה. וועלן מיר אויך דאָ ברענגען אַזאַ וויץ, וואָס מאַכט קלאָר דעם געדאַנק. אַ ייִד איז געקומען צו אַ דאָקטער מיט אַ קראַנקן גראָבן פינגער פון זײַן רעכטער האַנט. דער דאָקטער באַטראַכט דעם קראַנקן פינגער און זאָגט: מען מוז דעם פינגער אַראָפּשנײַדן. דערשרעקט זיך דער ייִד און שרײַט אויס: „טאָ מיט וואָס וועל איך רעדן?"... אָט דער תלמודישער עלעמענט אין ייִדיש מיט דער גאַנצער תלמודישער לאָגיק, זײַנען געוואָרן אָרגאַנישע טיילן פון ייִדיש לשון, אַ סך מער ווי דער תנכישער עלעמענט. און אַפילו אַזעלכע ייִדן וואָס האָבן קיין גמרא נישט געלערנט, האָבן די דאָזיקע ווערטער יאָ גענוצט. עס איז דאָך אַן אַלט־באַקאַנטע זאַך, אַז אַפילו אַ פסוק האָבן ייִדן געדענקט פון גמרא אַרויס. אינטערעסאַנט איז אויך וואָס ייִדן פלעגן שאַפן ווערטלעך און אויסדרוקן אין גייסט פון דער גמרא. אַזאַ איז אַ ברייט־פאַרשפּרייטע כלומרשטע ציטאַט „עתידה ארץ־ישראל שתתפשט בכל הארצות". עס זײַנען אויך באַקאַנט פּאַראָדיעס אויף גמרא. די עלטסטע פון זיי איז, דאַכט זיך, „מסכתא פורים", געשריבן אין גייסט פון גמרא, און עס איז געווען גאַנץ גאַנגבאַר. הײַנט ווער רעדט נאָך סתם וויציקע שטיפעריײַען ווי, למשל: טוביה דער מילכיקער דערציילט, אַז ער „האַקט דעם קצב אַרײַן אַ גמרא" און דערלאַנגט אים מיט אַ מדרש, וואָס איז נישט געשטויגן און נישט געפלויגן". און אין האַרצן טראַכט איך זיך: זאָלסטו, קצבניאַק, אַזוי האָבן דײַן נאָז ווי עס איז גאָר דאָ אַזאַ גמרא...". גוייִם שלאָגן זיך מיט פויסטן, מיט מעסערס, מיט פּיסטוילן, — אַ ייִד שלאָגט זיך מיט אַ גמרא, מיט אַ פּשטל, מיט אַ מאמר חז"ל... אויב דער תלמוד־תורה איז געוואָרן כנגד כולם — וויכטי־

קער פון אַלע מצוות איז עס ווען דער תלמוד איז געוואָרן די גאַנצע תורה, האָט ער געשטאַלטיקט און געפורעמט דעם יידישן געדאַנק, דעם יידישן כאַראַקטער און געמיט. דערפאַר האָט דער תלמוד אויך געהאַט דעם גאַנצן יידישן מזל — מען האָט ביידן צוזאַמען געברענט. דער תנ"ך איז געוואָרן און האָט געקאָנט ווערן אוניווערסאַל, אָבער דער תלמוד האָט עס נישט געקאָנט, און גוים האָבן אים פיינט מיט דער זעלביקער שינאה ווי דאָס יידישן פאָלק. עס האָבן נישט געהאָלפן קיין איבערזעצונגען וואָס מען האָט איבערגעזעצט דעם תלמוד, און זיי וועלן נישט העלפן. יידן האָבן געשאַפן דעם תלמוד און דער תלמוד האָט געשטאַלטיקט די יידן.

## פון ווען אָן די געטרייקייט?

עס מוז זיך שטעלן אַ פראַגע: פון וואַנען אָן און ווי אַזוי איז עס געקומען צו אַזאַ באַהעפטונג צווישן אַ פאָלק מיט זיין תורה?

פון ווען אָן ציט זיך אָט דער באמת פרוכטבאַרער ראָמאַן צווישן יידישן פאָלק און דער תורה? פון דער תורה גופא, איבערהויפט פון תנ"ך בכלל איז נישט אָנצונעמען אַז דער ראָמאַן איז אַן אייביקער. משהן קומט עס אָן זייער שווער איבערצוגעבן די תורה צו די יידן. ווי נאָר משה איז נישטאָ איין חודש, האָבן זיך די יידן „פאַרבענקט" אַ ממשותדיקן גאָט אַלאַ די געטער פון מיצרים און מען מאַכט זיך אַ גאָלדן קאַלב, און אהרן העלפט זיי נאָך. די גמרא כאַראַקטעריזירט די באַציִונג פון די יידן צו דער תורה מיט דער מעשה, אַז גאָט האָט געמוזט אָנווענדן אַ שטאַרקן דרוק אויף יידן. ער האָט איבער זיי אויפגעהויבן דעם באַרג און געמאָלדן די יידן: אָדער איר נעמט די תורה, אַניט וועט איר דאָ אונטער דעם באַרג באַגראָבן ווערן... גאָט האָט, הייסט עס, אַרויפגעצוווּנגען אויף די יידן די תורה מיט געוואַלד. און אַ געצוווּנגענער שידוך האַלט נישט לאַנג. האָט יהושע פאַרשוואָרן די יידן! — און עס האָט קנאַפּ געהאָלפן. ווי נאָר די יידן זענען געקומען קיין כנען, איז זיי שטאַרק געפעלן געוואָרן די קולטור פון כנען און די געטער פון כנען. האָבן זיך געמאַטערט און געקעמפט די נביאים! — און עס האָט זיי גאָר ווייניק געהאָלפן. האָבן די יידן פון שומרון גרונטיק פאַרגעסן די גאַנצע יידישקייט מיט הכל בכל, אָן אַ זכר געבליבן, ערגער ווי זייערע יורשים — די שומרונים. האָט אין יהודה אויך געהאַלטן נישט ווייט פון דעם. און דער נביא פון דעם חורבן, ירמיהו, קלאָגט טאַקע אויפן חורבן, אָבער נאָך מער — קלאָגט ער אויף דעם פאַרלאָזן יידישקייט. האָט עזרא הסופר ווידער געדאַרפט די יידישקייט, די יידישע תורה ברענגען פון גלות קיין יהודה. און אויך ער האָט געמוזט אָנקומען צו כוח, כדי צו צווינגען די יידן אָנצונעמען די תורה.

אַז די משנה אין אבות רעכנט אויס די עטאַפּן פון דער ייִדישער טראַדי־ציע, רעכנט זי — משה, יהושוע, די זקנים, נביאים און זי מיידט אויס אין גאַנצן די מלכים, די שרים און די כוהנים — מן־הסתם האָבן זיי געוווּסט, אַז די קרייזן האָבן נישט געהאַט קיין ליבע צו דער תורה, אויך נישט די פּרות הבשן (עמוס) און בנות ירושלים (ישעיהו). אין יענע צייט איז נאָך דער ראַ־מאַן צווישן ייִדישן פאָלק און זיין תורה נישט געווען. נאָר אין תהילים זענען שוין פאַראַן אויסדרוקן פון ליבע צו דער תורה. נישטאָ קיין ענלעכע אויסדרוקן אין אַנדערע ספרים פון תנ״ך. מען דאַרף אָננעמען אַז אָט־די אויסדרוקן שטאַ־מען, צוזאַמען מיט נאָך און נאָך געזאַנגען פון אַ שפּעטערדיקער תקופה. ערשט אין דער תלמודישער ליטעראַטור איז שוין די געטרייקייט און די ליבע צווישן פאָלק און זיין תורה אַ ברית עולם, וארשתיך לי לעולם; דורך דער גאַנצער געשיכטע פון דער כנסת הגדולה איז ביז דעם אונטערגאַנג פון דער תלמודיש־שטעטלשער תקופה גאָר לעצטנס. מען קען זאָגן אַז די צוגעבונדנקייט צו דער תורה האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער תקופה פון תלמוד תורה. כל־זמן דאָס וואָרט תורה האָט באַטייט אָנווייזונג, דין, מינהג, פּירונג, שטייגער־עלעמענט, ספר־דינים, כללים־ספר וכדומה ווי אַ געזעצן־בוך — כל־זמן עס איז געווען אַזוי, איז נישט געווען קיין באַזונדערע געטרייקייט און ליבע ביי דעם פאָלק און די תורה. ערשטע שפּעטער, אין דער תקופה פון תלמוד תורה, ווען דער געזעצגעבערישער עלעמענט האָט געגומען שפּילן אַלץ ווייניקער און ווייניקער ראָל אין דער תורה, ווען דאָס אַקטועלע ייִדישע לעבן, אַלע אייגנשאַפטן, אַלע אַנדערשקייטן און אייגנטימלעכקייטן זענען געוואָרן תורה, ערשט ווען די תורה האָט אַריינגענומען אין זיך די גאַנצע פאָלקישע טראַדיציע, די גאַנצע תורה שבעל פה; נאָך מער ווען דווקא אָט דער עלעמענט איז געוואָרן דער עיקר, דאָס וויכטיקסטע, דער „חומר בדיברי סופרים״, — דווקא אָט דעמאָלט איז געשלאָסן געוואָרן דער ראַמאַן, ווי ייִדן זאָגן: „אַ פּאָר אויף לאַנגע יאָרן״. דאָס איז געווען די אידענטיפיקאַציע פון ייִדישקייט מיט תורה און ביידע — מיט געטלעכקייט. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז די עצם געזעצן ווי צום מישפּטן און ווי צו פּסקענען זענען אין גאַנצן אַרויסגענומען געוואָרן פון דעם סכום תלמוד. ווער פּסקנט עס לויט דער גמרא?...

אָט דאָס איז דער ווייטער מהלך פון תורה — דין, אָנווייזונג ווי זיך צו פירן אין יעדן געגעבענעם פאַל און ביז תורה — דער אייביקער פּראָצעס פון שעפערישער ייִדישקייט אין געטלעכקייט. איר ווילט, איז עס פילאָסאָפיע פון ייִדישקייט, איר ווילט — פאָלקלאָר, טעאָלאָגיע — אַלץ הפוך בה והפוך דכולא בה. ישראל אורייתא וקודשא בריך הוא חדא! און יעדער נייער געדאַנק איז הייליק ווי מסיני — ס׳איז די געטלעכע ייִדישקייט.

זוען גאָר די ייִדישקייט פון אַקטועלן לעבן איז געוואָרן תורה, ווען די תורה איז געוואָרן די „תורת החיים", ערשט דעמאָלט איז געשלאָסן געוואָרן ז'ער ברית, דער בונד צווישן קודשא בריך הוא, אורייתא און ישראל, ערשט דעמאָלט איז די תורה געוואָרן אַ טייל פון לעבן, דאָס וויכטיקסטע אין לעבן, — דעמאָלט איז עס פאַרקניפּט געוואָרן דער אייביקער בונד. כי היא חיינו ואורך ימינו.

## דאָס איז דער אויפּטו פון בית-שני

אָט־די גאַנצע אייגנאַרטיקע אַנדערשקייט פון ייִדישער געשיכטע, פון לעבן פון אַ פאָלק אָן אַ לאַנד און אָן אַ היים, און דאָס־אַ לעבן פול מיט בלוט און צרות און דאָך אַ לעבן לענגער פון אַלע אַנדערע פעלקער וואָס זענען מיט אונדז צוזאַמען אײנצייטיק געגאַנגען. צוויי היסטאָרישע פּראָצעסן אין דער צייט פון בית שני — אַ פּאָליטישער מיט מלכים, מיט מילחמות, מיט אינטערנאַציאָנאַלע אָפּמאַכן, מיט רעוואָלוציע און מיט הריגות, הריגות און ווייטער הריגות — פון איין זייט. און פון דער צווייטער זייט אַ נאָרמירונג און קאָנאַניזירונג פון ייִדיש לעבן, פון ייִדישע טראַדיציעס און אידעען. מלוכה און תורה. איין פּראָצעס האָט ווי באַמיט זיך נישט צו באַמערקן ז'עם צווייטן. און עס קען זיך שטעלן אַ פראַגע וואָסער פּראָצעס האָט געבראַכט צו דער אייביקייט פון ייִדנטום ? צי דער פּאָליטישער אָדער דער קולטור־פּראָצעס. די צוויי פאַרשיידענע פּראָצעסן האָבן געהאַט אויך זייערע אַנהענגער. האָבן די חכמי התלמוד אויסגעשלאָסן די חשמונאים־ספרים פון תנ"ך; זיי האָבן פאַרביטן דעם יום־טוב וואָס די מכבייער האָבן איינגעשטעלט לדורות, דעם „יום ניקנור" — דרייצן טעג אין אָדר — אויף אַ תענית־אסתר; זיי האָבן קיין מאָל נישט דערמאָנט דעם נאָמען פון דעם גרעסטן ייִדישן מילחמה־העלד און קעמפער פאַר ייִדישער פאַרזיכיקייט — יהודה המכבי. דאָס און נאָך ענלעכע זאַכן. דער גרויסער געלערנטער און נאָך גרעסערער למדן (מתמיד) ד"ר יוסף קלויזנער קען עס זיי נישט מוחל זיין און ער חזרט איבער די קריטיק פון דייטש ווילהויזען אויף די ייִדן. ער גיט נאָך צו אַ „לחרפּתנו" — אַ חרפּה און אַ בושה פאַר אַ געלערנטן גוי. אין זיין היסטאָריע פון בית־שני זאָגט ער צו זיין אָביעקטיוו, אָבער זיינע פּאָליטישע סימפּאַטיעס האָבן געבראַכט אַז אין די פינף בענד איז פאַראַן גאָר אַ סך וועגן די מלכים און זייערע מילחמות און גאָר ווייניק וועגן דעם צווייטן פּראָצעס. פירושים און צדוקים זענען בלויז פּאַרטייען ביי ייִדן. בעת אין דער אמתן זענען דאָס געווען גאָר אַ סך מער ווי פּאַרטייען. עס איז געגאַנגען אין דעם צי ייִדן זענען און קענען זיין אַ פּאָליטיש פאָלק ווי אַלע פעלקער, אָדער ייִדן זענען אין תוך אַריין אַנדערש און „אלה ברכב ואלה בסוסים, ואנחנו בשם

אלוהינו״. צוויי אידעאָלאָגיעס און צוויי וועגן אין לעבן. איז דאָך ביי די פּרו־שים דער עיקר געווען נישט דער בית־המקדש און נישט די מדינה, און אויב שוין יאָ די מדינה איז עס כדי צו קענען מקיים זיין די מצוות: ושם נקריב לפניך״...

אָט די נעגאַציע פון פּאָליטיק, פון פּאָליטישער פּאַרזיכיקייט דאַרף מען נעמען מיט אַ באַשטימטער פּאַרזיכטיקייט, נישט סתם אַפּליקעגען, אַפּוואַרפן און שוין. נאָך ירמיהו ביי דעם חורבן פון בית ראשון וויינט און קלאָגט אויף דעם חורבן אָבער אין דער זעלביקער צייט מוטיקט ער די ייִדן אין גלות, אַז מ׳קען און מ׳דאַרף אויך אין גלות זיין ייִדן און לעבן ווי אַ פאָלק. די דאָזיקע אידייע האָט זיך נאָך מער פאַרשטאַרקט ביי די געקומענע פון גלות בבל, ווען זיי האָבן געזען, אַז די געבליבענע אין דעם לאַנד יהודה זענען אין עטלעכע צענדליק יאָר אַזוי שטאַרק אַסימילירט געוואָרן, און — די געקומענע פון גלות ברענגען ייִדיש־קייט, ברענגען די תורה פון גלות טאַקע. בכן ייִדישקייט לעבט אין גלות בעסער ווי אין אייגענעם לאַנד. נאָך מער האָט זיך די אידייע געקאָנט שטאַרקן אין משך פון די פּאָר הונדערט יאָר פון דער גאָר גרינגער פּערסישער אָפּהענגיקייט. קיין אַסימילאַציע האָט דאָ נישט געקאָנט זיין ווייל דאָס הערשערישע פאָלק — די פּערסיער — זענען געאָגראַפיש ווייט געווען, קיין גרינגן דירעקטן קאָנטאַקט האָבן ייִדן נישט געהאַט מיט פּערסיע. נישט קיין אַסימילאַציע און דאָך רויִקע אויטאָ־נאָמיע, און עס איז פון עטלעכע צענדליק טויזנט אויסגעוואַקסן אַ גאַנץ פאָלק, — טאָ וואָס איז דער יחוס מיט די אייגענע מלכים? איז קלאָר געוואָרן ביי אַ טייל פון ייִדישן פאָלק, אַז דער קיום פון פאָלק הענגט נישט אָפּ פון דער פּאָ־ליטישער פאַרזיכיקייט. נישט אין איר איז דער קיום פון פאָלק און נישט פאַר איר דאַרף מען זיך מקריב זיין. פאַר זיי איז קלאָר געוואָרן, אַז דער קיום פון פאָלק ליגט אין תלמוד תורה — אין שמידן אַ ייִדישקייט פון שטייגער, פון אַ לעבן פון לערנען, פון שאַפן אַ ייִדישקייט מתוך דעם שטייגער און דערהייבן דעם שטייגער ביז צו געטלעכקייט. האָט מען אָנגעוואָרן דעם גלויבן אין מלוכה, אין מלכים, אין לענדער און גרענעצן, אין מילחמות און ניצחונות. האָט אַ ייִד געקאָנט בעטן זיך ביי זיינע תלמידים, וואָס ער האָט געגעבן סמיכה: איר אַנטלויפט, איר ראַטעוועט זיך, פאַר מיר זאָרגט זיך נישט... האָט ר׳ עקיבא פון תפיסה אַרויס געקאָנט לערנען תורה. ווייל די פּאַרמעטן ברענען טאַקע, אָבער די אותיות — זיי בלייבן. און צוזאַמען מיט די אותיות, מיט די אָנמאַ־טעריעדיקער תורה בלייבט אויך לעבן דאָס פאָלק פון דער תורה.

זענען דאָס געווען צוויי ריכטונגען אין ייִדישן פאָלק: פּאָליטיק אָדער קולטור. פּאָליטישער קיום ווי אַלע פעלקער, אָדער קולטור און גוי אחד בארץ, תורה און מלוכה. און די צוויי ריכטונגען זענען געווען ביי ייִדן פון אָנהייב אָן.

וועז עס קומט עמלק און פאַלט אָן אויף ייִדן נאָך אין מידבר, מען מוז מילחמה האַלטן, — איז דער מילחמה־מאַן נישט משה, נאָר יהושוע. משה איז דער רבינו, דער אבי הנביאים, אָבער נישט דער איש מילחמה.

דאָס פאָלק בעט ביי שמואל אַ קעניג. טענהט שמואל, אַז ייִדן דאַרפן נישט קיין קעניגרייכן און נישט קיין קעניגן. די קעניגן פאַרשקלאַפן דאָס פאָלק... שמואל גיט נאָך. אַ נביא קען דאָך נישט מילחמה האַלטן מיט שווערדן און מיט שפּיזן. אָבער שמואלס לערע גייט נישט פאַרלאָרן. אַלע נביאים גייען אין שמואלס וועגן, זיי האָבן די זעלביקע אידייען. זיי רעדן אַזוי פיל וועגן ייִדישקייט, וועגן דעם אויפפיר פון ייִדן, און זיי רעדן אַזוי ווייניק וועגן דער וויכטיקייט פון קעניגן און קעניגרייכן.

מער פון אַלעמען צייכנט זיך אויס אויף דעם געביט ווידער ירמיהו. ער באַוויינט דעם חורבן. זיכער! ער רעדט אָבער מער וועגן דער באַפרייונג פון קנעכט ווי וועגן דער טראַגעדיע פון מלכות. ער איז בפירוש פאַר ייִדישקייט אונטער אַ פרעמדער הערשאַפט, איידער פאַר דער זעלבשטענדיקייט אָן ייִדישקייט. ער האַלט ווי אַלע נביאים, אַז דער קיום פון אַ פאָלק הענגט־אָפּ פון אינעווייניקסטע כוחות. זינד — שלעכטער אויפפיר, אַמאָראַלישקייט, צעלאָזנקייט טראָגן אין זיך דעם עמבריאָן פון חורבן, וואָס הענגט נישט־אָפּ פון שטאַרקייט אָדער שוואַכקייט. דאָס אומגליק איז תמיד אַ דירעקטע תולדה פון אויפפיר. טוט גוטס וועט אייך זיין גוט. טוט איר אָבער שלעכטס, וועט אייך ווערן שלעכט. אין משך פון דורות איז פון דעם אויסגעוואַקסן שוין אין בית־שני דער גלויבן אין השגחה פרטית מיט דעם גאַנצן קאָמפּלעקס פון פריוואַטן שכר ועונש. אָבער אויך דאָ איז דער ענדציל געווען סוף כל סוף דער קיום פון פאָלק ווי אַזאַ. האָט פאַר די כנסת הגדולה, פאַר די פרושים — די אינטעליגענץ פון פשוטן פאָלק, די וואָס האָבן געפּרעדיקט „הזהרו מבני העניים און מבני עמי הארצות, שמהם תצא תורה, און אַזוי אויך פון זייערע נאָכפאָלגער — די חכמי התלמוד, — האָט פאַר זיי די פאָליטישע פאַרזיכיקייט, די מלכות מיט די מלכים, מיט די דינאַסטיעס, מיט די מילחמות זייערע — מיט דעם גאַנצן האַרמידער, מיט דעם גרייסן זיך מיט יחוס — מיט דעם אַלץ געהאַט גאָר אַ קליינע באַדייטונג. די פראַגע פון ביצה שנולדה ביום־טוב איז פאַר זיי געווען וויכטיקער ווי אַלע דינאַסטיע־פּראָבלעמען צוזאַמען. די גליקלעכסטע צייט — די „צייט אָן אַ געשיכטע" (פּערסישע תקופה), אָן קיסרים און אָן מילחמות, אָן בלוט־פאַרגיסונגען.

אָבער אָט איז די קליינע מדינת־ישראל אַריבער אונטער דער מאַכט פון סיריע. זי איז נאָענט, דער פאַרקער — זייער גרינג, האַנדל־וואַנדל. און אין רעזולטאַט — אַסימילאַציע אויף אַלע געביטן אין אַ דרייסיק יאָר, נישט מער

און די העלעניזאַציע האָט געקאָנט אָפּמעקן דאָס יידישע פאָלק (קלויזנער). איז פאַר די „קולטוריסטן" זייער וויכטיק דער חשמונאים־אויפשטאַנד. עס איז אַ קאַמף פאַר גייסטיקער יידישקייט, פאַר יידישקייט און קעגן אַסימילאַציע. אָבער שפּעטער, די חשמונאים קעמפן פאַר פּאָליטישער פאַרזיכיקייט, זיי גייען אָן מיט ברודער־מילחמות, זיי שאַפן אַן אַריסטאָקראַטיע, וואָס איז נישט בעסער פון די העלעניסטן... האָבן זיך די „קולטוריסטן" אָפּגעקערט פון זיי, געמאַכט פון חנוכה אַ „נס פך השמן", אַרויסגענומען די חשמונאים־ספרים פון תנ"ך... און אַזוי ביזן סוף. יבנה און מצדה — אָט זענען די סימבאָלן פון די צוויי ריכטונגען. ווער פון די צוויי האָט מער געהאָלפן דעם קיום פון פאָלק? דער שטאַרקער אָנהענגער פון פּאָליטישקייט — ד"ר יוסף קלויזנער ז"ל מוז אָנערקענען אַז דער קיום פון פאָלק האָט צו פאַרדאַנקען יבנה, אָבער ווי דער פּאָליטיקער וואָלט זיך געבעטן ביים היסטאָריקער אין אים גופא „אפשר האָט אויך מצדה אַ שטיקל פאַרדינסט אין דעם קיום פון פאָלק" (צום סוף פון פינפטן באַנד)... נו, פאַרשטייט זיך, אַז מיט אַן „אפשר" פון אַ היסטאָריקער דאַרף מען נישט דיסקוטירן. איז אַזוי געגאַנגען אונדזער געשיכטע ביז אונדז.

איך וויל אָבער גלייבן, אַז עס זענען פאַראַן געוויסע סיטואַציעס, ווען די „קולטוריסטן" דאַרפן מודה זיין: נישטאָ קיין מעגלעכקייט פאַר פאַרזיכיקער יידישער קולטור אָן פּאָליטישער פאַרזיכיקייט. די פראַגע רירט שוין אָן אונדזער היינט, און איך וויל נישט אַריינגיין אין די דיסקוסיעס. גוט אָדער שלעכט, אַ סך שלעכטס, אַ בלוטיקע געשיכטע אונדזערע. אָבער אָן דעם „קולטוריזם", אָן דעם תלמוד תורה וואָלט דאָך גאָר נישט געווען קיין יידישע געשיכטע. ווען מיר בעסער נישט שטעלן קיין פראַגעס גוט אָדער שלעכט, מיר שטעלן נישט קיין מיינונגען דער געשיכטע אונדזערער. זי איז געגאַנגען מיט דעם וועג פון די קולטוריסטן און איז יאָ דערגאַנגען. וואָלט זי געגאַנגען מיט דעם דרך פון די פּאָליטיקער, וואָלט אונדזער געשיכטע איבערגעריסן זיך אַ סך, אַ סך פריער. איך וויס נישט צי עס איז פאַראַן נאָך אַ צווייט פאָלק וואָס זאָל אַזוי באַוווסטזיניק אויפבויען זיין געשיכטע נאָר אויף קולטור, אָן פּאָליטישע יסודות. און איך וויס אויך נישט קיין צווייט פאָלק וואָס זאָל האָבן אַזאַ לאַנגע געשיכטע אָן אַ פּאָליטישער, טעריטאָריעלער היים.

אָט אַזוי האָט איין תקופה איבערגענומען פון דער פריערדיקער תקופה איר תורה וואָס איז איינצייטיק איינס אין פיר געשטאַלטן און האָט פיר נעמען: תורה־קולטור־רעליגיע און יידישקייט. איבערגענומען און איבערגעקנאָטן. די מעשה מיט פרעהס קי וואָס איינע שלינגען איין די פריערדיקע. קיום פון אַ פאָלק, קולטור־המשך איז אַנדערש אין נאָרמאַלע צייטן, ווען די תקופות בייטן זיך נישט, און אַנדערש איז דער קולטור־המשך ביי אַן איבערבייט פון תקופות.

אַט אַזוי איז געשען ווען די קולטור פון דער תנ״ך־תקופה איז איבערגעגעבן געוואָרן צו דער תלמודיש־שטעטלשער תקופה מ׳ט איר אויטאָנאָמיע.

## ביי דער שוועל פון אַ נייער תקופה

מיר שטייען ווידער אויף דער שוועל פון אַ נייער געענדערטער תקופה. מיר ווייסן נאָך לגמרי נישט איר געשטאַלט און אויסזען, עס קענען נאָך גע־דויערן דורות און יאָרהונדערטער ביז זי וועט זיך איינשטעלן, איינפעסטיקן, אויסקריסטאַליזירן. מיר ווייסן אָבער שוין וואָס זי איז נישט:

1. קיין איין גרויסער לענדער־מאַסיוו מיט אַ גאַנץ געדיכטער יידישער באַפעלקערונג וועט נישט זיין.

2. קיין אויטאָנאָם פאַרזיכיק שטעטל איז ווידער נישטאָ. נישטאָ קיין כאַציאַלער איינס ווי אַ יסוד פאַר אַן אייגענער קולטור און שטייגער.

3. נישטאָ קיין שכנהשאַפט פון סובאָרדינירטע פעלקער. אומעטום לעבן יידן איצט אין דירעקטער שכנהשאַפט מיט הערשעריקער פעלקער.

4. דער יסוד פון פאַרזיכיקער קולטור איז דאָס קליינע מדינהלע, וואָס אירע גייסטיקע, קולטורעלע קאָנטורן זענען ווידער נאָך ווייט נישט קלאָר.

ביי אָט אַזאַ טראַגישער אומקלאָרקייט דאַרף אָבער קלאָר זיין איין פּאַר־לאַנג. וואָס עס וועט זיין ווייסן מיר נישט. אָבער וואָס מען דאַרף וועלן עס זאָל זיין, צו וואָס מען דאַרף שטרעבן, — דאָס דאַרף זיין קלאָר. נאָר עטלעכע פונקטן:

1. יידישקייט, יידישער המשך איז ווידער, ווי אייביק אַן אמונה, די אמונה דאַרף פאַרבינדן אַלע וואָס פאַרלאַנגען קיום און המשך. אמונה מיינט געטרייקייט, דריי זענען די פּרינציפּן — לשון, נעמען, שטייגער.

2. די היים דאַרף ווערן דער יסוד פון פאַרזיכיקייט, די פּריוואַטע היים דאַרף, מוז עס ווערן.

3. די גאַנצע תורה שבכתב פון דער נאָר־וואָס געענדיקטער תקופה (לי־טעראַטור) און די תורה שבעל פה (שטייגער) דאַרפן אָרגאַניזירט ווערן, איינ־געשטעלט ווערן ווי דער באַזיס פאַר דער קולטור אין דער תקופה וואָס קומט אָן.

מיר וועלן איצט פּרובירן סומירן גאָר אין קורצן וואָס עס איז געזאָגט געוואָרן ביז איצט:

א. גאָלאָמב

# סך הכל

1. מיט דעם וואָרט תורה ווערט ביי ייִדן באַצייכנט אַלדאָס גייסטיקע, הן אין וואָרט, הן בעל־פּה און הן בכתב, וואָס ייִדן האָבן געשאַפן און וואָס ייִדן האָבן מיט דעם און אין דעם געלעבט. אָנשטאָט אַ מאַטעריעלע, לאַנדהיים האָבן ייִדן, ווי אַ פאָלק, געלעבט אין דער תורה.

2. דער באַגריף תורה האָט דורכגעמאַכט גאָר אַ לאַנגע אַנטוויקלונג פון איינצלנע, באַזונדערע אָנווייזונגען ווי צו פירן זיך ביי באַזונדערע געלעגנהייטן אין לעבן ביז צו ווערן אידענטיש מיט דעם גאַנצן סכום ייִדישקייט — די גאַנצע ייִדישע קולטור און די רעליגיע, אַלץ איז כולל די תורה.

3. אָן אַ מאַטעריעלן פאָטערלאַנד האָט דאָס ייִדישע פאָלק זיך באַמיט אויסצומיידן אַלע מאַטעריעלע הייליקייטן, איבערהויפּט בנוגע צום באַגריף גאָט. יעדע הגשמה איז געווען פאַררעכנט ווי געצנדינעריי.*

4. אין צייט פון בית־שני האָבן דאָס די פּרושים און זייערע נאָכפאָלגער דערהייבן דאָס ספּעציפיש־פאָלקישע לעבן ביז צו דער מדרגה פון הייליקייט, תורה און געטלעפקייט. דאָס איז פאַר זיי אויך תורה נאָר בעל־פּה. דאָס פאַרבינדן די פאָלקישע גלייבונגען, פירונגען, אידייען און פאָלקלאָר מיט דער תורה פון דער פריִערדיקער תקופה, מיט דער תורה שבכתב, איז געוואָרן דער תלמוד, די גאַנצע תלמודישע ליטעראַטור, די גאַנצע קולטור־סיסטעם, וואָס רופט זיך „תלמוד־תורה״.**

5. די תלמודישע אַקטיוויקייט — דאָס זאַמלען דעם פאָלקלאָר, דאָס פיקסירן אַלע מנהגים און פירונגען, דאָס אויסזוכן פאַר דעם אַלעם אַ באַזיס, אַ סמך אין דער תורה, דאָס פיקסירן און פאַרשרייבן אַלע טראַדיציעס פון פאָלק, אַלע מיינונגען און אידייען פון די פריִערדיקע אויטאָריטעטן — דאָס איינשטעלן נייע אידייען, מחדש זיין חידושים — דאָס אַלץ איז געווען דער אינהאַלט פון תלמוד תורה. דער תלמוד תורה איז געוואָרן דער אינהאַלט פון לערנען, פון דערציִונג און פון לעבן בכלל. קיין אַנדער לעבן האָבן ייִדן דורך דער גאַנצער לאַנגער תקופה נישט געהאַט אין זייער אויטאָנאָם שטעטל.

---

* פעלקער גיבן אונדז קרעדיט פאַר דעם מאָנאָטעיִזם, וואָס זיי האָבן זיך כלומרשט ביי אונדז אויסגעלערנט. אָבער אַ סך מער קרעדיט וואָלט אונדז געקומט פאַר דער דעמאַטעריאַליזאַציע פון דעם גאָט־באַגריף און פאַר דער דעמאַטעריאַליזאַציע פון אַלע הייליקייטן בכלל. דאָס אָבער האָבן זיי — די פעלקער — אין גאַנצן נישט באַנומען און זיי קענען עס ביז היינט נישט באַנעמען.

** סוף־סוף העיקר הוא הרעיון והפסוק אינו אלא אסמכתא בענינים האלה. (הרב זלוטניק „מאמרים״, דף 47, הערה).

6. אויך דער תלמוד האָט דורכגעמאַכט אַ לאַנגע אַנטוויקלונג פון באַזונדערע, דעטאַלע הלכות (דאָס זעלביקע וואָס אין דער פריערדיקער תקופה די דעטאַלע „תורות") ביז צו ווערן אַ כוללדיקע, ברייטע ענציקלאָפּעדיע וואָס נעמט אַרום דאָס גאַנצע יידישע לעבן און דענקען.

7. די תלמודישע שעפערישקייט האָט קיין מאָל זיך נישט איבערגעריסן, אין גאַנצן אַנדערש ווי דאָס תנכישע בשעתה, וואָס איז אָפּגעשניטן געוואָרן דורך די זעלביקע בעלי־התלמוד. דאָס כסדרדיקע לערנען (אין ספּעציפישן זינען פון כסדרדיקן, ווייטערדיקן שאַפן), האָט געהאַט אַ גרויסע השפעה אויפן גייסט, געדאַנק, אויף דער שפּראַך און לאָגיק, אויף דער פסיכיק און כאַראַקטער פון יידישן פאָלק. דאָס פאָלק האָט געשאַפן דעם תלמוד און דער תלמוד האָט געשטאַלטיקט דאָס פאָלק. דאָס עצם לערנען איז געווען אייגנאַרטיק, עס האָט געשטרעבט צו אַנטוויקלען נישט אַזוי דאָס וויסן ווי דאָס קענען ווייטער שאַפן אין זעלביקן גייסט.

8. אַט דער דויערנדיקער פּראָצעס פון תלמוד תורה, וואָס האָט זיך געצויגן אָן אויפהער פון די אנשי כנסת הגדולה אין ארץ־ישראל דורך דער משנה, דורך דער גמרא, איבערהויפּט אין בבל, דורך אשכנז און מיזרח־אייראָפּע, — איז ענג פאַרבונדן מיט דער סאָציאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע, וואָס מיר האָבן געהאַט אין דער גאַנצער צייט אין דער פאָרעם פון „שטעטל". דאָס ספרדישע יידנטום וואָס האָט געהאַט אַנדערע סאָציאַל־קולטורעלע גורלות, שטייט טאַקע אין אַ דויערנדיקן פּראָצעס פון ירידה, הן קולטורעל און הן עטנאָגראַפיש. דער פּרווו פון צוויי גרויסע ספרדים צו פאַרמינערן דאָס תלמודישע לערנען (דער ריף און דער רמב"ם), איז זיי צום גליק נישט געלונגען אין אשכנז.

9. מיט דעם אונטערגאַנג פון דער תלמודיש־שטעטלשער תקופה, מיט דעם אויפקום פון דער נייער אורבאַנישער תקופה שטעלט זיך אין איר גאַנצער שאַרפקייט די פראַגע פון המשך פון יידישן פאָלק אין דער וועלט.

## די תלמודישע דערציונג

דער תלמוד האָט זיך איינגעוואָרצלט אין יידישן לעבן נאָך איידער ער איז פאַרשריבן געוואָרן און אַזוי האָט ער באַהערשט דאָס גאַנצע לעבן פון יונג און אַלט. איז ער אויך געווען די גאַנצע צייט דער יסוד פון דער גאַנצער דערציונג. דורך דער גאַנצער תלמודיש־שטעטלשער תקופה. דורך דער צייט, נאָך אין די ערשטע יאָרהונדערט פון דער אָנגענומענער צייט־רעכענונג האָט זיך אויסגעבילדעט אַ פעסטע לערן־סיסטעם, וואָס האָט געהערשט כמעט ווי

אָן ענדערונגען די גאַנצע צייט ביי אונדז. מען דאַרף געדענקען, אַז בעת אין אייראָפּע איז איינגעפירט געוואָרן אַלגעמיינע בילדונג אין אָנהייב פון ניינצנטן יאָרהונדערט, האָבן ייִדן דאָס געטאָן בנוגע צו ייִנגלעך אין דעם ערשטן יאָרהונדערט פאַרן חורבן. די דעמאָקראַטיעס האָבן אַ פאָרמול פאַר דעמאָקראַטישער דערציִונג. מיר פלעגן זי רופן — די פאָרמול פון פיר אלפן — אַלגעמיינע, אָבליגאַטאָרישע, איינהייטלעכע און אומזיסטע דערציִונג... האָט אָט די פאָרמול כמעט אין פולער מאָס געהערשט ביי ייִדן פולע צוויי טויזנט יאָר. פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ אַלטע סיסטעם האָט אין פרטים אָפט זיך פאַרשטיינערט, האַרט פאַרעלטערט געוואָרן, און אויטאָריטעטן האָבן אָפט זי אין אַ סך הינזיכטן שטאַרק קריטיקירט (מהרש״ל, למשל). אָבער אין איר תוך האָט זי געהאַט פיל גאָר שטאַרקע מעלות, און אַפילו לגבי אַנדערע מאָדערנע דערציִונגס־סיסטעמען. כדי צו מאַכן בולטער די מעלות פון דער תלמודישער פּעדאַגאָגיק וועלן מיר זי פאַרגלייכן מיט דער הערבאַרטיאַנישער סיסטעם, וואָס האָט געהערשט און וואָס הערשט נאָך אויך היינט, הגם שוין אָן איר טעאָרעטישער באַזע, אין גאַנץ אייראָפּע. און אויב הערבאַרטס פּעדאַגאָגיק, וואָס איז באַגרינדעט ערשט ביים סאַמע אָנהייב פון ניינצנטן יאָרהונדערט האַלט זיך נאָך גאַנץ פעסט שוין בערך אַ האַלבן יאָרהונדערט, נאָכדעם ווי איר טעאָרעטישע באַזע איז איינגעפאַלן, איז דאָך נישט קיין וווּנדער, וואָס די תלמודישע סיסטעם האָט איינגעהאַלטן איר פאַרהייליקטן דרך ביז היינט, און אַפילו אין מאָדערנע העכערע ייִדישע שולן ווו מען לערנט תלמוד פון איין זייט און אַלגעמיינע לימודים פון דער צווייטער זייט, האָט מען נאָך נישט געפונען קיין וועג ווי צו באַהעפטן די צוויי עלעמענטן, וואָס כלומרשט זענען זיי ווילד פרעמד צווישן אַנאַנד, כלומרשט האָבן די „אַלגעמיינע״ לימודים גאָרנישט קיין ייִדישן ווערט, און זיי קענען גאָרנישט האָבן (?!) און די „ייִדישע״ לימודים ווי תלמוד האָט נישט און דאַרף נישט האָבן קיין אַלגעמיינע דערציִערישע, אַנטוויקלענדיקע השפּעה. דאָס ווייזט אויף דער שוואַכקייט פון אונדזער פּעדאַגאָגישן געדאַנק, פון איין זייט, און אויף דער האַרטקייט, מחמת אַלטקייט, פון דעם תלמודישן סיסטעם. אָבער דער אָנגערירטער ענין האָט נישט קיין דירעקטע שייכות. מיר ווילן דאָ בלויז פאַרגלייכן די צוויי סיסטעמען און דערפאַר וועלן מיר קודם־כל בקיצור רעפערירן דעם מהות פון הערבאַרטס סיסטעם. אונדזערע חז״ל האָבן כמעט קיין מאָל נישט פאָרמולירט זייערע טעאָרעטישע יסודות. וועלן מיר מוזן זיי נעמען פון דער פּראַקטיק.

איך גיי דאָ נישט געבן קיין פולע אָפּהאַנדלונג וועגן דער תלמודישער דערציִונג. איך וויל נאָר מאַכן אַ קורצן פאַרגלייך צווישן צוויי סיסטעמען.

# די יסודות פון הערבאַרטס דידאַקטיק

אויפן סאַמע שוועל פון נײַנצנטן יאָרהונדערט האָט הערבאַרט געירשנט קאַנטס כסא־הכבוד אין קעניגסבערגער אוניווערסיטעט און ער האָט דאָרטן פּאַרפעסטיקט זײַן פּעדאַגאָגיק אויף אַזאַ לאַנגער צײַט מער ווי הונדערט יאָר. (הערבאַרט יאָהאַן־פרידריך 1876־1841). זײַן סיסטעם האָט ער באַזירט אויף זײַן פּסיכאָלאָגיע, וואָס איז געווען אַן אינטעלעקטואַליסטישע. דער מקור פון אַלץ איז דער באַוווסטזײַן, די פאָרשטעלונגען.

פריִער פון אַלץ דאַרף דערמאָנט ווערן צום גוטן זײַן פּרינציפּ פון דער־ציִערישן לערנען. מיר איז נישט געגנוי באַקאַנט, צי עמעצער פאַר אים האָט אַזוי שטאַרק פאַרטיידיקט דעם פּרינציפּ. אין תוך אַרײַן זענען די צוויי עלע־מענטן גאַנץ באַזונדערע פונקציעס... מען קען דערציִען אָן לערנען און מען קען לערנען אין גאַנצן נישט האָבנדיק אין זינען די דערציִונג. ביז הײַנט זענען פאַראַן זייער פיל לערער, וואָס שטעלן זיך לגמרי נישט די פראַגע וואָס פאַר אַ גײַסטיקע פּראָצעסן זייער לערנען רופט אַרויס בײַ די תלמידים און וואָסערע זיי דאַרפן אַרויסרופן. מען לערנט און מען האָט אין זינען נאָר די פּראָגראַם און אַז די תלמידים מוזן וויסן די פּראָגראַם. ווערבאַל וויסן, מער נישט. איז עס געווען זיכער אַ גרויסער אויפטו דאָס פאַרשפּרייטן די אידעע, אַז דער פּראָצעס פון לערנען דאַרף אײַנצײַטיק דערציִען, אַנטוויקלען באַשטימטע איי־גנשאַפטן בײַ די תלמידים, עס דאַרף טרעגירן דאָס דענקען וכדומה. איז דאָס געוויס אַ גרויסער פאַרדינסט.

ווי אַלע פּעדאַגאָגן האָט הערבאַרט געזען פאַר זיך די אויפגאַבע פון אי־בערגעבן די תלמידים די גוואַלדיקע סכומים וויסן וואָס אַ מענטש מוז האָבן. דערפאַר דאַרף מען קודם־כל קלאָר אָפּמאַכן וואָסערע ידיעות עס דאַרף קריגן דער תלמיד אין זײַן געגעבענעם עלטער. דאָס איז די פּראָגראַם. זי ווערט צעטיילט פאַר יעדער יאָרן באַזונדער. די פּראָגראַם פון יעדער עלטער ווערט צעטיילט אויף סיסטעמאַטישע מעטאָדישע איינסן, וואָס דאַרפן זיך קייטלען. יעדער איינער דאַרף זײַן באַזירט אויף דעם פריִערדיקן און דאַרף זײַן אַ באַזע פאַר דעם קומענדיקן.

יעדער מעטאָדישער איינס דאַרף דורכגיין אין קלאַס באַשטימטע דידאַק־טישע מדרגות ביז ער ווערט אָרגאַניש פאַרדייעט בײַ די תלמידים. הערבאַרטס נאָכפאָלגער זענען אָפט נישט געווען אייניק וועגן דער צאָל דידאַקטישע מדרגות. ווער עס האָט אָנגעמערקט פיר אַזוינע מדרגות און ווער — דריי. דער עיקר אָבער אַז אַלע, דאַכט זיך, האָבן אויף דער ערשטער מדרגה געשטעלט די פאָרשטעלונג. מיט דײַטשישער פּינקטלעכקייט האָבן די הערבאַרטיאַנער דע־

טאַליזירט און סיסטעמאַטיזירט די פּראָגראַמען מיט זייערע מעטאָדישע איינסן און דידאַקטישע מדרגות. עס האָט געדויערט ביז אָן ערך דער ערשטער וועלט־מילחמה די הערבאַרטיאַנישע פּעדאַגאָגיק זאָל טעאָרעטיש איינפאַלן. און גע־שען איז עס איבערהויפּט אַ דאַנק דער דעטראָנירונג פון באַוווסטזיין אין פּסי־כאָלאָגיע. קוים איז נישט דאָס באַוווסטזיין דער מושל בכיפו אין מענטשנס האַנדלען און פירן זיך, איז דאָך די קלאָרע פאָרשטעלונג נישט דער יסוד פון דערציִערישן לערנען.

האָט זיך טאַקע אָנגעהויבן נאָך דער ערשטער וועלט־מילחמה אַ זוכעניש פון נייע דרכים. האָט מען אין רוסלאַנד אַנגעטומלט זיך שטאַרק מיט דער „אַרבעטשול", וואָס איז אויף וויפל איך קען זיך דערמאָנען געגוי דאָך נישט פונאַנדערגעאַרבעט געוואָרן זענען אין דייטשלאַנד באַקאַנט געוואָרן די „אַנט־שידענע שול־רעפאָרמער" און אַנדערע. און אַזוי אויך אין אַנדערע לענדער. די זוכענישן און טראַכטענישן האָבן אויך נישט אויסגעמיטן די יידישע שולן וואָס האָבן זיך דעמאָלט שטאַרק אַנטוויקלט אין רוסלאַנד און אין די נאָענטע קליינע לענדער.

איך האַלט פאַר מיין ערנחוב צו דערמאָנען דעם פּרווו וואָס עס האָבן איינגעפירט צוויי יידישע פאַרדינסטפולע פּעדאַגאָגינס סאָפיע גורעוויטש און ראָזע סימכאָוויטש אין ווילנער יידישן לערער־סעמינאַר, ביי זיין גרינדונג (1921), נאָך איידער איך האָב אים איבערגענומען. אויף אַ מערקווירדיקן אופן איז זייער וועג גאַר נאָענט צוגעקומען צו דעם דרך פון לערנען אין אונדזערע טראַדיציאָנעלע בעסערע ישיבות, הגם די ביידע פרויען האָבן, פאַרשטייט זיך, קיין מאָל אין קיין ישיבה נישט געלערנט. (געגויער וועגן די צוויי אין מיין „אַ האַלבער יאָרהונדערט יידישע דערציִונג"). עס איז אַ גרויסער פאַרלוסט וואָס יידישע פּעדאַגאָגן האָבן אַזוי ווייניק געשריבן און גאַר ווייניק באַגרינ־דעט טעאָרעטיש זייערע דרכים. (זען „די אָרעמקייט פון פּעדאַגאָגישן גע־דאַנק ביי יידן" אין מיין „אונדזער גאַנג צווישן פעלקער").

מיר האָבן שוין פריִער געשריבן וועגן דעם אַנדערשדיקן וועג פון תלמו־דישן לערנען. ווועלן מיר איצט דאָס פּרובירן פאָרמולירן אויפן פאָן פון הער־באַרטס פּעדאַגאָגיק.

קודם־כל איז לויט דער תלמודישער שיטה די פּראָגראַם לגמרי נישט וויכ־טיק, בכל אופן נישט פון דער ערשטער וויכטיקייט. דער לערנער האָט געמעגט לערנען די מסכתא אָדער יענע. די גמרא גופא זאָגט עס אַז לערנען איז גוט „ממה שליבו רוצה". עס איז נישט אומבאַדינגט נייטיק צו וויסן דאָס און דאָס, די געביטן און נישט קיין אַנדערע. דער תלמיד, ריכטיקער נאָך — דער למדן — דער לערנער, וועט אַלעמאָל קענען געפינען דאָס וואָס ער וועט דאַרפן אין

יעדער געגעבענעם מאָמענט*. עס איז גאָרנישט נייטיק אָנצוגרייטן אין מוח אַ גאַנצן לאַגער מיט וויסן, אויף יעדער געלעגנהייט טאָמער וועט מען דאַרפֿן. דער „בור סוד שאינו מאבד טיפה" — אַ גרוב וואָס האַלט איין דאָס וואַסער און פֿאַרלירט נישט קיין טראָפּן, איז גאָרנישט קיין גרויסער יחוס. נאָך ווייניקער יחוס איז דער „חמור נושא ספרים" — אַן אייזל אָנגעלאָדן מיט אַ פּאַק פֿאַר־טיקן וויסן, און וואָס האָט אויף אַלץ אַ פֿאַרטיקע ציטאַטע פון דעם און פון יענעם גדול...

עס איז קלאַסיש דער זאָג פון יענעם גרויסן רב צו דעם יונגן מאַן וואָס קומט נאָך סמיכה. „עס איז זייער גוט וואָס דו ווייסט — וואָס דער זאָגט און וואָס יענער זאָגט, דער עיקר אָבער איז וואָס זאָגסטו?" אָדער ווי מיין אַמאָלי־קער רבי פלעגט מיר פֿאַרזיכערן, אַז אויב איך וועל קענען גוט דורכקריכן אַ בלאַט גמרא, וועל איך שוין קענען אויך איינשפּאַנען אַ פֿערד אַפֿילו..." איז וועגן איינשפּאַנען אַ פֿערד וויס איך נישט — קיינמאָל נישט פּרובירט, אָבער דורכאַקערן „בסברא" — דורכדענקען עפּעס אַ נייע סוגיא — דאָס האָט מען זיך יאָ אויסגעלערנט. מיינער אַ צווייטער רבי, שוין אַ מאָדערנער (אהרן כהנ־שטאַם ע"ה), האָט אַמאָל אונדז געזאָגט, אַז ער קען געבן נאָר די שליסלען, עפֿענען די טירן און גיין ווייטער — דאָס מוז מען אַליין... אַזוי אַרום זענען די פּראָגראַמען און די באַשטימטע סכומים וויסן גאָרנישט אַזוי דרינגענד נייטיק אין נישט אַזוי וויכטיק ביים לערנען. דאָס האָט שוין טאַקע אַזוי קלאָר און דייטלעך אונטערגעשטראָכן דער רמב"ם אין זיין דעפֿיניציע פון תלמוד תורה וואָס מיר האָבן שוין דערמאָנט.

דעם אמתן גאַנג פון תלמודישן לערנען האָט זייער ריכטיק איבערגעגעבן פּרץ אין דעם חלום פון דעם ביאַלער רבין, ווען ער האָט נאָך געלערנט ביים בריסקער רב: די תורה איז אַ פּאַלאַץ, ווו מען קען נישט זיצן, מען מוז גיין אַלץ ווייטער און ווייטער. און יעדער זאַל איז ליכטיקער פון פֿריִערדיקן, און קיין סוף איז נישטאָ. (אין לערנען איז מען דאָך תמיד אַ „גייער"). עס איז אויך ריכטיק, אַז די ליכטיקע וועגט קענען ווערן קאַלט ווי אייז. דאָס איז דעמאָלט ווען עס ווערט אַ צו גרויסע דיסטאַנץ צווישן פֿאָלקישן מאַסיוו און דעם איב־דיווידואַליטישן דרך פון דער אינטעליגענץ, וואָס מיר האָבן פֿריִער פֿאַר־

* דורך דער גאַנצער תלמודיש־שטעטלשער תקופה האָבן מיר נישט געדאַרפֿט קיין באַזונדערע שולן, סעמינאַרן צו גרייטן באַזונדער לערער, רבנים, חזנים וכדומה. די עצם סיסטעם פון לערנען האָט אַנטוויקלט ביי די לערנער אַ פֿעיִקייט צו קענען אַליין זיך גרייטן און כסדר פֿאַרפֿולקאָמען די נטיות וואָס זענען געווען פון פֿריִער. דאָס לערנען „פֿאַר זיך" האָט פֿאַרמאָגט די ברכה.

גליכן צו די שפּיצן פון אַן אָפענער שער. (זען פּרצעס „צווישן צוויי בערג״).
דאָ איז געוויס די תּלמודישע פּעדאַגאָגיק העכער פון הערבאַרטס.

ווען מיר איצט איבערגיין צו הערבאַרטס דידאַקטישע מדרגות, אַז אַלע תּלמידים זאָלן ביים לערנען דעם אָדער יענעם מעטאָדישן איינס מוזן דורכמאַכן אַלע דעם זעלביקן גערדאַנקענגאַנג. איז עס נישט קיין ניוועלירונג פון מענטשן, קיין דייטשישע מושטרע, אַז אַלע יונגים זאָלן האָבן איין פּנים? אַז אַלע זאָלן גלייך שרייען הוראַ! אַז אַלע זאָלן דענקען אוניפאָרמירט? און עס קומט אַ שרעקלעכער געדאַנק אין קאָפּ ווי האָט איין קראַנקהאַפטער, אפשר פּסיכאָפּאַט היטלער ימ״ש געקענט פאַרפירן אַ גאַנץ פאָלק (אָדער כמעט אַ גאַנץ פאָלק) און עס ברענגען צו די שרעקלעכסטע פאַרברעכנס... צי איז דאָ נישט פאַראַן אפשר טיילוויז, זאָל זיין, אַ רעזולטאַט פון דער גייסטיקער מושטרע? אַלע דאַרפן ביים דערלערנען עפּעס דורכמאַכן די זעלביקע גייסטיקע פּראָצעסן פון דענקען, — אַלע דאַרפן גלייך שרייען „הייל היטלער״ און אַלע מעגן דערפאַר אויף אַן אָרגאַניזירטן אופן באַפרידיקן זייערע רוצחישע אינסטינקטן... דאָס איז אַזוי דייטשיש און אַזוי וויט נישט ייִדיש. אין מיין דערמאָנטן קאַפּיטל „די אָרעמקייט פון אונדזער פּעדאַגאָגישן געדאַנק״, האָב איך דערציילט ווי אונדזערער אַ באמת געטרייער און טיף־פילנדיקער פּעדאַגאָג מיט אַ ייִדישער לערערישער נשמה האָט זיך אַ גאַנץ לעבן געפּייניקט, וואָס זיין ייִדישע נשמה האָט נישט געקענט בשום אופן באַהערשן און זיך אַריינלעבן אין הערבאַרטס פּעדאַגאָגיק. פּעדאַגאָגיק איז אַ קונסט און ווי אַזאַ קען זי זיין שעפערישׁ נאָר ווען זי איז אָרגאַניש, אָרגאַניש נאַציאָנאַל, ווען זי שטימט מיט דעם פאָלקס כאַראַקטער און גאַנצער דורותדיקער פּסיכיק. נישטאָ אין ייִדישן כאַראַקטער די פּסיכיק פון דער קאַזאַרמע, פון אוניפאָרמירטקייט. נישט עס איז לויט אונדזער גייסט. און נישט עס שטימט מיט די היינטיקע פּסיכאָלאָגישע טעאָריעס.

הערבאַרט האָט אַלץ געבויט אויף דעם באַוווסטזיין. די בעלי התּלמוד האָבן געלערנט אַז אין הברכה מצויה אלא בדבר הסמוי מן העין. און דאָס איז ערגעץ געזאָגט, אַז מען מיינט עס דווקא ביי תּורה־לערנען*. זיי האָבן זיך באַמיט אַ סך מער אַריינצוציִען דעם אונטערבאַוווסטזיין אין פּראָצעס פון לערנען. דערצו האָבן געשטרעבט די מעטאָדן פון לערנען אויפן קול, מיט אַ ניגון.

* דאָס איז אַ גמרא אין מגילה ו׳ ב׳ אויף דעם מאמר „יגעתי ומצאתי תאמין״.

## דער למדן, דער מתמיד

1. — דער ציל פון לערנען איז ביי הערבאַרטן געבליבן פּאָרט דאָס וויסן, די פּראָגראַם. דער ציל פון תלמודישן לערנען איז דער מענטש: — די סברא. דאָס מיינט ווי רש״י פאַרטייטשט „ללמוד חריפות וחידוד הלב לאחר שלמד ושגורה בפיו גרסת התלמוד״ (ע״ז י״ט א׳) און ווי עס דעפינירט דער רמב״ם. און אין אַ סך אַנדערע ערטער.

2. — די מאָראַלישע אויסבעסערונג פון מענטשן. אין דעם זינען איז מאָס־גיביק דער שאַרפער זאָג פון ר׳ יהודה הלוי „ואל תשיאך חכמת יוונית אשר אין לה פרי כי אם פרחים״ (שירים ש. בערנשטיינס זאַמלונג 240).

נאָך קלאָרער זאָגט ער דאָס אַרויס אין כוזרי אין עטלעכע ערטער. למשל: רחוק מה שיש בין בעל התורה ובין הפילוסוף. כי בעל התורה מבקש האלוהים לתועלות גדולות, זולת תועלת ידיעתו אותו, והפילוסוף אינו מבקש אלא שיספרוהו על אמתתו (מאמר ד׳ י״ג). ווייל יידישקייט זוכט אין לערנען צו פאַרבעסערן דעם אויפפיר פון מענטשן „להדמות לבורא״ (מאמר ד׳ י״ט); זע אויך סעיף י״ז ווו ער זאָגט זיך אַרויס קעגן אריסטו, וואָס האָלט נישט פון „מעשה הנימוסים, אחר שהוא מסופק אם יודע האלוהים אותם״; מען דאַרף זען צו לערנען נאָר פון אַ „תלמיד חכם הגון״ (תענית ז׳ א׳); „כל תלמיד חכם שאין תוכו כבורו אינו תלמיד חכם״ (יומא ע״ב ב׳), אָדער „אוי להם לשונאיהם של תלמידי חכמים שעוסקין בתורה ואין בהם יראת שמים (דאָרטן גופא) און נאָך שטרענגער „אם הרב דומה למלאך אלוהים יבקשו תורה מפיו ואינו לאוו, אל יבקשו תורה מפיו״ (מועד י״ז א׳).

דאָס זענען די צוויי צילן פון לערנען — ריין דידאַקטישע — אויסבעסערן דעם מענטשן הן אינטעלעקטועל און הן מאָראַליש.

ווי שמאָלקעפּלדיק עס זעט אויס אַנטקעגן דעם די טענה פון די משכילים (פון אַלע דורות), וואָס לאַכן אָפּ פון דער „ביצה שנולדה ביום טוב״, אָדער פון דעם „שור שנגח את הפרה״, וואָס כלומרשט זענען זיי עלעמענטן פון אַ יורידישן קאָדעקס. אַז באמת איז דער ציל גאָר אַן אַנדערער: „אין מושיבין בסנהדרין אלא שיודע לטהר את השרץ מן התורה ע״י פלפול״ (סנהדרין י״ז א׳) דער שרץ, פאַרשטייט זיך, וועט טהור נישט ווערן. דער עיקר איז אָבער די סברא, די פעיקייט פון דעם מענטשן. אויף יענער וועלט פרעגט מען הפלפלת בחכמה?״. פאַרקערט, איז גאָרנישט אַזוי וויכטיק דער „לומד הלכה״, ד״ה דער וואָס וויל פסקענען דירעקט לויטן תלמוד.

נאָך וויכטיקער איז דאָס לערנען פאַר זיך, דאָס פאַרוואַנדלען אַ תלמיד אין אַ לערנער, וואָס ענדיקט קיינמאָל נישט לערנען, וואָס האָט דעם פאַרגע־

ניגן צו זיין שעפעריש, די שמחת יצירה און וואָס מאַכט דעם מאַטעריאַל פון לערנען פאַר אַ מקור פון פאַרגעניגן, דאָס אַריינפירן דעם „יצר־הרע אַליין אין פּראָצעס פון לערנען" (אם פגע בך מנובל זה, — משכהו לבית המדרש...). איך דאַנק גאָט וואָס איך האָב, מיר דוכט זיך, זוכה געווען צו האָבן אָט־די „שימחת תורה" ביי מיין שרייבמאַשין און מיינע ספרים. איך פריי זיך ווען אַ תלמיד קומט און דערציילט מיר, אַז ער האָט די אַרבעט געמאַכט מיט פאַרגעניגן. דער תלמודישער מעטאָד האָט טאַקע געמאַכט דעם לערנער פאַר „אַ גייער" און צו־זאַמען מיט אים אויך די תורה גופא. אויך זי דאַרף גיין אַלץ העכער און אַלץ וויטער.

אַ גרויס גליק פאַר דעם יידישן לערנען איז געווען וואָס די טראַדיציע האָט נישט געפאָלגט דעם רמב"ם און אַריינגעפירט דעם תלמיד, פון יינגסטן עלטער אָן, אין דער לאַבאָראַטאָריע ווו עס שאַפט זיך די תורה, דאָס וויסן אַליין איז נישט וויכטיק, וויכטיק איז דער פּראָצעס פון שאַפן דאָס וויסן. אַן ענגלישער פיזיקער האָט אַמאָל געשריבן, אַז די וויסנשאַפטלעכע אמתן וואָס מיר ווייסן שוין זענען שוין טויט. לעבן לעבט דאָס זוכן דאָס וויסן, דער פּראָ־צעס פון דערגיין צום וויסן. די תלמודישע שקלא וטריא — זי האָט דערצויגן, נישט די דינים און געפסקנטע הלכות. אַוודאי האָט יעדער פוסק קדמון צי אחרון געקענט זייער גרינג פסקענען אַז אַן אָקס האָט געשטאָכן אַ קו, דאַרף מען באַצאָלן אַזויפיל און אַזויפיל, און מען דאַרף דערמיט נישט מאַטערן קיין קינדער אין שול. אָבער נישט דער אָפּצאָל איז דאָ וויכטיק, וויכטיק איז די „סברא", די גייסטיקע וועגן פון דענקען און פון דערציען צום דענקען. איך האָב נישט קיין גענויע סטאַטיסטיק, אָבער עס איז מיין טיפער גלויבן, אַז די ישיבות האָבן אַרויסגעגעבן אַ גרעסערן פּראָצענט דענקענדיקע מענטשן ווי די אוניווערסיטעטן. כ'האָב געהאַט אַ פריינד וואָס איז געווען אַ פּראָפעסאָר פון פסיכאָלאָגיע. נאָר ער האָט פריער געהאַט סמיכה צו זעכצן אָדער זיבעצן יאָר. פלעגט מען צו אים האָבן טענות, אַז זיינע טעאָריעס זענען על פי רוב נאָר סברות, היפּאָטעזעס, פון פלינקן מוח גלייך אין בויך אַריין. און ווו איז ביבליאָגראַפיע?! פלעגט מען האָבן טענות. איך אויך. פלעגט ער ענטפערן: נאָר די וויסנשאַפט ווערט געבאָרן פון סברות. דאָס איז דער מקור. מען דאַרף טאַקע נאָכקאָנטראָלירן, אָבער איך האָב קיין צייט נישט... דער קאָפּ אַרבעט צו פלינק... און ער איז דאָך געווען גערעכט: לעולם איז דער מקור פון וויסן, פון דענקען טאַקע דאָך די סברא, נאָך ריכטיקער — די אינטויציע. נישט ווי הערבאַרט האָט געלערנט, די קלאָרע פאַרשטעלונג. ואין, וועל איך זאָגן בלשון הגמרא, האינטויציע מצויה אלא בדבר הסמוי מן העין, לא בדבר שבמשקל ובמידה, נאָר עס איז שוין אַריין אין אונטערבאַוווסטזיין, „תורתי בתוך מעיי"

און די תלמודישע שקלא וטריא פירט דערצו אַ סך נענטער ווי די היינטיקע מעטאָדן פון לערנען. די געשיכטע פון דער וויסנשאַפט, פון וויסנשאַפטן בכלל איז פול מיט אַזוי פיל דערהויבענע דראַמאַטישע, טראַגיש־געטלעכע מאָמענטן פון דעם אַלטן אַרכימעדן און ביז אַ לאַוואַזיע, אַ קיורי און וועמען מען וויל. אין די שולן מיידן עס אויס. מען גיט די תלמידים שוין פאַרטיקע אויספירן, „קמחא טחינא״ — צעמאָלענע מעל, רופט עס די גמרא. און ווער האָט עס ליב צו האַלטן אין מויל שוין אַ צעקייטע לעמעשקע? וואָס איז דערציִערישע וויכטיקער: צי דאָס אויסלערנען אויסנווייניק זאָגן און איבערזאָגן די פאַרטיק געגעבענע פאָרמולעס וועגן אַטמאָספערישן דרוק, וואָס „די וויסנשאַפטלער״ האָבן פעסטגעשטעלט, אָדער נעמען עטלעכע פּשוטע פאַקטן אין לעבן ווי אַ פערד, למשל, טרינקט וואַסער, פאַרגעבן מאַכן „סברות״, זיי אַנאַליזירן, דיסקוטירן און נאָך דעם געבן די געשיכטע פון דער פּראָבלעם פון אַריסטאָ ביז טאָריטשעלי און ביז די באַרימטע מאַגדענבורגער האַלבקוילן... מען וועט ווייניקער באַווייזן אין פּראָגראַם, — איז טאָקע טוב מעט בכוונה... בעסער דאָס ביסעלע איידער אַ מין „תיקון שבועות״, וואָס האָט די גאַנצע תורה פאַר איין נאַכט.

מיר האָבן שוין איין מאָל ציטירט דעם זאָג פון אונדזערע גדולים, אַז „אל תשית לב למלות, כי הן כגופות, והטעמים כרוחות״. איז דאָס אַ גאָלדענער כלל.

האָט עס דער תלמודישער מעטאָד טאָקע געמאַכט די לערנער פאַר שותּפים אין פּראָצעס פון דערגיין צום וויסן, פון פאָרשן און זוכן.

***

אָבער, וועט מען פרעגן פאַרוואָס פאַרנעמט זיך דער תלמוד מיט אַזוינע באַרישע פּראָבלעמען ווי המניח את הכד ברשות הרבים וכדומה? פאַרוואָס האָבן די גריכן אין דער זעלביקער צייט בערך געזוכט פילאָסאָפישע, וויסנשאַפטלעכן אמתן? פאַרוואָס האָבן די חכמי התלמוד אַזוי ווי בטלנים פאַרלאָרן צייט אויף אַ קוצו של יוד, אויף אַ תנור דבי אכנאַי, ווייס איך נישט, בעת זיי האָבן געוווּסט, אַז די „סבי דבי אתונא (די גריכישע פילאָסאָפן) האָבן זיך פאַרנומען מיט פאָרשן נאַטור־זאַכן, נוציקע אין פּראַקטישן לעבן.

איז עס אויך נישט קיין קשיא: די חכמי התלמוד האָבן געהאַט פאַר זיך איין גרויסע אויפגאַבע: ווי מאַכט מען איינהייטלעך אַ פאָלק וואָס איז צעשאָטן און צעשפּליטערט איבער לענדער און פעלקער. און זיי האָבן ריכטיק פאַרשטאַנען, אַז דאָס קען מעגלעך זיין נאָר דורך אַן איינהייטלעכן שטייגער

לעבן, און דאָס איז די הלכה. ווידער זענען פאַראַן סימנים אַז עס זענען געווען ביי די בעלי־התלמוד אויך מסיכתות וועגן באָטאַניק און אַנדערע וויסנשאַפטן, אָבער טאַקע מסתמא צוליב די מאָטיוון האָבן זיי זיך נישט איינגעהיט און ווידער איז עס דאָך געווען, ווי זיי גופא פלעגן זיך אויסדריקן, כדי לחדד את המוחין, כדי צו אַנטוויקלען די שאַרפזיניקייט.

צי קען מען די תלמודישע מעטאָדן אָנווענדן אויך היינט?

אָבער, וועט מען מיך כאַפּן ביי דער האַנט — ר׳ ייד! איר האָט זיך אַ ביסעלע פאַרגאַלאָפּירט. דאָס אַלץ וואָס איר שרייבט איז אפשר געווען גוט נעכטן, אָבער וואָס זאָלן מיר טאָן היינט און מאָרגן? קענט איר דעם ראָד פון דער געשיכטע איבערדרייען אויף צוריק? מיר דאַרפן היינט וועגן צום מאָרגן און נישט צום נעכטן. זענען אפשר די תלמודישע מעטאָדן געווען גוט אין דער תלמודיש־שטעטלשער תקופה. אָבער איצט, אַז מיר זענען אַריין אין דער נייער תקופה, און זי האָט מיטן שטעטל גאָרנישט צו טאָן, און זי דאַרף גאָר אַנדערע געביטן פון לערנען נישט דעם תלמוד, צי קען מען אָנווענדן די תל־מודישע מעטאָדן אויך אויף די נייע געביטן? צופּאַסן צו די נייע פאָדערונגען און נייע פאָרמען?

עס איז אמת — אַן אַנדער תקופה, אַנדערע געביטן פון וויסן פאָדערן זיך, אַנדערע לימודים, אַנדערע צייטן און אַנדערע לידער. מיר קענען אין אונדזער תקופה נישט אָפּגעבן קיין צייט אויף שניים אוחזין בטלית, ווען אַ מענטש קען נישט אַריין אין לעבן אָן אַ שלל מיט אַלגעמיינע געביטן פון וויסן, פון וויסנשאַפטן. מיר מוזן אַריינפירן די קינדער אין אַלע די געביטן. שטעלט זיך די פראַגע: אָדער מען דאַרף אַרויסנעמען די תלמידים פון דער תלמודיש־שטעטלשער קולטור אָדער מען קען אַריינפירן, לאָזן רעשטלעך פון יענער קולטור, אָדער אפשן קען מען די מעטאָדן פון תלמודישן לערנען אָנווענרן אויך אויף די אַנדערע געביטן? ממה נפשך — איז פאַר אונדז וויכטיק אי־בערצוגעבן די תלמידים די טעקסטן פון תלמוד אין דעם ברעקעלע צייט וואָס עס בלייבט פאַר אונדז, אָדער עס איז אונדז וויכטיקער דער מעטאָד און מיר דאַרפן אים זען אָנווענדן אויף די געביטן וואָס דאָס שטעטל האָט פון זיי נישט געוווסט, אויך אויף די נייע געביטן.

ווייס איך נישט מיט וואָס איז אַזוי מער נייטיק דער $A+B$ פּלוס קוואַ־דראַט אין אַלגעברע און דער פּי ער קוואַדראַט אין געאָמעטריע און דאָס יאָר, ווען יוליוס צעזאַר איז געשטאָרבן, און אַז ערגעץ איז דאָ אַן אינדזל וואָס מען רופט אים צעלעבעס און אַ באַרג אין מעקסיקע מיט דעם נאָמען פּאָפּאָקאַטע־פּעטל? און וויפל צייט ווערט פאַרלאָרן אויף די זאַכן?

פון דעם געשריבענעם ביז איצט איז קלאָר, אַז פאַר מיר איז דער מעטאָד

וויכטיק. איז טאַקע דער ענין פון שור שנגח, די גאַנצע סוגיא גאָרנישט וויכ־טיק. געדעכט בן־גוריון. וויכטיק איז די דידאַקטישע השפעה פון דעם מעטאָד. איז די פראַגע אַ קלאָרע:

צי קען מען אָנווענדן די תלמודישע מעטאָדן צו די געביטן פון פיזיק, למשל, צו געאָגראַפיע, געשיכטע וכדומה? פאַר זיך רעדאַקטיר איך די פראַגע אַט אַזוי: צי דאַרפן מיר אין דער נייער היינטיקער תקופה אַרויס און אַוועקגיין פון אונדזער וועלט, פון אונדזער גייסטיקן איך אָדער מיר קענען די וועלט אַריינברענגען צו זיך, פאַרייִדישן (וואָלט איך געזאָגט) די גאַנצע וועלטישע וויסנשאַפט לויט אונדזער גאַנג פון דענקען און לויט אונדזערע מעטאָדן פון לערנען?

איך ענטפער אויף דער פראַגע מיט אַ קאַטעגאָרישע יאָ! מיר קענען און מיר דאַרפן. איך האָב שוין אין דער אַרבעט דערמאָנט די צוויי גלענצנדיקע ייִדישע פעדאַגאָגינס ס. גורעוויטש און ראָזע סימכאָוויטש, וואָס האָבן איינ־געפירט אין ווילנער ייִדישן לערער־סעמינאַר די סיסטעם פון לערנען פאַר זיך, ענלעך צו דעם דאַלטאָן־פּלאַן און פּראָיעקטן־מעטאָד. זיי האָבן דאָס לכת־הילה געבראַכט פון די זוכענישן אין אייראָפּע, נישט ווּיסנדיק, אַז עס איז אַזוי נאָענט צו אונדזערע מעטאָדן אין ישיבה. זיי האָבן אויך געפּרובירט ראַטעווען די תלמידים פון דעם גרויסן כף הקלע (קאַפּאַקל) צו האָבן אין איין טאָג אַ סך באַזונדערע לימודים — וויפל שעה אַזוי פיל לימודים און די תלמידים זאָלן זיך נישט קענען קאָנצענטרירן אויף קיינעם. זיי האָבן איינגעפירט חודש־דיקע הומאַניסטישע און עקזאַקטע ציקלען. ווען איך האָב איבערגענומען די אָנפירונג פון סעמינאַר (אין פרילינג 1922) זענען מיר אַוועק נאָך ווייטער. דאָ פאָדערט זיך אָבער אַ ביסל אַלגעמיינע געשיכטע פון דערציִונג. עס איז געווען תיכף נאָך דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, האָט דאָס גאַנצע לאַנד מיט אַמאָל גענומען שפּרינגען קדוש פאַר דער „אַרבעטשול". איך בין דעמאָלט געווען אין רוסלאַנד — פּעטראָגראַד, כאַרקאָוו און קיִעוו. און ווי באַקאַנט, זענען ייִדן די ערשטע פּראָפּאַגאַנדיסטן פון יעדער נייעס. ייִדישע שולן זענען דעמאָלט געווען אַ סך, — און מען האָט מיט דעם וואָרט אַרבעטשול פאַרהילכט אַלע גאַסן. זעלטן ווער פון די לערער עס האָט זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון וואָס ער מיינט מיט דעם וואָרט אַרבעטשול — ביי ייִדן איז דאָך תמיד דער נעשה פאַר דעם נשמע... און עס איז געווען די צייט פון הונגער און קראַנקייטן, קיין שווע־בעלע נישט צו קריגן פאַר געלט. גיי פיר אין שולן אַרבעט. האָב איך געוואַגט צו זאָגן עפּעס, האָט מען מיך פאַרשריִען פאַר אַ „קאָנטררעוואָלוציאָנער און אַ משרת פון דער אַלוועלטלעכער בורזשואַזיע". אַ גליק — מען פלעגט נאָך דע־מאָלט נישט שטעלן אַזוי אָפּט צום וועגטל...

דעמאָלט איז מיר געווען גרינגער אין מיין פּעדאַגאָגישער איינזאַמקייט אויסצואַרבעטן מיין אייגענעם וועג, וואָס איך האָב שפּעטער אָנגערופן פאָרשונגס־מעטאָד. געהאַט געניטונג צייט צו טרוימען וועגן דעם, ווייל אויספּרובירן פּראַקטיש האָב איך עס געקאָנט נאָר שוין שפּעטער, אין ווילנע, טאַקע אין דעם זעלביקן לערער־סעמינאַר. אַזוי ווי דער סעמינאַר איז דעמאָלט געווען אויף אַ זומער־קאָלאָניע, אין אַ דערפל נישט ווייט פון ווילנע האָבן מיר גענומען זיך צו אַ קאָלעקטיווער אַרבעט — די געאָגראַפישע און ביאָלאָגישע וועלט פון אַט־דעם ווינקעלע. דער גאַנצער קאָלעקטיוו איז צעטיילט געוואָרן אויף פריי־וויליקע גרופּעס, און איטלעכע האָט געדאַרפט נעמען איין געביט, ווי די געאָלאָגישע אַנטוויקלונג פון דעם אָרט און די פלאָרע און פאַונע. די פאָרשונג איז געווען נישט קיין פולע, עס האָט נישט אַריינגענומען די געשיכטע און די עטנאָגראַפיע. די אַרבעט גופא האָט זיך געפירט גאַנץ פּרימיטיוו מיט אַליין געמאַכטע מכשירים (מחמת אָרעמקייט און ווייסנדיק, אַז די יידישע שולן ווי עס וועט אויסקומען צו אַרבעטן די סעמינאַריסטן שפּעטער, וועלן זיכער נישט האָבן קיין מיטלען צו קויפן מכשירים). אָבער דער פּרינציפּ, דער מעטאָד איז געלונגען. שפּעטער האָבן מיר אַזוינע פאָרשונגען געמאַכט אָפטער. אין זשורנאַל „נייע שול", וואָס עס האָט אַרויסגעגעבן די צענטראַלע יידישע שול־אָרגאַניזאַציע אין וואַרשע, אין די נומערן 24 און 25 (1926), איז געווען אַ באַריכט פון אַזאַ מין אַרבעט מיט דעם נאָמען „פאָרשונגס־עקספּעדיציע ווי אַ מעטאָד אין שולן". שפּעטער איז אַ טייל פון דער אַרבעט געווען איבערגעגעבן אין דייטשישן זשורנאַל פון די „ענטשידענע שול־רעפאָרמער" אין בערלין („די נויע ערציהונג", נאָוועמבער 27). האָט אָבער דער רעדאַקטאָר, פּראָפ' אויסטראַך דעם אַרטיקל באַגלייט מיט אַ באַמערקונג, אַז ער — דער פירער פון „אַנטשידענע שול־רעפאָרמער" קען מיט מיר נישט מסכים זיין, ווייל מיין מעטאָד קען די קינדער מאַכן „אַלט־קלוג" צו יונג. דעמאָלט, זיבן יאָר פאַר היטלערס, ימ"ש, עליה, האָט עס מיך פאַרדראָסן; מיר האָבן נאָך צו פיל געגלייבט אין די דייטשן... ערשט אַ צייט שפּעטער איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז קיין שום דייטש, אַפילו אַן „אַנטשידענער שול־רעפאָרמער" קען נישט אויפנעמען אַזאַ טיף־יידישן געדאַנק און מעטאָד... עס איז נאָר אַ פאַרדראָס וואָס אויך יידישע דענקער און פּעדאַגאָגן גייען נאָך אַלץ אַרום זוכן ברעקלעך אין פרעמדע ווייגגערטנער, און — כרמי שלי לא נטרתי. איך גלייב אָבער באמונה שלימה, אַז מיר וואָלטן געטאָן אַ גרויסע טובה נישט בלויז אונדז אַליין, ווען מיר קערן זיך אום צו אונדזערע אייגענע וועגן.

נאָך פריער, אין 1919, איז אין קיעווער „שול און לעבן" געווען אַ באַריכט פון לערנען יידישע געשיכטע, לויט דעם מעטאָד פון פאָרשן מקורים (אין חומש).

דעם מעטאָד האָבן שפּעטער עטלעכע סעמינאַר־תּלמידים אַ סך בעסער און גענויער אַנטוויקלט („נייע יידישע שול י. ל. פּרץ", יאָרבוך נומער 10. באַריכט פון אַ יאָר אַרבעט „אין אַ פערטן קלאַס" פון רבקה סאַוויטש־גאַלאַמב). פון דעם מעטאָד איז אויך אַרויסגעוואַקסן „דער פּינקס פון דער שטאָט פּרוזשאַני", וואָס האָט בשעתו אַרויסגערופן אַנערקענונג פון די ייִוואָ־קרייזן מיט דובנאָוון בראש. אין „נייע שול", נומער 32, מערץ 1929, איז אָפּגעדרוקט אַ סטענאָ־גראַפיע פון אַ לעקציע וועגן לופט אין אַ דריטן קלאַס פאָלקסשול. דער לערער האָט גאָרנישט דערציילט די קינדער עפּעס וועגן דעם אָביעקט, ער האָט נאָר געשטעלט פראַגעס און מען האָט געדאַרפט, צוזאַמען מיט די קינדער, זוכן מעטאָדן און עקספּערימענטן ווי צו פאַרענטפערן די פראַגעס. כ'דערמאָן זיך: די פראַגע צי לופט פאַרנעמט אַן אָרט אָדער נישט האָט אַרויסגערופן אַ שטאַרקע דיסקוסיע אין דער קלאַס (דריטער לערניאָר). דווקא די פעיִקערע קינדער זענען באַשטאַנען אַז לופט פאַרנעמט נישט קיין אָרט, וואָרום, אויב יאָ, טאָ ווי וואָלט מען געקאָנט אַריינגיין אין צימער??... אַ וואָך צייט האָט געדויערט די דיסקוסיע (פון איין לעקציע ביז דער צווייטער) מען האָט גע־טראַכט און צוגעטראַכט פאַרשיידענע עקספּערימענטן, ווי צו ענטפערן אויף דער פראַגע. עס זענען אַריינגעצויגן געוואָרן עלטערע ברידער און שוועס־טער. און ווען דער עקספּערימענט האָט באַוויזן, אַז לופט פאַרנעמט טאַקע אַן אָרט, האָט זיך איין קינד, פון די בעסטע, פונאַנדערגעוויינט... דער עיקר פון דעם מעטאָד איז, אַז די קינדער ווערן אַריינגעצויגן אין די פּראָבלעמען און זיי דאַרפן אַליין אויך פאָרשן. זיי זענען שותּפים אין שאַפן דאָס וויסן. און דאָס איז דאָך דער מהות פון דעם תּלמודישן מעטאָד פון לערנען. דער מעטאָד האָט אַ גרויסן חסרון — ער פאַרנעמט זייער פיל צייט, און ווען דער לערער האָט פאַר זיך אַ פּראָגראַם וואָס ער דאַרף דורכמאַכן אין קלאַס פאַר דעם יאָר, וועט ער מוזן בלייבן הינטערשטעליק. אָבער פאַר אונדז איז דאָך דער סכום ידיעות נישט וויכטיק. עס איז מיר תּמיד געווען אַ פאַרגעניגן צוצוקוקן זיך ווי די קינדער פלעגן אין אַ קלאַס פון געשיכטע „דאָס לעבן פון אונדזערע אבות" זוכן אין חומש אַ זאַץ, אַ וואָרט צו קענען ענטפערן אויף עפּעס אַ פראַגע, וואָס די לערערין פלעגט שטעלן, אין פאַרגלייך מיט דעם היינט, למשל, וועגן זייערע וווינונגען. די פרייד פון געפינען עפּעס אַליין איז אין לשער. נישט אומזיסט האָט זיך מיר פאַרגעדענקט אַ זאָג פון אַ קינד „צו דעם נייעם לימוד דאַרף מען האָבן אַ גוטן קאָפּ"...

ווען איך זע ווי עס ווערט אין שולן געלערנט פיזיק, למשל, און די קינ־דער ענטפערן מיט פאַרטיקע, פאָרמולירטע געזעצן און אין דער זעלביקער צייט וויסן זיי אַפילו נישט די פאַרבינדונג פון די געזעצן מיט די פּראַקטישע

דערשיינונגען אין לעבן, טוט עס ממש ווי. פרעגט דעם ערשטן בעסטן אוני־ווערסיטעט־סטודענט ווי אַ לעפל זופּ גייט אַריין אין מויל, אַ זופּ טיי? פאַרוואָס אַ האַנטוך מאַכן טרוקן דעם נאַסן קערפּער און ווערט אַליין נאַס? ווי עס ברענט אַ ליכט? און הונדערטער אַזוינע פראַגן... אָדער, לאָמיר זאָגן, וואָס פאַר אַ זינען האָט עס די אַלגעבראַישע פאָרמול A + B קוואַדראַט?

מיט איין וואָרט — אין די היינטיקע שולן מיט די אָנגענומענע מעטאָדן זענען על פּי רוב די לימודים סכומים פון טויטן, שוין געענדיקטן, פאָרמולירטן וויסן. ווען מען זאָל צו זיי אָנווענדן דעם תּלמודישן מעטאָד פון פאָרשן און נישט געבן קיין „פּסקי הלכות", וואָלטן די לימודים געוואָרן לעבעדיק און זיי וואָלטן מחייה געווען די תּלמידים.

ס'איז אַ תּהום אין דער דערציִערישער השפּעה פון לערנען, צווישן קומען אין קלאַס און דערקלערן די כּללים פון $(A+B)^2$ $(A-B)^2$ $(A-B)^2$ $(A+B)$ וכדומה, אָדער מען קומט אין קלאַס און שטעלט פאַר די תּלמידים אַ פראַגע ווי צו געפינען אַן אַלגעמיינעם כּלל ווי צו באַרעכענען גרינגער 13×13, 18×18, 13×7 (עס איז (3—10), (3+10) וכדומה. טאָקע — ווי איז דער דין פון אַ ביצה שנולדה ביום־טוב און ווי איז די טעמפּעראַטור פון אַ ביצה, וואָס ווערט געקאָכט אין מעקסיקע אויף אַ הייך פון 2.400 מעטער און פון אַ צוויי־טער ביצה, וואָס ווערט געקאָכט אין אַקאַפּולקאָ, אויפן ניוואָ פון ים? יעדער טעמע פון אַלגעמיינע לימודים קען ווערן אַ סוגיא צום לערנען תּלמודיש.

## סברא און איר ראָל אין דער תּלמודישער דערציִונג

מיר האָבן שוין עטלעכע מאָל דערמאָנט דאָס גמרא־וואָרט סברא, וואָס איז אַריין, אגב אין ייִדיש, אָן קיינע פאַרטייטשונגען, ווי אַן אָרגאַניש ייִדיש וואָרט, וואָס דאַרף נישט קיינע טייטשן און דערקלערונגען. פאַר ייִדן וואָס קענען ייִדיש איז אויך דאָס וואָרט קלאָר און פאַרשטענדלעך. ייִדן זאָגן „די סברא איז מחייב, עס איז אַ סברא, אָדער עס איז גאָר נישט סברא". דאָס וואָרט באַטייט בדרך־כּלל — אַ געדאַנק, אַ מעגלעכקייט, אַ אידייע, אַ דערקלערונג צו עפּעס, וואָס שטאַמט פון אייגענעם דענקען, עס איז נישט אויסגעלערנט פון אַ צווייטן. עס איז אַ השערה, אַ היפּאָטעזע, אָבער מער ווי אַ היפּאָטעזע, עס איז זיכערער ווי אַ סתם היפּאָטעזע, אַ השערה. עס איז ביי מיר אַ סברא איז מער ווי איך בין זיך משער. אויף אַ סברא פאַרלאָזט מען זיך מער ווי אויף אַ השערה. זיי זענען אָבער ביידע פון איין קאַטעגאָריע. מיר האָבן שוין אויך דערמאָנט ווי רש"י און דער רמב"ם האַלטן שטאַרק פון סברא אין לערנען. ווי איינע פון די וויכטיקסטע צילן אין דערציִערישן לערנען איז צו אַנט־

וויקלען די סברא ביי די תלמידים; אגרא דשמעתא — סברא (ברכות, ו׳, ב׳) דער געווינס פון לערנען איז די סברא; זיי זאָלן דורך איר קענען באַנעמען און פאַרשטיין און דערקלערן די „טעמי המשנה״ (רש״י) און ווי אַרויסצוציִען איין געדאַנק פון אַ צווייטן (רמב״ם). דערפאַר פרעגט אָפט די גמרא צי דער אַרויסגעזאָגטער געדאַנק אָדער מיינונג איז אַ גמרא אָדער אַ סברא? דאָס הייסט: צי איז עס אַ זאַך געלערנט פון אַ פריִערדיקן אויטאָריטעט אָדער עס איז אַן אייגענער געדאַנק פון דעם אַרויסזאָגער (למשל: גטין, ו׳, ב׳). אָדער עמעצער זאָגט אַז ער האָט עס געלערנט, אָבער די סברא פון דעם ווייס ער נישט (גמרא גמירנא, סברא לא ידענא — יומא, ל״ג, א׳). מען האָט אין דער צייט פון תלמוד פונאַנדערגעשיידט גמרא פריִער און שפּעטער — סברא. ליגמור אינשא והדר ליסבר (שבת, ג׳, א׳). אָבער פון דעם ווי מען האָט געלערנט פאַרציַיטנס און אַזוי אויך שפּעטער, דאַרף מען אָננעמען, אַז מען האָט קיין מאָל נישט געלערנט קיין גמרא באַזונדער און סברא באַזונדער. גמרא אָן סברא איז נישט געווען. און דאָס איז טאַקע געווען די מעלה פון תלמודישן, דערציִערישן לערנען, וואָס מען האָט כסדר זיך באַמיט צו אַנטוויקלען די סברא — דאָס דענקען, דאָס רעזאָנירן פון די תלמידים. פאַרשטייט זיך, אַז סברא אָן גמרא איז שלעכט. עס איז ווי אַ מאַשין וואָס מען לאָזט איר אַרבעטן אָן עפּעס אַ מאַטעריאַל צו באַאַרבעטן, אָן אַ ווידערשטאַנד. אַזאַ מאַשין קאָן זיך אַליין פאַרברענען. די סברא אָן גמרא, די שפּעקולאַציעס אָן וויסן קענען פאַרפירן דעם לערנער צו ווייט. די טעקסטן און די לערנונגען זענען די אומבאַדינגט נייטיקע שטאָפן וואָס די גייסטיקע מאַשין דאַרף איבער זיי אַרבעטן. זיי זענען אויך די רעלסן וואָס פירן די סברא — דעם געדאַנק. אָבער די סברא בלייבט וויכטיקער. זאָגט די גמרא: אגרא דשמעתא — דער שכר פון לערנען איז סברא — דאָס לערנען פירט צו דענקען (ברכות, ו׳, ב׳). הויך האָט מען געשעצט דעם וואָס קען „מסביר פנים זיין אין דער הלכה״ (ברכות, ס״ג). עס איז גאָר אַ הויכע מדרגה צו קענען דערקלערן און אויפקלערן דעם זינען און די דרכים פון דער הלכה. דאָס איז דאָך וואָס רש״י שטרייכט אונטער „להבין בסברא את טעמי המשנה״. גאָר הויך האָט מען געשעצט דעם „עוקר הרים״ — דעם וואָס קען אויסרייסן בערג — פעסט־איינגעפונדעוועטע טראַדיציעס און מיינונגען און זיי צעמאָלן מיט דער סברא (סנהדרין, כ״ד, א׳). אויף אונדזער לשון וואָלט דאָס געהייסן: ווער עס קען צונויפפירן אַ וואַנט מיט וואַנט. אַ גרויסער קינסטלער איז געווען דער וואָס קען גאָר מטהר זיין דעם טריפן שרץ בק״ן טעמים. דאָס פאַרהערלעכן די סברא האָט געבראַכט צו פּילפּול, ווו עס איז שוין געווען צו פיל סברא (און וואָס צו איז אומגעזונט, כידוע). עס איז באַקאַנט אַ מאמר: „קרא למה לי, הלא סברא היא״ — מען דאַרף גאָר

נישט קיין פּסוק, עס איז געגנוג די סברא אַליין. באַרימט זיך עמעצער, אַז ווען די תורה וואָלט פאַרגעסן געוואָרן, וואָלט ער זי אויפגעשטעלט מיט זיין סברא.

עס איז אַ פראַגע: וואָס איז געווען פריִער — צי עס זענען געווען די פּסוקים און פון זיי זענען געדרשנט געוואָרן די נייע הלכות אָדער די הלכות זענען געווען און נאָך דעם האָט מען צו זיי געדאַרפט זוכן די באַוויזן, דעם סמך, די אסמכתא. מיר דאַכט זיך, אַז די צווייטע סברא איז די ריכטיקע: קודם איז די סברא, די אידעע, די הלכה, דער געדאַנק, נאָך דעם ווערט עס געזוכט צו באַקרעפטיקן זיי מיט אַ וואָרט, מיט אַ פּסוק פון דער תורה.

דערמיט איז דאָס תלמודישע לערנען געווען מער דערציִעריש ווי דאָס לערנען לויט דער טראַדיציע אין די שולן פון די אומות העולם. ווי העכער און ווי פּרוכטיקער עס וואָלט געווען די גאַנצע דערציִונג פון דער וועלט, ווען מען וואָלט געלערנט די אַלגעמיינע לימודים לויט די תלמודישע מעטאָדן.

דער אַלגעמיינער אויספיר אונדזערער איז אַז די תלמודישע מעטאָדן פון לערנען זענען געווען אַ סך דערציִערישער, זיי האָבן מער אַנטוויקלט דאָס דענקען, דעם שכל, זיי האָבן מער אַריינגעצויגן דעם לערנער, געמאַכט אים פאַר אַ שותף אין פּראָצעס פון שאַפן דאָס וויסן, ווי זיי אַליין האָבן עס אויסגע־דריקט, אַז „שני תלמידי חכמים מחדדין זה את זה", אָדער אַזוי ווי אַ קליין שפּענדל קען אָנצינדן אַ גרויסן שייט האָלץ, אַזוי קען אַ קליינער תלמיד אָנ־צינדן (אויפוועקן די סברא), דעם גרויסן לערנער. מיר דאַכט זיך באמת, אַז מיר וואָלטן געקאָנט ברענגען דער וועלט — נישט נאָר זיך אַליין — גוואַלדיק גרויסע נוצן מיט אונדזער טראַדיציאָנעלער תלמודישער פּעדאַגאָגיק.

איך וויל דערביי אונטערשטרייכן אַז איך קום דאָ נישט געבן אַ קורס פון אונדזער תלמודישער פּעדאַגאָגיק. דאָס אַליין איז פאַר זיך אַ באַזונדער בוך. איך האָב נאָר געוואָלט אין די ראַמען פון אונדזער אַלגעמיינער טעמע „ישראל ואורייתא", ווייזן אונדזער אַנדערשקייט און פאַרזיכיקייט אויך אויף דעם געביט.

עס איז אמת, מיר זענען אַריין אין גאָר אַ נייער תקופה. די פריִערדיקע תלמודיש־שטעטלשע תקופה פון אונדזער געשיכטע איז אַוועק. ווי עס וועט זיך איינשטעלן די נייע איצטיקע אורבאַנישע תקופה קענען מיר נישט פאַרויס־זאָגן, אָבער מיר קענען יאָ וויסן און זיך באַמיִען איינצוהיטן און אָנצוהאַלטן אונדזער המשך. בפרט אַז ער קען אונדז אַזוי נוציק זיין אויך אין דער נייער תקופה. מיר וויסן — אונדזער דערציִונג איז צעשפּאַלטן: מיר האָבן אונדזערע טראַדיציאָנעלע לימודים און די נייע, די וועלטישע לימודים, די אַזוי גערופענע אַלגעמיינע. מיר מוזן זיי אַריינבעמען אין סכום פון אונדזער וועלט, פון אונ־דזער דערציִונג. אָבער איך וויס נישט פאַרוואָס טאַקע איז „שניים אוחזין

בטלית״ מער יידיש איידער די וואָלקאַנען אָדער די „תורת האור״ (אפטיק), אָדער די געשיכטע פון פעלקער. נישט דער אינהאַלט מאַכט אַ געביט פאַר יידיש אָדער נישט, נאָר די מעטאָדן ווי זיי ווערן געלערנט. פאַרוואָס דאַרף מען אין פיזיק און אין מאַטעמאַטיק נישט געבן די גאַנצע שקלא וטריא, די סברות אַזוי און פאַרקערט? איז אָבער די צרה אַפילו מיט אונדזערע די שולן וואָס האָבן צוזאַמען די אַלע געביטן פון לערנען, אַפילו די היוכשולן, אַפילו זיי טיילן איין די געביטן אויף קודש און חול. און זיי מאַכן אַ פולע „הבדלה״, המגיח את הכד ברשות הרבים איז קודש און דער וועג פון די גלגלים אין קאָסמאָס, צי די גאַנצע בריאה איז חול. פאַרוואָס דאַרף מען דאָס לערנען אַנ־דערש און יענע געביטן ווידער אַנדערש? איין געביט איז דער עמוד העגן און דער צווייטער — דער עמוד־האש און איינער טאָר זיך נישט אָנרירן אָן צווייטן. און די פירער פון די דאָזיקע כלומרשט־אינטעגראַלע שולן מאַכן אַ מחיצה און זיי נעמען אַריין גאָר דאָס וואָס זיי האַלטן פאַר יידיש אין אַ באַ־זונדערער געטאָ־ראַם, און גאָר די וועלט לאָזן זיי לגמרי אויסער דער יידיש־קייט. אַנשטאָט זיי זאָלן די גאַנצע וועלט אַריינפירן אין יידישקייט. וועלן מיר דאָ נאָר סומירן די יסודישע עלעמענטן פון תלמודישן לערנען:

1. די דערציִערישע צילן מחוץ די אַלגעמיין־נאַציאָנאַלע פאַרן קיום פון דער „תורה־היים״ זענען צו אַנטוויקלען די סברא און די מאַראַל (די פרוכט, לויט רבי יהודה הלוי);

2. פּראָגראַם נישט וויכטיק. דער עיקר צו מאַכן פון תלמיד אַ פאַרזיך־לערנער. קיין גראַדויִרונג, קיין ענדיקן לערנען בישטאָ;

3. יום־טובים און פרייד מיט לערנען, שימחת־תורה לערנען איז אַ זכות אין אַ פרייד.

4. באַמיִען זיך אַריינצופירן דעם לימוד און דאָס לערנען אין דעם אונ־טערבאַוווסטזיין פון דעם לערנער, אין די עמאָציעס, שאַפן דראַנגען אין לער־נען און אַרויסרופן די אינטויִציע;

5. נישט באַנוגענען זיך מיט די „פסקי הלכות״, נייערט אַריינפירן די תלמידים אין דעם עצם פּראָצעס פון זוכן דאָס וויסן, פון שאַפן און פירן צו די אויספירן, מאַכן דעם תלמיד פאַר אַ שותף און אויך פאַר אַ בעל־פלוגתא.

מיר זענען ווי אַריינגעשפּרונגען פון די אַלטע שטעטלעך אין דער גרויִ־סער אורבאַנישער וועלט. נישט שייך צו דיסקוטירן די פראַגע צי עס איז גוט צי נישט. עס איז אַ פאַקט וואָס מיר קענען נישט און וועלן נישט ענדערן. וואָלטן מיר געהאַט יידישע דערפער מיט אַ דאָרפיש לעבן, מיט דאָרפישע מענטשן, וואָלטן מיר אפשר געהאַט אין די נייע ישובים אַ טראַדיציאָנעל־עם־

אַרצישן שיכט, אַ שיכט וואָס איז יידיש מחמת די טראַדיציעס אין לעבן און אַפילו אָן ספּעציפיש יידישע לימודים און שולן וואַקסן יידן, סיי ווי יידן, יידן אָן געלערנטער תורה, אָבער יידן לויטן שטייגער אַליין. ווען עס וואָלט געוועזן אַזוי, וואָלט אָט־דער עם־אַרצישער שיכט פאַרזיכערט דעם קיום פון יידישן פאָלק. עס ליגט מיר תמיד אין זינען דער מאמר חז״ל: „הזהרו מבני עמי הארץ, שמהם תצא תורה״. אָבער דאָס איז ניטאָ און מען קען אויף דעם נישט וואַרטן. דער אורבאַניזם האָט זיך אַריינגעריסן אויך אין די עטלעכע דערפער וואָס עס זענען נאָך געבליבן אין פאַרשייד׳נע לענדער. עס איז נישט דאָ דאָס אָרט צו דיסקוטירן די פראַגע צי דער גרויסער עקספּערימענט אין אַרגענטינע איז יאָ געלונגען אָדער נישט, און אויב נישט, טאָ אין וואָס ליגט די סיבה. מיר וועלן אויך נישט פאַרנעמען זיך מיט דער פּראָבלעם צי די יידישע קאָלאָניעס דאָרטן האָבן געלייגט אַ גוטן שטעמפּל אויף דעם ישוב. אויב אַפילו יאָ, קען מען דאָך פון דעם נישט לערנען קיין הלכה אויף ווייטער.

דער פאַקט איז: מיר זענען אורבאַניזירט, מיר לעבן אין שטעט. אַרום און אַרום איז אַ פרעמדע וועלט, וואָס רייסט זיך אַריין אויך אין די היימען, אין פאַרוויילונג נאָך דער אַרבעט, אין דער אַרבעט גופא, אין גאַנצן לעבן. מאַכן זיך אַ צאַם, אַ „סיג״ (קמץ יוד) אָפּצוטיילן זיך פון דער פרעמדער וועלט קענען בלויז יחידים מיט גאָר אַ שטאַרקער פרומקייט. איך האָב דרך־ארץ פאַר זיי; איך קען זיין באַגייסטערט פון די יידן וואָס בויען, אָדער וואָס האָבן אויפ־געבויט אַ „בני־סקווער״. הלוואי וואָלטן געווען אַ סך אַזוינע. אָבער איך אַליין וואָלט נישט געקאָנט גיין מיט זיי. און מיינע יידן — די נאַציאָנאַל־וועלטלעכע גייען נישט בויען קיין „ניי־ווילנע״. דאָס העכסטע וואָס זיי קענען, איז האַלטן זיך ביי אַ נוסח ווילנע, וואָס נוצט בלויז אויף פאַרוויילונגען און אויף זיכרונות.

בלייבט די גאַנצע יידישקייט אָפּהענגיק פון די שולן, פון דער אָרגאַני־זירטער יידישקייט־דערציונג. איז אָבער דאָ אַזאַ ווירוואַר און צעמישונג, אַ גאַנצער דור הפלגה, אַז ולא ישמעו איש את שפת רעהו. אויף איין זאַך זענען, דאַכט זיך, אַלע מסכים: די גאַנצע נייטיקע דערציונג צעטיילט זיך אויף יידישע געביטן און אויף אַלגעמיינע געביטן. און די אַלגעמיינע זענען אַ וועלט פאַר זיך. זיי האָבן נישט קיין שייכות צו יידישקייט. דאָס זענען די לימודים וואָס מען לערנט אין אַלע שולן, וואָס זענען אָבליגאַטאָריש פאַר אַלע יוגנטלעכע. אָט די לימודים זענען אָבליגאַטאָריש פאַר אַלע יידישע קינדער אויך, עס פאָ־דערט די רעגירונג, עס פאָדערן די אינטערעסן פון דער יידישער יוגנט, אויף וויפל זי וויל דורך דער שול באַזאָרגן זיך מיט אַ קאַריערע. און אין דער היינ־טיקער אורבאַנישער תקופה טאָר מען דעם ענין פון דער קאַריערע נישט גרינג־שעצן. בכן, קומט שוין במילא אויס, אַז די „יידישע״ לימודים זענען ווי אַ

צוגאָב צו די אַלגעמיינע לימודים. זיי זענען נישט אָבליגאַטאָריש, די רעגירונג פאָדערט זיי נישט. אַ גרויסע טייל פון די יידישע עלטערן גלייבן צו קענען באַפרייען זייערע קינדער פון דעם „צוגאָב־לאַסט". די מערסטע יידן אין די נייע ישובים, אין דער מערהייט לענדער גלייבן, אַז מיר יידן קענען און דאַרפן זיך בנוגע צו די אַלגעמיינע לימודים פאַרלאָזן אויף די רעגירונגען. עס איז זייער חוב און זיי האָבן שוין די „ריכטיקע" וועגן ווי זיי צו געבן דער יוגנט. איך דערמאָן זיך ווי אַ גוטער ייִד, אַ נאַציאָנאַלער קולטור־טוער, בראש פון אַ ריכטונג אין ייִדישער דערציִונג, האָט מיט מיר דיסקוטירט — צו וואָס דאַרפט איר האָבן באַזונדער אין אַ ייִדישן לערער־סעמינאַר אַ קורס פון פסי־כאָלאָגיע? צו וואָס? די תלמידות קענען עס „נעמען" אין אַלגעמיינע נישט־ייִדישע קורסן... האָט דער דאָזיקער גוטער ייִד נישט פאַרשטאַנען און נישט געקאָנט פאַרשטיין, אַז פסיכאָלאָגיע פאַר ייִדישע לערער האָט גאָר אַנדערע פּראָבלעמען און אַנדערע ענינים. און די פסיכאָלאָגיע פון די קינדער פון דעם הייפטפאָלק אין לאַנד איז גאָר עטוואָס אַנדערש, ווי די פסיכיק וואָס מיט איר וועט דעם ייִדישן לערער אויסקומען צו טרעפן... נאָך ערגער, נאָך שווערער וועט עס זיין בנוגע צו פיזיק, למשל, צו ביאָלאָגיע וכדומה.

און טאַקע, וואָס פאַר אַ שייכות האָט כעמיע צו ייִדישקייט?

קומען דאָ אַרויס אַלע נייע און נייערע ייִדישע פּראָבלעמען.

ערשטנס, צי קען מען מיטן בלויז לערנען אָן שטייגער דערציִען? צי איז גענוג צו לערנען אַ ייִדיש לשון (אָדער ביידע), כדי אויסצוהאָדעווען געטרייע ייִדן?

און צווייטנס, און אַלע ייִדישע צוגאָב־לימודים, ווי: געשיכטע, תנ"ך, לי־טעראַטור — צי קענען זיי אַלע באַזאָרגן ייִדישקייט אין לעבן? ייִדישע אַק־טיווקייט אויף דעם גאַנצן לעבן? צי בכלל איז גענוג צו לערנען און צו וויסן פון ייִדישקייט, כדי צו זיין אַ ייִד?

און ווייטער, ווי קענען די קינדער אויפנעמען זייער ייִדישקייט וואָס איז בלויז אַ צוגאָב צו דעם אָבליגאַטאָרישן אינהאַלטן פון שול? איז טאַקע גענוג אָט אַזאַ צוגאָב־ייִדישקייט? צי קען אַזאַ צוגאָב־וויסן, וואָס די קאַריער דאַרף עס נישט, וואָס אויך פאַר דעם גרויסן טייל עלטערן איז עס נאָר „לנוי" אָבער נישט „לתשמיש", ווי באַציִען זיך די קינדער און זייערע עלטערן צו די לימו־דים וואָס נעמען צו ביי די קינדער זייער צייט פון שפּיל (וואָס איז אַזוי פאַר־הייליקט ממש אין אַמעריקע? וואָס פאַר אַ באַציִונג קענען די קינדער האָבן צו דעם „איבעריקן יאָך", וואָס מען לייגט אויף זיי אַרויף, מחמת זייער ייִדיש־קייט? מיר איז נישט באַקאַנט קיין איין פאָרשונג אויף די געביטן.

פאַראַן ייִדישע שולן וואָס גייען נאָך ווייטער. זיי זענען אינקאָרפּאָרירט ביי דער רעגירונג פון לאַנד ווי אַלע רעגירונגס־שולן. אַלע לערער פון אַלע אַלגעמיינע לימודים זענען נישט קיין ייִדן. די שולן האָבן אַפילו אַ באַזונדערן דירעקטאָר, וואָס ער און נאָר ער איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער רעגירונג פאַר אַלע אַלגעמיינע לימודים, באַזונדערע אינספּעקטאָרן צו רעווידירן די אָבליגאַטאָרישע פּראָגראַם. און אַ חוץ דעם טוט די רעגירונג אַ טובה און דערלויבט צו לערנען מחוץ דער פּראָגראַם אויך עטוואָס ייִדישעס, וואָס איז נישט אָבליגאַטאָריש. זענען די שולן זייער אַ טייערער ביסן — אויסהאַלטן די געבײדעס, די קלאַסן און די לאַבאָראַטאָריעס און די לערער, וואָס זענען סינדיקאַליזירט און זיי וויסן, אַז ביי די ייִדן מעג מען רייסן אַ פּאַס, ווייל „זייער גאַנץ געלט האָבן זיי דאָך אָנגעזאַמלט פון אונדז"... און וואָס זענען די ייִדישע רעזולטאַטן פון אַט־די שולן? צי קענען זיי באַפרידיקן? און ייִדן רעדן זיך איין אַז דאָס זענען ייִדישע שולן... אַזוי אַרום זענען די ייִדישעלימודים אויך אין די אַזוי־גערופענע אינטעגראַלע שולן ווידער אַמאָל צוגאָב־לימודים. זיי קאָסטן נאָר טייערער. פאַרשטייט זיך, זיי האָבן אויך אַ מעלה: אַלע קינדער וואָס קומען אין שול אַריין, בלייבן אין איר על־פּי־רוב אַ גרעסערע צאָל יאָרן ביז זיי ענדיקן. עס איז נישטאָ די טראַגעדיע פון אָנהייבן מיט הונדערט קינדער און ענדיקן מיט צען. דאָס עצם פאַרברענגען אַ גרעסערע צאָל יאָרן אין אַ שול וואָס טראָגט אַ ייִדישן נאָמען, ווו עס איז פאַראַן אַ ייִדישע סביבה, ווו מען פּראַוועט ייִדישע יום־טובים (וואָס די היימען האָבן אַרויסגעוואָרפן אָדער כמעט ווי אַרויסגעוואָרפן) — דאָס אַלץ לאָזט גאַנץ אָפּט פּיינע שפּורן אין דער נשמה און טאָקע אויף לאַנג. אָבער קיין אַקטיווע ייִדן, מיט טיפע ייִדישע אינטערעסן, מיט ייִדיש וויסן און מיט אַ גרייטקייט און פעיִקייט צו דינען דער ייִדישער געזעלשאַפטלעכקייט — אויף דעם איז גאַנץ שווער צו האָפן.

* *
*

די מזל ברכה וואָלט געווען גאָר אַן אַנדערע, ווען ייִדן וואָלטן ביים אָרגאַניזירן די דערציִונג פון זייערע קינדער געדענקט טיפער און ערנסטער.

יאָ ייִדישע שולן, אַלע לימודים זענען ייִדישע, נישטאָ קיין באַזונדערע אַלגעמיינע לימודים. און ייִדיש זענען די לימודים נישט בלויז מיט זייער שפּראַך וואָס דאַרף זיין אומבאַדינגט אַ ייִדישע, נאָר — נאָך מער — מיט זייערע מעטאָדן. איך מיין בפירוש אָנצווענדן פאַר אַזוינע לימודים ווי פיזיק, מאַטעמאַטיק, געשיכטע און ביאָלאָגיע מעטאָדן פון אונדזערע ישיבות. דאָס איז מעגלעך. דאָס וואָלט נישט אין פאַרגלייך מער אַנטוויקלט דאָס דענקען פון

די קינדער און זיי נישט אין פאַרגלייך טיפער אַריינגעצויגן אין די פאַרש־געביטן פון די דיסציפּלינען. עס פאַרשטייט זיך, אַז אויך די לערער פאַר אַלע געביטן וואָלטן אַנדערש געדאַרפט צוגעגרייט ווערן. אָבער דאָס איז גאָרנישט אַזוי שווער צו דערגרייכן. צום באַדויערן איז נאָך דער פּעדאַגאָגישער גע־דאַנק אונדזערער נישט דערגאַנגען צו דעם. פאַרשטייען עס נישט אַפילו די וואָס רעדן וועגן „תורהדיקער דערציִונג״.

וועלן מיר דאָ פּרווון געבן אַ מוסטער פון תלמודישן לערנען אויף אַנ־דערע געביטן:

אמר אַריסטו — האָט אַריסטאָטעל געלערנט, — אַז קערפּערס פאַלן אַזוי און אַזוי. איז געקומען שפּעטער גאַלילי און געלערנט אַנדערש... דאַרף מען זען ווער עס איז גערעכט. (האָט בשעתו גאַלילי נאָך אָנגעשריבן אַ גאַנצן טראַקטאַט אין דער פאָרעם פון אַ דיאַלאָג, צו דיסקוטירן מיט אַריסטאָטעלן). האָט אַריסטו ווידער געלערנט, אַז די נאַטור האָט פיינט פּוסטקייט און עס איז געקומען טאָריטשעלי און האָט געפּסקנט אויפן סמך פון עקספּערימענטן גאָר אַנדערש, והלכה כטאָריטשעלי... איז דאָך די גאַנצע געשיכטע פון דער ווי־סנשאַפט פול מיט אַזעלכע דראַמאַטישע פלוגתות, וואָס זענען דערגאַנגען אַפילו ביז מסירת נפש ממש. וויפל דראַמע עס איז געווען אין לעבן און אין טויט פון אַ לאַוואַזיע מיט זיין פעסטשטעלן דעם מהות פון ברענען קעגן דער פריִער־דיקער טעאָריע פון פלאָגיסטאָן; און ווי לאַנג איז נאָך אָנגעגאַנגען אַ וויכוח צווישן כעמיקער וועגן עקזיסטענץ פון אַטאָמען! און וויפל מסירת־נפשדיקע אַרבעט עס איז געווען ביי אַ פּאַסטיערן אין זיין דראַמאַטישער דיסקוסיע וועגן אייפּקום פון מיקראָבן! און די פּראָבלעם וועגן אַרטן און מינים אין דער נאַ־טור פון אַריסטאָטעלן, פון ליניי, קיוויע, לאַמאַרק, דאַרווין...

מיט איין וואָרט: אין יעדן וויסנשאַפטלעכן געזעץ, אין יעדער פעסטשטע־לונג איז פאַראַן אַזוי פיל מענטשלעכע געשיכטע, מענטשלעכע מחשבה און גייסטיקע עמאָציעס, — מער ווי אין אַלע מילחמות און פּאָליטיקעריען. אָבער דאָס לערנט מען נישט. קומט צו גיין דער לערער און דיקטירט, אָדער ער שרייבט אויפן טאָוול אַ פאָרמולירטן געזעץ, וואָס איז שוין אויסגעליידיקט פון דער גאַנצער מענטשלעכער מחשבה און הומאַנישער שטרעבונג צו די אמתן אין דער וועלט. איז אין דעם גאַנצן לערנען פון אַלע פאָרמולעס אַרויסגענומען די נשמה. בלייבט דאָס גאַנצע וויסן וואָס מען לערנט אָן נשמה, טויט וויסן איז דאָס. ווייסן אַלע יונגע סטודענטן אַז די אַטמאָספער האָט אַ דרוק. אָבער זיי האָבן נישט קיין אָנונג, זיי האָבן קיין מאָל נישט געטראַכט קיין האַלבע מינוט אַפילו ווי אַזוי די לופט פון דרויסן דרינגט אַריין צו זיי אין די לונגען, ווי אַזוי אַ לעפל זופּ „גייט אַליין״ אַריין צו זיי אין מויל. אָדער... אַט שטייט אַ פערד

מיט אַ לאַנגן האַלדז און טרינקט וואַסער, און ווי אַזוי הייבט זיך דאָס וואַסער אויף ביי אים פון דער ערד אין זיין מאָגן אַריין, וואָס איז דאָך אַ סך העכער פון דער ערד. ווייס יעדער תלמיד וועגן די געזעצן פון צענטראַפוגאַלער קראַפט, נאָר פרעגט אים פאַרוואָס ווערט אַ גריבל אין אַ גלאָז טיי, ווען מען מישט עס מיט אַ לעפל?

גאָר אַן אַנדער לעבעדיקן אינטערעס וואָלט געהאַט דאָס לערנען, ווען מען וואָלט עס אַלץ געלערנט ווי אַ סוגיא, און מען וואָלט אָנגעהויבן פאַרקערט און מען וואָלט געלאָזט די פאָרמולירטע געזעצן גאָר אויף צום סוף.

און אַזוי אויף אַלע געביטן. זאָל דער לערער נישט קומען מיט אַ פאַר־טיקער פאָרמול וועגן פראָגרעסיעס, זאָל ער שטעלן אַ פראָבלעם ווי אויסצו־רעכענען וויפל ליכט מען דאַרף האָבן אויף גאַנץ חנוכה; וויפל מאָל עס קלינגט דער זייגער אין אַ מעת־לעת, וכדומה.

אין אַלגעמיין — וואָלט דאָס תלמודישע לערנען געקאָנט זייער גוט אָנ־געווענדט ווערן אויף אַלע אַלגעמיינע געביטן, לויט די כללים:

1. אַריינפירן די תלמידים פון די יינגסטע יאָרן אַן אין פאַרשן, זוכן דעם אמת, דעם ענטפער דורך מעטאָדן פון פאָרשן.

2. באַקענען די תלמידים מיט היסטאָרישע פראָצעסן פון זוכן דעם ווי־סנשאַפטלעכן ענטפער. ווי ווייט מעגלעך אַריינצוציִען זיי אין די וויכוחים.

3. יעדע פאָרשונג הייבט זיך אָן פון קאָנקרעטע פראַגן, „המניח את הכד" — אַ פראַגע וועגן עפּעס אַ נאַר, וואָס נעמט אַ ליימענעם קרוג און לייגט אים נישט אַנדערש אַוועק ווי אין אַ רשות הרבים, אין מיטן גאַס. און אַז איך צינד אָן אַ ליכט, פאַרוואָס גייט דער פלאַם אַלע מאָל אַרויף? די פראַגע איז נישט וויכטיק, צי אפשר איז טאַקע נאַריש דער גאַנצער שור שנגח, אָבער עס איז אַן אַריינפירן צו אַ פאָרשונג און „לחידוד" איז וויכטיק און ריכטיק. איז אַזאַ סיסטעם העכער און בעסער, און פעדאַגאָגישער פון הערבאַרטס.

איך גלייב בפירוש, אַז לערנען פיזיק צי מאַטעמאַטיק, צי ביאָלאָגיע אָדער יעדער אַנדערן אַלגעמיינעם געביט מיט דער שקלא וטריא, מיט די מיינונגען פאַר און קעגן, פאַר דער אידעע און פאַר אַ צווייטער מיינונג, מיט די פלוגתות און דיסקוסיעס, מיט דעם גאַנצן געשיכטלעכן גאַנג ביז עס זענען געקומען די פעסטגעשטעלטע געזעצן, גלייב איך אַז אַזאַ מין לערנען, וואָס מיר האָבן פריִער אָנגערופן „תלמודישע מעטאָדן", וואָלט מער געבראַכט נוצן יעדער לערנער און דעם פאָלקישן כלל און אפשר אויך דער גאַנצער מענטשהייט. איך גלייב אַז די תלמודישע מעטאָדן זענען וויכטיקער פון אַ סך תלמודישע סוגיות. זיי נעמען צו אַ סך צייט אויף פראָבלעמען של מה בכך און אַנשטאָט זיי וואָלט

מען געקאָנט די זעלביקע צייט אָדער אַ טייל פון דער צייט פאַרנוצן אויף דברים העומדים ברומו של עולם פון אונדזער הייַנטיקער אורבאַנישער תקופה. דור דור ודורשיו און תקופה־תקופה ודרכיה אין לערנען.

געזען אַמאָל ביי ביאַליקן אין זיינע „דברים שבעל פה", אַז עס זענען ביי יידן געווען אמאָל מסיכתות אויך וועגן באָטאַניק, זאָאָלאָגיע און אַנדערע וויסנ־שאַפטן. איך ווייס נישט אויף וואָס ער איז זיך סומך, אָבער מיר פאַרמאָגן היינט נישט עטוואָס פון דעם מין. וואָלטן די תלמודישע מעטאָדן פון לערנען צוריק אונדז אומגעקערט די אבידה. דער עצם פראָצעס פון כסדרדיקן פאָרשן און זוכן וואָלט אַ סך מער אַנטוויקלט די וויסנשאַפטלעכע פאָרשערישע אינ־טערעסן און דעם „והגית בם".

די מעטאָדן זענען וויכטיקער ווי דער אינהאַלט. פאַראַן יידישע דענקער וואָס מיינען, אַז דער הויפּט־דעפעקט פון אונדזערע שולן איז אין דעם וואָס מיר לערנען נישט די אַלגעמיינע לימודים אין יידיש. ווען מען זיי יאָ לערנען אין יידיש, וועלן שוין דערמיט אַליין אויסגעמיטן ווערן אַלע אומדערפאָלגן פון דער יידישער דערציִונג.

אין דער אמתן איז עס מער נישט ווי אַן אילוזיע. מיר האָבן ליב צו נע־מען איין טייל און עס האַלטן פאַר דעם גאַנצן. עס וואָלט אַ סך צוגעגעבן דער יידישקייט, דעם יידישן לשון, ווען אַט דאָס לשון וואָלט אָנגעקליידט אַלע גע־ביטן פון לערנען. קיין שום ספק נישט, אָבער די יידישקייט פון דעם לערנען וואָלט עס דאָך נישט פאַרזיכערט. מיר האָבן יאָ געלערנט אין רוסלאַנד, אין פּוילן און אין ליטע די אַלגעמיינע לימודים אין יידיש, — און דאָך האָבן יונגע יידן, וואָס האָבן דורכגעמאַכט אַזאַ גאַנצן מיטלשול־קורס אין יידיש, ווען זיי זענען מגולגל געוואָרן אין די פרייע לענדער פון מערב־אייראָפּע, אין אַמע־ריקע, דאָך נישט איינגעהיט זייער צוגעבונדנקייט צו יידישקייט. עס זענען אויך באַקאַנט גאָר אַ סך פאַקטן פון דער יידישער יוגנט אין מדינת ישראל וואָס פאַרוואָרפן זייער יידישקייט ביי דער ערשטער מעגלעכקייט, און נאָך פאַר דער מעגלעכקייט גאַרן זיי עס אָוועקצוּוואַרפן.

דאָס פירט אונדז צו נאָך אַ געדאַנק: יידישקייט קען אויסהאַלטן די קאָנ־קורענץ פון די אַרומיקע, הערשנדיקע קולטורן נאָר ווען זי איז פאַרהייליקט ווי אַ מין רעליגיע, און אַ ייד דאַרף זיין אַ חסיד פון זיין יידישקייט. „בכל לבבך". מיר קענען אויך דאָ זיך אָפּלערנען פון די חכמי התלמוד, ווי זיי האָבן פאַרהייליקט זייער יידישקייט, זייערע אידעען און זייערע לערנונגען. איך גלייב נישט אין די גרויסע פעולות וואָס עס וועט אין דער מדינה אויפטאָן דער לימוד פון „תודעה יהודית". פאַר דער באַהעפטונג פון דער יוגנט צו זייער פאָלק זע־בען נייטיק עמאָציעס, נישט קיין וויסן. די עמאָציעס קען מען קריגן איבער־

הויפּט דורך געוווינהייטן און דורך שטאַרקער ליבע און געטרייקייט, וואָס עס רופט אַרויס דער לערער, די שול און די היים. (אַלץ די תלמידים נישט וויסן צו ענטפערן אויף די עקזאַמענס אויף אַלע געשטעלטע פראַגן, — נישט פון זיי זענען אָפּהענגיק די עמאָציעס. די וועלטלעכע יידן, די שולן דאַרפן, זיי מוזן זייערע אינהאַלטן, די ליטעראַטור, די פייערונגען אויף פאַרוואַנדלען אין הייליקייטן. קיין גענויערע פּראָגראַמען גיבן מיר דאָ נישט, מיר ווילן נאָר אונטערשטרייכן ווי ווייט מיר קענען זיך לערנען פון דער תלמודישער פּעדאַגאָגיק אויך היינט.

בתכלית הקיצור וועלן מיר זאָגן: נישט לימוד נאָר תלמוד, נישט תורה נאָר תלמוד תורה; און אַריינגעמען אַלע געביטן און אַלע דיסציפּלינעס פון מענטשלעכן שאַפן אין איין אחד, לויט איין פּעדאַגאָגישן גאַנג און סיסטעם... ווי ווייט מיר זענען נאָך פון דעם!!

אייגנטלעך וואָלט פאַר אַן אמת־רעליגיעזן יידן נישט געדאַרפט זיין קיין פאַרטיילונג אויף לימודי קודש און לימודי חול. אַלע לימודים פאַרנעמען זיך מיט גאָטס וועלט, מיט די מעשי הקדוש ברוך הוא ויצירותיו, און פונקט ווי עס איז אַ מצווה צו רעכענען די צייט, אַזוי איז אויך אַ מצווה צו לערנען צו פאַרשטיין גאָטס וועלט בכלל. דער תנ״ך באַוווּנדערט אַזוי אָפט די גרויסקייט פון גאָטס באַשאַף, טאָ פאַרוואָס איז דאָס לערנען וועגן די אַלע זאַכן גאָר מיטאַמאָל לימודי חול? פאַרוואָס זענען די אגדות פון רבה בר בר חנא יאָ קודש און די גאַנצע געאָגראַפיע און קאָסמאָגראַפיע זענען נישט קודש? פאַרוואָס איז די סוגיא וועגן אַ צעדרייטן וואָס נעמט אַ ליימענעם קרוג און לייגט אים אַוועק אין מיטן גאָס, און האָט נאָך דעם טענות ווען עמיצער האָט גייענדיק אים צעבראָכן, פאַרוואָס איז דאָס קודש און די סוגיא ווי די גלגלים באַוועגן זיך אין קאָסמאָס איז נישט קודש? פאַרוואָס איז די מעשה מיט יהודה און תמר און נאָך אַזוינע אַ סך יאָ קודש און די געשיכטע פון יידישן פאָלק בכלל איז גאָר חול? פאַרוואָס די קינות לתשעה באב, וואָס זענען על פי רוב נאָר ווערטער יאָ קודש און דאָס „געזאַנג פון מיין אויסגעהרגט פאָלק״ פון קדוש יצחק קאַצענעלסאָן איז גאָר חול? און אַזוינע „פאַרוואָסן״ וואָלט מען דאָך געקענט אָנרעכענען אָן אַ צאָל. און אַ באמת רעליגיעזער מענטש וואָלט דאָך געדאַרפט אָן אַלץ זען „המחדש בכל יום מעשה בראשית״, וואָס מען דאַרף אויף דעם אַ ברכה מאַכן. וואָלט דאָך געדאַרפט זיין פאַר אַ רעליגיעזן מענטשן אַ מצווה דאָס אַלץ צו לערנען און צו וועלן באַנעמען, אַריינדרינגען אין די נפלאות הבורא. וואָלט דאָך די גאַנצע פאַרטיילונג אויף לימודי חודש און לימודי חול נישט געדאַרפט זיין.

איז לדידם — לויט די וואָס האַלטן אַז קדושה, הייליקייט קומט פון הימל. גאָט האָט באַשטימט אַז דאָס איז יאָ הייליק און דאָס נישט; די שטיקל ערד איז הייליק, אויף דעם שטיין איז געזעסן גאָטס מאַמע, — לויט זיי פאַרשטיי איך: גאָט האָט געהייסן אָט־די זאַכן זאָלן זיין הייליק, די און נישט מער. אָבער ביי יידן איז דאָך קדושה נישט פון הימל, הייליק מאַכן דאָך די יידן די זאַכן און די שריפטן. טאָ פאַרוואָס זענען די אַזוי גערופענע לימודי חול נישט פאַר־הייליקט? קודש און ח״ל — הייליק אָדער וואָכעדיק — דאָס ווענדט זיך אָן דעם געפיל פון מענטשן, וואָס זיי לייגן אַריין אין דעם. קען מען לערנען די הייליקסטע תורה און מאַכן פון דעם גאָר וואָכעדיקס און מען קען לערנען די וואָכעדיקסטע זאַכן באַגלייט מיט אַ רעליגיעזן געפיל און עס זאָל זיין זייער הייליק. וואָלטן טאַקע יידן געדאַרפט אַלץ לערנען בקדושה, מיט אַ געפיל פון קדושה, מיט אַ באַציִונג פון קדושה.

אמת איז אַז די גאַנצע היינטיקע דערציִונג אין דער וועלט איז נאָר וואָ־כעדיק, אַז די גאַנצע פּעדאַגאָגיק איז ראַציאָנעל, פּאָזיטיוויסטיש וואָכעדיק. מען לערנט גאָטס וועלט כדי צו קאָנען געשמאַקער אָן אָנבייסן, ווי עס לאַכט אָפּ יוחנן מלמד — די שטראַלן פון דער זון זאָלן פּוצן די שטיוול. דאָס איז דאָך אָבער נישט קיין חוב, וואָס זאָל מחייב זיין די יידן. זיי קענען דאָך די זעלביקע לימודים, די זעלביקע סוגיות לערנען לויט זייער גייסט. דאַרף מען זאָגן, אַז די גאַנצע פאַרטיילונג פון די לימודים אויף חול און קודש איז לגמרי נישט קיין אומבאַדינגטע זאַך, זי זאָגט נאָר עדות אויף אַ באַשטימטער אָרעמקייט פון פּעדאַגאָגישן געדאַנק. און זאָל מען מיר מוחל זיין — עס פעלט עפּעס אויך דעם רעליגיעזן געדאַנק. עס שמעקט נאָך מיט דער אַלטפרענקישער מורא, וואָס כלומרשט האָט די רעליגיע מורא פאַר דער וויסנשאַפט, אַז וויסנשאַפט רייסט כלומרשט אַרונטער די רעליגיע, און מען טאָר זיי נישט סערווירן צו־זאַמען... איז אונדזער אויספיר:

1. אמתע, ריינע וויסנשאַפטלעכקייט (נישט די אָנגעוווענדעטע) איז אייג־ציייטיק אויך רעליגיעז. זי שטרעבט צו דערגיין און צו פאַרשטייען די געט־לעכקייט אין דער וועלט, די סודות און יסודות היצירה. רעליגיע ווי אַן עמאָ־ציע קען און דאַרף באַגלייטן דאָס גאַנצע לערנען אויף אַלע געביטן. רעליגיע און וויסנשאַפט — עמאָציע און ראַציאָ, פאַרשטיין און פילן, קענען און דאַרפן גיין געקניפּט, באַהעפט צוזאַמען.

2. די שקלא וטריא פון דעם טראַדיציאָנעלן יידישן לערנען איז זייער בוציק דערציִעריש און מען דאַרף זי אָנווענדן אויך אויף אַלע געביטן פון דערציִערישן לערנען.

עס איז אַ סברא, אַז ביאַליק איז גערעכט און עס זענען געווען ביי ייִדן אויך מסיכתות וועגן וויסנשאַפטן, זיי זענען פאַרלאָרן געוואָרן, ווייל מען האָט זיך קאָנצענטרירט נאָר אויף הלכה, ווי עס איז געזאָגט געוואָרן, אַז נאָך דעם חורבן איז געבליבן ביי גאָט נאָר די ד׳ אמות פון הלכה (ברכות, ח׳, א׳). און זיי האָבן יאָ געקאָנט פאַרלאָזן אָדער פאַרגעסן די גאַנצע וועלט און בלייבן נאָר ביי דער הלכה. קען מען עס איצט נישט. און פּאַקטיש איז דאָך נישטאָ איצט קיין שום שול אָדער ישיבה מען זאָל דאָרטן נישט לערנען קיין אַלגע־מיינע לימודים. האָבן די רעליגיעזע ייִדישע קרייזן גאָר פּשוט נישט פאַר־שטאַנען זייער אויפגאַבע צו מאַכן די גאַנצע דערציִונג איין אחד און פאַר־שפרייטן די קדושה אויך אויף די אַלגעמיינע לימודים, הן בנוגע צו די צילן פון לערנען, נישט ווי אַ קרדום לחפור בו, נאָר כדי להכיר נפלאות הבורא. און אַזוי אויך לויט די מעטאָדן פון לערנען, ווי מיר האָבן דאָס פריִער זיך באַמיט צו באַווייזן.

צו אַזאַ רעליגיעזער דערציִונג וואָלטן מסכּים געווען אויך אַ סך טיפערע וועלטלעכע ייִדישע דענקער, די וואָס ביי זיי איז וועלטלעכקייט נישט קיין צולהכעיסדיקע חלב מיט צוועקעס. און אַזוי וואָלטן מיר אפשר געקאָנט גיכער קומען צו דעם גאַנצן ייִדישן „אחד״, צו דער אינטעגראַלער ייִדישקייט.

## אַרויספירן

וואָס איז דער אויספיר וואָס מיר דאַרפן מאַכן פון דער אַרבעט?

דער מחבר האָט זיך דאָ נישט געוואָלט אַרויסווייזן מיט זיין תורה, אָדער פילאָסאָפיע. נישט דאָס איז געווען זיין ציל. דער מחבר גלייבט אַז יעדע שאַ־פונג, יעדער עפנטלעכער אַרויסטריט האָט זיין ציל עפּעס אויפצוטאָן אין לעבן. אין דענקען פון די וואָס צו זיי איז די שאַפונג געווענדט. דער מחבר גלייבט נישט אין קונסט לשם קונסט, אין תורה לשם סתם תורה. אַלץ דאַרף זיין אַ „תורת חיים״ — געווענדט צום לעבן. קונסט — די העכסטע אַפילו — איז נישט פאַר זיך עפּעס, נאָר עס איז פאָרעם, צורה, געשטאַלט, לבוש, אויס־דרוק, אָבער פון וואָס? — פון אַן אידעע. די אידעע איז די נשמה און די קונסט איז דער גוף. אָן אַ גוף איז אַ נשמה — אַ שטומע ערטלאָזיקע, נאַקעטע, אומזעבאַר און אומפילבאַר, ווי דער גרעסטער מענטש, דער שענסטער גייסט וואָס איז נישט געבוירן געוואָרן. אָבער אויך דער שענסטער גוף וואָס האָט נישט קיין נשמה איז טויט, פאַרפוילט צו ווערן אָדער צו בלייבן פאַרשטיי־נערט, ווי אַ געץ. געצן קענען זיין נישט דווקא אין רעליגיעס. קונסט לשם

קונסט אַליין, די שענסטע פאָרמען אָן אינהאַלט איז אַ געץ. מיר ייִדן האָבן קיין מאָל נישט ליב געהאַט קיין געצן, מעגן זיי זיין די שענסטע.

בכן, וואָס האָט געוואָלט דער מחבר?

עס איז פאַר אים געשטאַנען אין משך פון לאַנגע יאָרן די אַנדערשקייט פון ייִדן, פון דער ייִדישער געשיכטע אין דער וועלט, אין דער אייביקייט. האָט ער אין משך פון די יאָרן זיך דערשלאָגן ביז צו דער אידעע וועגן „שטראָם פון ייִדישקייט". האָט ער דעם געדאַנק געפּרובירט אַרויסברענגען אין 1946 („די וועגן פון דער ייִדישער טראַדיציע" אין דעם דריטן באַנד פון די „געקליבענע שריפטן פון א. גאָלאָמב — אונדזער גאַנג דורך דער אייביקייט"). האָט ער זיך צו דעם אומגעקערט אין יאָר 1959, אין זיין בוך „אויף די וועגן פון קיום", דער עסיי אויף די וועגן פון נצח ישראל". אָבער עס דוכט זיך אים אַלץ אַז די אידעע איז ווייניק דערקלערט, ווייניק קלאָר געמאַכט, בעת פאַר אים איז זי אַ הייליקער אמת.

איז דער גרעסערער טייל פון זיין וויטערדיקן בוך „אונדזער גאַנג צווישן פעלקער", ווידער אָפּגעגעבן דער אויפקלערונג פון דעם „ייִדישקייט־שטראָם".

האָט דער מחבר איצט גענומען די וויכטיקסטע תקופה פון אונדזער געשיכטע און ער פּרובירט, לויט זיינע גייסטיקע כּוחות און גייסטיקן פאַרמעגן, זי אויפצוקלערן.

קען זיין אַז טיף אין האַרצן איז דער מחבר מקנא די וואָס פאַרמאָגן מער און וואָס זענען באַשאַנקען מיט מער קונסט אַרויסצוברענגען זייערע אידעען בעסער און שענער און קלאָרער.

אָבער קיינער איז נישט פּטור פון צו געבן דאָס וואָס ער קען און ווי ער קען... אויב נאָר ער גלייבט באמונה אין זיין אמת. און בפרט — אַ לערער.

פאַרוואָס האַלט עס דער מחבר פאַר אַזוי וויכטיק?

מיר שטייען אין סאַמע איבערבייט פון אַ תקופה. די קאַטאַסטראָפע האָט צוגעאיילט דעם סוף פון דער פריִערדיקער שטעטלשער תקופה, און די נייע תקופה — די אורבאַנישע — האָט זיך נאָך ווייט נישט איינגעשטעלט. און ווי יעדער איבערגאַנג פון תקופות טראָגט אין זיך סכנות פאַרן קיום פון פאָלק, טראָגט נאָך דער איבערגאַנג אַ סך מער: מיר האָבן נאָך קיינמאָל נישט געהאַט אַזאַ תקופה; דער פרעמדער גלאַנץ ציט צו גאָר שטאַרק, ווי אין דער צייט פון העלעניזם, ווי אין צייט נאָך דער עמאַנציפּאַציע אין אייראָפּע; אונדזער עגאָפּאָביע העלפט שטאַרק צו; די גאַנצע יסודות פון סאָציאַלן און עקאָנאָמישן לעבן זענען זייער ווייט פון דער אַמאָליקער אויטאָנאָמיע. שווער צו

זיין אַ ייִד, נאָך שווערער — אין דער אורבאַנישער תקופה. דאַרף מען לערנען דעם נאַטירלעכן גאַנג פון דעם ייִדישקייט־שטראָם, כדי צו קענען באַשטימען וואָס עס איז אָרגאַניש און וואָס עס איז אָנגעשמעקט פון דער פרעמד, וואָס עס איז געזונט און וואָס עס איז שעדלעך.

יעדע תקופה, האָבן מיר געלערנט, האָט עטלעכע פעריאָדן: אַלע הייבן זיי זיך אָן נאָרמאַל, אָרגאַניש, פון פאָלק גופא, פון דעם פאָלקס שטייגער, פון זיין פירונג און פון זיינע פאַרשטעלונגען, וואָס ער ווייס אַפילו נישט אַז עס איז „קולטור". דאָס איז די סטאַדיע פון פאָלקישקייט, עס איז וועלטלעך, שטייגעריש און דורכויס בעל־פה, פאָלקלאָר. פון דעם וואַקסט אַרויס די צווייטע מדרגה: עס ווערט אַ קולטור בכתב, נאַציאָנאַל, באַוווסטזיניק, ליב. און עס גייט נאָך העכער — עס ווערט קונסט, געדאַנק, עס ווערט פאַרהייליקט, נישט בלויז נאַציאָנאַל אין אַלע טיילן פון פאָלק, נאָר אויך לדורות, עס ווערט אַ טייל פון דער רעליגיע. דאָס איז דער „אַרויפשטראָם פון קולטור". עס גייט אָבער אויך אָן אַראָפּשטראָם — פון די שעפער צו דעם פאָלק צוריק, די פאַרשפּרייטונג פון קולטור, עס זאָלן די פּראָדוקטן, די שאַפונגען פון קולטור צוריק אַריין אין פאָלקס לעבן, אין זיין שטייגער. דאָס איז אַ פולער קרייז פון דער קולטור־צירקולאַציע אין נאָרמאַלן לעבן פון אַ פאָלק. אַזוי קענען זיך ציִען דורות נאָך דורות ביי אַ פאָלק. פאַרשטייט זיך: נישט אַלץ דאָס געשאַפענע קומט צוריק צום פאָלק, טיילן, פּראָדוקטן, שאַפונגען פון גרויסע מענטשן אין פאָלק דערגייען נישט צוריק אין פאָלקס לעבן אַריין, זיי קומען נישט אַריין אין דעם צירקולאַציע־קרייז פון דעם פאָלקס קולטור.

ווען עס זאָל קומען אַ פעריאָד, אַז די גאַנצע קולטור־שאַפונג פון דער אינטעליגענץ אין פאָלק זאָל נישט אַריינדרינגען צוריק אין פאָלקס לעבן און באַוווסטזיין, דעמאָלט פאַרענדיקט זיך די גאַנצע קולטור־תקופה.

ביי טעריטאָריעלע פעלקער איז דער סוף פון קולטור־צירקולאַציע אַלע מאָל באַגלייט געווען מיט דעם אומקום פון דער קולטור און על פי רוב אויך מיט דעם סוף פון פאָלק.

און דאָ ליגט דער אונטערשייד, די אַנדערשקייט פון אונדזער ייִדישן פאָלק, וואָס מיט דעם סוף פון איין קולטור־תקופה איז דאָס פאָלק נישט אונטערגעגאַנגען און עס האָט אַנטוויקלט אַ נייע, אַ צווייטע קולטור, וואָס האָט געירשנט די ערשטע, און עס האָט זי נישט פשוט איבערגענומען ווי זי איז געווען, נאָר זי אַריינגעקנאָטן אין זיין נייער קולטור. דער תלמוד איז אין גרונט אויס אַנדערש פונעם תנ"ך, די גאַנצע תלמודישער קולטור און וועלט־באַנעם איז אַן אַנדערע, און די ירושה פון דער פריִערדיקער — פון דער

תנ"ך־קולטור איז אַריינגעקנאָטן אין תלמוד ווי ציגל פון אַן אַלטער געביידע אַריינגעמויערט אין אַ נייעם בנין.

פון וואַנען איז געקומען די נייע קולטור? די תלמודישע? זי איז אַרויס־געוואַקסן נאָרמאַל, ווי אַלע קולטורן, פון דעם פאָלקישן נייעם און גאַנץ פרי־מיטיוון לעבן, בעת די תנ"כישע שאַפונגען זענען געשטאַנען נישט אין פאַר־גלייך העכער אין אַלע הינזיכטן — לויט דעם געדאַנק, לויט דער פאָרעם, אָבער שוין אָפּגעריסן פון פאָלקס לעבן.

האָבן געקאָנט זיין צוויי וועגן: אָדער אַריינקנעטן און אַריינבויען עלע־מענטן פון תנ"ך אין דער נייער קולטור, אָדער אָפּהיטן דעם תנ"ך אין זיין גאַנצקייט און ריינקייט, אָבער ווי אַ זאַך וואָס פּאַסט זיך נישט אַריין אין אַק־טועלן לעבן, ווי אַ טייערער אוצר אין אַרכיוו אַריין, ווי טייערע, הייליקע אַרכיאָלאָגיע. אויף אָט דעם צווייטן וועג זענען אַוועק די צדוקים, און מער ווי איין קולטור־תקופה האָבן זיי נישט אויסגעהאַלטן. אפשר דאַרף מען צושרייבן אויך דעם אונטערגאַנג פון די עשרת השבטים צו דער סיבה? עס איז ווי די נאָרמע איז ביי אַלע פעלקער — נאָר איין קולטור־תקופה און מער נישט.

די נייע תקופה אין יידישקייט האָבן געשאַפן נאָר די סופרים (נאָך אין בבל), די פרושים און זייערע נאָכפאָלגער — די בעלי התלמוד. און אַזוי איז אַוועק, זיך אַנטוויקלט די צווייטע קולטור־תקופה אין יידישקייט. די תלמודיש־שטעטלשע. דאָס איז די לענגסטע, די רייכסטע, די קאָמפּליצירסטע און פרוכ־באַרסטע תקופה מיט אירע סוב־תקופות, ווי מיר האָבן דאָס באַהאַנדלט לויט אונדזערע מעגלעכקייטן. די ערשטע תקופה — די תנכישע — האָט אונדז געמאַכט אַ פאָלק ווי אַלע פעלקער; די צווייטע — די תלמודישע — האָט אונדז געמאַכט אַן אויסנאַם־פאָלק אַנדערש פון אַלע אַנדערע פעלקער. און אָט די אַנדערשקייט האָט דער מחבר זיך באַמיט אַרויסצווייזן אין זיינע אַרבעטן.

(כדי קלאָרער צו מאַכן דעם ספּעציפישן גאַנג פון דער יידישער געשיכטע איז דאָ בייגעלייגט אַ פאַראייפאַכטע גראַפישע סכעמע פון אונדזער געשיכטע).

# גראַפֿישע סכעמע פֿון דער ייִדישער געשיכטע



און איצט שטייען מיר ביים אָנהייב פון גאָר אַ נייער תקופה. גאָר אַנדערע באַדינגונגען, גאָר אַנדערע פאַקטאָרן, אַנדערע השפעות ווירקן. מיר קענען נישט וויסן פאָרויס ווי די געשיכטע וועט אַוועקגיין, אָבער מיר קענען און מיר דאַרפן וויסן ווי מיר ווילן זי זאָל אַוועקגיין. איך זע עטלעכע סכנות פאַר דער ווייטערדיקער געשיכטע פון יידישן פאָלק:

1. די עגאָפאָביע פון די יידן, זייער ביטול־באַציִונג צו אַלץ וואָס עס איז יידיש; דער עגאָפאָביע העלפן נאָך עטלעכע פאַקטאָרן: דער צוואַנג פון מלוכהבילדונג; די אינקאָרפּאָראַציע פון גרויסן צאָל יידן אין דער אַלגעמיינער ציוויליזאַציע ווי פון די רעגירונג און אויך פּריוואַטע אונטערנעמונגען; דאָס אויספעלן פון דער אַמאָליקער אויטאָנאָמיע. די אַלע פאַקטאָרן פאַרדרענגען, זענען מצמצם די יידישקייט אַפילו ווען עס איז פאַראַן אַ בפירושער ווילן צו יידישקייט. די עגאָפאָביע פירט צו די פאַרשיידענע

2. רעפאָרמען אין רעליגיעזן שטייגער. און ווי מאָדנע עס זאָל נישט אויסקומען איז אויך פאַראַן אַ סכנה פאַר דער אַנטוויקלונג פון יידישקייט אין דער נייער אורבאַנישער תקופה מצד דער

3. אָרטאָדאָקסיע. זי וויל נישט אָפּלאָזן קיין קוצו של יוד פון דעם שולחן ערוך. ער איז געווען פאַסיק אין דער פריערדיקער תקופה פון יידישער פאַרזיכיקייט. ער איז אָבער שוין גאָר נישט פאַסיק אין דער אורבאַנישער תקופה פון היינט. זייער עקשנות פירט צו דעם, אַז עס וועלן ווערן צוויי יידישקייטן. ביי אַנדערע פעלקער איז פאַראַן עפּעס אַזוינס: די גלחים און מאָנאַכן האָבן זיך זייערע געזעצן און פירונגען. און די פשוטע מענטשן וואָס געהערן נישט צום קלער, האָבן זייער שטייגער און זייער אויפפיר, וואָס איז דאָך אויך לעגאַל. צו עפּעס פון דעם מין פירט די אָרטאָדאָקסיע. די כלי־קודש וועלן זיך פירן לויט דעם אַלטן שולחן־ערוך. און די „עולמשע" יידן (די וואָס זענען נישט קיין כדי קודש) האָבן זייער גאָר ווייטן „שולחן ערוך" בנוגע צו שבת, צו דאַווענען וכדומה צו אַ סך זאַכן. שוין איצט האָבן די רבנים שלום געמאַכט מיט אַ סך שטרענגע עבירות, בכל־אופן שווייגן זיי וועגן דעם אַפילו אין זייערע דרשות ימים נוראים. אויף וויפל איך האָב אַריינגעקוקט אין זייערע הלכה־ספרים, מיידן זיי אויס לגמרי די אַקטועלע פּראָבלעמען פון יידישקייט און זיי זענען זיך מפלפל אין ענינים וואָס האָבן נישט קיין שייכות צום אַקטועלן לעבן.

דער אָרטאָדאָקסיע, דער בעסערער, דער אויפריכטיקער דראָט די „זעלביקע סכנה וואָס עס איז געשען מיט דעם ערשטן רבי ר' שלמהלע אין פרצעס „גאָלדענע קייט" — ער האָט נישט געקאָנט איינהאַלטן דעם שבת, אַפילו „מיט צוואַנגען". זיין אייגענער זון האָט רעוואָלטירט קעגן אים. אַזוי איז עס און

אַזוי מוז זיין מיט דער גאַנצער אָרטאָדאָקסיע היינט. אין ווילנע פלעגט מען זאָגן: „מיט אַ שפּענדל קען מען די ווליע נישט איינהאַלטן" — דער שטראָם פון לעבן איז שטאַרקער.

להיפוך צו דער גאַנצער יידישער געשיכטע זענען זיי מתּיר און זענען מסכּים צו דער שפּראַך־אַסימילאַציע, אַפילו אין ישיבות. הגם קדמונים האָבן זיך גאָר אַנדערש באַצויגן צו אַראַמיש אין שפּאַניע, ווו יידן האָבן נישט גע־רעדט קיין אַראַמיש. מיט דעם גאַנג אירן גייט די אָרטאָדאָקסיע אין די זעל־ביקע וועגן וואָס די אַסימילאַציע, נאָר שטאַרק איינגעהאַלטן, גאָר פּאַמעלעך... מען קען זאָגן אָפן און דרייסט, אַז די אָרטאָדאָקסיע היינט גייט אויף די וועגן פון די צדוקים אַמאָל: פּונקט ווי יענע האָבן בשעתם נישט געוואָלט אָפּטרעטן כחוט השערה פון דער תּורה שבכתב אין זייער צייט, אַזוי טוען עס איצט די אָרטאָדאָקסן, הגם זיי האַלטן זיך פאַר יורשים פון די פּרושים.

4. די פּערטע סכנה דראָט דעם יידישן קיום אויך מצד די וועלטלעכע יידן, וואָס לערנען דעם פּשט פון וועלטלעכקייט דיין נעגאַטיוו, זיי וואַרפן אָפּ אַלץ וואָס איז טראַדיציאָנעל יידיש, בעת דער אמתער זינען און די היסטאָרישע ראָל פון וועלטלעכקייט האָט געדאַרפט זיין:

א. באַמיִען זיך צו פאַרהייליקן (בקדושת העם) אַלץ פון פאָלקישן שטיי־גער, וואָס עס איז געבליבן פון דער איבערגעהאַקטער תּקופה, געפינען און איינשטעלן אַ המשך פון דער היינטיקער פאָלקישקייט מיט דעם וואָס עס איז געווען אין דער פריערדיקער תּקופה. דאָס איז ענלעך צו דעם וואָס די גמרא רופט עס אָן „מן התּורה מנין?".

ב. אָפּקלייבן פון אונדזער רייכער יידישער און העברעישער ליטע־ראַטור דאָס ווערטפולסטע (נישט מצד דער קונסט, נאָר מצד דער יידישער נשמה, וואָס אָטעמט דאָרטן) און דאָס דאַרף זיין די ספרים וואָס אויף דעם האָדעווועט זיך די יוגנט און וואָס עס דאַרפן לערנען אַלע יידן, קליינע און גרויסע.

דאָס איז די יידישע אמונה פון דעם מחבר און דערפאַר באַמיט ער זיך צו פאַרטיפן אין די פּראָבלעמען. דאָס האַלט דער מחבר פאַר דער וויכטיקסטער אויפגאַבע פון דעם שעפערישן יידישן געדאַנק. און ער וויל האָפן, פּונקט אַזוי ווי זיין באָבע ע"ה פלעגט זאָגן ביים זאַלצן פלייש: „רבונו־של־עולם! דאָס וואָס איך האָב נישט דערזאַלצן, זאָל קומען דער גוטער מלאך און באַזאַלצן"...

# ירמיהו הנביא, דער באַגרינדער פון גלות־יידישקייט

עס איז אָנגענומען צו האַלטן ירמיהון ווי דעם באַוויינער און באַקלאָגער פון חורבן. אַזוי איז ער אַריין אין דער טראַדיציע פון פאָלק און אַפילו אין דער קונסט. מיר דוכט זיך אָבער אַז מיט דעם באַגייט מען אַן אייביקע עוולה קעגן דעם טראַגישסטן און דאָך אָבער העלדישסטן און טיפסטן נביא, וואָרום נישט געקוקט אויף דעם פערזענלעכן גורל אין זיין מאַרטירער־לעבן איז זיין היס־טאָרישע ראָל אין די גורלות פון זיין פאָלק געווען גאָר אַן אַנדערע. קען זיין אַז אין דעם איז שולדיק די תלמודישע לעגענדע וואָס האָט געזוכט צו פּראָ־יעקטירן איר האַרצווייטיק ביים צווייטן חורבן אויף עמעצן ביי דעם ערשטן חורבן, ער זאָל זיין ווי דער סימבאָל פון אייביקן באַוויינער פון אונדזערע חורבנות.

וועלן מיר אויף אַ ווייל דאָ לאָזן דעם נביא און זיך פאַרנעמען מיט אַ צווייטער פּראָבלעם. עס שטעלט זיך תמיד אַ פראַגע: פאַרוואָס איז אַזאַ גרוי־סער אונטערשייד צווישן דעם גלות פון מלכות יהודה אין בבל און דעם גלות פון שומרון קיין אשור? פאַרוואָס איז דאָס יידישע פאָלק פון דער גרעסערער מדינה — שומרון, אַזוי גיך אונטערגעגאַנגען, און אַ שפּור און דאָס יהודה־פאָלק אין בבל איז נישט נאָר נישט אונטערגעגאַנגען, נאָר פאַרקערט, זיך געשטאַרקט, ערשט דאָרטן, אין דעם קורצן, פופציק־יאָריקן גלות געוואָרן פון עטלעכע שבטים איין גאַנץ פאָלק מיט אַ באַוווסטזיין פון אַ פאָלק, מיט אַ געטרייקייט צו דער אייגענער נאַציאָנאַלער קולטור, וואָס איז טאַקע דאָרטן פאַרהייליקט געוואָרן ווי די תורה פון פאָלק?

עס איז דאָך דאָס ערשטע און אפשר דאָס איינציקע מאָל אין דער גע־שיכטע פון אַ וועלט מיט פעלקער אַז אַ גלות זאָל זיין אַזוי שעפעריש, אַזוי אויסצושמידן דעם באַוווסטזיין פון אַ קליין פאָלק אין גלות ביי אַ פרעמדן, גרויסן און מעכטיקן פאָלק, אַז דאָ זאָל געלייגט ווערן דער יסוד פון זיין אייביקייט.

מיט דער פּראָבלעם פאַרנעמען זיך היסטאָריקער, אָבער צו קיין אייב־הייטלעכער מיינונג איז מען, דאַכט זיך, נישט געקומען. מען וויל דעם נס צושרייבן דעם מאָנאָטעיִזם, וואָס איז געווען אַזוי שטאַרק איינגעלעבט אין יידישע הערצער, אַז זיי האָבן נישט געקאָנט פאַרטראָגן די געצנדינעריי פון בבל, און דערפאַר זיך געהאַלטן באַזונדער, זיך נישט אַסימילירט (י. קופמן). אַנדערע מיינען, אַז דאָס איז די גרויסע באַשיצנדיקע ראָל פון דער אויטאָנאָמיע וואָס יידן האָבן געהאַט אין בבל.

לייגן זיך ביידע דערקלערונגען נישט אַזוי גרינג אויפן שכל. מען קען גאָרנישט זאָגן, אַז די יידן זענען דעמאָלט געווען אַזוי שטאַרק געטריי זייער מאָנאָטעיִזם. פאַרקערט איז עס ווי אַ געזעץ אין דער יידישער געשיכטע, אַז עס ציט יידן צו פרעמדע קולטורן אַלע מאָל, אין דער אייביקייט אַריין; מיט הונדערטער יאָרן שפּעטער, אין אייגענעם לאַנד ביי זיך, האָט עס די יידן אַזאַ שטאַרקן צי־געטאָן צו העלעניזם, אַז אין אַ דרייסיק יאָר האָט די גאַנצע יידישקייט געקאָנט אונטערגיין (י. קלויזנער). אַ פּשיטאַ שוין אין דער פרעמד, אין גלות. און קולטור איז דעמאָלט דאָך געווען אידענטיש מיט קולט. האָט זיך טאַקע דער מאָנאָטעיִזם זיכער געשטאַרקט אין דעם גלות בבל, אָבער נישט ער איז געווען די סיבה. די סיבות זענען זיכער געווען סאָציאַלע און קולטורעלע. ווערן מיר גיין כסדר:

בבל האָט געפירט איר פּאָליטיק מיט די באַהערשטע פעלקער אַנדערש ווי אַשור. אַשור פלעגט צעמישן די פעלקער; בבל האָט די יידן באַזעצט כמעט ווי באַזונדער, זענען די יידן אין בבל געווען כמעט אָפּגעטיילט טעריטאָריעל פון הויפּטפאָלק. און אָט דער פאַקטאָר האָט אין דער גאַנצער געשיכטע געשפּילט אַ פּאָזיטיווע ראָל פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער קולטור. די יידן האָבן געהאַט ווי אַ מין טעריטאָריעלע אויטאָנאָמיע, ווי עס איז געווען אין בבל מיט יאָרהונדערטער שפּעטער אין צייט פון תלמוד. אין אַזאַ גלות איז זייער שווער זיך צו אַסימילירן אין דעם הערשנדיקן פאָלק אַליין, מען אַסימילירט אָבער יאָ קולטור פון דעם הערשנדיקן פאָלק אין זיך. און קולטור איז דעמאָלט אידענטיש מיט קולט. האָבן טאַקע די דריי גרויסע נביאים: ירמיהו דירעקט נאָך פון ירושלים צו די פאַרטריבענע אין גלות און דורך זיין תלמיד־סעקרעטאַר ברוך, דער נביא אין גלות יחזקאל און דער נביא פון גאולה (ישעיהו דער צווייטער) אויסגעלאַכט די געצן און דאָס געצנדינעריי. אַזאַ טעריטאָריעלע דערווייטערונג פון דעם הערשנדיקן פאָלק איז אין אַלע גלותן אויך ווייטער געווען שפּעריש.

וואָס איז אָבער געווען דאָס נייע אין דעם לעבן פון גלות בבל?

— נבואה? — דאָס איז געווען אויך פריִער און מען קען זיך נישט באַ־

רימען אַז די נבואה האָט שטאַרק געווירקט דירעקט אויף די דירעקטע צוהער־רער. אמת, דער חורבן האָט זיכער געשטאַרקט דעם אויטאָריטעט פון ירמיה, איבערהויפּט אויף די פאַרטריבענע, און נאָך מער דורך זיינע טרייסט־נבואות פאַר די פאַרטריבענע. אָבער דאָך איז די עצם נבואה נישט געווען קיין נייעס.

ניי איז געווען דאָס בענקען אַהיים. עס האָבן נישט געבענקט די פאַר־טריבענע פון שומרון פונקט ווי עס האָבן נישט געבענקט די יידן אין „גוטן גלות" אין דייטשלאַנד, אין פראַנקרייך וכדומה. די יהודים האָבן יאָ געבענקט ווי עס האָבן געבענקט די יידן אין מיזרח־אייראָפּע, איבערהויפּט אין אָפּגע־גרענעצטן „תחום המושב". דאָס בענקען האָט זיך אַקטיו אויסגעדריקט אין די אָפטע פאַרזאַמלונגען און קאָלעקטיוו זיך דערמאָנען זיכרונות פון דער היים. אין דעם איז געווען דער זאָמען פון די בתי־כנסיות און בתי־מדרשות. אָט די פאַרזאַמלונגען זענען געוואָרן ביסלעכווייז צו אַ מינהג, און פון אַ מינהג זענען זיי געוואָרן שטייגער־הלכה, דער ערשטער אויפשפּראָץ פון אָט־דער אייגנטימ־לעכער, אַנדערשדיקער יידישקייט. שבתים, יום־טובים. לכתחילה — פּשוטע באַסטאַלגיע, פּריוואַטע פאַרזאַמלונגען, וואָס זענען געוואָרן דינים.

מיט וואָס האָט מען זיך פאַרנומען אויף די פאַרזאַמלונגען?

מען האָט זיך פאַרנומען מיט דערמאָנונגען, מיט זיכרונות פון דער היים, מיט מעשיות און דערציילונגען און — איבערהויפּט — מיט לידער, געזאַנגען, טענץ פון דער חרובער היים. דערמיט האָט זיך איינגעשטעלט אַ פעסטערער פּראָצעס צונויפצוזאַמלען דעם תנ"ך, וואָס האָט זיך טאַקע אָנגעהויבן פריער, נאָך אין דער היים. עס איז געוואָרן אַ גאַנצע באַזונדערע גרופּע — די סופרים־פאַרשרייבער. קיין נייעס, פון זיך, קיין אייגענע שאַפונגען האָבן זיי נישט גע־געבן, אָבער זיי האָבן געזאַמלט, צונויפגעזעצט, אָפּגעקליבן און פאַרשריבן לדורות דאָס וואָס האָט נאָך געלעבט אין זיכרון פון פאָלק... פאָלקלאָר רופט מען דאָס היינט. און דער גרעסטער פון די סופרים איז געווען עזרא. ער איז אָבער נישט אַרויסגעוואַקסן פון גאָרנישט, ער האָט געהאַט זיינע פאָרגייערס. האָט ער גערעדט און געשריבן אין דעם פאָלקס לשון.

ניי און שעפעריש ביי איז געווען דער פאָלקיזם, דאָס ווענדן זיך צו דעם אַלטן, צו דעם דירעקט־אָקאָרשט־פאַרגאַנגענעם, וואָס לעבט נאָך אין זיכרון פון פאָלק, און דאָס ביסלעכווייז צו פאַרהייליקן, צו פאַרוואַנדלען דאָס אין „קדשי האומה".

דאָס עצם וואָרט „תורה" האָט איצט באַקומען אַ נייעם באַטייט. פריער, אין די ערשטע פיר חומשים מיינט דאָס וואָרט בוכשטעבלעך אָנווייזונגען, די־רעקטע נאָרמען ווי צו האַנדלען אין דעם אָדער יענעם קאָנקרעטן פאַל, ווי צו

באַגיין זיך ביי געגעבענע געלעגנהייטן, עס איז געווען דאָס זעלביקע וואָס מען האָט שפּעטער אָנגערופן דינים, הלכות.

ערשט אין ספר דברים וואָס איז געפונען געוואָרן אין בית־המיקדש אין דער צייט פון ירמיהון, הייבט אָן דאָס וואָרט „תורה" צו באַטייטן די גאַנצע זאַמלונג פון אַלע דינים, פון אַלע דערציילונגען, געזאַנגען, וואָס דאָס פאָלק האָט געדענקט, געבראַכט. בעת דווקא די דירעקטע אָנווייזונגען פאַרנעמען איצט גאָר אַ קלענערן אָרט. ערשט איצט איז די תורה געוואָרן דעם פאָלק וואָרט־קולטור אין איר גאַנצקייט.

**
*

און אָט דאָ, אין דעם פּראָצעס האָט שטאַרק געווירקט ירמיהו מיט זיינע נייע אידעען, וואָס זענען דערגאַנגען צו די ייִדן אין בבל דורך זיין תלמיד ברוך און דורך אַנדערע פון דער קליינער גרופּע זיינע אָנהענגער.

קודם־כל איז דאָ געקומען די „שטילע רעוואָלוציע" פון פאַרבייטן די מאַטעריעלע הייליקייטן מיט ספרים. דער תנ"ך דערציילט גאָרנישט וועגן דעם באַזייטיקן נאָך פאַרן גלות דעם ארון הברית מיט די לוחות, מיט אהרונס שטעקן, מיט דעם גלעזעלע מן. דאָס איז געטאָן געוואָרן נאָך פריִער, אונטער דער דירעקטער השפעה פון ירמיהוס געדאַנקען (וועגן דעם ברייטער — אין אַ צווייטן עסיי). אָנשטאָט דעם איז געקומען די דעמאָלט נייע „משנה תורה" — דער היינטיקער ספר דברים פון חומש, וואָס מוז אויך צוגעשריבן ווערן ירמיהוס השפעה. דאָרטן רעדט זיך דאָך כמעט נישט וועגן קרבנות, און תמיד מיט באַגרענעצונגען — שעכט און עסט פליש געזונטערהייט, קרבנות קענט איר ברענגען נאָר אין בית המקדש. אַזוי האָט דאָך געלערנט ירמיהו.

נאָך שטאַרקער האָט זיכער געווירקט ירמיהוס דירעקטע דערמוטיקונג די ייִדן אין גלות „גוואַלד, זייט אייך מיאש!" האָט ער זיי געלערנט נאָך פון ירושלים, נאָך פאַר דעם ענדגילטיקן חורבן. נישט דאָס פאָלק אין לאַנד, וואָס איז נאָך געבליבן נאָכן ערשטן פאַרטרייבן, נישט אין אים איז די גאולה, נישט ער וועט אָפּהיטן און אויפהיטן דעם קיום פון פאָלק. דווקא די ייִדן וואָס זענען אין גלות, דווקא זיי וועלן אויפבויען די אייביקייט פון פאָלק. גאַנצע צוויי קאַפּיטלען גיט אָפּ ירמיהו דעם געדאַנק אַרויסצוברענגען (כ"ד און כ"ט). נאָך פאַרן ענדגילטיקן חורבן פאַרגלייכט ירמיהו דאָס פאָלק וואָס איז אין זיין לאַנד נאָך צו גאָר שלעכטע פייגן, וואָס טויגן צו גאָרנישט און די ייִדן אין גלות זע־נען ווי די גוטע פייגן. ער עצהט די ייִדן אין גלות צו בויען הייזער און זיך פאַרמערן אין יענעם פרעמדן לאַנד, ווייל אין זיי איז די אייביקייט פון פאָלק.

און דאָס איז ביי ירמיהו נישט געווען קיין מאָמענטאַנע אידעען, עס זענען געווען טיפע פילאָסאָפישע פרינציפּן. כדאַי אויף דעם זיך אָפּשטעלן עטוואָס לענגער.

***

עס איז ביי אונדז אָנגענומען אַז פילאָסאָפיע דאַרף מען זוכן ביי די גריכן. ייִדן זענען אפשר געווען בריות אויף אַנדערע געביטן, אָבער נישט אויף פילאָסאָפיע. אַבסטראַקטע אידעען, פרינציפּן, וועלט־באַנעמען — דאָס איז נישט ביי ייִדן. און דאָס איז אינגאַנצן נישט ריכטיק: די רייד פון די נביאים זענען באַזירט אויף טיפע פרינציפּיעלע אידעען און טיפן וועלט־באַנעם. דער אונטערשייד איז נאָר, וואָס די גריכישע פילאָסאָפן האָבן נישט געמאַכט קיין פראַקטישע אויספירן פון זייערע אידעען פאַרן קאָנקרעטן לעבן, בעת די נביאים האָבן תמיד געטראַכט וועגן פרינציפּן ווי צו לעבן, נישט ווי צו דענקען: „וחי בהם". פילאָסאָפיע נאָר פאַרן לעבן. דעם אונטערשייד האָט מיט יאָרהונדערטער שפּעטער אונטערגעשטראָכן ר' יהודה הלוי אין זיין באַרימטן זאָג, אַז די גריכישע פילאָסאָפיע האָט נאָר בלומען און נישט קיין פרוכט (בערנשטיינס זאַמלונג ,ז' 240). גלייך צום אָנהייב טרעט ירמיהו אַרויס ווי אַ קעמפער, נישט פאַר זיך חלילה, נישט פאַר עפּעס אַליין צו דערגרייכן פאַר זיך, נאָר פאַר אַ נאַציאָנאַלער אידעע, פאַר דעם פאָלקס קיום. ער אַליין איז גאָרנישט, אַ ייִנגל איז ער ביי זיך אין די אויגן. ער פאַרשטייט אַז אים וועט זיין גאָר שווער צו קעמפן איינער קעגן אַלעמען, אָבער די אידעע איז שטאַרקער פון אים. זי איז גאָרנישט זיינע, גאָט שיקט עס אים, און קיינער און קיין זאַך קען אים נישט איינברעכן. ער איז ווי אַ קופּערנער זייל, ווי אַ מויער, נישט איינצווואַרפן, וואָרום גאָטס וואָרט ברענט אין אים ווי אַ פייער.

וואָס זענען אָבער זיינע פילאָסאָפישע אידעען? — וועלן מיר גיין כסדרי — דאָס גליק פון פאָלק איז נישט אין דער מלוכה מיט אירע אַטריבוטן. קיינע מאַטעריעלע פאַרמעגנס קענען נישט פאַרזיכערן דעם קיום פון פאָלק — נישט לאַנד און נישט די הייליקייט פון ירושלים און פון בית־המקדש. אַוודאי איז גלות אַ טראַגעדיע, אָבער נישט מיט כוח, נישט מיט פּאָליטיק קען מען דעם גלות אויסמיידן. אָט דעם קאַמף קעגן מאַטעריעלע הייליקייטן האָט דאָס געפירט צו באַהאַלטן די הייליקע זאַכן מיטן אָרון הברית, און דאָ איז ירמיהו געגאַנגען אויף מסירת נפש ממש, ווייל מען האָט אים טאַקע פאַרמישפּט צום טויט פאַרן פאַרויסזאָגן דעם חורבן פון בית־המקדש מיט ירושלים צוזאַמען.

ווייטער — דער גורל פון פאָלק, זיין קיום און גליק ליגט אין דעם פאָלק גופא, אין זיין אויפפיר און אין שטייגער לעבן. מאָראַלישע גוטס ברענגט

גוטס, און פאַרקערט. דאָס איז אייגנטלעך דער אויפטו נישט פון ירמיהו אַליין, עס איז דער גאַנג פון אַלע נביאים וואָס איז געקומען צום אויסדרוק אין תנ"ך בכלל. די שטראָף איז נישט קיין אויסגעחשבנטע באַצאָלונג, נאָר זי איז אַליין אַ תולדה, אַ דירעקטער רעזולטאַט פון דער זינד, יעדע זינד האָט אַ זיסן אָנהייב און אַ ביטערן סוף, עלעהיי — אַ נאַרקאָטיק, וואָלטן מיר איצט עס געזאָגט. די שטראָף איז די פרוכט פון דער זינד, עס איז אזוי נאַטירלעך איינס, ווי דאָס קראַנק ווערן נאָכן טרינקען צופיל. (פאַרגלייך רמב"ם, מורה נבוכים, חלק א׳ פרק י׳ אין פירוש פון יהודה קופמן). מיט די צוויי אידעען איז פאַרבונדן די דריטע:

קדושה, הייליקייט איז נישט עפּעס אַזאַ באַזונדערע מאַטעריע, וואָס קומט פון גאָט און ער באַשענקט מיט איר זיינע אויסדערווילטע. ניין, קדושה איז אויך אַ פּראָדוקט פון מענטשנס לעבן, פּריוואַט אָדער פון גאַנצן קאָלעקטיוו, פון פאָלק ווי אַזאַ. אָט די הייליקייט איז אין אויפפיר פון פאָלק. דאָס האָבן געלערנט אויך די פריִערדיקע נביאים, און אָט די הייליקייט דאָס איז דער גאָט פון פאָלק, דער „קדוש ישראל וגואלו". עס עקזיסטירט ווי אַ ראָמאַן צווישן אָט דעם גאָט און זיין פאָלק. גאָט איז הייליק פאַר ישראל און ישראל איז הייליק פאַר גאָט (קודש ישראל לה׳), אָט מיט דער קדושה קען דאָס פאָלק האָבן אַ קיום אין אַ גלות מער ווי אין זיין אייגענעם לאַנד אָן זיין געטלעכער קדושה. ירמיהו האָט אין יענעם גלות נישט פאַרויסגעזען, אַז עס קען זיין אַ גלות, וואָס זאָל נישט לאָזן אָפּהיטן די אייגענע אַנדערשקייט, זיין געטלעכקייט, זיין קדושה. פאַרזיכערט אייך נישט אויף דער הייליקייט פון לאַנד, פון שטאָט, פון גאָטס הויז. די אַלע מאַטעריעלע הייליקייטן זענען נאָר דעמאָלט הייליק ווען דאָס פאָלק איז הייליק אין זיין שטייגער לעבן. „אָט זייט איר געקומען און טמא געמאַכט מיין לאַנד", טענהט ירמיהו אין גאָטס נאָמען, דער הייליקער בית־המקדש קען חרוב ווערן צוליב אייערע זינד אַזוי ווי עס איז חרוב געוואָרן דער משכן אין שילו. נישטאָ קיין מאַטעריעלע הייליקייטן און נישטאָ קיין מאַטעריעלע געטער. אויף דער דעמאַטעריאַליזאַציע פון דעם גאָט־באַגריף לייגן אַוועק די נביאים נישט אין פאַרגלייך מער ענערגיע ווי אויף דעם מאָנאָטעיִזם בכלל (און אַזוי אויך די גאַנצע ווייטערדיקע ייִדישע שעפערישקייט).

ירמיהו פאַרהייליקט די נאַציאָנאַלע קולטור. זי איז פאַר אים די הייליקייט, די געטלעכקייט, קולט און קולטור זענען פאַר אים אידענטיש. ער פאַרגלייכט די אייגענע קולטור צו אַ קוואַל פון לעבעדיק וואַסער וואָס הערט קיינמאָל נישט אויף צו קוועלן, בעת פרעמדע, איבערגענומענע קולטור (אָדער דינען פרעמדע געטער) איז גלייך ווי גיסן וואַסער אין גריבער וואָס קענען דאָס

וואָסער נישט איינהאַלטן. ירמיהו גלייבט אין דער ייִדישקייט פון גלות, אין איר קיום, ווייל ערשט דאָרטן איז דער שטייגער, איז די פירונג פאָלקיש, ווי מיר האָבן עס שוין אויבן דערמאָנט.

אָט דער פרינציפּ האָט פון ערשטן גלות־בבל אָן טאַקע אויפגעהאַלטן און אָפּגעהיט דעם קיום פון ייִדישן פאָלק. אויב אָט דער קיום איז אַ נס, ליגט די דערקלערונג פון נס אין אָט דער פאַרהייליקונג פון פאָלקישקייט. דאָס מיינט, פאַרוואַנדלען דעם שטייגער פון דירעקטן נעכטן אין היינטיקע הייליקייט; די וואָכעדיקע געזאַנגען און געדאַנקען פון דער נאָענטסטער פאַרגאַנגענהייט איז היינט אונדזער קדושה, אונדזער קולטור. דאָס איז געווען די ייִדישקייט פון גלות־בבל, דאָס דרינגט דורך דעם גאַנצן תלמוד און די גאַנצע תלמודישע קולטור. אָט די פאָלקישע ייִדישקייט איז ירמיהון געווען טייערער, ער האָט אין דעם מער געגלייבט ווי אין די מאַטעריעלע נאַציאָנאַלע הייליקייטן.

...הלוואַי זאָלן מיר זיך איצט אויך לערנען פון ירמיהון...

די גלייכקייט פון אַלע ייִדן: פלאַטאָן און אַריסטו זענען געווען שפּעטער פון ירמיהו, זיי האָבן אָבער באַרעכטיקט שקלאַפעריי. און ירמיהו, ערב דעם חורבן קען נישט פאַרטראָגן קיין פאַרשקלאַפונג פון ייִדן ביי ייִדן. נישט ער און נישט נחמיה עטוואָס שפּעטער אין דעם נאָך חרובן יהודה.

און נישט נאָר אַלע ייִדן זענען גלייך, אַלע ייִדישע שבטים זענען גלייך. ירמיהו האָט ליב אפרימען (שומרון) נישט ווייניקער ווי יהודה. און כמעט מיט ירמיהון איז פאַרענדיקט די שבטים־צעטיילונג פון ייִדישן פאָלק. בכל אופן, אין צייט פון צווייטן בית־המקדש איז שוין ביי ייִדן אין באַוווסטזיין פאַראַן איין פאָלק אין זיין גאַנצקייט, די שבטים־פאַרטיילונג איז אינגאַנצן פאַרגעסן. אין עס פאַרבינדט אַלע ייִדן, פון וואַנען זיי זאָלן נישט שטאַמען, פון וואַנען און וועמען זיי זאָל נישט קומען, אַלעמען פאַרבינדט די געמיינזאַמקייט אין דער תורה, אפשר איז דעמאָלט שוין פאַרזייט געוואָרן דער זאָמען פון אַ „גייסטיקער נאַציע״. ירמיהו קלאָגט נישט אויף דעם פאַרלוסט פון די גרויסמאַכט־חלומות פון אַ דוד און שלמה, ער חלומט נישט ישעיהוס חלומות וועגן גייסטיקער באַהערשונג פון דער גאַנצער וועלט, מיט דעם „כי מציון תצא תורה״, נאָר ער קלאָגט אויף דעם וואָס „וויפל שטעט, אַזויפיל געטער האָט איר״. און מיר מעגן דאָס פאַרטייטשן אַקטועל אַזוי: „וויפל לענדער איר באַוווינט, אַזויפיל קולטורן דינט איר״.

כאַראַקטעריסטיש פאַר ירמיהוס רעוואָלוציאָנערן דענקען איז זיין טאָטאַלע פאַרלייקענונג פון קרבנות. אמת, אויך עמוס און ישעיהו האַלטן נישט פון קרבנות, אָבער ירמיהו גייט ווייטער פון זיי. ירמיהו, וואָס האָט נאָך אפשר

געזען אויך מענטשלעכע קרבנות (ער דערמאָנט אַזוינע מיט אַ שוידער), ער זאָגט אָבער אַז גאָט האָט קיינמאָל נישט געהייסן ברענגען קיין קרבנות (ז׳ 21־22). מיר האָבן אויבן דערמאָנט אַז טאַקע אין ספר הדברים, וואָס שטאַמט זיכער פון ירמיהוס צייטן, זענען קרבנות כמעט נישט דערמאָנט.

און נאָך אַ גרעסערע נייעס איז פאַראַן ביי ירמיהון. ער שטעלט אַרויס די פּראָבלעם פון יחיד אין דעם קאָלעקטיוו פון זיין פאָלק. ווי מאָדנע דאָס זאָל אונדז נישט אויסזען, איז אָבער דער פאַקט אַז ביי די געזעלשאַפטלעכע באַשעפענישן קומט פריִער דאָס באַוווּסטזיין פון קאָלעקטיוו איידער עס קומט אַרויס דער אינדיווידו מיט זיינע יחידישע אינטערעסן. אַזוי איז ביי בינען, למשל, און ביי אַנדערע. און אַזוי איז אויך אין דער פּרימיטיווער מענטשלעכער געזעלשאַפט: דער „יעדער איינער פאַר אַלע" איז פריִער איידער עס קומט דער „אַלע פאַר איינעם". און אַזוי איז עס אויך געווען ביי ייִדן. אין חומש פירט גאָט זיינע חשבונות נישט מיט יעדן ייִדן באַזונדער, נאָר מיט דעם פאָלק אינגאַנצן. גליק און אומגליק ווערט אַלעמאָל פאַרשטאַנען פאַרן גאַנצן פאָלק ווי אַזאַ. דער יחיד מיט זיין גליק אָדער אומגליק איז גאָרנישט קענטיק. אויך די נביאים רעדן נישט וועגן דעם ייִדישן יחיד, — אַלץ ווערט גערעדט און געפאָדערט פון גאַנצן פאָלק ווי אַזאַ, דאָס פאַרויסגעזאָגטע גליק אָדער אומגליק האָט ווידער אין זינען נאָר דעם גאַנצן קאָלעקטיוו פון פאָלק.

ערשט ירמיהו שטעלט דער ערשטער אַוועק די פּראָבלעם פון אינדיווידו און זיינע גורלות. ער שטעלט די פראַגע: „מדוע דרך רשעים צלחה?" פאַרוואָס גייט דווקא דעם רשע גוט? ער ווייס טאַקע אַז „גאָט איז גערעכט און זיין משפּט איז גערעכט", אָבער דאָך ווי קומט עס? פאַרוואָס? וויל ער פאַרשטיין. שפּעטער קומט מיט עטלעכע טענות איוב און די פּראָבלעם ווערט אַלץ שאַרפער און שאַרפער. אָבער איוב רעזיגנירט אין אָנמאַכט קעגן דער פראַגע, וואָרום וואָס מ׳שטיינס געזאָגט קען אַ מענטש פאַרשטיין? און וואָס איז אַ מענטש קעגן דעם גאַנצן קאָסמאָס? (די לעצטע קאַפּיטלעך פון איוב). ער הערט אויף צו פרעגן, און עס איז אים ווייטער גוט... גליקלעך איז דער וועמען עס מאַטערן נישט קיין פּראָבלעמען...

אָבער דער ייִדישער געדאַנק האָט נישט רעזיגנירט, און עס איז פון דער פראַגע ירמיהוס אויסגעוואַקסן אַ גאַנצער גלויבן: יאָ, זיכער איז דער יחיד דער יסוד. און גאָט פירט טאַקע חשבונות מיט יעדן יחיד באַזונדער. טאַקע „אין אדם נוקף אצבעו מלמטה אלא אם כן מכריזין עליו מלמעלה" (אַפילו אָפּקלאַפּן אַ פינגער איז אויך לויט אַ באַשטימונג פון הימל), אָבער די אַלע חשבונות ווערן דערליידיקט ערשט אויף דער „אמתער וועלט", אויף יענער וועלט, ווייל די וועלט איז דאָך נאָר אַ פּרוזדור, נאָר אַ פירהויז וווּ מען דאַרף

זיך צוגרייטן צו קומען אין טרקלין אַריין. און אַט די „השגחה פּרטית" — די אינדיווידועלע פאַראַנטוואָרטלעכקייט און די אינדיווידועלע אָפּצאָלונגען פאַר גוטס און שלעכטס, דער שכר ועונש פאַר יעדן יחיד, וואָס אין חומש ווערט עס גאָרנישט דערמאָנט אַפילו, דאָס איז שפּעטער געוואָרן אַזוי וויכטיק, אַז דער רמב"ם נעמט עס אַריין אין זיינע דרייצן עיקרים פון יידישער אמונה. און אַט דער גלויבן אין שכר ועונש האָט דאָך געשפּילט אַזאַ גוואַלדיק־גרויסע ראָל אין קיום פון יידישן פאָלק. וואָרום יעדער ייד באַזונדער האָט עס גע־האַלטן אין זיינע פּריוואַטע אינטערעסן אָפּצוהיטן יידישקייט, ד"ה די נאַציאָ־נאַלע אייגנטימלעכקייטן. יעדער פּרט האָט געטראָגן די אחריות פאַרן כלל, פאַרן קיום פון כלל. טראַכטנדיק וועגן דעם אייגענעם גן־עדן, האָבן — איט־לעכער באַזונדער — אויפגעהיט דעם קיום פון כלל, פון גאַנצן יידישן פאָלק. יעדער פּרט האָט געטראָגן די אחריות פאַרן כלל. און דאָס איז אַזוי וויכטיק געווען אין גאַנצן גלות, ווען דער כלל האָט נישט קיין מאַכט צו מאַכן די יחידים היטן די אינטערעסן פון פאָלק. מען קען אַפילו מאַכן פון דעם אַ כלל:

ווען די יידישע מלוכה האָט ביסלעכווייז פאַרלוירן איר מאַכט איבער די יחידים פון פאָלק כדי צו היטן די פאָלקישע גאַנצקייט, — האָט דעמאָלט אַט די מאַכט איבערגענומען די רעליגיע און אין דעם איז איר גרויסער נאַציאָ־נאַלער פאַרדינסט. און דער אָנהייב פון אַט דער גאַנצער קאָמפּליצירטער סיס־טעם איז געקומען פון ירמיהון. דאָס איז געוואָרן אַ באַזיס פאַר דער גלות־יידישקייט.

ירמיהו איז דער קעמפער פאַר די רעכט פון יחיד אַפילו כלפּי גאָט. ער אַליין ברענגט אַזוי אָפט אַרויס זיינע אייגענעליידן ווי אַ יחיד, וואָס מיר טרעפן נישט ביי די פריערדיקע נביאים. זייער פּערזאָן זעען מיר נישט, זייע־רע נבואות זענען ווי אומפּערזענלעך. אָבער ביי ירמיהו טרעט זיין אייגענע פּערזאָן אַרויס גלייך פון ערשטן קאַפּיטל אָן. זיין אַ נביא איז אַ גורל, אַ שווע־רער, טראַגישער גורל, נאָך שווערער איז צו זיין אַ „נביא האמת", אַ נביא וואָס היט זיין אמת מער ווי זיין לעבן; זיין אמת דאָס איז זיין געטלעך וואָרט, וואָס ברענט אין זיינע ביינער, און ער קען אים נישט פאַרגעסן, ער וויל אַפילו עס פאַרגעסן, אָבער דאָס וואָרט איז שטאַרקער פון אים. כלומרשט פעלט אים דעם נביא אַ קרעטשמע אין מדבר ער זאָל קענען אַנטלויפן, אָבער ער זוכט עס דאָך אַפילו נישט. און אַז אַ פריערדיקער נביא — אליהו — איז יאָ אַנט־לאָפן אין מדבר אַריין, — האָט עס אים דען געהאָלפן? האָט נישט דאָס „קול דממה דקה" — דאָס שטיל־דינע קול, אפשר פון זיין אייגענעם האַרצן אַרויס, אים נישט געשיקט צוריק צו זיין לעבנס אויפגאַבע? מעג ירמיהו שעלטן דעם טאָג ווען ער איז געבוירן געוואָרן, ער גייט אָבער נישט אַוועק פון זיין אויפ־

גאַבע, פון זיין שליחות. און נישט נאָר ער אַליין, קיינער קען אים נישט אָפּ־טרייבן, נישט אָפּשרעקן — אַ קופּערנער זייל, אַ געמויערטע וואַנט איז ער איינער קעגן אַלעמען.

אָבער אָט דער אומדערשראָקענער נביא וואָס זעט פאָרויס דעם חורבן נאָך איידער ער קומט, וואָס באַווײנט אים פון פאָרויס, דער זעלביקער נביא ווערט אַזוי מוטיק און פול מיט האָפענונגען ווען ער הייבט אָן צו רעדן צום פאַרטריבענעם טייל פון פאָלק אין גלות. וויפל טרייסט און וויפל מוט ער שיקט די פאַרטריבענע ברידער אין זייער גלות אַריין. און מוט נישט צו קעמפן, זיך צו שלאָגן ווידער. ער ווייס — דער נביא — אַז עס זענען פאַראַן גענוג מילחמה־גיריקע ייִדן, וואָס רייסן זיך צו שלאָגן ביזן טויט, אָט אַזוי ווי אַ האָן שווין צעבלוטיקט אין קאַמף רייסט זיך ווידער אין קאַמף מיט די לעצטע כו־חות... דער נביא אָבער געהערט נישט צו די דאָזיקע. ער טרייסט און בעט זיך צו מאַכן שלום מיטן גלות, ווייל מיטן „שלום פון לאַנד וועט אויך פאַר אייך זיין שלום"; אַז דאָס פאָלק וועט זיין, וועט עס ברענגען זיין גאולה, אין אַ שטאַרקן גלות וועט אויסוואַקסן די גאולה.

און ירמיהו איז געווען גערעכט: מיר האָבן דריי פערטל פון אונדזער גע־שיכטע געלעבט אין גלותן און דאָך אויסגעהאַלטן! שבטים צעקריגטע זענען פאַרטריבן געוואָרן אין גלות, אומגעקערט זיך פון גלות האָבן גרופּעס, טאַקע קליינע גרופּעס, אָבער מיט אַ שטאַרקן פאָלק־באַוווסטזיין, מיט אַ נאַציאָנאַלער קולטור — אַ תורה, וואָס פון דעם איז טאַקע אויסגעוואַקסן אַ גאַנץ און אַ גרויס פאָלק!

און אין אַ זעקס הונדערט יאָר שפּעטער, בעתן צווייטן חורבן, וואָס עס האָבן אין אַ גרויסער מאָס גורם געווען פאַרעקשנטע היצקעפּ־קעמפּער, האָט ירמיהוס אידעען ממשיך געווען זיינער אַן אָנהענגער — ר' יוחנן בן זכאי. ער איז נישט געווען קיין נביא, נאָר אַ בעל־הלכה. דאָס הייסט, אַז דער יסוד פון ייִדישקייט און די פולסטע פאַרזיכערונג פאַרן קיום פון פאָלק איז:

1. — דער פאַרהייליקטער איינהייטלעכער שטייגער פון פאָלק אין אַלע זיינע צעשפּרייטונגען, און

2. — אָט דער שטייגער דאַרף באַשטיין פון עלעמענטן פון דעם פאַרלוי־רענעם נעכטן, פון די גאַנץ וואָכעדיקע איינהאַלטן און נאָרמען פון דעם אָקאָרשט פאַרגאַנגענעם; און דאָס פאַרוואַנדלען אין הייליקייטן היינט, מן החול אל הקודש.

און דאָס איז ווידעראַמאָל אייגנטלעך דאָס טאַקע וואָס עס האָט זיך אָנ־געהויבן צו אַנטוויקלען אין די צייטן פון ירמיהו אין דעם ערשטן גלות־בבל

טאַקע אונטער דער השפּעה פון ירמיהו. ירמיהו האָט געלייגט דעם שטאַרקסטן ווינקלשטיין פאַר דעם תנ"ך — דער נביאישער ייִדישער תורה. יוחנן בן זכּאי איז געווען איינער פון די זיילן פון דער הלכהשער ייִדישקייט, פון תלמוד, אוןביידע תורות זענען געווען געבויט פון דעם וואָס דאָס געטלעך פאָלק האָט גע־האַט אין זיין פאָלקישן „על פּה" אין דער געגעבענער צייט.

פאַרשידן זענען געווען די דרכים, אָבער די פּרינציפּן און די צילן זענען געווען די זעלביקע.

און אַנטקעגן דעם רבי יוחנן איז געווען אַ צווייטער יוחנן — אויך אַ הייליקער, לויט אונדזערע באַגריפן (אָבער נישט לויטן תלמוד). האָט ער זיך פאַרקליבן מיט זיינע העלדיש־מסירת נפשדיקע חברים אין דער איינזאַמער פעסטונג מצדה און... געגלייבט: אָדער פּאָליטישע פאַרזיכיקייט אָדער — דער טויט... העלדן זענען זיי געווען אומבאַדינגט; אין דעם פּאַנטעאָן פון ייִדישע קדושים — אָן שום ספק.

אָבער נישט אין זייער זכות און נישט אין זכות פון זייער גרויסן גרוי־זאַמען קרבן האָט דאָס ייִדישע פאָלק זיין קיום.

קערן מיר זיך אום צו דעם ערשטן „גלותיסט" ווי מען וואָלט איצט גע־רופן דעם נביא ירמיהו. ער איז געווען פאַרליבט אין ארץ־ישראל און פאַר־גלייבט אין זיין פאָלק — עם ישראל. אַזוי פאַרליבט און פאַרגלייבט, אַז ער איז לגמרי נישט געווען קיין פּעסימיסט ווי מען וויל אים פאַרשטעלן. פאַרקערט, וואָס נעענטער צום חורבן, אַלץ ווייטער קוקט ער אַריבער איבער דעם חורבן און ער זעט דעם גרויסן און פעסטן ווידעראויפבוי; איבער דעם חורבן, איבער דעם גלות זעט ער די גאולה. ער איז פול מיט מוט און מוטיקט דאָס פאָלק. האָט אַ ייִדישער דענקער מיט צוויי האַלבע טויזנט יאָר שפּעטער גע־ווייטיקט „אַ פאָלק אַז עס ווערט חרוב, ווער ווייסט עס אָפּבויען" (אחד העם); — וואָלט עס ירמיהו פאָרמולירט דווקא פאַרקערט „כּל־זמן דאָס פאָלק וועט לעבן, וועט עס טראָגן די גאולה אין זיך" — באשר די נביאים האָבן געדענקט פּאָעטיש און נישט לאָגיש.

און אַזוי זעען מיר ירמיהון ווי ער שטייט ביי דער שוועל פון ערשטן גלות, און נישט אַנטוישט, נישט פאַרלוירן, נאָר ווי ער שמידט מיט מוט און גלויבן די נייע (פאַר זיין צייט) גלות־ייִדישקייט. און אין זיין מוט און אין זיין גלויבן שטייגט ער אַריבער דעם באַרימטן „טרייסט־נביא" — ישעיהו דעם צווייטן. עס איז גרינג צו ווערן מוטיק און פול מיט האָפענונגען, ווען די גאולה איז שוין אויף דער שוועל, ווען די „כּורש־דעקלאַראַציע" איז שוין אויף דער האַנט. אָבער ירמיהו שטייט דאָך ביים אָנהייב פון גלות, ביי דעם חורבן, אויף

די חורבות, — און דעמאָלט פּאָרויסזען די ליכטיקע גאולה — דאָס איז די גרעסטע העלדישקייט פון אַ נביא, די גבורה פון זיין ווי אַ קופּערנע זייל, ווי אַ פעסטע מויער נישט נאָר קעגן אַלע שונאים, קעגן האַרן און פאָלק, נאָר אויך קעגן אַלע געשיכטלעכע געשעענישן. ניין! ירמיהו זיצט נישט אויף די חורבות פון ירושלים און וויינט! נייערט ער זיצט אויף די חורבות פון ירו־שלים און האָפט, און זעט מיט זיינע נביאישע אויגן די ווייטערע גאולה... אָדער מען דאַרף איבערמאַכן אַ פּסוק אין זיין ספר: נישט רחל מבכה על בניה, — נאָר ירמיהו מבכה על בניו און דאָך „מנע קולך מבכי, ווייל יש שכר לפעולתך..."

***

וועלן מיר דאָ פּרובירן פאָרמולירן ירמיהוס אידעען אין אַבסטראַקטע זאַצן:

1. — דעמאַטעריאַליזאַציע פון גאָט־באַגריף און אַ כסדרדיקע אָפּשפּאָטן פון אַלערליי געמאַכטע געטער. שפּעטער — אַן אייביקער יסוד פון יידישקייט.

2. — דעמאַטעריאַליזאַציע פון הייליקייט בכלל. נישטאָ קיין הייליקע ער־טער, קיין הייליקע זאַכן, הייליקייט קומט נישט פון גאָט ווי עפּעס אַ באַזונ־דערע אומערדישע סובסטאַנץ. הייליקייט איז אָבער די העכסטע מדרגה פון מענטשלעכן מאָראַלישן אויפפיר, פון געטלעכן אויפפיר ביי מענטשן.

3. — דער קיום פון פאָלק הענגט אָפּ נישט פון לאַנד און נישט פון פאָלקס אָדער גאָטס פאַרמעגן אין לאַנד, נאָר פון דער געטרייקייט צו דער איי־גענער פאָלקישער קולטור און שטייגער. שפּעטער אין דער צייט פון הלכה איז פון דעם אָנגעוואַקסן אַ דין פאַר וואָסערע זאַכן אַ ייִד דאַרף גיין אויף מסירת־נפש און פאַר וואָס מען דאַרף נישט. לאַנד ווערט דאָרט לגמרי נישט דערמאָנט. דאָס אָפּהיטן דעם שטייגער און קולטור איז אידענטיש מיט דעם דינען דעם אייגענעם גאָט. קולט און קולטור איז איינס.

4. — די איינהאַלטן פון וואָכעדיקן נעכטן אין וואָרט און אין טאַט, אין פירונג און אין זאָג — געזאַנג דאַרפן היינט ווערן הייליקייטן פון פאָלק.

5. — דאָס גליק און אומגליק פון פאָלק זענען נישט קיין זאַכן פון בלינדן פאַטום, און אויך נישט קיין גוטער אָדער שלעכטער ווילן פון אַ שטרענגן גאָט מיט זיינע גלוסטונגען, נייערט זיי זענען די נאַטירלעכע תולדות, די אומ־באַדינגטע רעזולטאַטן פון מענטשנס אָדער פאָלקס אויפפיר. אין דעם שלעכטן אויפפיר, אין דער „זינד" ליגט שוין דער זאָמען פון דער שטראָף. די זינדי־קייט מוז דירעקט ברענגען די שטראָף.

שפּעטער, אין דער צייט פון תלמוד איז דער געדאַנק וועגן דער דירעקטער אומבאַדינגטקייט פון דער שטראָף דערגאַנגען ביז אַזוי ווייט, אַז גאָט אַליין זיצט נעבעך און וויינט אויף דעם חורבן פון זיין פאָלק, אָבער ער אַליין קען אויך נישט ענדערן דעם גלות, ער קען נישט ענדערן די געזעצן וואָס הערשן אין לעבן פון מענטשן און פעלקער. די גמרא דריקט זיך אויס „אינם רחמים אלא גזרות״ (גזרה מיינט נישט דווקא אַ שלעכטע גזרה, נאָר בכלל אַ געזעץ, וואָס מען ענדערט נישט, מען קען נישט „אָפּשרייען״). ירמיהו איז ערשט ביים אָנהייב פון דער אידעע.

6. — יעדער יחיד איז נישט סתם אַן אַטאָם אין כלל, נאָר פאַרקערט איז דער כלל נאָר אַ סכום פון יחידים און יעדער איינער טראָגט די פולע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן גאַנצן כלל. יעדער יחיד דאַרף אין זיך טראָגן די גאַנצע פאָלקישקייט. דאָס פאָלק אין זיין גאַנצקייט איז דער פאָלקישער מאַסיוו און יעדער יחיד מוז אין זיך טראָגן די מאַסיווע פאָלקישקייט. און דערמיט וועט זיין פאַרזיכערט דעם פאָלקס קיום און דער קיום וועט שוין פירן צו דער גאולה.

אויך דאָ האָט ירמיהו נאָר פאַרזייט דעם זאָמען פון דער אידעע. אין איר פולער אַנטוויקלונג איז זי געקומען אַ סך שפּעטער, אין צייט פון תלמוד. ירמיהו איז דער גרונטלייגער.

***

דער אונטערשייד צווישן פילאָסאָפן און נביאים איז אין דעם, וואָס די ערשטע האָבן געזאָרגט נאָר פאַרן געדאַנק, עס איז פאַר זיי געווען אַ טעאָרעטישער בנין. פאַר די יידישע נביאים איז עס אָבער געווען אַ „תורת חיים״, נישט קיין טעאָריעס, נאָר אַ תורה ווי צו לעבן און ווי אויפצוהאַלטן דעם קיום פון פאָלק.

און דער אונטערשייד איז געבליבן און ער דאַרף בלייבן אויך איצט. דער נישט־יידישער וועג פון לערנען און פאָרשן דאָס אַמאָליקע באַשטייט אין קלאָר מאַכן די היסטאָרישע ראַם פון דער מאַטעריאַל: צייט, אָרט און באַדינגונגען. מיר דאַרפן זיך איבערטראָגן אין יענע צייטן, אין יענע באַדינגונגען. דאָס איז דער מעטאָד פון היסטאָריזאַציע. צום היינט איז עס נישט שייך.

יידן מאַכן נאָך און לערנען אויך אַזוי: אַפילו די אַרכעאָלאָגיע פון דעם דער יענעם קאַפּיטל תנ״ך. אָבער דער אמת־יידישער וועג פון לערנען איז פאַרקערט: מיר אַקטואַליזירן דאָס אַמאָליקע, מיר פאַרבעטן די אָבות צו אונדז אין אונדזערע סוכות און אויך אין אונדזערע באַדינגונגען. זאָלן קומען די

נביאים, די חכמי התלמוד, אַלע, אַלע, לאָמיר זיי זען אין אונדזער אַקטועלך הײַנט מיט אונדז צוזאַמען און לאָמיר לערנען פון זיי ווי צו לעבן הײַנט. תורת חיים דאַרפן מיר. איך פלעג אויך זאָגן מײַנע תלמידים: אין אַלע פּראָבלעמען פון אונדזער לעבן בין איך געוווינט צו פרעגן מײַן אַלטע, אַלטע קלוגע באָבע וואָס איז שוין פיר טויזנט יאָר אַלט... זאָל אויך אָט די אַרבעט וועגן ירמיהו זײַן אַ צושטייער צו אונדזער אַקטואַליזאַציע־סיסטעם צו פאַרשטיין אונדזער הײַנט דורך דער געשיכטע. און זאָל דער נביא ירמיהו אונדז לערנען הײַנט אויך ווי צו לעבן און ווי צו בויען אונדזער לעבן.

# תקופות און דערציִונג

פאָלק איז לגמרי גאָר נישט אַזאַ איינפאַכער באַגריף ווי מען מיינט על פּי רוב. עס איז נישט קיין סכום מענטשן פון איין אָפּשטאַם, אָדער אַנדערע סימנים וואָס מען גיט אָן — שפּראַך, רעליגיע, טעריטאָריע, וכדומה. די אַלע סימנים זענען אָפּשטאַמיקע, סעקונדערע, זיי שטאַמען פון דעם געמיינזאַמען אינעווייניקסטן כאַראַקטער, געמיט, געדאַנקען־וועלט און אַלע אַנדערע אַנטראָ־פּאָלאָגישע אייגנשאַפטן וואָס האָבן זיך אויסגעאַרבעט אין משך פון אָנצאָליקע דורות. און אָט די אינעווייניקסטע פאַקטאָרן זיי באַשטימען שוין אויך די צוקונפט פון פאָלק, זיינע גורלות אויף ווייטער. אויך קולטור פון אַ פאָלק איז לגמרי נישט אידענטיש מיט דעם סכום ביכער, קונסטווערק, מוזיק וואָס אַ פאָלק פאַרמאָגט, מיט זיינע מוזייען, טעאַטערס וכדומה. דאָס זענען אויך נאָר פּראָדוקטן פון דער קולטור וואָס אַ פאָלק פאַרמאָגט אין זיין גייסט, אין זיין לעבן, אין שטייגער, אין זיין פאָלקלאָר. מען קען זיך פאָרשטעלן אַ פאָלק מיט אַ רייכער אינעווייניקסטער קולטור, וואָס איז אָבער נישט געקומען צום אויס־דרוק אין שריפטן און אזוי אויך פאַרקערט — אַ סך שריפטן, און דאָך ווייניק קולטור, ווייניק פון דעם וואָס עס איז דאָ אין די שריפטן אַרויסגעוואַקסן פון פאָלקס אינעווייניקסטער קולטור, פון זיין נשמה. יעדער מענטש איז אַזוי רייך ווי עס איז זיין נשמה, זיין גייסט און אַזוי אויך מיט אַ קאָלעקטיוון איינס, מיט אַ פאָלק. די קולטור איז אין דעם פאָלק, אין זיין לעבן און אין זיין גייסט. דאָס וואָס מיר לערנען און לייענען, דאָס זענען די פּראָדוקטן פון דעם פאָלקס קולטור. די עצם קולטור אַליין איז אינטים, אינעווייניק, ווי די נשמה. עס איז גרינג אונטערצושיידן איין מיןביימער פון דעם צווייטן, אָבער ווו איז דער פאַכמאַן וואָס זאָל קענען דערקלערן פאַרוואָס איין עפּלבוים גיט זיסע עפּל און אַ צווייטער — זויערע? ווו ליגט אין בוים די פאָרעם אויסצופאָרעמען דווקא אַזוינע בלעטער און נישט קיין אַנדערע? און ווו נעמט דער בוים אַ לוח ווען ער דאַרף אָנהייבן צו בליִען? ווען ער דאַרף עפענען זיינע קנאָספּן און ווען ער דאַרף אָנהייבן אַראָפּצוואַרפן זיינע אַלטע בלעטער? ווו ליגט ביים בושעל דאָס וויסן די געאָגראַפישע וועגן פון זיין פליִען צו קענען געפינען זיין

אַלטע נעסט און ווער זאָגט אים זיין צייט צו קומען? דאָס אַלץ זענען אינע־וויניקסטע אייגנשאַפטן. מיר זעען נאָר די תולדות, די פּרוכט און די גאַנצע קולטור פון אַ פאָלק וואָס מיר קענען וויסן, שטודירן, לערנען — דאָס אַלץ זענען די פּרוכטן פון דער אינעווייניקסטער קולטור, וואָס זי שאַפט. מיר קע־נען געניסן די פּרוכטן פון אַ גאָרטן, אָבער דעם ספּעציפישן שעפערישן כוח פון די ביימער אין גאָרטן — דאָס איז שוין צו אינטים, אינעווייניק, — מיר זאָלן עס קענען דעפינירן.

ביי אונדז איז פאַראַן אַן אַלטער אויסדרוק פאַר די אונטערשיידן. עס איז דער נגלה און דער נסתר פון אַ קולטור. נגלה איז דאָס אַלץ וואָס מיר קענען זען, מעסטן און וועגן, וואָס מיר קענען לערנען און וויסן. דעם נסתר, דאָס וואָס עס איז „סמוי מן העין", פאַרבאָרגן פון אויג — דאָס קענען מיר דירעקט נישט באַנעמען, מיר קענען עס דערקענען נאָר לויט די פּרוכט. דער נגלה זאָגט פאַר אונדז עדות אויף דער נסתר, וואָס פון אים שפּראָצט ער אַרויס. שעפעריש איז אַ מענטש ווען דער נסתר אין אים איז רייכער פון זיין נגלה. שעפעריש איז אַ פאָלק ווען זיין נסתר, אָדער זיין תורה שבעל פה, אָט די גאַנצע שטייגערישע, אַנגענומענע אין פאָלק זיטן, פירונגען, איז רייכער און פילזייטיקער פון זיין נגלה, פון זיין קולטור שבכתב, פון דעם פאַרשריבענעם און שוין פיקסירטן און באַשטימטן. אָט ווי עס שטייט אין פּרק — דער וואָס זיינע מעשים, זיין שטייגער און פירונג זענען מער פון זיין תורה, פון זיין וויסן, — ביי דעם וועט די חכמה (דאָס וויסן) בלייבן. און פאַרקערט.

קולטור איז קיין מאָל נישט סטאַטיש; אָט דאָס און דאָס פאַרמאָגן מיר און דאָס איז געענדיקט. דאָס און דאָס איז פאַר אונדז די גאַנצע קולטור, די גאַנצע תורה און ווייטער ווילן מיר נישט. דאָס איז פאַלש און שעדלעך. סטאַטיש איז בלויז דאָס וואָס עס איז טויט; פאָסילן זענען סטאַטיש. דאָס וואָס לעבט מוז זיך ענדערן. מיר קענען האָבן די ירושה פון געשטאָרבענע פעלקער — די קולטור־פּרוכט פון יענע פעלקער, מיר קענען געפינען די סקעלעטן פון פרע־היסטאָרישע באַשעפענישן. אָבער דאָס אַלץ איז שוין מער נישט קיין קול־טור, מער נישט קיין לעבן. לעבעדיקע קולטור מוז זיין אין אַ כסדרדיקן פּראָ־צעס. און ווי אַלץ וואָס לעבט האָט אויך קולטור איר פעריאָד פון וואַקסן, פון צייטיקייט און פון ירידה. אַלץ אין דער וועלט ענדערט זיך לויט תקופות. די געאָלאָגישע געשיכטע פון דער ערד האָט אירע תקופות. און איטלעכע פון זיי טיילט זיך ווידער אין אין פעריאָדן, סוב־תקופות. געווען אַ צייט, ווען מען האָט געמיינט, אַז די דאָזיקע געאָלאָגישע תקופות האָבן זיך געביטן דורך קאַטאַסטראָפעס, מיט איין מאָל. ערשט אַ סך שפּעטער האָט מען גענומען איינ־

זען דעם בהדרגהדיקן איבערגאַנג פון תקופה צו תקופה, אין משך פון גאָר לאַנגע צייטן.

אויך די מענטשלעכע געשיכטע גייט תקופותוויז. פאַראַן פאַרשיידענע טעאָריעס וועגן דעם. מיר וועלן דאָ אָנמערקן נאָר איינע: ווייסן מיר די עפּאָכע פון טייך־קולטורן (פרת־חדקל און נילוס), די עפּאָכע פון ים־קולטור, און איצט די עפּאָכע פון אָקעאַנען־קולטורן. מען רעדט אַפּט וועגן דעם אונטערגאַנג פון דער אייראָפּעישער קולטור, און זי זאָל פאַרביטן ווערן מיט דער קולטור פון אַנדערע ראַסן.

די פעלקער וואָס צווישן זיי לעבן מיר האָבן זייער קולטור פון איין תקופה. די תקופה פון זייער קולטור קען זיך ציִען לאַנג אָדער קורץ, אָבער נישטאָ ביי זיי קיין ענדערונג פון תקופות. פאַרקערט איז עס ביי אונדז. מיר האָבן שוין דורכגעמאַכט עטלעכע תקופות און ווער קען וויסן וואָס עס וועט נאָך אונדז אויסקומען דורכצומאַכן.

דאַכט זיך, אַז דער ערשטער וואָס האָט אָנגעוויזן אויף אומבייט פון תקו־פות ביי אונדז איז געווען ר׳ נחמן קראָכמאַל אין זיין „מורה נבוכי הזמן״. שפּעטער האָט דובנאָוו אַנטוויקלט זיין טעאָריע פון אומבייט פון העגעמאָניעס. איין העגעמאָניע־שבט גייט אונטער מיט זיין קולטור און עס קומט אָן אַ צווייטער מיט אַ נייער קולטור. אייגנטלעך האָט עס נאָך די גמרא געזאָגט, אַז „עד ששקעה שמשה של ארץ־ישראל זרחה שמשה של בבל״. און בבל האָט בפירוש געמיינט נישט סתם אַ המשך פון ארץ־ישראל, עס איז נישט געווען אַ מין איבערנעמען אַ ירושה־רינג פון אַן עלטער־באַבען, עס איז אין תוך אַריין געווען גאָר אַ נייע, אַן אַנדערע קולטור. פּונקט אַזוי ווי קינדער ירשענען די עלטערן אָבער זיי זענען נישט קיין קאָפּיע פון זייערע עלטערן. עס זענען נייע קולטורן מיט נייע פאָרמען פון לעבן און נייע שאַפונגען. זיי האָבן נאָר איבערגענומען און איבערגעשאַפן די קולטור פון די פריערדיקע תקופות. אַט דער איבערגאַנג פון תקופה צו תקופה, פון קולטור צו קולטור איז פאַר זיך אויך אַ דויערנדיקער פּראָצעס. יעדע תקופה האָט דאָך אירע דריי פּעריאָדן: אויפוואַקס, צייטיקייט און אונטערגאַנג. קומט עס ביי אונדז פאָר, אַז די ירידה פון איין תקופה פאַלט צונויף מיט דער עליה פון דער נייער קולטור, פון דער נייער תקופה. דאָס איז אַ מין „בין הזמנים״ (ריכטיקער וואָלט געווען „בין התקופות״). מען האָט גענוצט דעם טערמין „על פרשת דרכים״ (אחד־העם), אָבער עס מיינט אייגנטלעך דאָס זעלביקע: די ירידה פון קולטור, פון איין תקופה און די עליה פון דער נייער קולטור, פון דער נייער תקופה. עס בייט זיך על פי רוב אויך דער טרעגער פון די קולטורן, דער „העגעמאָן״־שבט. נאָר אַ דאַנק דעם כסדרדיקן אומבייט פון תקופות און קולטורן האַלט זיך

אונדזער פאָלק לענגער פון אַלע אַנדערע. ווי די גמרא דריקט עס לאַקאָניש אויס: „צדקה עשה להם הקב״ה שפיזרם לבין האומות״.

אָט דער אומביייט פון תקופות און קולטורן איז ביי אונדז קיין מאָל נישט געווען קיין רויקער, קיין שלומדיקער. דער „בין הזמנים״ צווישן תקופות איז אַלע מאָל געווען אַ צייט פון קריגערייען, פון מחלוקתן, דיסקוסיעס און אַפילו פון מילחמות. אָט דער פלאָנטער רופט זיך אויף העברעיִש „מבוכה״ און די דורות זענען נבוכים. שטייט טאַקע אין חומש נאָך אַז ביי דעם איבערגאַנג פון מיצרים קיין כנען זענען דעמאָלט די ייִדן געווען נבוכים. האָט דער איבערגאַנג פון דער תנ״ך־תקופה צו דער תלמודישער תקופה זיך אויסגעצייכנט מיט די קריגערייען צווישן די פּאַרטייען־פּרושים און צדוקים און אַנדערע. מען האָט זיך גאָר שטאַרק געקריגט ביז די צדוקישע פּאַרטיי איז אונטערגעגאַנגען מיט איר קולטור און מיט אירע ספרים („ספרי צדוקים״ ווערן דערמאָנט אין דער גמרא). אין אַן ענלעכער צייט פון אַן איבערגאַנג האָט דער רמב״ם געשריבן זיין „מורה נבוכים״— דער לערער פאַר די בלאָנדזשענדיקע. ריכטיקער וואָלט געווען אַפילו: „דער פירער פון די צעטומלטע״. און גאָר אין אָנהייב פון אונדזער היינטיקן איבערגאַנג האָט עס צונץ אָנגערופן דאָס ווערק פון רנ״קן „מורה נבוכי הזמן״ (רנ״ק אַליין איז שוין געווען עלף יאָר טויט). עס איז נאַטירלעך: די אַלטע קולטור, די פון דער פריִערדיקער תקופה וויל קיין מאָל נישט אָפּטרעטן איר אָרט. די נייע גרייפט אָן פון אָנהייב גאַנץ שוואַך, עס געדויערט תמיד אַ גאַנץ היפשע צייט ביז די קולטורן ענדערן זיך, ביז די תקופות בייטן זיך. ביי אונדז אָבער זענען ווייט נישט אַלע מאָל געווען די איבערגאַנגען נאַטירלעכע, בהדרגהדיקע. אַזוי ווי מיר האָבן די גרעסטע טייל פון אונדזער געשיכטע געלעבט אין גלותן, אָפּהענגיק פון אַנדערע פעלקער, האָבן מיר דורכגעמאַכט מער ענדערונגען, מער תקופות. און אַ טייל פון זיי זענען געווען טאַקע אויך קאַטאַסטראָפאַלע.

## די תקופות אין אונדזער געשיכטע

וויל איך צעטיילן אונדזער געשיכטע עטוואָס אַנדערש ווי דאָס האָבן גע־טאָן רנ״ק און אויך דובנאָוו. אונדז גייט דאָך איבערהויפּט אין דער קולטור, וועלן מיר זיך רעכענען מיט דעם איבערגאַנג פון קולטורן.

רעכן איך אָט די תקופות: די ערשטע תקופה וואָס מיר ווייסן איז די תנ״ך־תקופה.

עס זענען זיכער געווען נאָך פריִערדיקע קולטורן, נאָר זיי האָבן נישט געלאָזן קיין שפורן, קיין פרוכט. יעדער „תורה שבכתב״ מוז אַרויסוואַקסן פון

אַ פּריִערדיקער תּורה שבעל פּה. יעדער נגלה מוז אַרויסקומען פון אַ נסתר, יעדע פּרוכט וואַקסט אויס אויף אַ בוים, פון אַ באָדן. די תּקופה גייט אַוועק, די פּאָסילן אירע בלייבן. זיכער איז די גמרא גערעכט, אַז אברהם אָבינו האָט מקיים געווען אַ גאַנצע תורה (צי טאַקע די תורה — אין דעם מעג מען ספקן, אָבער אַז עס איז געווען אַ תורה שבעל־פּה פריִער פאַרן חומש — דאָס איז קיין ספק נישט. (וועגן דעם ביי א. ה. ווייס אין דער הקדמה צום „דור דור ודורשיו”). דער תנ״ך, די ספרים פון תנ״ך זענען די פּרוכט פון יענער קולטור שבעל־פּה, וואָס זענען געבליבן ביי אונדז, אַ דאַנק דער זאָרג פון די ווייטערדיקע תּקופות, הגם דער נסתרדיקער מקור פון דער תנ״ך־קולטור איז שוין דעמאָלט לאַנג אַריבער, און די ווייטערדיקע קולטור־תּקופה האָט דעם תנ״ך אַריינגעקנאָטן אין איר קולטור. דער „ריינער” תנ״ך, אָן זיינע פאַרטייטשונגען און אויסטייטשונגען, און אַרויסטייטשונגען, וואָלט בשום אופן זיך נישט איינגעהיט אָדער, סיידן ווי אַ פּאָסיל, עלעהיי ביי די אַנדערע פעלקער.

די צווייטע קולטור־תּקופה איז די תלמודישע. זי צעטיילט זיך אויף צוויי גרויסע סוב־תּקופות: בבל און אשכנז. די אשכנז־סוב־תּקופה ווידער צעפאַלט זיך ווידער אויף צוויי פּעריאָדן: אשכנז און מיזרח־איראָפּע. אין דעם לעצטן פּעריאָד זענען פאַראַן דריי צייטן. די צייט פון שטעטל. די צייט פון שטעטל און שטאָט און די צייט פון שטאָט און שטעטל. מיר וועלן באַטראַכטן יעדער צייט באַזונדער. און איצט, נאָכן קאַטאַסטראָפאַלן חורבן פון מיזרח־איראָפּע טרעטן מיר אַריין אין גאָר אַ נייער תּקופה, וואָס מיר האָבן נאָך קיין מאָל אַזאַ נישט געהאַט, נישט דורכגעלעבט. דאָס איז די איצטיקע ריין אורבאַנישע תּקופה. און ווייל דער איבערברוך איז געקומען מיט איין מאָל, מיר האָבן דאָס שטעטל נישט אויסגעלעבט נאָרמאַל, נאָר עס איז אונדז חרוב געוואָרן נאָך איידער זי האָט זיך נאַטירלעך געענדיקט, איז דערפאַר די מבוכה, אונדזער צעטומלונג אַ סך גרעסער, שטאַרקער און מיר ווייסן נישט וווהין גייט אונדזער וועג אין דער צוקונפט אַריין? די אורבאַנישע תּקופה האָט נישט באַוויזן נאָרמאַל, בהדרגה אַריינצונעמען, צו ירשנען, צו אַסימילירן די פריִערדיקע תּקופות. אין דעם איז די סכנה פון נישט קענען אויפבויען די ייִדישקייט פון דער אָנקומענדיקער תּקופה.

***

און דאָס איז דער וועג פון יעדער קולטור אין לעבן פון אַ פאָלק: בראשית קומט דאָס פּשוטע לעבן. איטלעכע קולטור הייבט זיך אָן פון פּשוטן שטייגער. אַט אַזוי לעבט מען, אַט אַזוי פאַרברענגט מען און אַט אַזוי פירן זיך ייִדן. נישט געטראַכט און נישט געשאַצט, יאָ גוט אָדער נישט גוט — מנהג בלייבט

מנהג. דער סכום פון די פירונגען און מנהגים איז דער שטייגער. דער שטייגער און זיין קולטור ווערן באַגלייט מיט עמאָציעס אָבער נישט מיט וויסן און נישט מיט דעפיניציעס. שטייגער־קולטור ליגט טיפער פון דעם וויסן, טיפער פון געדאַנק. אַ בוים וואַקסט, אַ קינד לעבט און וואַקסט. און אַזוי אויך אַ פאָלק. דאָ הערשט דער נסתר, עס איז זיין סטאַדיע. פון דעם וואַקסט אַרויס די באַוווּסטזיניקע קולטור, די פּרוכטן פון דעם שטייגער. דאָס איז די ליטעראַטור, פּאָעזיע, קונסטן און געזעלשאַפטלעכקייט צו אָרגאַניזירן די קולטור אין דער מדרגה. דאָס איז דער „נגלה" פון דער קולטור. ווי דער נסתר אַזוי אויך דער נגלה זענען דוויערנדיקע פּראָצעסן אין לעבן. דער נגלה הייבט זיך אָן מיט אַנאָנימע פאָלק־שאַפונגען אויף אַלע געביטן. צו זיי דאַרף מען נאָך צורעכענען די בעלי־מלאכה מיט זייער אַרבעט, דעם גאַנצן פאָלקלאָר אויך. אויף דער מדרגה פון שטייגער־קולטור איז שוין אויך פאַראַן אַ דערציִונג. שפּעטער קומען די שעפערישע יחידים, די מייסטער פון קולטור און זיי הייבן אַרויף קולטור אויף אַ העכערער שטופע ביז צו אוניווערסאַלער הייך; עס ווערט װערטפול פאַר אַלע, פאַר דער גאַנצער מענטשהייט. אויף דער מדרגה האָט שוין די דערציִונג אויך גאָר אַ העכערע פונקציע: זי דאַרף דורך דעם פּראָצעס פון דערציִונג און באַלערנונג אַריינפירן די קולטור פון פאָלק אין דער נשמה פון די אינדיווידן־קינדער; די שאַפונגען און דעם פאַרמעגן פון כלל־פאָלק אַריינגעבן אין דער נשמה פון די יחידים; דורך דעם באַוווּסטזיין אין דעם אונטערבאַוווּסטזיין, דורך דעם לערנען אין שטייגער אַריין, אין דעם אויפפיר. דורך דעם ווערט דער יחיד אַן אָרגאַנישער טייל פון כלל, אַ גליד פון זיין פאָלק, באַהעפט און אידענטיפיצירט מיט דעם פאָלק אָן ספיקות, אָן פּראָבלעמען. דעם פאָלקס שטייגער איז זיין שטייגער, דעם פאָלקס קולטור איז זיינע, דעם פאָלקס געדאַנקען זענען אויך זיינע. יעדער בוים אין וואַלד איז אַ טייל פון וואַלד, יעדער טראָפּן אין ים איז אַ טייל פון ים. און יעדער איינציקער ייִד טראָגט אין זיך די גאַנצע ייִדישקייט. כל ישראל מיינט ווי אַלע ייִדן אַזוי אויך יעדער ייִד. עס קענען קומען ביידע טייטשן צוזאַמען: יעדער ייִד באַזונדער איז „כל ישראל" און אַלע ייִדן צוזאַמען זענען אויך „כל ישראל", ווייל יעדער ייִד טראָגט אין זיך גאָר די ייִדישקייט אין איר צימצום.

דאָס איז דער זינען און דער באַטייט פון די קולטור־צירקולאַציעס אין לעבן פון אַ פאָלק: פון לעבן־שטייגער אין דער קולטור און פון דעם צוריק אין שטייגער אַריין. פון נסתר אין נגלה אַריין און פון נגלה צוריק אין נסתר; פון דעם קאָלעקטיוון לעבן אין באַוווּסטזיין פון דעם יחיד און דורך דעם זאָל דער יחיד אַריינגעגלידערט ווערן אין דעם קאָלעקטיוון לעבן פון זיין פאָלק.

האָט די קולטור פון דער תנ"ך־תקופה דורכגעמאַכט די גאַנצע נאָרמאַלע

אַנטוויקלונג דורך אַלע סטאַדיעס. עס איז געווען אַ שטייגער. ריכטיק איז דער זאָג פון גמרא, אַז אברהם אבינו האָט מקיים געווען די גאַנצע תורה (אפשר אין אַן אַנדער זינען ווי די גמרא מיינט עס, אָבער אין תוך איז עס טאַקע אַזוי). אין די ערשטע ספרים פון תנ״ך ווידער, זענען זייער בולט קענטיק די סימנים פון אַנאָנימער פאָלקישקייט, פאָלקס־מעשיות און באַגריפן. שפּעטער ווערן אַלץ שטאַרקער די אינדיווידואַליסטישע שאַפונגען. און דאָ האָט זיך אָנגעהויבן די זאָרג אַריינצופירן די „תורה״ — די שאַפונגען פון כלל אין וויסן און אין געפיל פון יחיד, די דערציִונג.

די גאַנצע תנ״כישע תקופה פאַלט צונויף מער־ווייניק מיט דער תקופה פון בית־ראשון, אָבער נישט עקזאַקט. זי האָט זיך אַריינגעצויגן גאַנץ היפּש אין די צייטן פון בית־שני. און דאָ איז געקומען צו אַ קאָנפליקט צווישן דער אַלטער קולטור (תנ״ך) מיט דעם אַקטועלן לעבן. די שפּראַך איז שוין געווען אַ צווייטע, אַ יידישע שפּראַך, ווי אַלע שפּראַכן איז אויך די געווען איבער־געשאַפן, אַדאַפּטירט און איבערגעמאַכט אין גייסט פון פאָלק און פון דער צייט. דער שטייגער איז שוין אויך געווען אַן אַנדערער, גאָר נישט דער וואָס אין דער תנ״ך־צייט; אַנדערע זענען געווען די באַגריפן וועגן וועלט און גאָט. פון דעם נייעם שטייגער זענען אַרויסגעוואַקסן אַלץ נייע און נייערע פאָרשטע־לונגען און באַגריפן, נייע שאַפונגען, ווידער פאָלקישע, אַנאָנימע, אַ פאָלקלאָר, זיטן און מנהגים. דער תנ״ך האָט שוין דאָ נישט אַריינגעפּאַסט זיך. ער איז שוין געווען צו ראַפינירט, יחידיש צו הויך, דער נסתר וואָס פון אים איז דער תנ״ך אַרויסגעוואַקסן איז שוין לאַנג נישט געווען, דורך דעם תנ״ך האָט שוין מער אַ יחיד נישט געקאָנט אַריינגיין אין קאָלעקטיוו פון לעבעדיקן פאָלק, צוריק אַריינקומען אין דעם נסתר פון פאָלק: דער פאָלקישער כאַראַקטער פון תנ״ך איז שוין לאַנג געווען אויסגעלעבט, דער פאָלקישער קאָלעקטיוו האָט שוין געלעבט גאָר אַן אַנדער לעבן פון אַן אַנדער תקופה. האָט שוין דער תנ״ך נישט געשטימט מיט דעם גייסט און מיט דעם מהות פון פאָלק. אָט־דאָ האָט זיך אָנגעהויבן די „מבוכה״, דער פּלאָנטער פון איבערגאַנג פון איין תקופה צו דער צווייטער, פון דער תנ״כישער צו דער תלמודישער. שיין און פאַרהייליקט זענען געווען די ספרים פון תנ״ך, אָבער צו אינדיווידועל, צו ווייניק פאָלקיש. דורך זיי איז שוין געווען שווער (אָדער אוממעגלעך) זיך אַריינצוגלידערן אין דעם קאָלעקטיוו פון לעבעדיקן פאָלק. זענען אויפגעקו־מען צוויי ריכטונגען:

א) אָנהענגער פון דער פּערפעקטער, אַלטער ליטעראַטור — דער תנ״ך — וואָס איז שוין געווען אָפּגעריסן פון לעבן. דאָס זענען געווען די צדוקים, און

ב) די וואָס האָבן געצויגן צו דעם נייעם פאָלקסטימלעכן שטייגער, וואָס

האַלט אין וואַקסן, צו דעם פאָלקישן, וואָס איז טאַקע פרימיטיווער, אָפט אַפילו האַמעטנער, אָבער פאָלקיש אין לעבן פון לעבעדיקע פאָלקישע קאָלעקטיוון. טייער און הייליק איז די תורה, קיין פראַגע נישט! אָבער עס איז וויכטיקער און נייטיקער צו פאַרנעמען זיך מיט דעם פאָלקישן. הייליק און געטלעך איז די תורה! זיכער, אָבער נאָר אויף וויפל מען קען זי אַריינפלעכטן, אַריינ־לערנען, אַריינדרשענען, אַריינפלעכטן אין דעם נייעם לעבן. פון תורה איז גע־וואָרן תלמוד־תורה. דאָס איז געווען דער גאַנג פון די פרושים. האָבן זיי מיט גוואַלד אָפגעשניטן די תנ"כישע שאַפונג. נאָר פיר און צוואַנציק ספרים און ווייטער נישט. אָפגעוואָרפן, אויסגעשלאָסן, באַזייטיקט. אויך וועגן די גע־בליבענע האָט מען געפירט מחלוקות און דיסקוסיעס צי מען זאָל אַריינגעמען אָדער נישט. מיר ווייסן פון דער גריכישער איבערזעצונג פון די ספרים וואָס זענען דורך זיי יאָ אָנגענומען געוואָרן און די פרושים האָבן זיי באַזייטיקט (כתובים אחרונים). עס זענען געווען נאָך ווערק אָבער וואָס זענען אויך צו זיי נישט דערגאַנגען. אין תנ"ך גופא ווערן דערמאָנט נאָך ספרים. די אויס־געפינסן ביים ים־המלח זענען מסתמא רעשטלעך פון יענע פאַרלאָרענע ספרים. אויך די יאָ אָנגענומענע האָט מען יאָ געלערנט, אָבער נישט קיין סך. וויכטי־קער איז פאַר זיי געווען זיך צו פאַרנעמען מיט די ענינים וואָס זיי האָבן גע־שאַפן אין זייער צייט און פון זייער אַקטועלן לעבן. אין דער תלמודישער לי־טעראַטור זענען פאַראַן אַ סך ערטער ווו דער געדאַנק ווערט געזאָגט אָפן. דער געדאַנק פון די אַלע מימרות איז געווען אַז דער קיום פון ייִדישן פאָלק הענגט אָפּ נישט פון לערנען די פיקסירטע, שוין קאַנאָניזירטע תורה (שבכתב), נאָר די וואָס איז נאָך אין פראָצעס פון ווערן, זי איז נאָך אין מויל פון פאָלק (בעל פה), מיר רופן עס איצט פאָלקלאָר. דעמאָלט האָט זיך דער פאָלקלאָר אויך פאַרנומען מיט פעסטשטעלן דעם שטייגער פון לעבן, היות דער גאַנצער שטייגער פון דער פריערדיקער תקופה האָט נישט געקאָנט אָפגעהיט ווערן אין דעם נייעם לעבן. דאָס איז געווען דער אינהאַלט פון דער גאַנצער גייס־טיקער טעטיקייט, פון דעם לערנען, פון דער הלכה און אגדה.

און אַזוי האָט זיך איינגעשטעלט די נייע תקופה — די תלמודישע. אי־בערהויפט נאָך דעם חורבן ווען פון די צדוקים — די אָנהענגער פון דער פיקסירטער תורה שבכתב, פון דעם תנ"ך און די קעגנער פון אַקטועל־פאָל־קישן שטייגער און קולטור, איז קיינער און גאָרנישט געבליבן.

**
*

אין אָט דער תלמודישער תקופה, אין איר אָנהייב האָט זיך אַנטוויקלט אַ קאָמפּליצירטע און אַ פעסטע געזעלשאַפטלעכע סיסטעם פון דערציִונג. דאָס

איז זיכער געװען די ערשטע אָרגאַניזירטע דערציִונג־סיסטעם. מיר װעלן זיך דאָ נישט אָפּשטעלן אויף די יסודות פון דער סיסטעם. זי האָט אָבער באַװאָרנט די אייביקייט פון יידישן פאָלק. דאָס איז געשען אַ דאַנק דעם פּרינציפּ פון פאַר־לער קולטור־צירקולאַציע: פון פאָלקישן שטייגער צו דער פאַרפאָלקאָמונג אין לערנונגען (אין תורה) און פון דאַנען צוריק אין פאָלקס לעבן.

די תקופה איז אויך געקומען און זיך פּערפעסטיקט און אויפגעהיט מיט איר אייגענער יידישער שפּראַך — אַראַמיש. דער נאָמען איז אַראַמיש, אָבער זי איז געװאָרן אַ יידיש לשון, נישט װייניקער װי די פריִערדיקע שפּראַך, פון דער ערשטער תקופה — פון העברעיִש. זי איז אַריינגענומען געװאָרן אין תנ״ך און דיסקוסיעס, אין אָפּפרעגונגען, אין דאַװנען, אין לערנען; דאָס פאָלק, װאָס האָט שוין גאָר אָפּט קיין העברעיִש נישט פאַרשטאַנען אָפּילו האָט אָפּגעהיט זיין אַ־דערשקייט, און אָפּגעזונדערטקייט פון אַנדערע פעלקער, טאַקע מיט דער שפּראַך, מען האָט זי געשריבן מיט דעם אייגענעם יידישן אלף־בית; אין איר איז געלעגן אָנגעשפּייכלערט דער גייסט פון יידישן לעבן און פון לעבעדיקן יידישן פאָלק, און דערפאַר איז די שפּראַך געװאָרן אויך די שפּראַך פון דער אינטעליגענץ, די שפּראַך פון דער קולטור און פון דער רעליגיע, פון לערנען און פון דאַװנען. די אינטעליגענץ איז נאָכגעגאַנגען דעם פאָלק. אגב, דער נאָמען „עברית״ איז צוגעטראַכט. אין תנ״ך איז דאָס װאָרט נישטאָ. די שפּראַך פון יידן הייסט „יהודית״ — יידיש. אין תלמוד איז „עברית״ גאָר אַ פרעמדע שפּראַך (לשון עבר הנהר). ערשט שפּעטער, טאַקע אין דער תלמוד־תקופה, איז געקומען דער „לשון הקודש״ — די שפּראַך פון הייליקייט. נישט לשון קדושה — די הייליקע שפּראַך, נאָר די שפּראַך פון הייליקייט.

און דאָס זענען די מדרגות פון קולטור אין יעדער תקופה: פאָלקישע מדרגה, נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע. אין דער ערשטער, פאָלקישער מדרגה, איז דאָס דער פּשוטער װאָכעדיקער שטייגער און אַלערליי אויסדרוק־פאָרמען אין פאָלק, װי דאָס פאָלק לעבט און עס דריקט אויס זיין געפיל פון איבער־לעבונג. אויף דער מדרגה איז די גאַנצע קולטור אָפּהענגיק פון אָרט און פון צייט, אַלץ איז לאָקאַל, אַלץ איז נאָר אַקטועל, אין דער געגעבענער צייט. אין דעם ראַיאָן, אין דעם שטעטל פּירט מען זיך אַזוי, זאָגט מען אַזוי. מיט דער צייט װערט פון דעם פאָלקישן, פאָלקלאָריסטישן מאַטעריאַל אַ סך פאַרלאָרן. נאָר אַ קלענער טייל בלייבט אין זכרון פון פאָלק, אָבער שוין נישט בלויז אין אין געגעבענעם ראַיאָן, שוין מער נישט לאָקאַל און שוין מער נישט פאַר־בונדן מיט אין צייט־אָפּשניט, מיט אין פּעריאָד. דאָס איז די נאַציאָנאַלע מדרגה. די קולטור װערט דער קנין פון גאַנצן פאָלק, פון דער נאַציע װי אַזאַ. איבערהויפּט אויף דער מדרגה װערט די קולטור אויך אַ טעמע פאַר דעם

קינסטלער אינדיווידועל. די קולטור וואָס איז פריִער געווען נאָר בעל־פה, ווערט איצט אַ קולטור שבכתב. פון איין זייט הערט זי אויף צו זיין „אין מויל פון פאָלק", בעל פה, זי איז שוין נישט מער אַ פּראָדוקט פון פאָלקס־מענטש, פון דעם עם־הארץ, וואָס זיין גאַנצע קולטור האָט ער דירעקט פון שטייגער און דירעקט בעל־פה. דערפאַר אָבער ווערט אָט דער פשוטער, עם ארצישער, פאָל־קישער אינהאַלט באַאַרבעט, געשליפן, פון רויען שטיין ווערט אַ דימענט; פון פשוטע ציגל ווערט אַ בנין און ווי אַזאַ באַאַרבעטע, איבערגעשאַפענע קולטור־ווערט עס איצט ליב און טייער, עס ווערט הייליק, עס ווערט אַ טייל פון דער רעליגיע. דאָס איז די דריטע, די העכסטע מדרגה פון קולטור ביי ייִדן. און ווי אַזאַ — ווי אַ רעליגיע־עלעמענט ווערט עס צוריק געבראַכט אין לעבן פון פאָלק. דאָס איז דער זינען פון דעם טאָפלטן קרייז פון דער קולטור־צירקו־לאַציע: פאָלק־קולטור־פאָלק, און פאָלקיש־וואָכעדיק־נאַציאָנאַל־טייער און רע־ליגיעז הייליק.

אַזוי ווי ביי די אַנדערע פעלקער, וואָס מיר לעבן צווישן זיי האָט זייער רעליגיע נישט דעם פאָלקיש־נאַציאָנאַלן אָפּשטאַם, זי איז ביי זיי געקומען פון דער פרעמד, גאָר פון דעם ייִדישן גליל אַמאָל, איז ביי זיי געבליבן ביז היינט צו טאָג דער גאַנג פון רעליגיע באַזונדער, אָפּגעטיילט פון זייער נאַציאָנאַלן קולטור־שטראָם. און היות ווי מיר דענקען אָפט געדאַנקען פרעמדע, דערפאַר איז מען אָפט ביי אונדז אויך זיך טועה, און מיר נעמען נישט אַריין דאָס רע־ליגיעזע אין דעם גאַנצן, מאָניסטישן קולטור־שטראָם, וואָס איז ביי אונדז איינער.

האָט זיך אַזוי אָט־די אַראַמיש־תלמודישע תקופה געצויגן און פאַרפעס־טיקט אין ייִדישן לעבן און פאַרפעסטיקט דאָס ייִדישן לעבן ביז די העגע־מאָניע איז אַריבער קיין אשכנז.

## תקופת אשכנז

די גרויסע, די פילזייטיקע קולטור פון ספרד איז גלייך נאָכן חורבן גע־וואָרן אַ יורד און ביז היינט האָט זי נישט געשאַפן עפעס נייס, געבליבן עקר, און פאַלט ווי עטנאָגראַפיש, אַזוי אויך אין אַלע אַנדערע הינזיכטן. אויב עס זענען דאָ עטלעכע שעפערישע ספרדים, איז עס נאָר אונטער דער השפעה פון אשכנז. דער שבט פון דער „גאָלדענער תקופה" איז געוואָרן אַ פּאַסיווער שבט. און אויב ער האָט עפעס יאָ איבערגעגעבן דער קומענדיקער תקופה, האָבן די ירושה איבערגענומען אשכנזים, זיי פריִער.

פאַרוואָס? און ווי אַזוי? איכה — ווי אַזוי איז עס אַזוי געשען? צוליב

דרויסנדיקע סיבות? דרוק, צרות? פאַרפאָלגונגען? מיין איך, אַז מיט די „גליקן״ איז אשכנז אַלע מאָל געווען רייכער פון ספרד.

פּרוביר איך עס דערקלערן מיט גאָר אַן אַנדער פאַקטאָר. ווי שוין עטלעכע מאָל געזאָגט, איז דער נאָרמאַלער וועג פון קולטור אין איר צירקולאַציע: פאָלקישקייט, געפורעמטע קונסט און וויסן און צוריק אין פאָלקישן שטייגער אַריין. אָדער מיט אַנדערע ווערטער — פאָלקיש-נאַציאָנאַל-רעליגיעז הייליק. קומט מיר אָבער אויס, אַז אין ספרד האָט געפעלט דער ערשטער קולטור-עטאַפּ: אין דער גאַנצער פילאָסאָפיע און פּאָעזיע פון ספרד זעט מען נישט דעם פאָלקישן מקור. פון הינטער די גיגאַנטן-גאונים זעט מען נישט אַרויס דעם פשוטן המון עם, דעם עם-הארץ, די מאַסן מיט זייער מאַסן-לעבן. דאָס פאָלק איז ווי נישטאָ. און עס שטעלט זיך אַ פראַגע: צי איז די גאַנצע פּראַכטיקע קולטור אַרויסגעוואַקסן פון אונדזער פאָלקישן באָדן? צי האָט טאַקע די הויכע אינטעליגענץ געשעפּט דעם מאַטעריאַל פון פאָלקישע קוואַלן און עס געפורעמט אין זייער אינדיווידועלער קונסט פון וואָרט און געדאַנק? בכל אופן איז עס נישט קענטיק פון דעם גאַנצן אומגעהויער רייכן אוצר. צי ליגט נישט דאָ די סיבה פון דער ירידה? דער גרויסער רמב״ם, וואָס טאַקע לא קם כמשה, גרענעצט זיך אָפּט אָפּ פון דעם עם-הארץ מיט זיין „אמונת הטיפשים״. צי ליגט נישט דאָ די עבירה וואָס איר שטראָף איז די ירידה פון ספרד בכלל?

איך גיב עס אָן ווי מיינע אַ השערה, אַ היפּאָטעזע אַזאָ — איך בין צו ווייניק היסטאָריקער איך זאָל עס האַלטן פאַר אַן אַקסיאָמע.

אשכנז אָבער איז אַזוי ווי בבל אַמאָל אויך איצט געגאַנגען פון פאָלק און פון פאָלקישן אַרויס. האָט דער גרויסער ספרדי זיך פאַרמאָסטן צו פאַרשפּאָרן דעם פאָלק צו לערנען דעם תלמוד, אַ דאַנק זיין ענציקלאָפּעדיע („היד החזקה״) האָט דער באַשיידענער אשכנזישער וויינשענקער זיך פאַרמאָסטן און דורכגעפירט צו פאַרגרינגערן דאָס אַריינפירן דעם תלמוד אין לעבן פון גאַנצן פאָלק (רש״י). האָט נאָך פריער רבינו גרשום געזאָרגט איינצופלאַנצן אין גאַנצן פאָלק אַן אייגענעם, פאַרזיכיקן שטייגער, באַזירט אויף דעם תלמוד, אויף דער ירושה פון דער פריערדיקער תקופה.

איז טאַקע דערפאַר די יידישע געשיכטע און די יידישע קולטור אַוועק פון בבל קיין אשכנז. און אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן די אשכנז-תקופה. געווען בבל, תלמודיש אין גאַנצן, אָפּגעזונדערט, סעפּאַראַט פון דעם הויפּטפאָלק, געטאָ אָדער אויטאָנאָמיע, די ישיבות פאַרנעמען נישט אין פאַרגלייך אַ וויכטיקערן אָרט אין לעבן. דאָס פאַרשפּרייטן דעם תלמוד-תורה אין פאָלק. אויפן ערשטן אָרט ווידער ווי אין בבל פעסטשטעלן און פאַרפעסטיקן דעם אייגענעם פאַרזיכיקן שטייגער. אויב דער ספרדי ר׳ יהודה הלוי האָט געזוכט די פּרוכט

פון דער חכמה, איז עס געווען מער דווקא ביי די אשכנזים. זענען טאַקע די געטלעכע סליחות און תפילות פון רש"י נישט אין פאַרגלייך שוואַכער ווי די פון די ספרדישע דיכטער, אָבער דאָ, אין אשכנז איז פּאַרפעסטיקט געוואָרן דער קולטור־באָדן, די גאַנצע קולטור־ירושה אין פאָלק. און ריכטיק האָט מען געהאַנדלט וואָס מען האָט מער ענערגיע געלייגט אויף דער ירושה פון בבל ווי אויף דער ירושה פון ירושלים, מער אויף דעם תלמוד ווי אויפן תנ"ך.

שיין און גרויסאַרטיק איז דער תנ"ך. אָבער זיינע פאָלקישע וואָרצלען, דער פאָלקישער באָדן זיינער איז שוין לאַנג פאַרטריקנט, נישטאָ מער. די פרוכטן פון בוים זענען געבליבן, אָבער דער בוים אַליין איז שוין לאַנג פאַר־דאַרט און מען קען אים נישט אויפלעבן מער. מען קען פון תנ"ך נישט מאַכן מער קיין פאָלק־שטייגער. פון דער גמרא, וואָס איז נישט אין פאַרגלייך נענ־טער, און ער האָט נאָך טיילוויז געלעבט אין שטייגער, האָט מען יאָ געקאָנט פאַרפעסטיקן אַ יידישע פאַרזיכיקייט אין לעבן, אין שטייגער.

דערצו איז דאָך דער סאָציאַלער איינס געווען ווי פריער — דאָס אָפּגע־זונדערטע שטעטל. אַזוי אַרום, אַז מען קען טאַקע בבל און אשכנז רעכענען ווי איין תלמודיש־שטעטלשע תקופה מיט צוויי סוב־תקופות.

האָט אשכנז־תקופה אויך אַ נייע שפּראַך. אָבער זי איז לכתחילה געווען און געבליבן אַ פאָלקיש־יידישע. אַריינגעפּאַסט אין וואָכעדיקן יידישן שטייגער האָט זי געקראָגן דעם יידישן אלף־בית, זי האָט אַריינגענומען אַ שלל מיט לשון־קודשדיקע ווערטער פאַר אַלע באַגריפן פון אַלץ וואָס עס איז קודש ביי יידן.* די אויסשפּראַך און די גראַמאַטיק, איבערהויפּט דער סינטאַקסיס זענען צו־געפּאַסט געוואָרן צום יידישן טעם. דערמיט האָט „עברי־טייטש" און יידיש־טייטש אין גאַנצן איבערגעריסן מיט דער אָפּשטאַם־שפּראַך.

די נייע שפּראַך האָט לחלוטין נישט אָפּגעשאַפט די פריערדיקע צוויי יידישע שפּראַכן. עס איז אין לעבן און אין ספּעציפיש־יידישן שטייגער דאָ גענוג אָרט פאַר אַלע דריי שפּראַכן. פונקט ווי אַראַמיש אין איר צייט האָט נישט אָפּגעשאַפט די פריערדיקע לשון־קודש. פאַרקערט, האָט זי איינגעהיט די תנך־שפּראַך, וואָס איז געבליבן נאָר ביי די אַראַמיש־רעדנדיקע יידן, אַזוי האָט אויך איצט די דריטע יידישע שפּראַך לגמרי נישט פאַרמינערט דאָס אָרט און די ראָל פון די ערשטע, פריערדיקע צוויי — די שפּראַך פון תנ"ך און פון גמרא. נאָך מער: מען האָט אין גאַנצן פאַרשפּאָרט די שפּראַכן צו לערנען:

---

* זאָל דאָ אגב, געזאָגט ווערן, אַז די צאָל העברעיִשע ווערטער אין יידיש איז אַ סך גרעסער ווי די צאָל אַזוינע ווערטער אין אַראַמיש, אין תרגום־לשון, אין גמרא.

אַ שפּראַך וואָס עקזיסטירט אין לעבן דאַרף מען דאָך נישט לערנען אין קיין שולן. אין לעבן פון אשכנז איז דאָס „קודש" געווען אַן אינטעגראַלער טייל פון טאָג־טעגלעכן געברויך. אויף דעם לשון פון יידן אין אַמעריקע האָט עס געהייסן אַז דאָס מאַכן אַ לעבן (עקאָנאָמישע זאָרג) האָט פאַרנומען נאָר אַ טייל פון טאָג, און אַ גרויסן טייל פון טאָג האָט פאַרנומען דאָס „אויסלעבן זיך" אין רעליגיע, אין דער היים און אין בית־מדרש. דאָ האָט דאָס לשון קודש געהערשט אפשר מער ווי יידיש, בכל אופן צוזאַמען מיט יידיש. און דאָס וואָס לעבט דאַרף מען דאָך נישט לערנען אין קיין שולן. ענלעך איז עס אויך געווען בנוגע צו דער צווייטער יידישער שפּראַך — אַראַמיש. אַז אַ ייד — די מערהייט יידן — האָט געזאָגט „תרגום", לכל־הפחות אַלע שבת, אַראַמישע תפילות — אַלע טאָג, זמירות אַראַמישע (ספרד האָט קיין אַראַמיש כמעט נישט גענוצט). דערצו האָט מען דאָך גמרא געלערנט און תמיד דירעקט באַהעפט אַראַמיש און יידיש צוזאַמען. איז אויך די שפּראַך געווען נישט פרעמד. האָט מען נאָך געשאַפן געזאַנגען אין אַראַמיש לאַנג נאָך דעם ווי יידן האָבן שוין מער נישט גערעדט די שפּראַך. האָט שוין דעמאָלט אויך די דריטע שפּראַך גענומען אָננעמען זיך מיט קדושה אין דאַוונען, אין שטייגער.

די צווייטע מדרגה — די קינסטלערישע איבעראַרבעטונג פון שטייגערישער יידישקייט, די נאַציאָנאַלע מדרגה איז טאַקע אין אשכנז געווען נישט אין פאַרגלייך שוואַכער, נידעריקער ווי אין ספרד. האָט אשכנז נישט אַרויסגעבראַכט אַזוינע פילאָסאָפן, אַזוינע פּאָעטן ווי ספרד. אָבער די פאָלקישע באַזע, דער שטייגער פון דעם גאַנצן פאָלקישן מאַסיוו איז געווען פעסט, פאַרזיכערט יידיש.

איז אָבער די אשכנז־תקופה אונטערגעגאַנגען, אָפּגעשטאָרבן מיט אַ גיכן טויט, אין משך פון עטלעכע צענדליק יאָר גלייך מיט דער עמאַנציפּאַציע. און אשכנז איז דאָך געאָגראַפיש געווען אַ סך אַ ברייטערער פאַרנעם ווי דייטשלאַנד. האָט דאָך צו אשכנז געהערט כמעט גאַנץ פראַנקרייך און אויך צפון־איטאַליע. די תקופה איז, בכן, אונטערגעגאַנגען „מיתת נשיקה", נישט מחמת צוואַנג. צוזאַמען מיט יידיש־לשון איז אויך איבערגעריסן געוואָרן די גאַנצע יידישע שעפערישקייט. אַן ענלעכער פּראָצעס איז פאָרגעקומען פאַרצייטנס אין ארץ־ישראל, נאָך אין דער צייט פון העלעניזאַציע, וואָס האָט אייגנטלעך געדויערט נאָר אַ פּאָר און דרייסיק יאָר, און דאָך האָט זי געקאָנט אומברענגען דאָס גאַנצע יידישע פאָלק, פאַרענדיקן די גאַנצע יידישע געשיכטע (דר' קלויזנער). באשר דער חשמונאים־אויפשטאַנד האָט די העלעניזאַציע איבערגעריסן. דער חורבן אשכנז האָט עס נאָך אַמאָל געוויזן אַז יידישקייט קען נישט עקזיסטירן אין דירעקטער שכנות מיט אַ הערשערישן פאָלק, אַן פאַקטישע

מחיצות אין טאָג־טעגלעכן לעבן. אויב מיט חורבן אשכנז איז נישט אונטערגע־גאַנגען גאָר די ייִדישקייט, איז עס דערפאַר וואָס ס'איז שוין לאַנג געווען אויס־געוואַקסן און אַנטוויקלט די ייִדישקייט אין מיזרח־אייראָפּע. ווידער אַמאָל מיט שטאַרקע מחיצות פון הערשנדיקן פאָלק, מחיצות יורידישע, געאָגראַפישע און סאָציאַלע. פאַרוואָס ייִדישקייט דאַרף אַזוינע מחיצות, באַהאַנדלען מיר ווייטער.

## מיזרח־אייראָפּעיִשע תקופה

ווידער אַמאָל פאַרזיכיקע, באַזונדערע אײנסן — די שטעטלעך, אָפּגע־טיילט מיט פילפאַכיקע באַריערן פון הויפּטפאָלק, ווי פון דעם העכערן קלאַס — פּריצים, אַזוי אויך פון דעם אונטערשטן קלאַס — פּויערים. אַנדערע פּרנסות און גאָר אַן אַנדער קולטור און שטייגער. דאָ איז ווידער דער תלמוד געבליבן אַ מושל בכיפּו אין גאַנצן לעבן. דאָ האָט זיך דאָס ייִדיש־לעבן גאָר שטאַרק אַנט־וויקלט פאַרזיכיק און זיך דערהויבן ביז דער צווייטער קולטור־מדרגה: פון פאָלקישקייט ביז צו נאַציאָנאַלער הייך, ביז צו קונסט און ליטעראַטור. ווידער אַמאָל איז דער פונדאַמענט פון קולטור — די פאָלקישע מאַסיוון און זייער פאַר־זיכיק לעבן דאָ געווען זייער שטאַרק. די אַרומיקע באַדינגונגען זענען אויך דאָ געווען גינסטיקערע: דער געאָגראַפישער שטח — נישט אין פאַרגלייך גרעסער: ייִדישלאַנד — ליטע, פּוילן, גאַליציע, רומעניע, בּעסאַראַביע. אין ערגעץ נישט אין דירעקטער שכנות מיט הערשנדיקע פעלקער, אַ גאַנצע ריי סובאָרדינירטע פעלקער, וואָס האָבן זיך נישט געלאָזט אַסימילירן. די זעלביקע ייִדישקייט־קולטור, וואָס אשכנז האָט געפירט, איז דאָ געגאַנגען טיפער און ברייטער.

דאָ האָט זיך אויך פאַרפעסטיקט שטאַרקער די גאַנצע ספּעציפישע ייִדישע דערציִונג־סיסטעם וואָס האָט זיך געצויגן טאַקע נאָך פון בבל — דער חדר און ישיבה. איך ווייס נישט צי האָט ווען עס איז פריִער דער תלמוד אַזוי טיף אַריינגעדרונגען אין טאָג־טעגלעכן לעבן פון גאַנצן פאָלק, אַפילו פון עם־הארץ, וואָס האָט קיין מאָל ניט געלערנט ווי דאָס איז געווען אין מיזרח־איי־ראָפּע. איך באַזונדער די רייכע שעפערישקייט פון דעם אָרעמען שטעטל.

האָט זיך אַזוי געצויגן אייגנטלעך גאָר אַ לאַנגע תקופה אַזש פון בבל ביז העט אין נייַנצנטן יאָרהונדערט אַריין, אין די שטעטלעך פון מיזרח־אייראָפּע. די קולטור איז דאָך אין תוך אַריין געווען איינע און די זעלביקע — די תלמוד־דיש־שטעטלשע קולטור. און „בבל" האָט זיך נאָך אָנגעהויבן ווי באַקאַנט אַ צייט פאַר בבל, נאָך אין ארץ־ישראל, נאָך פאַרן חורבן, גלייך ווי די פאָלקס־טימלעך־געשטימטע דענקער האָבן פאַרלאָרן זייער אמונה אין דעם ווערט פון דער מדינה פאַרן קיום פון פאָלק (די פּרושים). עס האָבן זיך געביטן די לעב־

דער, עס האָט זיך געביטן די יורידישע סיטואַציע. עס האָט זיך געביטן אַפילו די שפּראַך, אָבער דאָך איז די קולטור געבליבן די זעלביקע — די פּאַרזיכיקע, אומאָפּהענגיקע תלמודיש־שטעטלשע קולטור (אַמעריקאַנער יידישע דענקער וואָלטן דאָ אפשר געניצט בעסער דאָס וואָרט „ציוויליזאַציע”; מיר האַלטן זיך אָבער ביי אונדזער אַלטער טערמינאָלאָגיע).

און געצויגן האָט זיך די תקופה פון מיזרח־אייראָפּע( אפשר טאַקע סוב־תקופה) ביז די ערשטע שטויסן פון דער אינדוסטריאַליזאַציע אין רוסלאַנד, אין מיטן פון פאַריקן י״ה האָבן שטאַרק באַשעדיקט די פעסטונגען פון שטעטל. יידן האָבן זיך גענומען ציִען אין די שטעט אריין, און הגם יענע שטעט זענען געווען אייגנטלעך פון יידישן שטאַנדפּונקט, צונויפגעזעצט פון עטלעכע שטעט־לעך, דאָך האָט שוין דעמאָלט זיך גענומען ענדערן די קולטור, און נאָך מער האָט זיך גענומען בייטן די דערציִונג. די שטעט זענען נישט געווען שעפעריש, אָריגינעל יידיש — זיכער נישט. שעפעריש זענען געבליבן נאָר די שטעטלעך. און דאָך האָבן די שטעט גענומען שפּילן אַ גרויסע פּאָזיטיווע ראָל אין יידישן לעבן, אין לעבן פון אונדזער קולטור; די שטעטלעך האָבן געשאַפן, פּראָדוצירט, דערצויגן און געהאָדעוועט און די שטעט האָבן געזאַמלט, צונויפגענומען. די שטעטלעך זענען געווען די גערטנער און די שטעט האָבן געדינט פאַר לאַ־גערן צונויפצונעמען און צו באַאַרבעטן דאָס צונויפגענומענע, די פּראָדוקטן פון די שטעטלעך. דאָס שטעטל איז ווייטער געווען פאַר זיך אַ סאָציאַלער, אַ קולטורעלער איינס. אָבער די שטאָט האָט שוין געהאַט נייע פאָרמען ווי אַזוי דאָס לעבן צו באַרבעטן, — און עס איז אויפגעקומען די וועלטלעכע קולטור, ליטעראַטור און קונסטן. די שטאָט האָט אויך געווירקט אויף די שטעטלעך און פאַרמינערט זייער רעליגיעזן כאַראַקטער. שטעטל און שכנהשער דאַרף מען געבליבן צווי באַזונדערע גרייסן, אָבער שטעטל און שטאָט האָבן זיך שטאַרק דערנענטערט, — און די יידישע קולטור האָט באַקומען אַ נייע, אַ צווייטע ריכטונג — אַ וועלטלעכע.

מיר האָבן שוין אויבן אָנגעמערקט עטלעכע מאָל וועגן די מדרגות פון קולטור־פּראָצעס: די פאָלקישע, די נאַציאָנאַלע און די רעליגיעזע. אַזוי אַרום אַז איך נעם נישט אָן די וועלטלעכע קולטור אונדזערע פאַר עפּעס אַ נייע, אַ אָפּגעזונדערטע, אַ פּאַרזיכיקע קולטור. עס איז נאָר אַ נאַטירלעכער עטאַפּ אין דעם פּראָצעס פון קולטור־אַנטוויקלונג. וועלטלעך איז די קולטור נאָר כל־זמן זי איז נאָך נישט דערגאַנגען צו דער רעליגיעזער מדרגה. און פאַרקערט איז די גאַנצע רעליגיעזע קולטור אונדזערע אויך דורכגעגאַנגען — וואָס פריִער און וואָס שפּעטער — די מדרגה פון וועלטלעכקייט. קיין זאַך איז ביי אונדז נישט געבוירן געוואָרן רעליגיעז, אַלץ איז בראשית געווען פאָלקיש, אַרטיק, לאָקאַל

און וועלטלעך נאַציאָנאַל און ערשט שפּעטער איז עס פאַרהייליקט געוואָרן רע־ליגיעז. אַלע יום־טובים, פּסח און מצה און תפילין און אַזוי אַלץ, אַלץ האָט זיך ביי אונדז אָנגעהויבן פון פּשוטן לעבן און איז שפּעטער פאַרהייליקט גע־וואָרן. מיר האָבן שוין דאָס געשריבן. און אַזוי איז אונדזער היינטיקע וועלט־לעכע קולטור נאָר אַ סטאַדיע אין דעם קולטור־פּראָצעס. און אויב עס איז צו לאַנג געבליבן אויף דער מדרגה פון וועלטלעכקייט, איז עס פּשוט גערעדט, אַ שלעכטער סימן, אַ סימן אַז דער נאָרמאַלער פּראָצעס פון קולטור־צירקולאַציע איז ביי אונדז צעשטערט געוואָרן. וואָס איז ביי אונדז געשען? פאַרוואָס און ווי אַזוי איז דער פּראָצעס צעשטערט געוואָרן?

אין לאַנגן דויער פון אונדזער גאַנצער תלמודיש־שטעטלשער תקופה האָבן מיר נאָר איין ריכטונג פון נאַציאָנאַל צו רעליגיעזקייט. דאָס סאָציאַלע לעבן האָט זיך נישט געענדערט, שטעטל איז געווען און געבליבן, פאַרזיכיקייט איז געווען און געבליבן. דאָס גאַנצע לעבן איז געווען אַריינגעפּאַסט אין אַ רעליגיעזער ראַם; פון געבוירן ביזן טויט איז דאָס וואָכעדיקע, דאָס וועלטלעכע געווען משועבד צו דער רעליגיע, גאָר דאָס וואָכעדיקע האָט געהאַט אַ זינען נאָר אויף וויפל עס האָט געדינט דער קדושה, איז דאָס נאַציאָנאַל־וועלטלעכע געווען בלויז אַן איבערגאַנג, מער נישט. קיין ריכטונג צו ענדגילטיקער וועלט־לעכקייט, קולטור זאָל בלייבן וועלטלעך אויף אַלע מאָל, און זי זאָל זיך אַזוי האַלטן ביי אונדז — דאָס האָבן מיר נישט געהאַט קיינמאָל. סיידן אפשר אַביסל פּאָעזיע פון ספרד און פון עמנואל הרומי, וואָס האָבן יאָ פּרעטענדירט אויף צו בלייבן וועלטלעך און זיי זענען... טאָקע נישט געבליבן, פאַרגעסן געוואָרן, אָדער נישט אַריין אין סכום פון קולטור־לעבן לכתחילה.

אָבער דאָ האָט זיך ביי אונדז אַריינגעריסן עפּעס אַ נייעס וואָס מיר האָבן ביז אונדז נישט געהאַט. דאָס שטעטל האָט אָנגעהויבן גיך אונטערצוגיין. די אינדוסטריאַליזאַציע און די עמיגראַציע האָבן אַלץ שטאַרקער אונטערגע־שווענקט דעם באָדן פון שטעטל און פון דער שטעטלשער קולטור. די שטאָט האָט אָנגעהויבן איינצושלינגען דאָס שטעטל. עס האָט זיך אָנגעהויבן

## די אורבאַנישע תקופה

די אורבאַניזאַציע אויפן אָרט האָט נישט חרוב געמאַכט די פּריִערדיקע קולטור, זי האָט דאָס שטעטל נישט אָפּגעמעקט. דאָס שטעטל איז געבליבן דער וואָרצל אויך אין דער נייער תקופה. די פּריִערדיקע אָפּגעזונדערטע פאַרזיכי־קייט איז נאָר טיילוויז אונטערגעגאַנגען. די שטאָט האָט גענומען פאַרלאַנגען אַלגעמיינע קולטור, אַלגעמיין וויסן. דאָס יאָ, אָבער די אויטאָנאָמיע איז גע־

בליבן אין לעבן. די יורידישע סיטואַציע פון יעדער יידן באַזונדער איז גע־בליבן סובאָרדינירט דעם כלל. פון געבוירן ביזן טויט האָט דער ייִד אויך יורידיש געהערט נאָר דעם יידישן כלל. אַרויסגיין, אַרויסרייסן זיך פון יידישן ציבור האָט אַ ייִד געקענט נאָר דורך... שמד. איז דער ייִד תמיד געבליבן אַריינגעלעבט אין יידישן ציבור און זיינע פּריוואַטע אינטערעסן, זיין רעכט־לעכע לאַגע, זיינע עקאָנאָמישע אינטערעסן האָבן אים געבראַכט צו יידיש־קייט. טאָקע אָן רעליגיע, טאָקע וועלטלעך, אָבער פון יידנטום האָט ער זיך נישט געקענט פאָרט באַפרייען. די אויטאָנאָמיע אין יידישן לעבן איז געבליבן ווי אַן אַרויפגעצוווּנגענע אויף אַלע יידן. די נאַרישע רעגירונגען האָבן טאָקע געוואָלט פּטור ווערן פון יידן און זיי האָבן אויף גוואַלד געצוווּנגען יידן צו בלייבן צווישן יידן. האָבן יידן טאָקע זיך געריסן צו „גלייכע רעכט" פאַרן יידישן כלל, אָבער אין דעם קעמפן פאַר די רעכט איז בפירוש געווען באַ־האַלטן אַ פאַרלאַנג זיך אַרויסצורייסן פון יידישקייט. קיין פולע אויסייִדישונג האָט דאָך נישט געקענט פאָרקומען. דאָ איז וועלטלעכקייט געווען אַ טיילוויזע באַפרייונג פון יידישקייט־ראַם, וואָס איז געווען אינגאַנצן רעליגיעז. די רע־ליגיעזע ראַם איז געווען אינגאַנצן צוגעפּאַסט אין שטעטל אָבער שוין גאָר־נישט אין שטאָט. דער שבת איז אין שטאָט געבליבן שבת, אָבער מיט אַ שטעקן און מיט אַ פּאַפּיראָס אין מויל. און אין יידישע גרעסערע פאַבריקן האָבן אַפילו פרומע באַלעבאַטים גענומען פאַרלאַנגען פון זייערע יידישע אַרבעטער, זיי זאָלן אַרבעטן שבת אָדער פאַרלאָזן זייערע פאַבריקן. עס איז שוין געוואָרן ווייט נישט מעגלעך „אַריינצוכאַפּן" זיך אין בית מדרש אַלע טאָג „אָפּצודאַוו־נען". דערפאַר איז עס יאָ געוואָרן מעגלעך אַריינצוגיין אין אַ טעאַטער, אין אַ קלוב, און טאָקע אויך צוזאַמען מיט נישט־יידן. דער אַלטער יידישער פּורים־שפּיל־טעאַטער איז געוואָרן גאָר אויס דווקא פּורים. די גאַנצע רעליגיעזע ראַם פון שטעטל האָט גענומען פּלאַצן, — און וועלטלעכקייט האָט גענומען קעמפן פאַר רעכט אויף אַלעמאָל. די השכלה איז געקומען, דאָס מאָדערנע שטאָ־טישע לעבן האָט מער געפאָדערט. מען האָט גענומען דאַרפן געבן קינדער אַחוץ דעם חדר אויך נאָך גאָר אַנדערע וויסנס און קענטעניש. אויך די דער־ציִונג האָט זיך געמוזט ענדערן. די אַזוי גערופענע אַלגעמיינע לימודים האָבן אָפּגעריסן צייט און אויפמערקזאַמקייט פון גמרא. יידן האָבן זיך דערפילט ווי אַרויס טיילוויז פון דער אַרויפגעצוווּנגענער אויטאָנאָמיע וואָס מען האָט גע־רופן געטאָ. עס האָט יאָ אָנגעהויבן זיך צו אַנטוויקלען אַ נייע וועלטלעכע קול־טור, אָבער אַלעמאָל דאָך געבליבן אין יידישקייט, אין די ראַמען פון יידישן פאָלק. סאָציאַלע באַוועגונגען — ווידער אין די ראַמען פון יידישן פאָלק. אַחוץ דער רעליגיעזער ראַם האָט זיך געשאַפן אַ וועלטלעך־יידישע ראַם. קען זיין

אַז דער אינהאַלט פון אַט דער וועלטלעכער ראַם וואָלט מיט דער צייט אויך געוואָרן פאַרהייליקט, ווי עס איז די אַלטע נאָרמע ביי אונדז. אָבער צו דעם האָט עס נישט געקענט קומען מחמת דעם קאַטאַסטראָפאַלן חורבן פון שטעטל. בנישטאָ מער דאָס יידישע שטעטל, גאָרנישט נישט געבליבן אויסער חורבות און טרעבלינקעס.

אויך אין דער אַלטער היים האָט דער אורבאַניזם גענומען רייסן פאַסן פון יידיש און פון יידישקייט. נאָך אין די זיבעציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט האָט אַ רוסישער רייזנדער עפּעס איבער ליטע און ווייסרוסלאַנד זיך באַרימט, אַז „אַפילו די זשידעס האָבן גענומען רעדן רוסיש" (לויט יולי העסען). נאָך דער ערשטער וועלט־מילחמה האָט ביסלעכווייז אַפילו אין ווילנע די מערהייט יידישע קינדער גערעדט פויליש. די פוילישע שולן פאַר יידישע קינדער זענען געוועזן איבערפולט און די יידיש־יידישע שולן זענען געגאַנגען באַרג־אַראָפּ.

און אין די נייע ישובים אויף די נייע קאָנטינענטן האָט דער אורבאַניזם אונדז אינגאַנצן צעטומלט און צעפלאָנטערט. מיר האָבן נאָך דאָ גאָרנישט געשאַפן קיין אורבאַנישע יידישקייט, קיין אורבאַניש־יידישע קולטור. אַלץ וואָס מיר האָבן יידישקייט אין די נייע ישובים — אַלץ איז מיט דער אינערץ פון שטעטל, עס איז אַ זכר השטעטל, אויב נישט דאָס שטעטל אַליין. גאָר די יידישקייט אין אַ ניו־יאָרק ווערט ביז היינט געפירט פון שטעטלשע יידן, פשוט, פון יידן וואָס געדענקען נאָך זייער „שטעטעלע בעלז"... די גאַנצע רעליגיעזע יידישקייט, די וועלטלעכע — אַלץ לעבט נאָך און האַלט זיך נאָך מיט דעם אימפּעט פון שטעטל. אויך דער אינהאַלט. דער אורבאַניזם רייסט דאָ שטיקער פון אונדזער פאָלק. אַ גרויסע טייל פון דער יינגערער באַפעלקערונג איז פאַרבומען ביי דער רעגירונג און ער מוז זיך צופּאַסן צום נישט־יידישן לוח; דאָס זעלביקע געשעט אויך מיט אַלע יידן, וואָס זענען פאַרבונדן מיט דעם גרויסן ראָד פון קאָמערץ און אינדוסטריעס. גאָר אַ קליינער פּראָצענט יידן אין די נייע לענדער קען באַווייזן באמת אַ גבורה צו האַלטן פאַרמאַכט זייערע געשעפטן שבת און אין די יידישע יום־טובים. דערצו איז נייטיק גאָר אַ שטאַרקער ווילן פון די גאָר פרומע יידן. נאָר די וואָס לעבן זיך אויס אין אַ רעליגיעזער ראַם האָבן באַוויזן דעם כוח און דעם מוט. די דערציִונג איז שוין ווידער אַ פרעמדע, דאָס אייגענע איז אַ צוגאָב בלויז. מיר האָבן אין אונדזער געשיכטע נאָך נישט געהאַט קיינמאָל אַזאַ סיטואַציע און דערפאַר איז דער וועג אין יידישקייט אין דער היינטיקער אורבאַנישער יידישקייט נאָך שווערער. מיר לעבן איצט אין אַ פרעמדער וועלט, מיר זענען געקניפּט און געבונדן מיט דער פרעמדער וועלט, טאָג־איין און טאָג־אויס, און נישטאָ אַרום אונדז, מיט אונדז קיין

אַנדערע מינדערהייטן וואָס זאָלן זיך באַמיִען איינצוהיטן און איינצוהאַלטן זייער נאַציאָנאַלע קולטור, ווען די רעליגיעס זענען זייער אָפּט די זעלביקע. קיינע עקאָנאָמישע, יורידישע און סאָציאַלע מחיצות טיילן אונדז נישט אָפּ פון די הערשנדיקע פעלקער. איז עס זייער שווער איינצוהיטן און איינצוהאַלטן די אייגענע פאַרזיכיקייט פון קולטור.

און צו אַלע גליקן קומט נאָך צו אונדזער אייגענע עגאָפאָביע, — און יידן פילן זיך גליקלעך ווען זיי יידישן אויס די קינדער און זיך. יידן פאַרמויערן זייערע קינדער אין פרעמדע קולטור־געביידעס, זיי פאַרברענען זייערע נשמות פאַר פרעמדע געטער און מען טאַנצט פאַר גליק. און קיין יידישע שטעטלעך האָבן מיר מער נישט, פון וואַנען עס זאָלן קומען נייע אייגענע סטימולן פאַר יידישקייט.

מיר האָבן נאָך נישט געהאַט אין אונדזער געשיכטע אַזאַ תקופה, ווען אונדזער גאַנצע יידישקייט זאָל זיין אָפּהענגיק נאָר פון דעם גוטן ווילן פון יעדען יחיד באַזונדער. נאָך קיינמאָל נישט געווען אַ תקופה, ווען קיינע אָביעקטיווע פאַקטאָרן זאָלן נישט צווינגען דעם יידן זיך צו אידענטיפיצירן מיט דעם יידישן כלל, מיט דעם יידישן פאָלק. דאָס איז אונדזער ערשטע דערפאַרונג. און דאָס מאַכט אונדזער פלאָנטער פיל שטאַרקער. די עגאָפאָביע ציט פון יידישקייט, דאָס גאַנצע סאָציאַלע איינאָרדענונג העלפט מיט. דער נאַציאָנאַלער באַוווסטזיין איז צו שוואַך זיך קעגנצושטעלן. ער האָט אויף אַלץ איין תירוץ: מען קען זיין אַ גוטער ייד אויך אָן דעם... אָן דעם און אָן יענעם, ביז עס בלייבט גאָרנישט...

אָבער פון דער צווייטער זייט איז דאָך יעדער מענטש באַשאַנקען מיט אַן אונטערבאַוווסטזיין. און אין אים זענען אָפּגעלייגט שיכטן פון אַלע פריערדיקע דורות. צוזאַמען מיט די אַנטראָפּאָלאָגישע סימנים אין קערפּער זענען אויך אָפּגעלייגט גייסטיקע סימנים אין דער נשמה פון יעדן יידן. צי ער ווייס, צי ער ווייס נישט, צי ער וויל נישט וויסן פון זיי, — אָבער זיי זענען דאָ, און ער קען זיך נישט באַפרייען פון זיי. איז עס ביי דעם יידן אַ מין ויתרוצצו צווישן דעם באַוווסטזיין און דעם אומבאַוווסטזיין. דער דאָזיקער ייד פילט זיך היפש שלעכט צווישן יידן, ער וויל זיין וואָס ווייטער פון דעם אַלעם, עס ציט אים צו דעם פרעמדן, צום שטאַרקערן פאָלק. אָבער אויך דאָרטן איז ער נישט היימיש, וויפל ער זאָל זיך באַמיִען געלינגט עס אים נישט ווי ער וואָלט עס געוואָלט. אין יעדער קרומען בליק פון זיינע פרעמדע „פריינד" וואָס ער זוכט זייער שטאַרק און באַמיט זיך זייער צו האָבן, אין יעדער בליק דוכט זיך אים אומפריינדלעכקייט, אפשר אַנטיסעמיטיזם. און אָט אַזוי לעבט דער דאָזיקער אַסימילירטער ייד אין אַ מין כף הקלע — נישט אַהער און נישט אַהין,

פרעמד צווישן אייגענע און נישט אייגן צווישן פרעמדע. אָט די שוועריקייטן פון דער אידענטיפיקאַציע שאַפן אַ סך קאָנפליקטן אין דעם היינטיקן ייִדן. עס קומט אין עקסטרעמע, זעלטענע פאַלן ביז צו זעלבסטמאָרד אַפילו... צו קיין גליקזעליקייט פירט עס קיינמאָל נישט. אָט די טראַגעדיע פון נישט קענען זיך אידענטיפיצירן מיט קיין איין פאָלק איז אַ סך מער פאַרשפּרייט ווי מען שטעלט זיך פאָר; זי ווירקט אין אַלע שיכטן פון דער ייִדישער באַפעלקערונג; זי שאַפט באַשטימטע פאָרמען פון אומאויפריכטיקייט אין האַנדלונגען און אין רייד, אין אויפפיר בכלל.

מען רעדט ביי אונדז אָפט און אַ סך וועגן דער נאַציאָנאַלער טראַגעדיע פון אַסימילאַציע. אָבער מען רירט זעלטן אָן די פּריוואַטע, פּערזענלעכע טראַגעדיע פון יעדער אַסימילירטן יחיד. און די אַסימילאַציע איז אַ סך מער פאַרשפּרייט ווי מען נעמט אָן. אויך די וואָס האַלטן זיך פאַר „גוטע", נאַציאָנאַלע ייִדן זענען על פּי רוב אַסימילירט ווילּיק און נאָך מער אומווילּיק — דורך דער דערציִונג, דורך דעם שטייגער לעבן, דורך די עקאָנאָמישע פאַרבינדונגען וכדומה. מיר לעבן דאָך נישט בלויז אין אַ פרעמדער וועלט, נאָר מיר לעבן אויך אין אַ גרויסער מאָס אַ פרעמד לעבן, און אַז מיר ווילן עס פאַרלייקענען, בלייבט דאָך דער פאַקט פאָרט, און מען דערגייט זייער ווייט אין דער אומאויפריכטיקייט... און ווי אויפריכטיק מיר זאָלן נישט וועלן זיין, בלייבן מיר דאָך פאָרט אומאויפריכטיק, ווייל דער קולטור־נסתר וואָס אין אונדז פון דורות לאָזט אונדז נישט מיר זאָלן קענען אינגאַנצן אַסימילירן אין זיך די פרעמדע קולטור. און פון יענער קולטור האָבן מיר דאָך אויך איבערגענומען נאָר דעם נגלה, דאָס וואָס מען קען אויסלערנען, אָבער אויך יענע די פרעמדע קולטור שטאַמט דאָך פון אַ נסתר פון דורות, וואָס מיר האָבן נישט און קענען אים נישט האָבן. און יענער פרעמדער נגלה קלעפּט זיך לגמרי נישט צו דעם נסתר וואָס איז ביי אונדז. בלייבט פאָרט די איבערגענומענע פרעמדע קולטור נישט מער ווי אַ קאָזאַקיש היטל אויפן קאָפּ פון אַ רב, אָדער ווי די גילדענע פּאַטשיילע אויפן קאָפּ פון מאָטל פּייסי דעם חזנס מאַמען ביי איר זון אויף חתונה.

אָט ביז אַהער האָט אונדז געבראַכט דער נייער אורבאַניזם אונדזערער און — וואָס ווייטער? וווהין פירט ער אונדז?

## ייִדישע דערציִונג — כנגד כולם

לייגן מיר די גאַנצע האָפענונגען איצט אויף דער דערציִונג, זי זאָל פאַר־פעסטיקן די ייִדישע מענטשן אין ייִדישקייט אויף זייער גאַנצן לעבן, איינ־וואָרצלען זיי אין זייערע אָרגאַנישע וואָרצלען, מען זאָל אויף זיי שפּעטער קע־

צען אַרויפגרעפּטן אויך אַלערליי אַנדערע קולטורן. קיינמאָל איז ביי אונדז דערציִונג נישט געווען אַזוי ־וויכטיק ווי דאָס איז איצט. און דערציִונג מיין איך בפירוש נישט אין פאַרגלייך מער ווי באַלערנונג. אַ נישט־געלערנטער ייִדישער עם־הארץ, וואָס איז געוואַקסן אין ייִדישקייט איז נישט אין פאַרגלייך מער ייִד איידער אַלע די געלערנטע נישט־ייִדישע „יודאַיסטן", וואָס זענען בקיאים אין אַלע ייִדישע ספרים. וואָלט געווען אַ מעגלעכקייט אַריינצוגעבן אין אַ קינד דעם נסתר אָן לערנען, ווי איך וואָלט נישט געהאַט קיין מורא צו פּראָפּאַגאַנדירן דאָס. מיר האָבן אָבער נישט אַזאַ מעגלעכקייט. מיר מוזן אָנקומען צו דעם „דערציִערישן לערנען". דאָס איז אַ באַגריף וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין אייראָפּע מיט אַן אַנדערטהאַלבן יאָרהונדערטער צוריק, און דאָך איז ער נאָך ווייט נישט אַריינגעדרונגען אין די מוחות פון די דערציִערס. מיר דאַכט זיך אַז דאָס איז אויך דער זינען פון אַ תלמודישן זאָג, אַז דער בונד פון גאָט מיט זיין פאָלק איז נישט צוליב דער פאַרשריבענער תורה שבכתב נאָר דווקא צוליב דעם וואָס עס איז נאָך בעל פה, נישט פאַרשריבן און נישט פאַרפיקסירט, דאָס וואָס מיר רופן דאָ אָן נסתר. אָדער אין אַ צווייטן אָרט: גאָט זאָגט אַז זיינע קינדער זענען נאָר די וואָס פאַרמאָגן דעם ייִדישן „מסתרין" (דעם נסתר) יענער וואָס האָט אָפּגעלאַכט פון ייִדן פאַרוואָס זיי האָבן אויפן באַרג סיני געזאָגט דעם נעשה פאַר דעם נשמע — טאָן פריִער פאַרן וויסן, — האָט טאַקע נישט פאַרשטאַנען, אַז פון דער פּראַקטיק איז אַ סך גרינגער צו קומען צו נשמע, צום פאַרשטאַנד. איינלעבן זיך איז אַ סך וויכטיקער ווי אייַנלערנען. דאָס איז אויך געווען די סיבה פאַרוואָס אַפילו אין ארץ־ישראל, אין דער אייגענער מדינה, אין שולן אָן פרעמדער קאָנקורענץ פון פרעמדע מלוכהשע קולטורן, עס זענען דאָך אויסגעוואַקסן אַ גאַנץ היפּשער פּראָצענט יונגע ייִדן, וואָס ווילן נישט געהערן צום ייִדישן פאָלק און ווילן אויסטראַכטן פאַר זיך „אַנדערע פעלקער" ווי כנענים וכדומה. מען האָט מיט זיי געלערנט אַ סך פון ייִדישן נגלה, אַ סך מער ווי מען קען עס טאָן אין די גלותן. אָבער דעם ייִדישן נסתר, אָט־דעם וואָס אין ייִדישן שטייגער, — דאָס האָט מען פון זיי אין די שולן פאַרמיטן, באַוווּסטזיניק באַזייטיקט. קען דער נגלה, די געלערנטע פּראָגראַמען געשעפּט פון ספרים פון אַלע פריִערדיקע תקופות נישט צובינדן צום אַקטועלן ייִדישן פאָלק. אָט פאַרוואָס מיר זאָגן אַז די דערציִונג אין ייִדישקייט איז וויכטיקער ווי די באַלערנונג. הייבן זיך אָבער דאָ ביי אונדז אָן נייע שוועריקייטן: וואָסער ייִדישקייט, אין וואָסער ייִדישקייט דאַרפן מיר דאָס דערציִען די קינדער? אַז מיר האָבן דאָך אַזוי פיל „ייִדישקייטן", אַזוי פיל ריכטונגען און שיטות. און וויפל שיטות אַזוי פיל האָבן מיר באַזונדערע אידעאָלאָגיעס אין דערציִונג. דאַרפן מיר זיך נעמען אָפּצושאַצן אונדזערע

א. גאָלאָמב

# דערציִונגס־אידעאָלאָגיעס

וועל איך זיך באַמיִען צו זיין ווי מעגלעך אָביעקטיוו. איך ווייס: עס איז בכלל נישט קיין גרינגע סוגיא. מיר יִדן דענקען נישט מיט לאָגיק נאָר מיט עקשנות, מיר באַטראַכטן נישט אונדזערע אידעען לויט די דערפאַרונגען אין דער פאַרגאַנגענהייט און לויט די פאָדערונגען פון דער צוקונפט. זענען מיר דאָך אַן „עם קשה עורף" פון פאַרצייטן אָן, זענען אונדזערע אידעען און גע־דאַנקען ביז היינט אַ תולדה פון דער „אפכא מסתברא־פסיכיק", אַז דו זאָגסט אַזוי, דאַרף איך דאָך במילא זאָגן פאַרקערט... קיין גרויסע אהבת ישראל דאַרף מען דאָ נישט זוכן. דערפאַר איז אויך אין אונדזערע אידעאָלאָגיעס פאַראַן מער צולהכעיס ווי לאָגיק...

און נאָך אַ פאַקטאָר ווירקט דאָ אָפּצופלאַכן אונדזערע אידעאָלאָגיעס. בדרך כלל שטאַמען אידעאָלאָגיעס פון אַן אומצופרידנקייט. מען איז נישט צו־פרידן מיט דעם וואָס עס איז דאָ היינט, — זוכט מען, בענקט מען נאָך עפּעס אַנדערש, נאָך עפּעס וואָס מען מיינט עס וועט זיין בעסער. אַלע אונדזערע אי־דעאָלאָגיעס זענען אויף אַזאַ אופן געבוירן געוואָרן אין די אַלטע היימען — מען האָט געשטרעבט צו אַ בעסערער צוקונפט. אַנדערש איז אָבער איצט אין די נייע לענדער. יִדן זענען מיט אַמעריקע, למשל, גאָר שטאַרק צופרידן, אדרבא ואדרבא! נאָר עס איז ניי, מען האָט זיך נאָך נישט גענוג איינגעלעבט, בענקט זיך אַביסל נאָך דעם אַמאָל, פאַרבענקט זיך אַן אַמעריקאַנער ייִד נאָך דעם שטעטעלע זיינעם, פאָרט ער אַמאָל אויף קבר אבות, און ער שאַפט אַ לאַנדסמאַנשאַפט... זענען די אידעאָלאָגיעס פאַרבונדן נישט מיט דער צוקונפט, נאָר מיט דעם עבר. לעבן לעבט מען צופרידן און מען טראַכט גאָרנישט צו ענדערן עפּעס, מען טרוימט נישט וועגן עפּעס אַנדערש, וואָס עס איז נישטאָ דערווייל, — נאָר אַז מען האָט געשלאָסן די געשעפטן און מען זוכט עפּעס מיט וואָס זיך אויסצולעבן, צו פאַרברענגען, דעמאָלט דערמאָנט מען זיך די יונגע יאָרן, אין די אַלטע היימען מיט די אַלטע אידעאָלאָגיעס, אַמאָל האָט מען גע־חלומט... איז עס אנגענעם זיך צו דערמאָנען וועגן... מען האָט צייט. לעבן זיך אויס רייכע ייִדן מיט דעם זינגען „ברידער און שוועסטער פון אַרבעט און נויט", וואָס זיי אַליין האָבן עס צענדליקער יאָרן פאַרגעסן און אויסגעהאָדע־וועט קינדער אין ווילטאָג און אין שווילטאָג; צעזינגען זיך ייִדן וועגן דער „ארץ אבות", — און זיי טראַכטן אַפילו נישט צו פאַרברענגען דאָרטן מער ווי אויף אַ וויזיט... אַלץ פון די יונגע יאָרן דאָרטן פון דעם אַמאָליקן „שטעטעלע בעלז"... זענען דאָס אידעאָלאָגיעס נישט צום לעבן, נאָר זיך אויסצולעבן. און די קינדער — זיי האָדעוועט מען דאָך לכתחילה אָן דער נאָסטאַלגיע. „אַז מען

לעבט אין אַ לאַנד, דאַרף מען רעדן ווי אין לאַנד, עסן ווי אין לאַנד און זיין מיט בײדע פיס אין דעם לאַנד, איך וועל קומען קיין קאַנאַדע, וועל איך זיין אַ קאַנאַדער" — אַזוי האָט מיך אַ ייִד געלערנט זיין תורה...

און הגם אַלע אונדזערע היינטיקע אידעאָלאָגיעס זענען געבראַכטע פון דער אַלטער היים, זענען זיי דאָך אָבער גאָר אַנדערש ווי אַמאָל: דאָרטן האָבן די אידעאָלאָגיעס געשטרעבט צו ענדערן דאָס לעבן, דאָ האָבן די אידעאָלאָגיעס גאָרנישט צו טאָן מיט דעם אמתן לעבן. זיי זענען אַ מין צייטפאַרטרייב, עס איז „געזעלשאַפטלעך אויסלעבן זיך".

מיט די אידעאָלאָגיעס איז אויך פאַרבונדן די דערציִונג.

אייגנטלעך איז אין די נייע ישובים אויך די דערציִונג אַ מין אויסלעבן זיך, אַ מין צוגאָב צו דער אַלגעמיינער מלוכהשער דערציִונג, וואָס איז אַבליגאַטאָריש פאַר ייִדן ווי פאַר אַלע בירגער פון לאַנד. די מלוכה האָט דאָך איר סיסטעם און אירע צילן. די סיסטעם איז אָנגענומען אין גאַנצן לאַנד, זי איז אַבליגאַטאָריש, זי איז נייטיק אין וויטערדיקן לעבן, פאַר דער קאַריער, פאַר דער סביבה אומעטום. זי איז דאָס געזעץ. דאַרף די ייִדישע דערציִונג זיין ווי אַ מין צוגאָב. הייבן זיך דאָ אָן די מחלוקתן און די דיסקוסיע — יאָ צי נישט? דאַרף מען עפּעס אַ צוגאָב אָדער מען דאַרף גאָרנישט? און אויב יאָ, הייבט מען ערשט אָן צו פרעגן וואָסער אידעאָלאָגיע איז די ריכטיקע?

איך טייל איין אַלע אונדזערע דערציִונג־אידעאָלאָגיעס אין דריי גרופּעס: די רעליגיעזע, די ציוניסטיש־העברעיִסטישע און ייִדיש־וועלטלעכע. איטלעכע אידעאָלאָגיע באַזונדער האָט נאָך אירע ניואַנסן און סובריכטונגען. אַזוי אַרום אַז כמעט יעדער שול איז זיך אַ סיסטעם פאַר זיך, אַ באַזונדערע שיטה... דאָס פאַרמינערט די דערציִערישע השפּעה פון אַלע שולן און פון אַלע ריכטונגען: עס איז נישט אָנגענומען פון אַלעמען, נישטאָ די השפּעה פון געזעצמעסיקייט.

וועל איך אָנהייבן פון דער עלטסטער סיסטעם — פון די רעליגיעזע שולן. ווי שוין געזאָגט, זענען זיי זייער פאַרשיידן. די מינימאַלסטע צווישן זיי האַלטן אַז ייִדן אין אַמעריקע זענען אין תוך אַריין אַמעריקאַנער מיט אַלעמען גלייך, אלא אַמעריקע האָט פאַרשיידענע רעליגיעס. עס מיינט פאַרשיידענע אָרפּנים ווי צו דאַווענען, אַזוי האָבן ייִדן אויך זייער פאָרעם ווי צו דאַווענען אין זייער סינאַגאָג. ווערט ביי זיי די גאַנצע ייִדישקייט רעדוצירט אָט צו דעם דאַווןֿ־צערעמאָניאַל און מער נישט. — זונטיק־שולן זענען פאַר דער ייִדישקייט געוווּנג און איבערגעגנוג. פון דעם טיף ביז צו די ישיבות קטנות און גדולות, וואָס ווילן גאָרנישט אָפּלאָזן פון דעם וואָס עס איז געווען אין דער אַלטער

היים, גאָרנישט אָפּלאָזן און גאָרנישט ענדערן — איז גאָר אַ ווייטער מרחק און אַלערליי מדרגות זענען דאָ צווישן די שולן. הצד השווה שבהם — דאָס אַלגע־מיינע צווישן זיי איז דאָס וואָס זיי אַלע שטימען נישט מיט צייט און אָרט און מיט באַדינגונגען. די סיסטעם שטאַמט פון גאָר אַן אַנדער תקופה, פון גאָר אַן אַנדער לעבן. די סיסטעם שטייט אינגאַנצן אין סתירה מיט דעם גאַנצן לעבן היינט, ווי אין דער סביבה אַזוי אויך אין די היימען. זי מוז אַרויסרופן קאָנ־פליקטן. סיידן די עקסטרעמע וואָס ווילן אינגאַנצן נישט אנערקענען די אַנ־דערשקייט און זיי בויען פאַר זיך אין אַמעריקע אַן אייגן לעבן, אַן אייגענע אויטאָנאָמיע, אין באַזונדערע שטעטלעך, ווי מען האָט געלעבט מיט דורות צו־ריק. יענע האָבן רעכט אויף זייער דרך אין דערציִונג.

איך בין אַ פּרינציפּיעלער קעגנער פון דער ייִדישער אָרטאָדאָקסיע, אי־דעאָלאָגיש. אָבער דאָך וואָלט איך מסכים געווען צו דער ישיבה־דערציִונג ווען זי וואָלט געווען מאָניסטיש און פּעדאַגאָגיש אויסגעהאַלטן. יעדע ישיבה וואָלט געדאַרפט זיין איינגעאָרדנט אין אַ קליין שטעטל פון אויסגעהאַלטענע אָרטאָ־דאָקסישע ייִדן, מיט אַ שבת ווי אַמאָל, מיט ייִדישע גאַסן, אַן ערוב אפילו, אַ ראַדיאָ און טעלעוויזיע — יאָ, אָבער מיט אויסשליסלעך ייִדישע פּראָגראַמען. מיט איין וואָרט — אויסגעהאַלטן אינגאַנצן די סביבה. אין ישיבה גופא וואָלט געדאַרפט זיין אַ אינטערנאַט, די קינדער זאָלן נישט אָנזען די „גויִישע וועלט". די פּראָגראַם פון לערנען — ווי אין אַן אַלטער אַמאָליקער ישיבה, די פּראָ־גראַם פון תלמוד אָבער שטרענג אָפּגעקליבן, פון אַ מער אַקטועלן מאַטעריאַל. עס וואָלטן נישט געדאַרפט זיין קיין פאַרטיילונג אויף לימודי קודש און לימודי חול. דאָס מיינט, אַז מען וואָלט געדאַרפט לערנען אויך די אַלגעמיינע לימו־דים אין גייסט פון די לימודי קודש. אין אַ צווייטן אָרט רעד איך גענויער וועגן דער מעגלעכקייט. אָט אַזאַ מאָניסטישע ישיבה וואָלט איך באַגריסט. ווי יעדער שול וואָס איז מאָניסטיש אויסגעהאַלטן. איך וואָלט גאָרנישט מורא געהאַט פאַר דער „רעליגיעזער רעאַקציע". עס וואָלטן פון אַזאַ ישיבה געקאָנט אַרויס־קומען ווייט נישט דווקא רעליגיעזע ייִדן, זיי וואָלטן גרינג געקאָנט אַריבער־גיין צו אַנדערע סיסטעמען, אָבער וואָרצלען וואָלטן זיי געהאַט פעסטע, מאָ־ניסטישע. און דאָס איז גאָר וויכטיק.

איך קען אָבער נישט מסכים זיין צו די היינטיקע ישיבות אין די גרויסע שטעט, מיט אַ ווייטן און אַ פרעמדן לעבן אַרום און אַרום, מיט אַ שטייגער אין די היימען ווידער אַ פרעמדן, מיט אַ פאַרטיילונג אויף לימודי קודש און לימודי חול — צוויי וועלטן. פון די שולן קענען קיין גאַנצע מענטשן נישט אַרויס. די ישיבה פירט נישט אַריין אין ייִדישן לעבן און אין דער ייִדישער קולטור, און דאָס וואָס זי גיט יאָ, איז נישט דאָס לעבן. אַפילו די רבנים וואָס

קומען אַרויס פון די ישיבות קאָנען נישט אַנטוויקלען קיין אַדעקוואַטע יידישע קולטור ביי היינטיקן טאָג. זיי פאָדערן אַ פולשטענדיק רעליגיעז לעבן, און זיי ווייסן, אַז אַזאַ איז נישטאָ און נישט מעגלעך. איך ווייס נישט צי זיי אַליין גלייבן אין אַזאַ יידישקייט אין די היינטיקע אורבאַנישע באַדינגונגען. מען קען נישט פלאַנצן אין די היינטיקע שטעט דאָס לעבן פון אַמאָליקע שטעטל. און אַזאַ שול מיט אַ פּראָגראַם וואָס איז נאָך דערצו געשפּאָלטן אויף קודש און חול — אַזאַ שול קען נישט זיין פולשטענדיק אויפריכטיק אין איר דערציִונג. אין דער אַמאָליקער מאָניסטישער ישיבה אין דער אַרומיקער גאַנצער און אויסגעהאַלטענער יידישער סביבה האָבן געקאָנט אַרויס גאַנצע יידן מיט אַ פעסטן גלויבן און זיי האָבן געקאָנט נאָך דעם אַריבערגיין, אַקצעפּטירן אַלערליי אַנדערע אידעען און טעאָריעס ווידער אַמאָל מיט דער פולער גאַנצקייט. דאָ האָט זיך ביי זיי אַנטוויקלט אַ שטאַרקע אַנשטרענגונג פון גייסט, גאָר די קאָנ־צענטראַציע פון געדאַנק האָט געשטראָמט אין איין שטראָם. איז די שול און היים געווען איין אחד, איין גייסט און איין וועלט; איז דאָס גאַנצע לערנען און די גאַנצע סביבה אַרום געווען איינס, — קיין שום אַנדער וועלט איז נישט געווען, האָט זיך די נשמה פון דעם לערנער צונויפגעגאָסן מיט דער קאָלעק־טיווער נשמה פון דורות פון זיין פאָלק. האָט דאָס לערנען דעם נגלה פון פאָלק — זיין קולטור און זיינע ספרים אַריינגעפירט דעם לערנער אין דעם נסתר פון פאָלק. האָט אַזאַ לערנער געקאָנט דערגרייכן צו דער מדרגה, אַז דורך זיין מויל (אָדער דורך זיין פען), זאָלן רעדן דורות פון זיין פאָלק. לויט דעם פּרעכ־טיקן אויסדרוק פון רב״קן איז דער ספּעציפישער גייסט פון אַ פאָלק דער „אלוהי האומה״ (אָדער זיין שכינה). איז די העכסטע מדרגה פון דערציִונג און בילדונג, פון לערנען: אַריינפירן דעם יחיד אין דעם נסתר פון כלל. זיי איז דאָ געווען גרינג, אין דער פּאַסיקער יענער תקופה, ווייל אַליין, אָן קאָנקור־רענץ. און ווייט נישט דווקא רעליגיעזע גדולים זענען אַזוי געוואַקסן און אויס־געהאָדעוועט געוואָרן. אָט די אַזוי געהאָדעוועטע אין מאָניסטישער גאַנצקייט דורך דער צייט פון קינדהייט האָבן נאָך דעם געקאָנט זייער גרינג אַסימילירן איז זיך נאָך אַנדערע קולטורן און זיי פאַרדייען אין אייגענעם פלייש און בלוט. איך וואָלט דאָ געקאָנט אָנרופן אַ ריי נעמען פון מענטשן וואָס האָבן אָט אַזוי, אויף אַן אָרגאַנישן אופן פאַרדייעט אַ סך קולטורן פון פרעמדע פעל־קער און ביים לייענען זייערע שריפטן (וועלטלעכע אָפטער ווי רעליגיעזע) פיל איך אין זייער שפּראַך און אין זייער געדאַנק אָט־דעם „אלוהי האומה״ — דעם גייסט פון יידישע דורות און פון אַלע תקופות וואָס דאָס פאָלק אין זיין כלל האָט דורכגעלעבט ביז זיי.

דאָס איז די ברכה פון בהדרגהדיקייט, פון געבן איין קולטור ערשט ווען

די פּריערדיקע איז שוין טיף און אָרגאַניש פאַרדייעט, אַסימילירט. האָט די מעלה פון מאַנאָקולטורעלער דערציִונג געוווּסט אונטערצושטרייכן נאָך די גמרא איז אַ קורצן זאַץ פון „הלומד קטן — למה הוא דומה?" (פרקי אבות).

איז אָבער דער מאניזם איצט נישטאָ, אַפילו אין די פרומסטע ישיבות קטנות און גדולות. די גאַנצע רעליגיעזע דערציִונג ווערט איינגעשרומפּן אין איין קליין ווינקעלע פון דעם גאַנצן אַרום, וואָס איז פרעמד און ציט אין אַנ־דערע וועלטן אַריין. אָפט איז דאָך אַפילו די פרומע שול אין שטאַרקן קאָנ־פליקט מיט דער היים. און אין דער פרומער ישיבה גופא איז דאָך דער טאָג צעטיילט אויף לימודי קודש און לימודי חול. צוויי וועלטן באַזונדערע, אַן עמוד האש און אַן עמוד הענן אייניצייטיק, און ביידע ציִען אין פאַרשיידענע ריכ־טונגען, אין פאַרשיידענע ריכטונגען פון דענקען און אינטערעסן. איז אַ סוגיא פון „המניח את הכד" יאָ קודש, אָבער די באַוועגונג פון די גלגלים אין חלל פון קאָסמאָס איז גאָר „חול". אָבער ווער פון די צוויי כוחות איז שטאַרקער און וועמעס השפעה איז טיפער? זענען דאָך די לימודי חול די גאַנצע קולטור פון דעם גאַנצן אַרום, דאָס איז די קולטור פון דעם גאַנצן לאַנד מיט זיין שם און מיט זיין מלכות; די גאַנצע קאַריער פון דעם לערנער און זיין צוקונפט זענען אָפּהענגיק טאַקע פון יענע „לימודי חול", אין זיי אויך די האָפענונג פון טאַטע־מאַמע. שוין דאָך נישטאָ קיין וויגליד „תורה וועט ער לערנען, ספרים וועט ער שרייבן...". די רעליגיעזע דערציִונג האָט עד־היום נישט געפּרובירט אַפילו אויסאַרבעטן אַזאַ פּעדאַגאָגיק וואָס זאָל אַריינגעמען די אַלע אַלגעמיינע לימודים אין איין מאָניסטישער גאַנצקייט, צוזאַמען מיט די פאַרהייליקטע, די לימודי קודש. (אַזאַ מין פּעדאַגאָגיק איז זייער מעגלעך און זי וואָלט בפירוש געווען אַ ברכה). ברענגען די היינטיקע ישיבות נישט אַרויס קיין רבנים אַפילו פון יענעם מאָניסטישן טיפּ. און אַז אַזוינע רבנים קומען אין זייערע קאָנגרע־גאַציעס איז זייער זאָרג איבערהויפּט צוצוגרייטן צוקונפטיקע „מעמבערס" פאַר זייער סינאַגאָגע. קומען זיי דרשענען פאַר זייער ציבור, קענען זיי פאַר זייער עולם נישט געבן קיין סוגיות פון תלמוד, פון יידישקייט בכלל, בלייבט זיי צו נעמען... אַן ענגלישן „בעסט־סעלער־בוך" און דרשענען וועגן אים. קיין אַקטועלע יידישע קולטור און יידישע פּראָבלעמען וויסן זיי אַליין אויך נישט. אַלע היינטיקע רעליגיעזע שולן זענען אין תוך אַריין גאָר צוויי ווייטע שולן אונטער איין דאַך און צווישן זיי מוז זיין אַ ויתרוצצו.

און אין דעם געראַנגל צווישן צוויי וועלטן איז גרינג צו פאַרשטיין, ווער עס קען באַזיגן — אַ קליין ריטשקע און דער ים. בכל אופן קען אַזאַ דערציִונג נישט ברענגען און נישט פירן אַפילו צו די מסתרין פון פאָלק. און שפּעריש קענען זיין נאָר די וואָס פאַרמאָגן אָט־דעם נסתר פון דורות יידן.

* * *

נאָך ערגער איז עס מיט דער צווייטער סיסטעם פון דערציִונג, מיט דער העברעיִסטיש־ציוניסטישער ריכטונג. דאָ ווערן געגעבן די קינדער גלייך פון אָנהייב אָן צוויי וועלטן — די היגע, אָרטיקע לאַנד־קולטור, גלייך ווי אַלע קינדער פון לאַנד. און עס ווערט זיי געגעבן נאָך אַ צווייטע קולטור, נאָך אַ שאָטן פון אַ קולטור, וואָס איז דאָ ערגעץ ווייט, איבער ימים, ערגעץ דאָרטן אין דער ווייטער ייִדישער מדינה. יענע קולטור איז טאַקע שיין און פיין און ריכטיק — דאָרטן אַלע מעלות. אָבער זי איז נישטאָ, זי איז ווי אַ מעשה פון יענע רויטע ייִדעלעך, ווייט הינטער ימים... אמת, אויך דאָ זענען פאַראַן ייִדן, אָבער זייער ייִדישקייט טויג נישט, זייער לשון איז אַ שלעכטס, אַ פאַלשער, אַ מיאוסער דיאַלעקט, אַ זשאַרגאָן, ווייס איך וואָס... זייער קולטור און זייער גאַנץ לעבן זענען גאַרנישט ווערט. די דערציִונג באַמיט זיך אָפּצורייסן די קינדער פון דער אַקטועלער, פאַראַנענער ייִדישקייט און פון דעם פאַקטישן פאָלק וואָס רינגלט זיי אַרום. און נעגירן איז גרינג, צובינדן אָבער, באַהעפטן צו אַ קולטור וואָס עקזיסטירט נאָר אין די ווערבאַלע פּראָפּאַגאַנדעס, בעת אַרום לעבט מען אין אַ קולטור אַ רעאַלער, אַ לעבעדיקער און די גאַנצע מלוכה, און דאָס גאַנצע לאַנד לעבט מיט דער קולטור, און מיר זענען אַ טייל פון לאַנד... און די דערציִער אַליין ווייזן, אַז די מלוכה־קולטור איז חשובער און ריכטיקער פון דער קריטיקירטער היגער ייִדישער. דאָ איז לכתחילה אַפילו נישטאָ קיין קאַמף צווישן צוויי קולטורן, עס איז פאַראַן איין רעאַלע שטאַרקע קולטור, גאָר די אָרטיקע ייִדישקייט ווערט אָפּגעוואָרפן, און די פּראָפּאַגאַנדע וואָס פּראָפּאַגאַנדירט איז אַ שיינע מעשהלע... און אַז עס טרעפט זיך — יוגנט פאַרט יאָ, מען איז עולה אין דער מדינה אַריין, קומט די מערהייט זייערע צו־ריק, ווייל דאָס רעאַלע וואָס מען געפינט דאָרטן שטימט ווידער נישט מיט די פאָרשטעלונגען וואָס די פּראָפּאַגאַנדע האָט געשאַפן. ציט עס פון דאָרטן צוריק צו דעם לעבן און צו דער קולטור, וואָס אין איר האָט מען זיך איינגע־לעבט און צוגעוווינט. שלילת הגלות האָט אויך אין ארץ־ישראל אָנגעמאַכט גענוג צרות. פאַרויסגעזען האָט עס נאָך אחד־העם אַפילו. עס איז פון שלילת הגלות געוואָרן אַ שלילת הגולה — אַ נעגאַציע צו דעם גאַנצן גלותדיקן פאָלק. לא לנו, „אנחנו לא יהודים“... אין ארץ־ישראל האָבן אָבער אָט די „ישראלים ולא יהודים“ נישט מיט וועמען זיך צו אַסימילירן, — אָבער אין די גלות־לענדער טרייבט אָט די דערציִונג צו דער קולטור פון לאַנד, פון דער מלוכה, פון ייִדישקייט טרייבט זי.

אין דער מדינה האָט מען זיך שוין אַרומגעזען, אַז די דערציִונג מיט שלילת־הגלות מאַכט אָן צרות און מען האָט זיך באַמיט און מען האָט אייב־

געפירט די „תודעה יהודית" — אַ לימוד אַזאַ פון ייִדיש באַוווסטזיין. גלייב איך נישט אין דער תרופה, אָבער מען זוכט דאָך! אָבער דווקא אין די גלות־לענדער ווו אָט די שלילה איז נישט אין פאַרגלייך מסוכנער, דאָ האָבן זיך נאָך די פעדאַגאָגן פון דער שיטה נישט דערטראַכט אָפילו צו עפּעס אַ סוראַגאַט.

אַ פּאַרדרוס און אַ וויטיק: אַ וויטיק דערפאַר וואָס אַזוי פיל כוחות און ענערגיע ווערט אַוועקגעגעבן אין נאָמען פון נאַציאָנאַלער דערציִונג אויף אַ סיסטעם וואָס שעדיקט דעם נאַציאָנאַליזם. אַ פּאַרדרוס: אין דער סיסטעם זע־נען אַריינגעטאָן זייער פיל דענקענדיקע און וויסנדיקע מענטשן, — און דאָך פאַרשטייען זיי נישט דעם שאָדן וואָס זיי ברענגען מיט זייער אַרבעט.

## די ייִדיש־וועלטלעכע סיסטעם

יעדער סיסטעם שטאַמט פון איר צייט, פון איר תקופה. די רעליגיעזע סיסטעם שטאַמט פון דער גאַנצער, רייִנער תלמודיש־שטעטלשער קולטור־תקופה אין איר צייט און אין איר לעבן. און וואָס עס איז גוט פאַר איין תקופה, טויג אָבער נישט פאַר דער צווייטער.

שטאַמט די ציוניסטישע דערציִונג פון דער השכלה און חיבת ציון־עפּאָכע. אין שטעטל־שטאָטישער תקופה איז די סיסטעם געווען לכל הפּחות נישט שעד־לעך: די קינדער זענען געוואַקסן אין אַ גאַנצער ייִדישקייט, קנאַפּער רעליגיע, אָבער ייִדיש־פאַרזיכיק. די תקופה איז אויך אַוועק און איר קינד — די דער־ציִונגס־סיסטעם איז געבליבן. דאַרטן און דעמאָלט זענען די קינדער געוואַקסן אין ייִדישקייט, האָט די דערציִונג נישט געקאָנט זיי אַרויסרייסן פון ייִדיש־קייט. האָט זי געשאַפן די נייטיקע אומצופרידנקייט מיטן לעבן, זענען געווען חלוצים און בויער. אָבער איצט און אין די נייע ישובים איז די סיסטעם — איר שאָדן מער ווי אירע נוצן. איז אין דער געענדערטער נייער תקופה פון דער ירידה פון שטעטל, פון אָנהייב אורבאַניזאַציע, פון עמיגראַציע געקומען די ייִדיש־וועלטלעכער קולטור־תקופה. דאָס שטעטל האָט פאַרלאָרן איר רע־ליגיעזן איינגעפונדעוועטן שטייגער; דאָס טאָג־טעגלעכע האָט פאַרשטויסן די תלמודישע קולטור, דער עם־הארץ האָט גענומען פאַרלאַנגען פאַר זיך זיין אָרט אויך אויבנאָן. דער למדן, דער תלמיד־חכם איז געוואָרן אויס יחסן. די שטאָט האָט געבראַכט נייע ווינטן אויך אין שטעטל אַריין, פרעמדע קולטורן האָבן גענומען אַריינדרינגען אין ייִדישן לעבן. אָבער ייִדן זענען געבליבן, מחמת צוואַנג אין דער זעלביקער פריִערדיקער אויטאָנאָמיע אין קולטור־לעבן. איז נישט געקומען קיין אַסימילאַציע ווי אין אייראָפּע, נאָר עס איז אָנגעוואַקסן אַ אייראָפּעיִשע וועלטלעכע קולטור אין ייִדיש, פון דעם ייִדישן לעבן גופא גע־

שעפּט, געפורעמט אין נייע איראָפּעיִשע פאָרמען. נישט קיין דרשות נאָר רעד־נערס, נישט מגידים נאָר אַגיטאַטאָרן און פּראָפּאַגאַנדיסטן, נישט קיין ספרים, נאָר ביכער, נישט קיין תורה, נאָר ליטעראַטור, נישט קיין פּיוט, נאָר פּאָעזיע, נישט קיין בית־מדרש, נאָר דער וואַלד, די „בירזשע״ דער קלוב, די ביבליאָ־טעק. טאָקע מיטן פּאַפּיראָסל אום שבת, מיט אַ שטעקל אין גאַס אום שבת, אָבער דער שבת איז דאָך געבליבן דער יידישער פרייער, אָפּרו־טאָג. אָן רע־ליגיע, אָבער פאַרזיכיק יידיש. און דאָס וואָכעדיקע לשון האָט גענומען פאַר־נעמען אַן אָרט אין בוך, אין דער קולטור. איז די יידיש־וועלטלעכע קולטור אַ קינד פון דער איבערגאַנג־עפּאָכע.

און אַזוי ווי אין אַלע איבערגאַנגען פון קולטור צו קולטור איז אויך דאָ געווען אַ היפּשער פּלאָנטער, אַ מבוכה, אַ מין „תועה בדרכי החיים״ (אַ נאָמען פון פּרץ סמאָלענסקינס אַ ראָמאַן). און קיין „מורה נבוכים״ האָט נאָך נישט באַוויזן צו קומען. איז די גאַנצע באַוועגונג אָפּט אַוועק אויף פאַלשע, נישט קיין אַדעקוואַטע וועגן. יעדער נייע ריכטונג שטעלט דאָך קודם־כל אַרויס איר נעגאַטיווע פּראָגראַם. האָט מען אויך איצט פאַלש אויסגעטייטשט ביידע עלע־מענטן פון פּראָגראַם. האָט „יידיש״ געזאָלט מיינען — יידיש לשון, אָבער נישט לשון־קודש! האָט וועלטלעכקייט געמוזט הייסן — וואָכעדיקייט, אָבער חס ושלום נישט קיין רעליגיע!

און ביידע אויסטייטשן זענען פאַלש; ביידע שטאַמען נישט פון זייער היס־טאָרישער אויפגאַבע און מיט זייער היסטאָרישן מהות. אָבער יידן דאַרפן זיך דאָך קריגן, איז דער גאַנצער געדאַנק געווען קאָנצענטרירט אויף „אָפּפרעגע־נישן״. זאָגן די „זשאַרגאָן״, זאָגן די קעגנער — „לאָקשן קודש״; זאָגן די „שולחן ערוך״, — זאָגן די קעגנער — די גרעסטע מיצווה איז עסן חזיר אום יום־כיפור, ביי דער טיר פון אַ בית־מדרש...

דער אמתער זינען פון יידיש־וועלטלעכקייט איז עפּעס גאָר אַנדערש; קודם־כל, וואַרפט מען זיך נישט מיט קולטור. קולטור איז דעם פאָלקס נשמה, קולטור אָפּוואַרפן מיינט אָפּוואַרפן דעם פאָלקס נשמה.

יידיש אין פּראָגראַם האָט זיך קיין מאָל נישט אָפּגעזאָגט פון העברעיִש. ווען מיין זיידע פלעגט צו מיר טענהן, איך זאָל „נעמען אַ יידיש וואָרט אין מויל״, פלעגט ער זיכער מיינען מער דווקא העברעיִשע ווערטער. ער האָט געמיינט: אויך יידיש, אויך יידישע ווערטער דאַרפן זיין קודש, זענען קודש. און נישט דערפאַר ווייל יידיש לשון איז דאָס לשון קדושים, ווי איינער אַ גרויסער ייד האָט עס דערקלערט. נאָר עס איז דערפאַר אויך קודש, ווייל דאָס לעבעדיקע פאָלק האָט אין די אויסדרוקן פון דער שפּראַך אַריינגעגעבן זיינע

איבערלעבונגען, זיין גייסט און זיין נשמה. אין אָט דער שפּראַך איז אַריינגע־קנאָטן די גאַנצע „קולטור שבעל־פּה" פון פאָלק, מיט די אויסדרוקן פון דער שפּראַך איז פאַרבונדן דער גאַנצער נסתר פון פאָלק, גאָר דאָס וואָס עס איז פאַראַן אין גייסט פון פאָלק און עס איז נאָך נישט דעפינירט, נישט אויסגע־פורעמט אין קונסט. און דווקא אָט דאָס, דער נסתר, איז דער באַזיס פון יעדער קולטור. און דערפאַר האָט „יידיש" אין פּראָגראַם קיין מאָל נישט אָפּגעלייקנט די גאַנצע קולטור־אוצרות וואָס זענען ביי אונדז אָנגעשפּייכלערט אין העברעיש. עס האָט אָבער געמיינט: דורך יידיש איז עס נענטער צו די גייסטיקע וואָרצ־לען פון פאָלק, צו זיין נסתר, צו זיין נשמה.

האָט אויך די נייע העברעיִשע קולטור אין אַלע אירע פאָרמען צו פאַר־דאַנקען דעם נסתר וואָס אין יידיש. די גאַנצע העברעיִשע מאָדערנע קולטור אין אַלע אירע פאָרמען איז אַרויסגעוואַקסן נאָר פון דעם פאָלקיש־יידישן נסתר. און נאָך ביז היינט מוז דער העברעיִשער נגלה זויגן פון יידיש־נסתר און אָן אים פאַרבלאָנדזשעט ער פון יידישקייט צו... כנעניזם. דערפאַר מוז יידיש קומען פריִער.

האָט „וועלטלעכקייט" אין פּראָגראַם נישט באַטייט אָפּצוּוואַרפן אַלדאָס יידישעס וואָס איז פאַרהייליקט רעליגיעז, אַ פאָלק וואַרפט נישט אוועק זיינע אוראַלטע שטייגער־נאָרמען דערפאַר ווייל זיי זענען פאַרהייליקט רעליגיעז. קיינע אָנהענגער פון וועלטלעכקייט ביי קיין פאָלק האָבן נישט אָפּגעוואָרפן דאָס פאַרהייליקטע ביים פאָלק. מען האַלט זיך שטאַרק ביי דעם אויב נישט צוליב דער רעליגיע, איז עס צוליב געטרייקייט צו פאָלקישקייט. אָבער אָפּ־וואַרפן, מבטל זיין — קיין ליבע צום פאָלק שמעקט דאָ זיכער נישט. האָט וועלטלעכקייט אין פּראָגראַם יאָ געמיינט: אויך דאָס נישט הייליקע, נאָר דאָס אָנגענומענע אין וואָכעדיקן שטייגער איז אויך הייליק, ווייל עס איז פאָלקיש־יידיש, נישט בלויז לויט דער שפּראַך.

ביי אַזאַ אַלט פאָלק ווי מיר יידן זענען קען זיך טרעפן, אַז דאָס נאַציאָ־נאַלע (די קולטור, וואָס איז שוין מער נישט אָפּהענגיק פון צייט און אָרט) זאָל זיך אָפּרייסן פון די פאָלקישע עלעמענטן (די יינגערע, אויפגעקומענע אין באַשטימטע ערטער און אין די נאָענטע צייטן); די עלטערע צווייגן פון דעם יידישקייט־בוים זאָלן נישט וועלן אָנערקענען די יינגערע, די קולטור שבכתב זאָל נישט וועלן אָנערקענען די נייערע קולטור שבעל־פּה; דער אויסגעפּו־רעמטער נגלה זאָל גאווהדיק, מעשה אַריסטאָקראַט זיך מיאוסן צו חברן זיך מיט דעם פאָלקישן נסתר; דער תלמיד־חכם זאָל זיך גרויס־האַלטן איבער דעם עם־הארץ, הגם דווקא אָט־דער עם־הארץ איז מער איינגעוואָרצלט אין פאָלק איידער דער ערשטער, דער תלמיד־חכם, דער בעל־גאווה. דאָס איז וואָס פּרץ

האָט געשילדערט אין זיין „צווישן צוויי בערג". אָט דאָס פאַרהייליקן די וואָ־כעדיקייט פון פאָלק איז געווען דער מהות פון חסידות. און נאָך פריער איז עס געווען דער קאַמף פון די פרושים קעגן די צדוקים.

דאָס איז געווען די היסטאָרישע אויפגאַבע פון דער יידיש־וועלטלעכער באַוועגונג, נאָר זי האָט זיך אַליין פאַרלאָרן... נישט אומזיסט ווערט אַזאַ מין איבערגאַנג פון איין תקופה צו דער צווייטער נאָך אין חומש כאַראַקטעריזירט „כי נבוכים הם בארץ" — צעטומלט, און קיין וועגווייזער, קיין „מורה נבו־כים" האָט זיך נאָך נישט באַוויזן ביז עס איז געקומען דער פולער חורבן... נישטאָ מער דאָס היסטאָרישע יידישע שטעטל, און מיר זענען אַריינגעפאַלן — אַלט און יונג, קינד און קייט אין דעם אורבאַנישן געווירבל, אין דעם גרויסן הור־האַ, וואָס ברעכט טראַדיציעס, דערצו נאָך־נישט קיין איינגעפעס־טיקטע אין נייעם באַדן טראַדיציעס, געבראַכטע פון וויט. און אָט די אורבאַ־נישקייט רייסט מיט, שלעפט און ציט מיט איר מעכטיקן מאַסנשטראָם אָן שטייגערס, אָן וואָרצלען און טראַדיציעס.

און אָט אין דעם גאָר נייעם קעסלגרוב דאַרפֿן מיר איצט באַשטימען דעם ריכטיקסטן וועג פאַר אַ יידישער נאַציאָנאַלער דערציִונג.

***

וועלן מיר לכתחילה אָנגעבן עטלעכע פרינציפן:

1. נאַציאָנאַלע דערציִונג דאַרף שטרעבן צו באַהעפטן די נשמה פון די יונגע דערוואַקסענע דורות צו דעם נסתר פון זייער פאָלק, צו דער תורה שבעל פה פון פאָלק. דער מענטש זאָל פילן און דענקען ווי דאָס איז געגאַנגען דורך דורות פון זיין פאָלק.

2. דער גרינגסטער און נאַטירלעכסטער וועג דערצו וואָלט געדאַרפט זיין די קינדער זאָלן וואַקסן אין אַ פאָלקישער סביבה, נאָך איידער זיי הייבן אָן צו לערנען די פאָלקישע קולטור; ווען די שפּראַך פון פאָלק איז אויך די שפּראַך פון די קינדער.

3. דער גרעסטער שטער צו אַזאַ אָרגאַנישער נאַציאָנאַלער דערציִונג איז די עגאָפאָביע ביי אונדז.

4. אַז דאָס איז נישטאָ, דאַרף די שול איבערנעמען די אויפגאַבן אויף וויפל זי קען נאָר. די שול דאַרף, בכן, זיין קודם־כל אַ יידישע סביבה מיט אַ יידישן שטייגער, מיט אַ יידיש לשון.

5. די נאָענטסטע צום פאָלקס נסתר ביים היינטיקן טאָג איז די יידיש־

וועלטלעכע ריכטונג אין דערציִונג. דאָס פֿאָלקישעס וואָס האָט גאָר פֿאַרצייטנס געשאַפֿן דעם תנ״ך, דער נסתר פֿון יענער תקופֿה איז שוין גאָר לאַנג מער נישטאָ. נאָך די גמרא האָט עס שוין געוווּסט און באַטאָנט. אויך די תלמודישע תקופֿה איז שוין צו ווייט פֿון אונדז, זי זאָל קענען אַריינפֿירן די לערנער אין אונטערבאַוווּסטזיניקן נסתר פֿון פֿאָלק, פֿון לעבעדיקן פֿאָלק, קומט אויס, אַז,

6. דווקא די ייִנגסטע און די שוואַכסטע ייִדיש־וועלטלעכע סיסטעם איז די נאַציאָנאַלסטע, די געזונטסטע סיסטעם ביים היינטיקן טאָג, זי האָט נאָך גענוג שטאַרקע וואָרצלען אין די נשמות פֿון די לעבעדיקע דורות.

איך האַלט אָבער פֿאַר נייטיק צו בייטן איר נאָמען. איך וויל זי אָנרופֿן די מאָניסטישע דערציִונג. און אָט פֿאַרוואָס:

דער ביז־איצטיקער נאָמען מוז פֿאַרביטן ווערן, ווייל ער האָט עס אַריינגעפֿירט אין אַ טעות, הן די אָנהענגער, הן די קעגנער.

די סיסטעם זאָגט זיך נישט אָפּ פֿון קיינע פֿריִערדיקע קולטור־שיכטן וואָס זענען געווען און געלעבט אין אונדזער פֿאָלק ווען עס איז. אין דער געאָלאָגישער געשיכטע פֿון דער ערד זענען אָנגלייגט שיכטן אויף שיכטן נייע און נייערע ערדן, גאַנצע סיסטעמען. אָבער קיין שום נייער שיכט „לייקנט נישט אָפּ״ די פֿריִערדיקע. אַזוי איז אויך מיט אונדזער קולטור. אָבער די אַלע שיכטן פֿון אַלע פֿריִערדיקע תקופֿות — פֿון דער תנ״כישער, פֿון דער תלמודישער תקופֿה, פֿון דער השכּלה, פֿון דער שטעטל־שטאָטישער און פֿון דער שטאָטיש־שטעטלשער טאָרן נישט קומען באַזונדער, ווי באַזונדערע געביטן, ווי באַזונדערע לימודים־גרופּעס, נאָר ווי אין געמיינזאַמער איינס, גאַנץ. עס איז נישט ווי אַ מעכאַנישער געמיש, נאָר ווי אַ כעמישע פֿאַרבינדונג; נאָך בעסער — ווי אַן אָרגאַנישער איינס, צונויפֿגעזעצט זייער קאָמפּליצירט פֿון אַ סך עלעמענטן.

און נאָך ווייטער — אויך די אַזוי־גערופֿענע „אַלגעמיינע לימודים״ — אָט די אַלע וואָס ווערן געלערנט אין אַלע מלוכה־שולן, אויך זיי דאַרפֿן נישט פֿאָרשטעלן מיט זיך קיין באַזונדערן קאָמפּלעקס לימודים, לויט דער שפּראַך און לויטן גייסט, נייערט זיי דאַרפֿן אַלע איינגעשלאָסן ווערן אין דעם איינציקן, מאָניסטישן סכום, טאַקע לויט דער שפּראַך פֿון לערנען און — נאָך מער — לויט דעם גייסט פֿון לערנען. אין אַ צווייטן אָרט שטעלן מיר זיך אָפּ ברייטער וועגן דעם אונטערשייד אין גייסט, וועגן די מעטאָדאָלאָגישע אַנדערשקייטן ווי עס ווערט געלערנט אין דער נישט־ייִדישער וועלט, און ווי עס זענען די איינגעשטעלט דורך דורות ייִדישע נאָרמען און דרכים. דאָ וועלן מיר אין קורצן אָנמערקן: לויט אונדזערע אוראַלטע נייגונגען צו לערנען לשמה,

נישט צו מאַכן פון לערנען קיין קרדום לחפור בו, דאַרפן מיר אויך איצט אַלע „אַלגעמיינע" לימודים לערנען נישט לויט זייער אָנווענדונג און אויסנוצונג, נאָר לויט זייערע ריין־וויסנשאַפטלעכע אינטערעסן. צווייטנס, דאַרפן מיר אין פּראָצעס פון לערנען אַריינפירן נישט נאָר די אויספירן, די געזעצן פון די וויסנשאַפטן, נאָר אויך די גאַנצע שקלא וטריא ביז די וויסנשאַפטלעכע „הלכה" איז פעסטגעשטעלט געוואָרן.

בכן, וואָלט אַ יידישע שול געדאַרפט קודם־כל שאַפן פאַר די תלמידים אַ סביבה מיט יידיש־לשון און מיט שטייגער. און דאָס שוין טאַקע אין קינ־דער־גאָרטן. דאָ און אין די ערשטע קלאַסן ליגן די וואָרצלען פון דעם שפּע־טערדיקן מענטשן. אין דער סביבה דאַרפן די קינדער זיך מער איינלעבן ווי־אַריינלערנען זיך אין אָט דער „שול־היים" — שול־סביבה — הערשט די שפּראַך פון יידן, פון פאָלק, פון יידישע זיידעס און באָבעס, פון דער יידישער וועלט, וואָס איז נאָך ווייט נישט אָפּגעשטאָרבן. אין מוסטער־שולן פון דעם מין דאַרף אויסגענומען ווערן אַ תנאי מיט עלטערן, אַז עמעצער פון זיי מוז רעדן מיט די קינדער יידיש. נישטאָ קיין שום אַנדער מיטל וואָס זאָל קענען אַריינפירן די קינדער אין דעם נסתר פון פאָלק ווי דאָס לשון פון יידישן לעבן, פון לעבעדיקע יידן. און דאָך איז נישט די שפּראַך דער ציל פון לערנען אין אַ יידישער שול. דער ציל ליגט אין די אינהאַלטן וואָס אין די שפּראַכן. און נאָך וויכטיקער איז די דירעקטע באַהעפטונג פון יחיד מיט דעם פאָלק, מיט דעם בעל־פּה פון פאָלק וואָס איז נאָך נישט דערגאַנגען צו בכתב, פאָרמולירט צו ווערן אין ווערטער אָדער אין אַנדערע קונסטן. דאָ איז די דירעקטע פאַרבינ־דונג מיט די אייגענע עלטערן, זיידעס גאָר שטאַרק וויכטיק, וויכטיק ווי אַ בריק צו די נאָך ווייטערדיקע דורות.

ס'איז אַ גאַנץ קאָמפּליצירטער ענין די צעצווייגונג פון די לימודים פון איין געמיינזאַמען שטאַם צו באַזונדערע געביטן. פון קולטור זאָגט מען זיך נישט אָפּ. אָבער די פאַרבינדונג פון דורות און קולטור, פון תקופות און קול־טור איז אַ גאַנצער ענין פאַר זיך און דווקא אַ ספּעציעל פּעדאַגאָגישער וואָס מיר וועלן דאָ נישט אָנרירן. דאָ וועט זיין פאַר אונדז גענוג צו זאָגן, אַז מען מוז זיך אָנשטרענגען צו געפינען די אייניקייט און די גאַנצקייט פון אונדזערע פאַרשיידענע קולטור־געביטן. עס איז פאַלש און שעדלעך שוין דער נאָמען „יידיש־העברעיִשע שול". פון ווען אָן זענען דאָס יידיש און העברעיִש צוויי באַזונדערע געביטן געוואָרן? ווער האָט זיי צעטיילט? אַז מיין זיידע פלעגט פאָדערן איך זאָל „נעמען אַ יידיש וואָרט אין מויל", האָט ער דען געמיינט עפּעס דווקא יידיש לשון און נישט קיין לשון־קודש? און ווער האָט עס בכלל געדאַרפט האָבן דאָס דייטשיש וואָרט „העברעיִש" אַז עס איז אַלץ און צוזאַ־

מען איין ייִדיש, איין ייִדישקייט? און פון ווען אָן און צו וואָס האָט מען ייִדישע דערציִונג פאַרוואַנדלט גאָר אין אַ שפּראַכן־שול? דערמיט זינדיקט די ייִדיש־וועלטלעכע שול נישט ווייניקער פון העברעיִסטישער. די מעלה אָבער אירע איז גאָר אין אַ צווייטן געביט. מיר האָבן געזאָגט, אַז די הויפּט־אויפגאַבע פון אמתער דערציִונג איז אַריינצופירן אין דער נשמה פון די קינדער דעם נסתר פון פאָלק (חס ושלום נישט אין דעם קבלה־זינען). מיר מיינען דערמיט פשוט די עמאָציאָנעלע אידענטיפיקאַציע מיט דעם פאָלק און דאָס זאָל זיין אין דעם באַוווּסטזיין, עס זאָל קומען צום באַוווּסטזיין ווי אַ קעגנגיפט קעגן דער פאַר־שפּרייטער עגאָפאָביע און קעגן דער מיאוסער מאַלפּישער נאָכמאַכערישער אַסי־מילאַציע.

יעדער קולטור וואָס ווערט געלערנט שטאַמט פון פאָלקישן נסתר, פון פשוטן נישט־אויסגערעכנטן לעבן. אָבער דער תנ״ך שטאַמט פון אַזאַ אַל־טער תקופה, אַז דער נסתר וואָס פון אים איז דער תנ״ך געבוירן געוואָרן איז שוין אַזוי אַלט, עס איז שוין פון אים אין דעם היינטיקן ייִדן קיין סימן נישט געבליבן. סיידן ביי טוביהן דעם מילכיקער אין זיינע טייטשן און דריידלעך. קען מען לערנען תנ״ך גאָר אַ סך, אָבער צום ייִדישן נסתר וועט דאָס לערנען נישט פירן, עס וועט בשום אופן נישט באַהעפטן די נשמה פון לערנער, צו דער נשמה פון פאָלק. צדוקים, קאַראַימער, „כנענים״, אָבער נישט קיין ייִדן. נישט אין פאַרגלייך נענטער איז צו אונדזער לעבעדיקן גייסט דער נסתר פון תלמוד און גאָר נאָענט, כמעט מיט אונדז גלייך, כמעט היינטיק איז דער נסתר פון ייִדיש פאָלק פאַרבונדן מיט דער דעם ייִדיש־לשון און מיט אַלץ וואָס עס איז דאָ אין ייִדיש, הן אין פאָלקלאָר און הן אין קונסט. איז אָט זענען די מדרגות פון ייִדישער דערציִונג: פון היינט צום פאַרצייטן. אָן אַלטער כלל. און אַזוי דאַרפן זיך צעצווייגן די געביטן פון לערנען. איז די ייִדיש־וועלט־לעכע סיסטעם וואָס האָט געבלאָנדזשעט און בלאָנדזשעט נאָך געגוג איצט אויך, איז זי די נאָענטסטע צום מאָניסטישן דערציִונג־אידעאַל ביי אונדז.

אויך די וועלטלעכע שול נייטיקט זיך אין אַ סביבה, מען קען דאָס דער־גרייכן דורך אויסערשול־אַרבעט מיט די קינדער, דאָ קען מען נאָך ווירקן אויף די היימען אויך. עס לעבט נאָך טיילווייז דער ייִדישער שטייגער. דאָס ייִדישע אין שול קען זיך גרינג פאַרקניפּן, באַהעפטן מיט דעם. אין אַ דעטאַלירטן קורס פון פּעדאַגאָגיק וואָלט מען געקאָנט ברייטער אַנטוויקלען אָט־דעם גאַנג צו ייִדישן מאָניזם אין דערציִונג. דאָ איז געגוג דער פּרינציפּ: ייִדישקייט איז איין בוים פון די וואָרצלען ביז די יונגע בלעטער און בלומען. מיר הייבן אָן פון היינט און מיר פירן צום אחד.

נאָך איין טעות דאַרף די מאָניסטישע דערציִונג אויסראָטן: עס דאַרפן

נישט זיין קיין יידישע און אַלגעמיינע לימודים. דאָס איז אַ שטאַרק וויכטיק־דיקע פּראָבלעם. אין אַ יידישער שול וואָלט אַלץ וואָס מען לערנט געדאַרפט זיין יידיש, און נישט בלויז לויט דער שפּראַך. פאַראַן אין לערנען פאַקטאָרן וואָס זענען אפשר נאָך וויכטיקער ווי עס איז די שפּראַך. אָבער עס זענען דאָ ביי יידן שולן וואָס מען רופט זיי „יידישע", אינטעגראַלע אָדער אַנדערש, און זיי זענען אין תוך אַריין צוויי באַזונדערע סיסטעמען, וואָס האָבן צווישן זיך נישט קיין שייכות, וואָס זענען קעגנעריש געשטימט איינע קעגן דער צווייטער. און אַלע אַלגעמיינע לימודים, — ד"ה אייגנטלעך, די גאַנצע בילדונג וואָס פאַרפּליכט אַלע קינדער פון לאַנד זענען איינגעשטעלט צו אַנדערע צילן, מיט אַנדערע דרכים און זיי ווערן געפירט דורך אַנדערע לערער, וואָס זיי איז פרעמד דער גאַנצער גייסטיקער מהות פון יידישן קינד, פון יידישן פאָלק, און זיי קענען זיין אַפילו גאַנץ נישקשהדיקע אַנטיסעמיטן אויך. אין אַט די שולן, הגם זיי זענען געבויט פון יידן, ווערן אויסגעהאַלטן פון יידן און הגם זיי רופן זיך יידישע, זענען זיי לגמרי נישט קיין יידישע, נאָר זיי זענען ווי אַלע שולן אין לאַנד, נאָר מיט אַ יידישער בראָדעווקע אויף דער נישט־יידישער נאָז. און די דאָזיקע יידישע הוספה איז נישט אָבליגאַטאָריש, זי האָט נישט קיין ווערט בנוגע צו דער קאַריערע פון תלמיד, בנוגע צו זיין צוקונפט אין לעבן, זי איז אויך מינדערוויכטיק אין די אויגן פון די עלטערן, וואָס זאָרגן איבערהויפּט וועגן די דיפּלאָמען. במילא טרעפט אויך זייער אָפט, אַז אויך פאַר די תלמידים זענען די יידישע לימודים פון דער צווייטער מדרגה. די עצם פאַרטיילונג איז אַ שעדלעכע. דערצו נאָך איז זייער אָפט אין דעם גאַנצן יידישן לעבן אַרום נישטאָ קיין אָנווענדונג פאַר דער גאַנצער „יידישקייט", וואָס די שול לערנט: די היים און די גאַנצע סביבה איז גאָר ווייט פון דעם אַלעם. נישט די רעליגיעזע שול און אויך נישט די וועלטלעכע פּראָגראַם פון יידישקייט האָט נישט קיין אָרט אין די היימען, און אין דער גאַנצער סביבה, וווּ די קינדער טרעפן זיך.

מיר האָבן פריער געזאָגט אַז אַן אמתע רעליגיעזע דערציִונג וואָלט גע־קאָנט זיין נאָר אין אַ גאַנצער אויסגעהאַלטענער סביבה, די דערציִונג וואָס עס איז געווען פאַסיק אין דער אַמאָליקער שטעטלשער תקופה וואָלט פאַרלאַנגט אויך איצט אַ שטעטלשע סביבה. בויען אַ ישיבה אויף אַ האַלבן טאָג, ווען די צווייטע העלפט איז אָוועקגעגעבן פאַר אַן אַלגעמיינער, גאָר גוייִשער שול און דערצו נאָך אין אַן אורבאַנישער (לייען: גוייִשער) סביבה אַרום איז אַ פאַלשער דרך. דאַרף דאָס זעלביקע אין תוך אַריין געזאָגט ווערן אויך וועגן די וועלטלעכע שולן. מער נישט וואָס די וועלטלעכע קענען שאַפן אַ סביבה אַ סך גרינגער אויך אין דער אורבאַנישער סביבה. מען דאַרף דאָ נישט בויען

קיין באַזונדערע שטעטלעך. די סביבה קען געשאַפן ווערן דורך אויסערשול אַקטיוויקייטן, דורך העכערער יידישער אויסשולונג. די רעליגיעזע לימודים האָבן נאָך אַמאָל אַ מעלה: זיי זענען דאָך קודש. האָבן זיי טאַקע נישט קיין אוזיזה אין פּראַקטישן לעבן, האָבן זיי אָבער דעם יחוס פון קדושה אָן אין בית מדרש, כאָטש אַ פּאָר מאָל אין יאָר זענען זיי חשיב. אָבער די וועלטלעכע לי־מודים אין די וועלטלעכע שולן האָבן אויך נישט דעם יחוס פון בית־מדרש. אָבער דאָך, פאַרקערט, זענען זיי נאָך פאַראַן, רעשטן פון זיי זענען נאָך פאַראַן אין דעם וואָכעדיקן לעבן פון פאָלק, איז זייער בסתר, זענען נאָך די וואָרצלען זייערע לעבעדיק אין פאָלק, און עס איז גאָר נישט שווער זיי צו מאַכן אַקטיוו אין לעבן.

פאַראַן צווישן די אַלטע יידישיסטן, די מסתפקים במועט, וואָס האַלטן אין איין איבערחזרן „מען רעדט נאָך יידיש"; „די אייניקלעך פאַרשטייען נאָך וואָס איך רעד צו זיי"... אָך און ווי צו די גליקן און צו דעם טרייסט, וואָס מען טרייסט אונדז, אָבער אויב עס איז אין דעם נישטאָ קיין אמת, איז אַ סימן פון אמת אין דעם יאָ פאַראַן: פאַראַן וואָרצלען אין לעבן פון פאָלק און אַ גוטע, ריכטיק געשטעלטע וועלטלעכע סיסטעם קען נאָך אויף די וואָרצלען אויפבויען אַ דבר של קימא פון אַ וועלטלעכער יידישער טביבה. און בכלל מיינט דאָך די וועלטלעכקייט נישט אָפּצומעקן און אויסצומעקן פון יידישן לעבן דאָס אַלץ וואָס עס איז ביי יידן פאַרהייליקט געוואָרן רעליגיעז. אדרבא, מיינט דאָך וועלטלעכקייט נישט: רעליגיע איז אַ שווערע זאַך, לאָזן מיר נאָר אַ ביסעלע אָדער גאָרנישט, מיינט דאָך וועלטלעכקייט נישט צו זיין אַ „מומר להכעיס". מיינט דאָך וועלטלעכקייט יאָ: מיר נעמען אָן די פּרינציפּן און די יידישקייט פון פריערדיקע דורות, נאָר מיר באַמיען זיך דאָס אויסצוטייטשן נישט פאַר יענער וועלט, נאָר דווקא פאַר דער וועלט, נישט פאַר דעם גוטן געצאָלט וואָס איטלעכער וועט קריגן, אם ירצה השם, אויף יענער וועלט, נאָר פאַר דעם קיום פון פאָלק אויף דער וועלט, בארצות החיים. במילא איז צווישן רעלי־גיעזער יידישקייט און דער וועלטלעכקייט גאָר נישטאָ אָט־דער כלומרשטער תהום וואָס יידן האָבן אויסגעטראַכט אין זייער קעגנערשאַפט.

דאַרפן מיר גוט פאַרגעדענקען:

1. דערציִען מיינט באַהעפטן די נשמות פון דער יוגנט מיט דער נשמה פון פאָלק.

2. די נשמה פון פאָלק ליגט אין דעם נסתר פון דער קולטור. דער נגלה איז דער גוף אירער. לעבן קען מען נאָר מיט אַ לעבעדיקן מענטשן. איז די נשמה פון דעם מענטשן מער נישטאָ אין גוף, קען מען מער מיט אים נישט

לעבן. לעבן היינט מיט דעם נגלה פון אַ קולטור וואָס איר נסתר איז שוין בישטאָ, איז גלייך ווי לעבן מיט אַ טויטן מענטשן.

3. דערציִען היינט אויף דעם תנ״ך איז גענליכן ווי האָדעווען אַ קינד מיט דער מילך פון דער עלטער־עלטער באָבען, וואָס איז שוין לאַנג געשטאָרבן. נאָר דערפאַר איז ביי אונדז דער תנ״ך געבליבן, ווייל מען האָט אַ פסוק געדענקט פון... גמרא, וואָס האָט יאָ געלעבט דורך דער גאַנצער תקופה פון שטעטל. דאָס וואָס די משכילים האָבן פון דעם געלאַכט, ווייזט נאָר אַז זיי האָבן זייער קנאַפּ פאַרשטאַנען די וועגן פון קולטור אין לעבן פון אַ פאָלק (דאָס איז דער איינציקער באַוויז פון זייער נישט פאַרשטיין).

4. די אָרטאָדאָקסישע יִידישקייט, ריכטיקער — די יִידישקייט פון שולחן־ערוך איז ביי היינטיקן טאָג אָפּגעהיט נאָר ביי די „כלי קודש" אָדער במעט נאָר ביי זיי. די „עולמשע" יִידן (אָן אַלט יִידיש וואָרט צו באַצייכענען די נישט כלי קודש־יִידן וואָס זענען אַפילו זייער פרום, אָבער זיי לעבן נישט פון קהל). די עולמישע יִידן קענען זייער זעלטן אָפּהיטן דעם שולחן־ערוך, און מען היט טאַקע אין די גרויסע שטעט גאָר ווייניק, אַפילו די אָרטאָדאָקסישע יִידן. די שולחן ערוך־יִידישקייט איז שוין כמעט אָפּגעשטאָרבן אין דער היינטיקער אורבאַנישער תקופה. דערציִען אויפריכטיקע יִידן אין דער שולחן ערוך־יִדישקייט וואָלט מען געקאָנט — ווי מיר האָבן שוין געזאָגט — נאָר אין באַזונדערע אויטאָנאָמע רעסטאָווּרירטע יִדישע שטעטלעך.

5. די איינציקע יִדישקייט, וואָס איז פאַרזיכיק יִדישלעך און יִדיש, אָפּגעזונדערט און אַנדערשדיק און זי לעבט, איז נאָר די וועלטלעכע יִדישקייט. דאָ איז נאָך פאַראַן דער נסתר, עס איז נאָך דער געבראַכטער פון שטעטל שטייגער און גייסט נישט אָפּגעשטאָרבן. עס אָטעמט נאָך אין לעבעדיקע יִידן דער גייסט און שמייכל פון זיידעס און באָבעס, און כל־זמן עס לעבט נאָך יִידיש לשון, לעבט נאָך אויך דער גאַנצער נסתר פון דער יִדישער נשמה. אָט דאָ איז דער וועג צו באַהעפטן די נשמה פון דער יוגנט צו דער נשמה פון פאָלק.

פלאַכע נאַרישע חכמים האָבן אויסגעטראַכט, אַז מען קען דאָך די גאַנצע קולטור איבערזעצן אויף דער „שפּראַך פון דער יוגנט". רעדט די יוגנט ענגליש אָדער שפּאַניש, קען מען דאָך די גאַנצע יִדישקייט געבן אָט אין די שפּראַכן... איז עס אָבער ווי יענע מעשה פון די עשרת הרוגי מלכות: אָפּגעשונדן די שייבע הויט און אָנגעפּילט מיט שטרוי... אויסגעפּוצן דעם חפץ־חיים און טוביה דער מילכיקער אין קאָזאַקישע בגדים און אויף דעם האָדעווען יִדן... אַזוי ווייט גרייכט אונדזער כעלעמער חכמה. מענטשן האָבן נישט קיין השגה וועגן דער נשמה פון קולטור, און זיי מיינען, אַז פאַרשריבענע פּאַפּיר — דאָס איז קולטור.

כל־זמן עס לעבט נאָך יידיש לשון און כל־זמן עס לעבט נאָך פאַרזיכיקע, וועלטלעכע יידישקייט, לעבט נאָך אַ יידישער וויץ, אַ קנייטש, אַ דריידל, אַ שמייכל, אַ קרעכץ — עס לעבט נאָך די גאַנצע קולטור שבעל־פּה פון יידישן פאָלק, און דאָ איז די נשמה פון פאָלק, מער ווי אין אַלע ספרים, וואָס מען קען איבערזעצן. דאָס האָט נאָך געוווסט די גמרא (נאָר עס וויסן עס נישט אונדזערע היינטיקע חכמים!).

6. כל־זמן עס לעבט נאָך יידיש לשון, איז נאָך פאַראַן אַ לעבעדיקע „גמראלע" אין מויל פון יידן. און דאָ ליגט דער איבערגאַנג צו דער קולטור פון די פריערדיקע יידישע תקופות. און די יידיש־וועלטלעכע דערציונג זאָגט זיך נישט אָפּ בשום־אופן פון אונדזערע פריערדיקע קולטורן פון די אַמאָליקע דורכגעמאַכטע תקופות.

...איך שרייב די דאָזיקע זאַצן גראָד צופעליק אין מיטן נאַכט, און עס דאַכט זיך מיר: עס איז דאָך אַזוי פשוט, אַזוי גרינג צו פאַרשטיין, פאַרוואָס איז עס אָבער אַזוי שווער יידן זאָלן דאָס פאַרשטיין?... איז אויף דעם פאַראַן אַ גמראלע, און אַ צווייטע גמרא ברענגט אויף דעם אַ פסוק. און דער פשוטער פשט פון דעם איז — עס איז טאַקע אַ קללה אַזאַ. און אַז מען וויל, קען מען זאָגן, אַז די אָנהענגער פון וועלטלעכער קולטור זענען די הויפּטשולדיקע, אָבער דאָס וואָלט אונדז פאַרפירט אויף אַנדערע וועגן.

## וועגן דער רעליגיעזער ראַם

עס איז שוין נישט פון היינט, אַז עטלעכע ערנסטע, דווקא ערנסטערע דענקער האָבן אַרויסגערוקט דעם געדאַנק אַז יידישקייט וועט אין אַמעריקע קענען עקזיסטירן נאָר אין אַ ראַם פון רעליגיע, דאָס מיינט צו זאָגן: יידן זענען פונקט אַזוינע אַמעריקאַנער ווי אַלע אַנדערע נישט־יידן, נאָר זיי שיידן זיך אָפּ פון אַנדערע מיט זייער רעליגיע.

איז אין דער אידעע פאַראַן ווי אַ געזונטער געדאַנק אַזוי אויך אַ מין געבן אַ פינגער דעם טייוול פון אַסימילאַציע. אויב עס בלייבט נאָר די רעליגיע, טאָ ווו קומט אַהין די גאַנצע וועלטלעכע קולטור אונדזערע? פון דער צווייטער זייט זע איך אויך נישט קיין אַנדער כוח וואָס זאָל צוציען יידן, אַמעריקאַנער יידן צו יידישקייט אַחוץ דער רעליגיע. און אויב נישט רעליגיע, בלייבט טאַקע יידישקייט אַ תולה על בלימה, אָן אַ באָדן. דאַרפן זיך וועלטלעכע יידן זייער ערנסט וועגן דעם פאַרטראַכטן.

די מאָטיוון פאַר דער רעליגיעזער ראַם, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו הערן און צו לייענען זענען איבערהויפּט, ווייל „אַמעריקע קען נישט דולדן

קיין אַנדערע אָפּזונדערונגען אַחוץ רעליגיע״. עס זענען נישטאָ אין אַמעריקע קיין אַנדערע וועלטלעכע אונטערשיידן צווישן בירגער, נישטאָ אין אַמעריקע קיין פאַרשיידענע פעלקער ווי דאָס איז געווען אין מיזרח־אייראָפּע. אַלע אייג־ וויינער פון די שטאַטן זענען אין די באַגריפן פון אַמעריקע איין פאָלק. דאָס וואָרט „נאַציע״, „נאַציאָנאַל״ טייטשט אַמעריקע אין זינען פון טעריטאָריע, לאַנד, שטח. אַלע בירגער וואָס לעבן צווישן די גרענעצן פון קאַנאַדע און מעקסיקע געהערן צו איין נאַציע, צו איין מדינה. אָבער אין די ראַמען פון אָט דעם געאָגראַפישן שטח זענען נישטאָ קיין פאַרשיידענע פעלקערשאַפטן, עס זענען אָבער יאָ פאַראַן עטלעכע רעליגיעס. אין דער שכנהשער קאַנאַדע זענען יאָ דאָ עטלעכע פעלקערשאַפטן — ווי ענגלענדער, פראַנצויזן, אוקראַינער און אויך יידן. האָט זי טאַקע איצט צרות פון די פראַנצויזן, אַ ביסל אויך פון דער קליינער גרופּע רוסישע דוכאָבאָרן. זי וועט נאָך האָבן צרות אויך פון די אוקראַינער... אָבער אין די שטאַטן איז עס נישטאָ און עס וועט נישט זיין. דערפאַר דאַרפן אויך יידן זיך צופּאַסן צו אָט־דעם אַמעריקאַנער געדאַנקען־ גאַנג און קאָנצענטרירן זייער גאַנצע יידישקייט אין די ראַמען פון רעליגיע...

איז עס יאָ גוט און אויך נישט גוט. נישט גוט, — פאַרוואָס?

— ווער איז עס אָט־די אַמעריקע וואָס צו איר, צו איר פּסיכיק דאַרפן מיר זיך צופּאַסן? דאָס מיינט מען דאָך דאָס פאָלק וואָס מיר אַנערקענען עס פאַר דעם בעל־הבית פון לאַנד. אָט דאָס פאָלק — זיי זענען אַמעריקע און מיר — יידן זענען בירגער פון דער צווייטער מדרגה; מיר מוזן זיך צופּאַסן צו אַ צווייט פאָלק, צו די הערשער פון לאַנד, צי מיר געפעלן זיי אָדער נישט. מיר דאַרפן זיך פירן און דענקען און טראַכטן, וואָס וועט אונדז זאָגן דער פּריץ... שמעקט עס מיר מיט „עבדים היינו״. איך זע אין דעם אחד־העמס „עבדות בתוך חירות״ — טאַקע פיינע בעלי־בתים, גוטע פּריצים, זיי שלאָגן נישט, זיי טרייבן נישט, זיי צאַפּן נישט קיין בלוט, — אָבער פאָרט זענען זיי העכער, ווויכטיקער, פון אַ וויכטיקערער מדרגה, און מיר — יידן — דאַרפן זיך צופּאַסן צו זייער געשמאַק, אויב אַפילו זיי פאַרלאַנגען עס נישט פון אונדז בפירוש. דאָס לויפן מיר פאָרויס, נאָך איידער זיי — די אמתע אַמעריקאַנער, די האַרן און הערשער, פאָדערן עס פון אונדז און יידן אַליין באַשטימען פון לכתחילה אַז מיר זענען אַ סובאָרדינירט פאָלק, נישט בלויז אַ מינדערהייט, נאָר אַ מינדערווערטיקע גרופּע אַזאַ. „אהבתי את אדוני״. ווייס איך נישט וואָ־ סער אַמעריקאַנער געזעצגעבער עס האָט אַזוי באַשטימט, אין וואָסער ספר פראַלניק עס איז אַזוי פאַרשריבן. ווער און ווו האָט עס געזאָגט און געפּסקנט, אַז „אַמעריקע״ דאַרף נישט און קען נישט דערלאָזן קיין וועלטלעך־נאַציאָנאַלע פאַרזיכיקייט פון גרופּעס בירגער אין לאַנד? פאַרוואָס רעליגיעזע פאַרזיכי־

קייט יאָ און קולטורעל־שטייגערישקייט נישט? איז עס טאַקע מסתמא אַ שטריך פון אונדזער יידישער פסיכיק, טאַקע יענע, די זעלביקע „קנעכטישע פסיכאָ־לאָגיע פון פרייע בירגער" וואָס אחד־העם האָט אַזוי טיף אַריינגעהאַמערט אַ האָס צו דעם בשעתו. געפעלט עס נישט, פאַרדריסט עס. אָבער — אַזוי איז עס: טאַקע יידן אַליין באַשטימען אַזוי, טאַקע שלעכט, אָבער אַ פאַקט. און מיט פאַקטן מוז מען זיך רעכענען. קיינער צווינגט עס נישט, אָבער יידן זענען אַזוי.

אַן ענגלענדער און אַ ייד האָבן זיך געראַטעוועט פון שיפּברוך אויף אַן אינדזל. האָט דער ענגלענדער תיכף גענומען זוכן... איבער וועמען צו הערשן דאָ. און דער ייד איז אַרומגעגאַנגען זוכן — ווער איז דאָ דער בעל־הבית, צו וועמען ער זאָל זיך נעמען צופּאַסן... אַזוי זענען מיר; וואָלטן מיר געווען אַנדערש, וואָלט אונדזער גאַנצע געשיכטע געווען אַנדערש.

און אַז מען וויל, קען מען געפינען אַ תירוץ אויך: דער אורבאַניזם אין אַמעריקע צווינגט עס אַרויף. און מען קען זיך נישט העלפן... איז טאַקע אַ תירוץ נישט מער ווי אַ תירוץ, אַ פאַרענטפערונג, אָבער נישט קיין באַרעכ־טיקונג. און דאָך קענען מיר זיך נישט העלפן, און עס האַלט נישט ווייט פון דעם, אַז די גאַנצע יידישקייט זאָל בלייבן נאָר אין די ראַמען פון רעליגיע. באָך ריכטיקער — נאָר אין דער סינאַגאָגע.

פרעגט זיך: צי קען וועלטלעכקייט זיך אַריינפּאַסן אין די ראַמען אָדער זי דאַרף בלייבן אויסן, אַפילו דאָס דראָט איר מיט אונטערגאַנג?

וועלן איך פּרובירן גיין כסדר:

מיט דעם וואָרט רעליגיע, אָדער נאָך בעסער — אמונה — באַצייכענען מיר אַלץ דאָס וואָס מען היט אָפּ, הגם קיין פּראַקטיש־פּאָזיטיוון ווערט האָט עס נישט, נישט קיין עקאָנאָמישן און נישט קיין סאָציאַלן. דאָס וואָרט אמונה האָט דאָך ביי יידן צוויי טייטשן: אמונה — גלויבן אין באַשטימטע קרעדאָס, דאָס איז איינס, און אמונה — געטרייקייט. ביי יידן איז אַלע מאָל געווען דער צווייטער טייטש וויכטיקער. „גלייבסט יאָ אָדער נישט, אָבער אַ ייד מוזטו זיין"... אַזוי פלעגן פרומע טאַטעס מוסרן די קינדער. איז אָט אמונה־געטרייקייט אויך אַ חוב פון די וועלטלעכע יידן. איז יאָ גלויבן צי נישט גלויבן, אָבער געטרייע יידן זענען דאָך די וועלטלעכע יידן זיכער, אפשר מער, געטרייער פון אַנ־דערע. הייסט עס פשוט גערעדט, אַז אויך וועלטלעכקייט איז אַ מין יידישע רעליגיע, אַ טייל אָדער פאַר זיך, אָבער עס קען זיך יאָ אַריינפּאַסן אין אַ „רעליגיעזער ראַם" — וועלטלעכע געטרייע יידן וואָס היטן אָפּ זייער יידיש־קייט מיט רעליגיעזער געטרייקייט און פּיעטעט. אין דעם זינען שטייען וועלט־לעכע יידן העכער פון די פרומע. פאַר די לעצטע איז די גאַנצע יידישקייט

שוין לאַנג פאַרשריבן און פיקסירט אין שולחן־ערוך. פאַר די וועלטלעכע איז ייִדישקייט אַלץ אין שטייגער און איר פיר וואָס טיילט אָפּ, וואָס שיידט אָפּ ייִדן פון אַלע אַנדערע נישט־ייִדן, אויך אַלע נישט־קאַנאָניזירטע, נישט פאַר־הייליקטע, פאַרזיכיקע אַנדערשקייטן. דער שולחן־ערוך אין זיין צייט און אונ־דזער ייִדישקייט — פאַר אונדז; אַלץ וואָס איז ייִדישלעך אַנדערש, ספּעציפיש ייִדיש — אַלדאָס איז אונדזער ייִדישקייט, אונדזער ייִדישע רעליגיע. עס שטייט „הבדלת וקדשת״ — אַלץ וואָס עס איז כולל דער הבדלת, אַלץ איז קדשת — אַלץ וואָס עס איז ייִדישלעך פאַרזיכיק, איז פאַר אונדז הייליק. (און הייליק איז דאָך נישט פון הימל באַשטימט, נאָר בקדושת הפאָלק).

צוויי פּרינציפּן: ייִדישלעך און אַנדערשדיק;

1. אַנדערשדיק — ספּעציפיש נאָר פאַר ייִדן.

2. ייִדישלעך — עס האָט אַן אָפּשטאַם פון פריערדיקע דורות, עס איז געשיכטלעך אויסגעוואַקסן ביי ייִדן.

מיט אַנדערע ווערטער: די אָרטאָדאָקסיע זאָגט: נאָר די רעליגיע איז אונ־דזער ייִדישקייט און מיר וועלטלעכע זענען גורס: גאָר די ייִדישקייט איז אונ־דזער רעליגיע. צוויי קעגנזאַצן. די ערשטע פאָרמול, די אָרטאָדאָקסישע פירט צו... אַ פאַרשטיינערטער פאָרעם פון אַ צערעמאָניע אין בית־מדרש. דאָס איז פאָסיליזאַציע. די צווייטע פאָרמול — די וועלטלעכע — איז די ריכטיקע, הגם גאָר ווייניק ייִדן וועלן זי וועלן אָננעמען. איך זע אין וועלטלעכקייט אַ געוויסע פאָרעם פון רעליגיע. אויב מען וויל — אַ רעפאָרעם, נאָר אין אַ פאַרקערטער ריכטונג.

די אַלטע רעפאָרעם ציט פון ייִדישקייט, זי שטרעבט צו ווערן ענלעך צו אַ פּראָטעסטאַנטישן קלויסטער. אויב נישט ככל הגוים, איז כאָטש ככל הגוים... איז וועלטלעכקייט פונקט פאַרקערט, זי שטרעבט צו פאָלקישקייט, צו פּשוטער פאָלקישער ייִדישקייט. און די פּשוטע ייִדישקייט איז נישט קעגן אַ שול, אַ בית־מדרש. דער לעצטער איז, פאַרקערט, אַן אָרגאַנישער טייל פון פאָלקסטימלעכער ייִדישקייט. מיט איין באַדינג: אַ סך עלעמענטן פון דער שטעטלשער ייִדישקייט וואָס זענען פאַרהייליקט אין שולחן־ערוך פאַלן ביס־לעכוויז, שטילערהייט אַרויס פון לעבן, דאַרף מען נישט זיין קיין צביעותדיקע און דאָס באַהאַלטן און פאַרקערט, זענען פאַראַן אַ סך עלעמענטן פון ייִדיש־קייט, פון אַנדערשקייט וואָס זענען אָנגעוואַקסן און זיך אַנטוויקלט שפּעטער פון שולחן־ערוך, זיי זענען אָנגענומען, אָבער נאָך נישט פאַרהייליקט געוואָרן, און זיי דאַרפן אַריינגענומען ווערן אין דער „רעליגיעזער ראַם פון וועלטלע־כער ייִדישקייט״... איך ווייס ווי מאָדנע דער לעצטער זאַץ וועט קלינגען אין די

אויערן פון אַ סך וועלטלעכע ייִדן, אָבער יעדער אמת קלינגט מאָדנע, ווען ער איז נײַ. איך האָב געזען ווי איינער פון אונדזערע טיפערע דענקערס האָט אַזש אַ ציטער־געטאָן ווען איך האָב אים געזאָגט, אַז טוביה דער מילכיקער איז פאַר מיר מער ייִדישער ספר ווי עס איז איוב אין תנ״ך. אָבער דאָס איז נאָר מחמת דער נײַקייט, נאָך נישט צוגעוווינט זיך צו דעם נײַעם געדאַנק. דאָס מוז אָבער ווערן. קיין אַנדער אויסגאַנג האָבן מיר נישט אין די באַדינגונגען פון דער אורבאַנישער וועלט און אונדזער ייִדישער פּסיכיק. אַן דעם, אַן אַזאַ פאָלקיש־וועלטלעכער רעליגיעזער ראַם בלײַבט אויך די וועלטלעך־ייִדישע דערציִונג אָפּגעריסן פון לעבן, אָן אַ באַזע, אָן אַ סביבה. עס איז אָדער־אָדער — אין טאָג־טעגלעכן לעבן ווי עס איז געווען אין די שטעט אין דער אַלטער היים, אָדער אין דעם ספּעציפיש־ייִדישן קולטורשטייגער, וואָס דער בית־מדרש איז פאַר אים אַ זייער צוגעפּאַסטע ראַם. אין דער אַלטער היים, בײַ דער סאָציאַלער, קולטורעלער, ייִדישער אָפּגעגרענעצטקייט האָט וועלטלעכקייט געקאָנט אויסקומען גאַנץ לעבעדיק און אַקטיוו אָן קיינע אַנדערע ראַמען. אָבער אין דער נײַער וועלט, בײַ דער פולער אינטעגראַציע פון ייִדן, אין דעם אַלגעמײַנעם לעבן פון הערשנדיקן פאָלק, הן אין בילדונג, הן עקאָנאָמיש און הן סאָציאַל, הן אין פאַרווײַלונג און הן אין פּאָליטיק, — אין די באַדינגונגען בלײַבט דאָך פאַר ייִדן צו זײַן פאַרזיכיק נאָר די ראַם פון רעליגיע, פון דעם בית־מדרש. דאַרף מען אַהין אַרײַנברענגען אויך די גאַנצע וועלטלעכע קולטור.

מיר האָבן, ווי געזאָגט, דורכגעמאַכט היפּשע תקופות אין אונדזער געשיכטע. און יעדע תקופה מיט קולטור, יעדע תקופה מיט איר שטייגער, יעדע תקופה מיט איר דערציִונג און אויך יעדע תקופה מיט איר רעליגיע.

איז איצט די צייט פאַר וועלטלעכער קולטור אין שטייגער, און שטייגער איז פאַרבונדן מיט רעליגיע. קומט אויס ריכטיק —

אונדזער ייִדישע וועלטלעכקייט אין רעליגיעזן שטייגער אַרײַן!

ווי נײַ, ווי מאָדנע דאָס זאָל נישט קלינגען, איז עס אַזוי און אַנדערש קען עס נישט זײַן.

# אומה ולשון - יידיש פאָלק און יידיש לשון

## לשון און פאָלק

פאָלק און שפּראַך זענען ביי אונדז פאַרצייטנס געווען סינאָנימען. בחרתנו מכל׳ עם וקדשתנו מכל לשון — פאָלק און לשון זענען דאָ אידענטיש. ווען גאָט האָט געוואָלט צעטיילן די מענטשהייט אויף באַזונדערע פעלקער, האָט ער צעמישט זייערע לשונות, און וויפל שפּראַכן — אַזוי פיל פעלקער. איך בין אַריין אין אַ ספרדישע שול. דערזען „אונדזערע" משניותן, דאַכט זיך אַלץ ווי אינדזערע, און דאָך זיך געפילט פרעמד — די שפּראַך האָט געפעלט.

אַזוי איז עס געווען ביי ייִדן לאַנגע דורות. איצט אָבער זאָגן ייִדן אַנדערש. „ריידעלע יאַק ריידעלע, אַבי דאָברע מייִנעלע". מען קען רעדן אויף אַלע שפּראַכן, אַבי נאָר דאָס האַרץ איז אַ ייִדישע; ווער רעדט עס היינטיקע צייטן ייִדיש? און נאָך און נאָך שיינע פראַזעס פון דעם מין זענען ביי אונדז גאַנגבאַר. און אַפילו פרומע ייִדן וואָס האַלטן זיך פאַר די „שומרי מסורת" — זיי היטן ייִדישקייט, — אויך זיי רעדן מיט קינדער און מיט אייניקלעך אַלע לשונות אין דער וועלט, אַבי נישט ייִדיש און, פאַרשטייט זיך, באַלד קומט אַ מאמר חז״ל. אַז שמע — איז בכל לשון, — מעג מען, הייסט עס, זאָגן קריאת־שמע אויף אַלע לשונות. ווייס איך נישט צי עס איז ריכטיק, און וואָס דער זאָגער האָט מיט דעם געמיינט; וואָלט מען ביי חז״ל געזוקט געפינען פונקט פאַרקערטע מאמרים אויך. אָבער לאָמיר זאָגן — יאָ, מען מעג טאַקע; אָבער פון וואַנען איז עס געדרונגען אַז מען דאַרף? פון מעגן ביז דאַרפן איז דאָך אַ וויי־טער מהלך. אָבער זאָלן זיי מיר מוחל זיין: זיי זאָרגן זיך נאָר פאַר זייער פריוואַטן חשבון אויף יענער וועלט, זיי זאָרגן אָבער לגמרי נישט וועגן דעם קיום פון כלל ייִדן אויף דער וועלט. און אגב, זיי גייען אויפן זעלביקן וועג פון די קאָנסערוואַטיווע, מער נישט וואָס יענע גייען גיכער און זיי מאַכן דעם זעלביקן וועג פּאַמעלעכער. ווען מיר זיי לאָזן צורו און מיר ווען פּרובירן

אָביעקטיוו אַנאַליזירן וואָסער מיינונג איז די ריכטיקע — די פּאַרצייטיקע אָדער די היינטיקע? איז ריידלעך ווי דו ווילסט אָדער עס איז אומה ולשון אידענטיש.

***

שפּראַכן ביי אַ מענטשן אין מויל קענען זיין צווייערליי: עס זענען פאַראַן שפּראַכן וואָס מען רעדט, מען קאָמוניקירט זיך דורך זיי מיט אַנדערע מענטשן און עס קענען זיי שפּראַכן וואָס מען לעבט אין זיי, מיט זיי. אַ מענטש לערנט אויס עטלעכע הונדערט ווערטער, זייערע גראַמאַטיקאַלישע פאָרמען, און ער גיסט אַריין אין זיי זיינע געדאַנקען, וואָס זענען געבוירן ביי אים פריער פון די גערעדטע ווערטער. די ווערטער זענען שפּעטער פון די געדאַנקען. און אַפילו אפשר אויך איינצייטיק, אָבער די ווערטער זענען נישט פאַרבונדן מיט דעם אינטימען לעבן פון דעם מענטשן. מען קען זיך צונויפרעדן אויף אַלע אַנדערע שפּראַכן, פירן געשעפטן. עס איז אַ ווערטער־בוך, אַ מין עספּעראַנטאָ. אָבער דאָס אינטימע, אינעווייניקסטע לעבן מיט זיך אַליין איז נישט פאַרבונדן מיט דער שפּראַך, די שפּראַך איז נישט פאַרבונדן מיט דעם איך פון דעם מענטשן. זי קען זיין זייער רייך, אָט די שפּראַך און דאָך נישט אָרגאַניש, נישט פון דער נשמה. עס איז ווי אַ געקויפטער בגד, וואָס מען טוט אָן, אָן איינגעהאַנדלטן. אַנדערש איז די שפּראַך פון לעבן, זי איז פאַרבונדן מיט דעם גייסט פון מענטשן. דאָס איז די שפּראַך וואָס מיט איר קאָמוניקירט זיך דער מענטש נישט בלויז מיט אַנדערע נאָר אויך מיט זיך אַליין. דאָס גאַנצע באַוווסטזיניקע און אומבאַוווסטזיניקע לעבן פון מענטשן פליסט אין דער שפּראַך. דאָס איז נישט קיין געקויפטער בגד, נאָר די אייגענע, אָרגאַנישע הויט, ציינער, וואָס וואַקסן און אַנטוויקלען זיך מיט דעם מענטשן צוזאַמען. אַוודאי קען מען עסן און רעדן אויך מיט אַריינגעשטעלטע פרעמדע ציינער, אָבער ווי־טאָן קענען זיי נישט, און דאָ איז זייער פרעמדקייט. די אָרגאַנישע אייגענע שפּראַך הענגט נישט אָפּ ווו דער מענטש לעבט. נישט פון אָרט און נישט פון מאָדע. אַן אויסגעלערנטע שפּראַך איז ווי אַ מאָדע־בגד.

## שפּראַך — פאַרבינדונג מיט דורות

און נאָך מער: יעדער שפּראַך איז עלטער פון אַלע מענטשן וואָס רעדן זי, וואָס לעבן מיט איר. ווען אַ שפּראַך איז אָרגאַניש פאַרבונדן מיט דעם מענטשן, ברענגט זי אים זייער אַ רייכע גייסטיקע ירושה. אָט־די ירושה פון דורות קען מען נישט אויסלערנען אין קיין שום שול, זי איז איראַציאָנעל, ווי־

די גמרא רופט עס „סמוי מן העין". דאָ קומען אַריין אַ שלל מיט דערפאַרונגען פון אַלע פריערדיקע דורות, אַלערליי עמאָציאָנעלע רעאַקציעס, חכמות, וויצן און נאַרישקייטן. דאָס איז דער גאַנצער פאָלקלאָר. אין דעם איז דער כאַראַקטער פון פאָלק, דער גאַנצער געמיט פון די דורות. אַזאַ שפּראַך איז אידענטיש מיט פאָלק, דער גייסט און זיין אויסדרוק, די קאָלעקטיווע נשמה און איר שפּיגל. פאָלק איז אַ „קייט פון דורות" (מ. קאַפּלאַן). און אָט די פאַרגאַנגענע דורות האָבן אויסגעאַרבעט שטייגער און שפּראַך, זיטן און מינהגים, מאָראַל און געדאַנק, אַ געמיינזאַמע פּסיכיק און געמיינזאַמע האַנדלונגען, מאָטאָרישע און גייסטיקע. און דאָס אַלץ קריגט דעם אויסדרוק אין שפּראַך פון פאָלק. דאָס אַלץ פאַרבינדט באַזונדערע מענטשן אין איין פאָלק, פאָלק און שפּראַך — פלאַם און קנויט. און איטלעכער מענטש וואָס איז איינגעלעבט מיט דעם לשון איז שוין במילא אויך איינגעלעבט אין זיין פאָלק, צונויפגעבונדן מיט די פאַרגאַנגענע דורות. דער מענטש מיט דעם אָרגאַנישן לשון פון זיין פאָלק איז אַ קינד פון זיין פאָלק מיט אַלע זיינע גייסטיקע איברים, מיט זיין גאַנצן מהות.

די שפּראַך און דער שטייגער פון אַ פאָלק זענען די לעבעדיקע געשיכטע פון אַ פאָלק. אין זיי זענען איינגעקנוילט אַלע פאַרגאַנגענע דורות. מיט דער שפּראַך ירשנט יעדער איינציקער מענטש די גאַנצע דערפאַרונג, די גאַנצע ירושה פון אַלע דורות פאַר אים, און זייער געמיט. יעדער יחיד איז ווי אַ זאָמען פון אַן אַלטן בוים, ער טראָגט אין זיך אַלע פּאָטענצן פון זיין פאָלק, פון דער גאַנצער קייט פון דורות. אָן דער אָרגאַנישער שפּראַך פון פאָלק איז זייער שווער צו זיין אַן אָרגאַניש קינד פון פאָלק.

## נסתר און נגלה אין אַ פאָלק

דאָ פּאַסט זיך זייער אונדזער אַלטע טערמינאָלאָגיע פון קבלה. דאָס צווייטע וואָרט — דער נגלה איז אַלץ וואָס מען קען מעסטן און שאַצן, ציילן און רעכענען. דער נסתר — דאָס איז דאָס איראַציאָנעלע וואָס מען קען בשום אופן נישט שאַצן און נישט מעסטן. און דווקא דאָ ליגט די נשמה פון אַ מענטש, ווי אויך פון פאָלק בכלל. אַ מענטש מיט אַזאַ אָרגאַנישער שפּראַך איז איינס מיטן פאָלק. אָן דעם איז מען אָפּגעריסן פון פאָלק, תלושים איז מען, כרת. יאָ, מען קען זאָגן „שמע" בכל לשון. מען קען דאָך אויך זיך באַוועגן אָן פּיס, נישט פאַר קיין מענטשן געדאַכט, אַזוי קען מען, נעבעך, אויך לייענען קריאת־שמע אויף פרעמדע שפּראַכן. אָבער די גאולה פון פאָלק איז פאַרבונדן דווקא מיט

דעם „שלא שינו את לשונם״ — נישט געענדערט די שפּראַך. דאָס איז אויך אַ מאמר חז״ל.

מיר קלאָגן זיך אָפּט אויף דעם וואָס עס ווערט איצט פאַרמינערט אונ־דזער פאָלקישער כאַראַקטער, עפּעס געשעען זאַכן וואָס פּאַסן נישט פאַר אַ ייִדן, עפּעס וווּנדערן מיר זיך אַליין אָפּט: ווי קומט עס? ווי פּאַסט עס? פון וואַ־נען נעמסט זיך עס?... מיר זענען אָפּט אַזוי נישט עכט מיט זיך אַליין... עס ווילט זיך נישט צו פיל פאַרשפּרייטן וועגן דעם, אָבער איך גלייב באמונה שלימה אַז עס איז פאַרבונדן מיט דער פאַרמינערונג פון ייִדיש לשון. די גמרא זאָגט ריכטיק, אַז די גאולה קומט פון אָפּהיטן דאָס לשון, די אייגענע טראַדי־ציאָנעלע נעמען און די שטייגערישע פאָלקישקייט (מסתורין). און דאָס פאַר־קערטע געשעט איצט מיט אונדז. דערפאַר טרעפט אַז מיר פאַרלירן זיך אַליין, במילא ווערט די גאולה — די גאולה פון אייגענעם גייסטיקן פאָלקישן „איך״ איז אַלץ ווייטער און ווייטער, וואָרום, —

ווי איז די שייכות צווישן דעם נגלה און דעם נסתר?

אַ מענטש גיט אַ שמייכל. דאָס איז נגלה. קען דער שמייכל זיין אַ גע־מאַכטער, עס פּאַסט אַזוי, „גיט, זייט אַזוי גוט, אַ שמייכל״. און עס קען אויך זיין אַן אויסדרוק פון אַ טיפער איבערלעבונג אין האַרצן. אָט די איבערלעבונג אינעווייניק דאָס איז דער נסתר און דער שמייכל אין דער נגלה. קען אָבער דער שמייכל זיין ליגנעריש, פאַלש, געמאַכט, אומעכט. און מיר זענען דאָס צום באַדויערן צו אָפּט — אין אונדזער קאָלעקטיוון לעבן. גאַנץ מעגלעך, אַז עס איז פאַרבונדן מיט אונדזער סיסטעמאַטישן, כסדרדיקן פאַרלאָזן אונדזער דור־רותדיקן פאָלקישן לשון.

אַ משל צו וואָס עס איז געגליכן — אַ מענטש גיט אַ טשעק, קען דער טשעק זיין פולווערטיק, און ער קען זיין פאַלש, אַן פאַנדן אין באַנק און ער האָט נישט קיין שום ווערט. אַזוי קענען אויך זיין אַלע האַנדלונגען פון אַ מענטשן, אַלע נגלהדיקע טווּנגען זיינע. זיינע רייד, זיין שמייכל, זיין פריינדשאַפט און שינאה, זיין עקסטאַז און זיין טרויער — אַלץ קען זיין פאַלש, אַן טיפערע איבערלעבונגען אין דער נשמה, און זיי קענען זיין אויך פולווערטיק. עס ווענדט זיך אַן דער רייכקייט פון דער באַנק, פון דער נשמה, ווען די רייד און די האַנדלונגען אַלע זענען נאָר די טשעקן, וואָס זענען צום באַדויערן צו־אָפּט פאַלש, אַן דעקונגען אין דער נשמה־באַנק... צום באַדויערן, זענען ביי אונדז צופיל גאַנגבאַר אָט אַזוינע פאַלשע „טשעקן״, אַן דעקונגען אין אונדזער נשמה. צוזאַמען מיט אונדזער פאָלקישער שפּראַך פאַרלירן מיר אויך אונדזערע נשמה־דיקע, איראַציאָנעלע, נסתרדיקע אוצרות... אָרעם איז אונדזער נשמה און זי ווערט אַלץ אָרעמער.

פּרץ זאָגט: אַ ניגון האָט אַ גוף און אויך אַ נשמה, און די נשמה פון אַ ניגון איז שוין אַ געפיל פון אַ מענטש. אָבער נישט נאָר אַ ניגון, יעדער אויס־דרוק האָט אַ גוף און אויך אַ נשמה. און נאָך מער ווי אַ ניגון האָט אַ נשמה די שפּראַך פון אַ פאָלק. און די נשמה איז נישט בלויז דאָס געפיל פון איין מענטשן, נייערט עס איז דאָס געפיל פון דורות, פון גאַנצן פאָלק אין זיינע אַלע דורות. דאָס איז דער נסתר. עס איז נישט דער אוצר פון דער שפּראַך, די ווערטער און די אויסדרוקן, דאָס איז דאָס וואָס שאַפט די ווערטער און די אויסדרוקן. דער אוצר פון אויסדרוקן און ווערטער וואָס איז שוין פאַרשריבן אין ביכער, איז שוין דער גוף אָן די נשמות. דאָס קען מען שוין אויסלערנען, און קיין נשמה לערנט מען נישט. די נשמה איז אין לעבן, אין די מענטשן פון פאָלק, זי מאַכט דעם גוף לעבעדיק. נישט דער גוף שאַפט, — די נשמה שאַפט און מאַכט לעבעדיק אַלע קעמערלעך פון גוף, אַלע ווערטער פון דער שפּראַך. זיין נשמה גיט דאָס פאָלק אַריין אין זיין שפּראַך, מער ווי אין זיינע ניגונים, מער ווי אין אַלץ. אַ פאָלק וואָס פאַרוואַרפט זיין שפּראַך, פאַרלירט זיין נסתר, די נשמה פון אַלע זיינע דורות. אויסגעלערנטע ווערטער פון דער שענסטער שפּראַך זענען טויטע, אָן דעם נסתר. און דאָס פאָלק פאַרלירט זיין נשמה און עס קען נישט לעבן מיט פרעמדע נשמות עס מוז אויפהערן צו זיין אַ פאָלק פאַר זיך.

## די שפּראַך פירט דעם געדאַנק

נאָך מער. מיר האָבן פריִער געשריבן, אַז ביי אַן אויסגעלערנטער שפּראַך קומען די ווערטער שפּעטער, נאָך די געדאַנקען און נאָך די געפילן. ביי אַן אָרגאַנישער שפּראַך זענען די געדאַנקען, געפילן אַלע מאָל איינצייטיק מיט די ווערטער, און די ווערטער העלפן דעם געדאַנק געבוירן ווערן, די ווערטער פירן דעם געדאַנק־געפיל, די איבערלעבונגען. עס איז געגליכן צו אַ באַן וואָס גייט אויף רעלסן. דאָס איז דער סטיל, די פאָרעם פון רעדן און פון שרייבן. אָבער אָט די רעלסן פון דעם געדאַנק זענען געלייגט געוואָרן פריִער פאַר דעם מענטשן, זיי זענען דעם פאָלקס, פון די פריִערדיקע דורות. טוביה דער מילכיקער האָט זיינע אַלע געדאַנקען און איבערלעבונגען אויסגעדריקט אין שפּראַך פון זיין פאָלק, פון זיינע דורות. אָן דער שפּראַך וואָלט ער געוואָרן אַן אומגליקלעכער פאַרלאָרענער מענטש. אים איז עס גרינגער — ער לעבט זיין גאַנץ לעבן אויף פאַרטיקע רעלסן. איך לערן דאָס אויך פון זיך: איך רעד און איך שרייב ווי אויף יידיש, אַזוי אויך אויף העברעיִש. איך האָב נישט געלערנט קיין יידיש, עס איז מיין אָרגאַניש לשון. איך האָב אויך נישט געלערנט קיין העברעיִש ווי אַ שפּראַך... איך האָב זיי איינגעזאַפּט מיט די ספרים, וואָס

געלערנט, וואָס געלייענט אַ גאַנץ לעבן, וואָס געניצט אין בית־מדרש און ישיבה. און אַז איך נעם איין טעמע צו שרייבן אויף ביידע שפּראַכן אונדזערע, קומען דאַן אַרויס צוויי פאַרשיידענע שריפטן. די רעלסן פון ביידע שפּראַכן פירן דעם זעלביקן געדאַנק אויף אַנדערע וועגן. ווייל איז דעם מענטשן וואָס האָט זיין סטיל, און נאָך ווילער איז דעם וואָס דענקט און שרייבט אין סטיל פון זיינע דורות, פון זיין פאָלק. דער סטיל — דאָס איז דער מענטש. דער סטיל, די שפּראַך — דאָס איז דאָס פאָלק. און אַ מענטש מיט אַן אָרגאַנישער שפּראַך, מיט דער שפּראַך פון זיין פאָלק פילט זיך אין איר היימיש. זי — די שפּראַך מיט אירע אויסדרוקן און ניואַנסן — זי איז די אמתע היים פון אַ מענטשן. זי איז די ערשטיקע היים, דאָס שטיקל ערד איז שוין די סעקונדערע היים. עס ווערט היימיש אויף אַ דאַנק דער שפּראַך.

פאַרוואָס פילן זיך אַזוי אָפּט היינטיקע ייִדן נישט היימיש אין זייער פאָלק? פאַרוואָס איז אַזוי אָפּט שווער די ייִדישע אידענטיפיקאַציע פון יונגע ייִדן? פאַרוואָס דאַרף מען אין דער ייִדישער מדינה שאַפן גאַנצע פּראָגראַמען צו לערנען מיט די קינדער „ייִדיש באַוווסטזיין"? אַ זאַך וואָס קיין עם־הארץ, קיין שום ייִדישער אַנאַלפאַבעט האָט עס נישט געדאַרפט. דאָס איז דערפאַר ווייל זיי האָבן נישט אין זייער לעבן, פאַר די איבערלעבונגען מיט זיך אַליין אין דער אייגענער נשמה די נאַטירלעכע „רעלסן" פון זייער פאָלק. די נשמה איז נישט היימיש אין דעם פאָלק, מען האָט אַמאָל, פאַר דעם דריטן חורבן און פאַר דער מילחמה געטראַכט ערנסט, אַז מען דאַרף די יוגנט פון ארץ־ישראל שיקן אויף אַ יאָר און מער קיין ווילנע, קיין וואַרשע, זיי זאָלן זיך דאָרטן אָננעמען מיט פאָלקישקייט. עס איז אויך דעמאָלט געווען אַ טעות; אויך דעמאָלט זענען אין ווילנע און אין וואַרשע געווען אָפּגעפרעמדטע ייִדן. און די גייסטיקע היימישקייט פון אַ מענטשן איז לגמרי נישט קיין טעריטאָריאַליסטישע, נישט קיין מאַטעריעלע בכלל. די גייסטיקע היים איז די אָרגאַנישע שפּראַך פון דעם מענטשן, זיין פאָלקס־לשון, און זי מאַכט היימיש דאָס אָרט.

## די שפּראַך איז אָפּט די מוטער פון געדאַנקען

וואָס וואָלט געווען טביה דער מילכיקער אָן זיין לשון? — ער וואָלט געווען אַ באַנטשע שווייג, אַ שטומע נשמה, אַ פאַרלאָרענער אין ליידן און צרות, וואָס עסן אים ווי שטומע ווערים, און ער ווערט אין זיי פאַרלאָרן ווי אַ שטיק האָלץ וואָס ברענט און ווערט פאַרברענט, ווי אַ שטיק האָלץ וואָס ליגט און פוילט פּאַסיווערהייט. פאַרוואָס? אָט פאַרוואָס:

נישט נאָר „אַ פרעמדע נשמה איז אַ פינצטערניש", ווי עס זאָגן די רוסן,

נאָר אויך די אייגענע נשמה פון דעם מענטשן איז לגמרי נישט באַלויכטן. דער באַוווּסטזיין באַלייכט תמיד ביי אונדז נאָר איין קליין ווינקעלע. ווי אונ־דזער פיזיאָלאָגיע אַזוי איז אויך אונדזער פסיכאָלאָגיע אַן אמתער נסתר, אַ לאַבירינט, ווו עס איז זייער שווער זיך צו אָריענטירן. אַלע אונדזערע איבער־לעבונגען קומען ביי אונדז גלאָבאַל, מיט איין מאָל גאַנצערהייט, אַ קנויל. גיי און צי דעם פֿאָדעם אַליין, פּלאָנטער אים אויס, ער זאָל זיך ציִען גלייך מיט אַן אָנהייב און אַ סוף. נישט אומזיסט זאָגט מען אַז דערקענען זיך אַליין איז די שווערסטע אויפגאַבע. און אָט דאָס דערקענען זיך אַליין איז קיין מאָל נישט פֿאַר די כוחות פון יעדער מענטשן באַזונדער, נישט פאַר די כוחות פון איין דור. דאָ קומט די געירשנטע שפּראַך פון דורות און זי העלפט דעם געבוירן ווערן פון די געדאַנקען, פון די איבערלעבונגען, און זיך אָנקליידן אין ווער־טער און פֿאַרמען און ווערן אויך נגלה. זי העלפט צעגלידערן די איבערלע־בונגען אויף זייערע עלעמענטן און זי גיט זיי אַ געהעריקן אויסדרוק.

אָבער דאָס קען נישט אויפטאָן קיין געלערנטע, קיין אויסגעלערנטע שפּראַך; דאָס קען נישט אויפטאָן די שפּראַך וואָס עלטערן האָבן זיך אויסגע־לערנט, כדי צו רעדן מיט די קינדער. די שפּראַך ביים ערשטן דור, ביים צווייטן און על פי רוב אויך ביי דעם דריטן דור רעדער איז נאָר אַ טעכנישע, זיך צונויפצורעדן מיט אַנדערע מענטשן, אָבער ווייט נאָך נישט מיט זיך אַליין, עס איז נאָך ווייט נישט דאָס לשון פון דער אייגענער נשמה. פאַר זיך אַליין האָט דער מענטש נישט קיין שפּראַך, קיין אויסדרוק פאַר זיינע איבערלעבונ־גען. זיין נסתר בלייבט פֿאַרבאָרגן פאַר אים אַליין אויך. אָט פֿאַרוואָס מיר האָבן אין אַמאָליקע שטעטלעך געהאַט אַזוי פיל שרייבער און דיכטער, אויך נישט קיין געבילדעטע, און מיר האָבן אַפילו נישט קיין צענט־חלק היינט ביי אַ יוגנט מיט בילדונג און מיט דיפּלאָמען. אַ משל — עס איז געגליכן צו קינדער וואָס ווערן נישט געבוירן, וואָס שטאַרבן אָפּ פריִער, אין דער מוטערס לייב. דאָס איז דאָס וואָס די גמרא רופט אָן „נשמות דאַזלין ערטילאין". אַ מענטש קען דערנען און לערנען, קען זיין געבילדעט ביז גאָר, קען האָבן אויסגעלערנט שפּראַכן אַ צענדליק און מער, — און זיין אייגענע נשמה בלייבט שטום. אַ מענטש קען רעדן די רייכסטע שפּראַך אין דער וועלט, און ביי אים אין מויל איז זי אָרעם, און זיין אייגענע נשמה איז אומבאַהאָלפן דלותדיק. דער מענטש קען זיך צונויפרעדן מיט אַנדערע, אָבער ער קען נישט אַרויסרעדן זיך אַליין.

פֿאַראַן ביי יידן אַ לעגענדע וועגן גילגול נשמות: זעלטן ווען אַ מענטש קריגט ביים געבוירן ווערן אַ נייע (אַ נישט־געניצטע) נשמה. על־פי־רוב קריגט אַ מענטש אַ נשמה וואָס האָט שוין געלעבט אין פריִערדיקע דורות. רש"יס נשמה איז געווען אַ גילגול פון רבי עקיבאס, און רבי עקיבא האָט זיין נשמה

געהאַט אַ גילגול פון משה־רבינוס. איז אַט די לעגענדע ווייט נישט פאַלש. און די „נייע" נשמה, נישט פון „אוצר הנשמות" איז אומבאַהאָלפן צו קענען געבוירן אָן דער הילף פון דער דורותדיקער פאָלקישער שפּראַך אַלע אירע איבערלעבונגען, אויב אַפילו זי האָט צו איר דינסט אַ סך טעכניש־אויסגע־לערנטע שפּראַכן.

אַזוינע מענטשן בלייבן „שטומע נשמות". די איבערלעבונגען פון די מענטשן קומען נישט צום אויסדרוק, האָבן נישט קיין אויסדרוק ביז זיי ווערן פאַרלאָרן, ביז זיי שטאַרבן אָפּ אין גאַנצן איידער זיי ווערן נאָך געבוירן, אַזוינע מענטשן מיט טויטע, אָפּגעשטאָרבענע איבערלעבונגען, מיט טויטע נשמות קענען זיין געבילדעט, געלערנט, זיי קענען וויסן אויסנווייניק גאָר אַ סך ביי־כער, אָבער אַליין, פון זיך, פון זייערע אייגענע נשמות אַרויס, פון זייערע איי־גענע איבערלעבונגען און געדאַנקען האָבן זיי גאָרנישט וואָס צו זאָגן.

## גייסטיקע קאָמפּלעקסן

און עס איז נישט נאָר אַ פראַגע פון גייסטיקער אָרעמקייט, פון קענען רעדן מיט אַנדערע אָבער נישט מיט זיך אַליין. עס איז אַ סך מער אַ מקור פאַר פאַרשיידענע, טיפערע עמאָציאָנעלע שווערקייט און קאָמפּלעקסן. די אָרעמ־קייט אין אויסדרוק רייסט אַוועק דעם מענטשן פון זיך אַליין. ער זוכט אַלץ זיך אויסצולעבן דרויסנדיק אין אַלערליי געקויפטע אַזאַרטן און שפּילן, אַבי צו אַנטלויפן פון זיך אַליין.

עס ווערט באַגלייט מיט אַ נערוועזקייט, צערודערונג, אומצופרידנקייט און מיט פאַרשיידענע אַנדערע גייסטיקע קראַנקייטן. מיט דעם איז אויך אָפּט פאַרבונדן דאָס געפיל פון מינדערווערטיקייט, פון נאַציאָנאַלער געפאַלנקייט, וואָס מיר טרעפן ביי ייִדן אַזוי פיל. מיר באַשרייבן דאָס אין אַנדערע אַרבעטן אונטערן נאָמען פון נאַציאָנאַלער עגאָפּאַביע, און מיר ווילן דאָ זיך דערמיט נישט פאַרנעמען. אָבער דאָס ברענגט אויך אָן אַ שיעור פריוואַטע, אינדיווי־דועלע קאָנפליקטן און קאָמפּלעקסן, וואָס צערייסן די פערזאָן, מאַכן זי קראַנק.

מיר גיבן זיך נישט אָפּ לגמרי קיין חשבון ווי טראַגיש עס איז דאָס פאַר־וואַרפן די אייגענע שפּראַך, די שפּראַך פון די אייגענע דורות, די אייגענע פאָלקשפּראַך און וואָס פאַר אַ וווּנדן דאָס איז עלול צו פאַרשאַפן דעם מענטשן.

דער מענטש אַליין קען זיך נישט אָפּגעבן קיין חשבון פון זיינע קראַנקייטן. מיט אַן אָנגעריסענעם פינגער לויפט מען צו אַ דאָקטער. מיט אַ צעריסענער, צעפּליקטער נשמה — דאָס נישט. מען ווייס גאָרנישט אַז מען איז קראַנק. און ווו איז דער דאָקטער צו דער קראַנקייט, אַז די מע־ה־הייט אַליין איז דאָך קראַנק.

איז טאַקע אומה ולשון — פאָלק און שפּראַך. דאָס פאָלק שאַפט די שפּראַך און די שפּראַך האַלט אויף דאָס פאָלק. און שפּראַך פאַרלאָרן — פאָלק פאַר־לאָרן. דרייען זיך אַרום יידן אָן זייער שפּראַך און אָן זייער פאָלק, אָן דער פאָלק־שפּראַך — עלנטע, פאַרוואָגלטע נשמות, נעבעך. זיי קענען רעדן אַ סך רייכע שפּראַכן, אָבער זיי האָבן גאָרניש פון דער רייכקייט — אָן איינגעהאַנדלטער אויפן שפּראַכן־מאַרק פרעמדער בגד, וואָס אַמאָל האָט געטראָגן אַ רייכער פּריץ. די רייכע שפּראַכן זענען רייך, נאָר פאַר די קינדער פון דעם פאָלק וואָס האָט די שפּראַך געשאַפן. נאָר ביי זיי איז זי שעפעריש, פּרוכטיק. ביי די איי־בערנעמער איז זי — די רייכסטע שפּראַך — אָרעם, דאַר און קוואַר און זי שטימט נישט מיט דעם געירשנטן כאַראַקטער פון דעם איבערנעמער. עלעהיי אַ קאָזאַקישע היטל אויפן קאָפּ פון אַ חבדער חסיד. וואָלטן יידן געפילט די אייגענע נשמה, די דורותדיקע נשמה אין זיך, וואָלטן זיי זיך צוגעהערט צו איר, — וואָלטן זיי זיכער נישט געביטן זייערע שפּראַכן ווי הענטשקעס. יעדער שפּראַך איז אייגנטלעך אַ פאָלקשפּראַך, אַ שפּראַך פון אַ פאָלק. איר גאַנצע רייכקייט גיט זי אָבער בלויז די קינדער פון איר פאָלק, די וואָס זייערע דורות זענען פאַרבונדן מיט דער שפּראַך. פרעמדע איבערנעמער געניסן נאָר די ברעקלעך פון דער איבערגענומען שפּראַך.

## שפּראַך און אויפריכטיקייט

פאַראַן עטלעכע מדרגות פון אויפריכטיקייט. די געוויינלעכסטע איז די אויפריכטיקייט פון באַוווסטזיין. איך רעד, איך זאָג עפּעס און איך וויל מיט מיינע רייד קיינעם נישט אָפּנאַרן. די רייד פון מיין מויל שטימען אין גאַנצן מיט די געדאַנקען אין מיין מוח און מיט מיינע געפילן.

פאַראַן אַ העכערע מדרגה פון אויפריכטיקייט, ווען איך וויל זיך אַליין אויך נישט אָפּנאַרן, ווען איך רעד און די רייד מיינע שימען אין גאַנצן מיט מיין געמיט, מיט מיין פרייד און מיט מיין אומעט, איך צווינג זיך נישט מיט די רייד צו ענדערן מיין שטימונג, מיינע געפילן און מיין געמיט. איך זאָג נישט נאָר וואָס איך טראַכט, נאָר אויך וואָס איך פיל, וואָס עס זאָגט מיר אונטער מיין אונטערבאַוווסטזיין.

און עס איז פאַראַן נאָך אַ העכערע מדרגה פון אויפריכטיקייט — מיינע רייד (און מיינע אַלע רעאַקציעס) שטימען אין גאַנצן מיט אַלע פאַרגאַנגענע דורות פון מיין „איך". שפּראַך איז נישט בלויז אַ סכום ווערטער, עס איז אַ סך מער — שטים, טעמבער, אינטאָנאַציע, מעלאָדיע, לאָגיק און פסיכיק וואָס דורות האָבן אויסגעאַרבעט. און איך בין אויפריכטיק, איך מאַך נישט נאָך

קיינעמס קלאַנגען, קיינעמס אַקצענט, איך חזר נישט איבער קיינעמס ווערט־לעך, קיינעמס לאָגיק...

געווען אַמאָל אַ לידל: „מאַכט דער איוואַנקע, מאַכט דער פּאָליאַק, מאַכט דער ייִד" און עס איז אַזוי ריכטיק. איטלעך פֿאָלק מיט זיין אופן פון „מאַכן", פון זאָגן, פון רעאַגירן, פון אַקצענטירן, מיט זיין אופן פון דעם מאַך מיט דער האַנט, מיט דער מעלאָדישקייט פון דער שפּראַך; אָט אַזוי און אָט אַזוי מאַכט דער ייִד; אָט אַזוי עסט ער, אַזוי טרינקט ער, אַזוי כעסט ער זיך, און אַזוי קריגט ער זיך, און אַזוי לאַכט ער. אין אַלץ, אין אַלע רעאַקציעס ליגן דורות, דורות. און אָט אַזאַ אויפריכטיקייט — דאָס איז די פֿאָלקישע אויפריכטיקייט, און זי איז די העכסטע מדרגה. און — לאָמיר זאָגן דעם אמת — עס פעלט אונדז היינט אַ סך פון אָט דער אויפריכטיקייט. און איין מאָל געזינדיקט לגבי דער אויפריכטיקייט, גייט שוין ווייטער, פֿאַלט זי טיפער פון מדרגה צו מדרגה, ביז... עס דערגייט צו אַ ווערטל, וואָס ווערט געניצט מיט אַ שמייכל, ווי אַ וויץ, אָבער עס שטעקט אין דעם אַ טראַגעדיע. מען זאָגט: „מען טאָר אַ ייִדן נישט חושד זיין, אַז ער נאַרט אָפּ" (מען מעג זיכער זיין אין דעם...).

אָט די פֿאָלקישע אויפריכטיקייט האָב איך כמעט תמיד געטראָפן דווקא ביי ייִדן עם־הארצים, ביי פּשוטע ייִדן, נישט קיין געלערנטע און נישט קיין געבילדעטע. „וואָס מיר זענען זענען מיר, אָבער ייִדן זענען מיר".

איך בין זיכער, אַז דאָס איבערנעמען פרעמדע שפּראַכן, נאָכמאַכן פרעמדע אַקצענטן, זיך פֿאַרשטעלן פֿאַר אַנדערע, פירט צו אומאויפריכטיקייט, ביסלעכ־ווייז ביז צו די נידעריקסטע מדרגות. און דאָס דעגראַדירט אונדזער פֿאָלקישן כאַראַקטער.

אָט אַזאַ „נאַטירלעכע", דורותדיקע אויפריכטיקייט פלעג איך אַלע מאָל געפינען ביי אַן עם־הארץ. איך פלעג ליב האָבן זיך אַוועקזעצן מיט אַ פויער — אַן אַלפאַבעט און אָפּזיצן שעהן, שמועסן — איך פלעג דאָ אין דעם מענטשן געפינען דאָס פֿאָלק, דעם עכטן רוס.

איך פלעג ליב האָבן זיך אַוועקזעצן אָדער אַוועקשטעלן מיט אַ ייִדישן בעל־מלאכה, מיט אַ ייִדישן עם־הארץ גמור און פלעג זיך צוהערן וואָס ער רעדט און ווי ער רעדט. איך פלעג פון דעם פּשוטן ייִדן הערן דעם גייסט פון פֿאָלק... געווען שוין אַזוינע פּשוטע דאָרף־ייִדן וואָס איך פלעג ליב האָבן זיי צו באַזוכן און פאַרברענגען מיט זיי. יאָ, פון זייער מויל פלעג איך הערן מער דעם קול העם, קול המון — ווי מיט מיינע פריינד, געבילדעטע, געלערנטע.

איך דאַרף אָבער זאָגן מיט דער גרעסטער צופרידנקייט, אַז אויך צווישן די געלערנטע ייִדן טרעפן זיך אַמאָל (גאָר נישט אָפּט), אַזוינע אויפריכטיקע ייִדן וואָס זענען שטאַרק געטריי דעם פֿאָלקס־מענטשן אין זיך.. אַזאַ איז געווען

למשל, דער קדוש ז. קאַלמאַנאָוויטש און ווייט נישט ער אַליין. אַ אינטעליגענץ פון אַ פאָלק איז אויפריכטיק, ווען איר געדאַנקען־גאַנג און אירע אַרויסזאָגונגען שטימען מיט דעם געבויט, מיט די געפילן, מיט דעם גייסט פון דעם זעלביקן פאָלקס עם־הארצישן מאַסיוו, ווען אַזאַ איז דאָ, אָדער ווען אַ־אַ איז געווען. דאָ ליגט דער גרויסער יחוס פון יידיש־לשון. מען לערנט אין שולן יידיש. אָבער דאָס איז דער יידיש שבכתב אַליין, עס ברענגט דעם תלמיד צום יידיש פון די ביכער, וואָס מען לערנט, אָבער איטלעך לשון איז אַ סך רייכער ווי אַלע ביכער. קיין ליטעראַטור קען נישט אויסשעפּן די גאַנצע רייכקייט פון דער שפּראַך שבעל־פּה, און ערשט אין דעם ליגט די אמתע פאָלקישקייטן, ערשט דורך דעם ווערט דער לערנער, דער אינטעליגענט פאַרבונדן מיט זיין פאָלק, ווי די שענסטע בלום מוז זיין פאַרבונדן צו דעם באָדן ווו זי איז אויסגעוואַקסן. נאָר אַזאַ אינטעליגענט וואָס זויגט די זאַפטן פון זיין אייגענעם פאָלקישן מאַסיוו און פון זיין שפּראַך, נאָר אַזאַ קען זיין שעפעריש און אָרגאַניש פאָלקיש־נאַציאָנאַל. אַפילו אַ גרויסער יידישער שרייבער אין העברעיש קען זיין נאָר אַזאַ וואָס איז אָנגעזאַפּט מיט יידיש לשון שבעל־פּה.

## שפּראַך און אידענטיפיקאַציע

אַמאָל האָבן יידן געזונגען „וואָס מיר זענען זענען מיר, אָבער יידן זענען מיר״. עס איז טאַקע געווען „שווער צו זיין אַ ייד״, און מען האָט די שווערקייט געטראָגן גאָר גרינג, מיט פרייד, מיט גרייטקייט צו ליידן. איצט איז עס אַלץ פאַרקערט. עס איז נישטאָ די אַמאָליקע שווערקייט צו זיין אַ ייד, נאָר די יידישקייט גופא איז צו שווער. וואָס קנאַפּער עס איז דער יידישער אינהאַלט ביי דעם יידן, אַלץ שווערער ווערט זי. דער ייד מיטן פרעמדן לשון אין מויל איז מקנא דעם באַלעבאָס פון דעם לשון, ער יאָגט זיך נאָך אים און קען אים דאָך נישט אָניאָגן. ער איז אַ ייד און ער ווייס נישט פאַרוואָס און מיט וואָס. איז ער אַ געשפּאָלטענע נשמה.

די גאַנצע טראַגעדיע פון דער יידישער אידענטיפיקאַציע איז זייער אַ קאָמפּליצירטע, און עס איז אוממעגלעך זי אויסצושעפּן אין איין פּאַראַגראַף. עס איז אַ שווידער פאַר אַ מענטשן איבערצולעבן אַזאַ מין פּראָבלעם: ווער בין איך? צו וועמען געהער איך? ווער איז מיין פאָלק? און ווו איז מיין היים? נישט די מאַטעריעלע היים, נישט דאָס לאַנד, נאָר די גייסטיקע היים פון דעם מענטשן. ווו און צווישן וועמען ער קען זיך פילן היימיש? און ער וואַרפט זיך ווי אין כף־הקלע (קאַף אַקאַל). עס ווילט זיך אים זיין איינער פון דעם לאַנדפאָלק און ער קען נישט, וויל ער זיין אַ ייד, און ער קען ווידער נישט: ער

האָט נישט מיט וואָס, אָפּגעריסן פון אַלע וועלטן. האָט ער פיינט זיין גורל, איז ער אין כעס אויף דעם פאָלק וואָס פון אים שטאַמט ער. „ייִדישקייט איז אַ טראַגעדיע" — די חכמה פון אַן אומגליקלעך קלוגן משומד (היינע) ווערט אָפּט אַזוי פיל איבערגעחזרט. און נאָך מער ווערט זי באַהאַלטן אונטער פאַר־קערטע פראַזעס פון כלומרשטער ליבע און געטרייקייט. און עס טרעפט, אַז עס קומט טאַקע יאָ צו „עקספּלאָזיע־ייִדישקייט": אַנטוישט אין אַלע אַנדערע וועלטן קומט אַזאַ איינער צוריק צו דער ייִדישקייט, צום פאָלק פון זיין אָפּ־שטאַם, און... ער קען נישט אַריינלעבן זיך אין דעם. אַן דעם לשון איז אַן דעם פאָלקישן נסתר. איז מען מיטן באַוווּסטזיין אַ געטרייער ייִד, אָבער אַט דער ייִדישער באַוווּסטזיין איז פּרימיטיוויליק אַרויפגעצוווּנגען, אַן וואָרצלען... בין איך אַזוינע „הייסע" ייִדן ווייט נישט מקנא. ווער קען גאָר אַרומנעמען די טראַגעדיע פון פרעמדע שפּראַכן אין איר גאַנצן אַלזייטיקן פאַרנעם?

## אַטראָפיע פון שעפערישקייט

איך האָב פריִער דערמאָנט די קאָנפליקט פון שרייבער און דיכטער ביי ייִדן וואָס רעדן פרעמדע שפּראַכן. שאַפן קען אַ מענטש נאָר מיט דעם כוח פון דורות געירשנטער קולטור מיט שפּראַך. אַן דער גייסטיקער ירושה אין איר קען מען נישט זיין שעפעריש. אָבער עס איז שייך נישט נאָר די געביטן פון קונסט. מיר קלאָגן זיך אָפּט, אַז דער צווייטער דור איז בכלל נישט אויפ־טועריש אויף ריין־עקאָנאָמישע געביטן. זענען געקומען אָרעמע ייִנגלעך פון אָרעמע שטעטלעך אָן שפּראַך און אָן בילדונג, אָן דיפּלאָמען און אָן באַ־קאַנטשאַפט מיט די פעלקער, — און זיי האָבן אָפּט אויפגעבויט גראַנדיעזע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס. און די קינדער — מיט שפּראַכן, מיט דיפּלאָמען, מיט בילדונג — הלוואי זאָלן זיי קענען איינהאַלטן די געשאַפענע פּאָזיציעס פון דעם ערשטן דור אימיגראַנטן. און נאָך בולטער איז די שוואַכקייט אויף די געזעלשאַפטלעכע געביטן. די ערשטע האָבן געהאַט אימפּעט, מוט, דערפינ־דערישקייט, אָן איינהאַלטערס, אָן אָפּהאַלטערס, מיט דער גאַנצער ענערגיע איז מען געווען שעפעריש. דער צווייטער דור אָבער מיט זיינע קאָמפּלעקסן, מיט זיינע אינעווייניקסטע קאָנפליקטן קען שוין נישט זיין שעפעריש. יונגע מענטשן גייען אָפּט אַרום ווי צעחושטע. זיי ווייסן אַליין נישט וואָס מיט זיי קומט פאָר. יאָגט עס זיי צו דערטרינקען זייער גייסטיקן נע־ונד אין פאַרווייַ־לונגען. קענען זיי זייער אָפּט צעפּטרן וואָס די עלטערן האָבן געשאַפן, אָבער אַליין קענען זיי שוין גאָרנישט אויפטאָן. זייערע אַלע גייסטיקע כוחות זענען אַטראָפירט. און אַלץ הייבט זיך אָן פון דעם אָננעמען דאָס פרעמדע לשון,

וואָס די עלטערן האָבן זיי איבערגעגעבן צוזאַמען מיט דער מאַטעריעלער רײַ־כער ירושה. אַ שיינער עפּל, אָבער מיט אַ וואָרעם אינעווייניק.

## פאָלקשפּראַך און אינטעליגענץ

אינטעליגענץ איז נישט אין דעם וויסן וואָס עס האָבן געזאָגט אַלע חכמים און געלערנטע פון גאָר דער וועלט. זי באַשטייט פון צוויי עלעמענטן — קענען געבוירן אייגענע געדאַנקען אינטויִטיוו און אין קענען זיי פאָרמולירן און פאַר־רעמען אין באַשטימטע, אייגנטימלעכע פורעמס. אַל דאָס געלערנטע און אַל דאָס וויסן, וואָס ווערט פאַרדייט דורך אַ מענטשן און אַלץ וואָס ער ווייסט איז נאָר אַ מיטל צו קענען אַסאָציאירן ביי יעדער געלעגנהייט אייגענע געדאַנקען, אייגענע פורעמס.

אַן אויסגעלערנטע טעכנישע שפּראַך קען אַרויסברענגען אַלץ וואָס דער מענטש האָט אין זיין וויסן, אין זיין זיכרון, אָבער זי — די שפּראַך — קען נישט העלפן איר באַנוצער צו געבוירן אייגענע, אַסאָציאַטיווע געדאַנקען און אי־דעען. זי קען אים נישט געבן קיין אינטעליגענץ, סיידן ער האָט געהאַט פריִער. אין דער קינדהייט אַ צווייטע, אַן אָרגאַנישע, נישט קיין אויסגעלערנטע שפּראַך, אַ שפּראַך וואָס די עלטערן האָבן נישט געדאַרפט לערנען.

דאָס איז די שפּראַך וואָס אַ מענטש רעדט מיט זיך אַליין, נישט בלויז מיט אַנדערע. נאָך אינטעליגענטער, אידעען־רייכער און געדאַנקען־שעפעריִשער וועט זיין דער מענטש, ווען זיין אָרגאַנישע שפּראַך איז די אָרגאַנישע שפּראַך פון זיינע פריִערדיקע דורות. מיר האָבן געזאָגט, אַז די שפּראַך איז עלטער פון יעדער ריידער, אַז אין שפּראַך איז אָנגעשפּייכלערט די דערפאַרונג פון דורות. מיט דער פאָלקישער שפּראַך באַקומט יעדער קינד די קולטור־דערפאַרונג פון זיינע אורעלטערן, פון זיינע דורות, די אינטעליגענץ פון זיין פאָלק.

די פּיליאָריקע דערפאַרונג ווי אַ לערער אין פאַרשיידענע ייִדישע ישו־בים אין דער וועלט האָט מיר טאַקע געוויזן, אַז דער פּראָצענט פעיִקע, אינ־טעליגענטערע קינדער איז טאַקע נישט אין פאַרגלייך גרעסער צווישן די וואָס רעדן ייִדיש פון זייערע היימען. מיט דעם פאָלקס שפּראַך האָבן זיי געירשנט אויך דעם פאָלקס חכמה און אינטעליגענץ. אין די ערשטע יאָרן פון לערנען איז עס אפשר נישט אַזוי קענטיק. דאָס ווערט מיט דעם עלטער אַלץ קענ־טיקער, אַלץ בולטער, קלאָרער.

איך גלייב אויך אַז די עמאָציאָנעלע רייכקייט פון אַ מענטשן איז פּראָ־פּאָרציאָנעל אָפּט צו זיין אינטעליגענץ. אָט די רייכקייט באַשטייט פון צוויי עלעמענטן: טיפקייט פון איבערלעבונג און זיי ווערן אַרויסגערופן דורך רייצן,

וואָס זענען פּיזיש שוואַכער, און נישט דווקא דרויסנדיקע. וואָס אינטעליגענ־טער דער מענטש, אַלץ מער מעגלעכקייטן פאַר אַ רייכערער און העכערער גאַמע עמאָציאָנעלע איבערלעבונגען.

מיט דער אָפּשוואַכונג פון ייִדיש פאַרלירט דאָס ייִדישע פאָלק גרויסע טיילן פון זיין אינטעלעקטועלער און עמאָציאָנעלער רייכקייט.

## פאָלק און שפּראַך

עד כאן האָבן מיר זיך באַמיט צו באַנעמען אונדזער שפּראַך־טראַגעדיע ביי די יחידים פון פאָלק. איצט וועלן מיר פּרובירן באַהאַנדלען די טראַגעדיע ביים גאַנצן קאָלעקטיוו, ביים פאָלק ווי אַזאַ. מיר האָבן אין משך פון אונדזער געשיכטע צווישן אַזוי פיל פעלקער אויף דער וועלט גענוצט זייער פיל שפּראַכן. אָבער אַדאָפּטירט האָבן מיר נאָר דריי פון זיי. אַלע אַנדערע ייִדישע שבטים וואָס האָבן איבערגענומען פרעמדע שפּראַכן זענען פאַרלאָרן געגאַנגען. גרויסע, רייכע אוצרות קולטור האָבן ייִדן געשאַפן אין די פרעמדע שפּראַכן — אין גריכיש, אין אַראַביש, אין פראַנצויזיש, אין פויליש, אין דייטש און אין רוסיש. זענען די קולטור־אוצרות יאָ געבליבן — אין ביבליאָטעקן, אין אַרכיוון. די שבטים אָבער וואָס האָבן די קולטורן געשאַפן — זיי זענען נישטאָ. אָדער זיי זענען פאָסילן. זענען די דאָזיקע רייכע ביבליאָטעקן אַ מין „פּאַלעאָנטאָלאָגישע״ רעשטלעך פון ישובים וואָס האָבן אַמאָל געלעבט, געשאַפן און געשטאָרבן אָן יורשים. עס זענען דאָ ייִדן וואָס רעדן רוסיש, אָבער צו אָט די ייִדישע שאַפונגען אין דער שפּראַך האָבן זיי שוין נישט קיין שייכות. עס זענען זיכער נאָך דאָ אַ סך ייִדן מיט דייטש אין מויל, אָבער צו די רייכע אוצרות ייִדישע שאַפונגען אין דייטש האָבן זיי שוין נישט קיין שייכות, נישט פאַר זיי איז די ירושה... אפשר וועט אַ פאָרשער פון אָפּגעשטאָרבענע אַלטערטימלעכקייטן אין זיי זיך נישטערן, זוכן עפּעס. אָבער די לעבעדיקע ייִדן מיט דייטש אין מויל — זיי האָבן נישט צו דעם גאָרנישט. דובנאָוו — דער גרויסער היסטאָריקער פון ייִדנטום, שרייבט אין דער הקדמה צו זיין „בוך פון לעבן״, אַז די ייִדישע קולטור אין רוסיש, וואָס ער האָט אַזוי געטריי געדינט גאַנצע פערציק יאָר, איז געשטאָרבן. עס איז זיכער אַ גבורה פון אַן אַלטן מאַן זיך מודה צו זיין, אָבער עס איז ווייט נישט מוחל צו זיין אַ גרויסן היסטאָריקער דאָס נישט פאָרויסצוזען פריִער.

און אָט קומט פאַר פאַר אונדז אין די אויגן ווידער אַזאַ פּראָצעס: ייִדן רעדן ענגליש און שאַפן אין דער שפּראַך קולטור, מיט שטאָלץ און מיט גוטן ווילן, מיט צופרידנקייט; אין קליינקייט: ייִדישקייט אין אַזוינע רייכע פורעמס

זוי עס איז די ענגלישע אוניווערסאַלע שפּראַך! און איך נעם זיך די דרייסט־קייט צו זאָגן פאָרויס: אַט די גרויסע שאַפונגען פון גרויסע ייִדישע גייסטער ווערן פּראָדוצירט — אָ וויי! — פאַר די בית־עולמס פון אַרכיוון, נישט פאַרן לעבעדיקן פאָלק. און נאָך מער — דאָס ענגליש רעדנדיקע ייִדישע פאָלק — נישט נאָר דאַרף עס שוין נישט אַט די גאַנצע קולטור (זי ווערט נאָך יאָ גע־נוצט פון די וואָס זענען געהאָדעוועט געוואָרן אין ייִדיש), נאָר דאָס פאָלק גופא, די ייִדן גופא, ווערט ביסלעכוויז פאַרוואַנדלט אין פּאַסילן פון ייִדיש־קייט... ביז עס וועט זיך אויסשטויבן און נישט ווערן.

און דער זעלביקער גורל דערוואַרט אויך די ייִדישע ישובים וואָס שאַפן נאָך היינט אין שפּאַניש, לאָמיר זאָגן.

און עס איז נישט סתם עפּעס אַ נבואה. עס איז אַן אויספיר פון אונדזער גאַנצער געשיכטע ביז אונדז. און אַט די דערפאַרונג לאָזט זיך פאָרמולירן אין היסטאָרישע געזעצן, וואָס איך וועל דאָ פּרובירן פאָרמולירן:

1. אַלע שפּראַכן וואָס ייִדן רעדן, כדי צו זיין ענלעך צו אַנדערע פעל־קער — אַלע זיי זענען אַסימילאַציע־מכשירים און זיי מוזן פירן צום אונטער־גאַנג. נאָר די שפּראַכן וואָס ייִדן נוצן כדי צו זיין אַנדערש פון אַנדערע פעל־קער, נאָר זיי זענען שפּראַכן פון קיום און לעבן.

2. בלויז די שפּראַכן וואָס ייִדן האָבן אין זיי געשאַפן אַן אייגענעם פאָל־קלאָר, אַן אייגענעם פּראָסט־פאָלקישן נסתר, קענען ווערן ייִדישע שעפערישע שפּראַכן. אַלע שאַפונגען פון ייִדישקייט אויף שפּראַכן וואָס האָבן נישט קיין ייִדישן נסתר זענען ווי טשעקן פון אַ פרעמדן חשבון, ריכטיקער — זיי זענען דעפּאָזיטן פון ייִדן אויף פרעמדע חשבונות.

3. ייִדישע שפּראַכן זענען נאָר די וואָס ייִדן נוצן זיי מיט דעם ייִדישן אלף־בית. דאָס איז דער סימן.

און אויב אַפילו אַט־די ענגליש־רעדנדיקע ייִדן זענען זייער פרום און היטן אָפּ דעם גאַנצן שולחן־ערוך, אַפילו דעמאָלט זענען זיי נישט מער ווי פּאַסילן־ייִדן, נישט קיין לעבעדיקע, שעפערישע ישובים. אַזוי זענען געווען די פראַנקפורטער פרומע ייִדן, די אונגאַרישע וכדומה. די וועלטלעכע, נישט־פרומע ייִדן אין ווילנע האָבן נישט אין פאַרגלייך מער געשאַפן און מער גע־לעבט, און מער געלאָזט אַקטיווע לעבעדיקע ייִדישקייט פאַר דורות נאָך זייער חורבן.

לאָמיר דאָ זיך אַ ביסל אָפּשטעלן און באַהאַנדלען דעם טערמין „פּאַסילן".

א. גאָלאָמב

# ייִדן־פּאָסילן

מיט דעם וואָרט פּאָסיל ווערן באַצייכנט פאַרשטיינערטע רעשטלעך פון
גאָר פאַרצייטיקע אָרגאַניזמען, וואָס האָבן געלעבט אין אַמאָליקע געאָלאָגישע
תקופות און זיי זענען מער נישטאָ צווישן די לעבעדיקע באַשפענישן* און אַזוי
נוצט מען דעם אויסדרוק פּאָסילן פאַר אַלץ וואָס איז פאַרשטיינערט, פאַרגלי־
ווערט, עס איז דאָ, אָבער עס לעבט נישט מער. אין דער נאָענטסטער צייט
האָט דער היסטאָריקער טוינבי געוואָלט באַצייכענען ייִדן ווי אַזאַ פּאָסיל־
פאָלק. דאָס האָט אַרויסגערופן פּראָטעסטן און אָפּלייקענונגען מצד ייִדן.

מיר דאַכט זיך אָבער אַז ביידע צדדים האָבן געהאַט אַ טעות. מילא, טוינבי
האָט געמעגט האָבן אַ טעות און מיינען אַז אַלע ייִדן, אומעטום זענען אַזוי ווי
די וואָס ער זעט אין זיין סביבה: טאַקע ייִדן אָבער אָן כסדרדיקער שעפעריש־
קייט. אָבער די קעגנער, די ייִדישע קעגנער האָבן דאָך יאָ געמעגט אונטער־
שיידן און וויסן, אַז מיר ייִדן זענען נישט קיין מאָנאָליט־פאָלק, אַז צווישן
אונדזערע ישובים זענען פאַראַן לעבעדיקע, אַקטיווע, שעפערישע און עס זע־
נען אויך פאַראַן, צום באַדויערן, און גאָר נישט ווייניק גאַנצע ישובים פאַר־
שטיינערטע, אומשעפערישע, אמתע פּאָסילע ישובים. אַ צייט לאַנג פאַר טוינ־
ביס באַצייכענונג האָב איך פאַרבראַכט עטלעכע טעג אין ווענעציע און געזען
די דאָרטיקע ייִדן, און זיך געמאַטערט צו פאַרגלייכן — ווו איז פאַראַן מער
לעבן — צי אין די שטיינער פון פאָרום ראָמאַנוס אין רוים אָדער אין דער
ייִדישקייט פון יענע ווענעציאַנער ייִדן...

אין דעם לעצטן יאָרהונדערט איז דער איינציקער לעבעדיק־שעפערישער
ייִדישער ישוב דער ייִדיש־ייִדישער, אַלע אַנדערע ישובים אָן ייִדיש לשון
קען מען מיט מער און מיט ווייניקער רעכט פאַררעכענען צו די פּאָסילע
ישובים.

אַ הזכרה נאָך אַ ייִדן וואָס איז געווען באַליבט ביי אַלע שיכטן און ריכ־
טונגען פון פאָלק. איז אָבער די הזכרה געווען ביי ייִדן אָן אַ לעבעדיקער

---

* אין שטעטלעך פלעגט מען אַמאָל באַשיטן אַ ווונד מיט אָנגעשאָבענעם שטויב פון „טייוולס־פינגער". אין דער אמתן האָט דאָס רונדע פאַרשפּיציקטע שטיינדל קיין שום שייכות נישט צו קיין טייוול (די לעבן גאָר היינט מיט אונדז). עס איז אַ פאַרקאַלכער סקעלעט פון אַ קליין חיהלע פון גאָר אַ ווייטער געאָלאָגישער תקופה. זיער פּאַלעאָנטאָלאָגישער נאָמען איז בעלעמניט. אויך די וויסנשאַפטלער האָבן נישט געקאָנט זיך אַן עצה געבן מיט די רעשטלעך, און האָבן געגלייבט אין „טייוולשע שאַפונגען" ביז קיוויע האָט באַגרינדעט די וויסנשאַפט פון אויסגעשטאָרבענע אָרגאַניזמען — די פּאַלעאָנטאָלאָגיע. סוף אַכצנטן און אָנהייב ניינצנטן יאָרהונדערט.

קולטור. איז זי באַשטאַנען פון עטלעכע קאַפּיטלעך תהילים מיט אַן אור־אַלטער מעלאָדיע. קיין לעבעדיק וואָרט דירעקט פון אַ ייִדיש האַרץ איז נישט געווען. און דאָס דערפאַר, ווייל אין האַרץ איז שוין נישטאָ קיין לעבעדיק געפיל. די גאַנצע ייִדישקייט ביי די ייִדן איז שוין אַ פּאַסילע.

## קולטור שבעל־פה און קולטור שבכתב

צוליב מער קלאָרקייט פאַר אונדזער געדאַנק וועגן דעם אונטערשייד צווישן די שפּעטערישע ישובים און די פאַרשטיינערטע, וואָלט איך געוואָלט אַריינברענגען צוויי טערמינען וואָס מען באַנוצט געוויינלעך פאַר אַנדערע תקופות אין דער ייִדישער געשיכטע. די צוויי טערמינען זענען „תורה שבעל פה״ און „תורה שבכתב״. מיט דעם צווייטן טערמין באַצייכנט מען די גאַנצע קולטור פון דער תנ״ך תקופה און מיט דעם ערשטן — שבעל־פה — די תלמודישע קולטור. אין תוך אַריין פּאַסן זיך די צוויי טערמינען אַריין אין אַלע תקופות. אין יעדער איז פאַראַן אַ קולטור וואָס איז פאַרשריבן, דעפינירט, באַשריבן. דאָס איז די ליטעראַטור און וויסנשאַפט. און עס איז אויך פאַראַן די קולטור וואָס אין שטייגער, אין די פירונגען און אין די נישט־פאָרמולירטע טראַדיציעס, אין רעדן און דענקען. דאָס איז טיילווייז דער נסתר ווי מיר האָבן אים פריער באַצייכנט, אָבער אויך די גרעסטע טייל פון דעם נגלה געהערט אַהער. אין בדרך־כלל פירט זיך ביי אַלע פעלקער און אויך די גרעסטע טייל פון דעם ביי אַלע פעלקער און אויך ביי אונדז, אַז די קולטור שבעל־פה ברענגט אַרויף די קולטור שבכתב, די לעצטע איז אַ טאָכטער פון דער ערשטער. און אין אַלע תקופות גייען זיי צוזאַמען — די מאַמע און טאָכטער. פאַרן שפּעטערישן קיום און לעבן פון פאָלק איז אַלע מאָל וויכטיקער די קולטור שבעל־פה און צוזאַמען מיט איר די שפּראַך אירע. נישט די קולטור פון בכתב און נישט איר שפּראַך. די גמרא וואָס האָט די גאַנצע לאַנגע תקופה כסדר געקעמפט פאַר דער פאַרהייליקונג פון דער קולטור שבעל־פה פון יענער תקופה האָט אַ שלל מיט אויסדרוקן צו באַשטעטיקן די העכערע וויכטיקייט פון דער בעל־פה־קולטור איבער דער פאַרשריבענער. מען דאַרף אָבער כסדר אונטערשטרייכן אַז מיר האָבן די צוויי געביטן קולטור אין אַלע תקופות, אויך איצט און אויך היינט איז פאַרן קיום, פאַרן שפּעטערישן לעבן פון פאָלק וויכטיקער די קולטור שבעל־פה און איר שפּראַך. דאָס איז וואָס מיר האָבן פריער אויסגעדריקט אין די דריי געזעצן פון ייִדישער געשיכטע. עס קענען האָבן אַ קיום נאָר די ייִדישע שבטים, וואָס פאַרמאָגן אַ קולטור שבעל־פה. פאַרוואָרפנדיק די אייגענע שפּראַך פאַרלירט אַ פאָלק זיין גאַנצע קולטור שבעל־פה און אָן איר איז אומקום און מער נישט. די קולטור שבכתב — די אַלע ביכער און ווערק וואָס זענען

פאַרשריבן געוואָרן זענען נישט קיין סימן פון לעבן. מען קען דאָך שאַפן ווערק און ביכער אַן אַ שיעור אויך וועגן דעם לעבן פון אַמאָל, וואָס איז געווען אַמאָל און איז שוין מער נישטאָ. ווערק און ביכער האָבן נאָר דעמאָלט אַ ווערט פאַרן לעבן פון אַ פאָלק, ווען זיי ווערן אַ טייל פון לעבעדיקן לעבן. די תורה האָט געהאָלפן דעם קיום פון ייִדישן פאָלק נאָר אַ דאַנק דעם תלמוד תורה, ווייל מען האָט געלערנט כסדר און זי איז געוואָרן כסדר אַ טייל פון דער תורה שבעל פה. פאַרלאָזנדיק די אייגענע קולטור שבעל־פה, צוזאַמען מיט איר לשון, ווערט די גאַנצע קולטור שבכתב — אַלע געשאַפענע ווערק נישט מער ווי אַ היס־טאָרישער עדות פון אַ לעבן אַמאָל, נישט היינט.

ווען די גרויסע ליטעראַטורן וואָס ייִדן שאַפן אין פרעמדע שפּראַכן אפשר צושטייערס צו די קולטור פון יענע שפּראַכן, אױ־ב עמעצער פון יענע פעלקער וועט ווען עס איז האָבן אַן אינטערעס, אָבער קיין ייִדישע קולטור איז עס שוין נישט. אין קולטור־קרייז פון לעבעדיקע ייִדן נעמט עס מער נישט קיין אַנטייל. זענען די גרויסע און רייכע ליטעראַטור־אוצרות וואָס ייִדן האָבן געשאַפן אויף אַלערליי פרעמדע שפּראַכן נישט קיין ייִדישע קולטור און פרעמד זענען אונדז אַלע שפּראַכן וואָס פאַרמאָגן נישט קיין ייִדישע קולטור שבעל־פה, קיין פּראָסט־פאָלקישע שטייגערישקייט. און פרעמד בלייבן אָט די שפּראַכן, אויב אַפילו די מערהייט ייִדן וועלן זיי נוצן און רעדן און לערנען. און דער גורל — די ביכער, די ווערק — אין אַרכיוו־קברים און די ייִדישע שבטים — צו אַסי־מילאַציע און אונטערגאַנג. אין כלל: שעפערישקייט קען זיין אַלע מאָל נאָר פון אייגענעם אָרגאַנישן נסתר. נאָר ווערק און ספרים בכלל וואָס זענען פאַר־דייט געוואָרן אין נסתר אַריין — נאָר זיי קענען באַווירקן די שעפערישקייט. אין אַן דער שפּראַך פון פאָלקס־קולטור שבעל־פה האָבן זיך די ווערק נישט מיט וואָס זיך צו אַסימילירן אין דעם מענטשן, ער קען זיי נישט פאַרדייען. און אגב, האָט ער נישט קיין אינטערעסן צו דעם סיי ווי. אַזוינע ייִדן מוזן בלייבן פאָסילן, אָבער ווייט נישט אין דער אייביקייט. עס געדויערט נישט מער ווי ביז זיי ווערן אַסימילירט אין דעם הויפּט־פאָלק פון לאַנד. דאָס איז דער גורל פון אַלע ייִדן וואָס פאַרלאָזן זייער פאָלקשפּראַך, די שפּראַך פון זייער פאָלקס־קולטור שבעל־פה.

שפּראַכן קענען זיין איבערגענומענע און איבערגעשאַפענע. ייִדן נעמען איבער אַלע שפּראַכן פון די פעלקער, פון די לענדער, וווּ מען געפינט זיך. נעמט מען איבער די שפּראַך ווי זי איז, מיט איר אַקצענט, מיט איר גראַמאַ־טיק, מיט אַלע אייגנשאַפטן און אייגנאַרטיקייטן ווי זי איז ביים הויפּטפאָלק אין לאַנד. אַזאַ איבערגענומענע פרעמדע שפּראַך ביי ייִדן אין מויל איז אַ פרעמדע און זי בלייבט אַ פרעמדע. אַנדערש איז מיט אַ שפּראַך אַן איבער־

געשאַפענע. דאָס פאָלק נעמט ווערטער — פון וואַנען עס זאָל נישט זיין — און מאַכט זיי איבער, ווי געקויפטע ציגל וואָס מען בויט פון זיי אַן אייגענעם בנין. דער אַקצענט איז אַן אייגענער, די גראַמאַטיק, דער זאַצבוי — אַלץ איז אַנדערש ווי ביי דעם פאָלק, וואָס פון אים האָט מען גענומען די ווערטער. נאָר אַזאַ איבערגעשאַפענע שפּראַך קען זיין אַ שפּראַך פון פאָלק; נאָר אין אַזאַ שפּראַך ליגט דער גייסט פון פאָלק און זיין כאַראַקטער. אַ שפּראַך אַן איבער־גענומענע אַסימילירט דאָס פאָלק; אַן איבערגעשאַפענע שפּראַך ווערט אַסי־מילירט אין פאָלק. נאָר אַזאַ שפּראַך איז אידענטיש מיטן פאָלק, אומה ולשון. אַזוינע איבערגעשאַפענע שפּראַכן האָבן מיר געהאַט נאָר דריי: העברעיש, אַראַמיש און יידיש. אַלע אַנדערע שפּראַכן וואָס יידן האָבן אויף זיי גערעדט און געשריבן, זענען געווען אַסימילאַציע־מכשירים. און נאָר אָט די דריי אי־בערגעשאַפענע לשונות זענען יידישע, נאָר זיי האָבן איינגעהיט דעם גייסט פון פאָלק און נאָר זיי האָבן איינגעהיט דעם קיום פון פאָלק.

## פאָלקשפּראַך, קולטורשפּראַך און פרעמדע שפּראַך

דאָס זענען דריי קאַטעגאָריעס שפּראַכן וואָס הערשן ביי יידן. און ווי איז זייער אַקטיוו אין יידישן לעבן, זייער צושטייער צום קיום פון פאָלק? און ווי איז דער גורל פון די שבטים וואָס נוצן זיי?

וועגן פרעמדע שפּראַכן איז זייער ווייניק וואָס צו רעדן. זיי זענען דער טויער פון אַסימילאַציע און אומקום. זיי הייבן אָן מיט מזל־טוב, מיט שטאָל־צער צופרידנקייט און מיט אַ געפיל פון העכערקייט איבער אַנדערע יידן... אַ, וויפל מאָל יידן האָבן דאָס געזונגען מיט גדולה און גאווה: ווי קענט איר זיך צו אונדז גלייכן? מיר רעדן די שיינע און רייכע שפּראַך פון דעם גרויסן און קולטור־רייכן פאָלק דעם און דעם!!! „און זיי ענדיקן מיט אַ שטילער קבורה אַפילו אָן אַ קדיש, אָן אַ „פה נקבר". געוועזן, געווען אַ ישוב און נישטאָ מער, נישט געבליבן קיין יורש, קיין קדיש־זאָגער. יאָ, עס קענען נאָך זיין גאַנצע דורות יידן וואָס וויסן אַז זיי זענען יידן, זיי קענען זיין רעליגיעז פרום, זיי קענען צומאָל אַפילו ליידן פון וועגן זייער יידישקייט. אָבער קיין שעפע־רישקייט איז שוין ביי זיי נישטאָ און נישט מעגלעך, ווי פריער איז דערקלערט געוואָרן. דאָס זענען יידן פאָסילן. נישט מער און נישט אַנדערש.

די שפּראַך פון יידישן פאָלק, פון זיין שעפערישן שבט ישראל איז יידיש. נאָר אין דעם לשון איז פאַראַן אַ יידישע קולטור שבעל־פה, נאָר אין דעם לשון איז פאַראַן דער נסתר פון דעם יידישן קאָלעקטיוון „איך", פון זיין גייסט. און נאָר דער דאָזיקער יידיש־יידישער שבט האָט געשאַפן אַלץ וואָס מיר פאַר־

מאָגן אין ייִדישן לעבן: נייע ייִדישע קולטור, נייע ייִדישע באַוועגונגען, נייע אַקטיווע ייִדישע ישובים, נייע ליטעראַטור אין בײדע שפּראַכן, נייע סאָציאַלע אָרגאַניזאַציעס און ריכטונגען. נאָר דער ייִדיש־ייִדישער שבט האָט געבויט און אויפגעבויט די ייִדישע מדינה מיט אַלע אירע מעלות און חסרונות. נאָר דער ייִדיש־ייִדישער שבט האָט איינגעהיט העברעיִש לשון אין אַ לעבעדיקן צושטאַנד און אויפגעבויט איר ליטעראַטור. מיט איין וואָרט — אַלץ וואָס עס איז לעבעדיק און שעפעריש אין ייִדישן פאָלק, קומט עס אַלץ פון דעם ייִדיש־ייִדישן שבט. דאָס איז דער העגעמאָן אין ייִדישקייט. צו דער משנה אין אָבות ווי עס איז געגאַנגען די ייִדישע קולטור פון דור צו דור, פון תקופה צו תקופה, און זי דערפירט די קולטור־אַנטוויקלונג ביז די כנסת הגדולה (קנאַפּע צוויי הונדערט יאָר פאַרן חורבן) קענען מיר איצט צוגעבן ווי די ייִדישע קולטור איז געוואַקסן אין בבל און „בבל מסרה לאשכנז”. און פון אשכנז ביז אונדז. און אין דער גאַנצער מסורה, אין דעם גאַנצן גאַנג פון ייִדישקייט ליגט דער כּוח טאַקע אין דער פּראָסט־פאָלקישער תורה שבעל פּה. אַוודאי האָט די גאָל־דענע תקופה אין ספרד געלאָזן אַ פּראַקטיקע ירושה. און דאָך איז זי באַלד אויסגעלאָשן געוואָרן. און פאַרוואָס? — ווייל מיר געפינען נישט קיין שפּורן פון קיין פּראָסט־פאָלקישער קולטור שבעל־פּה. דאָס ענלעכע איז געשען מיט דער קולטור פון די צדוקים וואָס איז אָביעקטיוו מסתמא נישט געשטאַנען נידעריקער פון דער פּרושישער. אַוודאי איז די השכלה געווען קולטורעל העכער פאַר דער חסידישער באַוועגונג. און — זי האָט אַפילו קיין פאָסילע ייִדישקייט נישט געלאָזן, בעת דער חסידיזם האָט אַזוי באַפרוכטיקט אַלע געביטן פון ייִדישער קולטור. און פאַרוואָס? — ווייל דאָ איז געווען פאָלקיש־קייט, און פאָלקישקייט, קולטור שבעל־פּה איז געווען פאַרבונדן מיט ייִדיש לשון.

העברעיִש ווידער איז שוין אַ קימאַ־לן פון אַריבער צוויי טויזנט און פינף הונדערט יאָר נישט געווען די רייד־שפּראַך ביי ייִדן. עס איז אָבער יאָ געווען די שפּראַך פון אַלע אָנגעזאַמלטע קולטור־אוצרות. די לעבעדיקע דורות ייִדן האָבן געפורעמט זייערע דירעקטע איבערלעבונגען נישט אין העברעיִש. עס איז קלאָר פאַלש אַז כלומרשט איז איצט העברעיִש אויפגעשטאַנען תחית המתים. און נישט אמת איז עס ווייל אָט האָט טאַקע העברעיִש לשון זייער אַקטיוו אָנטייל גענומען אין ייִדישן לעבן און איז אַריין אין פאָלקלאָר. און דאָס גאָר ביי דעם ייִדיש־ייִדישן שבט, פּשוט גערעדט מיינט עס, אַז ייִדיש לשון האָט אונדז איינגעהיט העברעיִש. ייִדן זענען געווען היימיש אין העברעיִש נישט לערנענדיק, נישט בעמענדיק קיין קורסן האָט אַ ייִד אַריינגעפלאָכטן אַ שלל מיט העברעיִש אין זיין פאָלקלאָר, אין זיין פּראָסט־פאָלקישן לעבן. דער־

ביי דאַרף געזאָגט ווערן, אַז דאָס פאָלק האָט נישט פונאַנדערגעטיילט צווישן העברעיִש און אַראַמיש. האָבן די שפּראַכן יאָ געלעבט, אפשר מער און לעבעדיקער ווי היינט מיט די קורסן און אולפּנים און מיט אַלע אַנדערע מיטלען. האָבן ייִדן אין אַראַמיש און שפּעטער אין ייִדיש אַריינגענומען די קולטור פון פריִערדיקע דורות איז עס געווען מיט דעם לשון צוזאַמען, האָט ייִדיש איינגעהיט העברעיִש לעבעדיק, ווי פריִער אַראַמיש, איז אַ ליגן דער גאַנצער תחית המתים־בום: אַ לעבעדיקער שטייט נישט אויף קיין תחית המתים. און עס איז קיין מאָל נישט געווען קיין „ריב לשונות״, ייִד־ש (אָדער פריִער אַראַמיש) האָבן זיך קיין מאָל נישט געקריגט מיט העברעיִש: ייִדן האָבן מיט אַלע כוחות זיך אָנגעשטרענגט אָפּצוהיטן אַל דאָס וואָס עס איז געווען הייליק ביי ייִדן, אַלץ וואָס קודש, האָבן זיי געהיט דאָס לשון פון דעם קודש. איז העברעיִש געגאַנגען דורך יאָרהונדערטער געאָרעמט מיט ייִדיש — ויאמר — געזאָגט. און ביידע צוזאַמען זענען געווען למשה מסיני. און הלוואי זאָל דער קיום פון אָט־דעם לשון פון ייִדישער קדושה זיין איצט אַזוי געזיכערט ווי ער איז געווען זיכער מיט ייִדיש צוזאַמען. מיט דער אָפּשוואַכונג פון ייִדיש און חלילה מיט דעם אונטערגאַנג פון דעם לשון, איז דער קיום פון העברעיִש אין דער גרעסטער סכנה. אָבער וועגן דעם וועט נאָך זיין אַ רייד שפּעטער. דער עיקר — דאָ זענען נישט גילטיק קיינע סימפּאַטיע, קיין פּאַרטייִשקייט, נישט מיט ליבע האַלט מען אויף אַ שפּראַך. און דאָס געזעץ איז, אַז דאָרט ווו עס איז נישטאָ קיין ייִדיש, דאָרטן האָט העברעיִש נישט קיין דריסת־הרגל. העברעיִש האַלט זיך נישט מיט דעם לערנען און נישט מיט די לערנביכער, נאָר אין שטייגער לעבן. און אָן ייִדיש איז נישטאָ קיין ייִדישער שטייגער. כל־זמן עס לעבט ביי אונדז די קולטור שבעל־פּה מיט איר לשון, לעבט אויך די קולטור שבכתב מיט איר שפּראַך. אָן דער קולטור שבעל־פּה, אָן ייִדיש האָט אויך העברעיִש נישט אויף וואָס זיך צו האַלטן.

נאָר דורך דער קולטור שבעל־פּה איז אַ ייִד אַ ייִד. איך האָב אַמאָל געקענט די רוסישע שפּראַך זייער גוט, געקאָנט איר גאַנצע ליטעראַטור. געלערנט, געלייענט, מיין גאַנצע פאָרמעלע בילדונג געקראָגן אין דער שפּראַך. און אַז עס איז מיר אויסגעקומען דאָס ערשטע מאָל צו זיין אין אַן עכט רוסישער שטאָט, ערגעץ אויף דער וואָלגע, האָב איך גלייך אויפן וואָקזאַל דערפילט, אַז איך בין דאָ אַ... פרעמדער: מיט דער גאַנצער רוסישער קולטור שבכתב בין איך דאָך ווייט פון צו זיין אַ רוס. מען דאַרף האָבן די קולטור שבעל פּה, דאָס וואָס מען קען גאָרנישט אויסלערנען, מען דאַרף עס אַריינלעבן אין זיך. איז וואָס איך בין נישט געוואָרן קיין רוס, האָב איך איצט נישט קיין

חרטה, איך האָב עס געבראַכט נאָר ווי אַ משל: זאָלן עס געדענקען אַלע די וואָס גלייבן, אַז מען קען יידישקייט אויסלערנען דורך לערנען העברעיִש.

העברעיִש מיט אירע פיר טויזנט יאָר לעבן איז אַוודאי נישט אין פאַרגלייך רייכער ווי יידיש מיט אירע טויזנט יאָר, אָבער קיין קולטור שבעל פה האָט זי נישט, מוז זיך האַלטן מיט יידיש.

ווען מען זאָגן, אַז אין דער אייגענער מדינה שאַפט זיך איצט אַ נייע קולטור שבעל־פה אויף העברעיִש און מען דאַרף נישט קיין יידיש. איז עס אויך פאַלש. ווי מיר וועלן עס זען שפּעטער.

## יידיש, די אינטערנאַציאָנאַלע שפּראַך פון יידישן פאָלק

...„אַ ייד מיט אַ יידן פאַרשטייט זיך אויך אויפן ווונק". אַמאָל איז עס טאַקע אַזוי געווען. מיר זענען איצט צעזייט און צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט, צווישן אַלע פעלקער און אין אַלע לענדער. מיר נעמען איבער אַלע שפּראַכן און פאַרוואַרפן די אייגענע. יידן פון איין לאַנד פאַרשטייען זיך נישט מיט יידן פון אַ צווייט לאַנד. קינדער פון איין מישפּחה וואָס זענען פאַרוואָגלט געוואָרן אין פאַרשיידענע לענדער, פאַרשטייען זיך נישט, קענען זיך נישט צונויפרעדן... ערשט דאָ ווערן מיר אַ פאָלק וואָס איז צעריסן און צעברעקלט. אויף אַלע ציוניסטישע קאָנגרעסן פאַרנעמט יידיש דאָס ערשטע אָרט, נישט ווייל מען וויל עס. נאָר מען קען אַנדערש זיך נישט צונויפרעדן.

אין אינדיע מיט אירע פיל דיאַלעקטן האָט מען געמוזט אָנקומען צו ענגליש ווי די שפּראַך פון דער גאַנצער נאַציע ווי אַזאַ. מיר דאַרפן נישט קיין ענגליש כל־זמן מיר האָבן יידיש אַן אייגן לשון וואָס ווערט גערעדט פון עטלעכע און ניינציק פּראָצענט פון פאָלק. אָן יידיש פאַרלירן מיר אונדזער אַלוועלטלעכקייט. פון אַיין יידיש פאָלק ווערן ברעקלעך פון אַ פאָלק. מען וויל שלום מאַכן מיט דעם ווייל מען וויל גלייבן אַז אָט אַזאַ אינטערנאַציאָנאַלע יידישע שפּראַך וועט זיין העברעיִש. וואָלט עס געווען גוט, ווען מען וואָלט אין דעם געקאָנט גלייבן. איך גלייב אָבער נישט, אַז די וואָס זאָגן דאָס זאָלן אַליין גלייבן אין דעם. דערווייל זעען מיר פּונקט דאָס פאַרקערטע: מיט דער אָפּשוואַכונג פון יידיש, פאַרלירן מיר אויך העברעיִש, נישט געקוקט אויף דעם לערנען וואָס מען לערנט, אויף דער פּראָפּאַגאַנדע, וואָס מען פירט.

## יידיש — אַ שאַפונג פון יידישן פאָלק

ביאַליק האָט אַמאָל אויסגערעכנט, אַז יידן האָבן גערעדט אויף עטלעכע צענדליק שפּראַכן. אַלע זענען פרעמדע, נאָר איינע איז אַן אייגענע. ער האָט

אָבער פאַרפעלט אונטערצושיידן צווישן שפּראַכן איבערגענומענע און שפּראַכן איבערגעשאַפענע. יידן האָבן איבערגענומען אַ סך שפּראַכן מיט אַלע פּרטים, מיט דעם אַקצענט, מיט דער גראַמאַטיק, מיט אַלע הידורים און פליטערלעך, מיט דער ליטעראַטור — מיט אַלץ. דאָס זענען שפּראַכן איבערגענומען. זייער גורל ביי יידן: זיי מעקן אָפּ, רייסן אַרויס ביי יידן אַלץ וואָס יידיש איז מיט זיי הערן די יידן אויף צו זיין יידן, זיי יידישן זיך אויס.

אַנדערש איז מיט די שפּראַכן וואָס יידן שאַפן איבער. זיי נעמען ווערטער פון איין שפּראַך, פון עטלעכע שפּראַכן, מען מאַכט זיי איבער, מען פּאַסט זיי צו צום אייגענעם געמיט, צו דעם אייגענעם אַקצענט, אינטאָנאַציע. מען ענ־דערט זייער גראַמאַטיק, זייער אלף־בית — אַלץ און די שפּראַך ווערט אַן אייגענע. אַזוי זענען אַלע היינטיקע שפּראַכן ביי אַלע פעלקער און אַזוי איז אויך יידיש ביי יידן. אַזוי איז אויך געשאַפן געוואָרן גאָר פאַרצייטנס העברעיש, ווען יידן האָבן גענומען ווערטער פון פאַרשיידענעם אָפּשטאַם — פון מיצריש, און פון שומעריש, און פון כאַלדעיש און פון אַראַמיש, און פערסיש און פון גריכיש און זיי אַלע איבערגעשאַפן אין איין אייגן לשון. פּונקט דאָס זעלביקע איז געשען מיט יידיש.

אַ שפּראַך אַן איבערגענומענע איז ווי אַ פּאַראַזיט אין אָרגאַניזם, וואָס עסט אויף דעם אָרגאַניזם און אַ שפּראַך אַן איבערגעשאַפענע איז ווי שפּייז וואָס פון דעם שאַפט דער אָרגאַניזם זיין פלייש און בלוט. יידיש און העברעיש און אַראַמיש — דער זעלביקער אויפקום, די זעלביקע אַנטוויקלונג, די ענלעכע אַנזאַמלונג פון אוצרות קולטור — תנ״ך, תלמוד, מאָדערנע ליטעראַטור, די זעלביקע אוצרות — פון נשמה־בת קולות. מער נישט צייט־אונטערשיידן: תנ״ך — לאַנג פאַרגאַנגענע צייטן! תלמוד — אַ סך נענטער, מער היינטיק; מאָדערנע שריפטן — גאָר היינטיקער.

## די טראַגעדיע פון העברעיש

איך האַלט אַז מיט דער גאַנצער העברעישער קולטור געשעט ביי אונדז נישט קיין קלענערע טראַגעדיע ווי מיט יידיש. איין מזל, איין גורל, אַ האָר נישט אַנדערש. לאָמיר זאָגן — מיר גייען פאַרלירן יידיש, מיט דעם צוזאַמען פאַרלירן מיר אונדזער גאַנצע קולטור שבעל פּה. בלייבט דאָך אויך די גאַנצע קולטור שבכתב על בלימה, אויף גאָרנישט. מיר האָבן שוין געזען אַז דער כלומרשטער תחית המתים פון העברעיש לשון איז בלויז אַ פיקציע, אָפּנאַ־רעריי, מען נאַרט זיך אַליין. און מען וויל נישט זען די צווייטע זייט פון דער מטבע. העברעיש האָט אַנגעוואָרן זיין קדושה, געוואָרן וואָכעדיק. מילא, גוט.

אָבער מיט יעדער וואָרט פון דער שפּראַך איז דאָך געווען פאַרבונדן אַ שלל מיט קולטור־אַסאָציאַציעס, טאַקע פון די ספרים וואָס זענען געווען גאַנגבאַר אין לעבן אין טאָג־טעגלעכן לעבן. טויזנטער יאָרן קולטור האָבן געשטעקט אין יעדן אויסדרוק, אין יעדן זאַץ! יעדעס וואָרט און יעדער זאַץ האָט געהאַט אין זיך אַ בת־קול פון אונדזער אייביקייט, יעדער זאַץ האָט מיטגעצויגן אַ קייט פון אומענדלעכע דורות לעבן און קולטור: איטלעך וואָרט — אַ פלאַש אַלטער וויין מיט אַלע טעמים און ריחות פון דורות און דורות. איז פון דעם אַלעם גאַרנישט געבליבן, וואָכעדיק געמאַכט, אָפּגעריסן פון אַלע זיינע קולטור־אַסאָציאַציעס, אויסגעליידיקט, ווערטער אָן אַסאָציאַציעס, אָן פאַרבינדונג מיט קולטור, אָן באַהעפטונג צום פאָלק. ליידיקע ווערטער ווי ליידיקע פלאַשן. אַט ווי מען רעדט אַן אויסגעלערנטע שפּראַך, ווי פון אַ ווערטערבוך אַרויס. האָט דאָך דעם אויסדרוק „גויים מדברים עברית״ געשאַפן נישט עפּעס דאָרטן אַ יידישיסטל, נאָר איינער פון די גרעסטע קעגנער פון יידיש — ד״ר יוסף קלויזנער. ער האָט אויף דער עלטער דערפילט, דערזען צו וואָס עס האָט געבראַכט זיין אידעאַל, דערפילט די טראַגעדיע אַז מען איז געבליבן אָן אַ פאָלקשפּראַך און אָן אַ קולטור־שפּראַך. כדי אָפּצורייסן די לשון־קודשדיקע ווערטער פון זייער קדושה פון זייערע קולטור־אַסאָציאַציעס האָט מען אַפילו די אויסשפּראַך געביטן. אין לנו חלק ונחלה בישראל, מיר גייען שאַפן אַ ניי פאָלק מיט אַ נייעם לשון, וואָס האָט נישט קיין ריח פון פאַרצייטיקן שימל... ווען מען זאָל זיך אַריינלאָזן אין אַ געגויערן אַנאַליז פון אַלע נייע ווערטער, פון אַלע שפּראַכנייעסן וואָס עס פאַרמאָגט אַט די נייע „עברית חדשה״ אָדער „עברית מודרנית״, וועט מען קענען דעציידירן וואָס האָט מער געווירקט: צי די ליבע צו העברעיש אָדער די שינאה צו יידיש און צו אַלץ וואָס איז מיט יידיש פאַרבונדן... איך וועל זיך באַנוגענען נאָר מיט איין דוגמא: מען האָט דאָס אַלטע, באַליבטע באַגריסונג שלום עליכם פאַרביטן מיט „שלום״. פאַרוואָס? איז עס דאָך אויך סאַמע העברעיש, טאָ פאַר וואָס איז עס שלעכט? אלא דער תירוץ איז — זאָגן בייזע צינגער — שלום־עליכם איז צו פיל געניצט געוואָרן אין יידישע מיילער, און שלום אַרויסגערעדט כלומרשט אויף ספרדיש איז דאָך כמעט אַזוי שיין ווי דאָס רוסישע „זדראַוואָ״. פאַראַן נאָך אַזוינע מוסטערן. און גייט דערקלערט עס מיט אהבת־ישראל און מיט אהבת שפת ישראל... איז טאַקע אפשר אמת אַז מען האָט נישט אַזוי שטאַרק ליב דאָס אַלטע טראַדיציאָנעלע העברעיש ווי מען האָט פיינט דאָס יידישע לשון מיט אַלע זיינע לשון־קודשדיקע עלעמענטן און טעמים?... עס איז ביטער אַזוינס צו זאָגן, אָנצושרייבן אויפן פּאַפּיר, אָבער די פאַקטן באַשטעטיקן דאָס, צו אונדזער ווייטיק און חרפה.

איז עפּעס אַ ווונדער, וואָס אַט שוין עטלעכע דורות רייִן העברעיִשע דער־ציִונג אין ארץ־ישראל און אַפילו אין דער אייגענער מדינה האָט דערפירט צו כנעניזאַציע פון דער יוגנט? יונגע העברעער, אויסגעוואַקסן און דערצויגן אין אַ לאַנד פון אידעאַליזם, פון הגשמה און — נאָך מער — הקרבה עצמית, און זיי האַלטן אין איין שרייען מיט קולי קולות, אַז זיי זענען נישט קיין ייִדן, אַז זיי האָבן נישט קיין שייכות צום ייִדישן פאָלק און זיי ווילן צו אים קיין שייכות נישט האָבן. איך וויל נישט אָפּלייקענען קיין איין טראָפּן פון די מעלות פון יענער סאַברישער יוגנט. פאַרקערט, ווייס איך פון זייער פיל מעלות גייס־טיקע און מאָראַלישע. איז דאָך דער פּאַרדרוס נאָך גרעסער, נאָך טיפער. און עס רעדט זיך נישט וועגן אַזאַ אָדער אַ צווייטער גרופּע אָרגאַניזירטער באַ־וווסטזיניקער גרופּע, וואָס האָבן זיך אַזוי אַ נאָמען געגעבן. עס איז דאָך אַ טענדענץ אַן אַלגעמיינע. זיי ווילן נישט געהערן צום ייִדישן פאָלק פון כסדר־דיקע גלותן, און זיי האָבן פאַר אים קיינע סימפּאַטיעס. זיי געהערן צו אַן אַנ־דער פאָלק, וועמען די פעלקער פון לאַנד זענען גענטער ווי דאָס ייִדישע פאָלק אין די גלותן. איז פאַר זיי ציוניזם פלוידעריי, פרעמד און דערעסן.

און נאָך מער — זיי האָבן זיך דאָך געהאַדעוועט אין אַ גאַנצער און פולער ייִדישקייט, אין שולן וואָס האָבן איין רשות, איין ריכטונג, איין ציל, אין אַ כביבה פון ייִדישקייט אין אַ לאַנד ווו יעדער טריט איז פול מיט אידעאַליזם און איבערגעגעבנקייט. און דאָך! דאָך איז נישטאָ קיין צובונד צו ייִדישקייט. פאַרוואָס? — ווייל עס פעלט אין דער דערציִונג ווי אין די היימען אַזוי אויך אין שול די קולטור שבעל־פּה. דאָס פּשוט פאָלקישע, דאָס פּראָסט־ייִדישע. און אַן דעם קען מען זיך נישט צובינדן צום פאָלק דורך קיינע שולן, דורך קיינע פּראָגראַמען און קורסן מיט עקזאַמענס.

אָט פאַרוואָס ערנסטע, טיף־דענקענדיקע שרייבער קלאָגן זיך אין מדינת ישראל אויף דער פרעמדקייט און אָפּגעפרעמדקייט פון דער יוגנט; פאַרוואָס די נייע ליטעראַטור איז נישט אויף דער געהעריקער הייך, און נאָך און נאָך. אַ ליטעראַטור קען וואַקסן נאָר אויף דורות קולטור שבעל־פּה. אָן דעם איז ליטעראַטור ווי אָן אַ באָדן.

האָט די יוגנט נישט קיין צובונד צו אַ פאָלק. דאָס כנענים־פאָלק איז דאָך אויסגעטראַכט. זענען זיי פאַרליבט אין העברעיִש? אין דער קולטור פון העב־רעיִש? — איך ספק זייער. מען האָט שוין געזען און באַקלאָגט דאָס אַנטלויפן פון העברעיִש. כל־זמן עס זענען דאָ נאָך ייִדישע ייִדן, פילט מען אַ געפיל פון העכערקייט „אתה בחרתנו מכל היהודים", מיר העברעער זענען פון אַ הע־כערן מין. אָבער ווען מען אַבסטראַהירט זיך פון אַנדערע ייִדן, טאָ וואָס איז דער יחוס פון העברעיִש? איז ענגליש, פראַנצויזיש זיכער מער כבוד, מער באַ־

קווּעם... קענען זיי זיין פאַרליבט ביז אמונה אין דעם לאַנד, „מולדת", ווי אַ טראַדיציאָנעלער ייִד, ווי אונדזערער אַ גלות־ייִד פילט די הייליקייט פון דער ערד פון מדינת ישראל? —

אויך נישט. אויך דאָס ווערט נישט דערגרייכט, און עס קען נישט דער־גרייכט ווערן. דאָס „ארץ" איז ליב און טייער ווען עס איז פאַרבונדן מיט „ישראל". אָן ישראל — זענען פאַראַן אַ סך בעסערע און באַקוועמערע און רייכערע און שענערע ארצות. עס איז דאָך טראַגיש אַז דאָס דאַרפן אין שולן אַריינפירן אַ לימוד „ייִדיש באַוווסטזיין" (תודעה יהודית). און דאָס אַלץ ווייל עס פעלט אין דער דערציִונג אין די היימען און אין שול דאָס פשוט־פאָלקישע קולטור שבעל־פה. און עס וואַקסט אַלץ מער און מער דער מרחק, דער אָפּ־שטאַנד צווישן דעם ייִדישן פאָלק און צווישן דער אין העברעיִש דערצויגענער יוגנט.

און אַז איך הייב אָן צו טראַכטן וועגן דער ייִדישער יוגנט אין די גלותן וואָס מען האָדעוועט און מען דערציט אָן ייִדישער פאָלקישער קולטור, ווערט מיר גאָר טראַגיש טרויעריק אויפן האַרץ. די יוגנט רעדט זיך איין אַז זי געהערט צום פאָלק וועמעס שפּראַך זי רעדט. און עס איז פאַלש. ווייל די גערעדטע שפּראַך איז דאָך בלויז אַ טעכנישע, אָן דער קולטור שבעל־פה פון דעם פאָלק וועמעס שפּראַך מען רעדט. פון ייִדישן פאָלק איז מען אָבער אָפּגעריסן. והא ראיה — אין גאַנץ אַמעריקע איז נישטאָ קיין איין טאָגצייטונג פאַר ייִדן אויף דער שפּראַך וואָס מיליאָנען ייִדן רעדן. געווען אין בוענאָס־איירעס אַ פּרווו און ער האָט זיך געענדיקט מיט אַ געוואַלדיקער פיאַסקאָ. עס אינטערעסירט נישט דאָס פאָלק, וואָס פון אים שטאַמט מען. פאַראַן יאָ פאַרלאַגן און אויסגאַ־בעס פאַר ייִדן אין די „שפּראַכן פון די קינדער", אָבער ערשטנס לעבן זיי פון גרויסע סובסידיעס, צווייטנס, ווערן זיי על פי רוב געקויפט פון ייִדישע על־טערן פאַר זייערע פאַרגויישטע קינדער. פריער לאָזט מען אַרויס די פייגעלעך פון ייִדישן שטייג, נאָך דעם וויל מען זיי שיטן אַ ביסל ייִדיש זאַלץ, כדי זיי צוציִען צוריק צו זיך... ווי זאָל אַ ייִדיש האַרץ נישט וויינען און קלאָגן אויף דעם?

קענען יונגע ייִדן אָן ייִדיש אין דער וועלט זיך איינרעדן אַז זיי געהערן צו די פעלקער, וועמענס שפּראַכן זיי רעדן; קענען זיי זיין אָפּגעריסן פון ייִדישן פאָלק, פון זיין קולטור, פון זיין ליטעראַטור. ביז דער „קבלת פנים" וואָס זיי קריגן פון די אמתע שפּראַך־בעלי בתים טרייבט זיי צוריק צום ייִדישן פאָלק און זייער ייִדישקייט ווערט אַ „עקספּלאָזיע־ייִד־שקייט", אַ מין תשובה, וואָס איז נישט אָרגאַניש.

דאָס זעלביקע געפיל און די זעלביקע סיטואַציעס שאַפן אין מדינת־ישראל

אין יענע ספּעציפישע באַדינגונגען דעם „כּנעניזם״. די כּנענים — זיי האָבן נישט די יידישע פאָלק־וואָרצלען און צו קיין אַנדער „פאָלק פון לאַנד״ קענען זיי אויך נישט געהערן (דערווייל), האָבן די טיפערע און דענקענדיקע פון זיי אויסגעפינען די כּנענים... אָרעמע, אויסגעוואָרצלטע יידן אָן אַ פאָלק! אָפּגעריסן פון אַלע וועלטן.

און דער טראַגיזם ציט שוין, רייסט שוין פון אַט דער „כּנענישער״ העבּ־רעישער שפּראַך, צו אַנדערע פעלקער מיט אַנדערע שפּראַכן... טיפערע יידישע דענקער אין דער מדינה, טיפערע יידישע הערצער האָבן שוין דרפילט די טראַגעדיע, נישט איין יידיש האַרץ האָט שוין גענומען קלאַפּן אַלאַרם אויף דער דערשיינונג. צוליב געוויסע פּסיכישע אייגנשאַפטן אונדזערע איז דער טראַגיזם נאָך נישט דערגאַנגען צום באַוווסטזיין פון כּלל.

ווי גרויס איז די טראַגעדיע אונדזערע, אַז אַפילו די געטרייע זין פון אונדזער פאָלק, פאַרשטייען נישט, ווילן נישט איינזען, דערשטיקן אין זיך דעם צייטיק געוואָרענעם האַרץ־געשריי: „וווהין גייסטו, יידיש פאָלק? אין וואָסערע תּהומים קייקלסטו זיך, יידיש פאָלק מיט אַ יוגנט מיט אַלע שפּראַכן, אָן יידיש?״ (תּהומים — אין גייסט פון טראַדיציאָנעלן יידיש, נישט תּהומות).

און אָפּט, פאַרקערט, דאַכט זיך מיר אויס, אַז איך הער אַ פאַרקערטן געשריי: „אַ כּפּרה דריי־פיר־פינף דורות ביז דאָס נייע העברעיש וועט דאָך סוף־כּל־סוף יאָ ווערן אַ וואָרצלדיקע פאָלקשפּראַך!״... אַזוי פיל איך אָפּט, הגם אַזוינע רעד האָט מען נאָך דאָס נישט אַרויסגעזאָגט, אָבער אָן ווערטער, במסתּרים עקזיסטירט דער זאָג זיכער.

און ליידער און ליידער: אויך די „האָפענונג״ וועט נישט מקוים ווערן, היה לא יהיה! עס וועט נישט געשען קיין מאָל: אָן יידיש ווערט מען אָפּגעריסן פון יידיש פאָלק אויך אין דער אייגענער, אויסגעחלומטער, אויסגעקעמפטער, מיט בלוט און קדושה אָנגעזאָפּטער מדינה. און די אָפּגעריסענע כּלומרשטע כּנענים וועלן פרייער־שפּעטער געפינען, אויסזוכן זיך „גרויסע״ לעבעדיקע פעלקער מיט גרויסע, שטאַרק־פאַרשפּרייטע שפּראַכן און צו זיי וועט מען זיך רייסן, צו זיין וועט מען זיך ציען אויך אין ציון.

סיידן, יאָ סיידן אויך אין דער מדינה וועט יידיש לשון ראַטעווען די דורות פאַר העברעיש און פאַר ציון.

...ווו נעמט מען דעם ירמיהו וואָס זאָל באַוויינען אונדזער היינטיקן חורבן פון אומה ולשון — ווו?!

און דאָס איז אין דער אייגענער היים, אין דער אייגענער מדינה מיט אַן אייגענעם שולוועזן, מיט אַן אייגענעם שטייגער, מיט אייגענע שטעלעס און

קאַריערעס אויף העברעיִש מיט אַלץ מיט אַן אַנדער — אַ מדינה איז דאָך אַ מדינה!

און אין דער וועלט? אין אַלע אַנדערע יידישע ישובים? דאָרטן גיסט דער העברעיִזם וואַסער אויף אַנדערע, אויף פרעמדע מילן, ער העלפט דעם פּראָצעס פון אויסיידישונג, פון דערווייטערונג, פון אָפּפרעמדונג, וואָס טראָגט דעם נאָמען אַסימילאַציע און איז אַפילו דאָס אויך נישט.

אָך און ווי צו די „גליקן" פון העברעיִש פון אַלע אַנשרענגונגען און באַמיִונגען, פון אַלע באַרימערייען און הוראַ־הוראַ־געשרייען. אָך און ווי: העברעיִש לערנט מען, יונג און אַלט, קינד און קייט, זשוק און זשאַבע, באָבעס און אייניקלעך — אַלע לערנען, — און קיינער קען נישט. איין זאַך טוט מען אויף: פון יידיש דערווייטערט מען. אָבער ניין! נישט פון יידיש, נאָר פון יידישקייט דערווייטערט מען! מען באַמיט זיך צו פאַרמיבערן דעם דרך־ארץ צו דעם לשון, לשון פון פאָלק, און ווער עס האָט נישט קיין דרך־ארץ פאַרן פאָלקס לשון, האָט נישט ליב דאָס פאָלק. און אָן ליבע צום פאָלק קען מען קיין גאולה נישט ברענגען.

אויף אַריבער זעקס מיליאָן יידן אין אַמעריקע איז פאַראַן אין גאַנצן איין העברעיִש וואָכנבלאַט, און ער האַלט זיך נאָר מיט דער הילף פון גרויסע סובסידיעס. ביכער פאַרקויפן זיך נאָר — אָדער לערנביכער, אָדער פאַרן עלטערן דור, וואָס האָבן זייער העברעיִש געבראַכט פון דאָרטן. אַזוי פיל לערנען עברית און אַזוי ווייניק קענען! עס איז שוין געזאָגט געוואָרן, אַז וואָס מער לערנביכער מען גיט אַרויס, אַלץ ווייניקער ליטעראַטור־ווערק לייענט מען.

מען איז געקומען מיט אַן אומגליקלעכן לאָזונג: מען דאַרף עברית לערנען ווי אַ לעבעדיקע שפּראַך. לשון חיה, שפה חיה וכדומה. וואָס מיינט מען אָבער דערמיט?

ערשטנס, איידער מען גייט צו לערנען קולטור־טעקסטן אין העברעיִש דאַרף מען אויסלערנען די שפּראַך פאַרשטיין.

צווייטנס, דאַרף מען די שפּראַך לערנען נישט צוליב די ספרים, נאָר מען זאָל זיך קענען צונויפרעדן אין דעם לשון. דער ציל פון לערנען איז נישט הספר העברי, נאָר דער הדיבור העברי. יידן זענען דאָך קינפטיקע עולים, דאַרפן זיי קענען זיך צונויפרעדן אם ירצה השם ווען זיי וועלן קומען קיין ארץ־ישראל. און וואָס הייסט „לעבעדיק"? — ווי מען קויפט אַ פעקל שוועבעלעך, ווי מען פרעגט אַ גאַס אין תל־אביב וכדומה. און דער פועל יוצא?

איידער די געציילטע אפשר־עולים וועלן יאָ פאָרן קיין מדינת ישראל, פאַרגעסן אַלע לערנערס דאָס ביסל ווערטער וואָס מען האָט זיי אויסגעלערנט,

און זיי בלייבן ביי גאָרנישט. קען מען זיך פאָרשטעלן אַ גרעסערע טראַגעדיע, ווען מיט דער הילף אויך פון העברעיִש לשון רייסט מען אָפּ די דורות פון דער העברעיִשער קולטור! נישט קיין בוך, נישט קיין צייטונג, נישט קיין ווערטל און נישט קיין וויץ, נאָר „שלום" און דאָס איז אַלץ וואָס עס בלייבט.

וואָלט מען נאָך אפשר געקענט דיסקוטירן וועגן אַזאַ ריין־העברעיִשער שול אין אַ ווילנע, אין אַ קאָוונער ליטע. דאָרטן האָט די יוגנט געהאַט אַ פאָלק־שפּראַך. געלעבט אין איר אין די היימען און אין גאַס; די קינדער האָבן גע־לעבט אין זייער פאָלק, האָט די העברעיִשע שול זיי נישט אָפּגעריסן פון זייער פאָלק, נאָר זיי צוגעגעבן, דערגעבן אויך די קולטור־שפּראַך צוזאַמען מיט דער קולטור. איז עס אויך דאָרטן געווען אַ פּעדאַגאָגישער פעלער — אַ חטא אָדער אַ טעות, ווייל אויך דאָרטן האָט עס נישט אָפּגעריסנדיק פון פאָלק, דאָך יאָ אַנט־וויקלט אַ סנאָביסטישע באַציִונג צום פאָלק.

אָבער די ריין־העברעיִשע שולן אויף דעם אַמעריקאַנער קאָנטינענט — דאָ זענען זיי אַ בפירושער פאַרברעכן, נישט בלויז אַ פּעדאַגאָגישער, נאָר אַ נאַציאָנאַלער פאַרברעכן, אַ פאַראַט. די קינדער האָבן נישט דעם פאָלקס שפּראַך, קיין געמיינזאַמס נישט מיטן פאָלק, די היים און די גאַס — פרעמדע, דאָס גאַנצע לעבן פרעמד און ווייט, קיין יִדישער שטייגער — נישטאָ. די שול — אַפילו די יִדישע — איז דאָך אין תוך אַריין אַ פרעמדע, אַ מלוכהשע, מיט אַנדערע נאַציאָנאַלע צילן, צו אַן אַנדער פאָלקישקייט ציט זי. איז דאָס יִדי־שע אין דער שול אין בעסטן פאַל נאָר אַ צוגאָב, אַביסל כשרע זאַלץ אין אַ פרעמדן טאָפּ. און אָט דער צוגאָב איז נאָך דערצו אויך נישט קיין גלייכבאַ־רעכטיקטער, אַן איינגעבעטענער, איז ער אין פּראַקטישן לעבן אַן אומנוצי־קער... דאָ דאַרף דער יִדישער צוגאָב אָנהייבן פון אָנהייב — דערנענטערן די קינדער צו זייער פאָלק, אויב נישט צום דירעקטן היינט, איז צום נאָענטסטן נעכטן. קומט די העברעיִשע שול אָן יִדיש ווי אַ באַזיס און זי רייסט אָפּ די קינדער פון דעם היינט און פון דעם נעכטן, פון דעם גאַנצן נאָענטן יִדיש וואָס איז דאָ אין אַרום, פון דעם ביסעלע יִדיש לעבן און יִדישקייט וואָס עס איז פאַראַן, מען וויל זיי די קינדער ברענגען צום ווייטן אַמאָל און צום ווייטן „דאָרטן". איז עס געגליכן צו וועלן אַרויף אויפן דאַך אָן אַ לייטער וואָס שטייט אויף דער ערד. איז אַזאַ שול — אָפּרייסן פון יִדן קען זי, ברענגען צום יִדישן אַמאָל — דאָס קען זי נישט, דאָס דערגרייכט זי נישט בשום אופן.

און אויב מען לערנט שוין יאָ אויס עפּעס פון העברעיִש, איז עס דאָך נישט פון דער קולטור־שפּראַך, נאָר ווערטער וואָס האָבן נישט קיין קולטור־וואָרצלען. עס איז ווי פלעשער אָן דעם ווײַן אין זיי.

מענדעלע האָט זיך באַמיט אַריינצוגעבן אין דעם העברעיִש אַ טעם און

ריח פון היינטיקן יידיש. אַזוי וואָלט אויסגעזען דאָס לשון ווען יידן וואָלטן עס גערעדט. ער האָט געוואָלט פון אונדזער קולטור־שפּראַך מאַכן אויך אַ פאָלק־שפּראַך. אין זיין דרך זענען געגאַנגען נאָך עטלעכע. אָבער עס האָט זיך נישט אָנגענומען, עס איז מער געפעלן אַ העברעיִש וואָס האָט נישט קיין בת־קול פון לעבעדיקער פאָלק־שפּראַך און קיין ריח פון לעבעדיקן פאָלק, אַפילו נישט דעם פאָלקס אויסשפּראַך. זענען אָנשטאָט דעם געקומען טרוקענע ווער־טער אָן פאָלקישע זאַפטן, און צו איינהאַלטן דערגייט מען נישט. פאַרגעסט מען די ווערטער, בלייבט נאָר אַן אָפּגעפרעמדקייט און מער גאָרנישט. אָפּגע־פרעמדט פון יידישקייט און יידיש און די פרעמדע מלוכה־שפּראַך בלייבט דער איינציקער האַר און הערשער.

מען לערנט עברית אַ דאַנק גאָט, געוואָרן אַ מאָדע, אדרבא, מי יתן והיה כל עם ה׳ — עברית־קענער. עס זענען דאָך דאָ גוואַלדיקע אוצרות אין העב־רעיִש, אוצרות פון אַלע דורות. אָבער וואָס לערנט מען? — די גרעסטע תורה וואָס מען דערגייט צו איר, איז „אלף מלים״ — טויזנט ווערטער. אָבער, גאָט מיינער! אַ שפּראַך איז דען אַ ווערטערבוך? אַז צו די קולטור־אוצרות באַמיט מען זיך גאָרנישט צו דערגיין. און — זאָל מען מיר מוחל זיין פאַר אַ ביטערן אמת — עס קומען לערערס, לערערינס פון ישׂראל, זיי רעדן עברית, און זיי רעדן פריי, אָבער... עס דינט ביי מיר אַ דינסט, זי רעדט איר שפּראַך נאָך פרייער, נאָך פליסיקער... עס וועט אָבער קיינעם נישט איינפאַלן אַ געדאַנק צו מאַכן זי פאַר אַ לערערין פון איר שפּראַך...

לערנט מען אויס די אלף מלים, און אין אַ יאָר אַרום בלייבט פון זיי נישט קיין עלף אַפילו, און פון דער יידישער קולטור אין העברעיִש — גאָרנישט געזאָגט, גאָרנישט געבליבן, נישט אָנגעהויבן אַפילו. און אָפט ווייסן פון איר נישט אויך די לערער, וואָס רעדן „אַזוי שיין״...

אונדזערע ביידע לשונות אויף וויפל זיי טראָגן אין זיך די אָנגעשפּייכ־לערטע אוצרות פון אונדזער פאָלקס נשמה זענען לשונות הקודש. ביי יידן באַשטימט דאָך נישט גאָט די הייליקייט פון עפּעס, נאָר הייליק איז דאָס אַלץ וואָס טראָגט אין זיך דעם פאָלקס גייסט און זיין נשמה. איז די קדושה פון יידיש נישט ווייניקער און נישט קלענער ווי די קדושה פון העברעיִש. אויס־געליידיקט פון פאָלקס גייסט האָט קיין שפּראַך גישט קיין קדושה. נישט קיין רעליגיעזע און נישט קיין וועלטלעך־נאַציאָנאַלע.

און דער אַלגעמיינער אויספיר:

1. עס איז נישטאָ ביי יידן קיין שפּראַכן־קאַמף. אַ האַלבן יאָרהונדערט האָט מען זיך אָפּגעקריגט און דער קריג איז געווען אויף אַ פאַלשן פראָנט:

נישט די שפּראַכן — צווײ לײבלעכע שוועסטער האָבן זיך קײנמאָל נישט געקריגט. עס האָבן זיך געבלאָזן די יוסטע בעלי גאווה פון אויבן־אָן קעגן דעם אונטער דער בימה, וואָס האָט חוצפּהדיק גענומען פאַרלאַנגען אַן אָרט פאַר זיך אין ייִדישן לעבן. אָבער זיך אָנגעקריגט און געניגט! מיר זענען איין פאָלק מיט איין קולטור וואָס פאַרמאָגט היפשע עטלעכע שיכטן און איטלעכער שיכט מיט זיין לשון.

2. העברעיִש איז נישט אויפגעשטאַנען קיין תחית המתים, ווייל קיינמאָל נישט געשטאָרבן, געלעבט תמיד אָרגאַניש און פול לעבן אין ייִדישן שטייגער, וואָס איז געגאַנגען אין ייִדיש. אָן ייִדיש וואָלט העברעיִש נישט געהאַט אָן וואָס זיך צו האַלטן. אין בעסטן פאַל וואָלט עס זיך צעשאָטן אויף אָן אַ שיעור דיאַלעקטן און עס וואָלט לאַנג אויפגעהערט צו זיין דאָס לשון הקודש פון פאָלק. נאָר די ייִדן וואָס האָבן געלעבט ייִדיש האָבן איינגעהיט העברעיִש לעבעדיק, נאָר ביי די ייִדן וואָס לעבן אין ייִדיש האָט העברעיִש אַ קיום.

3. העברעיִש אַליין איז אָן אַ באָדן אין אונדזער פאָלקישער קולטור שבעל פּה. ייִדיש אַליין איז ווי אָן די העכערע גאָרנס פון אונדזער קולטור. דער ייִד וואָס רעדט פון קינדוויַיז אָן ייִדיש איז זיכער אַ ייִד. דער ייִד וואָס האָט זיך געהאָדעוועט אויף העברעיִש אָן ייִדיש, דער זיצט אויפן דאַך פון ייִדישקייט אָן אַ לייטער צו דעם עצם פאָלק אונטן. מיט אים דאַרף מען ערשט לערנען „תודעה יהודית״ — ייִדיש באַוווּסטזיין.

4. צווײ ברידער האָבן געלערנט — איינער ייִדיש און דער צווייטער העברעיִש. ביידע האָבן פאַרגעסן. ביים געהאָדעוועטן אין ייִדיש, בלייבט די באַגענטקייט צו זיינע ייִדן. ביי דעם צווייטן בלייבט פון ייִדישקייט גאָרנישט.

5. די ייִדישע דערציִונג דאַרף באַזירט זיין אויף דער גאַנצקייט פון אונדזער איינציקער קולטור אין איר אינטעגראַלקייט מיט אירע ביידע שפּראַכן, מיט איר רעליגיעזן און וועלטלעכן אינהאַלט.

6. די שפּראַכן האָבן אַ באַטייט נאָר אַדאַנק דעם אינהאַלט וואָס אין זיי. אָן די קולטור־אינהאַלטן האָבן די שפּראַכן נישט קיין נאַציאָנאַלן ווערט. ליידיקע פלעשער פון דעם בעסטן ווײַן.

די ייִדישע שול טאָר דערפאַר נישט זיין קיין שפּראַך־שול.

7. יעדער געדאַנק צו קענען פירן ווייטער אונדזער קולטור־לעבן אין פרעמדע שפּראַכן איז אַ פאַטאַלער טעות, וואָס מוז פירן צו אַסימילאַציע און אומקום.

8. מען קען אין אַלע שפּראַכן פון דער וועלט שרייבן, רעדן און לערנען וועגן ייִדן און ייִדישקייט. אָבער קיין ייִדישע קולטור וועט עס שוין נישט

זיין. מען קען שרייבן אין ענגליש די בעסטע ביכער וועגן יאַפּאַן און וועגן אַמאַליקן מצרים, אָבער עס וועט נישט זיין קיין יאַפּאַן און נישט קיין מצרים. מען קען שטודירן אין ענגליש וועגן אַ טויב, אָבער קיין טויב וועט עס נישט זיין און קיין וואָרקען פון אַ טייבעלע — זיכער ניט. די בעסטע ווערק וועגן ייִדן אין ענגליש זענען נישט קיין ייִדישע קולטור.

9. דער גרעסטער שעדיקער דער ייִדישער קולטור (אין ביידע שפּראַכן) איז די סנאָביסטישע באַציִונג צום ייִדישן לשון הן ווען זי קומט פון אָפּן־אַסי־מילאַטאָרישע צדדים און הן ווען זי קומט איינגעהילט אין אַ נאַציאָנאַלן מאַנטל פון אַ קיקיון דיונהדיקן העברעיִש. נישט דעם לשון ייִדיש שעדיקט דער סנאָ־ביזם נאָר דער ייִדישקייט אין גאַנצן.

10. און דער סוף פּסוק — דער קיום פון ייִדישן פאָלק איז אונדזער אמונה. דער אמונה דינען מיר. דער קיום האומה איז אָפּהענגיק פון קיום פון דער איינהייטלעכער אינטעגראַלער ייִדישער קולטור. דער קיום פון דער קול־טור איז ווי דער פלאַם מיט דעם קנויט פאַרבונדן מיט דעם קיום פון ייִדישן לשון. און דערפאַר איז די מצווה ייִדיש לשון אינדזער ערשטע מצווה פאַרן קיום האומה.

11. מיטן פאַרלירן ייִדיש לשון פאַרלירן מיר נישט קיין שפּראַך, — דאָס ייִדישע פאָלק פאַרלירן מיר!

# מאַסע און אינטעליגענץ

ווען אַ פאָלק איז געזונט, נאָרמאַל, זענען בײַ אים פֿאַראַן די צוויי טיילן — די מאַסע פון פאָלק און זיין אינטעליגענץ. די טערמינען די צוויי זענען אַלעמען באַקאַנט. דאָך וועל איך בעסער נוצן אַנשטאָט דעם וואָרט מאַסע דאָס וואָרט מאַסיוו — דער פאָלקישער מאַסיוו און זיין אינטעליגענץ.

וואָס איז דער אונטערשייד צווישן מאַסע און מאַסיוו? — מאַסע איז אַ קופּע זאַמד, גאַנצע דיונעס, בערג פון זאַמד. מאַסיוו איז — ווען דער זעלביקער זאַמד איז צעמענטירט אין איין פעסטן שטיין. דאָס איז אַ משל. און דער נמשל — פאָלקישע מאַסן זענען אַן אָביעקט פון ציילן, אַ צאָל יחידים — מיליאָנען יחידים וואָס געהערן צו איין פאָלק. אַ פאָלקישער מאַסיוו איז ווען אַט די יחידים זענען באַהעפט צווישן זיך, זענען איינס, איינס אין זייער פירן זיך און אין זייער פילן און אין זייער רעדן. נאָר אַזאַ מאַסיוו שאַפט אַ פאָלק. אַ פאָלק איז נישט אידענטיש מיט זיינע מאַסן, נאָר מיט זיין מאַסיוו.

וואָס איז דער צעמענט וואָס באַהעפט די יחידים פון פאָלק אין איין מאַסיוו? די באַזונדערע זעמדעלעך אין איין פעסטן שטיין?

פֿאַראַן וועגן דעם פֿאַרשיידענע מיינונגען. מען רופט אָן: לאַנד, מדינה, געזעצן, קולטור, שטייגער וכדומה. מיר האָבן זיך אויף דעם אָפּגעשטעלט אין אַ פריערדיקער אַרבעט („מאַסע און המון" אין דעם בוך „אויף די וועגן פון קיום", בוענאָס־איירעס 1959). דאָרטן האָבן מיר זיך גענויער אָפּגעשטעלט אויף די אייגנשאַפטן פון אַ מאַסיוו אין אונטערשייד פון אַ צעשאָטענער מאַסע (המון). וועלן מיר זיך נישט אומקערן צו דעם דאָ איצט. איך וועל נאָר צוגעבן אַז די אַלע פאַקטאָרן ווי לאַנד, מדינה און אַזוי ווייטער — אַלע האָבן זייער חלק אין איינהאַלטונג פון מאַסיוו. די פראַגע איז נאָר ווער פון זיי זענען די ערשטיקע לויט זייער מדרגה, און וואָסערע זענען פון דער צווייטער מדרגה. לויט דער טערמינאָלאָגיע פון תלמוד וואָלט איך דאָ געשריבן וואָסערע זענען די אב־פאַקטאָרן און וואָסערע זענען די תולדות? די וואָס שטאַמען אָפּ פון די ערשטיקע.

וועל איך דאָ נישט אַנטוויקלען קיין דיסקוסיע און איך וועל זאָגן גלייך:

איך גלייב נישט אין דער „ערשטיקייט" פון די מאַטעריעלע פאַקטאָרן ווי לאַנד, מדינה, וכדומה. דאָס לערנט מיך די יידישע געשיכטע. נישט דאָס לאַנד, נישט די מדינות האָבן דאָס צונויפגעהעפט די יידישע שבטים אין איין פאָלק. נאָר דווקא דער גלות (נישט דער גלות ווי אַזאַ). דאָס זעלביקע איז געשען אויך אין דער מאָדערנער וועלט, ווען די אייראָפּעישע מדינות האָבן באַהערשט ריזיקע לענדערייען אין אַנדערע קאָנטינענטן, און קיין איינהייטלעכע מאַסיוון זענען דורך דעם נישט אויסגעוואַקסן. אין אייראָפּע גופא זענען דאָך געווען לענדער, מדינות וואָס זענען באַשטאַנען פון קאָנגלאָמעראַטן פון באַזונדערע פעלקער. און נאָך גאַנצע דורות זענען די באַזונדערע פעלקער, געבליבן באַזונדערע פעלקער און זיך נישט צונויפגעהעפט, נישט צונויפגעשמאָלצן אין איין מאַסיוו. קענטיק, אַז אין דעם מהות פון „פאָלק" זענען פאַראַן אייגנשאַפטן וואָס זענען שטאַרקער, ערשטיקער ווי אָט די אייגערופענע מאַטעריעלע פאַקטאָרן.

אונדזער יידישע געשיכטע גיט אונדז אַ טיפע לעקציע אויף דעם געביט: מיר האָבן אין גלותן נישט בלויז איינגעהיט אונדזער פאָלקישקייט, נאָר מיר האָבן עס געשמידט אין די גלותן. קיין מצרים איז געקומען איין משפחה און אַרויס איז אַ פאָלק. און מיט וואָס פאַר אַ כוח? דערקלערט ריכטיק אַ מדרש „בשביל שלא שינו את שמם, את לשונם ולא גילו את המסתורין שלהם". דאָס וואָרט „מסתורין" פאַרטייטשט מען „סודות". איך דערלויב זיך אָבער אָנצורופן מיט דעם וואָרט דאָס אין לעבן וואָס איז נישט פאָרמולירט אין ווערטער, נישט דעפינירט. דאָס וואָס איז עקוויוואַלענט צום נישט־קאָדיפיצירטן שטייגער פון פאָלקישן לעבן.

אַזוי איז אויך געווען שפּעטער. אויף אַ מאָדנעם אופן איז ביי אונדז דאָס פאָלקישע באַוווסטזיין דווקא אין גלות געוואָרן שטאַרק, שטאַרקער ווי אין דעם היימישן לאַנד, דווקא אין בבל. און ווידער אַמאָל שטרייכט עס אונטער שויך די גמרא, אַז אַלע מאָל ווערט די תורה (געמיינט יידישקייט) אַריינגעבראַכט פון בבל (פון גלות) קיין ארץ־ישראל, בשעת דאָרטן, דווקא אין דער אייגענער היים ווערט זי כסדר פאַרגעסן (סוכה, כ"א). בכן האָבן מיר פאַר זיך אַ פאַקט, אַז דער אבי־אבות הפאַקטאָרן פון פאָלקישן צעמענט איז דער געמיינזאַמער שטייגער לעבן, די געמיינזאַמע אָנגענומענע פאָרמען פון אויפפיר, הן פון פרט, פון יחידים און אַזוי אויך פון כלל. לאַנד איז יאָ אַ וויכטיקער פאַקטאָר אין לעבן פון קאָלעקטיוו: עס מאַכט אַ סך גרינגער עס זאָל זיך אויסבילדן אָט דער צעמענט — דער געמיינזאַמער שטייגער. און נאָך וויכטיקער איז די מדינה. זי שטעלט איין די געמיינזאַמע נאָרמעס, זי פיקסירט זיי. אָבער דאָך זענען זיי נאָר פאַקטאָרן פון סעקונדערער מדרגה. נאָר מיטלען.

אויך דאָס איז שוין געווען ביי יידן פריִער באַוווּסט. זאָגט דאָס נאָך דער מחבר פון ספר חשמונאים ב׳: „כי לא בחר ה׳ בעמו בגלל עירו, כי אם בחר בעירו בגלל עמו״ (גאָט האָט אויסגעקליבן זיין פאָלק נישט צוליב זיין שטאָט, נאָר פאַרקערט האָט ער אויסגעקליבן (פאַרהייליקט) זיין שטאָט צוליב זיין פאָלק) פאָלק, בכן, איז פריִער פאַר דעם שטאָט, פאַר דעם לאַנד. בכן, דער מהות פון פאָלק איז: נעמען, שפּראַך און פירונג, שטייגער. דער פאָלקישער מאָסיוו פון אַ וואָסער עס איז פאָלק באַשטייט, הייסט עס, פון די דריי עלעמענטן. זיי בילדן דעם מאָסיוו און זיי האַלטן אים אויף. פאָלק דאָס איז אַ גרופּע מענטשן וואָס האָבן דעם זעלביקן אָדער ענלעכן אויפפיר, דעם זעלביקן שטייגער.

דער אויפפיר, דער שטייגער איז פאַרבונדן מיט איבערלעבונגען, מיט גייסט, מיט געדאַנק און מיט געפיל. אַרבעט זיך אויס אויך אַ טיפּ פון פאָלק, אַ פאָלקישער פּסיכישער טיפּ מיט געמיינזאַמע באַגריפן און אידעען, פּרינציפּן, אידעאָלאָגיעס.

עס איז נישט איין מאָל געזאָגט געוואָרן אַז פאָלק — דאָס איז אַ מין העכערער קאָלעקטיווער אָרגאַניזם, און יעדער אָרגאַניזם פאַרמאָגט זיין כאַראַקטעריסטישן אויפפיר און זיין געדאַנקען־גאַנג. ווי ביי אַ יחיד אַזוי איז אויך ביי אַ קאָלעקטיוון אָרגאַניזם זיין אויפפיר און דער געדאַנקען־גאַנג פריִער פאַרן באַוווּסטזיין. דער „נעשה ונשמע״, דאָס שטעלן נעשה — דאָס טאָן — פריִער פאַר דעם נשמע, — פאַר דעם פאַרשטיין, וואָס יענער צדוקי האָט אָפּגעלאַכט פון דעם, דאָס איז דווקא כאַראַקטעריסטיש פאַר דער לעבעדיקער וועלט און אויך פאַר דעם מענטשן. אַלץ וואָס לעבט האָט זיין באַשטימטן אויפפיר. און אָט דער אויפפיר איז לגמרי נישט באַוווּסט. ערשט ביים „בחיר היצורים״ — ביי דעם מענטשן ווערט אַ טייל פון זיין אויפפיר, אַ טייל פון זיינע האַנדלונגען באַגלייט מיט אַ באַוווּסטזיין. אָבער אויך ביי אים קומט צום באַוווּסטזיין נאָר אַ טייל פון זיין אויפפיר. אַ גרעסערער טייל בלייבט פאַר אים אַליין אומבאַוווּסט. דער באַוווּסטזיין ביי אַ מענטשן איז געגליכן צו יענעם לאָמפּ אין אַ קינאָ־אַפּאַראַט וואָס באַלייכט נאָר איין קליין בילדל פון דעם גאַנצן שלל בילדלעך וואָס זענען אויף דער גאַנצער לאַנגער טאַשמע (פילם).

דאָס לעבן גייט, ציט זיך נאָכאַנאַנד, ווי ס׳ציט זיך די טאַשמע אין קינאָ, אָן אַן אויפהער גייט דאָס לעבן, דער מענטש הערט נישט אויף צו זיין אַקטיוו, צו רעאַגירן אָבער ער — דער מענטש — ער ווייס נאָר, ער קען דערקלערן, באַהאַנדלען, משפּטן, צווינגען זיך צו טאָן נאָר אַ קליינעם טייל פון דער אַקטיוויקייט. נאָר איבער דעם קליינעם טייל איז דער מענטש אַ באַלעבאָס. און אויך דאָס איז נאָך מוטל בספק, צי דער באַוווּסטזיין איז טאַקע אַ בעל־הבית

אָדער נאָר אַן אויסטייטשער, אויסרופער פון דעם וואָס דער אמתער בעל־הבית — דער אומבאַוווסטזיין טוט און הייסט טאָן.

און אַזוי איז אויך מיט דעם קאָלעקטיוון אָרגאַניזם — מיט דעם פאָלק. עס לעבן פעלקער, איטלעכס מיט זיין שטייגער, מיט זיינע זיטן און מינהגים. זעלטן ווער עס גיט זיך אָפּ חשבון און ווער עס קען אָט דעם פאָלקישן אויפ־פיר און כאַראַקטער אָנרופן, אָפּשאַצן, דעפינירן.

דאָס איז די אויפגאַבע פון דער אינטעליגענץ ביי אַ פאָלק. זי איז דער באַוווסטזיין פון דעם פאָלק, זי איז באַוווסט אין די פּראָצעסן פון פאָלקס לעבן און זי קען זיי אָפּשאַצן, כאַראַקטעריזירן און מישפטן.

דער סכום מענטשן אין פאָלק, וואָס טראַכטן זיך נישט אַריין, וואָס לעבן אָבער שטייגעריש, טראַדיציאָנעל־פאָלקיש אין זייער עסן און טרינקען, אין זייער רעדן און זינגען, אין זייער טרויער און פאַרוויילונג, אין זייער שיכרות און ניכטערקייט, און דאָס אַלץ נישט אויסגעלערנט און נישט איינגעלערנט, נאָר איינגעלעבט שטייגעריש, דורותדיק — דאָס איז דער פאָלקישער מאַסיוו, געגליכן צו דעם גאַנצן אָרגאַניזם פון אַ מענטשן וואָס לעבט און אָטעמט אָן חשבונות. די אינטעליגענץ פון פאָלק — דאָס איז דער באַוווסטזיין, דער שכל.

פאַראַן אַ קלוגע גמרא, וואָס פאַרגלייכט דאָס גאַנצע פאָלק צו אַ געוויקס (אַ וויינשטאָק); די עם־הארצים דאָס זענען די וועגעטאַטיווע טיילן פון געוויקס. די פרוכטן — דאָס זענען די תלמידי חכמים (חולין, צ״ב, א׳). אָן די עם־הארצים קענען נישט זיין קיין תלמידי חכמים, ווי אָן די צווייגן און בלעטער קענען נישט זיין קיין פרוכט.

דער אינהאַלט פון דעם פאָלקישן מאַסיוו איז רייכער, פילפאַכיקער ווי פון דער אינטעליגענץ, אָבער דער מאַסיוו, די פשוט פאָלקישע מענטשן — זיי גיבן זיך לגמרי נישט אָפּ קיין חשבון פון דעם וואָס זיי טוען און פאַרוואָס זיי טוען. די אינטעליגענץ איז דאָס באַוווסטזיין פון דעם קאָלעקטיוון אָרגאַניזם וואָס רופט זיך פאָלק.

דאָס אומבאַוווסטזיניקע לעבן פון דעם פאָלקישן מאַסיוו (וואָס מען פלעגט אַמאָל ביי אונדז רופן „פאָלקס מאַסן״) דאָס איז דאָס לעבן פון פאָלק. דאָס איז וואָס מען האָט פאַרצייטנס גערופן מיט דעם נאָמען תורה שבעל פה. נאָר אַ טייל פון אָט־דער גאַנצער תורה שבעל פה איז דערגאַנגען צו דער מדרגה פאַרשריבן צו ווערן און איז געוואָרן אַ תורה שבכתב. מען וואָלט געקאָנט פאָרמולירן אויך אַנדערש: תורה שבעל פה איז דאָס לעבן שבאומטערבאַוווסט־זיין, תורה שבכתב — דאָס איז וואָס עס איז געקומען, דערגאַנגען צו דער מדרגה פון תורה שבאַוווסטזיין. און דאָס געהערט דער אינטעליגענץ. פון

געזאָגטן איז צו דרינגען אַז די אינטעליגענץ פון אַ פאָלק דאַרף זיין אַריינגע־לעבט אין פאָלק. יעדער אינטעליגענט באַזונדער דאַרף ווי אַרויסוואַקסן פון פאָלקישן אונטערבאַוווסטזיין. ער דאַרף, הייסט עס, זיין אַריינגעלעבט אין פאָלק, כדי צו קענען שעפּן פון זיך גופא דאָס פאָלקישע אין אים, ער דאַרף זיין אַ טייל פון דעם פאָלקישן מאַסיוו. אַנדערש קען אַזאַ אינטעליגענט נישט רעפּרעזענטירן דאָס פאָלק, אַזאַ אינטעליגענט איז אַ געקומענער פון וויט, געקומען און אָפט קען ער אַפילו נישט פאַרשטיין זיין פאָלקישן מאַסיוו און דעם אויפפיר פון אָט דעם מאַסיוו. אַזוינע קאָליזיעס צווישן פאָלקישן מאַסיוו און די אָפּגעפּרעמדטע אינטעליגענטן זענען געווען און עס זענען דאָ ביי יידן גאָר נישט ווייניק.

ווידער איז געדרונגען פון דעם געזאָגטן, אַז די קולטור פון אַ פאָלק, זיין „קולטור שבכתב" — די ווערק אין ליטעראַטור אין מוזיק וכדומה זענען נאָר דעמאָלט נאַציאָנאַל, ווען זיי וואַקסן אַרויס פון דער פאָלקישער קולטור שבעל פה, פון דעם שטייגער און געדאַנקען־וועלט פון דעם פאָלקישן מאַסיוו. עס קענען זיין יידן גרויסע טאַלאַנטן, גרויסע שעפּערישע גייסטער וואָס האָבן גע־געבן דער וועלט גאונישע שאַפונגען, אָבער זיי זענען גייסטיק נישט אַרויס־געוואַקסן פון אונדזער יידישן פאָלקישן מאַסיוו. דעמאָלט מוזן מיר זאָגן אַז זייערע שאַפונגען זענען נאַציאָנאַל נישט אונדזערע, נישט „אויף אונדזער מיסט געוואַקסן", זאָגט מען דאָס פאָלקסטימלעך. סיידן עס קומט אַרויס, אַז דאָס אונטערבאַוווסטזיניקע אין דעם שעפּער איז ווי דורך אַטאַוויזם געקומען פון אונדז (אפשר אַנטאָן רובינשטיינס מוזיק וכדומה).

און ווידער דאַרף מען אַרויספירן פון דעם, אַז די אָרגאַנישע אויפגאַבע אַזוי צו זאָגן פון יעדער פאָלקישער אינטעליגענץ איז צו אַנטפּלעקן פאַר דער וועלט, פאַר זיך אַליין אין פונקט פון דעם אומבאַוווסטזיין פון פאָלקישן מאַסיוו, ווי אָט דאָס לעמפּל באַלייכט אין בילדל פון דער לאַנגער קינאָמאַטאָגראַפישער מאַשמע.

אין סדום האָט אברהם אומזיסט געזוכט כאָטש פינף צדיקים — זיי האָבן דאָרטן נישט געקאָנט זיין, ווייל סדום איז געווען קענטיק אַן אָנגעלאָף פון אַן ערב־רב, מאַסן יחידים אָן אַ מאַסיוו, איז נישט געווען פון וואַנען עס זאָל אויסוואַקסן אַן אינטעליגענט, אַ באַוווסטזיניקער צדיק.

די יידישע נביאים זענען נישט אַראָפּגעפאַלן פון הימל לויט אַ באַפעל פון הימלישן גאָט. נייך! ביי דעם „עם כבד עוון" און אַזוי ווייטער ווי ישעיהו דערלויבט זיך צו זידלען דאָס פאָלק, ביי דעם פאָלק אין אונטערבאַוווסטזיין איז געלעגן דער חלום פון והיה באחרית הימים. די גמרא שטעלט זיך אָפּ אויף דעם פּראָבלעם וועגן דער פאַרהעלטעניש צווישן מנהיג און זיין דור —

צי דער דור איז לויט דעם פּרנס אָדער פאַרקערט, דער פּרנס איז לויט זיין דור (ערכין, י"ז, א'). די זעלבע מחלוקת איז געווען ביי טאָלסטאָיען מיט אַנדערע. איך בין זיכער אַז דער פּרנס, דער מנהיג שפּיגלט אָפּ זיין דור, זיינע גרופּע, זיין פאָלק. נוח איז געווען אַ צדיק, אַ צדיק בדורותיו — אין זיינע צייטן. מסתמא איז ער געווען גאַנץ ווייט פון דעם צדיק חפץ־חיים אין אונדזערע צייטן (אויך וועגן דעם איז פאַראַן אַ גמרא). דער צדיק, דער מנהיג, דער פּרנס, אָדער דער פירער, דער דענקער, דער פּאָעט, דער פילאָסאָף אַפילו, דער אינטעליגענט בכלל — קיינער פון זיי איז נישט אינגאַנצן אַליין, אומאָפּהענגיק פון זיין צייט, פון זיין דור, פון זיין סביבה. דער באַוווּסטזיין פון אַ ייִד איז נאָר דער אויסדריקער פון דעם זעלביקן יחידס אומבאַוווּסטזיין, פון זיין מסתורין. און אַזוי איז אויך בנוגע צום קאָלעקטיוון אָרגאַניזם — די אינטעליגענץ ברענגט אַרויס דאָס וואָס ביי דעם מאַסיוו איז פאַראַן אין אומבאַוווּסטזיין, אין זיין מיסתורין. גרויסע מענטשן זענען פאַראַן ביי אַלע פעלקער, אָבער אַ ר' ישראל סאַלאַנטער מיט זיין מוסר איז אַרויסגעקומען דווקא ביי ייִדן. די רוסן גרויסן זיך מיט דעם גענעראַל סוואָראָוו, און ייִדן, להבדיל, מיט דעם „חפץ חיים". איטלעכס פאָלק לויט זיין גייסט.

היטלער איז נישט אַרויסגעשפּרונגען פון גיהנום איינער אַליין. די רציחה איז פאַראַן אין נאַטור פון גאַנצן פאָלק, ווי אַ דראַנג. אָן דעם דראַנג וואָלטן טויזנט היטלערס קיין היטלעריזם נישט געשאַפן.

עס האָבן מיך געפרעגט תלמידים: און ווי איז עס געווען מיט אליהו הנביא און מיט ירמיהו, וואָס זיי זענען געווען איינזאַם און דאָס גאַנצע פאָלק איז געווען קעגן זיי? שטימט דאָך אויב אַזוי נישט דער כלל, אַז דער „פּרנס איז לפי דורו" ווי די גמרא דריקט דאָס אויס לאַקאָניש. אָבער עס איז דאָך נישט קיין קשיא. נישט יעדער המון איז דער מאַטיוו פון פאָלק און נישט אַלע מאָל איז די מאַסע אידענטיש מיט דעם מאַסיוו. עס קענען זיין צייטן ווען דער מאַסיוו פון פאָלק איז צעפּאַלן, צעבראָקלט, צעוויטערט, פון פעסטן פעלדז איז געוואָרן אַ קופּע זאַמד, וואָס טראָגט זיך לויט יעדער צופעליקן ווינט. און דאָס טיף־פאָלקישעס, די אמתע מיסתורין פון פאָלק בלייבט נאָר ביי יחידים, ביי די רעשטלעך פון פעלדז וואָס דער ווינט טראָגט זיי נישט. און דאָס איז דער נביא. דער גייסט פון פאָלק איז דעמאָלט ביי דעם יחיד, ביים נביא.

מיט דער טערמינאָלאָגיע פון תלמוד וואָלטן מיר געזאָגט: עס טרעפט אַז די שכינה פון פאָלק טוט זיך אָפּ פון אים, און דאָס פאָלק גייט בלאָנדזשען אויף פרעמדע וועגן־שטעגן. דעמאָלט בלייבט דער נביא דער וואָס באַמיט זיך שלום צו מאַכן צווישן פאָלק און זיין אייגענער שכינה. יאָ, עס טרעפט אַז אַ פאָלק פאַרלירט זיין צעמענט, דאָס מאַסיווע זיינס, עס הערט אויף צו זיין אַ

פאָלק, עס ווערט אַן ערב־רב, אַ מאַסע, אַ המון. אַט דעמאָלט שטייט אויף די אויפגאַבע פון דעם פירער, פון דעם מנהיג הדור, פון דער אינטעליגענץ, פון שרייבער און פון דענקער. נישט אַלע מאָל איז דאָס „פאָלק" באמת פאָלקיש. ביי אונדז איז עס נישט קיין נייעס, אַז די מערהייט מענטשן פון יידישן פאָלק זאָלן פאַרלירן זייער פאָלקישקייט, זייער יידישע פאָלקישקייט. צוזאַמען מיט דעם יידישן שטייגער פאַרלירן די יידישע מענטשן אויך די יידישע „מיסתור־רין" — דאָס יידישע אין באַגריפן, אין געפילן, אינעווייניקסטע אָפּשאַצונגען, איבערלעבונגען בכלל, וואָס נאָרמאַל זענען זיי מער־ווייניק איינהייטלעך ביי אַלע מיטגלידער פון איין פאָלק. און טאַקע אויף דעם סמך פון אַט דער איינ־הייטלעכקייט רעדט מען דאָך וועגן דעם „פאָלק־כאַראַקטער" פון אַ פאָלק. טרעפט זיך ביי יידן זייער אָפט, אַז די גרעסטע מאַסן יידן פאַרלירן זייער פאָלקישן כאַראַקטער. אַט דאָ טרעט אַרויס דער נביא, דער אינטעליגענט, דער באַציאָנאַלער קעמפער וכדומה. דאָס איז דער אָפטער פּראָצעס אין דער יידי־שער געשיכטע, ווען דער יידישער מאַסיוו ווערט צעברעקלט, ער צעשיט זיך. דעמאָלט הערט אויף צו עקזיסטירן דער יידישער מאַסיוו און עס ווערן צע־שאָטענע יידישע מאַסן.

עס טרעפט אָבער אויך — און גאָר נישט זעלטן — אַז אין פאָלק זענען אַקטיוו אינטעליגענטן, וואָס זענען ווייט און פרעמד דעם גייסט פון פאָלק, וואָס פון זיי איז ווייט דער כאַראַקטער פון פאָלק. דאָס זענען על־פי־רוב מענטשן, וואָס זענען אויסגעוואַקסן אויף קולטורן פון אַנדערע פעלקער, אין אַ שטייגער פון אַנדערע פעלקער... עס קענען אויך זיין צווישן די דאָזיקע אינטעליגענטן־יידן אַזוינע, וואָס זענען יאָ אויסגעוואַקסן אין שטייגערישער יידישקייט, וואָס זענען אַריינגעוואַקסן אין איר, אָבער צוליב פאַרשיידענע פּסיכישע קאָמפּלעקסן און טעאָריעס האַלטן זיי פאַר נייטיק צו באַקעמפן דעם פאָלקישן שטייגער, דעם פאָלקישן גייסט און כאַראַקטער — די גאַנצע פאָלקישקייט. דאָס זענען יידן־אינטעליגענטן וואָס זענען אָבער בשום־אופן נישט קיין יידישע אינטע־ליגענטן. די זעלביקע פאַקטאָרן וואָס ווירקן אויף דעם יידישן פאָלקס־מאַסיוו ער זאָל זיך צעשיטן, זיי ווירקן אויך אויף יידן־אינטעליגענטן זיי זאָלן באַ־קעמפן די יידישע פאָלקישקייט אויב אַפילו זיי האָבן זי יאָ אַריינגעזאַפּט אין זיך. מען דאַרף געדענקען, אַז די הויפּטשטריכן פון כאַראַקטער ביי אַ מענטשן שאַפט נישט די באַוווסטזיניקע דערציִונג נאָר דווקא פאַרקערט די דירעקטע השפעה פון דער סביבה, ווען מען טראַכט נישט לגמרי וועגן דערציִען. זענען פאַראַן ביי יידן אינטעליגענטן וואָס האָבן יאָ איינגעזאַפּט דעם גייסט, דעם כאַראַקטער, אים אַריינגענומען צוזאַמען מיט דעם שטייגער, און דאָך באַקעמפן

זיי אים שפּעטער. צוליב פאַרשיידענע מאָטיוון. די אַנטיפּאָלקישע אינטעליגענץ איז אָפט אַקטיוו אין יידישן לעבן און זי ברענגט מער שאָדן ווי נוצן.

אין גמרא נאָך קען מען געפינען רמזים אויף דער שעדלעכקייט פון אַט די געקומענע אָדער אָפּגעפרעמדטע אינטעליגענטן. נישט אומזיסט שטרייכט די גמרא אונטער, אַז מען דאַרף זיין פאָרזיכטיק מיט די קינדער פון אָרעמע און פון עם־הארצים, ווייל פון זיי קומט אַרויס תורה־מסתמא איז עס דערפאַר ווייל זיי שטאַמען פון דער פאָלקישער, טראַדיציאָנעלער שטייגערישקייט. דערפאַר זענען זיי די נאַטירלעכסטע פאָלקישע אינטעליגענץ. צוליב אַ גאַנצער ריי מאָ־טיוון זענען אַט די אַנטיפּאָלקישע טענדענצן ביי יידן אַ סך שטאַרקער און זיי ווירקן שטאַרק אין לעבן פון פאָלק.

עס קען זיך שטעלן אַ פראַגע: נאָך וואָס קומען אַט די אַנטיפּאָלקישע עלע־מענטן אין יידישן לעבן אַריין? דאָ ווירקן פאַרשיידענע סאָציאַלע סיבות. על־פּי־רוב ווערט עס זיין מחמת אין נישט־יידישן לעבן ווערן זיי אָפּגערוקט, אָפּגעשטויסן אָן אַ זייט, און צווישן יידן נעמט מען זיי אויף ווי אָן אבן־טוב. נאָך אַ מאָטיוו קען זיין, ווייל דאָס רוב זענען אינטעליגענטן פון דעם טיפּ אַק־טיוו אין נייע ישובים, צווישן פעלקער, וואָס יענע יידישע אינטעליגענטן האָבן נאָך נישט באַוויזן זיך אַריינצולעבן צווישן זיי, איז זיי גרינגער צו זיין אַקטיוו צווישן יידן. אָבער זייער אַקטיוויקייט איז ווייט פון צו זיין יידישלעך.

איך וועל דאָ ברענגען איין ביישפּיל:

ביי די אייראָפּעיִשע פעלקער שטאַמט קולטור און קונסט פון די פריצישע הייפן. אויב דער פריץ, דער גראַף האָט נישט בלויז געשיכורט און געהוליעט. נאָר ער איז געווען אויך אַ „קולטור־מענטש״, האָט ער ביי זיך אויפגעהאַלטן אויך אַ שרייבער, אַ מוזיקער, אַ פריילעך־מאַכער, כדי זיי זאָלן אים פאַרשאַפן אַ „גייסטיקן פאַרגעניגן״ אויך. האָט אין קלויסטער געדאַוונט דער גלח, גע־דאַוונט פאַרן גאַנצן עולם. איז די ליטעראַטור געווען געווידמעט דעם גנעדיקן האַר און הערשער אאַז״וו. ביי יידן איז נישט געווען קיין פריץ, איז קולטור (נישט מיט דעם נאָמען, וואָס יידן האָבן פון אים נישט געוווּסט), געווען די פליכט פון יעדן יחיד — פון אים צו זיין גאָט, צו דער געטלעכקייט וואָס באַ־הערשט די וועלט; איז ליטעראַטור נישט פאַר אים, נאָר ער אַליין מוז זיך פאַרנעמען מיט איר לערנען; איז געזאַנג — נישט קיין קאָנצערטן פאַרן פריץ, נאָר יעדער ייִד זינגט זיך זיין ניגונדל בציבור אָדער פאַר זיך; איז לערנען, דרשענען, פאַרטיפן זיך, וויכוחים, פירן נישט קיין פאַרוויילונג פאַר עמעצן, נישט קיין גלאַדיאַטאָרן־קאַמף פריילעך צו מאַכן דעם גנעדיקן מעצענאַט, נאָר פאַר זיך, פאַר דער אייגענער נשמה, וואָס איז אַ חלק אלוה ממעל.

איז דער אַמאָליקער פריץ דעמאָקראַטיזירט געוואָרן; דער עולם איז דער

קאָלעקטיווער פריץ. באַמיט זיך די „קולטור" פריילעך צו מאַכן אַט דעם היינ־טיקן דעמאָקראַטיזירטן קאָלעקטיוון פריץ, אים צו פאַרשאַפן אַט דעם „גייס־טיקן פאַרגעניגן" — איז קאָנצערטן, פאַרשטעלונגען וכדומה. לגמרי נישט אין אונדזער טראַדיציאָנעלן גייסט. זענען ביי ייִדן אַלע מאָל געווען דרשות אָבער זיי זענען לחלוטין געווען נישט דאָס וואָס דער „סערמאָן" פון ראַבאַי. בכלל איז די ראָל פון אַ רב לחלוטין אַנדערש פון דער ראָל פון אַ היינטיקן ראַבאַי. דער לעצטער איז מער געגליכן צו אַ גלח להבדיל אין אַ קלויסטער, ווען ער מאַכט אייגנטלעך נאָך. ביי ייִדן איז אַ רב דער וואָס העלפט די ייִדן די תורה לערנען, ער איז אָבער נישט קיין פאַרשטייער פון רבונו־של־עולם, אָדער דער פאַרמיטלער צווישן מענטשן און גאָט, ווי דאָס איז דער גלח. בנוגע צו דעם זענען אַלע ייִדן — רב און בעדער — אַלע גלייך. אַנדערש איז דאָס ביי די „מאָדערנע" ייִדן: ווידער איז דאָ דער עולם ייִדן — דער דעמאָקראַטי־זירטער פריץ, און דער ראַבאַי — דאָס איז דער גלח וואָס באַזאָרגט דאָס גאַ־טעסדינסט פאַר דעם פריץ־עולם. דאָ איז די אַסימילאַציע אַריינגעבראַכט גע־וואָרן אַפילו אין שול אַריין. אַזוי איז אויך בנוגע צו די כאָרן אין די שולן און די אָרגלס נישט קיין ייִדישער ענין, לגמרי נישט ייִדיש. ביי ייִדן דאַרף יעדער ייִד דאַוונען. בציבור איז בעסער, נוסח, שטייגער — אַלע גלייך. דער חזן מיטן כאָר וואָס מאַכט פון דאַוונען אַ קאָנצערט, כדי צו פאַרשאַפן דעם עולם־פריץ זיין גייסטיקן פאַרגעניגן איז פרעמד, אַ נאָכמאַכונג און נישט מער.

מחמת מאָטיוון פון פסיכישן כאַראַקטער געפעלט ייִדן מער אַט די ייִדיש־קייט בצלמה ובדמותה פון גוייִשקייט. די פסיכישע מאָטיוון שאַפן גאַנצע טעאָ־ריעס און אידעאָלאָגיעס.

אַט־די זעלביקע פסיכישע מאָטיוון מאַכן ווירקן אַז דער ייִדישער עולם זאָל געדרנער אָננעמען די גאַרגוייִשטע פאָרמען וואָס עס ברענגען אַריין די אינטעליגענטן וואָס זענען נישט אַרויסגעוואַקסן און נישט אַריינגעוואַקסן אין דער מאַסיווער ייִדישקייט.

עס שטייט פאַר אונדזער געשיכטע־פאָרשונג אַ פּראָבלעם: די „גאָלדענע תקופה" אין שפּאַניע איז באמת געווען אַזוי רייך, אַזוי טיף און גרויס. מיר באַוווּנדערן מיט רעכט אַזוינע גיגאַנטן פון גייסט, ווי רבי שלמה איבן גבירול, ווי רבי יהודה הלוי, ווי דער רמב"ם. און ווי אַזוי איז דאָס ספרדישע ייִדנטום אַזוי געפאַלן נאָך דעם גירוש? ווי אַזוי איז עס געקומען, אַז אַט דאָס ייִדנטום וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַט אַזאַ גראַנדיעזע קולטור, זאָל ביסלעכווייז נעמען דעגענערירן? פאַרוואָס איז דער גרויסער גביר געוואָרן אַ יורד? מען קען נישט אַרויפלייגן די שולד אויפן גירוש, אַז ער האָט דאָס געבראַכט די ירידה? בנוגע צו גירושים און נגישות קען דער אשכנזישער שבט גרינג קאָנקורירן מיט

ספרד. פאַרקערט האָט דער ספרד־שבט נאָך דעם גירוש, קען מען זאָגן, זיך אָפּגערוט פון צרות אין די נייע ישובים, בעת אשכנז האָט נישט געהאַט קיין רו, קיין מאָל נישט; פון איין צרה אַרויס — אין דער אַנדערער אַריין, פון איין גירוש אין אַ צווייטן. און דאָך, — דאָך האָט אשכנז געירשנט די העגעמאָניע אין ייִדישקייט דירעקט פון בבל, און די גאָלדענע תקופה פון ספרד איז געבליבן ווי אָן אַ זייט פון ייִדישן היסטאָרישן גאַנג. עס וואָלט דאָך די גאַנצע רייכקייט פון דער גאָלדענער תקופה געבליבן ליגן אין פאַרשטויבטע אַרכיוון, ווען די אשכנזים וואָלטן זי פון דאָרטן נישט אַרויסגענומען. און ווער ווייס צי מיר האָבן טאַקע נישט פאַרלאָרן אַ סך? צופעליק איז דאָך באַוווּסט געוואָרן אַז דער „פאָנס וויטע” איז גאָר נישט מער ווי אַן איבערזעצונג פון ייִדישן בן־גבירול. פאַרוואָס? פאַרוואָס איז עס אָבער אַזוי געשען?

איך בין נישט קיין געשיכטלער, איך נעם זיך נישט צו פּסקענען אַזוינע שווערע געשיכטלעכע שאלות, אָבער איך מיין, אַז אפשר איז עס פאַרבונדן מיט אַ צווייטן פאַקט פון דער געשיכטע: איז דאָך די גאַנצע גלענצנדיקע קולטור פון דער גאָלדענער תקופה ווי אַ תולה על בלימה. נישט קענטיק פון איר, אין איר דאָס פאָלק, דער פאָלקישער מאַסיוו און זיין לעבן. מיר זעען די גאָרנים, אָבער נישט דעם עם־הארץ, נישט דאָס פּשוטע פאָלק. אין תנ״ך, איבערהויפּט אין די ערשטע ספרים, פילן מיר, האָבן מיר רעשטלעך פון פאָלקלאָר, פון פאָלקישע שאַפונגען און גלויבונגען. מיר האָבן פאַר זיך די בלומען און אויך דאָס געוויקס, וואָס אויף אים און פון אים זענען די בלומען אַרויסגעוואַקסן.

דער תלמוד איז אין גאַנצן דורך און דורך פאָלקיש, שוין אַפילו צו פיל פאָלקיש, צו ווייניק אָפּגעקליבן און רעדאַקטירט. מיר האָבן פאַר זיך אין תלמוד דאָס פאָלק ווי עס איז געווען מיט זיין גאַנצער חכמה און אויך, זאָל עס נישט אויסגערעדט זיין, מיט זיינע נאַרישקייטן, פאָלקישע גלייבונגען, וכדומה. מיר האָבן אין תלמוד די פאַרבינדונג פון דער אינטעליגענץ, די תלמידי חכמים מיט דעם פּשוטן פאָלקישן מאַסיוו. און אָט דער מאַסיוו — פון זיין לעבן שטאַמט אַרויס די קולטור, די תורה און ער ציט צו איר דורך דער אַלגעמיינער שול־דערציִונג, דורך די ישיבות און די ירחי כלה; דורך דער „תלמוד תורה כנגדם כולם”. איך גלייב אויך, אַז דער תלמידישער זאָג: „הזהרו מבני עם הארץ, שמהם תצא תורה” מיינט נישט, אַז אַ זון האָט אַ טאַטן אַן עם־הארץ וועט ער גיכער ווערן אַ תלמיד־חכם. נישט אַזוי פּרימיטיוו האָבן זיי געגלייבט. עס מיינט, אַז די תורה (קולטור) בכלל וואַקסט אַרויס פון דעם עם־הארץ, פון זיין לעבן, פון זיין שטייגער, פון דעם פאָלקישן מאַסיוו און זיין לעבן וואַקסט די תורה. דאָ זענען די פּרוכט מיט די ביימער, וואָס אויף זיי זענען די פּרוכט געוואַקסן.

די ספרדישע גאָלדענע תקופה איז אפשר נישט פון אונדזער גאָרטן צו אונדז געקומען. אפשר. נישט אומזיסט גרענעצט זיך דער רמב״ם אַזוי אָפּט אָפּ פון „המון״ און פון די המונישע באַגריפן. אפשר איז דאָ פאַראַן אַ געוויסע קרובהשאַפט צווישן דער גאָלדענער תקופה אין ספרד און דער השכלה שפּע־טער. די שענסטע און געשמאַקסטע פרוכטן געבראַכטע פון דער פרעמד און וואָס ווערן וויטער נישט געפלאַנצט זענען נישט „פרין ורבין״ ווי די גמרא רופט עס. זיי מוזן אָפּשטאַרבן.

שטייען מיר אין יידישן לעבן און אין דער לאַנגער יידישער געשיכטע פאַר אַזאַ מאָדנעם פאַקט: די לעבעדיקע פאָלקישע מאַסן פאַרלירן זייער מאַ־סיווקייט — ווי די מאַסן אַזוי אויך די אינטעליגענטן. די מאַסיווקייט פון פאָלק — די שטייגערישע טראַדיציעס ווערן פאַרלאָרן, ווערן פאַרוואָרפן, ווערן אויס־געלאַכט. מיר האָבן אין פוילן געהאַט אַ פּרעכטיקן אויסדרוק פאַר דעם צו־שטאַנד — שמענדריקיזם. דאָ אין די אַמעריקעס רופט מען דאָס סנאָביזם. און באַשטייען באַשטייט דער פּראָצעס אין דעם וואָס דער יידישער מאַסיוו ווערט צעשטויבט, צעפּולווערט. זאַמד נישט קיין צעמענט־רטער, גאַנצע שיכטן שטויב — גיי בוי עפּעס פון דעם. קענען זיין גרויסע יידישע מאַסן, גרויסע יידישע ישובים, — און קיין יידישער מאַסיוו זאָל דאָרטן נישט זיין. אַ מנין יידן צו־זאַמען איז פּעיקער מער אויפצוטאָן ווי אַ הונדערט באַזונדערע יידן־יחידים.

אָט דעם צושטאַנד לעבן מיר איצט איבער, זאָגט זיך, אין אַלע לענדער, אין אַלע ישובים, אַפילו אין דער אייגענער מדינה. דאָס איז דער צושטאַנד פון ערבֿ אויסגאַנג. עס איז פּרצעס „פיר דורות — פיר צוואות״ אין אַליידישן מאַסשטאַב, עס איז אַן אויסגאַנג ווי פון אַ ליכט, וואָס גייט אויס און נישטאָ מער. כ׳וויס: נישט דאָס גאַנצע פאָלק וועט אַזוי אויסגיין, חלילה! דאָס נישט: עס וועט תמיד בלייבן אַ „שארית ישראל״ — רעשטלעך וואָס האַלטן אין זייער דורותדיקע מאַסיווקייט. און אַזוי בעטן יידן ביי זייער גאָט „שומר ישראל, שמור שארית ישראל״. און דער געטלעכער גייסט אין פאָלק — דאָס הייסט זיין מאַסיווקייט ביי די וואָס היטן זי איין — ער לאָזט אונדז טאָקע אין אַלע דורות אַ „שארית ישראל״...

וויפל יידן זענען פאַראַן אין דעם אָדער יענעם ישוב? — דאָס קען מען וויסן פון די סטאַטיסטיקס? אָבער וויפל יידישע יידן, וויפל אַקטיווע, שעפע־רישע יידן זענען פאַראַן אין דעם זעלביקן ישוב — דאָס קען מען זען נישט פון סטאַטיסטיקס, נאָר פון די אויפטועך, וואָס דער ישוב גיט אַרויס. פאַראַן קליינע ישובים לעבעדיקע און פאַראַן גרויסע ישובים מיט יידן־פאַסילן: אַמאָל זענען זיי געווען לעבעדיק. היינט — נאָר טויטע, עצמות יבשות. יעדער ייד איז אַ ייד, אָבער צוזאַמען, געמיינזאַם זענען זיי נישט שעפעריש, ווייל זיי זע־

נען געגליכן צו אַ זאַמד, יעדער זעמדעלע איז דער זעלביקער קוואַרץ לויט זיין שטאָף, אָבער אָן דעם צעמענט וואָס זאָל פון אַלע זעמדעלעך שאַפן איין מאַסיוו, איין פעסטן שטיין. יעדער פאַר זיך איז אַ ייִד, אָבער ער פאַרמאָגט נישט אָט דעם קלעפּשטאָף וואָס זאָל אים באַהעפטן צו אַ שעפערישן ייִדישן כלל, ווי אַ טייל פון אַ שעפערישן אָרגאַניזם.

אָט דאָ טרעט אַרויס בולט די ראָל פון דער דערציִונג. מיט דעם וואָרט מיין איך נישט דווקא די שול־דערציִונג, נאָר אַ סך מער מיין איך דאָ די השפעה פון שטייגער־סביבה. די סביבה אָן דער שול קען אויסהאָדעווען אַ ייִדן. די שול אָן דער סביבה קען קיין אַקטיווע ייִדן נישט אויסהאָדעווען. און די שול גופא ווירקט אויך מער ווי אַ סביבה מיט איר שטייגער איידער מיט איר פּראָגראַם און מיט די לעקציעס.

ווי דער גרעסטער פאַקטאָר פון דער דערציִערישער סביבה ווירקט די שפּראַך פון פאָלק. סביבה און שפּראַך פון דער סביבה — ייִדיש — זענען די וויכטיקסטע פאַקטאָרן אויסצוהאָדעווען ייִדן וואָס פאַרמאָגן אין זיך אָט דעם צעמענט, דעם קלעפּשטאָף וואָס באַהעפט ייִדן צו ייִדן, עצם אל עצמו כדי צו שאַפן אַ מאַסיוו, אַ פאָלק. אָט איז איצט די סיטואַציע אַזאַ אַז אונדזער פאָלקישקייט שטייט אין סכנה, די געמיינזאַמע גאַנצקייט פון דעם פאָלקישן מאַסיוו איז ווייט נישט זיכער.

מען האָט ביי אונדז טענות צו דער אינטעליגענץ, און אין די טענות איז פאַראַן זיכער אַ טייל אמת, מער אָדער ווייניקער, אָבער אמת. די גאַנצע אַקטיוו־שעפערישע אינטעליגענץ אין די נייע ישובים שטאַמט נאָך כמעט דורכאויס פון די אַלטע היימען. דאָרטן האָט זי פאַרבראַכט איר קינדהייט אין אַ ריין ייִדישער סביבה, דער פונדאַמענט איז געווען אין גאַנצן אַ ייִדישער, אַ דורכאויסיקער. אירע וואָרצלען זענען געווען פון דעם זעלביקן מין און אַרט וואָס פון דער אינטעליגענץ אין פריִערדיקן דור. און ווי גרויס איז דער אונטערשייד צווישן די צוויי דורות ייִדישער אינטעליגענץ! די אינטעליגענץ פון פריִערדיקן דור איז געווען אומגעהויער שעפעריש, דענקעריש און שעפעריש — אַלע טעאָריעס און אידעאָלאָגיעס זענען דורך איר געשאַפן, אַלע באַוועגונגען און ריכטונגען. דאָס האָט זי געשאַפן אונדזער גאַנצע קולטור איןביידע שפּראַכן. און אַנטקעגן יענער אינטעליגענץ איז די היינטיקע ייִדישע אינטעליגענץ וואָס שטאַמט אַליין פון דער זעלביקער סביבה דאָך אַזוי פאַרלוירן, אומשעפעריש. אונדזער אינטעליגענץ — טענהט מען — לעבט אָן אַן אמונה, זי גלייבט אין גאָרנישט, אַפילו אין זיך אַליין נישט. זי האָט נישט געשאַפן קיין איין נייע אידייע, קיין נייע אידעאָלאָגיע, קיין נייעם וועלט־באַנעם; זי האָט נישט קיין אָריענטאַציע אין ייִדישן לעבן

היינט, זי האָט נישט קיין דיאַגנאָז פון אונדזער לעבן און זי פאַרמאָגט נישט קיין פּראָגנאָז אויף ווייטער. מען זאָגט, אַז יעדער יידישער אינטעליגענט גלייבט נאָר אין זיך אַליין. און יעדער איינער איז מקפּיד אויף זיין כבוד און נאָר אויף זיין כבוד. קיין שום אַנדער אידייע, אידעאַל אָדער גלויבן איז נישט צו געפינען ביי דער אינטעליגענץ. די יידישע ליטעראַטור רוקט נישט אַרויס קיין פּראָבלעמען פון גרעסערן, ברייטערן או טיפערן אינהאַלט. נישטאָ אין איר קיין פּראָבלעמען פון יידישן קיום, קיין פּראָבלעמען פון צוקונפט, פון אונדזער מאָרגן אין דער וועלט פון פאַרזיכיקע נאַציאָנאַלע מדינות, אין דער וועלט פון אַטאָם און פון חלל־באַהערשונג, און אַזוי ווייטער. פאַרנעמט זיך די ליטעראַטור אָדער מיט דעם עבר אָדער מיט דעם אָפּפאַל פון לעבן, מיט סעקס און מיט „קיצל־די־פּיאַטע״־קונסט. און איך זאָג, גאַנץ מעגלעך, אַז אין דעם אַלעם איז פאַראַן אַ טיילווייזער אמת.

אָבער „יעדער וואָרום האָט דאָך זיין דערום״. טאָ ווי און ווי אַזוי זענען מיר דערגאַנגען ביז אָט דעם צושטאַנד? איז עס סתם אַ אידעאָלאָגישער באַנקראָט פון דער אינטעליגענץ? אָן טיפערע סיבות אין אונדזער לעבן בכלל?

חס ושלום! די אינטעליגענץ איז געקנאָטן פון דעם זעלביקן טייג וואָס די פריערדיקע, זי האָט דעם זעלביקן אָפּשטאַם און די זעלביקע צוגרייטונג. און אויב עס איז אין די פריער־געבראַכטע טענות דאָך פאַראַן אַ שטיקל אמת, איז עס מחמת אַ סך טיפערע און אַלגעמיינערע סיבות.

איך גלייב אַז די אינטעליגענץ איז מער אַ קרבן פון אָביעקטיווע פאַקטאָרן, און זי לעבט איבער די טראַגעדיע פון דעם פאָלק בכלל זייער ווייטיקדיק און טראַגיש. נישט באַשולדיקן נאָר אויפקלערן. וועל איך דאָ דאָס פּרובירן מאַן לויט מיינע כוחות און לויט מיין געוויסן.

נישט איין מאָל האָבן מיר אין אונדזער געשיכטע פאַקטן פון פאַרלאָרנקייט פון דער אינטעליגענץ. שוין אין חומש ביים אַרויסגאַנג פון מיצרים ווערט דערציילט, אַז מיר זענען געווען „נבוכים בארץ״ — צעטומלטע אין דער וועלט. מיט אַ קנאַפּע ניין הונדערט יאָר צוריק האָט דער רמב״ם גענומען לערנען די „נבוכים״ — די וואָס האָבן פאַרלאָרן זייער אמת־פאָלקישן וועג. און מיט הונדערט צוועלף יאָר צוריק האָט עס ווידער געטאָן אַ יידישער דענקער (מורה נבוכי הזמן). אַזוי אַז מיר זענען וויט נישט די ערשטע „נבוכים״ ביי יידן.

דורות האָבן געלעבט און געגאַנגען מיט זייער שמאָלן שטעגעלע אָפּגעזונדערט פון דער וועלט. דאָס שטעטל איז געווען אַ וועלט פאַר זיך. ווי נאָר דאָס שטעטל האָט פאַרלוירן זיינע יריחו־מויערן אונטער דער שאַלונג פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע האָט אונדזער פאָלק פאַרלוירן זיין פאַרזיכיקייט

(אין מערב־איראָפּע) און אָן די שוצוועגט פון דער שטעטלשער פּאַרזיכיקייט איז די ערשטע — די אינטעליגענץ — צעטומלט געוואָרן, פאַרוואַנדלט זיך אין נבוכים — זי, די אינטעליגענץ איז דאָך די ערשטע אַוועק זיך אורבאַניזירן. געקומען די השכלה, גענומען באַקעמפן די גאַנצע ייִדישע פאָלקישע מאַסיווקייט! פאַרוואָרפן אַלץ דאָס אייגענע, דורותדיק אייגענע און געגאַנגען קלייבן ברעקלעך פון פרעמדע טישן. טראַגיש איז געווען די נשמה פון יעדן משכיל באַזונדער: זיך פיינט האָבן און קוקן אויף יענעם ווי אַ בעטלער קוקט אַרויף צום פריץ. איז די גאַנצע באַוועגונג געווען טראַגיש. נישט באַשולדיקן די השכלה וויל איך, נאָר באַדויערן. נישט דאָס פאָלק האָט זיך געבעטן ביי „הויכע זין פון צפון", ביי די „גרויסמוטיקע רוסן" לאָזט אונדז זיין ווי איר („קול שועת בת עמי" 1802־1803), נאָר דער אָרעמער אויסגעוואָרצלטער משכיל אַליין. נאָר געציילטע האָבן געקאָנט די לעצטע דינע וואָ־צלען איבעררייסן דורך שמד ווי דער מחבר פון דער אָנגערופענער בראַשור. די אַנדערע האָבן עס איבער־געלאָזן פאַר זייערע זין און טעכטער צו מאַכן דעם לעצטן שריט.

אויך ביי די רוסן איז אין יענע צייטן געווען אַ מין „השכלה־באַוועגונג". איך האָב אין זינען די באַוווּסטע מחלוקת צווישן די „סלאַוואָפילן" און די „מערבדיקע" — (זאַפּאַדניקי). אויך ביי די רוסן איז געווען אַ מאָדע צו רעדן מיט די קינדער אַ פרעמדע שפּראַך (פראַנצויזיש)! אָבער ביי די ייִדן האָט עס אָנגענומען גאָר אַנדערע דרכים. ביי זיי איז דער גרויסער פאָלקמאַסיוו גע־בליבן גאַנץ, נישט גערירט נישט אין כמות און נישט אין איכות. האָט די אַנטי־פאָלקיסטישע השכלה נישט געקאָנט אָפּרייסן פון דעם פאָלקישן מאַסיוו, פון פאָלקישער שטייגערישקייט און דער אידעאָלאָגישער פאָלקיזם האָט נישט גע־לאָזט איבעררייסן דעם בונד צווישן מאַסיוו און אינטעליגענץ. אַזוי איז דער גלאַנציקער שוים אויף דער אויבערפלאַך פון ים פאַרבונדן מיט די טיפע טונקעלע וואַסערן אונטער דעם שוים. האָבן די גרויסע רוסישע אינטעליגענטן געעצהט צו גיין זיך לערנען ביים פאָלק (טאָלסטאָי און אַנדערע).

איז עס אָבער ביי אונדז געווען פאַרקערט: האָבן דער מחבר פון „הדת והחיים (ר. א. ברוידעס) און פון „קוצו של יוד" (י. ל. גאָרדאָן) —ביידע נישט פאַרשטאַנען אַז נישט די „רבנים־רוצחים" האָבן געשאַפן דעם טראַדיציאָנעלן שטייגער, נאָר פאַרקערט, האָט דער דורותדיקער שטייגער אַרויסגעשטעלט זיינע רבנים ווי אויטאָריטעטן פון טראַדיציע וואָס איז ביי ייִדן געווען פאַר־הייליקט רעליגיעז. און די „אויפטוען" פון דער השכלה זענען אַוועק אַ סך טיפער, דערפאַר ווייל די סאָציאַלע ענדערונגען אין לאַנד האָבן צעשטערט די „מאַסיווקייט" פון אונדזער מאַסיוו. אָן ייִדישע געדיכטע מאַסן, וואָס האַלטן זיך מעסט ביי זייערע טראַדיציעס, ביי זייער שטייגער האָבן די אַנטי פאָלקישע

שטרעמונגען פון דער השכלה נישט געהאַט קיין קעגנערשאַפט. דאָס אַנטי־פּאָלקישע פון דער השכלה איז אַוועק „אין שוסטער־געסל״ אויך אָן דער קול־טור פון דער השכלה. אַז דער מאַסיוו פון פאָלק איז געוואָרן צעשטויבט, — איז די אינטעליגענץ אויך אָפּגעריסן געוואָרן פון איר שעפערישן וואַרשטאַט. אַז דער ים איז טיף און ברייט, שווימען איבער זיין אויבערפלאַך גלאַנציקע שוימען. אַז פון ים איז אַ זומפּל געבליבן, איז אויף אים נישטאָ קיין שוים. דער שיינער גלאַנציקער שוים איז אַ קינד פון די טיפע וואַסערן. די אינטע־ליגענץ איז אַ טאָכטער פון די מאַסן, פון דעם פאָלקישן מאַסיוו. אָן ייִדישקייט איז נישטאָ קיין ייִדנטום, הגם עס קענען זיין אַ סך ייִדן. עס וועט בלייבן אַ ייִדנטום. יאָ, אמת! טאַקע דער נצח ישראל, אָבער נאָר פון די וואָס האָבן איינ־געהיט און איינגעהאַלטן אַ ייִדישן שטייגער, וואָס ער איז דער צעמענט און ער צעמענטירט פון ייִדן־יחידים איין גאַנצן קאָלעקטיוו — איין פאָלק.

***

און דאָ ליגט די זינד פון אונדזער וועלטלעכקייט, פון דער וועלטלעכער אינטעליגענץ:

וועלטלעכקייט איז אַ גרויסע אידייע — די אידייע פון ייִדישער פאָל־קישקייט, פון ייִדישן פאָלקיזם, פון פאָלקיזם ווי אַן אמונה. ייִדישקייט — זאָגט וועלטלעכקייט — איז אונדז טייער און הייליק נישט דערפאַר, ווייל גאָט האָט זי אונדזערע עלטערן געגעבן מיט געוואַלד אויף דעם באַרג סיני. ניין, נאָר ייִדישקייט איז אונדז ליב און טייער דערפאַר, ווייל עס האָט זי געבוירן און אויסגעהאָדעוועט, פאַרפלאַנצט און אַנטוויקלט דער געטלעכער גייסט וואָס לעבט אין פאָלק און וואָס מיט אים לעבט דאָס פאָלק. כל־זמן דאָס פאָלק גייט דורך זיין גאַנצע געשיכטע נישט אַראָפּ פון זיין הייליקן באַרג. און עס טראָגט מיט זיך זיין באַרג הייליקייטן איבער אַלע לענדער פון זיין וואָגל

אונטער אַלע הימלען
אונטער אַלע קעלער־שימלען
אויסגעשטאַנען
און דערברויזט ביז דאַנען

((ד. האָפּשטיין הי״ד).

נישטאָ קיין פאָלקישקייט היינט ביי ייִדן. אָבער נעכטן איז דאָך געווען! אַ שפּרודלדיקע, זודיקע ייִדישקייט. געווען אַ ייִדישקייט־ים און ער האָט גלאַנציק געשוימט — אין ליטעראַטור, אין קונסטן. אָבער דער שוים אָן

טיפע וואַסערן קען זיך נישט האַלטן. קיין קולטור, קיין ליטעראַטור, קיין קונסט קען זיך נישט האַלטן אָן אַ טיפערן שטייגערישן לעבן וואָס זאָל צעמענטירן די יידן אין אַ יידנטום, די יחידים אין אַ פאָלק.

דאַרף די יידישע אינטעליגענץ היינט נישט בלויז היטן די „ריינע" קול־טור, די שאַפונגען פון נעכטיקן לעבן, פון דער פאַרגאַנגענער מאַסיווקייט, — נאָר זי דאַרף זיך באַמיען די קולטור־פּראָדוקטן פון אַט־דעם נעכטן אַריינ־צופירן אין דעם שטייגער פון היינט, כדי דורך דעם זאָל צוריק אויפגעבויט ווערן אַ יידישער מאַסיוו, אַ פאָלקישע גאַנצקייט. די קולטור־פּראָדוקטן אָן אַ שטייגער זענען ווי עפל פון אַ בוים אָן דעם בוים: זיי מוזן דאָך פאַרפוילט ווערן. דאַרף מען היטן די ביימער וואָס זיי ברענגען די פרוכט. דאַרף מען קולטיווירן דעם שטייגער, וואָס נאָר ער בילדעט די מאַסיווקייט פון אַ פאָלק.

און עס איז נאָך נישט שפּעט, נישט צו שפּעט.

# קדושה און וואָכעדיקייט אין יידישן לעבן

צוויי וויטע באַגריפן זענען דאָס:

די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן ענדגילטיק, אויסגעפורעמט; און צוויי קעגנגעזעצטע פרינציפן הערשן אין איר — הימל און ערד, הייליקייט און טומאה, גאָט און מענטש, פון זיין עצם געבוירן איז דער מענטש זינדיק; גוטס און שלעכטס — אַבסאָלוטע גרייסן, נישט צום ענדערן, בלויז געציילטע, עטלעכע יחידים האָבן אַ חלק אין דער קדושה, זיי זענען האַלב נאָר ערדיש, די צווייטע העלפט איז דירעקט פון הימלשן שטאָף, אַ טייל פון גאָט־מאַטעריע זענען זיי. און דו, בן־אדם, ראַטעווע זיך פון דער טומאה וואָס הייבט זיך אָן פון דעם טייוול — דעם יצר־הרע — און ענדיקט זיך מיט די פייערן פון גיהנום...

און אַ צווייטער באַגריף — אַלץ איז אין כסדרדיקן פּראָצעס פון שטייגן, נישט קיין קעגנזאַצן, נאָר מדרגות פון איין גאַנצקייט, דאָס ערדישע שטרעבט אויך צו הימלישקייט, נישטאָ קיין אַבסאָלוטע טומאה אָדער קדושה, אַלץ שטרעבט צו קדושה. און איר מקור — פון דער קדושה איז נישט פון הימל, נאָר אין מענטשן איז איר אָנהייב, איר זאָמען, ווייל דער הימל גופא איז נאָר אַ דערהייבונג פון דער ערד, ווי אַ העכערע מדרגה פון איר. און אַלץ ציט זיך צו דערהייבונג, אַלץ ציט צו קדושה, משיח איז נישט געקימען נאָך, ער לעבט אין האַרץ פון דער מענטשהייט וואָס בענקט און גאַרט צו אים, צו יענעם „אחרית הימים”, וואָס איז אָנגעזאָגט געוואָרן — מעולם ועד עולם — פון אַלע אייביקייטן און ביז אַלע אייביקייטן, גאָט און מענטש זענען לגמרי נישט קיין צוויי פּאָלוסן, קיין צוויי קעגנגעזעצטע אומענדלעך וויטע מהותן. שוואַרץ איז נאָר די קנאַפּסטע סכומים פון ווייסקייט, קעלט איז נאָר אַ קליינע מדרגה פון וואַרעמקייט, שלעכטס איז ווידער נאָר אַ מדרגה, איין שטאַפּל פון דעם אומענדלעכן לייטער וואָס ציט זיך פון דער נידעריקסטער ערדישקייט צו דער העכסטער הימלישקייט. און דו, בן אדם, שטרעב צו געטלעכקייט, ווייל אויך אין דער טומאה זענען פאַראַן ניצוצות, פונקען פון קדושה, אַלץ איז איין אחד...

און קדושה איז נישט קיין מתנה פון גאָט צו זיינע אויסדערוויילטע, וועמען ער האָט געוואָלט באַשענקען מיט אַזאַ מין הימלישן שטאָף. אָ, ניין! קדושה איז אַ פּראָדוקט פון מענטשן, אַ מדרגה פון מענטשלעכקייט, מענטשן מאַכן זאַכן פאַר הייליק, מענטשן מאַכן מעשים פאַר הייליק, מענטשן פּראָדוצירן קדושה. גאָט איז הייליק ווייל מענטשן שטרעבן צו דערגיין צו זיינע הייכן, צו געטלעכקייט, און דאָס גאַנצע לעבן, דאָס גאַנצע שטרעבן ציט זיך צו „לתקן עולם במלכות שדי" — צו פאַראייניקן הימל און ערד, צו דערהייבן דאָס ערדישע, צו הימלישער געטלעכקייט אין דער וועלט פון מענטש, אין דער וועלט פון אַלץ וואָס איז פעיק צו דערהייבונג, צו שטרעבן, צו זוכן געטלעכקייט אין לעבן. גאָט אַליין ווערט הייליק דורך גערעכטיקייט וואָס מענטשן טוען. אַזוי האָט פּראָקלאַמירט אַ נביא (ישעיה) און דאָס חזרט זיך איבער אין ספרים פון אַלע יידישע דורות. אויב ביי אַנדערע איז קדושה אַן אייגנשאַפט עפּעס וואָס גייט פון הימל צו דער ערד, פון גאָט גיסט זיך עס אַראָפּ אויף מענטש און אָרט, פון הימל אויף פונקטן פון דער ערד, איז ביי יידן קדושה אַן אייגנשאַפט וואָס ציט זיך פון דער ערד אַרויף. נישטאָ ביי אונדז קיין הייליקע שטאָפן, אָפּגעזונדערט, אָפּגעטיילט, עפּעס געשאַפן באַזונדער. דאָס זעלביקע לאַנד קען זיין קודש און עס קען ווערן טמא, אומריין און אומווירדיק — עס ווענדט זיך פון מענטשנס פירונג און האַלטונג (ירמיהו). אוז אַ בית־המקדש אפילו איז הייליק נאָר כל־זמן ער איז דער צענטער פון מענטשלעכער קדושה, אויב ער איז דער פאָקוס וואָס זאַמלט צונויף אַלע שטראַלן פון קדושה פון מענטשלעכע הערצער און געפילן. יום־כיפור איז הייליק נישט דערפאַר וואָס גאָט האָט אים אַזוי באַשטימט, נייערט ער איז הייליק אויב יידן טיילן אים אויס פון אַלע טעג כדי צו פאַרגעסן אין אים אַלע זייערע וואָכעדיקע ענינים און אינטערעסן, טיילן זיך אָפּ פון אַלע גלוסטונגען און פון אַלע טאָג־טעגלעכקייטן.

און דו, בן־אדם, ביסט אויך פעיק צו הייבן זיך כסדר און אָן אויפהער אויף די שטאַפּלען פון דער לייטער וואָס ציט זיך פון ערד צום הימל, פון טומאה צו קדושה, פון מענטשלעכקייטן צו געטלעכקייט, פון וואָכעדיקייט צו שבתדיקייט, — פון די נידעריקסטע מדרגות ביז די העכסטע, ווייל אַלץ איז איין „אחד", אַלץ זענען מדרגות פון דעם „אחד".

זאָגט עס דער רמב"ם: „...קדושים תהיו, והתקדשתם, והייתם קדושים", הם ציווים — דאָס זענען אַלע מצוות, אַנזאָגן מקיים צו זיין די תורה, ווי עס וואָלט געזאָגט געוואָרן: זייט הייליק מיט דעם טאָן די מצוות און נישט טאָן קיין עבירות. ווי עס איז דאָס לשון פון ספרא: „קדושים תהיו" — איר זאָלט זיך אָפּשיידן פון אַל דאָס שלעכטס. און אין מכילתא שטייט אויף דעם פסוק: „אנשי קודש תהיו לי" — מיינט עס אַז ווען גאָט הייסט די יידן טאָן אַ נייע מיצווה, גיט ער זיי

צו הייליקייט... קדושים תהיו איז גלייך ווי עס וואָלט געשטאַנען — טוט וואָס איך הייס אייך. ווי דער ספר זאָגט עס: „והייתם קדושים״ — זייט הייליק, דאָס מיינט טאָן די מצוות.

## אָנהייב פון שורש ד׳

אומענדלעך איז דער אַלוועלט, פון די קלענסטע קליינינקייטן ביז די גרעסטע גרויסקייטן, אומבאַגרייפלעך פאַרן מענטשן און פאַר זיינע מאָסן, אומענדלעך אין זיינע צייט־אָפּשניטן, אין זייער קורצקייט, וואָס אַ „כהרף עין״ איז אַן אייביקייט פאַר זיי און ביז די מיליאַרדן ליכטיאָרן. דער קאָסמאָס אין זיינע אינסופן און אין זיינע אין־ראשיתדיקייטן איז אין גאָט (כי הוא מקומו של עולם) און געטלעכקייט איז פול אָט די גאַנצע אַלוועלט...

און דו, בן־אדם, ביסט די איינציקע באַשעפעניש צווישן אַלע מיליאָנען וואָס ביסט באַשאַנקען צו באַגרייפן אָט־די גאַנצע אינסופיקייט און אינראשית־דיקייטן, — ווער דו, בן־אדם, אַ קליינער שותף אין די אייביקע און אומענדלעכע מעשי־בראשית, וואָס האָבן נישט קיין ראשית און האָבן נישט קיין אחרית...

נישט זיך ראַטעווען פון גיהנום־פייערן, נאָר די וועלט זאָל געראַטעוועט ווערן — דאָס איז דער זין פון לעבן, פון דער וועלט.

זענען דאָס צוויי וועלטבאַנעמען — משיח איז שוין געקומען, אָראָפּגעשיקט פון גאָט, אַן דעם מענטשנס מי און טירחה. — משיח וואַרט און וואַרט צו קומען, ווען די מענטשהייט וועט אים אַראָפּברענגען.

און ווייט, אומענדלעך ווייט איז איין באַגריף פון דעם צווייטן, גרויס, אומענדלעך גרויס איז דער מרחק פון די צוויי וועלט־באַנעמען. איינער איז אונדזערער, אַ יידישער, און ער שטרעבט פון אייביק אָן צום „אחד״ — וועלט אין מענטש, שכל העליון און דער פשוט־מענטשלעכער; געטלעכקייט אין קאָסמאָס און אין מענטשן, אין זיין נשמה; דאָס יאָגן זיך פון די גלגלים אין דעם אין סוף פון חלל־הקאָסמאָס און דאָס יאָגן זיך פון קאָסמאָס צו פּערפעקציע אין דעם אַלוועלט און דו ביסט געבענטשט צו קענען מיטמאַכן דאָס יאָגעניש צו שלימות, ווייל דו ביסט אויך אַ טייל פון אָט דעם אחד — דעם אחדות הבורא און אחדות הבריאה, דעם אחד פון גאַנצן קאָסמאָס אין גאָט האָט דער ערשטער פּראָקלאַמירט דער ערשטער ייד, אחד איז אויך אור וחושך — „יוצר אור ובורא חושך״ און גאָר שפּעטער האָט עס פּראָקלאַמירט ווייטער אַ גאָר ווייטער

אוראייניקל פון ערשטן יידן, די אחדות פון ענערגיע און מאַטעריע — הכול אחד. (איינשטיין).

פרעמד איז אונדז פון אייביק אָן די פילגעטערקייט פון אַנדערע. כלומרשט האָבן זיי יאָ איבערגענומען אונדזער אחד, אָבער זיי האָבן אונדזער אחד אויך צעשפּאָלטן. לויט זייער נאַטור, לויט זייער כאַראַקטער: דער הימל פּאָר זיך און ער איז אויך דאָרטן באַזעצט נישט מיט אחד. און די ערד ווידער באַזונדער און זי איז באַזעצט מיט פאַרשיידענע פעלקער. האָט מען צעשניטן די וועלט, צעפערטלט, צעפיצלט, ווייל פרעמד איז זיי דער אחד, פרעמד און אומבאַגרייפלעך. די צוויי באַגריפן שטאַמען פון צוויי ווייטע וועלטן. נישט ווייט זענען פון אַנאַנד דער אָלימפּ פון מוריה, אָבער די גייסטער זייערע זענען אומענדלעך און אייביק ווייט.

## קדושה, חולין, טומאה

די דריי העברעישע ווערטער באַצייכענען דריי עקסטרעמע שטאַפּלען אויף דעם לייטער פון מענטשלעכקייט ביז געטלעכקייט, פון ערדישקייט ביז הימלדיקייט. טומאה — גאָר אונטן, שוין אויף דער גרענעץ פון טייוולשקייט, קדושה, להבדיל, — גאָר אויבן, ביי געטלעכקייט און חולין — וואָכעדיקייט איז אין מיטן, נישט אַהער און נישט אַהין. און אויך די מדרגות זענען נישט קיין סטאַטישע, נישט קיין באַשטימטע אויף אייביק. זיי זענען אויך פונקטן אין וועג, אין גאַנג. איז טומאה ציט צום טייוול און קדושה שטרעבט צו געטלעכקייט. און חולין, וואָכעדיקייט איז דער מיטלוועג. און אַלץ איז אין מענטשן, פּאָר דעם מענטשן: הויך, העכערקייט ביז צו די הימלען און געפאַלנקייט ביז אין דער שאול תחתיה אַריין. אַלע באַשעפענישן פון דער וועלט האָבן אין זייער לעבן איין גראדע ליניע ווי זיי זענען געקומען אויף דער וועלט אַזוי פירן זיי זיך אַ גאַנץ לעבן, נישטאָ קיין דערהויבנקייט און נישט קיין געפאַלנקייט, נישטאָ ביי זיי קיין קדושה און נישטאָ קיין טומאה. איין גראדע האָריזאָנטאַלע ליניע. נישטאָ קיין אויסבייגן, נישט אַראָפּ און נישט אַרויף. נאָר דער מענטש איז טיילוויז אַ באַלעבאָס אויף זיך, אויף זיין פירונג, ער קען אַרויסהייבן זיך איבער זיינע נאַרמעס, און ער קען אויך אַראָפּפאַלן, זיך אַראָפּקייקלען ביזן שאול תחתיה. נישטאָ קיין גרענעצן צו מענטשלעכער דערהויבנקייט. דו האָסט, בן אדם, אַ וועג לחיים ולמות, אַרויף און אַראָפּ „ובחרת בחיים" — קלייב אויס דעם וועג אַרויף; זע אַז דיין חולין, דיין וואָכעדיקייט זאָל זיך ציען צו דער קדושה. קען דאָס אַ מענטש נישט, איז ער געגליכן צו יענעם פירפיסיקן באַשעפעניש וואָס קען זיין קאָפּ נישט אויפהייבן אין דער

היך און קען, מחמת דער קורצער האַלדז זיינער קיין מאָל נישט זען דעם הימל, און אַ גאַנץ לעבן זוכט עס אַ וואַרעמע בלאָטע אויף דער ערד (אַ חזיר). אַ מענטש איז דערפאַר אַ מענטש און דערמיט אַ מענטש וואָס פון געבוירן אָן שפּילט ער זיך און איז גענויגט צו שפּיל. און שפּיל ביי קינדער איז שוין גאָרנישט קיין שפּיל ווי ביי דערוואַקסענע, וואָס זוכן נאָר ווי צו פאַרנעמען די צייט, וואָס עס איז נישטאָ ווו אַהין צו טאָן. שפּיל ביי קינדער איז אַריבער־טראָגן זיך אין אַנדערע אויסגעטראַכטע וועלטן און זיין אַקטיוו אין די אויס־געטראַכטע וועלטן. שפּיל גרייט צו די קינדער צו זיין שעפעריש, צו שאַפן וואָס עס איז נאָך נישטאָ, אָפּצורייסן זיך פון דער ערד און אַל דאָס ערדיש־קייט.*

די צרה איז נאָר וואָס די שול, די לימודים ציען צוריק די קינדער צו דער וועלט פון פּראַקטישקייטן און פשוטע באַדערפענישן, די שול מיט אירע פּראָגראַמען ציט אַראָפּ די קינדער פון די העכערע וועלטן צו די סאַמע ערדישע ענינים. די שול פאַרוואַנדלט דאָס לעבן אין חולין אָן קדושה, די גאַנצע פּראָ־גראַם פון לערנען איז נאָר אויסגערעכנט צו דעם וואָס מען „דאַרף", מען דאַרף עס אַלץ וויסן צו דעם פּראַקטישן לעבן אין דעם פּראַקטישן לעבן. נישטאָ אַ ן דעם לערנען קיין זאַך וואָס זאָל דערהייבן, וואָס זאָל שטרעבן...

גאָט האָט באַשאָנקען דעם מענטשן מיט אַ לאַנגער קינדהייט, ער זאָל האָבן צייט זיך צו שפּילן, צו פאַנטאַזירן, צו בויען וועלטן און זיי חרוב מאַכן, צו שטרעבן, צו חלומען און נישט זינקען אין וואָכעדיקייט, צו הייבן זיך העכער פון דער ערד. קינדהייט איז דער עלטער, ווען אַ מענטש איז אַמנאָענטסטן צו גאָט, ווען קינדער פילן אים אין יעדן ווינקל און אָט דאָס גאָט־געפיל רייניקט זיי פון וואָכעדיקייט וואָס ציט נאָך נידעריקער צו טומאה. און דאָ קומט די שול און טוט פונקט פאַרקערט פון דעם וואָס זי וואָלט געדאַרפט טאָן. קומט די שול און שלעפּט מיט גוואַלד די קינדער צוריק אַראָפּ, אַראָפּ צו אַלע ערדישע זאַכן און באַדערפענישן.

---

* לויט הרב קוק ז"ל זענען פאַראַן צוויי מקורים פון קדושה און געטלעכקייט: א) ירושת אבות. אויף אונדזער וועלטלעכן לשון מעגן מיר דאָס פאַרטייטשן — טראַדיציע, עס גייט איבער פון דור צו דור, אָן דעם באַוווּסטזיניקן ווילן און אָן אָנשטרענגונג, צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע אַנטראָפּאָלאָגישע פאָלקישע אייגנשאַפטן, און ב) בחירה — וויליקער אויפפיר מיט באַוווּסטזיניקער אָנשטרענגונג און תלמוד תורה־לערנען (אגרות הראיה, ב', קפ"ו).

א. גאָלאָמב

# קדושה אין יידישן לעבן און טראַדיציע

מיר זענען פון אייביק אָן געווען אַ פאָלק פון קדושה. „קדושים תהיו" — הייליק זאָלט איר זיין, איז אונדז אָנגעזאָגט אין דעם באַגינען פון אונדזער געשיכטע. דאָס גאַנצע לעבן האָט געשטרעבט צו קדושה. איז אַ ייד געבאָרן געוואָרן, האָבן עלטערע קינדער פאַר אים געלייענט קריאת־שמע, צו דער וואָך האָט מען אים געהייליקט מיט אַ ברית־קודש, דאָס ערשטע וואָרט וואָס מען האָט אַ קינד געלערנט איז געווען „שדי קודש". אויף יעדן ביסן האָט מען געלערנט מאַכן אַ הייליקע ברכה. אין חדר האָט מען אַ קינד געטראָגן איינגעוויקלט אין אַ הייליקן טלית. לערנען האָט מען געלערנט די הייליקע תורה, נישט כדי צו פאַרדינען געלט, נישט כדי צו מאַכן פון דעם אַ קאַריערע, נישט ווייל מען דאַרף שרייבן אַן אַדרעס. שבת און יום־טוב האָט מען געמאַכט קידוש, געהייליקט דאָס עסן, געהייליקט דעם טאָג. דער יידישער טיש גופא איז געווען אַ זכר פון אַ מזבח. ביים עסן דאַרף מען רעדן אין דער תורה, פון דער תורה, פאַר יעדער הנאה עפּעס דאַרף מען מאַכן אַ הייליקע ברכה — דאָס גאַנצע לעבן, אַ גאַנצן טאָג איז איין שטרעבן צו הייליקייט. אַז אַ ייד עסט איז שווער צו זאָגן, צי ער בענטשט נאָכן עסן אָדער ער עסט, כדי צו בענטשן. זיין ווייב האָט דער ייד מקדש געווען, דאָס גאַנצע משפּחה־לעבן זאָל זיין בקדושה ובטהרה. דאָס יידישע ניי־יאָר איז געווען נישט סתם פרייד און הוללייען, נאָר אַ חשבון־הנפש, געהייליקט איז געווען דאָס ניי־יאָר. און די פרייד וואָס מען האָט דערלעבט צום נייעם יאָר איז אויסגעדריקט אין אַ ברכה. נאָכן טויט האָט מען נאָך אַ יידן געזאָגט קדיש. עס איז נישט געווען קיין ביטול פון לעבן, קיין באַציִונג צום לעבן ווי צו עפּעס אומהייליקס, עפּעס אַזוינס וואָס דער וואָס וויל שטרעבן צו הייליקייט דאַרף זיך אָפּזאָגן פון דעם. פאַרקערט, אָן אַ וואָך אַרבעט איז אויך דער שבת נישט קיין שבת, דאָס וואָכעדיקע לעבן איז נישט טמא, אָן וואָכעדיקייטן איז גאָר אוממעגלעך צו קומען צו קדושה. וואָכעדיקייט און קדושה זענען נישט קיין צוויי קעגנזאַצן, וואָס איינער שליסט אויס דעם צווייטן, נאָר זיי זענען מדרגות פון איין לייטער. אַפילו דער כוהן־גדול האָט אויך נישט געטאָרט בלייבן אין דער וואָך פון יום־כיפּור אָן אַ פּרוי. נישט אָפּטויטן דאָס לעבן האָט געלערנט די יידישקייט, נייערט עס דערהייבן. מען דאַרף אַפילו דאָס וואָכעדיקע ברויט עסן „בטהרה" (טהרה איז אַ מדרגה עטוואָס נידעריקער פון קדושה). וואָכעדיקייט איז אויך אַ מדרגה פון קדושה. „והייתם קדושים" — זייט הייליק, איז אונדז אָנגעזאָגט געוואָרן — באַמיט זיך אויך אין אייער וואָכעדיקייט צו שטרעבן צו קדושה. אָט אַזוי איז געווען דאָס יידישע לעבן אין משך פון לאַנגע דורות און יאָרהונדערטער. גוף־

און נשמה — זיי זענען פאַרשטייער אין מענטשן פון הימל און פון ערד, אָבער זיי קריגן זיך נישט אין מענטשן. דער גוף באַדינט דער נשמה און נשמה פירט דעם גוף און באַמיט זיך אים צו דערהייבן, הימל און ערד זענען אויך איין אחד.

## וואָכעדיקייט אַליין

זענען מיר אָבער מיט איין מאָל געוואָרן אַ פאָלק אָן קדושה לגמרי. אויס קודש און נאָר וואָך. מיר האָבן פאַרשוועכט אַלע אונדזערע הייליקייטן, מורד געווען אין דער עצם קדושה, אָפּגעוואָרפן, אָפּגעלייקנט. אַ וואָכעדיק לעבן און אַ וואָכעדיק שטאַרבן, וואָכעדיק איז די היים און וואָכעדיק איז די געזעלשאַפט, וואָכעדיק איז די דערציִונג און וואָכעדיק זענען די צילן פון דערציִונג — מען דאַרף דערציִען צו אַ וואָכעדיקן לעבן. וואָכעדיק זענען אונדזערע יום־טובים און אָפּגעטאָן האָט זיך די קדושה פון שבת. מיר האָבן אים אין גאַנצן פאַרלאָרן. און אויב עס איז יאָ פאַראַן אַ יום־טוב, איז ער אַ פרעמדער, גענומען פון דער פרעמד, נאָכגעמאַכט פרעמדע און פרעמד איז ער אין כאַראַקטער, וואָכעדיקע צילן: הוליען, פריילעך זיך מאַכן. איז „ווײַן און ביר, פויק און גיטאַר און פידל און שיכרות און טענץ זענען די יום־טובים". נישטאָ אין זיי קיין סימן פון קדושה, הנאה פאַרן גוף, פאַרווײַלן אים, דעם ערדישן חומר. און אויב עס איז נישטאָ קיין קדושה זענען שוין אויך נישטאָ קיין איינהאַלטערס און נישט קיין אָפּהאַלטערס. און דער גוף — וואָס מען זעטיקט אים אַלץ הונגעריקער ווערט ער. און אַנשטאָט דעם אַמאָליקן אונדזערן „מען טאָר נישט!" איז געוואָרן — אַלץ מעג מען און דער הונגעריקער גוף זוכט אַלץ מער, ער זעטיקט זיך נישט אָן. אַלץ וואָס גלוסט זיך איז גוט, און אַלץ וואָס עס פאַרוועלט זיך דאַרף מען קריגן, זוכט מען צו קריגן. און אַז דער מענטש גייט אַריבער אין רשות פון זײַנע גלוסטונגען, ווערט פאַר אים פאַרשלאָסן דער וועג צו קדושה. נישטאָ מער אַזאַ זאַך, דער יצר־טוב שטאַרבט אָפּ און דער יצר־הרע וואָס ער איז דאָך אויך דער טייוול, דער שטן, דער מלאך־המות — ער פירט... און די באַפרידיקונג, די צופרידנקייט איז אַלע מאָל מיט אַ פאָר טריט ווייטער פון די מעגלעכקייטן. יאָגט זיך דער מענטש און ער קען קיין מאָל נישט דעריאָגן, נישט אָנכאַפּן די געגאַרטע צופרידנקייט... איז דאָס לעבן אָן קדושה אויך אָן צופרידנקייט, אַ דאַרשט נאָך גליק, אָבער נישט קיין גליקזעליקייט, אַ חלומען וועגן צופרידנקייט און — זי איז נישטאָ. אַ שיכרות יאָ, אָבער ווי איז צו דעם וואָס דאַרף אין אַלערליי שיכרותן דערטרינקען זײַנע באַגערן.

אַלעקסאַנדער מוקדון רייט אויף אַן אָדלער — דערציילט אַן אַלטע לעגענדע — האַלט אַלעקסאַנדער אַ שטיק פון זײַן אייגן פלייש אויף אַ שפּיז פאַר

די אויגן פון דעם אָדלער. יאָגט דער אָדלער, פּליט אַלץ שטאַרקער צו כאַפּן דאָס פלייש, אָבער ער דעריאָגט זיך נישט צו דעם. אָט אַזוי איז דער מענטש אָן קדושה... נישטאָ קיין קדושה, נישטאָ דער וועג צו קדושה, אָבער דער פאַר־קערטער וועג בלייבט אָפן און אַהין יאָגט דער אָדלער וואָס טראָגט דעם מענטשן...

און ווי איז צו אַ פאָלק וואָס האָט פאַרלאָרן זיין קדושה און זיין שטרעבן צו קדושה, אַ פאָלק וואָס עס ציט אים צו דעם שטיק פלייש וואָס שטייט אים פאַר די אויגן און עס קען צו דעם נישט גרייכן. ווי איז אונדז וואָס מיר מעגן אַלץ, וואָס אַלץ וואָס עס איז געשמאַק איז גוט און אַלץ וואָס עס קיצלט איז רעכט און פיין און שיין... איז אונדזער לעבן געגליכן צו עמעצן וואָס קייקלט זיך אַראָפּ אַ שטיילן באַרג, אַלץ נידעריקער און נידעריקער, אָן אָפּהאַלט, און דאָס געזעץ פון פאַלן איז אַז וואָס ווייטער, אַלץ גיכער גייט דאָס פאַלן. און העט אין די סאַמע אונטנס שטייט דער טייוול מיט די אויסגעשטשירעטע ציין און לאַכט — דאָ אַהער טראָגט אייך אייער פאַלן, אייער אָפּזאָג פון קדושה, אייער „אַלץ מעג מען"... זענען מיר געוועזן אַ פאָלק פון סאַמע קדושה און מיר האַלטן אין איין פאַלן צו דעם פאַרקערטן עק פון לייטער, צו דער סאַמע טומאה מיט אַלע אירע פאַלגן.

## נישט באַשולדיקן קום איך

נישט באַשולדיקן וויל איך, נישט דאָס האָב איך געוואָלט. עס איז פאַר־קערט. אַ וווּנדער פאַר מיר וואָס מיר זענען נישט געפאַלן נאָך טיפער, נאָך נידעריקער: גאָט האָט אונדז פאַרלאָזט, און נישט דאָס ערשטע מאָל. אַלע געטער האָבן אונדז אָפּגענאַרט, אַלץ אין וואָס מיר האָבן געגלייבט, אַלץ איז געוואָרן נישט און גאָרנישט. האָבן מיר געהאַט איין גאָט, האָט ער אונדז פאַר־לאָזט! האָבן מיר געהאַט אַנדערע האָפענונגען און אַנדערע גלויבנס, זענען זיי אַלע געבליבן פאַלש און אָפּנאַרעריש. און אַ פאָלק אָן אַן אמונה, אָן אַ גלויבן, אָן אַ גאָט, אָן אַ האָפענונג, אָן אַן אידעאַל — אָדער ער איז געפערלעך פאַר אַנדערע אָדער זיין אייגן לעבן איז אין סכנה. נישט פאַר גאָט נעם איך זיך אָן, איך האָב מורא פאַר דעם פאָלק וואָס בלייבט אָן אַ גאָט, אָן אַ גאָט אין הארצן, אָן קדושה אין לעבן, אַ פאָלק וואָס בלייבט אויף דער ערד אָבער וואָס הייבט זיך נישט צו די הימלען. אונדזער גאַנצן נעכטן, דורך דער גאַנ־צער, לאַנגער געשיכטע האָבן מיר זיך געהאַלטן מיט דעם גייסט. שוואַך און שוואַכער פון אַלעמען, און לענגער פון אַלעמען האָבן מיר געלעבט, אויסגע־האַלטן און איבערגעהאַלטן אַלעמען. אַלע האָבן אונדז געשלאָגן, און זיי זענען

אומגעקומען. מיר זענען די געשלאָגענע און מיר זענען געבליבן. נישט מיט קיין כוח האָבן מיר געלעבט, נאָר מיט דעם גייסט, מיט דעם גלויבן. די נשמה האָט אויפגעהאַלטן דעם גוף. און וואָס וועט זיין מיט אונדז ווייטער? אין דעם נאָענטן און ווייטערן מאָרגן? אונדזער גוף איז שוואַך און קיין מאָל נישט שטאַרק גענוג געווען. און געהאַלטן האָט אונדז די נשמה, דער גלויבן, דער גייסט. אָבער איצט, אַז מיר האָבן אויך די נשמה פאַרלאָרן, אַז אונדזער גייסט איז שוואַך און נישטיק, טאָ וואָס וועט אונדז האַלטן און וועלן מיר זיך האַלטן?

מיר האָבן זיך געלאָזט לויפן פון בית מדרש־געסל אין דער ברייטער, גראַמער וועלט אַריין, און מיר זענען אַריינגעפאַלן אין אַ הפקר־וועלט... מיר האָבן רעוואָלטירט קעגן עולם־הבא, און אָך און ווי צו אונדזער עולם־הזה. האָבן מיר נישט קיינע פון ביידע וועלטן — נישט די און נישט יענע. גאָר־נישט. און וואָס וועט זיין מיט אונדז מאָרגן? און נאָך ערגער — מיר האָבן זיך אַליין פאַרלאָרן. מיר הערן אויף צו זיין אַ פאָלק. פאָלק האָט אַ מעלה — מען פאַרשטייט זיך אויפן ווונק, מען דאַרף גאָר נישט רעדן; אַ ייד פון גראָדנע פלעגט זיך גרינגער פאַרשטענדיקן מיט אַ יידן פון סמירנע, ווי היינט יידן פון איין שטאָט, פון איין בית־מדרש. אָן ווערטער. האָט דער קרעכץ און דער זיפץ פאַרבונדן, אַפילו ווען מען קריגט זיך, זענען ביידע צדדים געשטאַנען אויף איין און דער זעלביקער פלאַטפאָרם. האָבן אַלע יידן, פון דער גאַרער וועלט געפילט דעם זעלביקן טעם פון שבתדיקן קוגל און פון פליישיקע קרעפּ־לעך און מילכיקע בלינצעס. מען האָט נישט געדאַרפט קיין אָפּשטימונגען און קיינע דעמאָקראַטיעס דעקרעטירן. פאָלק פאַרמאָגט אַ געמיינזאַמען גייסט, גע־מיינזאַמע טראַדיציעס און געמיינזאַמע רעאַקציעס, געמיינזאַמע מיינונגען און געדאַנקען. פלעגט מען קענען יוצא זיין אין אַ שמועס מיט אַזוינע ווערטער ווי עט, בע, מילא, כ׳מיין, אדרבא, מהיכא־תיתי, פשיטא, מאַלע וואָס, אַך, יאָ וכדומה. און מען האָט זיך פאַרשטאַנען בעסער ווי היינט מיט פולע קערב דיס־קוסיעס. און אָט אַזוי, מיט דעם לעקסיקאָן פלעגן זיך יידן „אַראָפּרעדן פון האַרצן״. און טאַקע מיט אָט־דעם זענען מיר געווען איין גאַנץ פאָלק, עם אחד בארץ. אַ פאָלק איז אַ פאָלק נישט אַזוי מיט געמיינזאַמען באַוווסטזיין ווי מיט דעם געמיינזאַמען אונטערבאַוווסטזיין.

אָבער מיט דעם אונטערגאַנג פון אונדזער שטעטלשער תקופה איז אויך אײַנטערגעגאַנגען אונדזער געמיינזאַמער אונטערבאַוווסטזיין. נישט נאָר מיר רעדן אַלערליי שפּראַכן, נאָר מיר דענקען, פילן און דענקען נישט געמיינזאַם. מיר האָבן מער נישט קיין געמיינזאַמע נשמה. און גיי מאַך מען זאָל זיך פאַר־שטיין, מען זאָל זיך קענען צונויפרעדן, מען זאָל קענען פאַרשטענדיק זיך. דאָס איז דער ערשטער סימן פון אונדזער ווערן אויס פאָלק. מיר זענען יידן, טאַקע

יידן, מיט יידישע פּנימער, מיט יידישע צרות, אָבער אָן אַט יענעם צעמענט, קלעפּעכץ, וואָס בינדט צונויף באַזונדערע יידן אין איין פאָלק.

***

עס איז אמת, נישט מיר אַליין זענען צעטומלט, פאַרלאָרן, — די גאַנצע וועלט שטייט אַ צעטומלטע, אַ דערשראָקענע און אָן אַ וועג. נאָך צוויי וועלט־מילחמות אין איין דור שטייט די וועלט היינט נאָך מער צעפליקט און צעריסן, צעבראָקלט און צעפּיצלט ווי פריער. און שוין אָט באַלד אַ האַלבער יאָרהונ־דערט ווי פעלקער „רעדן זיך צונויף" און מען האַלט נאָך אַפילו נישט ביים אָנהייב. פּראַקטיקע וועגן ציִען זיך אין אַלע ריכטונגען איבער דער ערד. אָבער דאָס זענען וועגן פאַר דעם מענטשן, אָבער דער מענטש אַליין צו זיך אַליין האָט נישט קיין וועג, און נישטאָ קיין וועג פון מענטשן צו מענטש. אין וואָס פאַר אַ געטער האָט שוין די וועלט נישט געגלייבט, און אַלע האָבן זיי אָפּגענאַרט. האָט אַ וועלט געגלייבט אין סאָציאַליזם — אָט וועט עס זיין דער משיח פון דער וועלט. איז ער איצט פאַראַן אַ פאַרשעמטער, אַ פאַרבלוטיקטער. האָט אַמאָל אַ פאַרצייטיקער ייד געזאָגט „זאָל ער קומען משיח, אָבער לאָמיך אים נישט אָנזען" — אַז די חבלי־משיח זענען אַזוי פיל. וויפל סאָציאַליסטן זאָגן עס איצט?... דערציילט אַן אַלטע יידישע לעגענדע ווי דער אשמדאי האָט זיך פאַרשטעלט פאַרן קלוגסטן מלך און ער האָט באַהערשט די וועלט מיט אַ פרעמדן נאָמען. מיר — דאָס פאָלק פון אמונה — האָבן געגלייבט אין אַלע געזעלשאַפטלעכע געטער, אין אַלע אידעאַלן, — און אַלע האָבן אונדז אָפּגע־נאַרט. פאַלשע געטער און פאַלשע נביאים. ביז מיר זענען געבליבן אָן קיינעם, פאַרלאָרן די עצם אמונה.

דער מענטש איז נישט קיין פרידלעכע באַשעפעניש, בלוטדורשטיק איז ער פון בראשית אָן. האָט ער אויסגעטראַכט געטער, ווי ער, בלוטדאָרשטיקע. בלוט פון שוואַכערע שמעקט דעם שטאַרקן. האָבן שוואַכע אויסגעטראַכט אַ גאָט פון רחמנות. איז ער שוואַך ווי די אויסטראַכטער. הבלס גאָט האָט פאַר־שאַלטן קינען, אָבער קינס גאָט האָט אים געבענטשט. און פון דעמאָלט אָן טוט קין נאָר און ברענגט בלוטיקע קרבנות צו זיינע געטער. איז די ערד פול געוואָרן מיט מזבחות צו אָט די געטער. טייכן בלוט, ימים בלוט, בלוט פון ברידער־מענטשן פאַרגיסט קין צו זיינע געטער. בייטן זיך די געטער. אַמאָל איז עס אַ קופּערנער גאָט, אַ געץ און אַמאָל איז עס אַ גאָט פון כלומרשטער רחמנות, וואָס פאַרלאַנגט צו ברענגען די גופים פון זיינע קרבנות, ווייל ער וויל ראַטעווען זייערע נשמות. און אַמאָל איז עס פאָטערלאַנד, און אַמאָל איז

עס גאָר אַ אידעאַל פון גוטס און שלום, — אַבי מען קען פאַרגיסן בלוט פאַר אים. אַ סך נעמען האָט ער, דער אשמדאי, אַ סך געשטאַלטן, אַבי ער הערשט איבער דער וועלט. און ער באָדט זיך אין בלוט פון די שוואַכע.

## אַ וואָכעדיק לעבן און אַ וואָכעדיקע דערציִונג

די שטאַרקע דאַרפן נישט קיין גאָט און נישט קיין קדושה — די פּריווי־לעגיעס דאַרפן זיי פאַר זיך. שווער איז אָבער דעם שוואַכן אָן אַ גאָט, אָן אַ קדושה. האָבן מיר אָבער נאָכגעקוקט און נאָכגעמאַכט די שטאַרקע און מיר האָבן אויך באַקעמפט גאָט, נישטאָ אַזאַ. דער הימל איז גאָר לופט, נישט מער, און קיינער זיצט דאָרטן נישט. קדושה־הייליקייט — דאָס האָבן אויסגעטראַכט פֿלעכטע רוצחישע רבנים, נישט פאַר קיין ייִדן געדאַכט, כדי צו געוועלטיקן איבער דעם פשוטן „נאַראָד" (פאָלק)... האָבן אַנדערע גענומען באַקעמפן גאָט, האָבן מיר אויך גענומען אונדזערע שווערדן און געקעמפט. יענע אָבער האָבן אָנשטאָט גאָט אין הימל גערופן צו דינען אַנדערע געטער, היימישע, אַליין־געקרויִנטע געטער, געטער וואָס האָבן געפרעסן מיט דעם פולן מויל רייכע קרבנות פון טויזנטער און מיליאָנען מענטשן. אונדז האָבן אויך די געטער אָפּגענאַרט און מיר זענען געבליבן פון אַלע געטער אָפּגענאַרט, אָן אַ וואָסער עס איז גאָט. איז אונדזער גאַנץ לעבן וואָכעדיק. נישטאָ עפּעס העכערס, עט־וואָס העכער פון אונדזער ברויט מיט פּוטער...

פאַראַן אַ לעגענדע־ווערטל, אַז אין אַ שטוב וואָס איז ליידיק קלייבן זיך אַריין שדים און אַז אונדזער לעבן איז ליידיק, ווערט עס פול מיט ניטגוטע. מיר האָבן אַפילו נישט קיין סוראָגאַט־געטער. און ווי אונדזער לעבן איז אויך אונדזער דערציִונג וואָכעדיק, אָן אַ הייליקייט. מען דאַרף לערנען, כדי צו פאַרדינען געלט, כדי צו קענען בעסער חתונה האָבן. מאַטעמאַטיק דאַרף מען לערנען כדי צו קענען קויפן און פאַרקויפן; געאָגראַפיע דאַרף מען האָבן כדי צו קענען פאָרן שפּאַצירן... מען דאַרף לערנען כדי צו קריגן אַ פּאַפּירל, און דאָס אַלץ. געווען אַפילו אַ באַרימטער פילאָסאָף וואָס האָט אַזוי געשריבן און זיין בוך ווערט געלייענט און געלערנט. אַלץ וואָכעדיק, פּראַקטיש. איז מילא ייִדיש, ייִדישקייט־וויסן — ווער דאַרף עס און צו וואָס דאַרף מען דאָס? איז פאַר אונדז אָט די וואָכעדיקייט שעדלעך ביז גאָר. היינט מער ווי ווען עס איז פריִער. אָבער אָט די וואָכעדיקייט איז פאַר אַלעמען שעדלעך. אַ בהמה זוכט נאָר דאָס וואָס זי קען נעמען אין מויל אַריין. אַ מענטש איז נישט קיין בהמה נאָר דערפאַר וואָס שוין קליינע קינדער האָבן גאָרנישט קיין צייט צו עסן, ווייל זיי דאַרפן זיך „שפּילן" און ווען די גאַנצע דערציִונג איז געווענדט נאָר

צו נוציקייט, ווערט דער מענטש דעגראַדירט. אָבער נישט צו דער מדרגה פון אַ בהמה, נאָר נאָך נידעריקער. אין אַ שטוב וווּ עס איז נישטאָ קיין מזוזה, קלייבן זיך שדים, — זאָגט אַ לעגענדע, און עס איז אין דעם פאַראַן אַ גרויסער אמת: אין אַ נשמה וווּ עס איז נישטאָ קיין גאָט קלייבן זיך שדים. קדושה, וואַכעדיקייט און טומאה זענען דריי מדרגות אין מענטשן. אין לעבן פון אַ בהמה איז עס נישטאָ. נישטאָ דאָרטן קיין דערהייבונג און נישט קיין דערנידעריקונג. קיין בהמה וועט נישט טאָן עפּעס וואָס איז קעגן איר נאַטור. אַ מענטש אָבער האָט אַן אויסוואַל — אַרויף צו הייליקייט און אַראָפּ — אין אַל די העלן. די אינסטינקטן ביי חיות זענען פיקסירטע, ענדערן זיך נישט. ביי מענטשן אָבער זענען די אינסטינקטן בייגעוודיק, פּלאַסטיש, און דער יצר־הרע איז שטאַרקער פון יצר־טוב. און דאָס יאָגן זיך נאָך גלוסטונגען פירט און מוז פירן אַראָפּ צו טומאה. און דער יצר־הרע איז דאָך אויך דער מלאך־המות, דער שטן. און ער פירט צום אומקום. נישט אומזיסט זאָגט אַ מדרש, אַז אַ רשע איז לעבעדיקערהייט שוין טויט, ווייל ער זעט די זון שיינט אויף און זי פאַרגייט ער און מאַכט נישט קיין ברכה. אויף דעם לשון פון אונדזערע באַגריפן וואָלט עס געמיינט, אַז ער זעט נישט און פילט נישט די העכערקייט וואָס אין דער וועלט. ער באַגרייפט נישט די געטלעכקייט פון דעם קאָסמאָס. איך שטרייך אונטער: איך רעד נישט וועגן אַ גאָט און זיין וועזן, זיין באַזונדערער עקזיסטענץ און זיינע אַטריבוטן. איך בין נישט קיין טעאָלאָג און איך פאַרנעם זיך נישט מיט די פּראָבלעמען. אָבער אַ מענטש וואָס פילט נישט קיין געטלעכקייט, וואָס האָט נישט קיין גאָט אין האַרצן — דער איז בפירוש אַ מסוכנער. און עס געפעלט מיר דער אויסדרוק פון מדרש — דער וואָס פילט נישט די געטלעכקייט איז אַ רשע און זיין לעבן איז נישט קיין לעבן. ווי צו די מענטשן וואָס זענען קנעכט פאַרשקלאַפט צו זייערע גלוסטונגען! ווי צו זיי און ווי צו אַלע אַרום זיי. די באַפרידיקונג פון גלוסטונגען גיט אַ גענוס נאָר אַ מאָמענטאַלן, וואָס גייט שפּעטער איבער על פּי רוב אין אַן אומצופרידנקייט, אין אַ שטאַרקערן יאָגן זיך נאָך באַפרידיקונג. דאָס איז פון די פאַרגעניגנס וואָס די גמרא זאָגט וועגן זיי, וואָס מער מען גיט זיי נאָך, אַלץ מער מאַטערן זיי, וואָס מער מען זעטיקט זיי, אַלץ הונגעריקער ווערט מען. דאָ ליגט די סכנה פון וואָכעדיקייט פאַר דער מענטשהייט. מען האָט אין דער גאָרער וועלט איצט צו טאָן און צו מאַטערן זיך מיט יוגנטלעכער פאַרברעכערישקייט. צי האָט אָבער נישט די וואָכעדיקע דערציִונג אַ באַשטימטן חלק אין דעם?

## פאַלשע וועלטלעכקייט

האָבן מיר געבראַכט פון דער פרעמד אַ באַגריף און מיר נוצן אים שלעכט און פאַלש. מען דערציילט ביי יידן אַ וויץ, „אַ ישיבה־בחור האָט זיך פאַרוואָלט צו ווערן אַן אַפיקורס. זוכט ער אַ רבין. פאָרט ער צו דעם פאָטער פון רוסישע משׂכּילים, ר׳ יצחק־בער לעווינזאָן. געקומען אין קרעמעניץ, געזוכט, געפונען אין בית־מדרש אַ יידן אין טלית און תפילין. דאָס איז ער. דערציילט דער בחור — ער וויל אויך ווערן אַן אַפיקורס...

— וואָס קענסטו? — פרעגט אים דער ריב״ל. נעמט דער בחור אַרויס פון קעשענע אַ חלב־ליכט און הייבן אַן קייען. ער קען עסן אויך טריפס...

— ניין, — ענטפערט אים דער ריב״ל — מיט דעם קענען וואָס דו קענסט, קען מען נאָך נישט ווערן קיין אַפיקורס... אונדזערע וועלטלעכע זענען ווי יענער ישיבה־בחור. קויפט אַ ייד כשר־פלייש, איז ער אַן אָפּגעשטאַנענער מענטש, אַ פינצטערלינג, אַ היפּאָקריט, אַ... אַלץ וואָס אין דער קאָרט שטייט, נישט ווערט וואָס די ערד טראָגט אים. אָבער אַז אַ ייד עסט חזיר און קרעבסן אין ער שלינגט לעבעדיקע אויסטערס, — דעמאָלט איז ער אַ וועלטלעכער מענטש... און דאָס איז אין גאַנצן פאַלש: אַ פרומער ייד וואָס האָט אינטערעסן פאַר דער גאָרער וועלט און פון דער גאָרער וועלט, וואָס איז געזעלשאַפטלעך, דער איז אַ וועלטלעכער ייד אויב ער דאַוונט אַפילו פיר מאָל אַ טאָג. און פאַרקערט, אַ ייד וואָס עסט יום־כּיפּור אַ שטיק חזיר ביי דער טיר פון אַ בית־מדרש איז שוין לגמרי נישט קיין וועלטלעכער. די גאַנצע אידעאָלאָגיע פון וועלטלעכקייט איז צו אונדז געבראַכט געוואָרן פון דער פרעמד ווו עס האָט געמיינט גאָר עטוואָס אַנדערש: עס גייט אין דעם ווער עס דאַרף דיקטירן דאָס סאָציאַלע לעבן אין אַ לאַנד. איצט איז אין דער מדינת־ישׂראל, מעגלעך, פאַראַן אַן אָרט פאַר פאָדערונגען צו פאַרוועלטלעכן מער דאָס לעבן, היות די אָרטאָדאָקסיע, קען זיין, וויל איינצאַמען דאָס גאַנצע פּריוואַטע און סאָציאַלע לעבן אין די ראַמען פון שולחן־ערוך וואָס איז איצט אפשר צו פאַרעלטערט. וועלטלעכקייט מיינט בכן אַ פאַרלאַנג צו פאַרמינערן די מאַכט פון קלער אויף דעם סאָציאַלן לעבן. עס האָט גאָרנישט צו טאָן מיט דעם פּרייווילליקן אויפפיר פון פּרוואַטן מענטשן. עס איז לגמרי נישט קיין וועלטלעכקייט ווען יידן אין מדינת ישׂראל ווילן דווקא האָדעווען חזירים, און שטייען אין אַ ריי אין קריסט־לעכע נצרת־יאַטקעס איינצוקויפן זיך פלייש אויף אַ גאַנצע וואָך.. דאָס איז קודם־כּל אַ שפּיי אין פּנים נישט דעם רב, נאָר אַלע דורות יידן פון אברהם אָבינו אָן. איז עס פאַר די מוסולמענישע אַראַבער געגנוג נאָר די טראַדיציע זייערע נישט צו האָדעווען און נישט צו עסן קיין חזיר. יידן האָבן אָבער נישט

קיין באַציִונג צו זייערע טראַדיציעס, סיידן מען רייסט, סיידן מען האָט מורא פאַר שמיץ. איז וואָכעדיקייט לגמרי נישט קיין וועלטלעכקייט, איז וועלט־לעכקייט לגמרי נישט קעגן דער רעליגיע, קעגן דער יידישער טראַדיציע, קעגן דער טראַדיציאָנעלער יידישער תורה... וועלטלעכקייט מיינט אויסצוברייטערן די ראַמען פון יידישקייט. אונדזער לעבן אין אַמאָליקן שטעטל איז געווען שמעלער, אַרומגענומען מיט די גרענעצן פון שטעטלשן ערוב (צו מעגן טראָגן אים שבת), דאָס וויטערע לעבן איז אונדז געווען פרעמד און ווייט. אונדזער לעבן איצט איז ווייט אַריבער אָט־די שמאָלע גרענעצן. ווו מיר זענען, ווו מיר לעבן, ווערן מיר כסדר באָמבאַרדירט מיט השפעות פון אַלע עקן וועלט, פון ווייט ווי פון נאָענט. מיר קענען נישט און מיר טאָרן זיך נישט אָפּזאָגן פון די אַלע השפעות. שטייט פאַר אונדז אַ פּראָבלעם — צי דאַרפן מיר זיך צע־שמעלצן אין דער פרעמדער וועלט, אָדער מיר דאַרפן די גאָרע וועלט אַריינ־נעמען אין זיך, אַסימילירן אין אונדזער יידישקייט. וועלטלעכקייט באַמיט זיך, דאַרף זיך באַמיִען דאָס צו דערגרייכן. וועלטלעכקייט זאָגט זיך לגמרי נישט אָפּ פון דער שטעטלשער יידישקייט, פון אַלץ וואָס דאָס שטעטל האָט בשעתה געירשנט פון די פריִערדיקע תקופות אין אונדזער געשיכטע. עס קען אַמאָל אַ גוטע, ריכטיקע אידייע פאַרבלאָנדזשען ביז אין גאָר אַ פאַרקערטער ריכטונג. דאָס איז געשען נישט איין מאָל און נישט מיט איין שיינער אידייע. זאָל זיך אַזוי נישט טרעפן.

קולטור בכלל צאַמט איין די נאַטור פון אַ מענטשן. יעדער קולטור אַזוי. וועלטלעכקייט אָבער ביי יידן, האָט צעבראָכן אַלע צאַמען, אַלע אָנגענומענע ביי יידן טראַדיציאָנעלע צאַמען. מנהגים, שטייגער־פירונגען — אַלץ, אַלץ מעג מען, אַלץ וואָס עס געפעלט איז גוט און רעכט. איז פון וועלטלעכקייט געוואָרן הפקר — וואָס איך וויל איז גוט, וואָס עס גלוסט זיך מיר איז באַרעכ־טיקט. נישטאָ מער קיינע געבאָטן און נישט קיין פאַרבאָטן. ווער־זשע דיקטירט די האַנדלונגען פון אַ מענטשן? ווער און וואָס פירט דעם מענטשנס פירונג? די גלוסטונגען אין אים. איז אָט דער דאָזיקער טרייב־כוח אין אַ מענטש פשוט געריעדט — געפערלעך. עס איז נישט ווי עגאָיזם. עגאָיזם איז אַ שטענדיקער פאַקטאָר וואָס פירט דעם מענטשן, עגאָיזם איז דויערנדיק. עגאָיזם קען זיין צוזאַמען מיט קולטור, מיט איינגעצאַמטע האַנדלונגען און פירונגען. אָבער די הפקרדיקע וועלטלעכקייט איז אַ זאַך פון מאָמענט, פון רגעדיקע גלוסטונגען און געיעג נאָך רייצנדיקע פאַרווילונגען. אַזאַ עגאָיזם אָן אָנהאַלטערס, אָן קולטור און מאָראַלישע פּרינציפּן און אָן שטענדיקייט פון כאַראַקטער, — אַזאַ מין עגאָיזם וואָלט אייגנטלעך געדאַרפט האָבן אַ צווייטן נאָמען. עס איז „איך מיט מיינע שיך“. אַזוינע וועלטלעכע מענטשן זענען פשוט אַ געפאַר פאַר דער

געזעלשאַפט. זיי זענען אין אַ פּאַרטיי דאָס פּאַרקערטע וואָס אַמאָל. אַמאָל איז אַ פּאַרטיי־מאַן געווען פאַר דער פּאַרטיי. זיי האַלטן, אַז די פּאַרטיי איז פאַר זיי, די פּאַרטיי איז גוט כל־זמן זי טוט פאַר זיי, זי ברענגט זיי נוצן. אַזוינע מענטשן קענען זיין רעליגיעז, ווען עס וועט זיי זיין נוציק און זיי קענען זיין וואָס איר ווילט, אַבי נאָר „איך און מיינע שיך". אַזאַ מין „וועלטלעכע דערציִונג" האָט אַ גרויסן חלק אין דער פּראָבלעם פון יוגנטלעכער פאַרברעכערישקייט...

איינע פון די טרעפּ וואָס פירן צו אַזאַ מין געפערלעכער „וועלטלעכקייט" איז די אײנרעדעניש, אַז קולטור איז אידענטיש מיט פאַרוויילונגען, אַז קולטור באַשטייט פון פאַרוויילונגען, און די אײנרעדעניש איז געקומען צו אונדז ייִדן פון אַ גאָר פרעמדער אַנדערער וועלט. זי שטאַמט פון אייראָפּע, פון די פּריצישע הייפן. ווי עס זאָל נישט זיין איז דאָס איינע פון די וועגן וואָס פירן צו דער בלומרשטער וועלטלעכקייט, וואָס איז אין תוך גאָר אויסגעלאַסנקייט, הפקרות אין געפערלעכער מאָמענט־עגאָיזם. אָט דאָס איז אונדזער פּסעוודאָ־וועלט־לעכקייט, וואָס האָט זיך צעשפּרייט איבער אונדזער גאַנצער וועלט, און זי איז ווייט פון אמתער וועלטלעכקייט כרחוק מיזרח ממערב.

## אמתע וועלטלעכקייט

אמתע וועלטלעכקייט איז אויך אַן אמונה, אַ גלויבן מיט געבאָטן און פאַר־באָטן, מיט מצוות און עבירות. אמונה מיט אַן אידעאַל, אַ אמונה פאַר דער צוקונפט. וועלטלעכקייט זוכט נישט קיין גן־עדן פאַר זיך, און שרעקט קיינעם נישט מיט דעם גיהנום. וועלטלעכע אמונה האָט אין זינען די וועלט, די וועלט פון לעבעדיקע מענטשן, פון לעבן, פון דער וועלט, נישט פון יענער וועלט. וועלטלעכקייט רעדט נישט וועגן דעם גאָט אין הימל, זי זוכט דאָס געטלעכע אין מענטשן, אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. ייִדישע וועלטלעכקייט מיינט צו דערהייבן אונדזער נייע קולטור, די גאַנצע מאָדערנע קולטור וואָס איז גע־שאַפן געוואָרן פון דעם פּשוטן וועלטלעכן ייִדישן לעבן און אים אויך פאַר־הייליקן, דערהייבן זי צו דער זעלביקער מדרגה פון הייליקייט פון די עלטערע ייִדישע קולטור־שיכטן. וועלטלעכקייט טיילט נישט איין אונדזער קולטור אין צוויי מדרגות: הייליק און וואָכעדיק. דאָס וואָכעדיקע דאַרף ווערן קודש, ווי עס איז ביי אונדז געווען פון קדמונים הליכות נעשו הלכות ומנהגים נעשו דינים. די הייִנטיקע הלכות, די רעליגיעזע דינים און געבאָטן זענען לכתחילה געווען שטייגער־פירונגען, פּשוטע פאָלקישע מינהגים, וואָס זענען שפּעטער פאַר־הייליקט געוואָרן. און דאָס זעלביקע דאַרף געשען מיט די הייִנטיקע שטייגע־רישע נאָרמען און פאָרמען פון אונדזער הייִנטיקער ייִדישקייט. נישט אויסטאָן

זיך פון ייִדישקייט איז די פּראָגראַם פון וועלטלעכקייט, נאָר פאַרקערט אַריינפירן אין די הייליקע אוצרות פון ייִדישקייט אויך די נייערע און נייעסטע שאַפונגען פון ייִדישן גייסט. אַ וועלטלעכער ייִד גלייבט, אַז ייִדישקייט שטעלט זיך נישט אָפּ און וועט נישט פאַרענדיקט ווערן. וועלטלעכקייט איז אַזוי אַרום אויך אַן אמונה, און די וועלטלעכע אמונה איז העכער פון דער רעליגיעזער. עס איז נישט קיין פּראָבלעם פון אַ גאָט אין הימל וואָס פירט חשבונות מיט יעדן ייִד באַזונדער, נאָר עס איז אַ געטלעכע דערהייבונג פון מענטשן, פון ייִדישן מענטשן, עס איז אַ פּראָבלעם פון געטלעכקייט אין ייִדיש לעבן. אונדזער לעבן איז אַזוי וואָכעדיק, און די נשמה פון פאָלק בענקט נאָך הייליקייטן.

אָבער מיר דאַכט זיך אַז די טיפערע רעליגיעזע ייִדיש־פילאָסאָפיע האָט טאַקע צו דעם געשטרעבט. די אַלע פּריוואַטע גליקן און אומגליקן וואָס מען זאָגט צו יעדן ייִדן באַזונדער, זענען נאָר „כדי לשבר את האוזן”, אָבער אין תוך אַריין איז דער ציל געווען נאָר „לתקן עולם במלכות שדי” — צו ברענגען העכערע געטלעכקייט אין לעבן פון מענטשן, אין לעבן פון ייִדן אויף דער וועלט. האָט מען ביי ייִדן אונטערגעשיידט די העכערע „אמונה צרופה” פון דער אמונה טפלה. האָט פון דעם געטראַכט אַ רמב”ם. דערפאַר האָט ייִדישקייט קיין מאָל נישט געוואָלט טראַכטן וועגן גאָט און זיינע אַטריבוטן וכדומה, איז דער געדאַנק תמיד געווען קאָנצענטרירט אויף צו זוכן געטלעכקייט אין לעבן, אין פיר און אין שטייגער, אין די שטרעבונגען פון מענטשן אין דעם אַלוועלט. אָט דאָס איז פאַר מיר וועלטלעכקייט, וועלטלעכקייט וואָס איז נישט אויסגעליידיקט פון קדושה, וועלטלעכקייט וואָס איז נישט וואָכעדיק אין גאַנצן, וועלטלעכקייט וואָס וואַרפט נישט אָפּ הפקרדיק אַלע ייִדישע טראַדיציעס, וועלטלעכקייט וואָס גייט נישט אַרויס באַקעמפן גאָט, כלומרשט; וועלטלעכקייט וואָס מעקט נישט אָפּ אונדזער נאַציאָנאַלן שטייגער. אַ וועלטלעכער ייִד מעג און דאַרף אָפּהיטן ייִדישן שטייגער, ייִדישע מנהגים און דינים לגמרי נישט רעכענענדיק זיך מיט דעם חלק עולם־הבא וואָס ער וועט דערפאַר באַקומען אויף יענער וועלט, נייערט ער טוט עס וויל „אַזוי פירן זיך ייִדן, אַזוי האָבן זיך געפירט דורות ייִדן”... דער ייִדישער שטייגער איז ניט פאַר גאָט. גאָט וועט ניט רייכער ווערן פון מיין דאַווענען אָדער ער וועט נישט אָרעמער ווערן פון מיין עסן חזיר. אָבער דאָס ייִדישע פאָלק וועט זיכער אָרעמער ווערן, שוואַכער ווערן. עס איז דאָך שווער צו זיין אַ ייִד, אַ ייִד דאַרף זיין אויסגעהאַלטן ייִדיש. די אויסגעהאַלטנקייט אין שטייגער דערציט ייִדן, געוווינט זיי צו זיין אויסגעהאַלטן. די כלומרשט וועלטלעכע ייִדן וואָס זענען נישט אויסגעהאַלטן בנוגע צום שטייגער, זענען אויך נישט אויסגעהאַלטן בנוגע צו ייִדיש־לשון, און זייערע רייד און טענות, און זייערע רעדעס און לאָזונגען בנוגע צו דער וויכ־

טיקייט פון יידיש לשון, זענען אין אַ גרויסער מאָס... אויך נישט אויסגעהאַלטן... עס איז בפירוש שווער צו זיין אַן אויסגעהאַלטענער ייד, היטן יידיש לשון און דערמיט זיך באַנוגענען. דאָס איז די גאַנצע יידישקייט. דאָ איז פאַראַן אַ סך פון אומעכטיקייט, פון פראַזע, עס קען נישט אויסהאַדעווען קיין געטרייע שפּראַך־אויסגעהאַלטענע יידן. לאָמיר דאָ איבערחזרן נאָך אַמאָל — אַ וועלטלעכער ייד פאַרנעמט זיך נישט מיט דער גאָט־פּראָבלעם — יאָ דאָ אַ גאָט, נישטאָ קיין גאָט, גאָט וועט צאָלן פאַר מיין גוטס אָדער שלעכטס, וכדומה. ביין, נישט דאָס פאַרנעמט דעם וועלטלעכן יידן. זיין פּראָבלעם איז געטלעכקייט, געטלעכקייט אין קאָסמאָס, אין דער וועלט, אין מענטשן. און אָט די געטלעכקייט איז זיכער דאָ, און זי דאַרף זיין. וועלטלעכקייט טיילט דאָך נישט אָפּ דעם הימל פון דער ערד, איז פאַר איר אויך געטלעכקייט נאָר די העכסטע מדרגה פון מענטשלעכקייט. רעדט מען וועגן גאָט איבער דער וועלט, אויסער דער וועלט, וועגן זיין מהות און וועגן זיין פאַרזיכיקער עקזיסטענץ, קען מען זייער גרינג דערגיין ביז געצנדינעריי. וועלן מיר בעסער רעדן נאָר וועגן געטלעכקייט וואָס די גאַנצע וועלט, דער קאָסמאָס איז איר צימצום, און דער מענטש דאַרף שטרעבן צו דער פולקאָמער מענטשלעכקייט, וואָס איז במילא געטלעך. און אָט דאָס קאָלעקטיווע שטרעבן און באַמיען זיך פון גאַנצן פאָלק, דאָס איז די געטלעכקייט פון פאָלק ווי אַזאַ. ביי מיר אין די אויגן איז אַזאַ יידישקייט העכער פון דער רעליגיעזער. אַ רעליגיעזער ייד זאָגט: „שויתי ה׳ לנגדי תמיד" און אַ וועלטלעכער ייד זאָגט: „שויתי ה׳ בקרבי תמיד".

אין די צוויי ווערטער ליגט די גאַנצע נפקא מינה צווישן דעם רעליגיעזפרומען און אויסגעהאַלטענעם וועלטלעכן יידן. און די וועלטלעכע אויסגעהאַלטנקייט איז העכער, מאָראַלישער פון דער רעליגיעזער. מיר האַלטן נישט אַז מאָנאָטעיזם איז גאָר אַ סך העכער פון געצנדינעריי — כ׳מיין — מען קען דאָך דעם איינציקן גאָט אויך זיך פאָרשטעלן ענלעך צו אַ געץ. איז אין יידישקייט פון אייביק אַן געגאַנגען אַ שטרעבונג צו דעמאַטעריאַליזאַציע פון גאָטבאַגריף. עס קען זיין אויך אַ מאָנאָטעיסטישער גלויבן אין אַ קערפּערלעכן, מאַטעריעלן גאָט, און אַזאַ מאָנאָטעיזם איז לגמרי נישט העכער פון דער פּרימיטיווער געצנדינעריי.

נאָך אַ העכערע מדרגה פון דעם גאָט־באַגריף איז די פאָרשטעלונג אַז מענטשלעכקייט איז אַ מדרגה פון דער זעלביקער קאַטעגאָריע וואָס געטלעכקייט, נאָר מער נישט אַ סך נידעריקער, און דער מענטש דאַרף זיך באַמיען צו שטרעבן צו די העכסטע מדרגות. „מה הוא רחום, אף אתה כך". מיר פאַרבעמען זיך נישט מיט קיין טעאָלאָגיע, פאַר אונדז איז געטלעכקייט אַן אַטריבוט פון וועלט, פון לעבן, אָדער פאַרקערט, ווי עס איז צו דרינגען, אַפילו פון

אַ פּאָר ערטער אין גמרא, אַז די וועלט איז אַן אַטריבוט פון געטלעכקייט, און אַזוי דער גאַנצער קאָסמאָס. און דערפאַר שטעל איך די וועלטלעכע פרומקייט העכער פון דער רעליגיעזער. לאָמיר, בכן, רעזומירן:

א. פרומקייט בכלל איז אַ לעבן לויט באַשטימטע פּרינציפּן, אַ לעבן מיט געבאָטן און פאַרבאָטן;

ב. רעליגיעזע פרומקייט באַשטייט אין אויספאָלגן אַלע געבאָטן און פאַרבאָטן ווי זיי זענען פיקסירט און פעסטגעשטעלט אין אונדזער „שולחן ערוך", און אַלץ קומט „לשם יחוד קודשא בריך הוא", מיט דעם גלויבן, אַז גאָט וועט, אם ירצה השם, פאַר אַלץ באַצאָלן;

ג. וועלטלעכע פרומקייט אָבער איז אויך אַ לעבן מיט געבאָטן און פאַר־באָטן, אָבער נישט דווקא די וואָס זענען אויסגערעכנט אין שולחן־ערוך פאַר יענער צייט און אין יענע סיטואַציעס, נאָר ווי עס איז איצט אין אונדזער היינטיקן לעבן נייטיק פאַר דעם פאַרזיכיקן קיום פון יידישן פאָלק.

ד. די וועלטלעכע פרומקייט טראַכט נישט וועגן די פאַרדינסטן פון יע־דער יחיד באַזונדער אויף יענער וועלט, נאָר וועגן די באַדערפעניש פון יידישן כלל אויף דער וועלט, דאָ, בארצות החיים.

און מיר דאַכט זיך, ווען איך טראַכט זיך אַריין אין די אידייען פון די יידישע רעליגיעזע אויטאָריטעטן, פון די תקנות פון עזרא און הלל און פון אַלע שפּעטערדיקע, אַז אויך זיי האָבן אַלע געטראַכט וועגן דעם זעלבן, אויך זיי האָבן געהאַט אין זינען דעם קיום פון פאָלק אויף דער וועלט. אויך זיי האָבן געשטרעבט צו פאַרהייליקן אַלע תקנות פאַר דעם קיום פון פאָלק אין די אַקטועלע סיטואַציעס. די יידישע רעליגיע איז די פאַרהייליקונג פון דער אַק־טועלער יידישקייט פון יעדער תקופה, פון יעדער דור, זי שטרעבט צו פאַר־געטלעכן אַלע כסדרדיקע שאַפונגען פון יידישקייט אין יידישקייט. אָט דאָס איז דער מיטלפונקט וווּ עס מוזן זיך טרעפן די רעליגיעזע מיט די וועלט־לעכע געטרייע יידן.

דאָס איז אונדזער גלויבן, אונדזער יידישקייט.

מיט איין וואָרט — וועלטלעכע יידישקייט איז אויך אַ אמונה: אַ אמונה אין דער געטלעכקייט פון גאַנצן קאָסמאָס ביז זיינע קלענסטע דעטאַלן; אַ אמונה אין דער געטלעכער דערהויבנקייט פון מענטש; אַ אמונה אין דעם נסתרדיקן גייסט פון אונדזער יידישן פאָלק, וואָס האָט געשאַפן און ער שאַפט אַלע אונ־דזערע קולטור־ווערטן, און ער אַנטפּלעקט זיך אין זיי, ווי אונדזער אייביקע שכינה, — און אַ אמונה אַז יעדער יחיד, יעדער ייד מוז שטעלן אָט די פאָל־קיש־מענטשלעכע־געטלעכע יסודות העכער פון זיינע פּריוואַטע גלוסטונגען

און פאַרלאַנגען. אַ מענטש אָן דער אמונה איז נישט וועלטלעך, נאָר הפקרדיק און ער קען אַראָפּפאַלן נידעריקער פון די ערגסטע חיות, ביז צו דער מדרגה פון אַ טייוול (זע אויך: מורה נבוכים א׳, פ״ז, איבערהויפּט אין פּירוש יהודה קויפ־מאַן).

## אמונה און וועלטלעכקייט אין דער דערציִונג

מיט דעם קרעדאָ וועלן מיר איצט פּרובירן אַנאַליזירן די וועגן פון אונדזערע סיסטעמען פון דערציִונג.

מיר זענען פון אַמאָל נאָך באַרימט פאַר אָן עמאַ־פּזיזאַ — מען איילט זיך, נישטאָ קיין צייט, מען דאַרף כאַפּן גלייך. מיר ווילן די גאַנצע כל התורה כולה אַריינברענגען שוין אין קינדערגאָרטן. ציוניזם — איז באַלד און גלייך. מען דאַרף גאָר לגמרי נישט צוערשט שאַפן אַ באָדן פאַרן ציוניזם. אויב העברעיִש, — איז תיכף ומיד. מען דאַרף זיך מיט גאָרנישט נישט רעכענען, קיין זאַך שטערט אונדז נישט. אויב עס איז דאָ אַ משיח, טאָ זאָל ער קומען באַלד. און אַזוי איז אויך מיט וועלטלעכקייט. חס ושלום, עס זאָל אַ קינד דערהערן דאָס וואָרט גאָט! זאָל שוין טאַקע גאָט אַליין באַהיטן און באַשירעמען פון אַזאַ סכנה! מען טאָר גאָר ביי אַ קינד נישט אַנטוויקלען קיינע פאַרשטעלונגען, קיינע באַ־גריפן וואָס ער זאָל שפּעטער דאַרפן בייטן, ענדערן... אַזאַ מאָדנע טעאָריע איז פאַראַן ביי אַ סך וועלטלעכע לערער. אַז דאָס גאַנצע לעבן בייט אַ מענטש זיינע פאַרשטעלונגען און באַגריפן — דאָס אַרט זיי נישט. אַז קיינע אַבסטראַקטע באַגריפן קענען אין קינדהייט סיי ווי נישט געגעבן ווערן, — ווען אַרט עס? כלומרשט איז אַ לערער גענוג צו זאָגן, און שוין ווערן די תלמידים אויפגע־קלערט און זיי נעמען שוין אַלץ איבער ווי דער לערער האָט עס געמיינט. אַז עס איז אַ גרויסער מרחק פון דעם אינהאַלט וואָס דער לערער לייגט אַריין אין זיינע ווערטער ביז דעם אינהאַלט וואָס די תלמידים נעמען אַריין אין די זעלביקע ווערטער וואָס זיי הערן איבער פון דעם לערערס מויל, — פון דעם טראַכטן די לערער אָפּט לגמרי נישט.

אָבער אין פּעדאַגאָגיק עקזיסטירט אַ געזעץ, וואָס איז איבערגענומען פון ביאָלאָגיע, און דאָס געזעץ זאָגט, אַז אַ קינד דאַרף אין זיין אינדיווידועלער אַנטוויקלונג דורכמאַכן די ענלעכע סטאַדיעס וואָס זיין מין בכלל האָט דורכ־געמאַכט אין פילאָגענעזיס (אַנטוויקלונג פון מין בכלל), און בכן איז עס נאַ־טירלעך אַז אַ קינד זאָל אין זיין אָנטאָגענעזיס, אין זיין אינדיווידועלער גייס־טיקער אַנטוויקלונג אויך דורכמאַכן די אַלע סטאַדיעס פון דעם גאָט־באַגריף פון די פּרימיטיוויסטע, אַנטראָפּאָמאָרפישע. איידער אַ קינד קען נעמען טאַנצן,

דאַרף עס אַ צייט קריכן אויף אַלע פיר. עס איז מיר תמיד אַ רחמנות פשוט אויף די קינדער וואָס זייערע עלטערן אָדער לערערס באַמיִען זיך נישט צו דערלאָזן צו זיי דעם „אָפּגעשטאַנענעם" באַגריף פון אַ מאַטעריעלן גאָט. עס איז ביי מיר אַן אַלטער כלל, אַז אַ מענטש וואָס האָט אין זיין קינדהייט נישט געהאַט קיין גאָט אין הימל וועט זעלטן שפּעטער האָבן אַ גאָט אין האַרצן. אפשר איז אָט דער „גאָט אין הימל" אַן אומבאַדינגט נייטיקע סטאַדיע אין דער אַנט־וויקלונג פון מאָראַל ביי אַ מענטשן. איך האָב בכלל מורא פאַר דער ראַציאָ־נאַליסטישער, פּראַקטיש נוציקער דערציִונג. כלומרשט דאַרף מען די קינדער געבן אַלץ זאַכן וואָס זיי וועלן שפּעטער באַדאַרפן אין זייער פּראַקטישן לעבן. אָט די פּאָזיטיוויסטישע דערציִונג האָט נישט ווייניק צרות אָנגעטאָן דער מענטשהייט בכלל און פאַר אונדז ייִדן איז עס בכלל אַ סכנה... אויב דאָס פּראַקטיש נוציקע איז דער העכסטער ציל אין דער דערציִונג, טאָ ווער באַ־שטימט דאָס וואָס פאַרן קינד וועט זיין נייטיק? און דאָס הייבט אָן צו באַשטי־מען דאָס קינד אַליין, דעמאָלט ווערט עס דער מקור פון דעם ערגסטן וואולגאַרן עגאָיִזם. און דאָס קינד קען קיין מאָל נישט אונטערשיידן צווישן דעם וואָס עס וועט נוציק זיין און צווישן דעם וואָס עס גלוסט זיך מיר איצט... נישטאָ קיין טראַגישערע זאַך פאַר דעם לעבן פון אַ קינד און אַ מענטשן בכלל ווי אָט די פאַרשקלאַפונג צו די גלוסטונגען אָן אַן אינעווייניקסטער דיסציפּלין, וואָס ווערט דיקטירט פון העכערע פאָרשטעלונגען, זאָלן זיי זיין פּרימיטיוו ביז גאָר, ביז „גאָט זעט וואָס איך טו און ער זאָגט, אַז מען טאָר נישט"...

איך בין איבערצייגט, אַז דער פּאָזיטיוויזם אין דער דערציִונג האָט גע־בראַכט דער וועלט גרויסע צרות. וואָרום ווער באַשטימט עס וואָס פאַר מיר איז נוציק? דער טאַטע, די מאַמע? דער לערער? און ווו בין איך אַליין? און וואָס דרייען זיי מיר אַ קאָפּ מיט דעם וואָס איך וועל נאָך אַמאָל דאַרפן? איצט וויל איך, איצט דאַרף איך! נישטאָ קיין ערגערער קראַנקער ווי אָט די שקלאַפן פון די מאָמענטאַנע גלוסטונגען. זיי נעמען די גלוסטונגען פאַר פּאָזיטיוו־נו־ציקע, זיי פילן נאָר דעם מאָמענט... און אַלץ מוז ווערן און טאַטע־מאַמע ווערן קנעכט צו די גלוסטונגען פון די קינדער: מען מוז די קינדער נאָכגעבן, וואָ־רום ווען נישט וועט דאָך נאָך חלילה, קומען אַ שיפלות־קאָמפּלעקס! האָבן אינטעליגענטע מאַמעס זיך איינגעחזרט אַ פאַלש לידל. און עס וואַקסן אויס מענטשן אָן ווילן, אָן כוח זיך צו באַהערשן, זיך צו צווינגען עפּעס צו טאָן, עפּעס צו שאַפן, עפּעס אויפצוטאָן, אייביקע קנעכט פון יצר־הרע, און ער ווייס נישט און וויל נישט וויסן פון קיין גרענעצן: וואָס מער מען גיט אים נאָך, אַלץ מער גלוסט זיך אים נאָך און נאָך. אַ גאַנץ לעבן אַן אייביקע יאָגעניש צו באַ־

פרידיקן גלוסטונגען... אָרעמע מענטשן, נעבעך! און ווי אַ קעגנזאַץ צו דעם בלייבט פאָרט דער אַלטער זאָג: „איזהו גיבור? — הכובש את יצרו".

דאָ ליגט דער מקור פון דער גרעסטער טראַגעדיע פון דער היינטיקער יוגנט אין דער וועלט. און פאַר אונדז ייִדן אין די נייע ישובים איז די טראַגעדיע פיל מאָל גרעסער. די אַלטע טראַדיציעס זענען מער נישטאָ; דער גאַנצער איינגעשטעלטער שטייגער פון דעם אָרום איז ווידער נישטאָ. מיר לעבן אין די גרויסע שטעט. און שטאָט איז אַלע מאָל קנאַפּער מאָראַליש איידער אַ שטעטל, נישטאָ קיין נאָרמען; אַ גאַנצע און ברייט־פאַרצווייגטע אינדוסטריע פון קיצלדיקע פאַרוויילונגען, וואָס האַלטן אין כסדריקן רייצן נאָך און נאָך...

נישטאָ אין דער ייִדישער נייער סביבה קיין איינגעשטעלטע נאָרמען; טאַטעס, געקומענע פון דאָרטן, מיט דעם גאַנצן ייִדישן אימפּעט שפּאַנען זיך איין, יאָגן זיך נאָך „מאַכן געלט", און „איך האָב אין מיין לעבן זיך גענוג אָנגעהונגערט, ווייל איך אַז מיינע קינדער זאָלן פון דעם נישט וויסן...". וואַקסן קינדער אין אומגעצאַמטן ווילטאָג... טאַטעס מאַכן געלט און קינדער גיבן אויס, מאַכן אויס פון די עלטערנס מי און האָרעוואַניע. און ס'איז דאָ ווו אויסצוגעבן; ווי אַ מן פון הימל גיסט זיך אַ מבול פון פאַרוויילונגען — נאַ, צאָל און געניס! לעב אַ טאָג און נאָך מער — אַ נאַכט... ווו איז דאָ מאָראַל? ווען און ווער קען איינצאַמען? איינהאַלטן? הפקר. אויס!

און אַלץ וואָס רייצט צעשטערט די נערוון נאָך אין דער קינדהייט. שוין צו אַ יאָר פערצן איז אַלץ אויסגעפּרובירט, אַלץ צו זאַט, און שוין קיין נערוון נישטאָ מער. און וואָס וועט זיין צו פערציק? האָט מען אַ תרופה — ספּאָרטן! זייער גוט! איז נאָך דאָ דערביי אַ נאַרישער און אַ פאַלשער פּסוק, נאָך פון צעווילדעוועטן, צעלאָזענעם רוים, וואָס איז אַליין חרוב געוואָרן נישט פון די באַרבאַרן, ווי מען שרייבט, נאָר פון דער אייגענער ווילדער צעלאָזנקייט. און דער פּסוק זאָגט, אַז: „אין אַ געזונטן גוף איז אויך די נשמה געזונט". נישטאָ קיין גרעסערער אָפּלייקענער פון דעם זאַץ, ווי די רוימישע געשיכטע גופא. דאָט מען נאָך דערצו דעם אין תוך געזונטן ספּאָרט אויך פאַרוואַנדלט אין שפּיל און אין שיכרות פון אַזאַרט, און פון שיכרות קען שוין זיכער קיין געזונט נישט צוקומען. און די שטאַרקסטע מוסקולן מיט קראַנקע, צעריסענע נערוון זענען פאָרט קראַנק. דאָס זענען די רעזולטאַטן פון דער „פיזישער דערציִונג", פון די קאָמפּעטיציע־שפּילן, פון די אַזאַרט־שיכרותן. עס איז פּונקט פאַרקערט ריכטיק אַ נייערע טעאָריע, אַז ביי אַ געזונטער נשמה איז אַפילו דער שוואַכער גוף אויך געזינטער. די תורה איז נאָך צו אונדזעו'ע מאָדערנע ייִדישע היימען נישט דערגאַנגען. און נישט דערגאַנגען, ווייל עס איז נישט אין מאָדע, און די מאָדע ווערט דיקטירט דורך די גרויסע און רייכע ספּאָרט־אינדוסטריעס מיט

זייערע מיליאָניקע אַנאָנסן, וואָס קיין צייטונג און קיין פּובליקאַציע בכלל וועט נישט וואַגן אַרויסצוטרעטן קעגן...

אָט אַזוי גייט עס, און אין די באַדינגונגען פון אונדזער לעבן אין די נייע לענדער איז אָט די דערציִונג ממש געפערלעך. פריִער, בעת דאָס קינד איז נאָך קליין זענען די עלטערן גרייט טאָג און נאַכט צו טאָן אַלץ כדי „דאָס קינד זאָל זיין צופרידן" און שפּעטער, ווען דאָס קינד וואַקסט אויס זעען זיי זיך ערשט אַרום ווי אומגליקלעך איז עס זייער קינד מיט זיינע גלוסטונגען. דעמאָלט וועלן זיי זיך קלאָגן און וויינען „פאַרוואָס גאָט האָט מיך געשטראָפט מיט אַזוינע קינדער?!". וויפל מאָל מיר איז עס אויסגעקומען צו הערן.

איך טראַכט אָפט: וואָס גרעסער עס איז דער מענטש, אַלץ געפערלעכער זענען זיינע טעותים: הערבערט ספּענסער האָט געבראַכט דער וועלט אַ גרויסן שאָדן מיט זיין פילאָסאָפישער באַגרינדונג פון אָט דער פּאָזיטיוויסטער דערציִונג.

ניין! עס טאָר נישט זיין קיין דערציִונג אָן אמונה, אמונה ווי אַ געפיל, אַ שטרעבונג קען ראַטעווען די מענטשהייט פון אַ סך דעמאָראַליזירנדיקע השפּעות. אמונה און וועלטלעכקייט זענען לגמרי נישט קיין קעגנערס, אַ וועלטלעכער מענטש דאַרף אויך האָבן זיין אמונה, זיין אידעאָלאָגיע, זיינע אידעאַלן, זיין וועלטלעכע אמונה.

און נאָך ווייטער: די וועלטלעכע טאָרן זיך נישט דערשרעקן ווען ביי די קינדער איז פאַראַן אַ נידעריקערע רעליגיעזע אמונה מיט אַ סך גראָבע אַנטראָפּאָמאָרפיזמען, ווען קינדער שטעלן זיך פאָר גאָט אַפילו מגושמדיק. מיר געדענקען דאָך דעם ביאָגענעטישן געזעץ, אַז דער אינדיווידו דאַרף דורכמאַכן די אַנטוויקלונג־סטאַדיעס פון זיין מין... זענען די האַמעטנע מאַטעריאַליסטישע פאָרשטעלונגען פון די קינדער אַ מדרגה אין זייער אַנטוויקלונג צו די העכערע מדרגות פון באַגריפן און פאָרשטעלונגען. איידער אַ מענטש קען דערגיין צו דער מדרגה פון „שויתי ה׳ בקרבי" דאַרף ער דורכגיין דורך דער מדרגה פון „שויתי ה׳ לנגדי תמיד". איך האָב תמיד מורא פאַר גאָטלאָזע קינדער. פאַרשטייט זיך, אַז מען דאַרף אויף דער מדרגה די קינדער נישט לאָזן. דאָס גאַנצע לערנען אַלע לימודים, די הומאַניסטישע ווי די עקזאַקטע דאַרפן אַלע שטרעבן דער תלמיד זאָל דערפילן די געטלעכקייט אַרום זיך אין דעם קאָסמאָס און אַפילו אין די שאַפונגען פון מענטשן אויך. דאָ צעגייען מיר זיך מיט די פרומע. זיי ווילן בלייבן ביי איין פונקט, ביי די ווערטער פון דער פאַרשריבענער הלכה און נישט גיין ווייטער. און מיר האַלטן אַז יידישקייט איז אַ פּראָצעס וואָס טאָר זיך נישט אָפּשטעלן קיין מאָל. באַגריפן בייטן זיך און מוזן זיך בייטן, עס מוזן צוקומען נייע אידייען אין יידישקייט, און נייע פאָרשטעלונגען דאַרפן פאַר־

בייטן די אַלטע און פאַרעלטערטע און די נייערע באַגריפן — אויף וויפל נאָר זיי זענען אָרגאַניש יידישע, אויף וויפל זיי דרינגען אַרויס פון די עלטערע פאָרמען און באַגריפן, אויף וויפל זיי שיידן זיך אָפּ פון אַנדערע פרעמדע באַגריפן, אויף וויפל זיי זענען אָרגאַניש יידישע, אויף וויפל זיי האָבן דעם לשם יחוד פון קיום האומה, — אויף אַזוי פיל זענען זיי הייליק נישט וויניקער פון די אַלטע און קאַנאָניזירטע. מיט דעם כלל אַז יידישקייט טאָר קיין מאָל נישט בלייבן פאַרשטיינערט, פאַרגליווערט, פאָסיל. „אי אפשר לבית המדרש בלי חידוש". אונדזערע פרומע באַגייען אַ גרויסע זינד וואָס זיי ווילן נישט אָנערקענען קיין חידוש, נישט אין דער הלכה פון יידישקייט און אַזוי אויך נישט אַפילו אין דער אגדה. נישט קיין קלענערע עבירה באַגייען די אַלערליי רעפאָרמער און קאָנסערוואַטיווע דערמיט וואָס אַלע זייערע נייערע באַגריפן און נאָרמען שטאַמען גאָר פון דער פרעמד. נישטאָ ביי זיי דער „מן התורה מנין?", וואָס מיר אידענטיפיצירן מיט אַ צווייטער פאָרעם „מן היידישקייט מנין?".

ווידער איז פאַראַן אַן אונטערשייד צווישן וועלטלעכקייט און רעליגיעזקייט אין דעם וואָס די רעליגיעזע רופן צו אַן אמונה אין אַ גאָט מחוץ דער וועלט און מחוץ דער יידישקייט. און די וועלטלעכקייט לערנט צו זוכן דאָס געטלעכע אין דער וועלט און אין לעבן, צו שטרעבן צו דעם.

מיר זעען אין די רעליגיעזע דאָס זעלביקע וואָס די פּאַרציייטיקע פּרושים האָבן געזען אין די צדוקים וואָס האָבן געוואָלט אָנערקענען נאָר די תורה שבכתב, נאָר דאָס פאַרשריבענע און דאָס פיקסירטע, עד כאן און נישט ווייטער. דאָס איז דער וועג פון די צדוקים, וואָס זייער תורה (יידישקייט) איז געוואָרן אַן „אָפּגעשניטענע" ווי עס דריקט זיך אויס דער תלמוד. יידישקייט, זאָגן זיי, איז געגעבן געוואָרן פון גאָט פאַרטיקערהייט. דאָס יידישע פאָלק קען גאָר נישט שאַפן קיין געטלעכע שאַפונגען, און די שאַפונגען וואָס ווערן יאָ געשאַפן אין יידישקייט זענען נישט געטלעך און נישט הייליק. איז די אמונה פון די אָרטאָדאָקסן אַן אמונה אין גאָט, אָבער נישט אין יידישקייט, נישט אין דער שעפערישקייט פון יידישקייט. זענען זיי בפירוש כופרים, לייקענער, מעגן זיי אַפילו דאַווענען צען מאָל אַ טאָג. דערפאַר איז זייער יידישקייט נישט קיין תורת חיים, נישט קיין תורה פון לעבן. אַ בוים וואָס שאַפט נישט מער קיין נייע בלעטער און נייע פרוכט איז שוין טויט, אַזוי איז אויך אַ פאָלק וואָס זאָגט זיך אָפּ פון צו שאַפן נייע קולטור־ווערטן, איז שוין במילא נישט מער קיין לעבעדיק פאָלק. און מיר טאָרן נישט וועלן בלייבן אָנגעהעריקע צו פאַרשיידענע לאַנד־פעלקער מיט אַ פאַרשטיינערטער באַזונדערער רעליגיע.

אָבער פונקט אַן ענלעכן חטא באַגייען אויך די וועלטלעכע יידן נאָר פון

דער פאַרקערטער זייט. זיי זאָגן זיך אָפּ פון אַלץ וואָס עס איז ביי ייִדן פאַרהייליקט רעליגיעז, ווייל אַלץ איז מוקצה מחמת רעליגיע. און וואָס איז ביי ייִדן נישט פאַרהייליקט רעליגיעז? די גאַנצע עלטערע טראַדיציע, הגם עס שטאַמט פון וועלטלעכן מקור, איז דאָך במשך פון דורות געוואָרן פאַרהייליקט. בכן, איז אויך ביי די וועלטלעכע פאַראַן נאָר אַ פּאַרציעלע ייִדישקייט, באַקומט זיך אַ מין גלייכוואָג אַזאַ. אַ מין „שנים אוחזין בטלית, זה אומר חצי שלי וזה אומר חצי שלי”. ביידע צדדים ווילן נישט מער ווי אַ טייל פון ייִדישער קולטור. און קיינער פון די ביידע צדדים באַמיט זיך נישט צו אַסימילירן דעם צווייטנס חלק אין אייגענעם פאַרמעגן אַריין לויט זיין פאַרזיכיקן וועלט־באַנעם. ווילן די רעליגיעזע בשום אופן נישט וויסן פון דער גאַנץ רייכער נייער וועלטלעכער קולטור וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין ביידע ייִדישע שפּראַכן, ווילן זיי נישט אָנערקענען די גאַנצע ייִדישקייט שבעל־פּה, אַפילו נישט פון די פרומע. האַלט מען זיך פאַרעקשנט נאָר ביי דער ייִדישקייט שבכתב, ביי די תלמודישע ספרים און מער נישט. זאָגן די וועלטלעכע פאַרקערט: אַלץ וואָס עס איז ביי ייִדן פאַרהייליקט, דאָס „לאָזן מיר פאַר די רבנים”... ציִען די צוויי צדדים פון ביידע זייטן, דער אַהער און יענער — אַהין, ביז, חלילה, די באַרימטע גאַלדענע קייט וועט זיך איבעררייסן אין גאַנצן.

די רעליגיעזע האָבן דאָך אָבער אַ מעלה: זיי היטן אַ שטייגער, זיי האָבן הייסט עס אַ באַשטימטע פּראַקטיק. האָבן זיי אַ סך באַאַמטע, וואָס אַרבעטן ווי זיי קענען, אָבער מען אַרבעט אויף די געביטן פון רעליגיע. האָבן זיי טעמפּלען, סינאַגאָגן. — גוט און נישט גוט, אָבער עס איז דאָ. האָבן זיי העכערע שולן, ישיבות, ווערט עס אַלץ צוזאַמען אַ גרויסער כוח. האָבן זיי טראַדיציעס פון דורות. זענען זיי אָפּט אומפּאַסיק אין די נייע פאָרמען פון ייִדישן לעבן, אָבער זיי זענען דאָ! איז דאָס אַלץ אַ כוח.

האָבן אָבער די וועלטלעכע גאָרנישט, מען האָט נישט קיין שטייגער, מען האָט נישט קיין עקזעקוטיוו ווער עס זאָל אָנפירן מיט דעם שטייגער. האָדעוועט זיך קינדער אָן אַ שטייגער, בלייבט די גאַנצע ייִדישקייט אַ תולה על בלימה. זענען די וועלטלעכע שולן כמעט אַלע נאָר אָנהייב־שולן, ווו עס איז אוממעגלעך דערוויייל צו אַנטוויקלען אַ וועלט־באַנעם — צו יונג זענען די קינדער, זיי זאָלן אים קענען באַנעמען. האָט די וועלטלעכע דערציִונג זעלטן אַ דיכטיקן המשך. זענען אַלע אידייען בלויז טעאָריע, אָבער אָן פּראַקטיק גייט אויך די טעאָריע אין איר גרעסטן טייל פאַרלאָרן. ייִדישקייט אָן פּראַקטיק, אָן איינגעשטעלטע נאָרמען קען זיך נישט האַלטן. דאָס איז געווען דער דעפעקט פון טייל ייִדישע פילאָסאָפן וואָס האָבן פאַרלאַנגט „ריינע” ייִדישקייט, ד״ה: נאָר דאָגמעס צו גלייבן אין זיי. דאָס האָבן אויך פאַרלאַנגט די משכילים...

אויף דעם אָבער זאָגט נאָך די גמרא, אַז אויב די טעאָריע איז מער פון דער פּראַקטיק (תורתו מרובה ממעשיו) קען עס קיין קיום נישט האָבן. דאָ איז די שוואַכקייט פון וועלטלעכער ייִדישקייט. מיר האָבן מורא פאַר דער אויסייִדי־שונג. מיר זענען עדות פון דער גרויסער און ברייטער אַסימילאַציע וואָס איז באמת נישט קיין אמתע אַסימילאַציע, עס איז אין תוך אַריין אַ לאַנגער פּראָ־צעס פון פאַרלירן ייִדישקייט, פון אויסייִדישונג אָבער עס איז נאָך ווייט נישט קיין אַריינלעבן זיך אין אַנדערע קולטורן, פון אַנדערע פעלקער. אמת. מיר ווייסן שוין פון לאַנג, אַז איבערנעמען אַ קולטור, אַריינלעבן זיך אין איר ביז זי זאָל ווערן אָרגאַניש דאַרפן אַריבערגיין דורות. דאָס לערנט מען נישט אויס, דאָס קען מען נישט איבערנעמען מיטן רעדן די שפּראַכן. דאָס זענען אין בעסטן פאַל נאָר די שאָלעכצן פון קולטורן, אָבער אָן די קערנער, אָן דעם יאָדער. ווייסן מיר דאָס, אַז קיין אַסימילאַציע איז עס נישט, אָבער אַן אויס־ייִדישונג איז עס דאָך פאָרט! די ייִדישקייט גייט דאָך זיכער פאַרלאָרן. איז די וועלטלעכע ייִדישקייט אויפן ערשטן פייער. אַ געניוער באַלאַנס פון דעם פאַר־מעגן אונדזערן, פון די טענדענצן וואָלט פאַרנומען צו פיל אָרט, אָבער קיין פריילעכער איז ער זיכער נישט.

עס איז אמת, אַז אויך דער רעליגיעזער שטייגער און די גאַנצע טעאָריע און פּראַקטיק זענען אָך און וויי. עס איז זייער ווייט פון אהבת ישראל; עס איז ניטאָ אויך דאָרטן קיין נטיה צו פאָלקישקייט, ווען מיר האָבן נאָך געהאַט אַזאַ, דערפאַר איז ייִדישקייט שוואַך אויף אַלע פראָנטן.

איך האָב גרויס דרך־ארץ פאַר דער ייִדישער רעליגיע, ווייל זי איז די דורותדיקע ייִדישקייט — ייִדישקייט און תורה — איינס און דאָס זעלביקע. אָבער איין תנאי: די רעליגיע מוז אַריינגעמען אונטער איר טלית אויך די וועלטלעכע ייִדישקייט, אַלע אירע שאַפונגען, הן וואָס בכתב און הן וואָס אין שטייגער, אין דער פּראַקטיק, במעשה.

און פאַרקערט, בין איך אַ געטרייער אָנהענגער פון דער וועלטלעכער ייִדישער קולטור ווי אין שטייגער, אַזוי אויך אין אַלע אירע קונסט־פאָרמען. אָבער איין תנאי: זי מוז אַריינגעמען אין איר סכום אויך די גאַנצע ייִדישע רע־ליגיעזע קולטור; אויסטייטשן זי אין די דרכים פון דער וועלטלעכער פילאָ־סאָפיע פון המשכדיקייט, ענדערלעכקייט, אָבער גאַנצקייט.

ייִדישקייט איז אַן אָרגאַנישע גאַנצקייט, איין „גאָלדענע קייט", פון אברהם אבינו און ביז אונדז. מען טאָר קיין אָרגאַניזם נישט שנײַדן, נישט שפּאַלטן, נישט אַרויסנעמען קיין שטיקער. קיינע אָרגאַנען פון אַן אָרגאַניזם קענען אַליין נישט בלייבן לעבן. אַפילו אַ זייגער, אַ מעכאַניזם. ווען מען נעמט אַרויס פון אים איין רעדל, איין שרייפל, איז דער גאַנצער מעכאַניזם צעבראָכן און טויט.

אַ פּשיטאַ שוין אַ קולטור פון אַזאַ אַלט פאָלק. אָט די שפּאַלטונגען אונדזערע — זיי שטעלן אין סכנה אונדזער וויטערדיקן קיום, אין זיי די גרעסטע סכנה.

אָט די גאַנצקייט פון ייִדישקייט איז אַן אָרגאַנישע וואָס וואַקסט און אַנט־וויקלט זיך. האָט נאָך דער רמב״ם, וואָס זאָגט אין זיינע עיקרים אַז די תורה וועט זיך נישט ענדערן און טאָר זיך נישט ענדערן, דאָך געוווּסט צו זען די אַנטוויקלונג פון דת אברהם ביז דת משה. מעגן מיר גיין אויך ווייטער און זען די אַנטוויקלונג פון דער תורה פון די נביאים ביז דער ייִדישקייט פון הלכות און ביז די תשובות הגאונים און ביז די תקנות פון די חכמי אשכנז, וואָס האָבן אַלע געשטרעבט צוזופאַסן די באַדינגונגען צו ייִדישקייט און די ייִדישקייט צו דער צייט און תנאים. דאָס איז די גאַנצקייט פון אַ מעכטיקן בוים וואָס איז איינס פון דעם קליינעם זאָמען ביז די שטאַרקע וואָרצלען, דעם שטאַרקן, פאַר־האַלטן שטאַם דורך די ברייטע צווייגן ביז די צאַרטע, העכסטע, דינסטע גרינע בלעטלעך און ביז די בלומען מיט זייערע פּרוכט וואָס דערפרייען וועלט און מענטשן און ביז די קליינע זאָמען, וואָס טראָגן אין זיך די פּאָטענצן פון ווייטערדיקן לעבן און פאַרמערונג.

ווּעלן מיר פּרוּוון רעזומירן בקיצור דאָס געשריבענע דאָ:

1. אַ מענטש מוז פאַרמאָגן אַ גלויבן, אַ אידעאַל, אַ אמונה. מענטשן אָן אַן אמונה זענען טראַגיש פאַר זיך אַליין און זיי זענען טראַגיש פאַר זייער סביבה. אַ מענטשלעכער קאָלעקטיוו אָן אַן אמונה קען חרוב מאַכן די גאַנצע וועלט.

2. אַ קולטור וואָס איז נישט באַזירט אויף אַן אמונה איז שעדלעך, ווייל זי דעגענערירט אין עגאָיִזם, אין צביעות, אין פאַלשקייט. אַ דערציִונג אָן אַן אמונה איז ווידער געפערלעך. זי גיט איבער די מענטשהייט אין הענט פון טיִיוּל, פון הפקרישקייט. אַזאַ דערציִונג איז מסוכן, אַ האַק אין די הענט פון אַ גזלן (פערסטער).

3. אונדזער אמונה איז אין געטלעכקייט ווי די העכסטע מדרגה פון מענטשלעכקייט, וואָס די מענטשהייט דאַרף צו איר שטרעבן. און אַזוי מוז עס טאָן אויך די דערציִונג. אַ גאָטלאָזע דערציִונג איז אויך אַן אוממענטשלעכע דערציִונג.

4. וועלטלעכע ייִדישקייט איז אַ טיפע אמונה אין אייביקער ייִדישקייט וואָס ציט זיך דורך דורות אָן אַן איבעררייס, מיט ענדערונגען, פּושט צורד ולובש צורה, אָבער גאַנץ, נישט געשניטן.

5. יעדער דור און יעדע תקופה נעמט איבער און מוז איבערנעמען די ייִדישקייט פון אַלע פריערדיקע דורות און תקופות און מען לערנט זיי לויט

דער אידעאָלאָגיע פון דעם דור, פון דער תקופה. יעדער דור — די גאַנצע יידישקייט מיט זיין פשט און מיט זיין דרש.

6. יעדער דור נעמט איבער די פּראַקטיק פון אַלע פריערדיקע דורות, ענדערט זי, לייגט אַריין אין איר זיין געפיל, זיין פשט, זיין אידעאָלאָגיע.

7. די אמונה ביי קינדער מוז דורכמאַכן אירע אַנטוויקלונג־מדרגות פון פּשוטן אַנטראָפּאָמאָרפיזם ביז דער אַבסטראַקטער געטלעכקייט, וואָס דער גאַנ־צער קאָסמאָס איז איר אַנטפּלעקונג, כדי עס זאָל שפּעטער קענען קומען דער "שויתי ה׳ לנגדי תמיד" בקרבי תמיד, דאַרף פריער זיין דער. די מאָ־ראַלישע פּרינציפּן פון לעבן דאַרפן זיין אַזוי שטאַרק איינגעפלאַנצט ווי עס זענען די געזעצן אין דער נאַטור.

8. די רעליגיעזע יידישקייט ווי אויך די וועלטלעכע זענען ביי היינטיקן טאָג נאָר פּאַרציעלע יידישקייט, נישט קיין גאַנצע, נישט קיין פולע.ביידע פעלט אהבת ישראל. די אמתע יידישקייט מוז זיין גאַנץ אין איר אַנטוויקלונג, גאַנץ אין איר היסטאָרישער אַנטוויקלונג און גאַנץ אין איר איינהייטלעכער אידעאָלאָגישער אינטערפּרעטאַציע, אין די באַגריפן און באַנעמען, פון דעם אינטעגראַלן און אַקטועלן וועלט־באַנעם.

9. וועלטלעכע יידישקייט איז נישט קיין „פרייע" יידישקייט, נישט קיין הפקר, און מען מעג טאָן אַלץ, וואָס עס ווילט זיך און וואָס עס גלוסט זיך. אויך וועלטלעכע יידן האָבן טראַדיציעס וואָס מען מעג און וואָס מען טאָר נישט. און אויך וועלטלעכע יידן האָבן געירשנט די יידישע קולטור; אויך זייערע אבות זענען געשטאַנען אויפן באַרג סיני. נישט אין מעגן אַלץ, נישט אין „פרייקייט" פון אַלץ איז וועלטלעכקייט.

10. וועלטלעכקייט מיינט יאָ אויפנעמען די גאַנצע יידישקייט צוליב וועלטלעכע מאָטיוון, לויט אַ וועלטלעכן אויסטייטש פון אהבת ישראל און צו וואָס? — לשם קיום ישראל; וועלטלעכע יידישקייט באַמיט זיך אויך אָפּצו־היטן די יידישע טראַדיציעס אויף וויפל זיי זענען יאָ דערגאַנגען ביז אונדז, אויף וויפל זיי שטייען נישט קעגן אַלע אונדזערע פּרינציפּן פון אונדזער היינ־טיקן וועלט־באַנעם; אויף וויפל מיר קענען היינט אַריינגעבן אין זיי אונדזער היינטיקע יידישקייט, אונדזער אמונה אין יידישקייט.

11. אויך וועלטלעכע יידישקייט דערלויבט נישט מחלל צו זיין יידישע טראַדיציעס, סתם כדי צו זיין קעגן, ווייל מען איז „פּראָגרעסיוו", קעגנעריש. וועלטלעכע יידישקייט איז נישט קיין רעוואָלט קעגן יידישקייט, נאָר אַ עוואָ־לוציאָנערער שטאַפּל אין אונדזער יידישער אמונה. וועלטלעכקייט איז נישט געווענדט צו אַ גאָט אין הימל מיט אַלע זיינע אַטריבוטן, נייערט צו דער געט־

לעכקייט אין יידישקייט, צו דער געטלעכער יידישקייט, צו די פאָרמען פון יידישקייט וואָס האָבן אונדז דערבראַכט ביז אַהער און וואָס צייכענען אונדז היינט אויס ווי אַ באַזונדער פאָלק צווישן אַלע אַנדערע פעלקער, עם אחד בארץ.

12. וועלטלעכע יידישקייט איז, בכן, אויך אַן אמונה מיט טראַדיציעס, מיט געבאָטן און פאַרבאָטן. אויך וועלטלעכע יידישקייט מוז אין דער היינטיקער וועלט פון מאַסן־פּראָדוקציע, פון מאַסן־אידייען און מאַסן־פּסיכיק האָבן אַ באַזיס פון אָנשטרענגונג, פוי ווילקן אָפּגרענעצן זיך פון אַנדערע. אין אַ וועלט פון מאַסן־שטייגער, מאַסן־ציוויליזאַציע קען אַ יידישע מינדערהייט נישט האָבן קיין קיום, נישט אָפּהיטן איר אייגענעם קולטורשטייגער אָן אַן אָנשטרענגונג, אָן אַ סיג (קמץ יוד) און אַ גדר: מיר פירן זיך אַזוי, מיר טוען דאָס און מיר טוען נישט דאָס כדי מקיים צו זיין אונדזער יידישקייט. וועלטלעכע יידישקייט טאָר נישט זיין קיין „ריינע" יידישקייט, בלויז פון קרעדאָס, פּרינציפּן אָן פּראַקטישע פּרינציפּן אין שטייגער, אין נאָרמען פון אויפפיר אין היים און אין געזעלשאַפט. יעדער וועלטלעכער ייד דאַרף אויך האָבן זיין „שולחן ערוך" פון מצוות און עבירות פאַר זיין שטייגער אין זיין לעבן.

וועלטלעכע יידישקייט איז אָבער אַנדערש פון דער רעליגיעזער אין אַ גאַנצער ריי פּונקטן:

א. די צילן פון וועלטלעכער יידישקייט זענען אַנדערע: נישט פאַר שכר ועונש, נישט צוליבן גן־עדן און נישט מחמת מורא פאַרן גיהנום פירט זיך אַז אַ וועלטלעכער ייד היט אָפּ זיין יידישקייט. נייערט פאַרן קיום פון פאָלק; נישט פאַר גאָט, נאָר פאַר דער פאָלקישער געטלעכקייט.

ב. די רעליגיעזע יידישקייט איז אָפּגעשלאָסן, באַשטימט: אַזוי האָבן איינגעשטעלט די קדמונים בשעתם פאַר אַלע דורות און אַזוי מוז יידישקייט בלייבן לעולם ועד. וועלטלעכע יידישקייט איז אָבער אָפן: די מיצוות און עבירות דאַרפן איינגעשטעלט ווערן לויט צייט און אָרט.

ג. די רעליגיעזע ווילן נישט אָנערקענען די הייליקייט פון יידיש־לשון, ווייל עס שטייט נישט בפירוש אין שולחן־ערוך. גלייבט אָבער די וועלטלעכע יידישקייט אַז יידיש־לשון איז דער ערשטער סימן מובהק פון יידישקייט און דאַרף געשטעלט ווערן בראש פון אַלע מצוות.

ד. די רעליגיע שיידט שטרענג אָפּ בין קודש לחול. די ספרים זענען הייליק, די זענען נישט הייליק, „חיצונים" זענען זיי, טריף־פּסול זענען זיי וכדומה. זאָגט אָבער וועלטלעכע יידישקייט, אַז אין יעדער תקופה און אין יעדער דור דאַרפן און מוזן געשאַפן ווערן ספרים וואָס זענען נישט ווייניקער הייליק בקדושת הפאָלק. דאָס זענען ווידער „ספרי האומה" אויב אין זיי דריקט זיך

אויס דער גייסט פון פאָלק פון זייער צייט, אויב אין זיי קומט צום אויסדרוק די יידישע אייגנטימלעכקייט פון זייער דור. די יידישע שעפערישקייט האָט זיך לגמרי נישט געענדיקט, און אונדזערע ספרים קענען אויך זיין נישט סתם קיין „ליטעראַטור" לשם פאַרוויילן דעם לייענער מיט קונסט, נייערט עס שלאָגט אין זיי דער אָטעם פון קיום־האומה און די זאָרג דערפאַר. און אָט די ספרים זענען קודש נישט ווייניקער ווי די פון ערשטן קאנאָן (תנ"ך) און פון צווייטן קאנאָן (תלמודישע ליטעראַטור) און זיי מוזן פאַרנעמען דעם געהעריקן אָרט אין דעם לערנען פון פאָלק פאַר קינדער, פאַר יוגנטלעכע און פאַר עלטערע, לויט זייער מדרגה. און די מדרגה זייערע איז פונקט ווי די חכמי התלמוד האָבן עס פעסטגעשטעלט בשעתם פאַר זייערע שאַפונגען, — בראש, פריער. פון אַקטועלן צום פריערדיקן. און אין דער יידישער נייער ליטעראַטור אין יידיש און אין העברעיש זענען פאַראַן ספרים וואָס האָבן פאַרדינט די מדרגה פון קדושה בקדושת הפאָלק. דור־דור און זיינע שאַפונגען און זיי מוזן אַריינגעפירט ווערן אין שטייגער פון פאָלק און שול און אין לעבן.

ה. די אמת־וועלטלעכע דערציִונג דאַרף נישט אונטערשיידן צווישן לימודי־קודש און לימודי־חול. אַלע לימודים, די אַלגעמיינע אַריינגענומען דאַרפן האָבן זייער ציל טאַקע די קדושה, — נישט די פּראַקטישע נוצן, נייערט די שיינקייט און די גרויסקייט פון דעם גאַנצן באַשאַף. אַלע לימודים דאַרפן שטרעבן און זיי דאַרפן אַזוי געלערנט ווערן זיי זאָלן דערהייבן די נשמה פון די תלמידים און אַנטוויקלען אין זיי דעם שכל צו זוכן, דאָס געפיל פון געטלעכקייט אין דער נאַטור, אין דעם קאָסמאָס, אין דעם גאַנצן אַרום. אויך דאָס וואָכעדיקע דאַרף זוכן די קדושה און דאַרף שטרעבן צו איר. אויך דאָס איז אַ טייל פון דעם אחד פון אונדזער אמונה.

# עגאָפּאָביע

מיט דעם וואָרט באַצייכענען מיר אַ ספּעציפיש שטריך אין יידישן כאַראַקטער, וואָס דריקט זיך אויס אין אָן אַ שיעור פאָרמען און האַנדלונגען. דאָס אַלגעמיינע איז אין דעם, וואָס מען שעצט אַל דאָס יידישע נידעריקער, קנאַפּווערטיקער ווי אַל דאָס נישט־יידישע. עס קען דערגיין ביז צו ביטול, ביז צו האַס, שינאה. קוים איז עס יידישעס, איז עס במילא נישט וויכטיק, נישט ווערטפול, ווייס איך וואָס. דער דאָזיקער שטריך, די ערגערע באַציִונג צו אַלץ וואָס עס איז יידיש מצד די יידן גופא איז נישט קיין נייעס. מען האָט שוין וועגן דעם געשריבן און גערעדט — נאָך מערער. מיר איז אָבער נישט באַקאַנט קיין פולערע אָפּהאַנדלונג וועגן אַלע פאָרמען ווי דער דאָזיקער שטריך — די ביטול און האַס־באַציִונג — דריקט זיך אויס אין לעבן און ווי ער ווירקט אויף אונדזער גאַנג אין דער געשיכטע. צי האָט אָט־די ספּעציפיש־יידישע עגאָפּאָביע אַ השפּעה אויף אונדזער לעבן אָדער נישט, און אויב יאָ, טאָ אין וואָס און ווי אַזוי?

אָט אויף די פראַגעס באַמי איך זיך צו געבן אַן ענטפער אין דער אַרבעט.

אָנגעהויבן צו פאַרנעמען זיך מיט דער פּראָבלעם האָב איך נאָך אין 1929 און דווקא אין ווילנע. דער געאָגראַפישער פּרט איז דאָ וויכטיק, ווייל מען איז איצט, נאָכן גרויסן חורבן, יעוווינט ביי אונדז אַלץ צו וואַרפן אויף די נייע ישובים. כלומרשט איז דאָרטן פאַרן חורבן אַלץ געווען גוט און פיין, נאָר אין די נייע ישובים, און נאָך דעם חורבן זענען מיר געוואָרן שלעכט. די דאָזיקע פאַלשע חשבונות ברענגען צו פאַלשע אויספירן. ניין, מען דאַרף זאָגן דעם אמת: אויך דאָרטן און דעמאָלט, אויך אין ווילנע, אין דער אמתער ירושלים דליטא, וואָס קיינער פון אונדז — ווילנער — וויל נישט חלילה פאַרמינערן איר גרויסן ווערט אין דער יידישער קולטור־געשיכטע, אויך דאָרטן האָט די עגאָפּאָביע נישט פריי געלאָזן דעם יידן; אויך דאָרטן איז זי טיף געזעסן אין אונדז. צוליב פאַרשיידענע סיבות פון דרויסנדיקן כאַראַקטער, האָט זי נישט געקאָנט זיך צעוואַקסן, זיך אַרויסווייזן אין איר גאַנצער גרייס ווי אין די נייע ישובים, אָבער די עגאָפּאָביע — איז אַ סך עלטער פון די נייע ישובים, זי איז נישט

אין די ישובים, נאָר אין אונדז איז זי און מיר ברענגען זי מיט זיך וווּהין מיר קומען, ווו מיר אָרדענען זיך איין, ווו מיר באַזעצן זיך. מיר האָבן נאָך אין ווילנע, בשותפות מיט עלטערע תלמידים פון יידישן לערער־סעמינאַר גע־קליבן און פאַרצייכנט פאַקטן ווו די עגאָפאָביע ווייזט זיך אַרויס.

איך האָב אויך דער טעמע נישט איין מאָל געשריבן, אָבער נאָך קיין מאָל נישט געפּרובירט מאַכן אַ כוללדיקע אַרבעט, וואָס זאָל אַרומנעמען די פּראָ־בלעם פון אַלע זייטן — ווי איר השפעה אין לעבן, אַזוי אויך די אַנטוויקלונג פון דער אייגנשאַפט. וויל איך זיך דאָס באַמיִען צו מאַכן אין דער אַרבעט. הלוואי זאָל עס מיר געלינגען.

## עגאָפאָביע ווי אַ פאַקטאָר פון אונדזער געשיכטע

פאָלק ווי אַ קאָלעקטיווער איינס. די מענטשהייט איז צעטיילט אויף פעלקער. און איטלעכס פאָלק באַזונדער שיידט זיך אָפּ פון צווייטן מיט אַן אַ שיעור אייגנשאַפטן, וואָס זענען געמיינזאַם אַלע מיטגלידער פון געגעבענעם פאָלק. דאָס מיינט נישט צו זאָגן, פאַרשטייט זיך, אַז אַלע מיטגלידער פון אַ פאָלק זענען גלייך איינער צום צווייטן. אַט די אַלגעמיינע אייגנשאַפטן פון קאָלעקטיוו ווערן מאָדיפיצירט ביי יעדן יחיד, אָבער נאָך אַלע אינדיווידועלע אָנדערשקייטן, זענען אַלע אינדיווידן פון איין פאָלק דאָך נענטער צווישן אַנאַנד איידער אינדיווידן פון פאַרשיידענע פעלקער. יעדער מענטש האָט זיין אויס־זען, זיין פּנים, זיין געשטאַלט און דאָך איז גאָר נישט שווער צו דערקענען אַ יידן, אַ רוס, אַן ענגלענדער. שוין נישט רעדנדיק וועגן פאַרשיידענע ראַסן. אין די ראַמען פון קאָלעקטיוון אָרגאַניזם וואָס רופט זיך פאָלק זענען פאַראַן געניג מעגלעכקייטן פאַר אינדיווידועלע, יחידישע אונטערשיידן, און דאָך זע־נען תמיד פאַראַן גענוג און איבערגענוג קאָלעקטיווע, פאָלקישע שטריכן אין אויסזען, אין אַלגעמיינע אייגנשאַפטן פון קערפּער־בוי, אין באַציִונג צו קראַנ־קייטן, אין אַנדערע דעמאָגראַפישע שטריכן און אַלערליי נייגונגען און פּסי־כישע סימנים. אַפילו אין האַנדלונגען, אין רעאַגירונגען, אין לאַכן און אין וויינען, אין גלויבונגען, אין עסן און טרינקען, אין זיטן און אין פירונגען, אין מינהגים און אין זאַבאַבאָנעס — אין אַלע מאָמענטן פון לעבן, טאָג־איין און טאָג־אויס — אומעטום און אַלע מאָל זענען קלאָר קענטיק די פאָלקישע אונ־טערשיידן. איטלעך פאָלק מיט זיין פאָלקלאָר, און ער שעפּט נאָך קיין מאָל נישט אויס אַלע אייגנטימלעכקייטן פון פאָלק.

פעלקער האָבן פון איין שטאַם־שפּראַך געשאַפן פאַרשיידענע שפּראַכן. נישט נאָר די ווערטער זענען אַנדערע, נישט נאָר די גראַמאַטיק איז פאַר־

זיכיק אַנדערש, נאָר דער טעמבער פון שטים, דער אַקצענט, די אויסשפּראַך פון די קלאַנגען איז ביי יעדן פאָלק פאַרשיידן, אויב אַפילו פעלקער רעדן אויף איין שפּראַך. איטלעך פאָלק האָט זיך זיינע אידיאָמאַטישע אויסדרוקן, זיינע ווערטלעך און העוויות, זיין זשעסטיקולאַציע און מעלאָדיע פון רעדן.

אַזוי ווי שפּראַך איז אייגנטלעך די אַלגעמיינסטע און אינטימסטע סיסטעם פון אויסדרוקן פון אַ פאָלק, קען מען אפשר דעפינירן אַזוי: פאָלק איז אַ גרופּע מענטשן וואָס האָט אין משך פון דורות אויסגעאַרבעט אָדער מאָדיפיצירט איר אייגענע שפּראַך. אַז יידן פלעגן אין צאַרישן רוסלאַנד, אין יידישע געדיכטע ישובים רעדן רוסיש, פלעגט מען לאַכן פון זייער „סמאַרגאָנער רוסיש". הגם גראַמאַטיש איז עס געווען זיכער ריכטיק. מען לאַכט איצט פון „ברוקלינער ענגל'יש". איז דאָס לאַכן — ווי עס איז, אָבער אַז עס איז יידישלעך אַנדערש איז מסתמא אַ פאַקט. געווען אַפילו אַזאַ יידישער שרייבער וואָס פלעגט פון יידישן לעבן שרייבן אָט אויף יענעם רוסיש (סעמיאָן יושקעוויטש), גלייב איך אַז די אמתע רוסן האָבן שוין יענעם רוסיש שווער פאַרשטאַנען. איך אַליין האָב זיך נישט איין מאָל געכאַפּט, אַז איך רעד אַרויס פראַזעס, אויסדרוקן וואָס זענען מיינע פריינד רוסן־מיטסטודענטן גאָר פרעמד (איך דערמאָן זיך ווי מען האָט אויף מיר אויסגעשטעלט אויגן, ווען איך האָב אין אַ דיסקוסיע אַ זאָג געטאָן: „אַ גדיע עטאָ סקאַזאַנאָ?" (וווּ איז דאָס געזאָגט געוואָרן?).

נאָך מערער ווייזט זיך אַרויס דער פאָלקישער כאַראַקטער אין דעם פאָל־קלאָר, אין די פאָלקישע טענץ און געזאַנגען. אַ נאַטירלעכע שפּראַך פון אַ פאָלק איז לגמרי אַנדערש פון אַ ריין טעכנישער, וואָס דינט נאָר צו פאַר־שטענדיקן זיך, אָדער ווי אַן עספּעראַנטאָ (נישט אומזיסט האָט די עספּעראַנטאָ אויסגעטראַכט אַ ייד).

אַפילו אין די אינדיווידועלע שאַפונגען פון די גרויסע קינסטלער איז נישט שווער צו געפינען נאַציאָנאַלע שטריכן פון דעם פאָלק וואָס צו אים געהערט דער געגעבענער שרייבער אָדער קינסטלער בכלל. נישט קיין רוס וואָלט קיין מאָל נישט געקאָנט אָנשרייבן קיין „פאַרברעכן און שטראָף; דער גרעסטער וועלט־געקרוינטער הומאָריסט וואָלט נישט געקאָנט אָנשרייבן די קלענסטע דערציילונג פון שלום־עליכם.

און פאַרקערט וואָלט איך געזאָגט: אַ פאָלק שטאַרבט־אָפּ ווי אַ קאָלעקטי־ווער איינס, ווען עס הערט אויף צו שאַפן פאַר זיך זיין שפּראַך און זיינע שאַ־פונגען אין זיין שפּראַך.

פאַר מיר שטייט ווי אַ טראַגישער פאַקט: דער גרויסער חורבן פון אונ־דזערע צייטן האָט אַרויסגערופן אַ גראַנדיעזן שאַפונגס־פּראָצעס — ליטעראַ־

טור, פּאָעזיע, געזעלשאַפטלעכע אַקטיוויטעטן. אָבער אין דעם אַלעמען איז לגמרי נישט קענטיק כמעט דער אָנטייל פון די דייטשישע ייִדן וואָס זענען געווען גלייכע שותפים צו די צרות, און בכלל פון די מערב־אייראָפּעיִשע ייִדן. די צרות האָבן זיי געהאַט גלייך מיט אַלע ייִדן, אָבער זייער ווײ־געשריי, זייער דין וחשבון איז נישט צו זען און נישט צו הערן, ווי שטומע קרבנות פון אומ־גליק. און אין אָפיציעלע טערמינען זענען זיי דאָך געווען געבילדעטער, גע־לערנטער, מיט אַ גרעסערן פּראָצענט באַרימטע שרייבער און וויסנשאַפטלער. פאַרוואָס זענען זיי דאָ, אַקוראַט ווען עס האָט געדאַרפט קומען דאָס שטאַרק־סטע וואָרט, פאַרוואָס איז עס נישט געקומען פון זיי? אויף זייערע שפּראַכן, מיט זייערע גרויסע, באַרימטע נעמען? פאַרוואָס? האָבן ייִנגלעך, אָרעמע קינ־דער, אָן דיפּלאָמען און אָן נעמען, נישט קיין באַרימטקייטן געלאָזן אייביקע ווערק, שטאַרקער ווי איכה, מעכטיקער ווי שפוך חמתך, — און די ייִדן מיט פּראָמינענטע נעמען — פון זיי גאָרנישט, קיין וואָרט נישט, קיין אות נישט. מען טאָר דאָ נישט אָנרופן קיין פּריוואַטע נעמען, וועל איך זיך דערלויבן דאָך אָנצורופן דריי גרויסע וועלטבאַרימטע נעמען, וואָס זענען אַוועק אָן אַ וואָרט, אָן אַ קללה, אָן אַ שפּיי דער גאַנצער קולטור־וועלט אין פּנים אַריין: דער פילאָסאָף בערגסאָן, דער פּסיכאָלאָג פרויד און דער שרייבער סטעפאַן צווייג, וואָס האָט געהאַט „גבורה” צו טאָן דאָס, וואָס די דייטשן האָבן נישט באַוויזן מיט אים צו טאָן — ער האָט זיך אַליין געהרגעט. און, להבדיל, איינער וואָס זיצט אין ירושלים, טראָגט שטאָלץ אַ וועלט־נאָמען מיט מעדאַלן פון דייטש־לאַנד אויך, ער איז גאָר טיף איינגעוואָרצלט מיסתמא אין ייִדישקייט, ווו איז זיין וואָרט, זיין פילאָסאָפישער חשבון מיט דער וועלט, מיט די דייטשן וואָס האָבן אים געשאָנקען מעדאַלן און פּרעמיעס? פאַרוואָס איז די גאַנצע רעאַקציע, הן אין וואָרט און הן אין טאַט, אין רעוואָלט, און הן אין דער טיפערער ווי־סנשאַפט — אַלץ קומט נאָר פון די „אָסטיודען”?

מיר דאַכט זיך, איך וועל נישט זיין ווייט פון אמת, אויב איך וועל דאָס פּרובירן דערקלערן מיט דעם: ייִדן זענען געווען אין אייראָפּע, זיכער געווען, און געווען צווישן זיי אויך גרויסע ייִדן. אָבער קיין ייִדיש געמיינזאַם פאָלק איז שוין דאָרטן נישט געווען. יעדער איינער פון זיי האָט געהאַט וויסן און בילדונג — דאָקטער, געהיימראַט, ווייס איך נאָך וואָסערע, אָבער עס האָט זיי געפעלט דאָס פּשוט־פאָלקישעס, דאָס געמיינזאַמע אין לעבן, טאָג־טעגלעך, דאָס וואָס מאַכט פון באַזונדערע ייִדן איין פאָלק. עס האָט געפעלט אָט־דאָס וואָס מען קען נישט אויסלערנען, וואָס מען נעמט איבער אָן שולן, אָן לערנען, אָן שטודירן, דירעקט פון דער היים, פון דער סביבה, פון דער שפּראַך, פון די פּירונגען און פון שטייגער. דאָס האָט געפעלט. ייִדן זענען געווען, אָפּשטאַ־

מיקע פון יידן, יידן לויט די נאַציישע חשבונות, אָבער קיין לעבעדיקע יידיש־קייט איז שוין ביי זיי נישט געווען. עס האָט זיי געפעלט די באַזיס־יידישקייט, וואָס איז נישט אָפּהענגיק אַפילו פון באַוווסטזיין. באַרמאַל האָט אין זיך יעדער אינדיווידוּ זיינע פאָלקישע עלעמענטן, ווי יעדער טראָפּן וואַסער האָט אין זיך אייגנשאַפטן פון וואַסער בכלל, און דאָס אַלגעמיין־פאָלקישע אין יעדער יחיד — דאָס בינדט צונויף פון יחידים אין גאַנץ פאָלק. אָט דאָס פאָלקישע אין יחיד — דאָס איז דער רווישטאָף, וואָס פון דעם בויט דער קינסטלער, דער שעפער. שלום־עליכם האָט ווי אַ משכיל אַנגעהויבן פון העברעיִשע קאָרעספּאָנדענצן, און ער וואָלט געבליבן אַ „קאַזיאָנער רב״, ווען ער קערט זיך נישט אום צו זיין סטיכיע, צו דעם נאַטירלעך־פאָלקישן וואָס ער האָט אַריינגעזויגן. מיט אָט דעם פאָלקישן און דורך דעם פאָלקישן איז ער פון שלום ראַבינאָוויטש גע־וואָרן שלום־עליכם. שלום־יעקב אַבראַמאָוויטש האָט אָנגעהויבן מיט אַ הע־ברעיִשן גאַנץ שוואַכן ראָמאַן „האבות והבנים״, וואָס איז נאָך דערצו געווען נאָכגעמאַכט נאָך טורגענעוון. אַ זיידע פון דער יידישער ליטעראַטור אין יידיש און אין העברעיִש איז ער געוואָרן, ווען ער האָט זיך פאַרשטעלט פאַר „מענ־דעלע מוכר ספרים״ און האָט זיך דורך און דורך דורכגעווייקט מיט דעם גאַנצן פאָלקישן וואָס אין פאָלק. אָט־דאָס פאָלקישע האָט שוין געפעלט די דאָזיקע דייטשישע יידישע מענטשן, אַפילו די גרעסטע און די געבילדעטסטע. אָט פאַרוואָס זיי זענען געווען און געקאָנט זיין גאָר גרויסע אויפטוער פאַר דער דייטשישער קולטור. ווען אָבער זיי האָבן געדאַרפט רעאַגירן ווי יידן, האָבן זיי נישט געקאָנט. דער ייִד אין זיי איז שוין געווען אַטראָפירט. זיי האָבן אויף זיך געזאָגט אַז זיי זענען דייטשן פון יידישער רעליגיע. איז דאָס געווען אויך אַ טעות: צו זיין דייטשן האָט זיי געפעלט די בירהאַלע און מסתמא נאָך עפּעס. עס האָט זיי געפעלט אַן עלטער־עלטער זיידע אין די דייטשישע וועלדער. דער יידישער עלטער־עלטער־זיידע פון אשכנז האָט זיי נישט געלאָזט ווערן אמתע דייטשן. זענען זיי געווען לויט זייער איינגעלערנטער קולטור טאַקע דייטשן, אָבער לויט זייער אור־וואָרצלדיקן אָפּשטאַם זענען זיי געווען ווי זייערע על־טער־עלטער־זיידעס נאָר אַן אָביעקט פאַר דער בראשיתדיקער דייטשישער רציחה, פאַר יענע בלוטדאָרשטיקע אינסטינקטן.

פשוטער — איטלעכס פאָלק, יעדער מענטש פון יעדן פאָלק פאַרמאָגט אין זיך צווייערליי עלעמענטן: די קולטור „שבכתב״, וואָס מען קען אויסלער־נען פון ביכער און אַ קולטור „שבעל פה״, וואָס מען קען נישט אויסלערנען, ווייל זי ליגט אין די ביינער און זי האָט אַפילו אָפט נישט קיין ווערטער... נאָך פשוטער — עס קען זיין אַ מענטש און עס קען זיין אַן אַרטיסט וואָס פאַרגרי־מירט זיך און מאַכט נאָך דעם מענטשן. האָבן די יידן — יענע, די גרויסע

געלערנטע דייטשן פון יידישן אָפּשטאַם, די נאָבל־פּרייז געווינער געקאָנט פאַרמאָגן די דייטשישע קולטור שבכתב מער ווי אַלע דייטשן צוזאַמען, אָבער עס האָט זיי געפעלט דער „אור־דייטש".

פאַרמאָגט אַ מענטש אָט דאָס אור־וואָרצלדיקע פון זיין פאָלק און ער האָט נישט די קולטור „שבכתב", געהערט ער צו דעם פאָלק. פון אַזוינע אומגע־לערנטע יידן איז אַרויסגעוואַקסן אַ געניאַלער ווייסנבערג, אַ יונה ראָזענפעלד און נאָך און נאָך. פאַרמאָגט אַ מענטש נאָר די קולטור שבכתב פון אַ פאָלק, געהערט ער נאָך וויט נישט צו דעם געגעבענעם פאָלק. פון די בעסטע און אינטעליגענטסטע יידישע סטודענטן אין די רוסישע אוניווערסיטעטן, איז נאָך נישט אַרויסגעוואַקסן קיין צענטחלק פון אַ דאָסטאָיעווסקי... עס איז שווער פאַר אַ יידן אַפילו מיט אַלע מעגלעכע דייטשישע דאָקטאָראַטן צו זיין אַ פאָלקאָ־מער דייטש, ווען דורות נאָך דורות זיידעס זיינע האָבן מיט אַ ציטער נישט געקאָנט עסן אַן איי מיט אַ בלוטטראָפּן, און אַז מען האָט געקוילעט אַ הון, האָט מען געדאַרפט צודעקן דאָס בלוט, עס זאָל נישט שטעכן די אויגן דאָס פאַרגאָ־סענע בלוט... שווער (און אפשר גאָר אוממעגלעך) פאַר אַ יידן צו ווערן אַן אייראָפּעער, ווען זיינע אור־עלטערן פון וויפלטן דור זענען נישט געזעסן אין די צירקן און נישט הנאה געהאַט פון די גלאַדיאַטאָרן־שפּילן, ווען עמעצער פון אָט יענע פאַרצייטיקע זיידעס האָט גאָר געחלומט, אַז „עתידין תיאטראות וקסריות שברומי ששרי ישראל ילמדו בהם תורה ברבים" (גרויסע יידן וועלן אין רוימישע טעאַטערן און צירקן פאַרשפּרייטן תורה. אַ גמרא) — אַזאַ פאָלג מיך אַ גאַנג...

וואָלד איז אַ סך מער ווי דער סכום ביימער אין אים. פאָלק איז אַ סך מער ווי דער סכום סטאַטיסטישע מיטגלידער זיינע. און פון די צוויי עלע־מענטן אין דער נשמה פון יעדן מענטשן, וואָסערער איז שטאַרקער — דער אַיינגעלערנטער אין משך פון אינדיווידועלן לעבן, אָדער דער אַריינגעלעב־טער אין משך פון דורות — וואָסערער איז שטאַרקער? — דאָס קען מען זען איבערהויפּט אין אומנאָרמאַלע צייטן, ווי אין אַ מילחמה, למשל. דעמאָלט ווערן אָפּגעוואָרפן אַלע קולטור־מאַנטלען און עס שפּריינגט אַרויס דער אורמענטש, ווי אַ חיה פון שטייג אַרויס. דעמאָלט דערזעט מען דעם מענטשן און דורך אים זיין גאַנצן אָפּשטאַם דורך אַלע זיינע דורות. קען זיין, אַז די עצם מילחמה איז צוגעטראַכט פון מענטשן, כדי צו קענען אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם צו שווערן „קאָרסעט" פון קולטור, און צו קענען לאָזן פריי די חיה וואָס לעבט נאָך אין די מענטשן... איז מיר אַ רחמנות אויף יענע יידן וואָס פון יידן האָבן זיי זיך שוין אויסגעשריבן און אין אַנדערע פעלקער וויל מען זיי גאָרנישט איינשרייבן, און... דאָס איינשרייבן זיך העלפט זיי זייער ווייניק, אויב נישט גאָרנישט. אין

יעדער מענטשן לעבט זיין אורשטאַם מיט אָדער אָז באַוווּסטזיין, מיט זיין ווילן און קעגן זיין ווילן.

## דער פאָלקישער כאַראַקטער פירט מיטן גורל פון אַ פאָלק

וי מען בעט זיך אויס, אַזוי שלאָפט מען.
איטלעכער מענטש שמידט זיך אַליין זיין גורל.

(פאָלקסווערטלעך)

אין לעבן פון איטלעכן יחיד און פון איטלעכן מין זענען פאַראַן צווייערליי פאַקטאָרן: אינעווייניקסטע און דרויסנדיקע. יעדער בעל־חי איז צוגעפּאַסט צו זיינע דרויסנדיקע באַדינגונגען, ווו ער לעבט. עס איז אין אייראָפּע אַמאָל געווען אַ מעטאָד צו לערנען זאָאָלאָגיע און באָטאַניק טאַקע פון דעם שטאַנדפּונקט ווי אַזוי יעדער אָרגאַניזם איז אַריינגעפּאַסט אין זיינע באַדינגונגען און סביבה. דאָס איז דער אַזוי־גערופענער „ביאָלאָגישער" מעטאָד. אַן ענלעכער צוגאַנג האָט געהערשט אויך אין סאָציאָלאָגיע. אַ מענטש איז אַזוי ווי די סביבה פאָר־רעמט אים אויס. יעדער יחיד און יעדע גרופּע איז ווי אַ פּראָדוקט פון דער סביבה און פון די באַדינגונגען. וואָלט מען אַזוי אויך געקאָנט לערנען אַ גזרה שווה וועגן אַ פאָלק; איטלעך פאָלק איז אַזאַ ווי די סביבה האָט אים אויסגעפורעמט. ווייס איך נישט צי דאָס איז די סביבה דער מייסטער וואָס פורעמט אויס פעלקער, אָדער עס זענען פאַראַן אינעווייניקסטע פאַקטאָרן. דאָ איז די פּלוגתא נישט וויכטיק. דער עיקר איז אַז איטלעך פאָלק היינט טראָגט אין זיך אַלע זיינע דורכגעלעבטע דורות צי באַקעט, צי צוגעדעקט מיט אַ קולטור־מאַנטל און זיי — די דורות זיינע — ליגן טיף באַהאַלטן. אין דער ביאָלאָגיע שמעקט דער „ביאָלאָגישער" מעטאָד נאָך מיט דעם פאַרעלטערטן לאַמאַרקיזם און אַפילו אין דאַרוויניזם זענען אַריינגעבראַכט אַזוי פיל קאָרעקטורן, אַז בכל אופן — די אַלמעכטיקייט פון די דרויסנדיקע פענאָלאָגישע פאַקטאָרן איז שטאַרק אָפּגעפרעגט. און בכלל איז עס נישט נייטיק אַזוי ווייט צו גריבלען זיך. נעמען מיר אַ פּשוטע נאַטור־סביבה, לאָמיר זאָגן, אַ קליינע אָפּגעשלאָסענע כאַזשלקע. לעבן אין איר פאַרשיידענע געוויקסן און בעלי־חיים. אַלע זענען זיי צוגעפּאַסט צו די באַדינגונגען אין זייער אָרט. אָבער ווי פאַרשיידן אָט־די צו־פּאַסונג איז! איטלעכער אַרט באַשעפעניש פּאַסט זיך צו, איז צוגעפּאַסט אויף זיין אופן און לויט זיין שטייגער, לויט זיין געבוי, לויט זיינע אַנאַטאָמישע און פיזיאָלאָגישע אייגנשאַפטן. קומט דאָך אויס, אַז יעדער אַרט באַשעפעניש איז געבויט לויט זיינע אינעווייניקסטע פאַקטאָרן. זייווירקן דורך דורות און זיי

גיבן זיך איבער דורך דורות, די פענאָלאָגישע פאַקטאָרן ווירקן זיך אויס שפּעטער, נישט זיין אָבער זענען די הויפּט־אויסווירקער, זיי זענען סעקונדער.

קען מען און מען דאַרף דעם זעלביקן פּרינציפּ אָנווענדן אויך בנוגע צו דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. אַוודאי איז גאָר גרינג צו דערקענען אַ ייִדן פון וואָסער לאַנד ער קומט — איז ער אַ רוסישער ייִד, אָדער אַ דייטשישער אָדער אַן אַמעריקאַנער. און דאָס — אַפילו ווען זיי רעדן אַלע איינע און די זעלביקע שפּראַך. אָבער אַט די דאָזיקע לאַנד־אייגנשאַפטן זענען לגמרי נישט פון אַ פּרימערן כאַראַקטער. און פאַרקערט: אין זעלביקן לאַנד, אין די זעלביקע קלימאַטישע און סאָציאַלע באַדינגונגען לעבן פאַרשיידענע פעלקער, פאַרשיידענע גרופּעס גאַנץ פאַרשיידן, לויט זייערע בייגונגען וואָס זיי האָבן געבראַכט אין לאַנד אַריין. אַלע זענען זיי צוגעפּאַסט צו דעם אָרט, אָבער איט־לעכע גרופּע — אויף איר שטייגער, לויט אירע טראַדיציעס. ווענן מיר לדוגמא נעמען אַ ראַיאָן אין קאַנאַדע. לעבן דאָרטן אַנגלאָ־זאַקסן, פראַנצויזן, אוקראַי־נער און ייִדן. פירן זיך די אַנגלאָ־זאַקסן לויט זייער שטייגער, די פראַנצויזן האָבן זיך זייער שטייגער. און די אוקראַינער און ייִדן קומען דאַכט זיך פון די זעלביקע לענדער, פון די זעלביקע עמיגראַציע־ראַיאָנען, — און דאָך אָרדע־נען זיי זיך איין אין די נייע אימיגראַציע־לענדער גאַנץ פאַרשיידן. פירט זיך יעדער גרופּע לויט אירע איינגעוואָרצלטע זיטן, לויט אירע טראַדיציעס און געוווינהייטן. לאַכן די ייִדן פון די „גימעלעך" (גויים) און איין גרופּע פון דער צווייטער לערנט זיך נישט. און אַט ווי אַ פאָלק אָדער אַ גרופּע אָרדנט זיך איין און ווי עס לעבט זיך איין, אַזוי גייט עס נאָך דעם דאָס לעבן פון דער גרופּע. דאָס פאָלק אַליין שמידט זיך אויס זיין גורל אין דעם נייעם לאַנד. ווי אַ גרופּע בעט זיך אויס, אַזוי קומט אויס שפּעטער צו שלאָפן און אויך צו לעבן. נאָך אַלעמען איז עס דען בלויז אַ רעזולטאַט פון דרויסנדיקע סיבות וואָס די גאַנצע רוסישע רעוואָלוציע האָט זיך געדרייט און געדרייט און איז געקומען צוריק צום אויסגאַנג — צו אַ נייער זעלבסטהערשונג, צו אַ נייעם צאַר? עס האָט זיך געביטן דער טראַנזיצער, עס איז פאַרגאָסן געוואָרן אַ סך בלוט, אָבער דער „דערזשימאָרדאַ!" (האַלט ס'מוילן!) איז געבליבן מיט מער פרישקייט און מיט מער חוצפּה... נישט אומזיסט זאָגט זיך אַ ווערטל: איטלעך פאָלק האָט אַזאַ רעגירונג ווי עס פאַרדינט.

מיט אַט דער מאָס אין האַנט ווענן מיר פּרובירן זיך אַ גריבל־טאָן אין די גורלות פון אונדזער ייִדישן פאָלק דורך זיין געשיכטע. זענען מיר עס תמיד נאָר אַ פּילקע אין די הענט פון אַנדערע שפּילערס, אַ שפּילכעלע פאַר זייערע הענט און פאַר זייערע פיס, אָדער עפּעס ליגן אין אונדז אַליין כוחות און פאַקטאָרן וואָס האָבן אונדזער געשיכטע געבויט און געפורעמט? מיר קלאָגן

זיך אויף די שונאים; מיר האַלטן אין איין חזרן: „שפוך חמתך״. נו, אָבער אין אונדז אַליין? האָבן די נביאים כסדר און נאָכאַנאַנד געטענהט און געלערנט, אַז דער גורל פון פאָלק ליגט נאָר אין אים גופא. טאָ ווער איז גערעכט?

אַ טראַגיש־גורלדיקער פאַקט: דאָס עלטסטע פאָלק צווישן אַלע פעלקער, וואָס מיר לעבן צווישן זיי, אַ פאָלק וואָס איז באַיאָרנט מיט פיר טויזנט יאָר געשיכטע, און אַט פון דער גאַנצער לאַנגער צייט האָט דאָס פאָלק בלויז איין פערטל געלעבט פאַר זיך, און גאַנצע דריי פערטל פון דער צייט — אַלץ אין גלותן — מיצרים, אשור, בבל, אדום (רוים), און ווייטער מיצרים און ווידער בבל, און שפאַניע און דייטשלאַנד און פוילן און רוסלאַנד און אַפריקע און אַזיע, און... ווו נישט? „ויתהלכו מגוי אל גוי״ — פון איין גלות אַרויס און אין דעם צווייטן אַריין. ווו האָט מען אונדז נישט געשלאָגן? און ווער האָט אונדז נישט געשלאָגן? ווו און ווען און אין וואָסער לאַנד, און ביי וואָסערע בעלי־בתים מיר האָבן דאָס נישט געהאַפּט און געגלייבט אויף רויִקייט, — און עס האָט זיך אויסגעלאָזט מיט בלוטיקע חורבנות, מיט געלאַף קוים מיט די ביי־נער? און ווו און ווען האָבן ייִדן נישט געבענטשט קיין גומל, ווען זיי האָבן דאָך געקאָנט ראַטעווען דאָס לעבן און עטוואָס, אַ קליין ביסעלע פון דעם „רכוש גדול״ וואָס איז תמיד פאַרבליבן ביי די פרעמדע, אין יעדער מיצרים?

איז דאָס אַלץ נאָר מחמת דרויסנדיקע סיבות און דרויסנדיקע פאַקטאָרן? נאָר מחמת אונדזער שוואַכקייט? נאָר ווייל מיר זענען איין שעפּעלע צווישן זיבעציק וועלף? און פאַרוואָס זענען מער נישטאָ קיין שעפּעלעך, און פאַרוואָס זענען מיר נישט געוואָרן קיין וואָלף צווישן אַנדער׳ע וועלף? דאָס איז אַ קאַר־דינאַלע פראַגע אין אונדזער געשיכטע: ווו ליגן אַט־די גלות־שאַפנדיקע פאַק־טאָרן און פאַרוואָס זענען זיי דאָ נאָר ביי אונדז? זענען די אַלע סיבות טאַקע נאָר דרויסנדיקע, נאָר ביי די אַנדערע שטאַרקערע פעלקער? זענען מיר אַליין גאָר נישט שולדיק אין די גלותן? און אפשר גאָר זענען מיר אין גלות, ווייל מיר טראָגן דעם גלות אין זיך גופא? אפשר גייען מי׳ר אַליין אין די גלותן? אפשר האָבן מיר אין זיך די קללה פון זיין גלותדיק און די ברכה צו קענען אויסהאַלטן די גלותן?

און דאָס אַריינטראַכטן זיך אין דער פאַרגאַנגענהייט קען אפשר העלפן אויך אונדזער צוקונפט? דערפאַר איז עס אַ מיצווה זיך אַריינצוטראַכטן אין די פּראָבלעמען.

## די עגאָפאָביע

איטלעכער וואָס האָט נאָר ליב זיך אַריינצוטראַכטן אין די דערשיינונגען פון אונדזער לעבן, קען אין זיי דערזען, אין אונ־זער אויפפיר אַ סך מעלות

וואָס שטעלן אונדז העכער פון אַנדערע פעלקער, אָבער עס פעלן אונדז אויך נישט קיין חסרונות, טיפּע איינגעוואָרצלטע דעפעקטן, — און אין זיי דאַרפן מיר זוכן אויך אונדזערע גלות־פאַקטאָרן. מיר האָבן פריִער שוין געזען, אַז אין דער נאַטור ווירקן זיך אויס די אינעווייניקסטע פאַקטאָרן מער ווי די דרויסנדיקע. יעדער אָרגאַניזם און יעדער קאָלעקטיוו ברענגט מיט זיך קודם־כל זיינע איינגעבאָרענע און אַלע לאַנגדויערנדיקע געוווינהייטן און דערפאַרונגען מיט זיך. די צופאַסונגען זענען תמיד פון דער צווייטער מדרגה.

און אַזוי וועלן מיר אויך זיך באַמיִען אַרויסצוגעפינען אין אַ ריי דערשיינונגען פון אונדזער לעבן, אין די האַנדלונגען און אויפפיר די כאַראַקטערשטריכן אונדזערע, וואָס זיי שאַפן דאָס דעם גלות אויף אונדז. אָט דער דרויסנדיקער גלות, דער יאָך פון די פרעמדע איז דערפאַר אויסגעגאָסן אויף אונדז ווייל מיר טראָגן אין זיך באַשטימטע און גאַנץ פעסטע „גלות־נייגונגען״.

שוין פאַרצייטנס האָבן אונדז געלערנט די גרויסע נביאים אונדזערע, אַז די צרות קומען אויף אונדז ווי אַ דירעקטע תולדה פון אונדזער אויפפיר. פאַרברעכן און שטראָף זענען צוויי מאָמענטן פון איין פּראָצעס, דאָס אומגליק איז דער נאַטירלעכער פועל־יוצא פון אויפפיר. עס איז נישט קיין שטראָף פון אַ בייזן גאָט מחמת כעס, עס איז אָבער אַן אומפאַרמיידלעכע קאָנסעקווענץ פון דער זינד. די זינד טראָגט אין זיך דעם זאָמען פון דער שטראָף. דאָס איז די היסטאָריאָסאָפיע פון אונדזערע נביאים הגם זיי האָבן זי קיינמאָל נישט פאַרמולירט אין טעאָריעס. און אַזוי אויך היינט קענען גילטן די זעלביקע היסטאָרישע געזעצן. אין אונדזער באַטראַכטונג דאַרפן מיר גיין אינדוקטיוו — פון די דערשיינונגען, וואָס מיר זעען צו זייער מקור, פון די רעזולטאַטן וואָס מיר האָבן צו די סיבות, וואָס פון יענע שטאַמען זיי. עס איז זייער גרינג צו געפינען אין אונדזער אויפפיר, אַזוינע דערשיינונגען וואָס טראָגן אַ שטאַרקע גרינגשעצונג פון יידן צו אַלץ וואָס עס איז יידיש. מיר האָבן פאַר אַלץ וואָס פרעמד מער דרך־ארץ ווי פאַר דעם וואָס עס איז אונדזערס; מיר שאַצן זיך קנאַפער ווי מיר שאַצן אַנדערע. אונדזערע טראַדיציעס זענען פאַר אונדז אַליין מינדערווערטיקער ווי די פרעמדע, אונדזער לשון איז מיאוסער פון אַלע לשונות, אונדזערע נעמען זענען אומבאַליבט, פרעמדע זענען שענער, אונדזערע עסנס זענען נישט געשמאַק, ממש פע, אַ יידישע נאָז איז העסלעך, בכלל זענען מיר נישט צופרידן מיט אונדזער יידישן אויסזען, כאָטש נעם און פיר איין פאַר אַלע יידן פלאַסטישע אָפעראַציעס, היינט אונדזער אַקצענט! זאָל גאָט רחמנות האָבן, אונדזער זשעסטיקולאַציע — די מיאוסטע... און אַזוי באַמיִען מיר זיך תמיד צו מאַכן זיך ענלעך צו אַנדערע, עס זאָל זיך וואָס ווייניקער אַרויסזען דער ייִד אין אונדז. סיידן מען איז גאָר פרום און מען טוט עס פאַר

גאָט, און מען טוט עס לשם עולם הבא. אָבער אַזוי איז יעדער סימן פון ייִדיש־קייט אַ יאָך, שווער צו זיין אַ ייִד, און יעדער שמץ פון ייִדישקייט אין אונדז איז שווער און ווערט אַלץ שווערער. און ווער עס קען נאָר באַמיט זיך צו מאַכן דעם יאָך גרינגער. מיט וואָס פאַר אַ גרינגקייט ייִדן באַפרייען זייערע קינדער פון ייִדיש לשון! פון זייערע ייִדישע נעמען! ווי שטאָלץ און צופרידן מען איז דאָס מיט אַלע פרעמדע לשונות, ווי אויסטראַכטעריש מען איז צו פאַרבייטן די ייִדישע נעמען! מיט וואָס פאַר אַ פרומקייט מען מאַכט נאָך פרעמדע יום־טובים און מינהגים און ווי גרינג מען וואַרפט אַוועק אַלע ייִדישע זיטן און מינהגים! און מען איז גליקלעך ווען „מען קען גאָרנישט דערקענען אַז מען איז אַ ייִד". עס איז אַ סך „אינטעליגענטער" צו באַזוכן פרעמדע קאָנצערטן, טעאַטערס, צו מאַכן פאַרזאַמלונגען און יום־טובים אין נישט־ייִדישע זאַלן. מיט וואָס פאַר אַ שטאָלץ מען באַרימט זיך, אַז מען פאַרשטייט אַפילו נישט קיין האַלב ייִדיש וואָרט! אַז מען קען נישט לייענען און שרייבן קיין ייִדיש. היינט, אַז מען קומט זיך צונויף צוזאַמען, ווען ווען עס אָנשטיין אַרויסצו־קומען מיט אַ ייִדיש וואָרט! און מען ציטערט טאָמער וועט חלילה אַ זיידע צי אַ באָבע שעדיקן דעם אַקצענט פון די קינדער מיט זייער שלעכטן רעדן די דערהויבענע פרעמדע שפּראַך, וואָס איז דאָך נישט דאָרטן עפּעס קיין ייִדישער זשאַרגאָן!... עס שטייט נישט אָן צו האָבן אין שטוב, און נאָך אויבנאָן אַ ייִדיש בוך, אַ ייִדישע צייטונג זאָל בעסער זיין גוט איינגעוויקלט, די דינסט זאָל חלילה נישט דערקענען אַז עס איז ייִדיש; אַ מזוזה אויף דער טיר — וועט די ווייב נישט וועלן, און צו וואָס דאַרף עס די דינסט אָדער אַ שכנה וויסן, אַז מען איז ייִדן? און ווי פּאַסט עס אויסצוזאָגן פאַר עמעצן, פאַר אַ חברטע, אַז מען קומט אַרויס פון אַ ייִדישער שטוב, אַז מען קען ייִדיש, אַז מען האָט נאָך אפשר געלייענט אַמאָל אַ ייִדיש בוך? עס פּאַסט גאָרנישט פאַר אַן אָנשטענדיקער געזעלשאַפט... וויל מען אַז ייִדן זאָלן קומען אויף אַ ייִדישער פאַרזאַמלונג, דאַרף מען פאַרבעטן אַ פיינעם גוי; וויל מען אַז ייִדן זאָלן היטן אָרדענונג, זאָלן קומען צו דער צייט — זאָגט מען אַז עס וועט זיין אַ גוייִשער גאַסט. וויל מען אַז אַ זאַמלונג פאַר אַ ייִדישער זאַך זאָל האָבן דערפאָלג, זאָל אַ גוי מאַכן אַ התחלה און ער זאָל צושיקן אַ ברכה, זאָל זי זיין אַפילו אַ באַצאָלטע...

...דאַרף מען נאָך רעכענען פאַקטן פון ייִדישן אויפפיר? כ'מיין, אַז דאָס איז גענוג, און מען קען זיכער זיין, אַז מען קען נאָך אָנרעכענען אַ סך מער. אָט די אַלע פירונגען און אַ סך מער פון זיי זענען אַלע נישט מער ווי אַ סך געשטאַלטן פון איין אייגנשאַפט אין ייִדישן כאַראַקטער: מען האָט נישט קיין דרך־ארץ פאַר דעם וואָס עס איז ייִדיש, עס איז אַ ביטול־באַציִונג צו דעם אַלעם, מען האָט עס פיינט נאָר דערפאַר ווייל עס איז ייִדיש, אייגנס. עס איז

אַ שינאה צו דעם וואָס עס איז אונדזערס, אַ ביטול און אומאַכטונג. עס איז איצט ברייט באַקאַנט די פּסיכישע דערשיינונג פון שיפלות־קאָמפּלעקס — אַ האָס צו זיך אַליין. דאָס איז אַ אינדיווידועל געפיל, אָבער אונדז האָט גאָט גע־בענטשט מיט אַזאַ מין קאָלעקטיוון שיפלות־געפיל — קוים איז עפּעס יידיש, איז עס שוין דערמיט אַליין ביי אונדז אין די אויגן מינדערוויכטיק. אָט דאָס געפיל רופן מיר עגאָפּאָביע. אַנדערע שרייבן וועגן „זעלבסטהאָס", „זעלבסט־שינאה". דאָס איז אייגנטלעך דאָס זעלביקע. מיר האַלטן פאַר טעכניש באַ־קוועמער דעם טערמין עגאָפּאָביע. זי איז טיף איינגעוואָרצלט אין דער נשמה פון יידן און איז דער מקור פון גאָר אַ סך דערשיינונגען און אויפפירונגען אין אונדזער לעבן. זי איז דער מקור פון אונדזער אַסימילאַציע אומעטום, זי צעשניידט אונדזער פאָלק אויף שטיקער — וויפל לענדער אַזוי פיל „יידישע פעלקער" זעגען מיר, זי פאַרמינערט אונדזער נאַציאָנאַלע אייגנאַרטיקייט, אונ־דזער נאַציאָנאַלן פּרצוף מעקט זי אָפּ פון אונדז. זי מאַכט פון אונדז נאָכמאַכער, קאָפּירער ווי אינדיווידועל אַזוי אויך קאָלעקטיוו אין אונדזער געזעלשאַפט־לעכקייט. זי פאַרמינערט אונדזער שעפערישקייט, איבערהויפּט ביי דער יוגנט, און איבערהויפּט אין די נייע ישובים. זי וואָרצלט אויס די יוגנט פון יידיש־קייט און זי קען זיי נישט איינוואָרצלען אין די אַלערליי „גוישקייטן". קולטור האָט דאָך פּרוכט און אויך וואָרצלען. איז די פּרוכט פון יעדער קולטור, פון פאַרשיידענע קולטורן קען מען איינקויפן אין שולן, אין קלאַסן. אָבער אָט די איינגעקויפטע קולטור־פּרוכט זענען געגליכן צו געווינלעכע פּרוכטן פון ביי־מער וואָס מען קויפט אין אַ פּרוכט־געשעפט און זיי קומען גאָר פון אַן אַנדער קלימאַט. מען קען דאָך קריגן אין דער קאַלטער קאַנאַדע אין מיטן ווינטער טראָפּישע פּרוכטן. אָבער צעשפּראָצן זיך, וואַקסן, פּרוכטן ווייטער קענען זיי נישט אין דעם פרעמדן קלימאַט. און אַזוי איז מיט גייסטיקער קולטור. די פּרוכט פון פרעמדע גערטנער קען מען קריגן, אָבער איינוואָרצלען אונדז קענען זיי נישט. נימצא, אַז די אַסימילירטע יידן זענען אָפּגעריסן פון אַלע וועלטן. קיין שעפערישע יידן קענען זיי נישט זיין און אין די פרעמדע קולטורן זענען זיי נישט אַריינגעוואַקסן. העכסטנס קענען זיי אפשר ווערן ווירטואָזן־שפּילער פון פרעמדע שאַפונגען.

נאָך טראַגישער איז די השפּעה פון עגאָפּאָביע אויף אונדזערע נאַציאָנאַלע באַוועגונגען, וואָס מיר וועלן נאָך באַהאַנדלען ווייטער ברייטער. די עגאָפּאָביע שוואַכט־אָפּ אונדזער פּאָליטישע באַהעפטונג, איין ייד פילט זייער ווייניק דעם צווייטן יידן, באַגרייפט אים נישט, פילט נישט אין אים קיין ברודער, זי פרעמדט אָפּ יחידים יידן און יידישע קאָלעקטיוון צווישן אַנאַנד. עס קען דער־גיין און עס דערגייט ביז צו מאַכן יידיש בלוט וואָלוועלער אין די אויגן פון

אַנדערע ייִדן גופא. זאָל מען מיר מוחל זיין וואָס איך וועל דאָ נישט אָנמערקן קיין טרויעריקע פאַקטן וואָס באַשטעטיקן די טרויעריקע מיינונג. אַזוינע פאַקטן זענען דאָ...

די אַלע אָנגערופענע דערשיינונגען און נאָך מער נישט אָנגערופענע זענען אַנטפּלעקונגען פון דער עגאָפּאַביע וואָס איז טיף איינגעוואָרצלט אין אונדז. דאָס איז דער אתה בחרתנו אויף דער לינקער זייט, אַ נעגאַטיווער אתה בחרתנו. אָבער אויב דער פּאָזיטיווער אתה בחרתנו איז פאַראַן ביי אַלע פעלקער אין דער אָדער אין יענער מאָס — מערער־ווייניקער, אָבער יעדער איינער האָט זיך ליבער, „חייך קודמים". „די אייגענע העמד איז דאָך פאָרט נענטער צום לייב", — איז אָבער דער נעגאַטיווער אתה בחרתנו אַן אויסנאַם — ביי אונדז און מיסתמא נאָך ביי אייניקע פעלקער וואָס זענען אין אַ ספּעציפישן צושטאַנד.

## וווּהין פירט אונדז די עגאָפּאָביע?

מען רעדט ביי אונדז וועגן דער סכנה פון צעשפּאַלטונג, מיר זאָלן נישט ווערן קיין צוויי פעלקער — ישראלים און ייִדן, אין מדינת ישראל און אין גלות, אין דער וועלט. אָבער די סכנה איז אַ סך גרעסער, עס האַנדלט זיך נישט פון קיין שפּאַלטונג אויף צוויי פעלקער, און עס איז שוין נישט מער קיין סכנה. עס איז אַ סכום פאַקטן. מיר זענען שוין איצט צעשפּאַלטן אויף אַ סך שבטים. אין וויפל לענדער מיר לעבן, אַזוי פיל שבטים זענען מיר, און אין יעדן לאַנד באַזונדער זענען מיר ווידער צעבראָקלט, צעשפּאַלטן, גרופּעס און גרופּקעלעך, ריכטונגען און שפּליטערלעך. אין יעדן לאַנד לאָזן מיר זיך גיין אויף אַן אַנדער וועג, אין אַן אַנדער ריכטונג. אומעטום ייִדישן מיר זיך אויס, מיר ווערן אַלץ ווייניקער און ווייניקער ייִדן, אַלץ ווייניקער און ווייניקער ייִדישקייט בלייבט ביי אונדז. ביז עס דערגייט צו אַ פולער אָפּגעריסנקייט פון איין ייִדישן לאַנד־שבט צו דעם צווייטן, און אין איטלעכן באַזונדער גייט פאַרלאָרן אָט דער באַהעפט־צעמענט פון איין ייִדן צום צווייטן. ווערן מיר אומעטום אין יעדן לאַנד באַזונדער צעשאָטן אויף באַזונדערע יחידים אָן אַן אָרגאַנישן צובונד צוויש אַנאַנד. סיידן... סיידן די געמיינזאַמע מורא און שרעק פאַר שונאים, וואָס האָבן פיינט אַלע ייִדן גלייך און זיי ווייסן נישט פון אונדזערע שפּאַלטונגען... און אַפילו שוין דעמאָלט מיינען נאָך אַלץ ייִדן: אָ, מען מיינט עס אַנדערע ייִדן, נישט אונדז. יענע וויל מען שלאָגן אָבער נישט אונדז...

פעלקער ווערן געבאָרן, פעלקער ווערן גרעסער און שטאַרקער, ווייל באַזונדערע שבטים גיסן זיך צונויף אין איין גאַנצקייט. פעלקער ווערן פון שבטים. ביי אונדז גייט אַ פאַרקערטער פּראָצעס — צעשפּאַלטונגען און אָפּשפּאַלטונגען

כסדר און אָן אויפהער דורך דער גאַנצער געשיכטע, אָפּשפּאַלטונגען און אָפּדאַרונגען, אָפּשטאַרבונג צו ביסלעך. שוין דער ערשטער ייִד האָט געהאַט צוויי זין. אין ייִדישקייט איז אָבער געבליבן נאָר איינער. אויך אַזוי דער צווייטער ייִד. דער אָפּגעשפּאָלטענער עשו איז גאָר געוואָרן דער גרעסטער שונא...

און אַזוי כסדר. פון איין מלוכה זענען מיר געוואָרן צוויי, פון איין פאָלק — עטלעכע שבטים, גרופּעס. און מען קריגט זיך, מען שלאָגט זיך. און אפשר איז טאַקע גערעכט די גמרא וואָס זאָגט, אַז דער חורבן איז געווען אַ רעזולטאַט פון „שינאת חינם”, וואָס איז ערגער פון די דריי גרעסטע עבירות אַפילו. און אַזוי ביז היינט. נישטאָ שוין היינט קיין געמיינזאַמס צווישן אַמעריקאַנער ייִדן און פראַנצויזישע, לאָמיר זאָגן. סיידן טאַקע די געמיינזאַמע מורא פאַר שונאים, וואָס „לא ינום ולא ישן שונא ישראל”...

געמיינזאַמע רעליגיע? — ניין, די רעליגיע שאַפט נישט קיין פאָלק. האָבן פראַנצויזן און פּאָליאַקן און מעקסיקאַנער איין רעליגיע און זיי זענען נישט איין פאָלק, הגם מען האָט איין יום־טוב, אין דעם זעלביקן טאָג, און מען האָט איין געמיינזאַמע שטאַרקע רעליגיעזע וועלט־אָרגאַניזאַציע. רעליגיע באַהעפט נישט און קען נישט צונויפהעפטן איין ייִדיש פאָלק, און קיין איין געמיינזאַמע גאַנצע קולטור פון שפּראַך און שטייגער איז נישטאָ, איז שוין במילא נישט קיין ייִדיש פאָלק. עס בלייבט אַ פאַרלאַנג זיך צו אידענטיפיצירן אַלץ מער און מער מיט דעם הערשנדיקן פאָלק אין געגעבענעם לאַנד, און די עגאָכאָביע רייסט אָפּ אַלץ שטאַרקער פון דער היסטאָרישער ייִדישקייט, פון היסטאָרישן ייִדישן פאָלק. איז שוין ביי היינטיקן טאָג נישטאָ קיין איין געמיינזאַם ייִדיש פאָלק. לאָמיר זיך נישט איינרעדן, און נישט וועלן איינרעדן. נישטאָ קיין איין גלות, נאָר אַ סך און אַ סך „ייִדישע פעלקער”. און אָט די ייִדישע פעלקער זענען אָפט נאָר צייטווייליקע: ייִדן דערציִען זייערע קינדער נישט בלויז פאַר בירגער פון איין באַשטימט לאַנד, נאָר ווי אָנגעהעריקע צו איין באַשטימט פאָלק אין לאַנד, אָבער ווי אָפט קומט אויס די ייִדן, איבערהויפּט דער יוגנט צו בייטן דאָס לאַנד, דאָס פאָלק? איז „אויף וועמעס וואָגן דו זיצסט, דעמס לידל זאָלסטו זינגען”... אַזוי לערנט אַן אַלט ייִדיש ווערטל. איז עס גאַנץ ווייט פון איינגעוואָרצלטקייט, אין ערגעץ נישט. נישט ביי זיך און נישט ביי קיינעם. זענען מיר אַ פאָלק אין פּראָצעס פון צעפאַלונג און דאָס איז אַ דאַנק אונדזער עגאָפאָביע.

עס האָט אַמאָל דער פּראָפעסאָר ראַווידאָוויטש געשריבן, אַז ייִדן זענען אַ פאָלק „וואָס האַלט אין שטאַרבן”. ער — דער אָפּטימיסט — האָט אין דעם נישט געגלייבט; ער האָט געמיינט, אַז מיר פאַלן און הייבן זיך אויף און גייען

ווייטער. אָבער עס איז לגמרי נישט קיין אָפּגעפּרעגטער ליגן, פון דער פאַר־גאַנגענהייט קענען מיר אין דעם פאַל נישט אָפּלערנען קיין כלל פאַר דער צוקונפט. אמת, שוין אַ פריערדיקער דענקער, וואָס ראַווידאָוויטש האָט גע־שאַנקען אַזוי פיל אַרבעט — דער רנ״ק האָט געשריבן וועגן די עליות און ירי־דות ביי יידן, און אַ צווייטער דענקער — דער גרויסער היסטאָריקער דובנאָוו, וואָס ראַווידאָוויטש האָט אויך אים געשאָנקען אַרבעט („ספר דובנאָוו״), האָט ליב געהאַט די טעאָריע פון העגעמאָניע: אין יעדער תקופה פון אונדזער גע־שיכטע איז פאַראַן איין שבט, וואָס ער פירט אונדזער גאַנצע געשיכטע, בעת די אַנדערע שבטים זענען אין דער ירידה, אָן שאַפונג און אָן שעפערישקייט. אָבער נישט די היסטאָריקער אונדזערע, נישט ראַווידאָוויטש ז״ל האָבן זיך נישט פאַרמאָסטן אויפצוקלערן פאַרוואָס בייטן זיך די העגעמאָנען; פאַרוואָס הערט אויף איין העגעמאָן־שבט צו זיין אַזאַ? פאַרוואָס קומט עס אויף אַ צוויי־טער? און פאַרוואָס דער שבט ווערט עס דער העגעמאָן און נישט קיין צוויי־טער? און פאַרוואָס אַלע אַנדערע שבטים ווערן פאַרדאַרט, גייען אונטער? און פאַרוואָס עס זענען פאַראַן שבטים וואָס זענען אין גאַנצן אונטערגעגאַנגען? ווו און אין וואָס זענען די סיבות פון אויפקום און אומקום פון שבטים? און די פראַגע פון אַלע פראַגעס — צי איז נישט מעגלעך עס זאָל קומען אַ צייט ווען אַלע שבטים זאָלן אומקומען, חלילה, און עס זאָל נישט זיין קיין העגעמאָן־שבט, וואָס ער זאָל פירן ווייטער די יידישע געשיכטע? צי איז עס דאָס אויפ־קומען פון אַ העגעמאָן אַ געזעץ אַזאַ אין אונדזער געשיכטע? אמת, מיר זענען געגליכן צו אַן אַלטן בוים. אַלטע בלעטער פאַלן אָפּ און עס קומען נייע בלע־טער און נייע בלומען. אַלטע צווייגן שטאַרבן־אָפּ און עס קומען אויף נייע צווייגן... אָבער דאָס איז געעדעט געוואָרן כל־זמן דער בוים ווי אַזאַ לעבט. אָבער עס קומט דאָך אויף יעדער בוים זיין צייט. ווען ער שטאַרבט אָפּ אין גאַנצן טאַקע, ווען קיין נייע צווייגן און בלעטער קומען שוין מער נישט אויף. דער בוים שטייט טאַקע אויף זיין אָרט, אָבער ער איז בלויז האָלץ, האַרט און טויט. ער קען נאָך אַפילו פאַרשטיינערט ווערן ווי אַ שטיין, ווערן אַן אוראַל־טער פאָסיל. אַ שטיין ווי אַלע שטיינער. צי זענען מיר ווי אַ פאָלק באַוואָרנט פון דעם? אַן אַלטער פסוק זאָגט: „נצח ישראל לא ישקר״. אָבער ווער איז ערב פאַר דעם פסוק אַז ער זאָל טאַקע נישט „משקר זיין?״ און וויפל מאָל איז ער שוין טאַקע נישט מקוים געוואָרן? אַ פסוק איז אַ גוטע זאַך אָבער לעבן אויף אַ פסוק איז אַ צו שוואַכער באַזיס. יידן בעטן ביי גאָט: „שומר ישראל, שמור שארית ישראל״ — אויך זיי האָבן זיך אויפן פסוק אַליין נישט פאַרלאָזן... די עגאָפּאָביע איז אַן אַלגעמיינע דערשיינונג, אַן אייגנשאַפט פון אַלע יידן, די העגעמאָניע גייט איבער פון שבט צו שבט, על פי רוב אין באַדינגונגען פון

דרויסנדיקע פאַקטאָרן. העגעמאָנען גייען ביי אונדז אונטער אָדער מרוב טובה, עס איז צו גוט, אָדער ווייל עס איז צו שלעכט. און אַזוי ווי עס איז ביז איצט אייטגעהאַלטן געווען דער מאמר פון גמרא, אַז אונדזער צעשפרייטונג האָט אונדז געראַטעוועט (צדקה עשה להם הקב"ה שפזירם לבין האומות) און נישט אומעטום זענען די דרויסנדיקע באַדינגונגען גלייך. אָבער עס קען דאָך אויך געמאָלט זיין, אַז די וועלט זאָל זיך אויסגלייכן בנוגע צו אונדז, און דעמאָלט איז אפשר אויך אויס מיט דעם העגעמאָן־שבט. ווענען דאָך פעלקער אונטער־געגאַנגען אויך אָן פּאַגראָמען, אונטערגעגאַנגען ווייל זיי האָבן נישט געהאַט דאָס „גליק" צו זיין צעזייט און צעשפרייט איבער לענדער און פעלקער. און די וועלט ווערט קלענער און אייניהייטלעכער. בכל אופן קומט אויס אַז די שטאַרקע עגאָפּאָביע איז דער אינעוויניקסטער כוח אין אונדז גופא וואָס העלפט דער אויסיידישונג, העלפט נישט אונדזער קיום. קען דאָך זיין גאַנץ מעגלעך, אַז אין אַלע לענדער פון די יידישע ישובים זאָלן די דרויסנדיקע באַדינגונגען זיין גינסטיק פאַר אויסיידישונג און עס זאָל נישט זיין קיין איין העגעמאָן־שבט. קען דאָך זיין. און וואַרטן און האָפן אַז אין ערגעץ אַ וואָסער עס איז ישוב זאָל זיין מיט מזל אַ באַריער, וואָס דערלאָזט נישט קיין אויסיידישונג, דאָס מיינט פשוט געערדעט וואַרטן אויף צרות און אַנטי־יידישע געזעצן... בלייבט יאָ איין האָפענונג אויף דער יידישער מדינה, וואָס בויט אַליין פאַר זיך איר לעבן. וועלן מיר וועגן דעם רעדן באַזונדער.

אַ טיפערער אַריינבליק אין אונדזער געשיכטע מאַכט די מעגלעכקייט פון טאָטאַלער אויסיידישונג נאָך בולטער, נאָך קלאָרער. אין דעם משך פון אונ־דזער גאַנצער לאַנגער געשיכטע האָבן מיר געהאַט נאָר עטלעכע, געציילטע העגעמאָן־שבטים. מיר וועלן זיי דאָ אויסרעכענען: יהודה (אָבער נישט ישראל — שומרון אַפילו אין אייגענעם לאַנד), בבל, ווידער יהודה, ווידער בבל, ספרד, אשכנז און מזרח־אייראָפּע. אין די אַלע העגעמאָן־שבטים האָבן יידן געלעבט אָפּגעטיילט, אָפּגעזונדערט פון די הערשערישע פעלקער. יהודה האָט אַרום זיך געהאַט קליינע, אָרעמע פעלקער, בעת שומרון האָט געהאַט אין צפון רייכערע, שטאַרקע קולטור־פעלקער. אין בבל האָבן יידן געלעבט אין אַן אויטאָנאָמיע; אין משך פון צווייטן בית המקדש איז דער אויפבלי פון יידישן פאָלק צונויפ־געפאַלן מיט דעם אויפבלי פון יידישקייט, וואָס האָט זיך שפּעטער אַנטוויקלט אין תלמוד. דאָס איז געווען איבערהויפּט די צייט פון דער פּערסישער תקופה, ווען די קליינע יהודה איז געווען אָפּגעטיילט פון הערשערישן פאָלק (די פּער־סיער) מיט אַ ווייטן מידבר, וואָס האָט אַפילו טעכניש פאַרשוועַרט די השפּעה פון פּערסישער קולטור. אָבער ווי נאָר די אויסגעוואַקסטע יונגע מדינה איז אַרונטערגעפאַלן אונטער דער מאַכט פון דער דירעקטער שכנה (סיריע), איז

אַוועק אַזאַ אַסימילאַציע, אַ העלעניזאַציע, אַז אין משך פון עטלעכע און דריי־סיק יאָר האָט עס געקענט גרינג דערגיין צום טאָטאַלן אונטערגאַנג פון יידישן פאָלק דורך אַסימילאַציע (י. קלוזנר „ירושלים"). עס איז ביי מיר אַ ספק צי מען דאַרף אַריינרעכענען צווישן די העגעמאָן־שבטים דעם שבט ספרד, ווי איך האָב עס געטאָן אויבן. והא ראיה, זיין קולטור איז נישט אַריבער דירעקט צו אַנדערע לעבעדיקע שבטים, נאָר... אין אַרכיוון גאָר, באשר עס איז שפּעטער געקומען אשכנז און אין דורות אַרום געפונען די פאַרלוירענע ירושות, עלעהיי די מגילות ביים ים המלח. אַזוי אַרום קען קיין גוטער נביא אונדז נישט פאַר־זיכערן אַז אַלעמאָל וועלן מיר האָבן אויך ווייטער אַן העגעמאָן־שבט, וואָס וועט טראָגן ווי אַ שטאַפעט אונדזער קולטור אין דער אייביקייט אַריין. עס קען גאַנץ מעגלעך זיין אַז די שרעק פון די חכמי התלמוד וואָס זיי דריקן אויס אין דעם זאָג „ויכלה זרעו של אברהם אבינו", זאָל דאָך קומען אַדאַנק דער אינעוויי־ניקסטער עגאָפאָביע אונדזערער און ביי די פאַסיקע דרויסנדיקע באַדינגונגען. מיר לעבן דאָך היינט אין דירעקטער שכנהשאַפט מיט פאַרזיכיקע, הערשערי־שע פעלקער, און אַפילו אַנטיסעמיטיזם האַלט דאָך נישט אָפּ די אַסימילאַציע פון יידן אויך אין אַזוינע לענדער. זענען יידן אין צאַרישן רוסלאַנד מחוץ די גרעניצן פון דעם באַרימטן „תחום המושב" (וווּ יידן האָבן געהאַט רעכט צו וווינען), געווען אונטער אויסנאַם־געזעצן, און דאָס האָט זיי נישט געשטערט זיך גרונטיק צו אַסימילירן. האָבן יידן אַ תירוץ: — מינדערהייט, כלומרשט מוזן מינדערהייטן זיך אַסימילירן מיט די מערהייט גרופּעס. אָבער וויפל פעלקער־גרופּעס לעבן ווי מינדערהייטן אין פאַרשיידענע לענדער און זיי אַסימילירן זיך נישט, זיי קעמפן, פאַרקערט, פאַר זייער רעכט אייגנצוהיטן זייער שפּראַך און זייער פאָלקישקייט. עס וואָלט צופיל אָרט פאַרנומען אויסצורעכענען אַזוינע מינדערהייטן. און וויפל זענען פאַראַן גאָר קליינע מינדערהייטן אַפילו אין אַמע־ריקע, וואָס באַמיִען זיך בשום אופן נישט צו אַסימילירן זיך. אַזוינע פעלקער־גרופּעס באַמיִען זיך, שטרעבגען זיך אָן צו לעבן קאָנצענטרירט, צוזאַמען, מען זאָל לכל הפחות אין קליינע ווינקעלעך ווערן אַ מערהייט, אַ קענטיקע מינדער־הייט... אַזוי פירן זיך פעלקער וואָס פאַרמאָגן נישט קיין עגאָפאָביע. פונקט פאַרקערט פירן זיך יידן און אַנדערע גרופּעס וואָס זענען קראַנק אויף עגאָ־פאָביע. יאָגט מען זיך צו אַסימילאַציע און מען האָט אַ תירוץ — מינדערהייט.

## די עגאָפאָביע האָט געהאָלפן דעם אויפבוי פון ארץ־ישראל

עס איז אַן אויסטערלישער פאַקט, וואָס מען טאָר אים נישט פאַרשווייגן: די עגאָפאָביע האָט זייער פיל געהאָלפן דעם אויפבוי פון ארץ־ישראל און פון

מדינת ישראל. האָט אָט דער אין תוך אַריין נעגאַטיווער פאַקטאָר געשפּילט אַ גאָר פּאָזיטיווע ראָל. אָבער דאָס הייסט נישט לגמרי, אַז ער וועט אַזוי בלייבן ווייטער פּאָזיטיוו. כדי דאָס קלאָר צו מאַכן וועלן מיר דאַרפן בקיצור אַנאַליזירן דעם גאַנג פון מאָדערנעם ציוניזם.

אויפגעבליט האָט דער ציוניזם אין רוסלאַנד, אין לאַנד פון גזירות און פּאָגראָמען. ווען יידן מחוץ רוסלאַנד האָבן זיך פאַראינטערעסירט מיט דעם ציוניזם, איז עס געווען איבערהויפּט אין די אינטערעסן פון די רוסישע, ליידנ־דיקע יידן. אַזוי זענען געווען דער באַראָן ראָטשילד (אויך באַראָן הירש אויף זיין דרך) און אַפילו אויך ד״ר הערצל.

ביי די יידן אין אייראָפּע איז פאַרקערט; דער אינטערעס צו ארץ־ישראל פאַר זיך איז געפאַלן גלייך נאָך דער עמאַנציפּאַציע. די רעפאָרם איז געווען נישט בלויז קעגן רעליגיע נאָר — נאָך מער קעגן יעדער דערמאָנונג פון משיח און פון ירושלים. אַנשטאָט דעם גלויבן אין משיחן איז געקומען אַ גלויבן אין דער יידישער מיסיע, וואָס מיר האָבן אויסצופירן דווקא אין די גלותן וואָס זענען שוין גאָרנישט קיין גלותן, חלילה! נישט געווען אין אייראָפּע קיין אָרט פאַר ציוניסטישע שטרעבונגען און חלומות. די יידן האָבן זיך גענומען פילן גרויס און שטאָלץ ביי זיך מיט דער עמאַנציפּאַציע. גלייך מיט אַלעמען! ווי גליקלעך און ווי שטאָלץ מען האָט זיך געפילט לגבי די נישט־עמאַנציפּירטע יידן אין רוסלאַנד! לגבי די „אָרעמע אָסט־יודען". מען האָט געציטערט, טאָמער חלילה וועלן זיי נעמען אימיגרירן פון רוסלאַנד אין „זייערע" פאָטערלענדער און מען האָט גענומען אָרגאַניזירן געזעלשאַפטן צו הילף, כדי צו טראַנספּאָרטירן אָט־די עמיגראַנטישע אָסט־יודן ווייטער. זאָלן זיי פאָרן קיין אַמעריקע, קיין אַרגענ־טינע, נאָר זיי זאָלן נישט בלייבן מיט זיי. דאָס וואָלט דאָך, חלילה, געשטערט דער פולער אַסימילאַציע, דער צונויפגיסונג מיט דעם הויפּטפאָלק. זיך חברן מיט גוייִם איז געווען ביי יענע „גליקלעכע", עמאַנציפּירטע יידן ממש אַ גליק. אָט דעם „גרויסן אידעאַל" אַריינגענומען צו ווערן אין דער קריסטלעכער גע־זעלשאַפט דריקט אויס דער פאָטער פון דער השכלה — מענדעלסאָן — אין זיין „ירושלים". ער האָט נאָר פאַרלאַנגט מען זאָל נישט צווינגען זיך צו שמדן, פאַרוואַרפן די אַלטע רעליגיע. זיינע קינדער אָבער און זייער דור בכלל האָבן גאָר גרינג אַוועקגעגעבן אויך די רעליגיע — מען האָט זיך געשמדט מאַסנ־וויִז. יידיש לשון, יידישע קולטור, יידישער שטייגער — אַלץ איז פאַרלאָזן געוואָרן; אַ קליינער קרבן פאַר דער עמאַנציפּאַציע, פאַר דער אויסגלייכונג מיט די גוייִם. אין עטלעכע צענדליק יאָר איז פאַרגעסן געוואָרן יידיש לשון און יידישקייט בכלל. יידן האָבן שטאָלצירט מיט זייערע גרויסע אויפטוען אויף דייטש, אין דער דייטשישער קולטור. אין דעם „גייער" פון מנחם באָריישאָ

איז פֿאַראַן אַ קליינע שטעלע: ווען עס גייט די פּאַראַדנע לוויה פון משה מענדעלסאָן, גייט אים אַנטקעגן פון קבר אַרויס זיין געשטאָרבענע מאַמע און זי טענהט צו איר גרויסן זון: שטיי אויף און זע דיין בראָך, — דיינע קינדער טראָגן אַ צלם דיר נאָך!

די לעבעדיקע ייִדן האָט עס נישט געאַרט: אויך פאַר זיי איז דייטשלאַנד, דייטשלאַנד איבער אַלעס. די עגאָפּאָביע, דער ביטול און האַס צו ייִדישקייט איז געווען שטאַרקער, און אַלע באַריערן אויפן וועג צו אַנטלויפן פון ייִדן און פון ייִדישקייט זענען געווען אַראָפּגענומען דורך דער עמאַנציפּאַציע, טאָ ווער איז צו זיי גלייך?!

און די ייִדן אין רוסלאַנד, אין דעם גאַנצן קאָמפּאַקטן ייִדיש־לאַנד זענען געווען צעטיילט אויף צוויי נישט קיין גלייכע טיילן — דאָס פאָלק און די משכילים. דאָס פאָלק האָט מיט וויינען און קרעכצן געטראָגן דעם יאָך פון די אַלע אויסנאַם־געזעצן וואָס האָבן זיך געגאָסן ווי אַ מבול אויף די ייִדישע קעפּ. און די משכילים, איבערהויפּט די וואָס עס איז זיי געלונגען אַרויסצורייסן זיך אין „טיף־רוסלאַנד" (אויסער דעם תחום־המושב), האָבן אַלע מיט קינאה אויף זייערע ברידער אין מערב געקוקט און געוואַרט אויף דעם גליקלעכן טאָג פון זייער עמאַנציפּאַציע וואָס די „מלכי חסד" פון רוסלאַנד וועלן זיי זיכער „שענקען", ווען די ייִדן וועלן זיך „אויסמענטשלען", מען וועט פאַרוואַרפן דעם „זשאַרגאָן", וואָס גרילצט אין די אויערן און מען וועט אויסטאָן די ייִדישע בגדים, וכדומה. אַפילו אָנגעבן אַ בקשה צו דער רעגירונג (אַנאָנים פון ווילנער משכילים!) מען זאָל פאַרבאָטן די לאַנגע בגדים אָדער אַרויפלייגן אַ הויכן שטייער („קאָראָבקע בגדים" — געווען טאַקע אַזאַ...) אַלץ אין האָפענונג, אַז די גוטע רעגירונג, וואָס מען דאַרף איר דינען טריי, און זינגען פאַר איר פּאָעמעס, — וועט ווען עס איז דאָך „שענקען" גלייכע רעכט... אין דער גאַנצער השכלה־ליטעראַטור אויף רוסיש, אויף העברעיִש און אַפילו אין די גאָר קנאַפּע ווערק אויף ייִדיש איז פאַראַן אַזוי ווייניק אויפריכטיקע מיטגעפיל צו דעם ייִדישן פאָלק! אַזוי ווייניק מיטווייטיק מיט די מאַמעס וואָס די רעגירונג רייסט אַרויס פון זייערע הענט די קליינע קינדער פאַר קאַנטאָניסטן! אַז עס איז פּשוט אַ פּסיכישער פענאָמען פון דער השכלה: קריטיק אַזוי פיל און מיטגעפיל — כמעט גאָרנישט. און אַ גרויסער טייל פון אָט־די זעלביקע משכילים האָבן דאָך געלעבט אין פאָלק אויך אַליין. נישט איין מאָל איז געשטעלט געוואָרן די פראַגע: דאָס פאָלק וויינט און קלאָגט אויף די צרות און גזירות, און די משכילים זינגען דיפיראַמבן פאַר די צרות־מאַכערס, פאַר די גזירות־שאַפערס? און דער פּסיכאָלאָגישער תירוץ איז אַן איינפאַכער אין זיין גאַנצער גרויזאַמקייט: די משכילים און צוזאַמען מיט זיי (אפשר אויפן ערשטן אָרט) די גאָר דינע,

קליינע געלט־בורזשואַזיע האָבן אַליין אויך פיינט געהאַט ייִדן... איך שרייב דעם פאַקט און איך וויס — אַ סך פון אונדזער הײַנטיקער אינטעליגענץ וועט זיין שרעקלעך אויפגעבראַכט פאַר די ווערטער, איך אַליין פיל אַ וויטיק ביים שרייבן, — אָבער דער פאַקט איז פאַרט אַזוי! די עגאָפאָביע אין די הערצער האָט נישט געלאָזט מיטפילן און מיטוויייטיקן מיט דעם פאָלק. זוכט אין דער גאַנצע השכלה־ליטעראַטור אַן אויפריכטיקן קרעכץ... זעלטן וועט איר עפּעס פון דעם געפינען. אפשר אַ פאַרענטפערונג פאַר וואָס מען שמדט זיך נישט (און ווייט נישט אַלע מאָל האָט מען דאָס ניטשמדן זיך אויסגעהאַלטן...). האָב איך אַן עדות, אַז שוין אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט האָט אַ פאַרוואַלטער פון אַ „ייִדישער" שול אין באַרדיטשעוו זיך באַרימט, אַז זיינע צוויי זין זענען „שוין אַריבער דעם רוביקאָן"... זיי האָבן זיך שוין געשמדט, וואָס אים אַליין איז עס נאָך שווער צו טאָן — די זין האָבן דורכגעפירט דעם אידעאַל פון טאַטן. דער־פאַר וועט איר גאָר גרינג אין דער זעלביקער השכלה־ליטעראַטור געפינען אַזוי פיל בייסיקע, גאַליקע קריטיק אויף אַלץ וואָס עס איז ייִדיש. איך וועל דאָ נישט דערמאָנען די גאַנצע דראַמאַטישע עפּאָפּייע פון מאַקס ליליענטאַל, וואָס איז ווי דורך נאַכט אַנטלאָפן פון רוסלאַנד, כדי נישט צו העלפן מער דער צאַ־רישער רעגירונג אין איר פראָבע אָפּצושמדן די ייִדן דורך אירע „שקאָלעס", און די אָרטיקע משכילים האָבן נישט געפילט און נישט געוואָלט וויסן (לי־ליענטאַל האָט געשטאַמט פון דייטשלאַנד, פון מינכען). דער ענגלישער ייִד (און נאָך אַ ספרדישער), משה מאָנטעפיאָרע האָט מער מיטגעפילט די צרות פון די ייִדן אין רוסלאַנד (פון די אשכנזים!), איידער די אָרטיקע משכילים־ייִדן. ער לאָזט זיך אין יענע צייטן, מיט הונדערט יאָר צוריק מיט פערד און מיט שיפן קיין רוסלאַנד, צו העלפן די ייִדן; ער ווייסט דעם אַדרעס דירעקט צו די שולדיקע אין די צרות; ער פאָרט קיין פּעטערבורג. — און די ווילנער משכי־לים באַגעגענען אים טאַקע מיט גרויס כבוד, אָבער אויך מיט אַ מעמאָראַנדום, וואָס וואַרפט די גאַנצע שולד אויף די... ייִדן גופא... (דער מעמאָראַנדום איז געווען אין העברעיִש און האָט זיך אָנגעהויבן מיט דעם זאַץ פון גמרא: „ארבעה אבות נזיקין")... ליליענטאַל, מאָנטעפיאָרע און אַנדערע ווי זיי, וויטערע, האָבן נישט געליטן פון דער עגאָפאָביע ווי דווקא די נאָענטע, די משכילים, וואָס האָבן געלעבט צוזאַמען מיטן פאָלק און וואָס האָבן אַליין אויך נישט וויניק געליטן פון די אויסנאַם־געזעצן. זיי האָבן געגלייבט אין דער „גוטסקייט" און אין דער פיינקייט פון די הערשער, און פון די רוסן בכלל מיט זייער קולטור זיי האָבן אָבער מיט וויטיק געפילט אַ האַס צו אַלץ וואָס עס איז ייִדיש און במילא צו די ייִדן, צום אייגענעם פאָלק אין צרות.

עס איז גענוג איבערצולייענען די ערשטע ייִדישע שריפטן אין רוסיש

(אַרויס אין 1802) פון דעם ערשטן משכיל (וואָס האָט קוים אויסגעהאַלטן זיין ייִדישקייט נאָך פיר יאָר ביזן שמד, אין 1806) לייב נעוואַכאָוויטש, וואָס האָט אַליין איבערגעזעצט זיין שריפטל אין העברעיִש מיט דעם נאָמען „קול שועת בת יהודה". דאָרטן קומט אַרויס קלאָר די גאַנצע בעטלערישע הכנעה און גע־פּאַלנקייט פון דעם מענטשן( און פון זיין גאַנצן קרייז מיט אים, מיט זיין פּאַטראָן זעם באַנקיר אבראַם פּערעץ, וואָס האָט זיך שפּעטער געשמדט מיט אים צו־זאַמען) ווי ער בעט זיך ביי די „גרויסמוטיקע זין פון צפון", ביי די „גוטהאַר־ציקע גרויסרוסן" מען זאָל זיי אַריינגעמען אין דער פּראַקטיקער געזעלשאַפט... אָבער צי האָט דער גרויסער מענדעלסאָן אין זיין „ירושלים" געבעטן דאָס זעלביקע מיט אַ סך מער אַכטונג צו זיין ייִדישקייט? די עגאָפּאָביע צו אַלץ וואָס איז אייגנס ברענגט אַ היפּערטראָפירטע אַכטונג צום פרעמדן. האָט דאָך נאָך גאָר נישט לאַנג ביי אונדז דער רוסישער פויער געגאָלטן פאַר אַן אידעאַלן טיפּ מענטש, און וויפל גוטע, געטרייע ייִדן האָבן באַרימט זיך, אַז זיי ווילן אויסבילדן אַ ייִדישן פויער ווי יענעם אידעאַל? אַז מענדעלע וויל קעגנשטעלן אַ געזונטן נאַרמאַלן מענטשן קעגן דעם אויסגעלאַכטן בנימין השלישי. דער־ציילט ער, ווי בנימין מיט סענדערלען גייען אַרויס עטלעכע טריט פון שטעטל און זיי פרעגן ביי די פויערים וואָס פאָרן אין שטעטל: „צי דאַלעקאָ דאָ ארץ־ישראל?" (צי עס איז נאָך וייט קיין ארץ־ישראל?). און די „נאַרמאַלע", גע־זונטע פויערים לאַכן זיך אויס פון די „זשידקי־לאַפּסערדאַקי". און דאָס האָט געשריבן דער „זיידע", שוין נאָך דעם ווי ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דער אמתער השכלה אין איר אָריגינעלער פּראַכט. וואָס, מ׳שטיינס־געזאָגט, איז ווערט דער ייִדישער טרוימער און חלומער פון ארץ־ישראל לגבי דעם „גע־זונטן און נאַרמאַלן" פויער, וואָס וויס גאָרנישט און דאַרף גאָרנישט אויסער אַ זיים ברויט און בראָנפן?...

די באַרימטע חברה „מפיצי השכלה בישראל", וואָס האָט באמת פאַר־שריבן אַ פיינעם קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון די רוסישע ייִדן, האָט זיך געגרינדעט אין 1863. אָבער מיט 10 יאָר פריִער האָט די פּעטערבורגער ייִדישע אַריסטאָקראַטיע דערלאַנגט אַ בקשה פאַר אַזאַ געזעלשאַפט, מיט דעם אידעאַל צו פאַרבייטן דעם ייִדישן „זשאַרגאָן" מיט דער רוסישער שפּראַך. אַפילו דער נאָמען האָט געזאָלט זיין „געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטן בילדונג און רוסיש־לשון" באשר די רעגירונג האָט נישט דערלויבט. קענטיק — מען האָט ייִדן פיינט, אַפילו ווען זיי רעדן רוסיש. אין דעם ערשטן קאָמיטעט פון דער געזעל־שאַפט זענען געזעסן צוויי משומדים (פּראָפעסאָר כוואָלסאָן און פּראָפעסאָר באַקסט)... אפשר האָבן זיי דאָס געזאָלט דינען פאַר אַ מוסטער צו וואָס ייִדן דאַרפן שטרעבן. בכל־אופן האָט עס די נישט־געשמדטע ייִדן נישט אָפּגעעקלט

צו זיצן מיט זיי צוזאַמען אין אַ געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטן בילדונג צווישן ייִדן. מיט וואָס פאַר אַ שטאָלץ אַ ווילנער ייִד מיט דעם כשרן נאָמען „ליעוו אַסיפּאָוויטש לעוואַנדע“ האָט דאָס אויסגעלאַכט די ייִדישע שרייבער וואָס שרייבן נאָך „מיט די אַסירישע קוואַדראַטעלעך“ (העברעיִשע אותיות), בעת ער שרייבט שוין עכט רוסיש. און וויפל פון אָט־די רוסיש־געבילדעטע ייִדן האָבן זייער ייִדיש נישט געקאָנט אויסהאַלטן און האָבן זיך געשמדט? אָט אַזוי האָט מען אין רוסלאַנד אַוועקגעוואָרפן ייִדישקייט אַפילו אָן עמאַנציפּאַציע. דער אידעאַל איז געווען אויך דאָ „סליִאַניע“ (צונויפגיסן זיך) מיט דעם „גרויסן“ רוסישן פאָלק. און אָט די געגאַרטע, שטאָלצע רוסיפיקאַציע איז דאָס געווען אַן „אַדערויף“. אויך דאָ, אין סאַמע טראַגישן גיהנום האָט זיך צעשפּילט די עגאָפאָביע — דער האַס און ביטול צו אַלץ וואָס עס איז אייגנס, ייִדיש און אַ בענקעניש צו אַלץ וואָס עס איז פרעמד. נישט נאָר דאַרף מען זיך באַמיִען צו רעדן רוסיש ווי אַן אמתער מאָסקוויטער, נאָר מען דאַרף אויך טרינקען בראָנפן ווי אַן עכטער רוס... דאָס פאָלק און די אינטעליגענץ — צוויי ווייטע, באַזונדערע וועלטן. און מען טאָר נישט פאַרגעסן, מען טאָר נישט מיינען, אַז צווישן אָט די ייִדן־אינטעליגענטן זענען נישט געווען קיין גרויסע, פילנדיקע און דענקענדיקע מענטשן! עס זענען געווען גענוג טאַלאַנטן צווישן זיי מיט האַרץ און מיט נשמה. באַשר די עגאָפאָביע האָט זיי פאַרפירט.

ווען איך פאַרגלייך די הכנעהדיקע פאַרליבטקייט פון די משכילים אין דעם קוואַל פון ייִדישער אונטערדריקונג און צרות מיט דער פעסטער האַלטונג פון די פשוטע ייִדן, מיט דער אויסגעהאַלטנקייט זייערער, זע איך ווי טיף די פון דער פרעמד־געקומענע השכלה האָט דעפאָרמירט די נשמה פון אירע אַדעפּטן. די הכנעה פון אַ געטרייען שקלאַף דאָס זאָגן אָמן אויף יעדן שמיץ, די פאַרויסיקע דאַנקבאַרקייט פאַר דער אפשר־גלייכקייט וואָס וועט אפשר קומען. דער עגאָפאָבישער ביטול צום אייגענעם פאָלק, דאָס נישט פילן און נישט וועלן פילן זיינע צרות און ליידן און פּיינען; דאָס באַשולדיקן אים און באַרעכטיקן דעם שלעגער — אַזוי ווייט איז דערגאַנגען די געפאַלנקייט פון די משכילים ערב דער געגאַרטער עמאַנציפּאַציע, וואָס איז געווען ווי אַ חלום וואָס איז קיין מאָל נישט מקוים געוואָרן. און דערפאַר מער אַכטונג און באַוווּנדערונג צום פּשוטן פאָלק, וואָס האָט מיט גבורה אַריבערגעטראָגן אַלע צרות, קלעפּ און פּייניקונגען, און האָט זיך נישט געבויגן און נישט געפאַלן אונטער זייער לאַסט. „עס ברענען די גלידער, די זעל אָבער נישט“ (מ. וואַרשאַווסקי).

אַזוי האָט זיך געצויגן ביז די פּאָגראָמען אין די זיבעציקער, אַכציקער יאָרן... די נאַרישע רוסישע סאַטראַפּן האָבן נישט פאַרשטאַנען. זיי האָבן

געוואָלט, געזוכט מיטלען ווי צו אויסיִידישן די ייִדן, און האָבן נישט געקאָנט פאַרשטיין, אַז מיט אַ קליין צוקערלעקעכל קענען זיי אָפּקויפן ביי די ייִדן גאָר זייער ייִדישקייט. האָבן זיי געטאָן פאַרקערט: געמאַכט פּאָגראָמען, — און די בעסטע, טיפסטע פון צווישן די אינטעליגענטן האָבן זיך אויסגעניכטערט...

מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז דער מחבר פון „אויטאָעמאַנציפּאַציע", ל. פּינסקער, האָט ביז די פּאָגראָמען אַרויסגעגעבן, צוזאַמען מיט נאָך איין דאָ־טער (סאָלאָוויטשיק), אַ רוסיפיקאַטאָרישן זשורנאַל אויף רוסיש. די פּאָגראָ־מען האָבןביידן אויסגעניכטערט. סאָלאָוויטשיק האָט אַריינגעשיקט אַ בריוו אין דער בילדונגס־געזעלשאַפט, אַז כּל־זמן די רוסן ענטפערן מיט פּאָגראָמען אויף אונדזער פאַרלאַנג זיך „צונויפצוגיסן", זעט ער נישט קיין שום ציל אין פאַרשפּרייטן בילדונג צווישן ייִדן (אַז עס קען זיין בילדונג אָן רוסיפיקאַציע האָט מען זיך נאָך אַזוי גיך נישט געכאַפּט). די אַלע ידיעות וועגן דער חברה מפיצי השכלה שטאַמען פון י. טשעריקאָווערס בוך „געשיכטע פון דער חברה מפיצי השכלה", אין רוסיש, וואָס איז אַרויס צום פופציק־יאָריקן יובל פון דער געזעלשאַפט אין יאָר 1913).

ד"ר ל. פּינסקער איז דעמאָלט אַרויס מיט דער בראָשור „אויטאָעמאַנ־ציפּאַציע" און שוין נישט מער אין רוסיש, נאָר אויף דייטש.

וואָס איז דער אונטערשיד צווישן עמאַנציפּאַציע און אויטאָעמאַנציפּאַציע? ווי ווייט איז די צווייטע פון דער ערשטער?

אין אַסימילאַציע דאַרפן זיין צוויי פאַקטאָרן: דער אַסימילאַנט און דער אַסימילירער. דאָס עסן וואָס מען עסט איז דער אַסימילאַנט און דער אָרגאַ־ניזם וואָס עסט איז דער אַסימילירער. די ייִדן, די גאַנצע ייִדישע אינטעלי־גענץ האָט געחלומט צו ווערן דער אַסימילאַנט, אַסימילירט צו ווערן אין רוסישן פאָלק אַריין. די רוסן האָבן דאָס געדאַרפט זיין דער אַסימילירער. דאַרפן אין דעם גאַנג פון אַסימילאַציע זיין אויך צוויי פּראָצעסן: מען דאַרף זיך אויסיִידישן און מען דאַרף „איינגוייִשן" זיך. מען דאַרף ווערן אויס ייִדן און מען דאַרף ווערן עכטע רוסן... אַ פּאַמעלעכער, גאָר נישט קיין איינפאַכער פּראָצעס. אָבער, אַז ייִדן ווילן, גלייבן זיי עס צו דערגרייכן. און גאָר גרינג...

ווי איז אָבער, אַז דער אַסימילירער — דאָס רוסישע פאָלק — מאַכט פּאָגראָמען און גיט צו פאַרשטיין: ער וויל נישט קיין ייִדן אַפילו קיין רוסיפי־צירטע, טאָ ווי פּירט מען דורך דעם ערשטן פּראָצעס? — די אויסיִדישונג? האָט די אויטאָעמאַנציפּאַציע געפונען דעם וועג: איז נישטאָ קיין געאָגראַפישער אַסימילירער, קען דאָך זיין אַ היסטאָרישער. דער היסטאָרישער אַסימילירער וועט קיין פּאָגראָמען נישט מאַכן — ער איז דאָך סיי־ווי נישטאָ. אַז מען קען

נישט אַוועק פון ייִדישקייט, פון דעם ייִדישן פאָלק צו אַן אַנדער פאָלק אין לאַנד, קען מען דאָך אָבער אַוועק פון דעם היינטיקן ייִדישן פאָלק צו דעם פאַרצייטיקן, צו דעם געוועזענעם, אַמאָליקן, וואָס צו אים האָט נישט געגרייכט די עגאָפּאָביע, ווייל ער איז דאָך נישטאָ.

אייגנטלעך האָט די אויטאָעמאַנציפּאַציע גאָר נישט מחדש געווען. אויס־ייִדישונג ווי אַ שטרעבונג איז געבליבן. נאָר אַנשטאָט דעם ציל — צום הער־שנדיקן פאָלק אין לאַנד — צו די רוסן, ווי עס האָט געוואָלט די עמאַנציפּאַציע, האָט די אויטאָעמאַנציפּאַציע געפונען אַן אַנדער ציל, אָבער אויך נישט קיין נייעם, זי האָט נאָר אויסגענוצט דעם אוראַלטן משיח־אידעאַל, וואָס איז ביי ייִדן אין צרות קיין מאָל נישט פאַרגעסן געוואָרן. אַזוי פון אייביק אָן, פון מיצרים אָן — אַז עס איז שלעכט דערמאָנען זיך ייִדן אָן זייער גאָט, אָן זייערס. דערפאַר האָט דער אידעאַל געהאַט גלייך אַ סך אָנהענגער. עס איז דאָך נישט מער ווי אַ נייע אויפלאַגע פון דעם אַלטן משיח־גלויבן. און צרות און גזירות האָב דאָך נישט געפעלט, מען זאָל תמיד געדענקען און נישט פאַרגעסן. אָבער דער נייער אידעאַל פון אויטאָעמאַנציפּאַציע האָט אויך נישט פאַרלאָרן דעם צווייטן טייל פון אידעאַל — דעם אידעאַל פון אויס־ייִדישונג. דער פויער ווי אַ געוווּנטשענער טיפּ, — נו, האָבן מיר דאָך אַליין אויך געהאַט אַזאַ טיפּ, מיר זענען דאָך געווען אַליין אויך אַ פויערים־פאָלק...:

„ייִד, דו ביסט אַמאָל אַ פאָלק געווען,
דו האָסט אַמאָל אַ לאַנד געהאַט" אאַז"וו (א. רייזען)

אָדער —

„אין דער סאָכע ליגט די מזל־ברכה" (א. צונזער).

און אָט דער אידעאַל פון אויס־ייִדישונג, פאַרוואָרפן די היינטיקע ייִדיש־קייט, די פאָלקישע ייִדישקייט פון היינט — דער אידעאַל איז געבליבן אין ציוניזם אייגנטלעך ביז היינט. דער אידעאַל — דער זון פון עגאָפּאָביע — ער האָט געפירט מיט דער גאַנצער קולטור און דערציִונג אין ארץ־ישראל און אויך אין חוץ־לארץ. מען האָט עס אָנגערופן מיט אַ שעַנערן נאָמען „שלילת הגלות" — אַלץ וואָס ייִדן האָבן געשאַפן אין גלות, — פון דעם תלמוד אָן, הייסט עס, אַלץ איז פּסול און מען דאַרף עס אַרויסוואַרפן, מיר ווילן נישט קיין גלות־ייִדישקייט! און אַן גלות־ייִדישקייט איז דאָך אָבער קיין אַנדער ייִדישקייט לגמרי נישטאָ, איז עס בעסער, מיר וועלן אָנהייבן פון דאָס ניי, איינפירן אַ ייִדישקייט פון אַמאָל, וואָס איז אין גאַנצן נישטאָ אין לעבן, און דערפאַר טאַקע

ריינער, בעסער, שענער, לויט דעם כלל, וואָס אייגנס איז פרעמד און וואָס פרעמד איז גוט און אייגנס.

דער ציל איז געבליבן: מיר גייען דערציִען אַ נייעם טיפּ ייִד, וואָס איז דורך און דורך אַנדערש, נישט ענלעך צו דעם גלות־ייִד, וואָס האָט נישט די חסרו־נות פון גלות און וואָס פאַרמאָגט אויך נישט אָט־די גאַנצע „שלעכטע" קולטור פון גלות... אונדזער לשון טאָר נישט זיין דאָס גלותדיקע, דער „זשאַרגאָן" פון די משכילים איז ווייטער געבליבן „זשאַרגאָן" וואָס גרילצט אין די אויערן... אַפילו אונדזער לשון־קודש דאַרף זיין אַנדערש, נישט דאָס גלותדיקע, חלילה: נישט די אויסשפּראַך וואָס עס נוצט עטלעכע און ניינציק פּראָצענט פון פאָלק ביים דאַוונען און אין רעדן. בעסער זאָל עס שוין נישט זיין קיין לשון־קודש, נאָר עברית, און בעסער זאָל עס קלינגען נענטער צו אַראַביש ווי צו דעם לשון־קודש פון די גלותדיקע ייִדן. ווארום דאָס איז דאָך זיכער, אַז אברהם אָבינו איז נישט געווען ענלעך צו אַ היינטיקן ייִדן, חלילה! צו אַ שטאָט־באַלעבאָס דאָרטן, אָדער גאָר, די שעה זאָל נישט זיין, צו אַ רב. אָבער אַז ער איז געווען אַ בעדוי־נער — דאָס איז דאָך זיכער, און דערפאַר איז אַ היינטיקער בעדויִנער אַ שענערער מוסטער פון אונדזער שטאַם־פאָטער אברהם. טאָמער נוצן גלותדיקע ייִדן אין זייער „זשאַרגאָן" העברעיִשע אויסדרוקן, און אָט די העברעיִשע ווער־טער האָבן שוין אין ייִדישע מיילער געקראָגן אַ נישט געשמאַקן טעם און זיי שמעקן מיט ייִד, — דאַרף מען זיי פאַרבייטן מיט אַנדערע ווערטער, וואָס גלותדיקע ייִדן האָבן זיי נישט געניצט און נישט געמאַכט „מוקצה מחמת ייִדיש"... איז פאַראַן אַ וואָרט אין ייִדיש: אפשר, טויג עס נישט — קודם־כל איז עס דאָך צו פיל געניצט פון ייִדן, היינט איז זיין יחוס אויך נישט קיין גוטער — ער שטאַמט דאָך פון גמרא; ווידער גלות! וועט זיין בעסער „אולי". זאָגן ייִדן אַוודאי, בוודאי, — איז עס דאָך אוודאי שלעכט — ווידער די גלות־דיקע גמרא און עס טויג נישט. וועט מען בעסער זאָגן „בטח", הגם דער זינען איז גאָר אַן אַנדערער און עס מיינט גאָר עפּעס אַנדערש, מאַכט נישט אויס, אָבער עס שמעקט נישט מיט ייִדיש. און אַזוי נאָך און נאָך.

בדרך כלל איז אויסייִדישן זיך מיט העברעיִש אַנגעקומען אַ סך שווערער: עס פעלן אַ סך ווערטער, אַ סך אויסדרוקן אין דעם לשון, וואָס איז אַזוי רייך ליטעראַריש, אָבער נישט טאָג־טעגלעך. האָט מען געדאַרפט האָבן נייע ווער־טער. האָט מען זיי בעסער איבערגעזעצט פון אַנדערע שפּראַכן, נאָר נישט פון ייִדיש. האָט מען אָנשטאָט דעם אוראַלטן ייִדישן שלום־עליכם גענומען שלום, וואָס איז פשוט איבערגעזעצט געוואָרן פון רוסיש. אַזוי, למשל, להתראות — ווידער אַמאָל פון רוסיש צי פון פּויליש, אַפילו נישט געוואָלט נעמען אַן אַלטן העברעיִשן אויסדרוק לך לשלום, צאתך לשלום; דאָס איבערגעזעצטע שמעקט

בעסער ווי דאָס אייגענע. האָבן יידן געניצט אין רעדן טיטלען, ווענדונגען: רב, רבי וכדומה, ריין יידישע, טראַדיציאָנעלע פאָרמען, פאַרבונדן מיט דער באַציִונג פון יידן צו דער תורה, צום לערנען. האָט מען די טיטלען פאַרביטן מיט אדון און גברת, וואָס באַטייטן הערשאַפט, און זיי שטאַמען מיסתמא פון דער פּריצישער פאַרגאַנגענהייט אין אייראָפּע. און זי — אָט די פּריצישע פאַרגאַנגענהייט — איז געווען אַזוי ליב און טייער די יידן...

עס קומט אויס, אַז אַפילו העברעיִשע אויסדרוקן וואָס זענען געווען באַנוצט ביי ידן, זענען שוין צוליב דעם אַליין געווען נישט געוווּנטשן. יידישע נעמען האָט מען געזוכט צו פאַרבייטן און מען זוכט עס אויך איצט. זענען נישט ליב אַזוינע נעמען ווי בערל, וועלוול, געצל, שמערל, ביינע, יענטע וכדומה — זיי זענען גלותדיקע. אָבער אָט אַזוינע נעמען ווי אברהם, יצחק, משה, דוד, שלומה וכדומה. זיי מיידט מען דאָך אויס, הגם זיי זענען אַלע תנ״כישע. מיט וואָס־זשע האָבן זיי פאַרזינדיקט? בלייבט נאָר דער איינציקער חסרון זייערער: דאָס וואָס זיי זענען געניצט געוואָרן ביי יידן. און טאַקע דערפאַר, נאָר דערפאַר זענען זיי ביי יידן נישט באַליבט. ווייל זיי זענען אייגענע, זענען זיי פרעמד, מאַכט מען זיי פרעמד.

די אַלע דערשיינונגען דערקלערט מען מיט שלילת הגלות — מען נעגירט אַל דאָס גלותדיקע, אַלץ וואָס דערמאָנט אָן גלות. אָבער עס איז נישט ריכטיק: עס קען זיין, מען זאָגט אַז עגאָפּאָביע נעמט זיך פון גלות. עס איז באַקאַנט אויך ביי אַנדערע אונטערדריקטע פעלקער אַ ווילן נאָכצומאַכן דעם הערשערישן פאָלק, עס איז אַ שטריך פון אַ דיגסט צו וועלן נאָכמאַכן דער רייכער באַלעבאָסטע. איז דער שטריך דאָך געבליבן ווי מיר האָבן עס געזען אויבן. נעגירט האָט מען, אָפּגעוואָרפן האָט מען אַלץ וואָס יידן האָבן געשאַפן אין גלות ריין יידישעס, אַלץ דאָס וואָס יידן האָבן געשאַפן און וואָס עס האָט אָפּגעהיט דעם קיום פון פאָלק, אַפילו אין גלות. דאָס נישט־יידישע, דאָס גוייִשע איז יאָ געווען גוט. מען האָט אַפילו אין יענע בראשית־צייטן פון ציוניזם אָפּן גערעדט און געשריבן, אַז מען וויל שאַפן אַ פאָלק לויטן מוסטער פון גוייִם, נאָר אויף העברעיִש.

יידן זענען געלאָפן וווהין די אויגן האָבן געטראָגן — פון צרות איז מען געלאָפן, פון פאָגראָמען, פון רדיפות, פון הונגער און פון אָרעמקייט. מען איז אָבער נישט געלאָפן פון דעם „קולטור־גלות״, פון אַל דאָס נישט־יידישעס, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן מיט גוואַלד צי אָן גוואַלד אין יידישן לעבן. אָט דער דאָזיקער עגאָפּאָביע־אידעאַל פון עמאַנציפּאַציע, דער „נהיה ככל הגוייִם״ ער איז געבליבן אויך אין די קרייזן און אין די צייטן פון אויטאָעמאַנ־

ציפּאַציע. אָט די דאָזיקע „קנעכטשאַפט אין פרייהייט" וואָס אחד־העם האָט אין נאָמען פון רוסישן ייִדנטום שטאָלץ געוואָרפן דער אייראָפּעיִשער ייִדישער אינטעליגענץ, זי איז געווען נישט אין אַ קלענערער מאָס אויך ביי די ייִדן פון רוסלאַנד וואָס האָבן געבויט פּיאָנעריש ארץ־ישראל. נישט אומזיסט האָט דער זעלביקער אחד־העם נאָך אין אָנהייב פון יאָרהונדערט געשריבן „אַז אָט די נעגאַציע קען פירן צו נאָך און נאָך נעגאַציעס, וואָס ווער ווייס וווהין זיי קענען פאַרפירן (ואחריתן מי ישורנן). דער גלותדיקער (ריכטיקער: עגאָפּאָבישער) שטריך איז געבליבן ביז איצט — מען שיקט למשל פּראָפּאַגאַנדע, נוצט מען אַלע שפּראַכן, אָבער ווייניקער ווי אַלץ ווערט ייִדיש גענוצט, הגם אַלע ווייסן: נענטער ווי אַלץ דערגייט צו ייִדישע הערצער דווקא דאָס ייִדישע וואָרט. מען האָט אין ארץ־ישראל קיין מאָל נישט געוואָרפן קיין שטיינער, נישט געשטערט קיין פאַרזאַמלונג, קיין רעדעס אויף אַלערליי שפּראַכן אַזוי ווי מען האָט יאָ געטאָן בנוגע צו ייִדיש. ייִדן קומען קיין ישראל פון פאַרשיידענע לענדער. פון די לאַנד־קולטורן באַמיט מען זיך נישט אָפּגעריסן צו ווערן. פון ייִדישקייט אָבער יאָ. דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן די עגאָפּאָביע אין איר גאַנצער גרייס.

אין ארץ־ישראל זענען געשאַפן געוואָרן אַ סך געזאַנגען און טענץ. דאָס איז אַ גרויסער אויפטו. עס איז שעפערישקייט, ס׳איז אַ סימן פון מוט און גלויבן, עס איז לעבן. אָבער ווען איך הער זיך צו צו די מעלאָדיעס, הער איך אָפּטער רוסישע טענער, רוסישע באַוועגונגען. איך האָב אויף דער טעמע גערעדט מיט אַ ייִדישן מוזיקער, זאָגט ער מיר: איז וואָס האָט איר געוואָלט — מען זאָל אייך געבן מעלאָדיעס פון שניפּישאָקער חזן?... אָט דער ביטול האָט אַ שניט געטאָן. דאָ ליגט עגאָפּאָביע. די זעלביקע עגאָפּאָביע וואָס האָט געשפּייזט די עמאַנציפּאַציע. פריִער האָט זי געהאַט ביידע ריכטונגען: פון וואָס און צו וואָס, עס האָט געהאַט אויסייִדישונג און עס האָט פאַרמאָגט אויך די אייגגויִשקייט — פון ייִדישקייט צו גויִשקייט. איצט האָט די אויטאָעמאַנציפּאַציע געהאַט איין קלאָרע ריכטונג — פון וואָס, פון וועמען? — דאָס איז געווען קלאָר — פון ייִדישקייט. ווייל עס איז „גלות", ווייל עס איז אומבאַליבט. אָבער די ריכטונג וווהין, צו וואָס — דאָס האָט מען געדאַרפט ערשט באַשאַפן. דער פאַרצייטיקער ייִד איז דאָך געווען און געבליבן אַ זאַך פון פאַנטאַזיע. ער האָט זיך עטוואָס קאָנקרעטיזירט אין דעם תנ"כיזם, וואָס האָט איצט באַהערשט ארץ־ישראל, איבערהויפּט די אויבערשטע קרייזן. דער תנ"ך איז געווען אָפּגעריסן פון לעבן שוין אין דער צייט פון תלמוד. הייליקע שריפטן פאַרענדיקטע ווי אַן אתרוג אין אַן אתרוג־פּושקע. נישט אין דעם איז געלעגן די אַקטועלע, לעבעדיקע ייִדישקייט. אַ ספר וואָס מען קען איבערזעצן אויף

אַלע שפּראַכן. דערפֿאַר האָבן די תּלמודיסטן באַגרענעצט דאָס לערנען דעם תּנ״ך: נישט ער קען באַאײַנפֿלוסן דאָס לעבן און נישט דאָס לעבן איז מיט אים פֿאַרבונדן. די אַקטועלע תּורה, וואָס איז געווען כּנגד כּולם — וויכטיקער ווי אַלע מצוות איז געווען די תּורה פֿון אַקטועלן לעבן, דער „תּלמוד־תּורה״ און די גרופּעס, און די פּאַרטייען וואָס האָבן אָט די אַקטועלע תּורה פֿון דעם אַקטועלן לעבן נישט גענומען, — די גרופּעס האָבן זייער גיך פֿאַרלאָרן זייער ייִדישקייט און זיי זענען אַליין אויך פֿאַרלאָרן געגאַנגען, אַרויסגעפֿאַלן פֿון ייִדישן פֿאָלק. מיט אַ תּורה פֿון אַ געוועזענער תּקופֿה, וואָס איז שוין נישט מער אַקטועל אין דעם היינטיקן לעבן, קען אַ פֿאָלק נישט לעבן און קיין קיום נישט האָבן. דאָס איז שוין געווען אַזוי מיט אַ צוויי טויזנט יאָר צוריק און מער, ווען איצט אַוועקלייגן דעם תּנ״ך אין יסוד פֿון קולטור־לעבן דראָט ווידער מיט נאָך גרעסערע סכּנות. אָבער פֿון וואַנען האָט זיך גענומען אָט אַזאַ מאָדנער פֿאַר־לאַנג? — זײַן מקור איז די אַלטע עגאָפּאָביע.

און דערפֿאַר לעבט איצט דער ציוניזם איבער אַ גרויסן קריזיס. אַלע ייִדישע ישובֿים היינט אין דער גאָרער וועלט זענען אין עמאַנציפּאַציע־לענ־דער. גוט, נישט גוט, דויערנדיק אָדער נישט, אָבער דערווײַל איז דאָ עמאַנצי־פּאַציע. אומעטום לעבן ייִדן אין דירעקטער שכנהשאַפֿט מיט די הערשער־פֿעלקער. האָט די עגאָפּאָביע בײַדע ריכטונגען — פֿון ייִדישקייט און צו די־רעקטער גוייִשקייט. איז דאָ נישטאָ קיין אָרט פֿאַרן ציוניזם, פֿאַר ציון. סײַדן עס איז אַ ווערבאַלער ענין: מיר רעדן, ברידערלעך, מיר רעדן. ייִדן אין די גלותן — אין די גוטע גלותן, פֿילן נישט זייער „קנעכטשאַפֿט אין פֿרייהייט״. עס איז זיי פֿרעמד אַ ווילן צו אַנטוויקלען זייער היימישע ייִדישקייט. דאָס פֿאַרקערטע — די עגאָפּאָביע — איז דאָ, קיין דראַנג אָבער צו זיך איז נישטאָ. דער ציוניזם וואָס עס געוואָלט און וואָלט עס געקאָנט אַנטוויקלען, האָט עס פֿאַרפֿעלט צו שאַפֿן. פֿון דאַנען דער קריזיס.

און נישט געקוקט אויף אַלע דעפֿעקטן און צרות און קריזיסן, האָט די עגאָפּאָביע שטאַרק געהאָלפֿן דעם ציוניזם אויף פּאָזיטיוו. עס האָט זיך בײַ ייִדן אויסגעבילדעט אַן אַגריקולטור־קלאַס און אַגריקולטור־ישובֿים; ייִדן קע־נען לעבן נישט פֿון גויִים אויך; עס איז אויפֿגעקומען אַ ייִדישע מדינה, הלוואי אויף לאַנגע יאָרן. ייִדן פֿון דער גאָרער וועלט האָבן אַן אַדרעס, אַ מקום מקלט אין מאָמענט פֿון צרות, וואָס פֿעלן קיין מאָל נישט... דאָ האָט טאַקע די עגאָפּאָביע געדינט ווי אַ סטימול, ווי אַ פּאָזיטיווער פֿאַקטאָר.

# איבערשלאַק און אונטערשלאַק פון אַ באַוועגונג

עס איז פאַר מיר קלאָר, אַז גוטע ייִדן־ציוניסטן קענען האָבן שטאַרק פאַריבל אויף דעם וואָס איך האָב געשריבן אין דעם פריִערדיקן קאַפּיטל: ס'טייטש, ווי טאָר מען אַזוי אָנגרייפן די נאַציאָנאַלסטע באַוועגונג פון ייִדן אין גלות! דאָס איז דאָך די באַוועגונג צו דער גאולה, די באַוועגונג וואָס האָט אַראָפּגעבראַכט דעם משיח־אידעאַל פון די הימלען אויף דער פּראַקטישער ערד, די באַוועגונג האָט פאַרווירקלעכט דעם אייביקן טרוים פון ייִדישן פאָלק, — און דאָ קומט אַ מענטש און וויל נישט אַנדערש געפינען אין ציוניזם עלעמענטן פון עגאָפאָביע, טענדענצן אויסצוייִדישן זיך, ווייס איך וואָס...

מוז דער שרייבער בעטן ביי די לייענערס עטוואָס געדולד.

אין גמרא איז פאַראַן אַן אגדה: ווען נוח איז נאָכן מבול אַרויס פון זיין תיבה, האָט ער גענומען פלאַנצן אַ ווייַנגאָרטן צו דערפרייען גאָט און לייט. איז געקומען דער שטן און געמאַכט שותפות מיט נוחן. ציט נוח אין די הימ־לען אַריין און דער שטן, פאַרקערט, שלעפּט אין דער שאול תחתיה אַריין... און פון דעמאָלט אָן און ביז היינט גייט אָן אָט די מאָדנע שותפות, אַלע מאָל און אומעטום. דער צדיק האָט זיינע בעסטע כוונות און דער שותף זיינער — דער שטן — טוט זיך זיינס... האָט יעדער אַרבעט, יעדער אויפטו, יעדער באַ־וועגונג ביידע עלעמענטן — דעם צדיקס און דעם שטנס. איז אומעטום פאַראַן אַן איבערשלאַק און אַן אונטערשלאַק. איז דער איבערשלאַק געפּוצט, ציכ־טיק, ריין, אָבער דער אונטערשלאַק איז פּאַרט נענטער צום לייב. דאַרף מען אַ העכערע און דערהויבענערע זאַך ווי עס איז מוטערשאַפט! און דאָך קען מען דערביי געפינען אויך אַן אונטערשלאַק, וואָס איז אָפט גאַרנישט אַזוי געהויבן. זאָגט נאָך די גמרא: אַלע ווייסן צוליב וואָס אַ כלה גייט אונטער דער חופּה, אָבער מאַכן פון דעם גראָבע וויצן טאָר מען נישט. דער אונטערשלאַק ברענגט נוצן דעם איבערשלאַק, ער העלפט אים, ער האַלט אים, ער איז אָפט דער גאַר נישט שיינער וואָרצל פון די שיינע בלומען. איז ווידער פאַראַן אַ לעגענדע, אַז מען האָט אַמאָל פאַרנומען דעם יצר־הרע, אָבער מען האָט זיך באַלד אַרומ־געזען, אַז אָן אים, אָן דעם יצר־הרע גייט די וועלט אונטער, זי קען אָן דעם יצר־הרע קיין קיום נישט האָבן. האָט מען דעם שלעכטן יצר־הרע געמוזט צוריק באַפרייען. אָן דעם אונטערשלאַק קען זיך דער איבערשלאַק נישט האַלטן.

אינסטינקטן זענען געמיינזאַם — ביי מענטשן און ביי חיות. ביי חיות זענען די אינסטינקטן גאָר מאָנאָטאָן: אָט אַזוי ווי גאָט האָט זיי געשאַפן אַזוי בלייבן זיי, אָן ענדערונגען, אָן דערהייבונגען און אָן ירידות. נאָר אַ מענטש קען זיינע אינסטינקטן דערהייבן ביז די העכסטע מדרגות, ביזן הימל און ער

קען זיי אויך דעגענערירן ביזן שאול תחתיה אַריין. ווער עס איז שטאַרקער — צדיק אָדער שטן, מלאך אָדער טייוול — דאָס זענען די גרענעצן פון מענטשלעכע אינסטינקטן. אין אָט־די ראַמען שפּילן זיך אָפּ אַלערליי דראַמעס. און ביי יעדן קאָנפליקט, ביי יעדן קריזיס, הייסט די מאָדערנע פּסיכאָלאָגיע זוכן די מקורים דווקא אין דעם פאַרבאָרגענעם אונטערשלאַק, וואָס זעט זיך נישט אַרויס... דאָ ליגט באַהאַלטן דער שותּף נוחס, דער שטן און ער טוט עס אָן אַלע צרות, פון דאַנען אַלע קריזיסן. איז אַלע מאָל די אויפגאַבע צו לאָזן צו־רו דעם שיינעם אויבערשלאַק און אַנאַליזירן תּמיד וואָס עס טוט זיך אין דעם אונטערשלאַק... צו באַוואונדערן די שיינקייט פון אויבערשלאַק איז נישט גענוג. זוכט די דעפעקטן אין דעם אונטערשלאַק.

ווען דער ציוניזם אין דער וועלט לעבט איבער אַ שווערן קריזיס, ווען אין דער מדינה זענען פאַראַן אַזוי פיל וויטיקדיקע קאָנפליקטן און „פּרשיות", און פּראָבלעמען, און קריגערייען, — איז עס אַ הייליקער חוב צו אַנאַליזירן דווקא דעם פאַרדעקטן אונטערשלאַק און אין אים זוכן די סיבות, דעם מקור. אַזוי לערנט די היינטיקע פּסיכאָלאָגיע צו זוכן די גורמים פון אַ סך קראַנקייטן דווקא אין דעם פאַרבאָרגענעם אונטערבאַוווסטזיין, אין דעם אונטערשלאַק' און אַזוי ווי ביי אַ יחיד אַזוי אויך ביי אַ ציבור. און אָט דער ליבער שותּף נוחס — דער טייוול — ער האָט דווקא אַ נאַטור אַריינצודרינגען אין שטאַרקערע, גרעסערע באַוועגונגען. נישט אומזיסט האָבן יידישע פאָלקס־מענטשן אַזוי מורא פאַר דעם „טייוולס חברותא", וואָס לאָזט אַלע מאָל „אַ שלעכטע ירושה". דאָ אין דעם אונטערשלאַק, אין דער ירושה פון דעם טייוולס חברותא דאַרף מען אויך זוכן די סיבות פון די קריזיסן אין ציוניזם און אַזוי אויך אין אַ סך בייזע דערשיינונגען אין אונדזער לעבן, אין אונדזער געזעלשאַפטלעכקייט בכלל.

און זאָל מען נישט מיינען, אַז דעם שרייבער איז אַזוי אָנגענעם זיך צו גריבלען אין אַלע פלעקן און לעכער פון דעם אונטערשלאַק, אַז ער טוט עס צוליב אַ הנאה. עס איז לגמרי נישט ליב און נישט געשמאַק צו שניידן ווונדן. אָבער מען מוז עס טאָן, כּדי צו פאַרהיטן אַז די באַקטאָרן פון עגאָפּאָביע זאָלן נישט פאַרסמען דעם גאַנצן אָרגאַניזם. בפרט ווען דער שרייבער גלייבט אַז די הויפּט־פאַקטאָרן אין דעם לעבן און אין דער געשיכטע פון אַ יחיד און אַזוי אויך אין לעבן פון אַ קאָלעקטיוו, ליגן אינעווייניק, אין דעם כאַראַקטער נישט אין פאַרגלייך מער ווי אין אַלע דרויסנדיקע באַדינגונגען. מיר האָבן זיך באַמיט צו ווייזן, אַז די אויטאָעמאַנציפּאַציע איז אַ דירעקטע יורשטע פון דער פריִערדיקער עמאַנציפּאַציע. דער אידעאַל פון אויסיִדישונג איז געבליבן ביי דער טאָכטער נישט ווייניקער ווי דער מאַמען, און דער זעלביקער אידעאַל גייט אויך אויף די זעלביקע, אָדער ענלעכע וועגן. אָט די אַלע דראַנגען אַוועקצו־

גיין פון דער היינטיקער ייִדישקייט — דאָס איז די עגאָפּאָביע אונדזערע, דאָס איז דער שטן וואָס האָט געמאַכט שותפות אַפילו מיט דער וויכטיקסטער באַוועגונג אין דער היינטיקער ייִדישקייט, און ער — דער עגאָפּאָביע־שטן — „העלפט״ דרייען דאָס רעדל, און ער קען פאַרשלעפּן אונדזער שיפל גאָט ווייס וווּהין, גאָט ווייס צו וואָסערע סכנות.

עס איז פאַר מיר זיכער, אַז אָן דער עגאָפּאָביע וואָלט דער ציוניזם נישט געקאָנט אויפטאָן דאָס וואָס ער האָט אויפגעטאָן. דער עגאָפּאָבישער דראַנג אַוועקצוגיין פון ייִדישקייט האָט געגעבן מוט, דרייסטקייט. אימפּעט אין שאַפן, אין בויען, אין קאַמף. מיר גייען בויען אַ ניי פאָלק. מען גייט באַפרייען זיך פון גלות! און — נאָך מער — מען גייט אַרויסרייסן דעם גלות פון זיך. און מיט דעם נאָמען „גלות״ האָט מען באַטיטלט גאָר די ייִדישקייט וואָס מען האָט געבראַכט מיט זיך, אַלץ, גאָר די ייִדישקייט וואָס האָט אַזוי טראַגיש העלדיש אויסגעהאַלטן אַלע גלותן און זי — אָט די ייִדישקייט — האָט דערבראַכט דאָס פאָלק ביז היינט.

זענען ייִדן אין די גלותן אַ פאַרמיטלער־קלאַס. איז עס זיכער נישט קיין געזונטער פאַקטאָר אין לעבן פון אַ פאָלק. אָבער דער גלויבן, אַז אָט די פאַרמיטלעריי איז אויך נישט קיין ערלעכע און נישט קיין אָנשטענדיקע פּראָפעסיע, אָט דער עגאָפּאָבישער גלויבן האָט געהאָלפן שאַפן ביי ייִדן אַן אַגריקולטור־קלאַס. און אַזוינע גרויסע פאַרדינסטן זענען פאַראַן גאָר אַ סך. צוקוקנדיק זיך צו די אויפטוען פון ציוניזם, באַזוכנדיק די גרויסע בית־עולמס אין די קליינע ישובים און לייענענדיק די באַשיידענע מצבות אויף די קברים פון יונגע מענטשן וואָס האָבן אַוועקגעגעבן זייערע לעבנס אַ קרבן אויף דעם מזבח פון זייער אידעאַל, טראַכט איך, — צי וואָלט עס געקאָנט געשען אָן דער עגאָפּאָביע. אָן דעם ווילן זיך אָפּצורייסן פון דער היסטאָרישער ייִדישקייט, ווי זי איז היינט? איך האָב אין דעם גרויסע ספיקות. אָבער

## די עגאָפּאָביע קען צעברעכן אַלץ וואָס זי האָט געהאָלפן בויען

אין דער אגדה דערציילט זיך, אַז דער שטן קומט אַלע מאָל אָפּנעמען זיין חלק. דאָס איז טאַקע אָט־דעם טייוולס חברותא. די בלומען פון דער עגאָפּאָביע זענען אַלע מאָל שיינע, און איבערהויפּט שמעקן זיי גוט, דער ריח געפעלט שטאַרק. נעמט מען זיי אויף מיט פויק און געזאַנגען. איין קליניקייט: „יפיפיתו של יפת באהלי שם!״, זינגט מען אויף אַלערליי טענער: „אָ, מיר זענען מיט אַלע פעלקער גלייך!״. אַזאַ גרויס גליק און כבוד!... אָבער די פרוכט פון דער זעלביקער עגאָפּאָביע — זיי קומען שפּעטער, און זיי זענען בכוח אָפּצוסמען

אַלע דערגרייכונגען... די פּראָצעסן גייען לויט אַ פאַרקערטער פאָרמול: „הזורעים ברינה בדימעה יקצורו". עס קען זיין, אַז דער דורכפאַל פון אַלע פּריִערדיקע משיח־באַוועגונגען איז געקומען מחמת עגאָפּאָביע. קען זיין, אָבער דאָס איז אַ צו־ווייטע און אַ צו־לאַנגע היסטאָרישע עקסקורסיע זיך דערמיט דאָ אָפּצוגעבן. און הלוואי זאָל דער ייִדישער גאָט אויסהיטן די נייעסטע משיח־באַוועגונג פון אָט־דער סכנה. און די סכנה איז גאָר נישט קיין קליינע. די עגאָ־פּאָביע האָט געקאָנט זיין שעפּעריש ווען זי האָט געהאַט קאָנקרעטע אידעאַלן: דאָס ווילן מיר נישט, אָבער מיר ווילן דאָס. האָט די ערשטע עליה זיך באַ־גייסטערט מיט דעם אידעאַל „אין דער סאָכע ליגט די מזל־ברכה". האָט מען געזונגען און טאַקע „געסאָכעוועט" ביז עס האָט דערעסן, און יעדע איינע פון די אַלטע קאָלאָניעס האָט אויסגעהאַלטן איינעם אָדער צוויי אַראַבישע דערפער, וואָס האָבן געלעבט פון דער ייִדישער קאָלאָניע. איז די צווייטע עליה געווען באַגלייט מיט די אידעאַלן פון דער נישט־געלונגענער רעוואָלוציע אין רוס־לאַנד. דאָרטן, אין רוסלאַנד איז עס נישט געלונגען, אָבער „פּה בארץ אבות תתגשמנה כל התקוות" — דאָ, אין דעם האַלב־ווילדן לאַנד וועלן מיר קענען, אָן שטערונגען, מקיים זיין די מצוות מעשיות וואָס די רעוואָלוציע האָט אונדז געלערנט. איז געקומען די „דת עבודה", עבודה עברית, שמירה עברית, הגשמה עצמית און ביז הקרבה עצמית, דאָס העכסטע וואָס אַ מענטש קען געבן. די אַלע אידעאַלן זענען געווען אין תוך אַריין אימפּאָרטירטע פון דער רעוואָלו־ציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד. דאָ האָבן זיי געקראָגן אַ נייע, ריין־ייִדישע אויפלאַגע, אַ ייִדישן תיקון. אָבער דער ערשטיקער סטימול איז געקומען פון דער פרעמד, ער איז נישט קיין אָרגאַנישער, און ווי אַזאַ האָט ער אַ טענדענץ צו ווערן שוואַכער, ביסלעכווייז, אָבער שוואַכער ביז דער טייערער שותף קומט אָפּנעמען זיין חלק. האָט די צווייטע עליה באמת געלערנט אַ נייע תורת הסאָציאַליזם, אַ ריין ייִדישער נוסח: סאָציאַליזם נישט ווי אַ סטימול פאַר פּאָ־ליטישע און בלוטיקע קאַמפן, נאָר סאָציאַליזם פאַר זיך אַליין, אין אונדזער קליינעם מנין, גאָר אַ ווערטפולע לעקציע פאַר דעם פאָלק און אויך פאַר דער גאָרער וועלט. דאָס איז דער ייִדישער נוסח פון דער געבראַכטער, אימפּאָר־טירטער אידייע. וועט זיך אָבער דער ייִדישער נוסח לאַנג קענען האַלטן? צי גייט נישט אַוועק ביסלעכווייז דער ערשטיקער סטימול, דער פּאַטאָס? די עגאָפּאָבישע שלילת הגלות איז טיפער, זי בלייבט און דאָס גוטע, דאָס שע־פערישע ווערט אַלץ שוואַכער און שוואַכער. די שלילת הגלות קען אויפעסן די ציוניסטישע אידעאַלן.

אַלע אידעאַלן וואָס האָבן געפירט קיין ציון זענען געקומען פון די רוסישע ייִדן. די נויט האָט זיי געבראַכט, עס איז מקוים געוואָרן דער אַלטער פּסוק

וואָס חזרט זיך איבער כסדר „וידל ישראל מאוד... ויזעקו בני ישראל אל ה׳״ — אַז עס קומען צרות, דערמאָנען זיך ייִדן אָן זייער ייִדישקייט. דער אַלטער משיח־אידעאַל האָט געפירט נאָך די פּאָגראָמען די ערשטע עליה מיט איר אידעאַל פון דער „סאָכע״; די צרות האָבן געפירט קיין ציון די צווייטע עליה מיט אירע באמת גרויסע אידעאַלן און אַזוי ווייטער. די דאָזיקע גרויסע אידעאַלן זענען אויסגעוואַקסן אין רוסלאַנד. זיי זענען געווען די נשמה פון די רוסישע רעוואָלוציעס בכלל. זענען געווען צוויי מינים ייִדישע רעוואָלוציאָנערן אין רוסלאַנד. עס זענען געווען ייִדן־רעוואָלוציאָנערן, נאָך ריכטיקער: רעוואָלוציאָנערן פון ייִדישן אָפּשטאַם, וואָס זייער רעוואָלט איז נאָך סטימולירט געווען פון זייער פּריוואַטער רעכטלאָזיקייט אויך. און עס זענען געווען ייִדישע רעוואָלוציאָנערן. די צווייטע האָבן דאָס געשאַפן די ייִדישע פאָרמול פון סאָציאַליזם. ווען די ערשטע וואָלטן געקאָנט אַ פּסוק וואָלטן זיי געדרשנט: „נהיה בכל הגויִם, די צווייטע האָבן געלערנט נהיה ככל הגויִם. דער אידעאַל האָט זיך אַ סך מאָל באַוויזן אויך אין דער ליטעראַטור. אָבער אויך דאָ, אין דער ייִדישער אויפלאַגע, אין דעם ייִדישן נוסח איז דער ערשטער דראַנג געבליבן: די עגאָפאָבישע שלילת הגלות אינעווייניק, אָרגאַנישער און אויפגעברויזטער, מיטן שטורעם געבראַכטער אויפבוי־אידעאַל. אויך דאָ איז דער עגאָפאָבישער אונטערשלאַק געבליבן און ער דראָט שטאַרק און אַלץ שטאַרקער צו שעדיקן דעם אויבערשלאַק... און די גיפטיקע פּרוכטן פון דער עגאָפאָביע הייבן זיך אָן צו באַוויזן און שוין נישט פון היינט. מיר האָבן דערמאָנט, אַז דער שטרענגער העברעיִסט אחד־העם האָט נאָך אין אָנהייב פון יאָרהונדערט געוואָרנט קעגן שלילת־הגלות. מיט אַ דרייסיק יאָר שפּעטער האָט דער שרייבערפאַרבאַנד אין תל־אביב אונטער דעם פאָרזיץ פון ביאַליקן געפירט אַ משפּט איבער דער יוגנט, ריכטיקער: איבער דער דערציִונג פון דער יוגנט, און דער אויספיר איז געווען זייער אַ שטרענגער (מאזנים, זומער 1933). דעמאָלט האָבן די לערער שטאַרק פאַרטיידיקט די דערציִונג. איצט, מיט דרייסיק יאָר שפּעטער, זענען די באַשולדיקונגען אַ סך שטאַרקער און עס וועלן זיך געפינען אַ סך ווייניקער פאַרטיידיקער פון דער שלילת הגלותדיקער דערציִונג. עס איז דאָך דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז מען האָט געפונען פאַר נייטיק אַריינצופירן אין די שולן אַ ספּעציעלן לימוד פון ייִדיש־באַוווסטזיין (תודעה יהודית). עס איז ממש טראַגיש, אַז מען וויל דורך אַ לימוד איינפלאַנצן אַן עמאָציאָנעלע באַציִונג צום אייגענעם פאָלק, ווען דאָס לעבן אַרום שאַפט עס נישט צו און פאַרקערט, רייסט עס אָפּט גאָר פאַרקערט אָפּ.

די ערשטע אָרגאַניזירטע אָפענע גרופּע אָפּצורייסן זיך פון ייִדישן פאָלק, פון דער גאַנצער ייִדישער געשיכטע איז געווען די גרופּע „כנענים״. אָפּן און

דרייסט האָבן זיי געמאָלדן אין זייער זשורנאַל „אלף“, אַז זיי האָבן גאָרנישט מיט דעם ייִדישן פאָלק, אַז זיי רייסן זיך אָפּ און זיי ווילן אָנהייבן אַ ניי־פּאָלק, אַ פאָלק וואָס זאָל זיין אַ דירעקטער המשך פון פאַר דער ייִדישער תקופה אין ארץ־ישראל; זיי גייען דאָס זיין אַ דירעקטער המשך פון דעם אַמאָליקן אויסגעשטאָרבענעם פאָלק כנענים... אַ חידוש גאָר וואָס זיי האָבן נאָך נישט באַוויזן איינצופירן צוריק די אַמאָליקע כנענישע קולטן פון בעל און עשתרות, פון דעם כנענישן מולך־געץ וכדומה. עס האָט וויי־געטאָן שטאַרק: דאָס האָט פּראָקלאַמירט אַ יוגנט וואָס האָט זיך דערצויגן אין אַ לאַנד פון הגשמה און הקרבה עצמית, אַ יוגנט וואָס האָט געלעכנט אין איין גאַנצער נאָר ייִדישער שול מיט איין קולטור, און די שול האָט זיך אַזוי באַמיט צוצובינדן די קינדער צו דער „מולדת“ (פאָטערלאַנד), צו דער ייִדישער געשיכטע און דאָך! און דאָך אַזאַ אָפּרייסן זיך! אַזאַ דראַנג צו אַנטלויפן! איז עס נישט טראַגיש? אַז מען האָט אין לאַנד און אין חוץ־לארץ אָנגעשריבן עטלעכע אַרטיקלען וועגן אָט־דער טראַגישער פּראָבלעם, האָבן נאָך אַלץ די לערער און קולטורטוער פון ארץ־ישראל נישט געוואָלט עס נעמען אין אַכט: מאַלע וואָס עטלעכע ייִנגלעך טראַכטן אויס, ווער לייגט עס אַכט אויף דעם?... עס האָט יענע קולטורטוער נישט געשניטן אין האַרצן, דער כנעניזם איז זיי נישט געווען אַזוי טריף און ביטער ווי אונדזערן אַ ייִדן. דאָס איז די פּרוכט פון דער „אויטאָעמאַנציפּאַציע־דערציִונג“. ווי געזאָגט, דאַרפן אין עמאַנציפּאַציע זיין צוויי פאַקטאָרן: דער אַסימילאַנט און אַסימילירער. איז נישטאָ דער אַסימילירער, איז ער מוחל דעם פאַרגעניגן זיך מתחתן צו זיין מיט אַסימילירטע ייִדן, דעמאָלט קומט אויטאָעמאַנציפּאַציע אָדער „אויטאָאַסימילאַציע“. די כנענים זענען געווען אויסגעהאַלטן און לאָגיש: ווי אין אַלע לענדער גייט די אַסימילאַציע נאָרמאַל — פון ייִדישקייט צו דער גוייִשקייט וואָס הערשט אין לאַנד. אין ארץ־ישראל, ריכטיקער: אין מדינת־ישראל, האָט מען נישט געקאָנט גיין צום פאָלק פון לאַנד, האָט מען זיך געוואָלט אַריינאַסימילירן אין דער גוייִשקייט פון פאַרצייטנס. דער עגאָפּאָבישער דראַנג צו אַנטלויפן פון לעבעדיקן ייִדישן פאָלק מיט זיין גאַנצער קולטור — דאָס איז געבליבן. און מען דאַרף גאָרנישט פאַראיבל האָבן אויף דער יוגנט: דאָס איז געווען דער קלאָרער ציל פון דער גאַנצער דערציִונג. ווען אָבער דער אונטערשלאַק האָט צעריסן דעם שיינעם און ריינעם אויבערשלאַק און ער האָט זיך באַוויזן פאַר דער וועלט אין זיין גאַנצער העסלעך־אָפענער שינאת ישראל, האָט מען זיך פאַרשעמט און אפשר אַפילו זיך דערשראָקן.

די אָרגאַניזאַציע פון די כנענים האָט טאַקע נישט לאַנג זיך געהאַלטן, אָבער נישט ווייל מען איז חוזר בתשובה געווען, נאָר ווייל... מען דאַרף נישט

קיין באַזונדערע אָרגאַניזאַציעס, ווען די גאַנצע יוגנט גייט מיט דעם דרך. אין דער צייט פון די לעצטע וואַלן צו דער כנסת (אין 1962) האָט אין „יידישן קעמפּער" פיגורירט אַ ידיעה אַז עטלעכע טויזנטער יידן ווילן נישט שטימען, „ווייל זיי שטייט נישט אָן" צו שטימען צוזאַמען מיט... יידן, היות זיי האַלטן זיך נישט פאַר קיין יידן. ישראל־יוגנט שרייט אָפן: „אנחנו לא יהודים!" (מיר זענען נישט קיין יידן. און אגב, אַ שלעכטער העברעיש. עס וואָלט געדאַרפט זיין: „אין אנחנו יהודים). מען דעקלאַרירט זיך טאַקע פאַר ישראלים אָבער נישט פאַר קיין יידן. עלעהיי יונגע יידן אין די אַמעריקעס מעלדן זיך — זיי זענען אַמעריקאַנער אָבער נישט קיין יידן... אין מעקסיקע איז מען מעקסיקאַנער, אין קאַנאַדע — קאַנאַדער, אָבער קיין יידן איז מען נישט, דרייט זיי נישט קיין קאָפּ מיט אייער יידישקייט... איז מען אין דעם לאַנד ישראל אויך אַזוי: ישראלים יאָ, אָבער קיין יידן נישט. יוצא. עס זענען אַפילו געווען טענות פאַרוואָס מען לאָזט אַריין צופיל יידן קיין ישראל... דאָס זענען די פּרוכט פון דער שלימזלדיקער שותפות פון דער נאַציאָנאַלסטער באַוועגונג מיט שטנישן שותף אין געשטאַלט פון שלילת הגלות. קען מען לערנען אין דורכויסיקע יידישע שולן, מיט איין מאָניסטישער קולטור, כולה יידיש, און אויסהאָדעווען יידן וואָס ווילן קיין יידן נישט זיין און נישט קענען און נישט וועלן קענען.

אָבער איצט קומט שוין די צייט, ווען דער ליבער שותף, דער שטן פון עגאָפּאַביע קומט מאָנען זיין „חלק", ווי די אגדה דערציילט עס. עס איז געגוג איבערצווייענען די רעדעס וואָס זענען געווען אויף דעם לעצטן שרייבער־צוזאַמענפאָר אין תל־אביב, אין יאָר 1962, מיט דער הויפּט־רעדע פון חיים הזז, וואָס האָט אויפגערודערט אַלע לייענער אין לאַנד און אין דער וועלט בכלל: מיט העברעיש אין מויל איז מען ווייט און מען וויל נאָך מער זיך דערווייטערן פון יידישקייט אויך מיט העברעיש צוזאַמען. האָט דעם אויסדרוק: „גויים מדברים עברית", געשאַפן נישט עפּעס אַ יידישיסט, נאָר איינער פון די שטאַרקסטע קעגנער פון יידיש, ד"ר יוסף קלויזנער. נאָך מער — גרויסע טיילן פון דער יוגנט זעען נישט קיין תכלית און קיין זינען אין בלייבן אין דער מדינה. די מדינה איז אַ יידישע, טאַקע אין העברעיש, אָבער דאָך אַ יידישע, פאַר יידן, און די יידן זענען דאָך גאָרנישט ליב; זיי זענען דאָך דאָ און זיי ברענגען דאָך דעם גאַנצן גלות... זענען די לענדער פון עמאַנציפּאַציע אַ סך בעסער: דאָרטן קען מען דערגרייכן אַ בעסערע קאַריער, און — דער עיקר — דאָרטן קען מען גרינגער זיך דערווייטערן פון יידן בכלל. און די שפּראַך העברעיש איז טאַקע אַ יחסנטע, אָבער נאָר לגבי יידיש. יידיש איז צו פיל יידיש, העברעיש איז חשובער, ווייל עס איז ווייניקער צונויפגעבונדן מיט יידן. אָבער לגבי ענגליש אָדער פראַנצויזיש איז שוין העברעיש אויס יחסנטע.

פאַרקערט, אויף וויפל העברעיִש איז שוין געוואָרן און ווערט אַלץ מער אַ שפּראַך אין ייִדישע מיילער, אויף אַזוי פּיל ווערט זי אַלץ מער און מער אויס יחסנטע. זי „געניסט" אַלץ מער די באַציִונג ווי אַלץ וואָס עס איז ייִדיש. עס האָב זיך שוין געלאָזט הערן אַזוי נייע לידער פון די נייע פייגל. אַזוי איז עס און אַנדערש קען עס נישט זיין. כל־זמן אין אַנדערע לענדער קען מען מאַכן אַ קאַריערע, כל־זמן מען שלאָגט נישט און מען יאָגט נישט, ציט עס מער אַהין ווי אין דער אייגענער מדינה. וואָס איז דער יחוס פון דער אייגענער מדינה? — דאָס איז די פאַרזיכיקייט פון ייִדישקייט: דער אייגענער רוטאָג, די אייגענע קולטור און שטייגער, אייגענע פייערונגען און טרויערס, אייגענע, ייִדישע עסנס און אַרבעט, מיט איין וואָרט — אַ פאָלק פאַר זיך. עס איז נישט קיין לאַנד פון צופאַסן זיך — אַלץ לויט פרעמדע, זייער וואָך און יום־טוב, זייער שטייגער, זייערע פייערונגען און טרויערן, זייער לשון און זייער קולטור. אַלץ זייערס. ווי איז אָבער, אַז דאָס אייגענע איז נישט ליב, נישט אָנגענעם? אַז אַלץ וואָס עס איז פרעמד איז העכער אין די אויגן, חשובער, ליבער? ווי קען דאָס אַנדערש זיין, אַז די גאַנצע קולטור און דערציִונג האָבן אַנטוויקלט אַנשטאָט אַ ליבע צו ייִדישקייט, אַ פאַרקערטן דראַנג צו וועלן אַנטלויפן פון ייִדישקייט?... געהערט אַ טראַגיש ווערטל: „ארץ־ישראל האַלט זיך אַ דאַנק די שוועריקייטן אַריינצופאָרן אין אַנדערע לענדער". איך ווייס נישט אויף וויפל דאָס ווערטל איז ריכטיק, אָבער שוין דאָס עצם אויפקום פון אַזאַ ווערטל איז טראַגיש. און נישט די יוגנט איז שולדיק, — די דערציִונג איז שולדיק. זענען גאָלדע און בערל — מיאוסע נעמען, גלותדיקע, — ווערן שוין גאולה און עמיקם אויך צו פיל ייִדיש. איז ייִדיש גלותדיק, צו פיל אין ייִדישע מיילער, איז שוין העברעיִש אויך צו ביסלעך אַזוי. איז דזשודיט און סאַנדראַ און ראַקסין שענער פאַר אַלע העברעיִשע נעמען אויך. דאָס מאָנט דער עגאָפּאָבישער שטן, דער שותף זיין חלק און ער נעמט, מכל הבא בידו. פון דעם עדית, פון דעם בעסטן נעמט ער, מאָנט ער און ער נעמט. איז עס שוין דערגאַנגען צו דעם אַז טיפע דענקענדיקע ייִדן אין לאַנד הייבן אָן צו טראַכטן „אבל אשמים אנחנו" — מיר זענען שולדיק. עס הערן זיך שוין רייד, אַז כדי צו ראַטעווען העברעיִשע קולטור דאַרף מען זיך צוריק ווענדן צו דער גאַנצער גלותדיקער קולטור, אַפילו מיט ייִדיש לשון. הלוואי זאָל די איבערצייגונג וואָס שטייט איצט אין ב"י יחידים, זאָל הלוואי נישט פאַרשפּעטיקן צו קומען צו די וואָס פירן די קולטור פון דער מדינה. הלוואי! זיכער האָט די עגאָפּאָביע געהאָלפן בויען נייע פרנסות און אַ נייע קולטור. מיט אַ סך צרות און דעפעקטן, אָבער דאָך געהאָלפן. דאָס האָט זי — די עגאָפּאָביע — געגעבן אימפּעט, דרייסטקייט. קיינער טאָר נישט לייקענען. איז די „אמונה" אַז מיר גייען בויען אַ ניי פאָלק

געוועזן שטאַרקער ווי די אמונה אַז מיר גייען בויען אַ המשך פאַר דער גלות־דיקער יידישקייט. אָבער ווי נאָר דאָס „נייע" הייבט אָן צו ווערן עלטער און אַלט, ווי נאָר מען געוווינט זיך צו צו דעם, ווי דאָס ווערט דאָס נאָרמאַל יידי־שעס, ווערט עס שוין ווידער „צופיל יידיש. פּסלט עס שוין די עגאָפּאָביע, פאַרלירט עס דעם אימפּעט, בלייבט נאָר די שוועריקייט, בלייבט די נויט, דער צוואַנג צו פאָלגן יידישע אויטאָריטעטן!... פאָלגן אַ יידן? זע נאָר — אויך מיר פּריצים... די זעלביקע יידן וועלן אין אַנדערע לענדער זיין אַ סך דיסציפּלי־נירטער ווי אין דער יידישער מדינה... די עצם שלילת הגלות איז דאָך דער זעלביקער דראַנג וואָס פירט צו אַסימילאַציע, נאָר מער נישט — אַז מען לאָזט נישט ווערן קיין איוואַנעס, וועלן מיר ווערן גדעונס, אָבי נישט קיין יאַנקלס און נישט קיין בערלס. אָבער אַז עס ווערן שוין צו פיל גדעונס און זיי זענען דאָך יידן, געוויינטלעכע יידן, טויג עס שוין נישט. אין דער „גדעוניזאַציע" זענען אַ סך שולדיק די... שכנהשע אַראַבער. פּונקט ווי די צאַרישע רעגירונג אין רוסלאַנד האָט גאָר נישט ווייניק געהאָלפן דעם גאַנצן קולטור־רענעסאַנס אין מיזרח־אייראָפּע...

אַזוי אַרום שטייט די יידישע מדינה אונטער צוויי סכנות: די סכנה פון אַראַביזאַציע, ווען עס וועט סוף־כל־סוף קומען דער געגאַרטער שלום מיט זיי און די סכנה פון דער רעעמיגראַציע פון לאַנד, ווען די עמיגראַציע־געזעצן וועלן ווערן גרינגער. דאָס אַלץ זענען סכנות אינעווייניקסטע, מיר נעמען נישט אין אַכט די דרויסנדיקע סכנות פון מילחמות, אָנפאַלן און אויך נישט די עקאָ־נאָמישע מעגלעכע סכנות. מיר רעדן דאָ נאָר וועגן די אינעווייניקסטע סכנות, מחמת דער עגאָפּאָביע. און דער אַלגעמיינער פּועל־יוצא וואָלט געדאַרפט זיין, אַז כדי די מדינה זאָל האָבן אַ קיום, אַ מער זיכערן קיום, דאַרף מען קודם־כל זיך באַמיען דורך דער גאַנצער קולטור און דורך דער דערציִונג צו ראַטעווען די יוגנט פון דער עגאָפּאָביע. און וואָס פריִער, אַלץ בעסער, געזינטער.

## צרת היהודים און צרת היהדות

אין אָנהייב פון יאָרהונדערט איז עס אָנגעגאַנגען ביי יידן אַ מחלוקת וואָס איז וויכטיקער — צי דאַרף מען בעיקר טראַכטן וועגן צרת היהודים, אָדער עס איז וויכטיקער די צרת היהדות. אויב מען דאַרף בעיקר טראַכטן וועגן צרת היהודים, דאַרף מען אין דער ערשטער ריי האָבן אין זינען די יידן פון רוס־לאַנד, אויב אָבער די זאָרג דאַרף זיין וועגן דער צרת היהדות, דעמאָלט זענען די יידן אין רוסלאַנד ווייניקער אין סכנה ווי די מערב־אייראָפּעיִשע. איז אין פלוג אויסגעקומען פאַרקערט: די מערב־אייראָפּעיִשע ציוניסטן האָבן געזאָרגט

וועגן דער צרת היהודים. הערצל איז געקומען צום ציוניזם נאָר מחמת די צרות פון ייִדן, וואָס ער האָט דערזען אויף דעם דרייפוס־פּראָצעס. און אַזוי אויך אַנדערע. אָבער די רוסלענדישע ציוניסטן, די וואָס האָבן בפירוש גע־יוישנט פון די עלטערן דעם גלויבן אין משיחן, די וואָס האָבן דירעקט געליטן די אַלע צרות היהודים, — זיי האָבן מער געזאָרגט וועגן דער צרת היהדות, וועגן ייִדישקייט. הערצל האָט עס נישט געקאָנט פאַרשטיין, איבערהויפּט ווען ער האָט נאָך דעם קעשענעווער פּאָגראָם, אין 1903 געבראַכט דעם אוגאַנדאַ־פּראָיעקט, און די ציוניסטן פון רוסלאַנד האָבן אים באַגעגנט ווי אַ בוגד ממש (עמעצער האָט עס אויפן קאָנגרעס גופא אויסגעשריִען אַפילו). מען האָט גע־וויינט ווי אויף אַ חורבן. הערצל האָט זיך געוווּנדערט: וואָס? זיי פילן נישט די טראַגעדיע פון קעשענעוו? זיי קענען נאָך זיצן לאַנג און וואַרטן אויף ארץ־ישראל וואָס מען גיט נישט? און דעמאָלט ווען עס איז אַרויס ד״ר הערצלס ראָמאַן־פאַנטאַזיע „אַלטניילאַנד״, איז עס דער קולטור־ציוניסט אחד־העם אַרויס מיט אַ צעשמעטערנדיקער קריטיק אויפן ראָמאַן, פאַרוואָס הערצל דערציילט דאָרטן אַלע פּרטים פון סאָציאַלן און עקאָנאָמישן לעבן אין דער אויטאָנאָמער ארץ־ישראל, אָבער ער האָט פאַרגעסן צו שרייבן וועגן דער קולטור וואָס הערשט דאָרטן. עס איז געווען אַ שאַרפע פּאָלעמיק נישט מיט הערצלען, וואָס האָט נישט געענטפערט, נאָר מיט מאַקס נאָרדוי, וואָס האָט זיך אָנגענומען פאַר דעם כבוד פון זיין געטרייען חבר. פאַרוואָס איז עס געקומען צו אַזוינע פאַר־קערטע יוצרות? פאַרוואָס האָבן די ציוניסטן פון רוסלאַנד אַזוי געזאָרגט פאַר דער צרת היהדות און אַזוי ווייניק האָט זיי געאַרט די צרת היהודים?

מיר האָבן פריִער געשריבן ווי ווייניק די משכילים האָבן מיטגעפילט די צרות און פּלאָגן פון זייערע ברידער, פון דעם גאַנצן פאָלק. דער „אבי המשוררים העברים״ (אדם הכוהן לעבענזאָן) האָט אין זיין „החמלה״ רחמנות געהאַט אויף אַ הון וואָס מען קוילעט, אָבער ער האָט פאַרגעסן צו האָבן רחמנות אויף ייִדישע מאַמעס וואָס מען רויבט צו פון זיי די קינדער פאַר קאַנ־טאָניסטן. און דער „ארי שבחבורה״ — יהודה לייב גאָרדאָן (ביידע פּאָעטן — ווילנער, פון סאַמע קאָך פון ייִדישן לעבן און פון ייִדישע צרות), האָט אָט דער גרעסטער פּאָעט פון פאַר דער ביאַליק־תקופה נאָך געקאָנט מיטפילן די אַמאָ־ליקע ייִדישע צרות (בין שני אריות, במצולות ים) אָבער די אַקטועלע צרות — דאָס נישט. יאָ, ער נעמט זיך יאָ אָן פאַר דער ייִדישער פרוי. אָט באַדויערט ער: „אשה עבריה, מה ידע חייך? בחושך את באה / בחושך תלכי״. קען מען מיינען, אַז ער פילט מיט אַ מאַמען וואָס האָט פאַרלאָרן איר קינד דורך רויבער־גולנים, וואָס רייסן אַרויס אַ לעבעדיק קינד מיט רציחה און אָן רחמנות (אויף ייִדן! און נאָך אין שליחות פון קהל, ערגער ווי די „יודען־ראַטן״). ערשט

חלילה, נישט אין דעם איז די צרה, נאָר אין דעם „קוצו של יוד", וואָס „אַ רב, אַ רוצח" פסלט צוליב דעם אַ גט און מאַכט די פרוי פאַר אַן אייביקער עגונה... אַט אַזוי האָבן געפּילט די ייִדישסטע פון די משכּילים. און צי איז נישט פון דאַנען געקומען בירושה די קעלטערע באַציִונג פון די רוסישע ציוניסטן צו די פּאָגראָמען און צו די פּאָגראָם־געליטענע? מען איז שוין געוווינט צו די צרות. אַזוי איז מען געוואָרן ביסלעכווייז צוגעוווינט צו אַ וואָלויעלערן אָפּשאַצן פון ייִדיש בלוט.

ווי איז אָבער געגאַנגען די אַנטוויקלונג פון ציוניזם?

אַלע עליות זענען געקומען מחמת צרת היהודים און נישט מחמת צרת היהדות. די בילויים — נאָך די פּאָגראָמען פון אָנהייב אַכציקער יאָרן; די צווייטע עליה — נאָך דער דערשטיקטער רעוואָלוציע און די ייִדישע פּאָגראָמען, אאַז"וו. כּסדר. עס זענען, אמת, געווען עליות פון רעליגיעזע ייִדן, אויך אָן פּאָגראָמען, אָבער דאָס זענען אַלץ געווען גאָר קליינע און זיי האָבן נישט געהאַט קיין גרויסן ווערט אין דעם אויפבוי פון ארץ־ישׂראל. עס איז געווען אַלע מאָל אַן אַנטוישונג אין דעם גלויבן אין רוסלאַנד. אַלע אַט די אידעאַלאָגישע עליות זענען געווען קליינע. קיין מאַסן־עליות מחמת צרת היהדות זענען כּמעט ווי נישט געווען. מען איז נישט געגאַנגען קיין ארץ־ישׂראל כּדי דאָרטן אויפצובויען אַ פרייע ייִדישקייט אין מאָדערנע פאָרמען. אויך די רעליגיעזע עליות האָבן געהאַט אויך פּריוואַטע צילן — די מצוות ישוב ארץ־ישׂראל, וואָס גאַט צאָלט פאַר דעם, פאַרשפּאָרן גילגול מחילות אי"ה ווען עס וועט קומען משיח, וכדומה. בכל אופן האָבן אַט־די ריין־פּריוואַטע, עגאָיסטישע צילן מער געווירקט ווי אַ פאַרלאַנג אויפצוריכטן די רעליגיע בכלל. אָבער אין דער מאָס ווי די דירעקטע צרת היהודים אין די עמאַנציפּאַציע־לענדער איז געוואָרן קלענער, איז אויך געוואָרן די עליה קלענער, אפילו געטרייע ציוניסטן אײַלן זיך נישט עולה צו זײַן קיין ארץ־ישׂראל, אַפילו אַז דער געאַכטעטער בן־גוריון פאַרלאַנגט עס. בעטסטו אַ דאָלאַר — מיט דעם גרעסטן כּבוד, אָבער קיין עליה — דאָס נישט. עס איז בעסער צו זײַן אין עמאַנציפּאַציע־גלותן און לײַדן פון צרת היהדות, און נישט לײַדן פון „צו פיל ייִדישקייט" אין דער אייגענער מדינה. פאַרקערט, דאַרף מען אַט־די לענדער גאָרנישט אָנרופן גלות, מען רופט עס נישט גלות, נאָר תּפוצות. מען האָט זיך וועגן דעם שטאַרק געאַמפּערט אויף אַ קאָנגרעס אין ירושלים ביז עס איז געקומען אַ קלוגער ייִד און געדרשנט — טאַקע נאָכט, טאַקע גלות, אָבער ליכטיקע נעכט... (חיים גרינבערג). איז צרת היהדות אין גייסט, אין פאַרלאַנג צו שלילת הגלות, צו וועלן אַנטלויפן וואָס ווײַטער פון דער היסטאָרישער ייִדישקייט ווי זי איז געקומען בײַ אונדז — דאָס איז יאָ פאַראַן, דאָס איז געבליבן צי פון דער השׂכּלה,

צי פון נאָך פריער, אָבער עס איז דאָ. אָבער צרת היהדות אין גייסט פון וועלך־פרייע, סאָציאַלע און פּאָליטישע ראַמען פאַר אָט דער היינטיקער ייִדישקייט — דאָס איז נישטאָ און פון דעם איז מען נאָך זייער ווייט. דער דראַנג זיך אויסצוויי־דישן איז נאָך גאָר שטאַרק. און מיט דעם דראַנג איז דער קיום פון דער מדינה אין אַ גרויסער אינעווייניקסטער סכנה. אין די גרויסע דעמאָקראַטיעס קען מען גרינגער זיך אַרויספאַרבעטן, מען קען דאָרטן אַ סך גרינגער זיך אויסייִדישן, אַריינדרינגען אין די „רייכע" קולטורן מיט די „רייכע" שפּראַכן. עס איז אויך באַקוועמער, ווייניקער נאָענטע גרענעצן אַרום און דער עיקר — דאָרטן האָט מען מער דרך־ארץ פאַר אַלץ וואָס עס פּירט זיך און אין דער אייגענער מדינה האַלט מען דאָך אין איין קריטיקירן, קיין זאַך געפעלט נישט, און פאַרוואָס זאָל מען פאָלגן געזעצן וואָס יענע שטעלן איין? איך בין קליגער פאַר זיי... און פאַרוואָס עפּעס זאָלן זיי דאַרן „אויסטראַכטן געזעצן" וואָס מאַכן מיר שווערער?... נאָך משה־רבינו האָט פון איין זייט געבענקט „מי יתן והיה כל עם ה' נביאים"... און פון דער צווייטער זייט האָט ער זיך געקלאָגט „איכה אשא לבדי" — ווי קען איך איינער אַריבערטראָגן אַלע טענות און קריוודעס פון די ייִדן... שווער צו זיין אַ פּרעמיער איבער צוויי מיליאָן פּרעמיערס....

די לעצטע יאָרן ווערט ארץ־ישראל באַרימט מיט אירע פּרשיות, קריגע־רייען, שוחד און בכלל זאַכן וואָס האָבן געמעגט נישט געשען. אין די צייטן פון אָנהייב זענען אַזוינע זאַכן נישט געהערט געוואָרן און זיי האָבן נישט גע־קאָנט געשען. עס איז געווען אַ העכערע מאָראַל און אַן איינשטימונג, מען האָט דיסקוטירט, אָבער נישט געקריגט זיך; איצט טרעט איינער דעם צווייטן אויף די הינעראויגן, איצט קען איינער דעם צווייטן נישט פאַרטראָגן. אָט די קריי־געריייען צווישן זיך — זיי זענען דער ערשטער סימן פון דער פאַרשטאַרקטער עגאָפאָביע. געווען ריידערייען און רמזים אין דער פריעסע אַפילו, אַז געוויסע באַרימטע טוער האָבן זיך נישט שטאַרק געאיילט צו העלפן די ייִדן אין דער היטלער־צרה... רמזים, קלאַנגען, ריידערייען. קיין אָפענע, קלאָרע רייד נישטאָ. געווען עפּעס אַ מישפּט וואָס האָט געקאָנט דערפירן צו עפּעס קלאָרערס, איז איינער פון די געמישפּטע דערשאָסן געוואָרן אין מיטן טאָג אין גאַס, און ווי־דער איז אַ טונקעלער וואָלקן אַרויף אויף דעם ענין און אים שטיל געמאַכט...

עס האָט מיר אַמאָל דערציילט אַפּאַטאָשו ע"ה, ווען ער איז געווען אין ארץ־ישראל, בימי משפּט סטאַווסקי, און ער האָט פון האָטעל־פענצטער נאָכ־געקוקט די דעמאָנסטראַציעס אין גאַס, זיך צוגעהערט צו די אויסגעשרייען, האָט ער געטראַכט, אַז עס איז דער המשך פון די קריגערייען און געשלעגן אין די צייטן ערב דעם חורבן בית שני.

און דאָס אַלץ זענען די סימנים פון דער פאַרשטאַרקטער עגאָפּאַביע. און לאָמיר בעסער נישט טראַכטן וועגן דעם צו וואָס זי קען ברענגען אין איר ווייטערדיקער אַנטוויקלונג.

די גמרא זאָגט, אַז דער צווייטער בית־המקדש איז חרוב געוואָרן צוליב דער שינאת־חינם וואָס עס איז געווען דאָרטן, און פון דעם נעמט די גמרא צו זאָגן, אַז די קעגנזייטיקע שינאת חינם איז ערגער פון די דריי גרעסטע עבירות צוזאַמען. קומט אויס אַז דער ריכטיקער סטימול צו בויען די מדינה, וואָלט געדאַרפט זיין אהבת ישראל, אהבת היידישקייט, און דווקא די גלות־יידיש־קייט, אַ דראַנג צו לעבן אַזאַ לעבן, אַז זי זאָל זיין פאַרזיכיק פריי און קענען וואַקסן אָן אונטערדריקונג און אָן קאָנקורענץ. אָן דער אהבת ישראל איז דער גאַנצער בנין המדינה אין אַ סכנה פון אינעווייניק אחוץ אַלע סכנות פון דרויסן.

עס האָבן אַמאָל יידן געקאָנט אין גלות, אין דער פרעמד, אָפּהענגיק פון אַנדערע דאָך געקאָנט בויען אָן אומאָפּהענגיקע יידישקייט. איז עס אָבער געווען אין דער שטעטלשער תקופה. אין אונדזער היינטיקער אורבאַנישער תקופה טאָר מען אויף דעם נישט וואַרטן, מען קען אויף דעם נישט האָפן. עס זענען געבליבן דאָ און דאָרטן געציילטע יחידים, קליינע גרופּעס, וואָס באַמיען זיך מיט גוואַלד איינצוהאַלטן זייער שטעטלשע יידישקייט. דאָס זענען די פאַרשידענע חסידישע גרופּעס פון וויליאַמסבורג אין ניו־יאָרק, זיי בויען אויך אין דער יידישער מדינה באַזונדערע שטעטלעך. זיי זענען געגליכן צו ר׳ שלמהלע פון פּרצעס „גאָלדענע קייט״, וואָס וויל איינהאַלטן דעם שבת אויף גוואַלד אין מיטן פון דער וואָכעדיקער וועלט. עס געלינגט אים נישט — דער אייגענער זון איז מורד קעגן אים און ער מאַכט הבדלה. ער גיט נאָך דער וועלט קעגן טאָטן, אַזוי איז אויך איצט. וויליאַמסבורג קען נישט, וועט נישט גובר זיין דעם אָנגריף פון אורבאַניזאַציע אין יידישן לעבן. עס וועט מוזן זיך אויסאַרבעטן אַ נייע יידישקייט אָן אורבאַנישע, יעדער איבערגאַנג איז אַ קריזיס, דער קריזיס פון איבערגאַנג איז שוין לאַנג דאָ ביי אונדז, ער ווערט שווערער, ער קען זיין גאָר שווער. אַזוי איז דער וועג פון יעדער איבערגאַנג אין דער געשיכטע.

דער איינציקער אָרט אין דער וועלט ווו דער איבערגאַנג וואָלט געקאָנט פאַרקומען אָן אַ קריזיס איז ארץ־ישראל. אין דער אייגענער מדינה וואָס שאַפט אַליין די געזעצן פון לאַנד, לויט די באַדערפענישן פון אייגענעם פאָלק, אין דער אייגענער מדינה וואָס בויט אַליין דאָס לעבן, שטעלט אײן שטייגער, נאָרמירט די נאָרמען און די פאָרמען פון אַלץ אין לעבן. דאָ וואָלט געקאָנט געבויט ווערן אַ לעבן ווו די געבראַכטע יידישקייט זאָל זיך אַנטוויקלען און

פירן זיך אַן קאָנקורענץ און אָן צוואַנג, נאַטירלעך, די היימישע קולטור אין איר היימישער ראַם. און די היימישע ראַם זאָל זיין אַן אויפריכטיקע, אָן דער בויט צו זיין געשפּאָלטן: לאַנד, שטייגער, נאַרמען פון איין געביט און סענטי־מענטן צו אַ צווייטער מדינה, צו אַ ווייטער. איך וויל האָפן, אַז דאָס וועט אַמאָל קומען, דאָס וועט זיין ווען די גאַנצע קולטור און דערציִונג אין לאַנד, אין דער מדינה וועט זיך אויסהיילן פון דער עגאָפּאָביע. בעט איך ביי גאָט, אַז די צייט, דער מאָמענט זאָל קומען פריִער, אַז דער מאָמענט זאָל קומען וואָס פריִער, נישט צו שפּעט, חלילה. ארץ־ישראל, די ייִדישע מדינה דאַרף ווערן די היים פאַר ייִדישקייט, פאַר דער היסטאָרישער ייִדישקייט ווי זי איז דערגאַנגען און געקומען ביז צו אונדז.

די עגאָפּאָביע קען מען געפינען לגמרי נישט בלויז אין ציוניזם. אין אַ גרעסערער אָדער קלענערער מאָס איז זי פאַראַן אין אַלע ייִדישע באַוועגונגען און ריכטונגען. נאָר וואָס גרעסער און וואָס ברייטער עס איז אַ ריכטונג, אַלץ מער אַקציעס האָט דער שטנישער שותף דאָרטן. אַלץ שטאַרקער איז זיין אַנ־טייל אין דער באַוועגונג. די עגאָפּאָביע איז אַן אייגעזעסענער שטריך אין ייִדן, דערפאַר וואָס מער ייִדן — מער עגאָפּאָביע, וואָס מער אָרט אַ באַוועגונג פאַרנעמט אין לעבן, אַלץ שטאַרקער איז בולט דאָרטן די עגאָפּאָביע. און ווייל ציון איז אין צענטער פון דער ייִדישער אויפמערקזאַמקייט, און ווייל דאָס פאָלק לייגט אויף ציון די גרעסטע האָפענונגען, דערפאַר איז די עגאָפּאָביע דאָרטן אַ סך ווייטיקדיקער, פאַרדראָסיקער.

## צי איז די העברעיִש־קולטור זיכער אין מדינת־ישראל?

מיט אַזוי פיל פרייד, צופרידנקייט און שטאָלץ איז אין ארץ־ישראל איינגעפעסטיקט די העברעיִשע שפּראַך. ייִדיש איז גלות, עברית איז דער סימ־באָל פון גאולה. ארץ־ישראל און לשון עברית זענען אַ פּאָר פון גאָט, אין ארץ ישראל טאָר די גלות־שפּראַך נישט פאַרנעמען קיין אָרט. לאָמיר דאָ דערמאָנען אַ פרידלעכן שמועס פון אַ יונגן ייִדישן לערער פון גלות מיט אַן עלטערן לערער־פּיאָנער פון ארץ־ישראל מיט פופציק יאָר צוריק (ש. ווילקאָמיץ). עס פאַרדריסט אים וואָס ער איז געצוווּנגען צו רעדן מיט די עלטערע קאָלאָניסטן אין ראש־פינה, ייִדיש; ער וואָלט געוועזן גליקלעך ווען ער וואָלט אין אַ קראַנק־הייט פאַרגעסן ייִדיש; ער פאַרשטייט נישט פאַרוואָס אַ לערער וואָס לערנט אין אַ ייִדישער שול אין רוסלאַנד ייִדיש־לשון און ליטעראַטור קומט קיין ארץ־ישראל אויף אַ באַזוך. וואָס פאַר אַ שייכות קען האָבן אַזאַ לערער מיט ארץ־ישראל?... דאָס איז פאָרגעקומען אין 1913. מיט אַ יאָר שפּעטער, ערב דער

ערשטער וועלט־מילחמה איז אויסגעקומען צו הערן פון ד"ר יוסף קלוזנער, אַז ווען מען גיט אים ארץ־ישראל מיט יידיש לשון, וואָלט ער אַזאַ ארץ־ישראל נישט גענומען. יידיש לשון וואָלט פאַר אים פאַרשוועכט די קדושה פון ארץ־ישראל (דער שמועס איז, אגב, פאָרגעקומען אין רוסיש). אין 1933 איז מיר אויסגעקומען צו גיין אין אַ פּריוואַטקעצונאַכט פון יאַשאַ חפץ־זאַל נאָך אַ פאַר־זאַמלונג פון „פּועלי־ציון" אין יידיש, וואָס איז איבערגעריסן געוואָרן דורך שטיינער אין די פענצטער און מיט איבעררייסן דעם עלעקטרישן שטראָם. פאַר מיר איז געגאַנגען אַ גרופּע יידישע גימנאַזיסטן און מען האָט זיך באַ־רימט וועמענס שטיינער עס האָבן בעסער געטראָפן... איך האָב געפילט אַ שוואַכקייט אין די קני, שווער געווען צו גיין און צו הערן... עס האָט דער־מאָנט די „פריילעכע פאַרוויילונגען" פון פּוילישע סטודענטן אין ווילנע מיט די ראַזיר־מעסערלעך אויף יידישע פּלייצעס און מיט לינקע בענק פאַר יידישע סטודענטן...

דערמאָן איך עס אַלץ נישט לשם דיסקוסיע חלילה, נאָר כדי צו אילוס־טרירן דעם פאַנאַטישן ברען און גלויבן אין פאַרבינדונג פון ארץ־ישראל מיט העברעיש און היציקן קאַמף קעגן יידיש, וואָס פאַרשוועכט די קדושה פון ארץ־ישראל. און עס איז אויפגעטאָן געוואָרן גאָר אַ סך. קיין ספק נישט. אָבער ווי איז איצט דער גורל פון דעם העברעיש־לשון אין דער מדינת־ישראל? אַז דער גורל פון העברעיש־לשון אין די גלות־לענדער איז ענג פאַרבונדן מיט דעם גורל פון יידיש איז שוין נישט מער קיין פראַגע: דאָ ווו עס איז נישטאָ קיין יידיש, דאָרטן האָט שוין העברעיש נישט קיין דריסת הרגל. דאָס איז אַ כלל, דאַכט זיך, פאַר אַלע גלותן. צי מען לערנט העברעיש צי מען לערנט נישט, אָבער קיין שום אחיזה האָט דאָרטן נישט דאָס העברעיש.

איך לייען דעם זשורנאַל פון ברית עברית עולמית, און עס איז מיר אַ וווּנדער; איך לייען די באַריכטן פון דער העברעיש־אַקטיוויטעט אין די תפו־צות, די גרויסע אָנשטרענגונגען פון די שליחים, פון די געשיקטע לערער, — און די קנאַפּע אויפטוען: טיף־דענקענדיקע יידישע מענטשן רייסן־אָפּ פון דער מדינה לערער ווען אין דער מדינה גופא איז אַ מאַנגל אין לערער און מען שיקט אין אַלע ווינקעלעך פון די גלות כדי דאָרטן צו פלאַנצן העברעיש. און מען פלאַנצט און מען פלעגט, — און די רעזולטאַטן זענען נישטיקע, גאָר־נישטיקע. אויך אין דעם איינציקן און ערנסטן וואָכנבלאַט „הדואר" זענען שוין געווען עטלעכע ווייגעשרייען וועגן די אומדערפאָלגן פון דער גאַנצער העברעישער דערציונג אין גלות (כסלו, תשכ"ד). און מען באַמיט זיך נישט אַריינצוטראַכטן עטוואָס טיפער, אפשר איז לא זו הדרך? עס דאַרף דאַכט זיך פאַר יעדער דענקענדיקן יידן זיין קלאָר, אַז

אָט־די גאַנצע אַרבעט און די גאַנצע אָנשטרענגונג וועט נישט ברענגען קיין רעזולטאַטן, ווייל עס קענען נישט זיין קיין פּראַקטיקע רעזולטאַטן. מען האָט שוין אין אַלע לענדער אָן יידיש אַראָפּגעלאָזט פון די חלומות־האָפענונגען: מען וויל שוין נישט איינפלאַנצן עברית, נאָר מער נישט ווי די צווייטע שפּראַך זאָל זי זיין. דאָס הייסט — די לאַנד־שפּראַך און עברית. פאַר וועמען עברית? פאַר וועמען די צווייטע שפּראַך, אַז אַ גאַנץ לעבן באַנוגנט מען זיך מיט איין שפּראַך אַליין? און עס קומט גאָרנישט אויס צו באַנוצן אָט־די צווייטע שפּראַך? אלא, טאָמער וועט עמעצער פון איין לאַנד פאָרן אין אַ צווייט לאַנד און זיך ז'אָרטן טרעפן מיט אַ יידן וואָס קען נישט זיין לאַנדשפּראַך... אָדער עמעצער וועט ווען עס איז אפשר פאָרן קיין ארץ־ישראל, זאָל ער קומען מיט העברעיש שוין פון דער היים... זענען די מענטשן וואָס שט־יען בראש צו אינטעליגענט מען זאָל זיי חושד זיין אין אַזויגע נאַרישקייטן. כדי צו פאַרשטיין דעם גאַנצן פּליס און די גאַנצע אַרבעט לטובת העברעיש אין די גלותן וואָלט מען גע־דאַרפט אָנווענדן טיפערע פּסיכאָלאָגישע פאָרשונגען, וואָס נישט דאָ איז אָן אָרט פאַר זיי. אָבער מיט איין וואָרט — די גאַנצע אָנשטרענגונג פאַר העברעיש אין די גלותן איז צום באַדויערן נישט מער ווי די באַרימטע פּאָטיאָמקינס װעלדער.* עס איז אַ שיזיף־אַרבעט, וואָס קען האָבן נאָר איין רעזולטאַט — יידן אין דער וועלט זאָלן זיך דורכדרינגען מיט דעם געדאַנק, אַז דאָס יידישע לשון האָט נישט קיין שום נאַציאָנאַלן ווערט, מען דאַרף פאַר דעם קיין אַרבעט נישט, עס איז גוט וואָס עס ווערט פאַרגעסן. געגוג די לאַנד־שפּראַך מיט אַ פּאַר אַריינגעבראָקטע אין איר העברעישע ווערטער. יוצא צו זיין.

גאַנצע צוויי און אַ האַלב טויזנט יאָר האָט זיך געהאַלטן און געלעבט העברעיש ביי יידן לעבעדיק (הגם נישט אין רעדן), אָבער לעבעדיק אין שטיי־גער, אין דאַווגען, און אין געברויך אַפילו פון עם־הארצים אָן קורסן און אָן אולפּנים. און טאַקע איבערהויפּט אַ דאַנק דעם וואָס יידן האָבן אין רעדן גענוצט אַ צווייט לשון (אַראַמיש־יידיש און יידיש), און אַזוי די גאַנצע לאַנגע תלמודיש־שטעטלשע תקופה. מעג שוין זיין קלאָר און דייטלעך פאַר יעדער אינטעליגענט־דענקנדיקן מענטשן, אַז מיט די אַלע קורסן און קלאַסן און אַלע אַנדערע אָנשטרענגונגען וועט מען בשום אופן נישט ברענגען העברעיש צו דער מדרגה וואָס דאָס לשון האָט פאַרנומען ביי אונדז אין די גלותן ביז איצט.

---

* ווען רוסלאַנד האָט אַריינגעכאַפּט דרום־אוקראַינע האָט די קייסערין יעקאַטערינע געמאַכט אַ רייזע איבער יענע לענדער, האָט דער סאַטראַפּ פון יענע ערטער פּאָטיאָמקין אויף גיך אָנגעבראַכט יונגע ביימער פון וועלדער און זיי אַריינגעשטעקט אין דער ערד, זי זאָל מיינען אַז ער האָט אויסגעהאָדעוועט לעבעדיקע וועלדער און דערפער...

און דערביי איז כדאי צו באַמערקן נאָך עפּעס, וואָס אויך נאָר פּסיכאָלאָגן וואָלטן געדאַרפט דערקלערן: ביי דער גאַנצער מי און אָנשטרענגונג פאַר העברעיִש האָט מען לגמרי פאַרגעסן אַז אין העברעיִש איז פאַראַן אַן אומגעהויער רייכע ליטעראַטור, אַחוץ דעם תנ"ך. דאָס פאַרגעסט מען צו לערנען אַפילו.

אָבער דאָס אַלץ איז גערעדט געוואָרן בנוגע צו העברעיִש אין די גלותן. מיר האָבן אָבער דאָ געשטעלט די פראַגע וועגן דעם גורל פון העברעיִש לשון אין דער מדינה גופא, אין דער מדינה וואָס איז ביסלעכווייז אויפגעקומען טאַקע לשם ולשמה פאַר עברית, לכל־הפחות טיילווייז, פאַר דעם לשון, כדי צו לעבן אין דעם לשון. און מען באַרימט זיך אַז דאָרטן איז העברעיִש אויפגעשטאַנען תחית־המתים, פון אַ טויטער שפּראַך געוואָרן לעבעדיק. ווי האַלט עס איצט מיט דער אויפגעלעבטער שפּראַך און מיט איר צוקונפט אין דעם לאַנד פון אַ־דעם נס?

מען באַרימט זיך ביי אונדז: אַנדערע פעלקער, די אירלענדער, די איינדוסן האָבן נישט געקאָנט אויפלעבן זייער פאַרצייטיקע שפּראַך און מיר ייִדן האָבן יאָ באַוויזן אָט־דעם נס; מיר האָבן עס מחיה מתים געווען אונדזער אוראַלטן, געשטאָרבענעם לשון! וואָלט אַלץ געווען גאָר פיין, ווען עס וואָלט געווען אמת. פעלט אָבער דאָ צום אמת אַ היפּש ביסל. קודם־כל איז תחית המתים נאָך דערוויל קיין מאָל נישט געשען, און אַז מען דערציילט עפּעס וועגן עמעצן, גלייבן מיר נישט אין דעם. און וואָלט באמת העברעיִש געווען טויט, וואָלט עס קיין תחית־המתים בשום־אופן נישט אויפגעשטאַנען. מיר האָבן שוין פריִער געשריבן, אַז העברעיִש אָדער לשון־קודש איז ביי אונדז געווען שוין גאָר לעבעדיק: די צאָל ווערטער וואָס אַ ייִד האָט אין משך פון טאָג אַרויסגערעדט אין דאַוונען, אין בענטשן, אין ברכות, אין לערנען און סתם אין זיין ייִדיש רעדן, איז מיסתמא נישט געווען קלענער פון דער צאָל ייִדיש־ווערטער. און אַלץ נישט געלערנט, ווייל אַ שפּראַך וואָס לעבט אין פאָלק דאַרף מען נישט לערנען. אָט דאָס העברעיִש אין ייִדיש האָט אַפילו געהאַט זיין אייגענע גראַמאַטיק, אַנדערש פון דער טראַדיציאָנעלער (שבתים, טליתים, טלית־קטן, שבת הגדול, כוס ראשון, ספר תורות [אין מערצאָל] און נאָך און נאָך). איז דאָס אַ ביסל צו נאַיִוו און צו וויניק געטראַכט צו באַרימען זיך: אַהאַ, מיר האָבן מחיה המתים געווען העברעיִש. וואָלט נישט געווען קיין טביה דער מילכיקער מיט זיינע תורות און טייטשן און זיינע גמרות און זיינע ווערטלעך, וואָלטן העברעיִשרעדן און לערנען אין שולן נישט געווען. עס איז געווען, פאַרקערט, אַ גליקלעכער צופאַל, וואָס ייִדן האָבן געהאַט פאַר דעם וואָכעדיקן לעבן אַ צווייטע שפּראַך, אַ לשון חול און העברעיִש האָט געדינט נאָר פון דברים שבקדושה.

האָט טאַקע דעמאָלט העברעיש יאָ געקאָנט פאַרייניקן דאָס גאַנצע פאָלק (עט־לעכע און נײַנציק פּראָצענט פון פאָלק, אשכנזים). אויף דעם פאַרדינסט פון יידיש האָט שוין בשעתו אָנגעוויזן ביאַליק, וואָס איז, כידוע, נישט געווען קיין צו שטאַרקער חסיד פון יידיש־לשון. און ווייל העברעיש איז געבליבן אין דער גאַנצער תלמודיש־שטעטלשער תקופה הייליק, לשון הקודש, און וואָס הייליק איז, ענדערט זיך עס נישט אַזוי גיך, דערפאַר האָט זיך העברעיש רייַנער און איינהייטלעכער איינגעהיט, און האָט געקאָנט איינהיטן די איינהייטלעכקייט פון יידישן פאָלק. און אין וואָכעדיקן לעבן איז אַריין העברעיש, אין כוחרישע בריוו, אין שאלות און תשובות פון רבנים און אין געוויינלעכן לשון אויך. האָט אַ ייד געהייסן זיין אשתו זי זאָל רואה זיין בשבע עינים אויף די עלים אין חנות. קען מען דען דאָס אָנרופן תחית המתים פון אַ שפּראַך? נאָר, אַז מען וויל, פאַררעדט מען זיך, מען רעדט זיך איין.

האָט מען מיט גרויס צופרידנקייט געמאַכט לשון־קודש וואָכעדיק, אַ טאָג־טעגלעכע שפּראַך. איז ווי מאַכט זי עפּעס איצט און וואָס דערוואַרט איר אין דער צוקונפט? איז שוין היינט די „עברית מודרנית", אָדער „עברית ישראלית" ווי מען רופט עס היינט, גאַנץ ווייט אַוועק פון דעם עכטן לשון־קודש, פון דעם קלאַסישן לשון. מען רעדט ערנסט אַפילו אַז עס האַלט דערביי מען זאָל דעם תנ"ך דאַרפן איבערזעצן אין דער „עברית חדשה". און דאָס וואָלט בפירוש געהייסן נעמען און איבעררייסן אונדזער אייביקייט. עס קומט אויס אַ מאָדנע טראַגישע דערשיינונג: מיט דער שטאַרקער ליבע צו העברעיש רייסט מען אָפּ נישט נאָר פון יידיש, נאָר טאַקע אויך פון העברעיש ווי דאָס לשון איז דער־גאַנגען צו אונדז אין זיין קלאַסישער פאָרעם, מען רייסט זיך פון אונדזער נאַ־ציאָנאַלער אייביקייט. און דאָס טוען און דאָס פירן דורך יידן מיט וואַרעמע יידישע הערצער... פרעגט זיך, צי איז דאָ נישט שטאַרק די אַרבעט פון נוחס שיינעם שותף? צי רעדט מען נאָר וועגן דעם אויבערשלאַק און מען פוצט דעם אונטערשלאַק? עס איז עפּעס אַ מוראדיקע שפּיל: אין דער אייגענער מדינה, וואָס איז אַ קינד פון אייביקע חלומות וועגן דער גאולה, וועגן אַ פרייען יידישן פאָלק, וואָס זאָל זיין פריי און שעפעריש אין זיין יידישקייט, עס זאָל אין אָט דער מדינה אויסוואַקסן עפּעס אַ ניי פאָלק וואָס וויל נישט וויסן און וויל נישט קענען זיין אָפּשטאַם, וואָס נעמט זיך מיט כוונה אָפּרייסן זיך פון זיין המשך, מיט אַלץ וואָס עס פאַרמאָגט ווי אין יידיש אַזוי אויך אין העברעיש — דער שפּראַך פון דער יידישער אייביקייט. וואָסער יידיש האַרץ קען נישט נעמען קלאַפּן פאַר אַזאַ פּערספּעקטיוו? אָבער די זאַך איז נאָך טראַגישער: ווי לאַנג קען זיך האַלטן אָט דאָס נייע העברעיש אין דער מדינה, אַפילו אונ־טער דער שוץ פון אַן אייגענער רעגירונג? מיר האָבן פריער גערעדט וועגן די

אײסזיכטן פון העברעיִש אין די גלותן, וואָס זענען אין גאַנצן אויסזיכטלאָז. אָבער אויך אין דער מדינה זענען פאַראַן סכנות, וואָס קענען חלילה מאַכן אַלע אָנשטרענגונגען אומזיסט. אַנטקעגן ייִדיש איז העברעיִש אַ יחסנטע — עס איז ווייניקער געהאַלטן אין מויל פון ייִדן. צי איז העברעיִש אַזאַ יחסנטע אויך לגבי ענגליש און פראַנצויזיש? העברעיִש איז געווען זיכער מיט דער הייליקייט פון איר אינהאַלט, כל־זמן עס איז געווען דאָס לשון פון דעם הקודש, די שפּראַך פון אַלץ וואָס איז הייליק, דאָס לשון הקודש (אָבער נישט די הייליקע שפּראַך; נישט לשון קדושה). ווי אַזאַ האָט קיין קיין אַנדער שפּראַך מיט איר נישט געקאָנט קאָנקורירן. אָבער ווען העברעיִש ווערט אויס הייליק, וואָכעדיק, טאָג־טעגלעך, אַ שפּראַך ווי אַלע אַנדערע שפּראַכן ווערט זי במילא אויס יחסנטע לגבי ענגליש, למשל. זענען שוין איצט אָט די שפּראַכן זייער חשוב אין דער מדינה, הייבן זיי שוין איצט אָן צו קאָנקורירן מיט העברעיִש, זיי מער באַקוועמע, מער פאַרשפּרייטע, מיט מער פאַרבינדונגען. ציִען זיי מער, שטאַרקער, רייסן זיך שוין יונג און אַלט צו די שפּראַכן. מדינת־ישראל דאַרף זיין פאַרבונדן מיט אַנדערע לענדער אויף אַלע געביטן פון לעבן. דאָ טרעטן אַרויס די מעלות פון אַנדערע שפּראַכן, עס איז שוין אַפילו דערגאַנגען צו דעם, אַז מען רעדט שוין — דערווייל פּריוואַט נאָך — וועגן אַריינפירן ענגליש אין די הויכשולן („דף" ,כ״א, יולי 62). ווען נישט די אָפיציעלע מדינה־שפּראַך, וואָלט שוין דאָס לאַנג געשען. אין דער מאָס ווי העברעיִש ווערט די געוויינלעכע וואָכעדיקע שפּראַך פון דעם ייִדישן פאָלק אין מדינה, אין דער זעלביקער מאָס בייט זיך די באַציִונג צו איר, און זי געניסט די גאַנצע עגאָפּאָביע, ווי אַלץ וואָס עס איז ייִדיש. די טייערקייט פון העברעיִש לשון פאַר ייִדן איז לגמרי נישט קיין אַבסאָלוטע, קיין אייביקע. איז עס דאָך שוין געשען, אַז ייִדן האָבן פאַרלאָזט אין ארץ־ישראל זייער העברעיִש און זי פאַרביטן מיט אַן אַנדער שפּראַך, וואָס איז דעמאָלט געווען אַן אוניווערסאַלע (אַראַמיש). און איז דען נישט געקומען אַ צייט ווען די אַריסטאָקראַטיע ביי ייִדן האָט געהאַלטן אין פאַרוואַרפן אָט די זעלביקע שפּראַך, וואָס איז שוין געוואָרן אַ קלענערע יחסנטע לגבי אַ צווייטער, נייער שפּראַך, לגבי גריכיש?

אויך איצט האַלט זיך העברעיִש נאָר מיט דעם כוח פון דער מדינה־צוואַנג, די געזעצן פון לאַנד, אָבער אויף צוואַנג קען מען לאַנג נישט איינהאַלטן קיין זאַך. און דערצו איז דאָך דאָס גערעדטע העברעיִש פאַרבונדן נאָר מיטן רעדן, נישט מיט ייִדישער קולטור, וואָס אין העברעיִש. האָט אָט דאָס העברעיִש נישט דעם זכות פון ייִדישער אייביקער קולטור, זי דערמאָנט נישט דעם רעדער די אייביקע ייִדישקייט, זי פאַרבינדט נישט דעם רעדער מיט דעם פאָלק אין אַלע זייַנע דורות. די גרויסע מעלה פון העברעיִש אין ארץ־

ישראל איז איר אַלגעמיינקייט, דער גאַנצער קיבוץ גלויות, די עולים פון אַזוי פ׳יל לענדער דאַרפן האָבן אַ געמיינזאַמע שפּראַך. דאָס איז אַזוי צו זאָגן די געאָגראַפישע פאַרבינדונג. די ווערטן פון העברע׳ש ליגן אָבער נישט אין דעם, נאָר אין היסטאָרישער פאַרבינדונג פון אַלע דורות קולטור. פאַר דעם ווערט גאָר ווייניק געזאָרגט. העברע׳ש איז געווען דער לבוש פון אונדזער אייביקייט. דאָס איז געווען נישט קיין שפּראַך אַליין נאָר ספרים, ספרים פון אַלע דורות. פלעגט יעדער זאַץ, יעדע מימרא, איטלעך ווערטל דערמאָנען דור־רות יידישקייט, דורות קולטור, אייביקייט. אַנדערע פעלקער, אונדזערע שכנים האָבן גערעדט זייערע שפּראַכן, זענען דאָס געווען אַ סך יינגערע שפּראַכן, האָבן זייערע שפּראַכן פאַרמאָגט זייער „פאָלקישקייט״, מער פון זייער שבעל־פה. די שפּראַך — דער אויסדרוק פון פאָלק־נשמה. מיר זענען אַן אַלט פאָלק. מיר האָבן מער ספרים־ירושה, ספרים וואָס זענען געווען במקום לאַנד און במקום היים און במקום פאַרוויילונג. מיר זענען דאָך אַן עם־הספר. האָבן מיר געהאַט אין די צוויי שפּראַכן צוויי זייטן. איז יידיש געווען דער אויסדרוק פון דעם פאָלקס נשמה אין דעם היינט, איז העברע׳ש (צוזאַמען מיט אַראַמיש!) געווען דער אויסדרוק פון אונדזער דורותדיקער נשמה.

עס לעבט אַ בוים. לאַנגע יאָרן לעבט ער. אַלע יאָר קומען אויף יונגע בלעטער און יונגע בלומען, נייע פרוכטן. אָבער די אַוועקגעגאַנגענע יאָרן גייען נישט פאַרלאָרן, דאָס לעבן לייגט זיך אָפּ אין דעם שטאַם, אין די פאַרהאָלצטע וואָרצלען. נישטאָ אין זיי קיין דירעקט לעבן, אָבער אין זיי איז די געשיכטע פ׳ין דעם בוים, אין זיי און דורך זיי די שטענדיקע געשטאַלטיקייט פון די בייע דורות לעבעדיקע בלעטער און בלומען, די היסטאָרישע איינהייט פון דעם בוים. איז נישט נאָר „כי האדם עץ השדה״, ווי עס שטייט, נאָר עס איז „כי העם עץ השדה״ — אַ פאָלק איז געגליכן צו אַ בוים. איז אין העברע׳ש אונדזער שטאַם. אָבער ווען איז דאָס גערעדט? ווען דאָס העברע׳ש קומט צו אונדז צו יעדער קינד פון פאָלק טאַקע פון די ספרים, דורך די ספרים. אָן זיי, אָן די ספרים, איז העברע׳ש פונקט פאַרקערט ווי דער תלמודישער זאָג מיינט. עס איז „תוכו זרק און קליפּתו אכל״, מען נעמט די שאָלעכץ אָן דעם אינהאַלט. אַזאַ העברע׳ש, אַן אויסגעליידיקטער פון ספרים־אינהאַלט, האָט נישט דעם היסטאָרישן ווערט, עס פאַרמאָגט נישט זיין קדושה, און ער האָט נישט קיין שום יחוס ביי די וואָס נוצן אַזאַ העברע׳ש, און זיי זענען תמיד גרייט עס צו פאַר־בייטן מיט יעדער אַנדער שפּראַך, וואָס דאַכט זיי אויס צו זיין מער באַקוועם. אָט דאָס העברע׳ש האָט נישט די זאַפטן פון היינטיקער פאָלקישקייט און אויך נישט קיין אַסאָציאַטיווע רייכקייטן פון דער געשיכטע. נישט דאָס פאָלק שפּיגלט זיך אָפּ אין די ווערטער און נישט די ספרים אונדזערע.

מען קלאָגט זיך שטאַרק און אַלץ שטאַרקער אויף דער אָפּגעפרעמדטקייט פון דער יוגנט, דערצויגן אין „עברית ישראלית". דער גרינגסטער אַנאַליז קען דאָס דערקלערן: אין דער דערציִונג איז פאַראַן אַלץ וואָס פאַרבינדט די היינטיקע אַלע פעלקער, די נאַטור־וויסנשאַפטן און מאַטעמאַטיק וכדומה. עס פעלן אָבער אין איר מער נישט ווי די צוויי זאַכן, און זיי זענען דער עיקר, דער יסוד פון יעדער פאָלקישער דערציִונג. עס פעלט די דירעקטע פאָלקיש־קייט פון דעם לעבעדיקן פאָלק און עס פעלט אויך די „ספרימדיקע פאָלקיש־קייט" אונדזערע... עס פעלן ווי די בלעטער און בלומען אַזוי אויך דער פאָל־קישער שטאַם. טאָ אויף וואָס זאָל זיך האַלטן די פאָלקישקייט פון דער יוגנט? און דער תנ"ך איז נישט בכוח דאָס ממלא צו זיין. דער תנ"ך האָט זיך איינ־געבירגערט ביי אונדז נישט אין זיין „ריינקייט", ווי בן־גוריון וויל דאָס, נאָר דוקא דורך די בסדרדיקע נייע און פרישע „בלעטער", וואָס בן־גוריון האָט אַפילו פאַרלאַנגט פון די העברעיִשע שרייבער „אָפּצורייניקן" פון זיי דעם תנ"ך. אַזאַ שטאַם, אוראַלטער שטאַם אָן די בלעטער, אָן די בלומען און פרוכטן, אַזאַ שטאַם איז טויטע האָלץ, נישט מער. פאַרוואָס זאָל אַ יוגנט נישט שטרעבן צו פאַרבייטן אַזאַ טעכניש־עספעראַנטאָ־העברעיִש אויף אַנדערע שפּראַכן, ריי־כערע, וועלט־שפּראַכן? האָט דאָך אָט־דאָס העברעיִש אין דער שול עפּעס גע־לערנט די קינדער: די שפּראַכן וואָס אייערע עלטערן האָבן געבראַכט זענען מינדערווערטיק, זיי טויגן נישט. צוזאַמען מיט די שפּראַכן טויגן אויך נישט אַלע עלעמענטן וואָס די עלטערן ברענגען... אָט דאָ שפּרינגט אַרויס דער באַ־רימטער נוחס שותף — די עגאָפּאַביע אין אונדז און זי שניידט אָפּ אַלע וואָרצלען וואָס קענען פאַרבינדן די יוגנט מיט זייער פאָלק. עס איז טראַגיש דאָס צו זאָגן און נאָך טראַגישער דאָס צו פאַרשווייגן: די שלילת הגלות האָט זיך אַנטוויקלט אין שלילת היידישקייט.

מיר האָבן אין אונדזער געשיכטע געהאַט דריי שעפערישע תקופות. איטלעכע מיט איר שפּראַך. דער תנ"ך; די גרעסטע און די לענגסטע און די שעפערישסטע — די תלמודיש־שטעטלשע תקופה און די יידישע, היינטיקע מיט יידיש. די קולטור און איר שפּראַך זענען ווי די נשמה מיט איר גוף, מען קען זיי נישט צעררייסן באַזונדער. מען קען נישט נעמען די נשמה פון אַ פאָלק און זי אַריינגעבן אין אַן אַנדער גוף, און מען קען אָבער אויך נישט נעמען אַ גוף און אים באַהעפטן צו אַ נשמה.

מען וועט אפשר זאָגן, אַז איך האָב דאָ אַ טעות: עס איז ביי אונדז נישט דאָס ערשטע מאָל ווען מיר נעמען איבער אַ שפּראַך. האָבן מיר דאָך נאָר וואָס געזאָגט, אַז יעדער תקופה קומט מיט איר קולטור און מיט איר שפּראַך. שטייען מיר איצט פאַר אַ נייער תקופה, קומט במילא אויך אַ נייע שפּראַך און אומ־

זיסט זוך איך דאָ שפּורן פון עגאָפּאָביע. לא היה ולא נברא. עס קומט אויף גאָר אַ נייע קולטור, מוז אויך די שפּראַך זיין אַ נייע, איז דאָך בעסער די אַלטנייע שפּראַך איידער אַ נייע, בעסער אַ פּאַרצייטיק־אייגנס איידער אַ פרעמדע. וואָלט עס אפשר געווען טאַקע בעסער, אויב עס וואָלט מעגלעך געווען. מיר לעבן אָבער איצט אין אַן אַנדער צייט. די וועלט איז קליין געוואָרן און מיר זענען קיין מאָל נישט געווען אַזוי ווייט פון דער פרעמד ווי מיר זענען עס געווען אין שטעטל. נישטאָ היינט קיין פאַרזיכיקייט פון ייִדן. אַמאָל, נאָך גאָר נישט לאַנג האָט עס געקאָנט זיין ובגויים לא יתחשב, ייִדן האָבן געלעבט פון גוי און געווען ווייט פון אים און פון זיין וועלט. דעמאָלט האָבן מיר יאָ געקאָנט אונדזער אייגן פאַרזיכיק לעבן אַריינגיסן אין פרעמדע שפּראַך־פאָרמען. מיר האָבן פרעמדע שפּראַכן מגייר געווען. ווערטער טאַקע גענומען מכל הבא, אָבער אונדזער געמיט, אונדזער גראַמאַטיק, אונדזער אויסשפּראַך, אַלץ אייגנס. ביז מיר האָבן פון זיי געמאַכט ייִדישע לשונות. פרעמדע ווערטער איבערגעמאַכט, געייִדישט, מיט אַ ייִדישן אלף־בית אַפילו. גרים גמורים. גאָר אַנדערש איז עס איצט. מיר קענען זיך נישט סעפּאַרירן, מיר האָבן נישט קיין אייגן, פאַרזיכיק לעבן־שטייגער. מיר נעמען איבער נישט קיין ווערטער, נאָר גאַנצע שפּראַכן מיט זייער פרעמדן גייסט, מיט זייער אַקצענט און זאַצבוי, מיט זייער אלף־בית, מיט זייער אַלץ מיט אַן אַנדער. נישט מיר אַסימילירן די שפּראַכן, נאָר זיי אַסימילירן אונדז. און דער עגאָפּאָבישער שטן לאַכט פון אונדז: זע נאָר, ווי די ייִדן שטאָלצירן דאָס מיט די פרעמדע שפּראַכן, וואָס זענען ביי זיי אין די מיילער דאָך פרעמד, אָן דער נשמה פון דעם פאָלק וואָס האָט די שפּראַך געהאָדעוועט. נאָר אַבי אָפּצורייסן זיך פון זייער אייגנס, פון זייער ייִדישקייט... און ער טראַכט אין זיך, הגם ער זאָגט עס נישט אָפן: איידער זיי וועלן אין זייער אייגענער מדינה שאַפן טאַקע אַן אייגענע קולטור מיט זייער אַלטנייער שפּראַך, וועלן זיי ווערן איינגעשלונגען פון די פרעמדע קולטורן מיט זייערע פרעמדע שפּראַכן, אַפילו אין דעם אייגענעם לאַנד. אַמאָל האָט נאָך אַ רעגירונג געקאָנט אַרויפצווינגען אויף אַ פאָלק אַ שפּראַך, ווי דאָס איז געווען אין לאַטיין־אַמעריקע. איז דאָס אויך דאָרטן, אין פאַרוואָרפענע געגנטן איז נאָך שפּאַניש נישט אין גאַנצן אַריינגעדרונגען אין פאָלק. נאָך שווערער וועט עס זיין איצט, ווען די רעגירונג אַליין מוז פלאַנצן פרעמדע שפּראַכן צוליב די גראַנדיעזע פאַרבינדונגען מיט אַלע קולטור־לענדער און מיט אַלע קולטור־פעלקער.

דער לאָזונג איז געווען שלילת הגלות, אינעווייניק אין האַרצן האָט עס געמיינט אַ סך מער — עס האָט געמיינט שלילת הייִדישקייט, וואָס שטאַמט פון גלות. און געפירט האָט עס שוין אויף די שלעכטע וועגן פון דעם שטנישן שותף אונדזערן — צו אויסייִדישונג בכלל.

געשיכטע איז דאָך נישט קיין סכום פאַקטן מיט אַ צופעליקער פאַרבינ־דונג. עס איז דאָך אַ קייט סיבות און תולדות, יעדער רינג איז אַ תולדה פון דעם פריערדיקן און אַ סיבה פאַר דעם ווייטערדיקן. און דער הויפּט־פאַקטאָר, גלייבן מיר, זענען די אינעווייניקסטע דראנגען־שטרעבונגען אין פאָלק גופא און דער באַהאַלטענער אונטערשלאַק פון אונדזערע נאַציאָנאַלע באַוועגונגען איז פּאָרט די עגאָפּאַביע.

לאָמיר עטוואָס אַ קוק טאָן אויף אַנדערע געביטן. עס קענען אַמאָל גאָר קליינע פאַקטן זיין סימנים פון גרויסן פאַקטאָרן. עס קלאָגן זיך למשל נייע עולים, אַז די פּקידים באַהאַנדלען זיי אָן פריינדשאַפט. עס זענען שוין וויפל מאָל פאַקטן געווען אין דער פּרעסע. אָט ווייס איך וואָס, נאָך אַ ייִד דרייט אַ קאָפּ... ווי נעמט מען אין מדינת־ישראל אויף אַ ליאַדע נישט־ייִדישן אַרטיסט און ווי נעבעכדיק מען נעמט אויף אַ ייִדישן קולטור־מענטש. וואָס זאָגן אויס די פּרשיות — די גרויסע און די קליינע? די פּראָפּאָרץ פון פאַרברעכנס קעגן די געזעצן פון לאַנד ביי ייִדן אין דער מדינה און פּראָפּאָרציאָנעל פון די זעלביקע ייִדן אין אַנדערע נישט־ייִדישע לענדער. איך האָב נישט קיין פאַר־טיקע סטאַטיסטיק, נאָר דער איינדרוק פון דער פּרעסע איז, אַז אין דער מדינה איז די פּראָפּאָרץ אַ סך גרעסער... אָט די אַלע פּרשיות, קאָנפליקטן, קריגערייען און נאָך און נאָך — זיי רעכענען זיך זייער בייז אָפּ, זיי זענען קינדער פון דער עגאָפּאָביע און זיי טראָגן די סכנות אין זיך שוין. עס קומט אַ מאָמענט, ווען מען קען שוין די סכנות נישט אָפּהאַלטן. אָט די אינעווייניק־סטע סכנות, וואָס שטאַמען פון דער עגאָפּאָביע, זיי קענען ברענגען די גרעסטע צרות דער יונגער מדינה.

עס קומט אויס, אַז דער באַזיס פון ציוניזם, דער באַזיס פון מדינה דאַרף זיין פונקט דאָס פאַרקערטע, חיוב הגלות, אַנשטאָט שלילת הגלות. וואָלט מען די גאַנצע קולטור־פּאָליטיק אין לאַנד געדאַרפט בייטן, וואָלט מען די גאַנצע דערציִונג געדאַרפט אַריבערשטעלן אויף אַנדערע רעלסן. איז דאָס טאַקע אַזוי.

## עגאָפּאָביע אין די גלותן

מיט דעם וואָרט באַצייכן איך אַלע לענדער ווו די ייִדן פּאַסן זיך צו צו באָרמען פון שטייגער וואָס אַנדערע פעלקער שטעלן איין פאַר זייער גייסט און געמיט, אַלע לענדער ווו די ייִדן פּאַסן זיך אַריין און פּאַסן זיך צו צו דער שפּראַך און צום שטייגער וואָס נישט ייִדן שטעלן איין. די צופּאַסונג פון די ייִדן קען זיין אַ ווילּיקע און אַן אַרויפגעצוווּנגענע. אַלץ איינס איז עס גלות.

דאָס נישט וועלן אָנערקענען פאַר גלות די לענדער ווו ייִדן פּאַסן זיך צו ווילי‌ק איז אַליין אַ סימן פון גלותדיקייט אין געפיל און געמיט פון די ייִדן. „אהבתי את אדוני‟ איז נישט קיין סימן פון פרייהייט נאָר פון קנעכטשאַפט. דער נאָמען „תפוצות‟ און אַנדערע זענען אַליין אַ תולדה פון גלות.

איך שרייב ווידער גלותן אין מערצאָל, ווייל עס איז איצט נישטאָ קיין איין איינהייטלעכער גלות, נאָר אַ סך און איטלעכער איז אַנדערש פון צווייטן. און די ייִדן וואָס פּאַסן זיך צו צו איטלעכן אַנדערשדיקן גלות ווערן אַליין אויך אַנדערש, פאַרשיידן. וויפל גלותן — אַזוי פיל פאַרשיידענע ייִדישע גרופּן. אויס פאָלק, נאָר צעשפּליטערטע רעשטלעך פון אַ פאָלק, זיי זענען פאַרבונדן צווישן זיך בלויז דורך... אַנטיסעמיטיזם אָדער דורך דער מורא פאַר אַנטיסעמיטיזם, אָדער דורך דער אַלגעמיינער, געמיינזאַמער עגאָפּאָביע.

מיר זענען היינט אין אַלע לענדער דירעקטע שכנים מיט די הערשנדיקע פעלקער אין די לענדער. נישטאָ, כמעט נישטאָ קיין אַנדערע סובאָרדינירטע פעלקער אַרום אונדז. מיר האָבן נישט, ווי אַמאָל, קיין באַזונדערע ייִדישע, פאַרזיכיקע שטעטלעך ווי פריִער. נישטאָ קיין באַזונדערע ייִדישע סאָציאַלע איינסן ווי עס איז געווען דאָס שטעטל. יעדער ייִדישע מישפּחה איז דירעקט אַריינגעטריפט אין אַ פרעמדער סביבה. יעדער ייִד מוז זיך איטלעכער באַזונדער צופּאַסן צו אָט־דער פרעמדער ניט־ייִדישער סביבה שוין אין שול, אין לערנען, אין פאַרווײלן זיך, אין אַלע מאָמענטן פון לעבן. יעדער ייִד — צי ער איז אַן אָרעמער קרעמער, צי אַ רייכער פאַבריקאַנט מוז איינאָרדענען זיין לעבן, זיין לוח פון אַרבעט און רו לויט אַ לוח פון אַ פרעמדן פאָלק. און אָט־די פרעמדע סביבה דרינגט אַריין אין היימען גופא פון די ייִדן מיט דער שפּראַך, מיט דעם אַלגעמיינעם זונטיק און אַנדערע יום־טובים. דאָס אַלץ צוזאַמען איז דער היינטיקער אורבאַנישער גלות. ביז היינט האָבן ייִדן נישט אויסגעאַרבעט קיין אורבאַנישע פאַרזיכיקע ייִדישקייט, ייִדן זאָלן זיך קענען האַלטן ווי אַ פאָלק אין אַזוינע באַדינגונגען און פאָרמען פון לעבן. ביז היינט האָבן ייִדן נישט אויסגעהאַלטן אַזוינע גלותן. אומעטום און אַלע מאָל האָבן זיך אַזוינע גלותן געענדיקט מיט אַסימילאַציע און פאָסיליזאַציע אָדער פולשטענדיקער אויס־ייִדישונג. מיט דעם וואָרט „פאָסיליזאַציע, פאָסילן באַצייכן איך יענע גרופּן ייִדן, וואָס געדענקען, אַז זיי שטאַמען פון ייִדן, היטן אָפּ באַשטימטע אַלטע און אַוראַלטע טראַדיציעס, אָבער זיי אַליין שאַפן גאָרנישט מער אין ייִדישקייט, נישט קיין וועלטלעכער און נישט קיין רעליגיעזעס. דאָס זענען ייִדן וואָס זייער ייִדישקייט איז אַ פאַרשטיינערטע, ווי אַלע אַנדערע אָרגאַנישע פאָסילן. אַמאָל האָבן זיי געלעבט. היינט זענען זיי טויטע שטיינער, וואָס בלייבן אַזוי אַ גאַנצע אייביקייט. יחידים־ייִדן, ריכטיקער — ייִדישע פאָסילן קענען

דערהייבן זיך צו גאָר הויכע מדרגות אין פּאָליטישן, אין וויסנשאַפטלעכן און סאָציאַלן לעבן, אָבער די ייִדישקייט ביי זיי איז נישט מער ווי אַ פּאָסילע, אַן אָפּגעשטאָרבענע. זיי זענען ייִדן, אָפט אַפילו באַוווסטזיניקע ייִדן, אָפט אַפילו אויך פרום רעליגיעז, אָבער קיין קאָלעקטיוו־שעפער׳ישע ייִדישע קיבוצים זענען זיי שוין נישט און זיי קאָנען נישט זיין. עפּעס שאַפן, אויפטאָן צוזאַמען, קאָלעקטיוו אין ייִדישן לעבן, אין ייִדישקייט ווי ייִדן — דאָס קענען זיי שוין נישט, אַפילו אין טראַגישע צייטן, ווען עס איז נייטיק אַ קאָלעקטיווע פיזישע זעלבטשוץ... עס קענען זיין אַפילו אַזוינע רייכע קאָלעקטיווע טעמפּלען און סינאַגאָגעס, אָבער אויך דאָס איז פאַרשטיינערט אָן וואַסער עס איז אַ סימן פון לעבעדיקער ענדערונג און צוווּקס. דאָס איז ביז היינט געווען דער גורל פון אַזוינע גלותן, אויב אַפילו די ייִדן אין זיי האָבן זיך געפילט גליקלעך, צו־פרידן אין די דאָזיקע גלותן ווי „ליכטיקע נעכט״.

אָט די היינטיקע אורבאַנישע גלותן זענען געגליכן צו סכומען וואַסער וואָס האַלטן זיך אויף ווי באַזונדערע מאָלעקולן אין דער לופטן, ווי וואַסער־דאַמף, ווי שוואַכערע אָדער געדיכטערע נעפּלען. אוודאי זענען די באַזונדערע מאָלעקולן וואַסער נישט קיין לופט, אָבער קיין אייגנשאַפטן פון „וואַסער־קאָ־לעקטיוון״, פון סכומען וואַסער האָבן זיי שוין נישט, זיי טראָגן זיך ווי באַ־זונדערע מאָלעקולן אין דער פרעמדער לופט־אַטמאָספער, אָבער מען זעט נישט אָן, אַז עס איז נישט קענטיק זייער „וואַסערדיקייט״, יעדער מאָלעקול איז אַ סך מער ענלעך צו דער אַרומיקער לופט... סיידן די לופט קילט זיך אָפּ און זי קען שוין מער נישט איינהאַלטן אַזוי פיל וואַסערדאַמף, און די טראָפּנס וואַסער פאַלן אַרויס פון דער לופט... אַזוי טרעפט זיך אויך נישט זעלטן מיט גאַנץ גרויסע סכומים באַזונדערע ייִדן וואָס מוזן „אַרויספאַלן״ פון דער פרעמדער אַטמאָספער. זאָל זיך אַזוי נישט טרעפן...

אָדער אַ פעלדז, שטאַרק, נישט צו צעברעכן, נישט צו צעשטערן. אָבער ווען דער פעלדז וויטערט זיך אויס ווערט פון אים אַ קופּע זאַמד, נישטאָ קיין צעמענט וואָס באַהעפט איין זעמדעלע צום צווייטן. טראָגט דער ווינט אַ וואָלקן זאַמד, שטויב, אָן אַ געמיינזאַמקייט, אָן אַ גאַנצקייט, איטלעך זעמדעלע באַ־זונדער... ווער ווייס, וווהין דער ווינט פאַרטראָגט זיי?... פאָלק איז נישט סתם אַ גרופּע מענטשן פון איין אָפּשטאַם, — עס איז אַ שעפער־ישער אָרגאַניזם וואָס איז שעפעריש ווי אַ קאָלעקטיוו. און אָן דעם איז דאָס פאָלק מער נישט קיין פאָלק. אַ סך אַזוינע ייִדישע ישובים זענען געווען און נישטאָ מער, אונטער־געגאַנגען, מיט אַ מיתת נשיקה: אין משך פון דורות האָבן די דאָזיקע פּאָסילע ייִדן פאַרגעסן זייער אָפּשטאַם, אָדער... די אַרומיקע אַטמאָספער האָט זיי גע־מאַכט „אַרויספאַלן״. דער ווינט וואָס קען נישט רירן פון אָרט דעם פעסטן

פעלדז — ער האָט גאָר גרינג זיין אַרבעט מיט דעם צעשאָטענעם שטיין, ער טראָגט און פאַרטראָגט, צעשיט און צעשטויבט די גרויסע מאַסן זאַמד וואָס זע־נען געווען אַזאַ שטאַרקער פעלדז... און די אַרויסגעפאַלענע טראָפּנס פון רייַ־נעם אַטמאָספערישן וואַסער גיסן זיך, פליסן אין ריטשקעס, שווין שמוציקע, דורך אַלע שמוציקע ערטער זוכן זיי אַ וועג צו זייער אייגענעם ים צוריק... ווייט נישט אַלע מאָל געפינען זיי דעם וועג. ייִדישע שונאים פאַסיווע און אַקטיווע פעלן קיין מאָל נישט אין ערגעץ נישט. האָבן זיי מיט צעשאָטענע, צעשטויבטע ייִדן נישט אין פאַרגלייך אַ גרינגע־ע אויפגאַבע. געלייענט ער־גע־ץ, אַז נאָר אין איין יאָר 1939 זענען אין דייטשלאַנד געווען 1.200 זעלבסט־מאָרדן פון ייִדן. זיי האָבן עס פאַרשפּאָרט די דייטשן אַן אַרבעט... אָבער אין מיזרח־אייראָפּע זענען אַזוינע פאַלן כמעט נישט באַקאַנט. דאָס האָבן די דייטשן אַליין נישט געקאָנט פאַרשטיין — אָט דעם געוואַלדיקן אונטערשייד. דאָ האָבן די ייִדן געקאָנט און געוואָלט עפּעס טאָן קאָלעקטיוו. אין דייטשלאַנד אָבער זענען שוין קיין אַקטיווע ייִדישע קאָלעקטיוון נישט געווען...

אין אָט דעם פּראָצעס פון צעפאַלן, פון צעשטויבונג געפינען זיך די ייִדי־שע קאָלעקטיוון אין די אורבאַנישע גלותן.

וואָלט אין אונדז נישט געזעסן טיף די עגאָפּאָביע, וואָלטן מיר געפונען וועגן ווי צו בלייבן לעבעדיקע קאָלעקטיוון אויך אין דער אורבאַנישער תקופה. פאַראַן אַפילו אין דער פרייער אַמעריקע אַזוינע קליינע גרופּן וואָס האַלטן זיך באַהעפט אין קאָלעקטיוון. פאַראַן אַפילו אַזוי־נע מוסטערן אויך ביי ייִדן. אָבער נאָר ביי די עקסטרעם־פרומע. זיי היטן איין זייער אַנדערשקייט ווי אין שטייגער אַזוי אויך אין דער דערציִונג פון זייער־ע קינדער. אָבער זיי קענען נישט גילטן ווי דאָס ייִדישע פאָלק, און דערצו זענען זיי דאָך אַזוי ווייניק שעפעריש אַחוץ די געביטן פון רעליגיע. וואָלט אָן דער איינגעוואָרצלטער עגאָפּאָביע אָט־די פאַרזיכיקייט געווען אויך ביי אַנדערע ייִדן, און עס וואָלט נישט געווען די סכנה פון אומקום. איז אָבער די עגאָפאָביע, וואָס מאַכט אונדז מיר זאָלן זיך פילן ביי זיך ווי אַ פויגל אין אַ שטייג, און מיר זאָלן זיך דער־פרייען מיט יעדער מעגלעכקייט צו אַנטלויפן פון זיך אַליין און פון אַלץ וואָס עס איז פאָלקיש ייִדיש. און אָט די עגאָפּאָביע וואָס העלפט אונדזער צעשפּלי־טערונג, זי העלפט אויך אויסוואַקסן אונדזערע שונאים. די צעשפּליטערונג אין די צייטן ווען „די גלות־נעכט זענען נאָך ליכטיקע” העלפט אונדז צו ווערן צעשטויבט און גרינגער מאַכן דעם אָנקום פון דער פאַרפינצטערונג. די עגאָ־פאָביע ברענגט די צעשפּליטערונג און קעגנזייטיקע דערווייטערונג, זי שוואַכט אָפּ די קאָלעקטיווקייט און די קאָלעקטיווע אַקטיווקייט. דאָס מאַכט אונדז שוואַכער און אומפעיִק זיך צו ווערן ווען די „נעכט ווערן אין גאַנצן פינצ־

טער״... די נביאים האָבן געלערנט, אַז די אומגליקן און חורבנות זענען די־רעקטע קינדער פון דעם שלעכטן אויפפיר. איך וועל אַזוי ווייט נישט גיין, אָבער איך מוז מסכים זיין, אַז די עגאָפּאָביע אין די „גוטע״ יאָרן אין די „גוטע״ גלותן פאַרמינערט אונדזער ווידערשטאַנד־כוח און מאַכט דערמיט אַליין שטאַרקער די שונאים, מאַכט גרינגער זיי זאָלן קענען אויסנוצן אונדז פאַר אַן אָביעקט פאַר זייערע מאָרד־אינסטינקטן און רוצחישע דראַנגען, צו פאַרוויילן זיך מיט אונדזער בלוט. וואָלט אונדזער קאָלעקטיווער גייסט ביי אונדז געווען שטאַרקער אין די רויִקע צייטן, וואָלט אונדזער אָפּוועּר־כוח געווען שטאַרקער אין די צייטן פון אָנגריף קעגן אונדז, וואָלטן די אָנגרייפער — וואָס פעלן קיין מאָל נישט און אין ערגעץ נישט — נישט געהאַט אַזאַ גרינגן אָביעקט, וואָלטן זיי נישט געווען אַזוי להוט נאָך אונדזער בלוט ווי אַ שיכור נאָך בראָנפן, וואָלט דער אַנטיסעמיטיזם אין דער וועלט נישט געווען שטאַרק. אַ וואָלף האָט פיינט אַ שעפּס טאַקע דערפאַר וואָס ער פרעסט זי פון אייביק אָן; אַ קאַץ האָט פיינט אַ מויז, ווייל זי איז איר שטענדיקער קרבן, ווייל די קאַץ איז שוין צוגעוווינט צו פרעסן מייז, די קאַץ האָט פיינט די מויז, ווייל זי האָט זי „ליב״. און אַזוי איז אויך מיט אונדז: די וועלט מיט אירע פעלקער האָט אויך אַ בלוטדורשטיקייט. נאָך ערגער פון אַ וואָלף און ערגער פון אַ קאַץ. די חיות פאַרצוקן מחמת הונגער. מענטשן אָבער — נישט דווקא צוליב הונגער, נייערט אויך צוליב פאַרוויילונג, סתם. ביי חיות איז בלוטדורשטיקייט אַ תולדה פון הונגער, — ביי מענטשן אָבער — אַ דירעקטער בלוטדורשטי־קייט־אינסטינקט לשם פאַרוויילונג אַליין. קומט אויס ביי אונדז, אַז די עגאָ־פּאָביע שוואַכט־אָפּ דעם קרבן און שטאַרקט דערמיט גופא דעם אָנפאַלער... ווי קאָמפּליצירט און דאָך איינפאַך עס איז אונדזער געשיכטע, אונדזער גאַנג צווישן פעלקער....

און די טענדענצן פון עגאָפּאָביע זענען צו ווערן אַלץ שטאַרקער. און אַז זי ווערט אַלץ שטאַרקער, ווערן מיר אַלץ שוואַכער און שוואַכער. מיר האָבן אַמאָל געהאָפט, אַז אַנדערע כוחות אויסער אונדז וועלן אונדז באַפרייען פון אַנטיסעמיטיזם. די וועלט ווערט בעסער, דעמאָקראַטישער, הומאַנער, סאָ־ציאַלער, געבילדעטער... אין אַלץ האָבן מיר געגלייבט, אויף אַלץ האָבן מיר געוואַרט און געהאָפט. — און אַלע האָפענונגען האָבן אונדז אָפּגענאַרט, ביטער אָפּגענאַרט. בלויז איין האָפענונג, אויף איין כוח קענען מיר האָפן — דער כוח ליגט אין אונדז. אויך אַ מין אויטאָעמאַנציפּאַציע — זיך אַליין באַפרייען. פון וואָס? — פון דער עגאָפּאָביע אין אונדז. עס האָט אויך די עגאָפּאָבישע השכלה געלערנט, אַז די סיבות פון דעם אַנטיסעמיטיזם ליגן אין אונדז: מיר זענען נישט גענוג פיין צו שטיין גלייך מיט אַנדערע פעלקער, מיר זענען נישט דער־

וואַקסן צו זיי... דאָס איז אַ ליגן, מיר זענען זיי איבערגעוואַקסן. ווען נישט אונדזער עגאָפּאָביע וואָלטן זיי אפשר אויך ביסלעכווייז דערזען אונדזער העכערקייט, אפשר וואָלטן זיי עפּעס פון אונדז זיך אַפילו אָפּגעלערנט, אפשר דער אַלטער חלום פון דעם באחרית הימים... אפשר, נאָר איך טראַכט מער וועגן אונדז ווי וועגן זיי...

קומט אויס אַז אין דער תפילה „והסר שטן מלפנינו ומאחרנו", דאַרף מען צוגעבן נאָך איין וואָרט „והסר שטן מלפנינו ומאחרנו ומתוכנו", באַפרייען אונדז פון דעם עגאָפּאָביע־שטן אין אונדז גופא... קען אָבער זיין, אַז דאָס איז די שווערסטע אויפגאַבע אויך פאַר אונדזער גאָט...

***

מיר האָבן פריִער געזאָגט, אַז איצט איז דער קיום פון יידישן פאָלק מער אין סכנה ווי ווען עס איז פריִער. און אָט פאַרוואָס: פריִער איז אונדזער לאַגע צווישן פעלקער געווען אַנדערש און איצט ווידער אַנדערש.

פריִער זענען מיר געווען:

1. אין יעדער גלות באַזונדער, אָפּגעטיילט, פאַרזיכיק, אָפּגעשיידט פון הויפּטפאָלק מיט פאַרשיידענע באַריערן — עקאָנאָמישע, סאָציאַלע, יורידישע און אַפילו געאָגראַפישע (אין רוסלאַנד און דאָך ווייט פון די געדיכטע רוסישע מאַסן; אין גאַליציע און דאָך נישט ביי דייטשן).

2. צו אונדז און מיט אונדז זענען געווען געדיכטע סובאָרדינירטע פעלקער וואָס האָבן געשטרעבט צו פאַרזיכיקייט. צוזאַמען מיט זיי איז אונדזער אַסימילאַציע־דראַנג במילא געווען שוואַכער.

3. דער פאַרזיכיקער, סאָציאַלער און עקאָנאָמישער שטייגער האָט מעגלעך געמאַכט אויך אַ פאַרזיכיקן קולטור־שטייגער. דאָס שטעטל איז געווען אַן אויטאָנאָמער איינס פון אונדזער אַלגעמיינער אויטאָנאָמיע (אָדער געטאָ, ווי אַנדערע וועלן פאַרלאַנגען דאָס גורס צו זיין). אַלע יידן שפּרינגען אין דער זעלביקער צייט קדוש און אַלע יידן עסן איינצייטיק קוגל... וויפל משכילים האָבן פון דעם נישט געלאַכט, איז דאָך דאָס געווען אַ יסוד פאַר דער גאַנצער פאַרזיכיקער קולטור.

4. אָפּגעזונדערט פון הויפּטפאָלק האָבן יידן אָפּגעהיט זייער שפּראַך און זייער שטייגער און פון דעם באָדן — די גאַנצע אייגענע קולטור.

5. אָפּגעזונדערט פון אַלע הויפּט־פעלקער אין אַלע לענדער, האָבן יידן

געקאָנט איינהיטן זייער נאַציאָנאַלע געמיינזאַמקייט איבער לענדער, אין דער גאַנצער וועלט.

6. אין שכנות מיט פעלקער־אַנאַלפאַבעטן, אָן אַ צוטריט כמעט צו די עקאָנאָמישע פּאָזיציעס פון די הויפּט־פעלקער, האָבן ייִדן געקאָנט דורות־לאַנג לעבן מיט אַנדערע פעלקער, צוזאַמען און זיך נישט אַסימילירן, זיך פאַרטיפן אין דער אייגענער קולטור וואָס האָט אַלץ געהאַלטן אין וואַקסן.

פונקט דאָס פאַרקערטע האָבן מיר איצט.

1. מיר לעבן אין אַלע גלותן ווי יחידים, אַריינגעטריפט אין די הויפּט־פעלקער, אָן וואָסערע עס זאָל זיין באַריערן. יעדער ייִד באַזונדער קען חתונה האָבן, דערציִען קינדער, איינאָרדענען זיין לעבן און שטאַרבן אין גאַנצן אָן וואָסער עס איז פאַרבינדונג מיט דעם ייִדישן קאָלעקטיוו. נישטאָ פאַר אים קיין שום נויטווענדיקייט, קיין שום צוואַנג יאָ צו געהערן צו אַ ייִדישער גע־מיינשאַפט.

2. מיר זענען אין אַלע גלותן כמעט געבליבן נאָר איין סובאָרדינירט פאָלק. נישטאָ קיין שכנים, וואָס צוזאַמען מיט זיי זאָל אונדז זיין גרינגער אויך אָפּצוהיטן אונדזער אַנדערשקייט.

3. מיר לעבן עקאָנאָמיש, סאָציאַל, יורידיש און קולטורעל דאָס זעלביקע לעבן פון דעם הויפּט־פאָלק. אויך רעליגיעז איז פאַראַן אַ דראַנג זיך צו־צופּאַסן, צו זיין ענלעך צום הויפּטפאָלק. די גאַנצע ייִדישקייט איז בלויז אַ זכרון־ייִדישקייט. ווי לאַנג קען אַזאַ ייִדישקייט אויסהאַלטן?

4. שפּראַכלעך קומט פאַר אומעטום אַ כסדרדיקע אַסימילאַציע מיט דעם הויפּט־פאָלק. אין יעדער לאַנד באַזונדער, וויפל לענדער אַזוי פיל שפּראַכן, און וויפל שפּראַכן — אַזוי פיל ייִדישע שבטים. איטלעכער שפּראַך־שבט באַ־העפט זיך ביסלעכווייז, אין משך פון דורות צו זיין הויפּט־פאָלק און ער רייסט זיך אָפּ אויך ביסלעכווייז פון אַלע אַנדערע ייִדישע שבטים מיט זייערע לאַנד־שפּראַכן און פון דער גאַנצער ייִדישער פאָלק־געשיכטע.

5. די קולטור פון הויפּטפאָלק שלינגט איין די גאַנצע צייט, די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט פון די תלמידים און פון זייערע עלטערן, היות זי איז פאַר־בונדן מיט דער קאַריערע און סאָציאַלער צוקונפט. עס בלייבט נישט קיין צייט און נישט קיין ווילן און נישט קיין אינטערעס פאַר ייִדישער קולטור, פאַר ייִדישקייט בכלל.

6. דער גאַנצער פאַרזיכיקער שטייגער וואָס ער האָט צעמענטירט דאָס ייִדישע פאָלק איז אָפּגעשוואַכט, ער פאַרלירט יעדע פּאָזיציע אין לעבן. אַפילו

דער רעליגיעזער מאַנטל העלפט נישט. אין אַזוינע סיטואַציעס קען זיך ייִדיש־קייט לאַנג נישט האַלטן, כל־זמן עס איז נישטאָ קיין דרויסנדיקער כוח, וואָס זאָל שטויסן צו ייִדיש...

ווען נישט די עגאָפּאָביע וואָלטן די סכנה נישט געווען אַזוי גרויס. דע־מאָלט וואָלט די קעגנזייטיקע נאַציאָנאַלע צוזאַמענגעקראָפּט געהאָלפן שאַפן, אַפילו אין דער אורבאַנישער תקופה פאַרזיכיקע קליינע סאָציאַלע איינסן אין זייערע היימען, אויב נישט דאָרטן ווו מען מאַכט אַ לעבן, איז פאַר דער אויס־לעבונג וואָס מען לעבט זיך אויס אין אַמעריקע. וואָלטן ייִדן כאָטש אַ האַלבן טאָג געווען ביי זיך, צווישן זיך, אין אַן אייגענער ייִדישער סביבה. אָבער מיט דער עגאָפּאָביע דערמאָנען מיר די היינטיקע ייִדן יענע פלאַטערלעך וואָס פליִען צום ליכטיקן פייער. און דאָרטן ווערן זיי פאַרברענט... דאָ ליגט די גרויסע סכנה פאַר אונדזער קיום אין דער נאָענטער צוקונפט אַפילו. און די סכנה באַשטייט צו ווערן אין בעסטן פאַל טאַקע אַ פאָלק פון פאַסילער ייִדיש־קייט.

דער אַלטער גלויבן אין „נצח ישראל לא ישקר" וועט אויך נישט העלפן, ווי ער האָט נישט געהאָלפן אַנדערע ייִדישע ישובים אין זייער אונטערגאַנג, אַזוי קען אויך געשען מיט אַלע אונדזערע ישובים איצט.

מיר האָבן געהאָפט אויף דעם צעמענטירנדיקן כוח פון דער רעליגיע. עס איז אָבער אויך אַ פאַלשע האָפענונג. די קאַטוילישע רעליגיע איז אַ סך שטאַרקער, און זי האָט נישט צונויפגעבונדן איין פאָלק פון אַלע קאַטאָליקן. אונדזער רעליגיע האָט עס יאָ באַוויזן. אָבער ווען? — ווען זי האָט אַרומ־גענומען דאָס גאַנצע לעבן מיטן שטייגער, איין שטייגער און איין שפּראַך איז במילא אויך איין פאָלק. אָבער איצט, ווען די רעליגיע איז באַגרענעצט נאָר צום טעמפּל, נאָר אין סינאַגאָגע, און דער גאַנצער לעבנשטייגער מיט דער שפּראַך זענען איבערגענומענע פרעמדע, קען די איינהייטלעכע גאַטעסדינסט נישט צונויפבינדן איין פאָלק. איבעריקנס, איז שוין אויך דאָס גאָטעסדינסט אויך נישט איינהייטלעך. איז טאַקע די רעליגיע מער נישט קיין ראַם אַרומ־צונעמען אַלע ייִדן.

האָבן מיר געהאָפט, אַז ארץ־ישראל וועט ווערן דער צענטער וואָס ציט צו אַלע פעריפעריעס צו איין פונקט. איז צום טיפן באַדויערן אויך די האָפע־נונג נישט באַרעכטיקט. די מערהייט ייִדן, איבערהויפּט די וואָס נוצן נישט מער דאָס ייִדיש־לשון, — זיי האָבן בכלל מער נישט קיין אינטערעס פאַר ארץ־ישראל און פאַר מדינת־ישראל. זיי זענען עמאָציאָנעל טיף באַהעפט צום לאַנד ווו זיי לעבן און צו דער שפּראַך פון לאַנד. זיי האַלטן זיך גרויס און

שטאָלץ מיט זייער לאַנד, און דער גאַנצער ענין פון מדינת־ישראל און דעם פאָלקס פאַרזיכיקייט האָט צו זיי נישט קיין שייכות. ארץ־ישראל איז אפשר אַן ענין פאַר די „אַלדמען", אָבער נישט פאַר זיי. מען זאָל נעמען אַ סטאַטיסטיק פון די וואָס פאָרן קיין מדינת־ישראל צי אויף שטענדיק צי גאָר אויף אַ באַזוך, וועט מען גרינג דערזען, אַז די מערהייט פון די פאָרער זענען עלטערע מענטשן, נאָך פון פריערדיקן דור. נאָך דעם קומען קינדער וואָס די עלטערן נעמען מיט. די יוגנט וואָס פאָרט, איז דאָס על פי רוב געשיקט, און אַ גרויסער טייל פון דער יוגנט קומט צוריק, זייער אומצופרידן, און אַפילו מיט אַ געפיל: מען האָט זיי אָפּגענאַרט... זיי פאָרן אַהין מיט גאָר שטאַרקע ציוניסטישע סימפּאַטיעס און קומען צוריק „אויסגעניכטערט", אָפּגעקילט, אָפּט אַפילו מיט האַס און טענות. עס איז מיר נישט באַקאַנט קיין סטאַטיסטיק און נישט קיין פאָרשונג איבער דער דערשיינונג.

מען לייגט גרויסע האָפענונג אויף העברעיזאַציע פון גלות. מען מיינט, אַז מיט דעם וועט מען ראַטעווען דעם קיום פון פאָלק איבער דער וועלט... איך וואונדער זיך אָפּט: עס געהערן צום ברית עברית עילמית מענטשן טיף ערנסטע און געבילדעטע. ווי זעען זיי נישט אַז עס איז אַן אַליוזיע און זייער אַ שעד־לעכע. ראשית־כל: און אַז איך וועל זיך אויסלערנען רעדן טערקיש, וועל איך דערמיט ווערן אַ טערק? און אַז מען לערנט יאָרן העברעיִשע ווערטער, הונ־דערט, טויזנט ווערטער („אלף מלים"), — צי ווער איך דערמיט נענטער צו ייִדישקייט?

האָט מען זיך שוין אָפּגעזאָגט פון דעם לכתחילהדיקן ציל, אַז העברעיִש זאָל זיין די ייִדישע שפּראַך, אַז ייִדן זאָל רעדן די שפּראַך. מען רעדט שוין נאָר אַז העברעיִש זאָל זיין די צווייטע שפּראַך. פאַר ווען? פאַר וואָס? צו וואָס אַ צווייטע שפּראַך? פאַרוואָס טויג נישט אַלע מאָל די ערשטע שפּראַך? און וואָס פאַר אַ גליקן וועט דאָס פאָלק קריגן, אויב מען וועט האָבן אַ „צווייטע" שפּראַך, וואָס קיינער וויסט נישט צו וואָס און צו ווען? און וואָס פאַר אַ שייכות האָט שוין אָט די צווייטשפּראַכיקע העברעיִש צו דער אמתער העברעיִשער קולטור?

יאָ, מען זאָגט — העברעיִש איז די שפּראַך פון דער מדינה. דאַרפן ייִדן קענען דאָס לשון פון זייער מדינה. בין איך מסכים, אַז ייִדן דאַרפן קענען. אוי. דאַרפן ייִדן קענען! און צי דען נאָר אָט די העברעיִשע ווערטער דאַרפן ייִדן קענען? דערווייל זענען אַלע אָנשטרענגונגען און אַלע מיטלען אומזיסט — קיין העברעיִש קען מען נישט און דאָס ביסל ווערטער וואָס מען לערנט יאָ אויס, פאַרגעסט מען איידער מען קען דאָס אויסנוצן. איין זאַך דערגרייכט מען יאָ — מען שאַפט אַ גרינגשעצונג צו ייִדיש, וואָס איז נאָך ביי היינטיקן

טאָג גאַנץ ווייט פון פאַרלירן דאָס אָרט פון ערשטער שפּראַך ביי ייִדן. קומט אויס — העברעיִש העלפט מען נישט און ייִדיש גראָבט מען אונטער. און עס שטעלט זיך קלאָר און דייטלעך די פראַגע צי איז אָט דער גאַנצער חלום פון העברעיִזאַציע אין גלות נישט קיין אויסטראַכטעניש פון עגאָפּאָביע?

און דער חלום ברענגט שטאַרקן שאָדן טאַקע אויך דער מדינה: עס איז ביז היינט באַוווּסט, די בעסטע און ווירקזאַמסטע פּראָפּאַגאַנדע פאַר ארץ־ישראל איז די וואָס מען מאַכט אין ייִדיש, אַז מען מאַכט די גרויסע פאַרזאַמלונגען, ברענגען די מאַסן דווקא די אַנאָנסן אין די ייִדישע צייטונגען; דווקא דער ייִדיש־רעדנדיקער עולם פילט־אָן די זאַלן; די מערהייט פאַרער קיין ארץ־ישראל זענען אויך די ייִדיש־רעדנדיקע ייִדן, און וואָס ייִנגער דער עולם, וואָס ווייניקער ייִדיש, אַלץ שטאַרקערע מיטלען פון פּראָפּאַגאַנדע דאַרף מען האָבן פאַר דער מדינה, אַלץ מער דאַרף אָנקומען צו דער הילף פון גרויסע גויִים זיי זאָלן געבן זייער הסכמה, זיי זאָלן זאָגן כאָטש אַ גוט וואָרט. מען פאַרגעסט און מען וויל דאַכט זיך פאַרגעסן אַז ייִדיש־לשון איז נאָך ביז היינט די שפּראַך פון ייִדיש האַרץ און איז פאַרבונדן מיט ארץ־ישראל ווי אַ קנויט מיט דער פלאַם. ארץ־ישראל רעדט דאָך דירעקט צו אַ ייִדיש האַרץ, אָבער „לאַנד אַף ייִזראַעל" האָט שוין נישט דעם זעלביקן טעם. ייִדיש לשון, ייִדיש פאָלק און ייִדיש ארץ־ישראל איז איין גאַנצקייט, וואָס חזרט זיך נישט איבער אין קיין שפּראַך נישט. און אָט די ארץ־ישראל של מעלה, אָט די וואָס אין ייִדישע הערצער האָט עס געבראַכט די עליות, געבראַכט די נשמה, אַלץ. אָט די ארץ־ישראל של מעלה האָט עס משפּיע געווען פון איר קדושה אויף דער ארץ־שראל של מטה. אָן ייִדיש, ביי אַלע ייִדישע שבטים וואָס רעדן נישט קיין ייִדיש, איז אויך נישטאָ קיין ארץ־ישראל און אָט די געטרייע ליבע צו ארץ־ישראל. איז אָבער געקומען דער שותף נוחס — דער שטן, האָט ער זיך פאַרשטעלט פאַר אַ געטרייער פאַר צו ארץ־ישראל, — און ער ציט... ער ציט נישט קיין ארץ־ישראל... אָן ייִדיש לשון איז נישטאָ קיין העברעיִש — אין אַלע לענדער פון דער וועלט אַזוי. אָן ייִדיש לשון איז נישטאָ קיין ארץ־ישראל. אָן ייִדיש לשון איז די גאַנצע צוגעבונדנקייט צו ארץ־ישראל אַ געמאַכטע, אַ קינסטלעכע וואָס קען לאַנג נישט האַלטן... און די עגאָפּאָביע טוט זיך אירס, און זי — דער שטן — ציט צו זיך. גאָט ווייס וווהין ער וועט אונדז אַוועקציִען. קיין ארץ־ישראל מיט לשון־קודש — זיכער נישט.

## ציוניסטישע דערציִונג ציט נישט קיין ציון

אין סוף פון פאַריקן יאָרהונדערט האָט זיך ביי ייִדן אין רוסלאַנד אַנטוויקלט אַ נייע שיטה אין דערציִונג. ייִדישע שולן זענען געוועזן פון פריִער.

חדרים האָבן עקזיסטירט, ישיבות ווי פון אייביק אָן. האָבן זיך אין די ניינציקער יאָרן אַנטוויקלט די אַזוי גערופֿענע חדרים מתוקנים — רעפֿאָרמירטע חדרים. מען האָט אַריינגעשטעלט אַלטע שולבענק, איינגעפֿירט פֿאַרגעבן לעקציעס אַ היים און מען האָט געלערנט איבערהויפּט אויף העברעיִש. די דאָזיקע חדרים מתוקנים האָבן זיך נישט געהאַלטן מער ווי עטלעכע יאָר. די מערהייט פֿון זייערע לערער זענען אַוועק קיין ארץ־ישראל און דאָרטן יאָ פֿאַרפֿעסטיקט דעם אָנהייב פֿון העברעיִשן שולוועזן. אין רוסלאַנד האָט זיך אָנגעהויבן אויך אָן די חדרים מתוקנים אַ ציוניסטישע דערציִונג. אירע פּרינציפּן זענען געווען: העברעיִש לשון, תנ״ך, ציוניסטישע לידער און בכלל פּראָפּאַגאַנדע. בכלל זענען די שולן געווען רוסישע מיט די אַלגעמיינע לימודים אין רוסיש. עס האָט זיך דעמאָלט אָנגעהויבן דער קאַמף צווישן העברעיזם און יִידישיזם, וואָס האָט זיך אייגנטלעך נאָך ביז איצט נישט אויסגעוועפּט. אָבער זיין אַפּאָגיי איז אויסגעפֿאַלן אין רוסלאַנד, אין דעם צענדליק יאָר פֿאַר דער רעוואָלוציע. די לערערשאַפֿט בכלל דעמאָלט איז געווען אַ סך מער אידעאַליסטיש. די לערערשאַפֿט האָט אייגנטלעך געבויט די שולן, געשאַפֿן די פּאַרוואַלטונגען, געגעבן דעם אידעיִשן כאַראַקטער די שולן. עס איז געווען נאַטירלעך און אין איינקלאַנג מיט דעם גאַנצן אידעאַליזם פֿון יענער צייט אין רוסלאַנד. די דאָזיקע ציוניסטישע דערציִונג האָט געהאַלטן דעמאָלט ווי אויך איצט, אַז דער באַזיס פֿון דער גאַנצער יִדישער דערציִונג דאַרף זיין ציוניזם. דאָס איז דער יסוד פֿון דער יִדישער דערציִונג. עס קען אָבער אויך זיין אַ קעגנגעזעצטע מיינונג, אַז דער יסוד פֿון ציוניסטישער דערציִונג דאַרף זיין יִדישקייט. כדי צו זיין אַ ציוניסט דאַרף מען פֿריִער זיין אַ יִיד. און אַ יִיד זיין מיינט זיין באַהעפֿט מיט דעם יִדישן קהל ווי ער איז איצט דאָ, טאַקע אין די גלותן. די מחלוקת איז ניִשט געווען אַזוי טומלדיק ווי דער שפּראַכנקאַמף, זיי זענען אָבער געגאַנגען פּאַראַלעל. נאָך אין די פֿערציקער יאָרן איז מיר אויסגעקומען צו דיסקוטירן אויף דער טעמע מיט מיין אַלטן פֿריינד יעקב לעשטשינסקי אין „יִדישן קעמפֿער". וואָס וויל די ציוניסטישע דערציִונג דערגרייכן? — זי וויל אַז די דערצויגענע זאָלן שטרעבן צו פֿאָרן קיין ארץ־ישראל, דאָרטן לעבן. ציוניסטישע דערציִונג וויל האָדעווען אין די גלותן קינפֿטיקע ציון־בירגער. כדי צו וועלן זיין דאָרטן, דאַרף מען זיין אומצופֿרידן מיט דעם זיין דאָ. אין מיזרח־אייראָפּע איז די אומצופֿרידנקייט געשאַפֿן געוואָרן דורך דרויסנדיקע פֿאַקטאָרן: די רעגירונגען האָבן שוין געזאָרגט, אַז מיר זאָלן זיין אומצופֿרידן און וועלן לויפֿן וווהין די אויגן טראָגן. די פּערזענלעכע אומצופֿרידנקייט האָט געהאָלפֿן עס זאָל זיך אויך שאַפֿן אַ נאַציאָנאַלע אומצופֿרידנקייט. פּאָגראָמען האָבן אַרויסגערופֿן די אויטאָעמאַנציפּאַציע, די ערשטע עליה, די צווייטע

עליה. זענען דאָ געווען צוויי מאָמענטן — אַנטלויפֿן פֿון צרות און, אגב, איז שוין אויך געווען אַ פֿאַרלאַנג צו דערגרייכן אַן אידעאַל. דער דרייפֿוס־פּראָצעס האָט אַרויסגערופֿן הערצלס אַלטניילאַנד. קיין דרויסנדיקע טרייב־פֿאַקטאָרן צו ווען לויפֿן פֿון רוסלאַנד האָבן אונדז נישט געפֿעלט קיין מאָל. אידעאַלן וואָס מען זאָל ווען זייער פֿאַרווירקלעכונג האָט דאָס לעבן פֿון ייִדן און דאָס אַלגע־מיינע בכלל צוגעשטעלט אויך אַ סך. איצטער איז עס שווערער: דאָס אָרום שאַפֿט נישט קיין דראַנגען צו ווען אַנטלויפֿן. פֿאַרקערט, עס איז אַלץ גוט און פֿיין. נישטאָ קיין אומצופֿרידנקייט מיט דעם. די קינדער און יוגנטלעכע פֿילן דאָ זייער היים, קיינער שטערט זיי נישט זיי זאָלן זיך טאַקע פֿילן היימיש. דאַרף דער ווילן, דער פֿאַרלאַנג צו פֿאָרן קיין ארץ־ישׂראל האָבן זיין אומצו־פֿרידנקייט שטאַרק אַנטוויקלט. מיט וואָס קען מען זיין נישט צופֿרידן? די אומצופֿרידנקייט קען זיין מיט דעם גלות, מיט דעם פֿאַקט וואָס ייִדן קענען נישט האָבן זייער שבת, זייער יום־טוב, זייער קולטור, זייער שפּראַך, זייער לוח — קיין זאַך נישט. און עס קען זיין אַן אומציפֿרידנקייט מיט דער ייִדיש־קייט גופֿא. שלילת הגלות קען זיין פֿון צוויי מינים: מען קען שולל זיין דעם גאַנצן שטייגער פֿון לאַנד וואָס דערשטיקט דעם ייִדישן שטייגער, ווי דאָס האָט אַמאָל געזאָגט אַ רייכער אַמעריקאַנער פֿאַבריקאַנט אין אַ קיבוץ: איך בין אייך מקנא — ביי אייך איז יום־טוב ווען ביי אייך איז יום־טוב. ביי מיר איז יום־טוב, ווען מיין פֿאָרטער האָט יום־טוב. און עס קען זיין אַ שלילה פֿון דער גלותדיקער ייִדישקייט.

די ציוניסטישע דערציִונג האָט אָנגענומען די צווייטע שלילה. מען איז שולל די גלותדיקע ייִדישקייט — ייִדיש לשון טויג נישט, ייִדישע מנהגים און פֿירונגען געפֿעלן נישט. מען דאַרף ארץ־ישׂראל אַריבערפֿירן אין די ד׳ אַמות פֿון שול, טאַקע אין גלות, אָבער אין די ווענט פֿון שול וועט מען האָבן ישׂראלדיקע טענץ, פֿאַרוויילונגען, קולטור, ישׂראל־לשון — אַלץ. גאָר נישט פֿון דער גלותדיקער ייִדישקייט. אַזוי האָט זיך געפֿירט די ציוניסטישע דער־ציִונג אין פּוילן לאָמיר זאָגן, פֿאַרן חורבן און אַזוי פֿירט זי זיך איצט אין די לענדער פֿון אַמעריקע, וכדומה. זאָל מען מיר מוחל זיין, אָבער דאָ ליגט, דאָ איז בולט די אָרעמקייט פֿון דעם פּעדאַגאָגישן געדאַנק ביי ייִדן. און אָט פֿאַר־וואָס: די דערציִונג אין יעדער גלות־לאַנד באַשטייט פֿון צוויי עלעמענטן — די „גויִשקייט" — די אָבליגאַטאָרישע שפּראַך און פּראָגראַמען פֿון לאַנד, ווי אויך דאָס גאַנצע אַרומיקע לעבן פֿון לאַנד. און דער צווייטער עלעמענט — דער ייִדישער. האָבן מיר זיך געקריגט אין אַמאָליקן רוסלאַנד און אין פּוילן צי מען מעג נעגירן די גלותדיקע ייִדישקייט אין דערציִונג אָדער נישט. אָבער דאָך האָבן די אָנהענגער פֿון ציוניסטישער שלילת הגלותדיקער דערציִונג

געקאָנט טענהן: די רעגירונגען פון לאַנד מיט זייער אַנטיסעמיטיזם — זיי אַנטוויקלען ביי דער יוגנט אַ דראַנג צו אַנטלויפן, אַ נעגאַציע צו די גלותדיקע לענדער. ווילן מיר אַנטוויקלען אַ דראַנג צו וועלן פאָרן קיין ארץ־ישראל. די ציוניסטישע דערציִונג האָט בלויז געדאַרפט געבן אַ ריכטונג, דעם „וווהין" צו וועלן פאָרן. דער ווילן צו פאָרן, צו אַנטלויפן איז געווען סיי־ווי. וואָלט פאַר דער מלחמה די יידישע יוגנט פון פוילן נאָר געקאָנט, וואָלט מען ערגעץ וווהין אַריינגעלאָזן, וואָלט דאָך אין פוילן קיין איין יונגער ייִד סיי־ווי נישט געבליבן. האָט מען דאָרטן דעמאָלט געקאָנט דיסקוטירן צי מען מעג און צי מען דאַרף נעגירן דעם יידישן עלעמענט, די יידישקייט פון גלות. אָבער איצט, אין די נייע ישובים, דאָ דאַרף דאָך די ציוניסטישע דערציִונג אַנטוויקלען ביידע דראַנגען: דעם פאַרלאַנג אַוועקצוּוואַרפן אַ לאַנד, ווו מען איז עקאָנאָמיש גוט איינגעאָרדנט, ווו די יוגנט פילט נישט דירעקט קיין אַנטיסעמיטיזם. און דער עיקר — אין די אַלע לענדער איז דאָך דער נישט־יידישער שטייגער און קולטור פון לאַנד, דער עלעמענט פון „גויִשקייט" יאָ אַבליגאַטאָריש (אָדער פרייוויליק!) איינגעפירט פון געבוירן־אָן. יידישע קינדער זענען איינגעלעבט און איינגעוווינט און זיי פילן זיך גאַנץ היימיש אין דער גויִשקייט פון גלות.

קומט די ציוניסטישע דערציִונג און זי דאַרף אַנטוויקלען צוויי דראַנגען: דעם ווילן צו אַוועקגיין פון גויִשן גלות און די ריכטונג — דווקא קיין ארץ־ישראל. מען דאַרף דאָך נישט פאַרגעסן, אַז דער גאַנצער ציוניזם מיט אַלע עליות האָט זיך אַנטוויקלט אין די לענדער, ווו אַזאַ אומצופרידנקייט איז געווען, ווו יידן האָבן געוואָלט לויפן וווהין די אויגן טראָגן, צום שוואַרצן פעפער, אַבי צו אַנטלויפן. אין די לענדער פון עמאַנציפּאַציע זענען די יידן געווען צופרידן, דאָרטן האָט דער ציוניזם געקאָנט ציִען נאָר יחידים, אָבער נישט קיין מאַסן. די יחידים פון דייטשלאַנד, למשל, זענען על פי רוב געווען אונטער דער השפעה פון אַ פראַנץ ראָזענצווייג, צי אַ פריץ קויפמאַן, וואָס האָבן אַנטוויקלט אַ דראַנג צו מיזרח־אייראָפּעיִשער יידישקייט. און ערשט פון דער אידעאָלאָגיע צום ציוניזם. נאָר די אומצופריד ענע מיט דעם גויִשן גלות האָבן געבויט ארץ־ישראל; פון אונטערן דרוק פון צאַריזם, צי פון דעם פויילישן אַנטיסעמיטיזם האָט מען זיך אין ארץ־ישראל קאָמפּענסירט מיט דער פרייהייט אַליין צו בויען, אַליין צו שאַפן. די „הייליק־טייערע" רעוואָלוציע האָט דער צאַר דערטרונקען אין יידיש בלוט, בויען מיר אין ארץ־ישראל אַ סאָציאַליזם פאַר זיך און מיר רופן אונדזער הונט „ניקאָליי ווטאָרוי" (ניקאָליי דער צווייטער) און מיט אַ בריק דעם הונט קאָמפּענסירט מען זיך פאַר דער דערשטיקטער רעוואָלוציע (אין 1913 האָב איך עס געזען אין יבניאל). דעמאָלט האָט מען מיט דער נעגאַציע פון דער גלותדיקער יידישקייט נאָך נישט גע־

שעדיקט דעם ציוניזם דירעקט. דאָס איז דאָך געווען נאָך יענער פּעריאָד ווען די עגאָפּאָביע האָט געהאָלפן בויען ארץ־ישראל. איצט אָבער, אין די נייע ישובים איז עס גאָר אַנדערש. מיט גרויסע אָנשטרענגונגען אין דערציִונג, אין שול און אויסער דער שול, באַוויזט יאָ די ציוניסטישע דערציִונג עפּעס צו אַנטוויקלען. וואָס? — אַ ווילן צו „זען" ארץ־ישראל... פּאָרט מען צו, אי־בערהויפּט ווען מען גיט נאָך אויף הוצאות, און מען בענקט „אַהיים" — אין גלות אַריין. די ערשטע טעג שרייבט מען בריוו באַגייסטערטע: אַי, ווי שיין! אָבער אין דער גלותדיקער היים איז באַקוועמער. גרינגער, מען איז דאָרטן איינגעלעבט — אין דער גלותדיקער גוייִשקייט פֿון לאַנד, פֿון גאַס און אויך פֿון דער היים. מיט דער גויִשער שפּראַך איז מען איינגעלעבט, די גאַנצע ציוניסטישע דערציִונג האָט זיך אויך געפּירט אויף אָט דער גויִשער שפּראַך. זי איז גוט. עס טויג נישט די גלותדיקע ייִדישקייט מיט איר לשון. היינט פּאַרוואָס זאָל אַזאַ יוגנט וועלן בלייבן אין ארץ־ישראל? אַנגעקוקט זיך, געזען — אדרבא, זייער שיין, אָבער מיר איז באַקוועמער אין „מיין לאַנד". פּאָרט מען צוריק. איך האָב נישט געזען קיין סטאַטיסטיק, אָבער אויפן אויג קומט אויס, אַז כמעט אַלע יוגנטלעכע וואָס מען שיקט, וואָס פֿאָרן קיין ארץ־ישראל קומען אַלע אָדער כמעט אַלע צוריק. טאַנצן אַ הורא און פּיינט האָבן ייִדיש קען מען דאָך אויך אין מעקסיקע, צי אין קאַנאַדע. און דערצו נאָך: די ציוניסטישע דערציִונג האָט נעגירט די ייִדישקייט, איז דאָך ארץ־ישראל אויך „שוין צו־פֿיל ייִדיש"...

האָט די ציוניסטישע דערציִונג נישט דערזען נישט פֿאַרשטאַנען צו דער־זען אפשר נישט געוואָלט דערזען דעם געוואַלטיקן אונטערשייד אין דער פּסיכיק פֿון ייִדישע יוגנטלעכע אַמאָל, אין פּוילן און איצט אין די נייע ישו־בים. און נישט דערזען פּאַרוואָס? נישט חלילה צוליב טעמפּקייט און אומפֿעיִ־קייט, אלא מחמת אַ געפֿיל האָט געשטערט צו דענקען אין דער ריכטונג: דער געדאַנק איז אָפֿט אַ תולדה פֿון געפֿיל. און דאָס געפֿיל איז וואָס? — מען האָט נישט ליב, מען האָט פּיינט דאָס ייִדישע. דאָס גויִישע אין גלות איז, אדרבא וואדרבא, פֿאַר וואָס נישט?... אונדזער אַלטע באַקאַנטע עגאָפּאָביע ווייזט דאָ אַרויס איר שטנישן שמייכל: אַז זי וויל מאַכט זי פֿון טריף כשר און פֿאַרקערט. און מען פֿאַרגעסט איין קלייניקייט: אַלע ייִדישע קינדער לעבן זייער גאַנץ לעבן גלייך מיט אַלע נישט־ייִדישע קינדער אין לאַנד דאָס זעלביקע לעבן אַפֿילו אין די היימען, זיי באַקומען די זעלביקע באַלערנונג און דערציִונג ווי אַלע קינדער אין לאַנד. אַפֿילו די אַזוי גערופֿענע ייִדישע שולן זענען דאָך די זעלביקע ווי די נישט־ייִדישע, נאָר מיט אַ קליינעם צוגאָב פֿון עטוואָס ייִדיש־קייט, וואָס איז נאָך דערצו נישט אָבליגאַטאָריש לויט די געזעצן פֿון לאַנד.

קומט אויס, אַז די ייִדישע קינדער לעבן גוייִש און וועגן ייִדישקייט לערנען זיי אַ ביסעלע. און וואָס איז שטאַרקער — דאָס לעבן צי דאָס לערנען?

אין דער אמתן — ווי קען אַ בחור אָדער מיידל, וואָס האָט אָפּגעלעבט דאָס גאַנצע לעבן דורך און דורך מעקסיקאַניש (אָדער קאַנאַדיש) מיט אַלע פּרטים אין לעבן, מיט דעם הויפּטציל „גוטלעבן", ווו דער גאַנצער ציוניזם איז געווען בלויז אַן עלעמענטן פון פאַרווילונג אין די אָוונטן, — ווי קען אַזאַ יונגטלעכער זיך איינלעבן אין מדינת־ישראל מיט אַלע דאָרטיקע פליכטן און איינשטעלונגען? עברית איז גוט, אָבער נאָר ווי אַ „צווייטע" שפּראַך, ווי הויכע קנאַפּל, למשל, ווען מען וויל זיך אויספּוצן. און דאָ — זע נאָר, זיי מיינען עס טאַקע אַלץ אויף אַן אמת!... די גאַנצע ציוניסטישע דערציִונג, ווי אַ הוספה צו דער אַלגעמיינער לאַנד־דערציִונג איז, בכן, אין דער אמתן, גאָר אַ דערציִונג פאַרן גלות, צום גלות, פאַר אַ דערוויטערונג פון ייִדישקייט, פאַר אַ לעבן אין גלות מיט אַ ציון־פאַרווײַלונג און אַ תירוץ פאַר דעם געוויסן, עס זאָל זיין מיט וואָס יוצא צו זיין. נישט מער. אין דער ציוניסטישער דערציִונג ליגט אַ סכנה פאַרן ציוניזם.

וואָלט אַן אמת־ציוניסטישע דערציִונג געדאַרפט שטרעבן צו אַנטוויקלען:

1. אַ פאַרלאַנג צו בלייבן אין דער ייִדישער געזעלשאַפט, ווען עס וועט זיך ענדיקן די צייט פון לערנען און גרייטן זיך צו דער קאַריערע.

2. אַז דער יונגער מענטש זאָל האָבן אינטערעסן אין ייִדישן לעבן אויפן אָרט און אין דער וועלט בכלל! ער זאָל זיך פילן היימיש אין דער ייִדישער געזעלשאַפטלעכקייט און וועלן זיין שעפעריש אין איר.

3. ועל כולם דאַרף מען אַנטוויקלען אין דעם יונגן מענטשן אַן אומ־צופרידנקייט מיט דער סובאָרדינירטקייט פון דער גאַנצער ייִדישקייט אין גלות, מיט איר אונטערגעיאָכטקייט צו דער הערשנדיקער קולטור פון הערשנדיקן פאָלק אין לאַנד. אָן דעם עלעמענט איז די גאַנצע ציוניסטישע דערציִונג לגמרי נישט קיין ציוניסטישע. דאָס נישט־ייִדישע לעבן און שטייגער און שפּראַך, פּלוס אַ ישראל־טאַנץ מיט אַ פּאָר צענדליק העברעיִשע ווער־טער — דאָס איז נישט קיין ייִדישע און נישט קיין ציוניסטישע דערציִונג. עס קומען לערער פון ישראל, קענען זיי זיין זייער גוט און געטריי, אָבער זיי טוען און קאָפּירן די שולן פון ארץ־ישראל אין גלות־לענדער. מיט אַלע דע־פעקטן פון דאָרטן. אייגנטלעך איז דאָס אַ „גלגל החוזר". דער גלות האָט גע־שיקט קיין ארץ־ישראל דעם העברעיִזם, צוזאַמען מיט דער עגאָפּאָביע און איצט באַקומט דאָס דער נייער גלות צוריק מיט אַ הוספה נאָך. דאָס וואָס עס האָט געבראַכט אַ סך שאָדן אין דער מדינה, דאָס עקספּאָרטירט איצט די מדינה

צוריק און דאָ זענען די סכנות נאָך גרעסער. אין די גלותן איז דאָך נישטאָ קיין יידיש לעבן בכלל, איז די נעגאַציע אַ דירעקטער טרייבער צו דעם לעבן פון הויפּטפּאָלק, צו אַסימילאַציע, די קולטור ווערט דאָך געשעצט און גע־אָכפּערט, איר לשון הערשט דאָך. נעגירן נעגירט מען דאָך נאָר דאָס יידישע פון דער סביבה, נאָר דאָס יידישע לשון.

און אַנשטאָט דעם ווערט געגעבן אַ צאָל העברעיִשע ווערטער און טענץ. נו. גייט די צייט פון טענץ אַריבער, מען וואַקסט אויס פון זיי, די עטלעכע צענדליק ווערטער ווערן פאַרגעסן, בלייבט נאָר די לאַנד־קולטור, די קולטור פון הערשנדיקן פאָלק און מער נישט.

איך וואָלט פאַרשטאַנען אַ ציוניסטישע דערציִונג אין שולן און אַנשטאַלטן וואָס זענען אין גאַנצן אָפּגעריסן פון דעם היגן גלותדיקן לעבן. אינטערנאַטן אינקאָרפּאָרירט ביי דער ישראל־רעגירונג, זיי האָבן גאָרנישט נישט אין פּראָ־גראַם און נישט אין לעבן פון דער גלותדיקער קולטור. זיי זענען שטיקלעך ארץ־ישראל אויף גלותדיקער ערד און זיי גרייטן דירעקט נאָר און גאָר צום לעבן אין מדינת־ישראל. מיט אַזאַ ציוניסטישער ד׳ערציִונג וואָלט מען געקאָנט דיסקוטירן, אָבער זי וואָלט געווען אויסגעהאַלטן. די הייִנטיקע ציוניסטישע דערציִונג אָבער איז גאָר באַזירט אויף דעם... בונדישן „דאָיִזם״ פּלוס אַ ישראל־טאַנץ. עס קען אָבער נישט זיין קיין ציוניסטישע דערציִונג אָן דער אומצו־פרידנקייט מיט דער באַגרענעצטקייט פון יידישקייט, מיט דער ממשלה פון דער פרעמדער קולטור אין אַלע ווינקעלעך פון לעבן. אַ ציוניסטישע דער־ציִונג וואָלט געדאַרפט אַנטוויקלען אַן אומווילן צום גלות מיט אַלע זיינע גליקן. כדי צו זיין אַ ציוניסט דאַרף מען פילן און פיינט האָבן דעם גלות פון מוזן כיטמאַכן די זונטיקס מיט די חגאות מיט דער גאַנצער „עבדות בתוך חירות״, די גאַנצע פרייע פאַרשקלאַפונג, וואָס מען גיט אַוועק פאַר דעם טאָפּ לינדזן. און ווער? — נישט עשו נאָר דווקא יעקב.

פאַראַן אין אַמעריקע ביי אייניקע נעגערס אַ נייגונג מוחל צו זיין אַלע אַמעריקאַנער גליקן און זיך אַוועקלאָזן אין אַפריקע. עטוואָס ענלעכס צו דעם וואָלט געדאַרפט זיין אַן אמתע ציוניסטישע דערציִונג. די הייִנטיקע ציוניס־טישע דערציִונג רייסט־אָפּ פון דער גלות־יידישקייט און בינדט נישט צו צו ישראל. אין דעם זינען איז זי נישט אַנדערש ווי די אַסימילאַטאָרישע דער־ציִונג, און די וואָס פאָרן יאָ אַוועק קיין ישראל, קומען אָפטער צוריק, ווייל די היימישע גוייִשקייט ציט זיי שטאַרקער ווי די מדינה. און דער אַלגעמיינער אויספיר איז: כדי צו זיין אַ ציוניסט דאַרף מען פריִער זיין אַ ייד, אַ גלות־ייד, מען דאַרף איינזאַפּן אין זיך די גלותדיקע יידישקייט אין לעבן און אין לער־

זען און אַ שטרעבן צו אַזאַ שטייגער, אַז אַט די ייִדישקייט זאָל קענען זיין פולבלוטיק.

סיידן מען זאָל אָננעמען אַ פאַרקערטע פאָרמול, אַז ציוניזם הייבט זיך אָן דאָרטן ווו עס ענדיקט זיך ייִדישקייט. און אַזוינע זענען פאַראַן, און זיי וואָלטן געוועז נאָך מער, ווען מען וואָלט נישט געדאַרפט אָנקומען צו די גלותן נאָך הילף. דאָס איז די פאָרמול פון עגאָפּאָבישן ציוניזם און מיר האָבן מיט אים נישט וואָס צו דיסקוטירן. צום באַדויערן איז אַט־דער מין „ציוניזם" נאָך גענוג שטאַרק, אויף וויפל עס איז שטאַרק די עגאָפּאָביע בכלל נאָך. און די אויפריכטיקע ייִדישע ציוניסטן באַמערקט נישט, אַז זיי פאָלגן נאָך אַ פאַל־שער פאָרמול, זיי כאַפּן זיך נישט, אַז זיי גייען אויף פאַלשע וועגן... עס לויפט שטאַרק אַ וואָגן אויף אַ זאַמדיקן וועג, הייבט ער אויף אַ גרויסן שטויב. די שטויבעלעך טאַנצן און גלאַנצן אויף דער זון, ווי גינגאָלד. אָבער דעם וועג פאַרשטעלן זיי. אַפילו געניטע אויגן פון פירער הערן אויף צו זען דעם ריכ־טיקן וועג. און די טאַנצנדיקע, גלאַנצנדיקע שטוי־בעלעך זיי זענען אין דער אמתן די געטרייע דינער פון דעם שטן, וואָס האָט געמאַכט, ווי דער אגדה, אַ שותפות מיט דעם צדיק נוח, כדי צו פאַרוואַנדלען די ברכה פון נוחס אַרבעט אין דאָס פאַרקערטע, און דער נאָמען פון דעם הייַנטיקן גילגול פון שטן איז — עגאָפּאָביע...

איך פאַרשטיי איצט גרינגער אַ סך זאַכן אין אונדזער געשיכטע: איך פאַרשטיי פאַרוואָס אַלע ביז־איצטיקע משיח־באַוועגונגען האָבן זיך אויס־געלאָזט אַ בוידעם (נישט פאַר דער היינטיקער געדאַכט), איך פאַרשטיי פאַר־וואָס די השכלה האָט מיט סך גוטן ווילן דאָך געבראַכט מער שאָדן ווי נוצן... איך פאַרשטיי וואָס און פאַרוואָס עס פעלט דער וועלטלעכער ייִדישקייט. און עס פעלט גאָר אַ סך... איך פאַרשטיי פאַרוואָס אַזוי פיל באַוועגונגען האָבן זיך אָנגעהויבן מיט אַזוינע גוטע ווונטשן און זיי האָבן זיך געענדיקט מיט שמד און אומקום... איך זע דעם אונטערשלאַק פון דער „ציוניסטישער" דערציִונג אין די גלותן... ווי אין די שולן אַזוי אין די יוגנט־קלובן.

## ירידה

יורדים, יורד — דאָס איז אַ שטאַרקער זידלוואָרט. ספּעציעל געשאַפן כדי אָפּצושרעקן די ייִדן אין ארץ־ישראל זיי זאָלן זיך שעמען אַרויסצופאָרן. ער־גער ווי אַן אַנזעצער, — און דאָך איז כסדר געגאַנגען אַן עמיגראַציע פון ארץ־ישראל. געווען יאָרן ווען די ירידה איז געווען גרעסער פון דער עליה, עס זענען אַרויסגעפאָרן מער וויפל עס זענען אַריינגעפאָרן, עס זענען אויך געווען

גאַנצע גרופּעס יורדים. און עס זענען ביז איצט פאַראַן יורדים. פאַראַן יורדים מיט האַרצווייטיק — זיי האָבן זיך נישט געקענט בשום אופן אַריינלעבן אין ארץ־ישראל, און עס זענען פאַראַן יורדים מיט גאַל און מיט ביטערניש — ארץ־ישראל — דאָס ערגסטע לאַנד אין דער וועלט... מען האָט זיי אָפּגעשניטן די פּאָלעס, קיין זאַך טויג נישט דאָרטן, אומעטום איז בעסער. מאַלע וואָס זיי רעדן זיך אָן אויף ארץ־ישראל. און פאַראַן יורדים וואָס שווייגן. איך האָב גע־פרעגט אַ יידישן שרייבער וואָס נאָך צוויי יאָר לעבן גאַנץ פיין אין מדינת ישראל, האָט ער זיך אומגעקערט צוריק, פאַרוואָס? ער האָט נישט געענט־פערט. פרעגט נישט... פאַראַן יורדים, וואָס אַנטלויפן ווייל זיי האָבן זיך שטאַרק אָנגעמאַטערט און נישט געקענט בשום אופן איינלעבן און פאַראַן, פאַר־קערט, יורדים — וואָס האָבן זיך יאָ איינגעלעבט, געווען אַפילו וותיקים אין לאַנד, — און דאָך אַרויסגעפאָרן. און וווהין זיי זענען געפאָרן די יורדים? — אומעטום, וווּ עס האָט זיך נאָר געמאַכט. אַ גרויסער טייל פון דעם ישוב אין אויסטראַליע, אין דרום־אַפריקע און אויך אין אַראַבישן צפון־אַפריקע שטאַ־מען פון ארץ־ישראל. ארץ־ישראל איז פאַר זיי געווען ווי אַ טראַנזיט־לאַנד. געקומען, זיך צוגעוווינט צום עקזאָטישן אַראַבער, זיך אויסגעלערנט זיין לשון און געזוכט ווייטער עפּעס בעסערס. עס זענען פאַראַן אַ סך יורדים אין אַמע־ריקע, אין קאַנאַדע און אין אַנדערע אַמעריקאַנער לענדער. פאַר דער ערשטער וועלט־מילחמה זענען די קאָלאָניעס אָפט געבליבן אָן דער יוגנט, וואָס האָט געהאַלטן אין איין עמיגרירן. אַ באַזונדערער רחמנות איז אויף די יורדים וואָס האָבן זיך געלאָזט איינציקווייז און גאַנצע גרופּעס קיין רוסלאַנד. עס זענען גע־ווען אידעאַליסטן, פאַרבלאָנדזשעטע, אָבער דאָך אידעאַליסטן. איך האָב אַמאָל געפונען אַ רוסיש ביכל אַרויסגעגעבן פון אַ מלוכה־פאַרלאַג אין רוסלאַנד און עס איז געווען אַ ביטערער פּאַסקוויל אויף די חלוצים אין ארץ־ישראל. דאַכט זיך אַז דאָס בוך האָט געהייסן „אָפּאַליאָנאַיאַ זעמליאַ" (צוגעברענטע ערד). נישט איינער פון די וואָס זענען געבליבן לעבן פון זיי, שלאָגט זיך איצט על חטא, נעבעך. אָט־די ירידה איז אַ גרויסע און שווערע פּראָבלעם אין דער מדינת ישראל. מען האָט אַפילו דערציילט אַז די ישראל־רעגירונג זאָל זיך האָבן געווענדט צו דער קאַנאַדער רעגירונג מען זאָל מאַכן שוועריקייטן ביים געבן וויזעס פאַר עמיגראַנטן פון ישראל. אַזוינע יורדים האָבן זיך אויך באַ־קלאָגט, אַז די יידישע אָרגאַניזאַציעס וואָס העלפן עמיגראַנטן, ווילן נישט העלפן די עמיגראַנטן וואָס קומען פון ארץ־ישראל. מיר איז נישט באַקאַנט קיין גענויע און אָביעקטיווע עפנטלעכע פאָרשונג וועגן דער דערשיינונג. אָבער מען טאָר נישט אָפּקומען פשוט מיט זידלערייען, שטעמפּלען זיי ווי „יורדים", נישט וועלן זיי העלפן אין די לענדער וווהין זיי זענען געקומען פון ארץ־

ישראל. אַזאַ דערשיינונג פאָדערט אַ טיפערע באַציִונג, אַן אויספאָרשונג גע־נויער. איך פּרעטענדיר דאָ נישט, חלילה, אויף אַזאַ פאָרשונג. נאָר פון עט־לעכע פאַקטן איז גרינג אַרויסצופירן, אַז נישט קיין קליינע ראָל שפּילט דאָ די אַלטע באַקאַנטע אונדזערע — די עגאָפאָביע. זי האָט זיי געפירט קיין ארץ־ישראל און זי ציט זיי צוריק. עפּעס געפעלט נישט אַ באַאַמטער, אַ פּקיד, טויג שוין נישט ארץ־ישראל. עפּעס איז דאָרטן אַ צו גרויסער „אַנגעלאָף" פון ייִדן... עס ווילט זיך לעבן אין אַ לאַנד, ווו מען האָט דרך־ארץ פאַרן לאַנד, פאַר דער שפּראַך פון לאַנד, פאַר אַלע זיטן פון לאַנד, פאַר אַלע געוווינהייטן, וואָס דעם ייִדישן אימיגראַנט איז אַפילו שווער זיך צוצופּאַסן. אָבער מען האָט דרך־ארץ, „עס איז פיין, זייער שיין"... אַלץ וואָס מען זעט אין ארץ־ישראל איז „נישט דאָס", עס געפעלט נישט. אין יעדער אימיגראַציע־לאַנד וועלן ייִדן זיך גלייך כאַפּן צו דער שפּראַך פון לאַנד, אין ארץ־ישראל וועט עס אַ ייִד טאָן אויב ער דאַרף קריגן אַ שטעלע ביי דער רעגירונג אָדער זיין שפּראַך איז נישט מער ווי ייִדיש. מען האָט שוין געזאָגט, אַז אין קיין לאַנד פירן נישט ייִדן אַזויפיל קאָנטראַבאַנדע ווי אין ארץ־ישראל: מאַלע וואָס די ייִדן מאַכן דאָרטן געזעצן, בין איך דען מחויב צו פאָלגן?... עס בענקען ייִדן נאָך פרעמדס, דאָס אייגנס ווערט זיי גיך מיאוס. און עס פאָרן אַרויס אַפילו סאַבּרעס, געבוירענע אין לאַנד. עס פאָרן אַרויס אַפילו באַאַמטע, משולחים, וואָס פוילן זיך צוריקצופאָרן קיין ארץ־ישראל, לערער געשיקטע פון דאָרטן צו ציִען קינדער קיין ארץ־ישראל איילן זיך אַליין נישט צו פאָרן צוריק. אין די אימיגראַציע־לענדער באַמיט מען זיך וואָס גיכער איבערצונעמען די שפּראַך, זיך צוגעוווינען צום פאָלק פון לאַנד. פון איין גרופּע האָלט מען זיך ווייטער — פון ייִדן. לגבי זיי גילט אַ גאַווהדיקער זאָג „אנחנו ישראלים". זיי וועלן נישט זאָגן אנחנו יהודים, נאָר „ישראלים", דרך־ארץ, ייִדליקעס!... אַז ייִדן קומען אין אַ ניי לאַנד, קומען זיי צו בלייבן. אָבער אַז ייִדן קומען קיין ארץ־ישראל, קומען זיי זען צי עס לוינט צו בלייבן.

## עגאָפאָביע ביי ייִדישע סאָציאַליסטן

סאָציאַליזם ווי אַ באַוועגונג ביי ייִדן איז געווען ביי ייִדן כמעט נאָר אין רוסלאַנד. סאָציאַליסטן־ייִדן זענען ביי ייִדן געווען אַ סך פריִער איידער עס איז אויפגעקומען אַ ייִדישער סאָציאַליזם. די פריִערדיקע ייִדן־סאָציאַליסטן האָבן לגמרי נישט געהאַט אין זינען דאָס ייִדישע פאָלק ווי אַזאַ. זיי האָבן גע־רעדט און געטראַכט, געקעמפט און זיך מקריב געווען פאַר דעם רוסישן פאָלק. דאָס ייִדישע פאָלק, די ייִדישע צרות האָט מען כמעט נישט באַמערקט. ביי די רוסישע סאָציאַליסטן איז „דאָס פאָלק" — דאָס פּשוטע, אָרעמע, אומגעביל־

דעטע, פאַרשקלאַפטע פאָלק — געווען אַ גלויבן, אַ הייליקייט. שרייבער־פּריצים האָבן זיך באַמיט אַרויסצוברענגען די נשמה־שיינקייטן פון פּויער („נאַטיצן פון אַ יעגער", פון טורגענעוו). מען האָט געשריבן אין שפּראַך פון פאָלק (קאָלצאָוו און אַנדערע), מיטגעפילט זיין לעבן (ניעקראַסאָוו)...

„גיין אין פאָלק" — לעבן מיטן פאָלק, דאָס איז געווען אַ אמונה. און דער רוסישער סאָציאַליזם איז געווען ענג פאַרבונדן מיט דעם פאָלקיזם. יידישע אינטעליגענטן זענען געווען סאָציאַליסטן און געטרייע רוסישע פאָלקיסטן. איך וועל דאָ נישט דערמאָנען די ערשטע יידישע סאָציאַליסטן, וואָס האָבן פון יידן נישט געוואָלט וויסן, איך וועל זיך באַנוגענען מיט דעם איינעם פאַקט, וואָס אַזאַ געטרייער ייד ווי עס איז געווען שפּעטער ש. אנס־קי איז לכתחילה אַוועק אין אַ טיף רוסישע שטאָט דינען דעם רוסישן פאָלק. צום יידישן פאָלקיזם איז ער געקומען גאָר אַ צייט שפּעטער. און עס איז שווער צו געפינען אַ סך אַזוינע וואָס זאָלן כאָטש שפּעטער קומען צו אַ יידישן סאָציאַליזם. פאַרקערט, איז עס גאָרנישט שווער צו געפינען יידן־סאָציאַליסטן וואָס האָבן מיט אַלע כוחות באַקעמפט אַ באַזונדערע יידישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע (בונד). עס גייט אַרום אַ בילבול אויף דעם בונדיסט וו. מעדעם, ער זאָל האָבן געזאָגט, אַז די יידישע פּאָגראָמען זענען אויל אויף די רעדער פון דער רוסישער רעוואָלוציע. עס איז מער ווי זיכער אַז בנוגע צו מעדעמען איז עס אַ פּשוטער בילבול. אָבער עס דערמאָנט זיך מיר אין אַן אַלטן נומער „צוקונפט" (דאַכט זיך — פון 1929) אַן אַרטיקל פון ד"ר חיים זשיטלאָווסקי, ווו ער זאָגט עדות אויף יידן־סאָציאַליסטן אַז געווען אַזוינע וואָס האָבן טאַקע אַפילו פאַרשפּרייט פּאָגראָם־פּראָקלאַמאַציעס, גלייבנדיק אַז עס איז יאָ אין די אינטערעסן פון רעוואָלוציע... און זאָל מען זיך נישט וווּנדערן: געדענק זיך צו דערמאָנען ווי יידן־קאָמוניסטן האָבן געקוקט אויף דייטשלאַנד איידער רוסלאַנד איז אַריין אין מילחמה. יידן קאָמוניסטן אַפילו אין אַמעריקע! און ווי באַציִען זיך איצט יידן־קאָמוניסטן צו דעם אַנטיסעמיטיזם אין רוסלאַנד? שטערט עס זיי עפּעס צו זייערע סימפּאַטיעס? אַזוי אַז עס איז גאָר „נאַטירלעך" פאַר אונדז... היינט פאַרוואָס זאָלן מיר מער פאַריבל האָבן אויף יידן־סאָציאַליסטן מיט אַ יאָר אַכציק און ניינציק צוריק? עס איז דאָך געווען נאָך פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער מאָדערנער קולטור. האָבן יידישע יינגלעך און מיידלעך זיך אַנטציקט מיט דער רוסישער ליטעראַטור, האָט מען גאָרנישט באַמערקט דעם אַנטיסעמיטיזם פון אַ גאָגאָל, אַפילו נישט די אַנטיסעמיטישע דערציילונג פון טורגענעוון „זשיד", ווו ער דערציילט נישט מער און נישט ווייניקער ווי אַ יידישער טאַטע ברענגט זיין אייגענע טאָכטער צו אַן אָפיציר פאַר געלט; אָדער טשעכאָווס „זשידאָווקאַ" (כמעט ענלעך)... און בכלל ווער

פֿון די גרויסע רוסישע שרייבער ביז אַ קאָראָלענקאָ, סאָלאָוויאָוו און גאָרקי איז עס געווען פֿריי פֿון אַנטיסעמיטיזם. אַפֿילו דער גרויסער בעל־תשובה טאָלסטאָי האָט זיך ערגעץ מודה געווען אין דעם... האָט עס אָבער געשטערט דער ייִדישער יוגנט מיט לייב און לעבן צו לעבן אין דער זעלביקער ליטעראַטור. איך דערמאָן זיך אויך נישט קיין פּרוּוון פֿון ייִדן קריטיקער, פֿון ייִדן־שרייבער אָפּצולייקענען די בילבולים. (צוויי משומדים האָבן עס יאָ געפּרובירט טאָן — אין פּריוואַטע בריוו צו טורגענעוון און צו דאָסטאָיעווסקין).

בקיצור, ווי פֿריִער די משכּילים, האָבן איצט אויך די סאָציאַליסטן גאָר ווייניק ליב געהאַט זייער ייִדיש פֿאָלק. עס האָט געצויגן צו דער רוסישער קולטור און צו רוסישער פֿאָלקישקייט. פֿון דער ייִדישער פֿאָלקישקייט האָט מען געוויכט. און אויב נישט געוויכט, האָט מען קריטיקירט און אָפּגעלאַכט. אַזאַ איז געווען די גאַנצע ייִדישע ליטעראַטור אין דער תּקופֿה פֿון פֿאַר שלום עליכמען, פֿאַר פּרצן. און זיי ביידע האָבן דאָך אויך אָנגעהויבן משכּיליש, קריטיש. די ייִדן־סאָציאַליסטן וואָס זענען בדרך כּלל געווען ווייטער פֿון ייִדישער קולטור און טראַדיציעס, זענען זיי געקומען צו אַ נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין אויך שפּעטער. האָט זיך די אויטאָעמאַנציפּאַציע אָנגעהויבן אין מיטן פֿון די אַכציקער יאָרן, אָבער דער ייִדישער סאָציאַליזם איז געקומען ערשט צום סוף פֿון ניינציקער יאָרן. אָבער אויך דער אָרגאַניזירטער פֿאַר זיך ייִדישער סאָציאַליזם איז פֿון לכתּחילה געווען ווייט פֿון פֿאָלקיזם. עס איז געווען מער אַן אָרגאַניזאַציע פֿאַר סאָציאַליזם ביי ייִדן, איידער פֿאַר ייִדישן סאָציאַליזם. האָט מען גענומען רעדן וועגן די ייִדישע אַרבעטער־מאַסן, אָבער מען האָט זייער ווייניק גענומען אין אַכט די ספּעציפֿישע באַדינגונגען און אייגנשאַפֿטן פֿון אָט די זעלביקע מאַסן. עס איז געווען מער אַ פֿראַזע — אַ מין אַנאַלאָגיע, איידער אַ פֿאַרזיכיקער באַגריף. זענען די „זשאַרגאָנישע קאָמיטעטן", וואָס מען האָט אָרגאַניזירט (און זייער פֿאַרדינסט טאָר נישט פֿאַרמינערט ווערן!), דאָך געווען פֿאַרטראַכט און דורכגעפֿירט מער ווי אַ מיטל צו פֿאַרשפּרייטן סאָציאַליזם איידער אַ דירעקטע אַכטונג צום פֿאָלקס שפּראַך. פּשוט, פֿריִער האָבן די קרייזן כּדי צו פֿאַרשפּרייטן דעם סאָציאַליזם געדאַרפֿט קודם אויסלערנען רוסיש, — האָט מען זיך באַטראַכט אַז מען דאַרף דאָס טאָן דירעקט אין ייִדיש. דער באַגריף פֿאָלק איז גאָר געווען טריף, מען האָט אָנערקענט נאָר דעם „ייִדישן אַרבעטער־קלאַס", הגם עס איז געווען אַזוי גרינג צו זען דעם טיפֿן אונטערשייד צווישן דעם ייִדישן אַרבעטער און דעם רוסישן, וואָס איז באַשטאַנען פֿון אָקאָרשט באַפֿרייטע פּויערים, וואָס זענען אָבער געבליבן יורידיש, סאָציאַל און קולטורעלער אין דעם פֿריִערדיקן נידעריקן סאָציאַלן שטאַנד אָפּגעטיילט מיט אַ דורותדיקער וואַנט פֿון די בעלי־בתּים, וואָס האָבן געהערט

על־פּי־רוב צו דעם פּריצים־שטאַנד. בעת דער ייִדישער אַרבעטער מיט זיין באַלעבאָס צוזאַמען האָבן געהערט צו איין און דעם זעלביקן שטאַנד און אויך דער עקאָנאָמישער אונטערשייד צווישן זיי איז געווען זייער אַ קליינער. און יעדער געזעל האָט געוואַרט נאָר ער זאָל האָבן צו קויפן אַ ניימאַשין און ווערן אַליין אַ בעל־הבית (מאָטל קאַמזויל אין „טביה"). מען האָט נישט געהאַט קיין געדולד און קיין ווילן צו שטודירן די ספּעציפישע אייגנשאַפטן פון ייִדישן לעבן און פּרובירן לערנען די סוגיא פון סאָציאַליזם ביי ייִדן אויך פאַר זיך. אויך די אָרגאַניזירטע ווי אַ פאַרזיכיקע באַזונדערע ייִדישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט נישט געוואָלט אָנערקענען דאָס ייִדישע פאָלק ווי אַזאַ באַזונדער. „נישטאָ קיין ייִדיש פאָלק!", פאַראַן בלויז אַ ייִדישער אַרבעטער־קלאַס, נישט מער. און דער קלאַס ווערט אויך אָנערקענט נאָר אין די גרענעצן פון „ליטע, רוסלאַנד און פוילן", ווי עס האָט געקלונגען דער נאָמען פון אָנהייב העט ביז נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. ריכטיקער: ביז ערב דער צווייטער מלחמה. נאָך אין 1926 האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד" נישט דערלאָזט קיין קאָנפערענץ פון ייִדישן שולן פון עטלעכע באַזונדערע לענדער. דאָס וואָלט דאָך חלילה באַשטעטיקט די עקזיסטענץ פון אַ ייִדיש פאָלק איבער די גרעניצן. דער קאָאָרדינירן־קאָמיטעט פון די בונדישע אָרגאַניזאַציעס פון פאַרשיידענע לענדער איז אויפגעקומען ערשטע שפּעטער. די טעאָריע האָט געלערנט, אַז דער ייִדישער פּראָלעטאַריאַט האָט גמיינזאַמע אינטערסן מיט דעם אָרטיקן פּראָלעטאַריאַט פון הערשנדיקן פאָלק, אָבער נישט חלילה מיט די אַנדערע ייִדישע גרופּן.

די ערשטע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע האָט זיך באַצויגן צום ייִדישן פאָלקיזם נישט בעסער ווי די משכּילים, פולשטענדיק נעגאַטיוו. האָט אַ פאָלק געגלייבט און געבענקט נאָך משיחן. האָט אַ סאָציאַליסטישע פּאַרטיי געקאָנט דעם גלויבן אויסנוצן זייער גוט, פאַרוועלטלעכן דעם גלויבן. אָבער עס איז געווען גרינגער אָפּצוואַרפן אין גאַנצן „משיח איז געשטאָרבן". נישטאָ קיין ייִדיש פאָלק, נישטאָ קיין משיח, נישטאָ קיין ייִדישע רעליגיע, אַלץ וואָס עס איז רעליגיעז — איז טריף. העברעיִש און אַלץ וואָס איז אין העברעיִש — איז „לאָקשן קודש". אַן עגאָפּאָביע וואָלט געקומען אַ פאַרוועלטלעכונג פון אַלע טראַדיציעס, וואָס דאָס פאָלק, צוזאַמען מיט דעם אַזוי־גערופענעם ייִדישן פּראָלעטאַריאַט איז מיט דעם געווען איינגעלעבט פון דורות (און אַלץ לאָזט זיך פאַרוועלטלעכן!), האָט מען דאָס אָפּגעוואָרפן. און דאָס איז דער ערשטער סימן פון עגאָפּאָביע. עס איז געווען אַ לאַנגער פּראָצעס ווי די פּאַרטיי איז געקומען צום ייִדישקייט. מען איז געגאַנגען פון סאָציאַליזם צו ייִדישקייט. דער פּרימאַט איז געווען דער סאָציאַליזם, ייִדישקייט איז געקומען שפּעטער.

די שפּעטערדיקע יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען זענען שוין געגאַנגען פאַרקערט — פון יידישקייט זענען זיי געקומען צום סאָציאַליזם.

אויך ביי זיי קען מען געפינען עלעמענטן פון עגאָפּאָביע, אָבער די האָבן מיר שוין באַהאַנדלט אין פאַרבינדונג מיט דעם ציוניזם.

## עגאָפּאָביע ביי דער אָרטאָדאָקסיע

אויסטערלישער איז אָבער די עגאָפּאָביע ביי אונדזער אָרטאָדאָקסיע. דאָ וואָלט דאָך געדאַרפט זיין אהבת ישראל גאָר אויבן־אָן. און אהבת ישראל מיינט דאָך נישט בלויז ליב האָבן יידן, נאָר עס מיינט דאָך אויך ליב האָבן אַל דאָס יידישעס, אַלץ וואָס עס שמעקט מיט יידישקייט. און ביי זיי איז עס נישטאָ ,לגמרי נישטאָ. וואָלט ביי זיי געווען באמת אהבת ישראל, וואָלטן זיך די אָרטאָדאָקסן גאָר אַנדערש באַצויגן צו דער יידיש־וועלטלעכער קולטור און צו יידיש־לשון.

עס איז דאָך באמת שווער צו פאַרשטיין: ארבעה אבות נזיקין איז יאָ יידישקייט און די דיסקוסיע צווישן רבי מאירן און אחרן אין „גייער" פון מנחם באָריישאָ איז נישט יידישקייט? פאַרוואָס טאָקע זענען די רבה בר בר חנהס אגדות יאָ קודש און לייוויקס גולם — נישט? און אַזוינע פראַגעס קען מען דאָך אַנשטעלן אַ שלל. איז דער תירוץ גאָר אַ פּשוטער: פאַר דער פיקסירטער תורה וועט דער רבונו־של־עולם צאָלן טבין תקלין — סאַמע מזומן, און פאַר די נייערע שאַפונגען — שוין נישט. עס פעלט אמתע ליבע צום יידישן שע־פערישן געדאַנק, צום יידישן וואָרט, צום יידישן געפיל דירעקט. די עצם הבדלה וואָס מען שיידט אָפּ הייליקע יידישקייט און וועלטלעכע יידישקייט איז אין גאַנצן אַ פאַלשע. הייליקייט ביי יידן קומט דאָך נישט מן־השמים פאַר־טיקערהייט. הייליק איז ביי יידן יעדער אַקט און יעדער געדאַנק ווו עס אַנט־פּלעקט זיך די יידישע נשמה, דער יידישער גייסט. דאָ איז די יידישע קדושה. דאָס אָפּשטופן די גאַנצע וועלטלעכע יידישע קולטור — דאָ ליגט עגאָפּאָביע.

עס איז אַ חרפּה און אַ פאַרדרוס צו זען דעם ביטול און די גאווהדיקע בלאָזעניש וואָס די אָרטאָדאָקסישע פאַרשטייער ווייזן אַרויס צו דער וועלט־לעכער קולטור: כ'מיין — אויך מיר יידישקייט!... עס טרעפט — איך כאַפּ אַ קוק אין זייערע ספרים — אָפּטמאָל אַפילו חריפותדיקע האַרשפּאַלטעריי וועגן זאַכן וואָס האָבן נישט קיין ברעקל שייכות צום קאָנקרעטן היינטיקן יידישן לעבן, סתם דרש וקבל שכר. און אין דער זעלביקער צייט גיט מען אַ שטופּ אָפּ מיט אַ ביטול־שמייכל גאָר די וועלטלעכע קולטור און גאָר די ווערק, וואָס אין אַ טייל פון זיי ליגט אָפט מער נשמה, האַרץ און יידישקייט, ווי אין יענע...

דער וועג פון זייער פרומקייט ביז אַסימילאַציע און אויסיִדישונג איז אַ סך נעענטער ווי פון וועלטלעכער יִדישקייט. ווי אַלע אַנדערע יִדישע גרופּעס, ווילן זיי אויך זיך אַרויסהייבן מיט זייער אַפּוואַרפן: מיר זענען נישט ווי דאָרטן וויס איך ווער... מיר, — און נישט קיין אַנדערע. פון יִדישקייט ווי אַ גאַנצ־קייט, ווי אַ שטראָם — פון דעם ווילן זיי נישט וויסן.

ווי אויף אַן אויסנאַם וואָלט איך אָנגעוויזן אויף דעם באמת גרויסן גאון און אוהב ישראל בלב ונפש — אויף הרב א. י. קוק ז״ל, וואָס זוכט אין זיינע שריפטן טאַקע צו פאַרבינדן דעם קודש מיט דעם חול — דאָס רעליגיעזע מיט דעם וועלטלעכן. אָבער, צום באַדויערן, וויפל האָבן מיר פון די אָרטאָדאָקסישע פירער, וואָס זאָלן גיין אין זיינע וועגן?

די פּראָגראַמען פון אַלע רעליגיעזע שולן, פון די נידעריקסטע ביז די העכסטע — אַלע באַשטייען זיי פון צוויי טיילן: לימודי קודש און לימודי חול: הייליקע לימודים און וואָכעדיקע. די גאַנצע אָבליגאַטאָרישע מלוכה־פּראָגראַם איז דאָ אין די שולן. טאַקע לימודי חול — וואָכעדיקע טאַקע, אָבער זיי זענען דאָ אין פּראָגראַם און מען לערנט זיי געשמאַק. וואָס וואַרפט מען אַרויס? — די יִדיש־וועלטלעכע שאַפונגען, הגם דאָ זענען דאָ גרויסע שאַפונגען וואָס אַנטפּלעקן די טיפסטע באַהעלטענישן פון דער יִדישער נשמה. און דאָס איז ווידער אַמאָל אַ תולדה פון עגאָפאָביע. גענוג צו זען דעם ביטול מיט וואָסערן מען קוקט אין די קרייזן אויף יעדער וועלטלעך ווערק, צו זען און צו פילן דעם ביטול און די שינאה צו אַלץ וואָס איז נישט פאַרהייליקט. און אין דער אמתן האָט ביי אונדז לגמרי נישט געדאַרפט זיין די פאַרטיילונג אויף קודש און אויף חול. דער מקור פון קדושה איז ביי יִדן נישט אין הימל נאָר ביי מענטשן, יִדן מאַכן אַ זאַך הייליק און אַזוי אויך פאַרקערט. וואָלטן אונדזערע פרומע באמת טייער געהאַלטן אַלץ וואָס עס איז יִדיש, וואָלטן זיי אויך דאָס וועלטלעכע, אויך דאָס וואָכעדיקע פאַרהייליקט. ...עס ווערט אומעטיק אויפן האַרצן ווען מען גיט אַ טראַכט אַז אַלע יִדישע קרייזן ליידן פון אָט דער קראַנקייט עגאָפאָביע, פון רעכטס ביז לינקס, פון גרויס און ביז קליין. אָבער עס איז פאַרט אַזוי! מען טאָר עס נישט באַהאַלטן!

אין די קרייזן רעדט מען אָפט און מען שרייבט וועגן „תורהדיקער דער־ציִונג״. אָבער עס איז קיין מאָל נישט אויסגעקומען צו זען, צו הערן אָדער צו לייענען ווי מען טוט עס, ווי מען דערהייבט די וועלטלעכע לימודים ביז צו תורהדיקייט. דערוויל זענען די צוויי געביטן ביי זיי צוויי באַזונדערע שולן, צוויי באַזונדערע וועלטן. בכן זענען אויך זייערע שולן, די ישיבות קטנות און אַפילו די גדולות נאָר אויף אַ העלפט יִדישע, און די וועלטלעכע לימודים

זענען אין גאַנצן מחוץ לחשבון, אויסער דעם וועג פון תורהדיקייט. דאָס איז אויך די שוואַכקייט פון פּעדאַגאָגישן געדאַנק אין די קרייזן.

## אַלגעמיינער סך־הכּול

מיר האָבן באַהאַנדלט דערשיינונגען פון עגאָפּאָביע, איבערהויפּט ווען זי באַווייזט זיך ווי אַן „אונטערשלאַק", ווען זי טרעט נישט אַרויס אָפן און, ווען זי שאַפט נישט אַליין קיין אייגענע טעאָריעס און זי זאָגט נישט דירעקט — לאָמיר אַנטלויפן פון דער ייִדישקייט. הגם דאָס איז איר ציל. פאַראַן אָבער יאָ דערשיינונגען פון אָפענער, שטאָלצער, איך וואָלט געזאָגט — אומפאַרשעמטער עגאָפּאָביע.

אייגנטלעך האָבן מיר שוין עטלעכע מאָל דערמאָנט, אַז די עגאָפּאָביע טרעט אַלע מאָל אַרויס צום אָנהייב אָפן און דרייסט, שטאָלץ און אומפאַר־שעמט. איז דאָך אַזאַ אָפענע עגאָפּאָביע געווען נאָך אין אַלטערטום דער העלע־ניזם, וואָס האָט אין עטלעכע צענדליק יאָר בסך־הכּול געדראָט אין גאַנצן אָפּצומעקן ייִדישקייט. ערשט נאָך דעם חשמונאים־אויפשטאַנד איז ער אַראָפּ פון דער עפנטלעקייט און זיך באַהאַלטן, אַריבער אין דעם „אונטערשלאַק" אַריין.

אַזאַ אָפענע עגאָפּאָביע האָבן אויך אַרויסגעוויזן די ייִדישע פאַרשטייער פון פראַנקרייך, וואָס נאַפּאָלעאָן האָט צונויפגערופן אין דעם כּלומרשטן סנהד־רין, און זיי האָבן אומפאַרשעמט געענטפערט, אַז זיי האָבן גאָרנישט צו טאָן מיט די ייִדן פון אַנדערע לענדער, ווייל זיי זענען פראַנצויזן. אַזוי אייגנטלעך האָבן געהאַנדלט אויך ייִדן אין אַנדערע לענדער, אין פּראָצעס פון עמאַנציפּאַציע און אַסימילאַציע. איז דאָך די זעלביקע אָפענע עגאָפּאָביע געווען אַפילו אין רוסלאַנד ביז די פּאָגראָמען אין פאַריקן יאָרהונדערט. איבערהויפּט אין די זעכציקער יאָרן, ווען רוסלאַנד האָט אָנגעהויבן זיך צו אינדוסטריאַליזירן און עס איז אויפגעקומען אַ ייִדישע שטאָטישע בורזשואַזיע. האָט עס די רוסישע רעגירונג מיט איר פּאָגראָם־פּאָליטיק אָפּגעשטעלט דעם פּראָצעס און זי האָט פאַרטריבן די עגאָפּאָביע פון אויבערפלאַך אין די טיפערע שיכטן, אין אונ־טערשלאַק אַריין. אָבער אין מערב־אייראָפּע האָט מען זיך נישט געשעמט און די עגאָפּאָבישע אַסימילאַציע איז אָנגעגאַנגען אָפן, אָן באַהעלטעניש. ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע עמיגראַציע פון רוסלאַנד, האָט זיך אין פראַנק־רייך און אין דייטשלאַנד אַנטוויקלט אַ גאַנץ היפּשע הילף־אַקציע. דער הויפּט־ציל פון דער אַקציע איז געווען, די עמיגראַנטן זאָלן זיך חלילה נישט אָפּ־האַלטן אין „זייערע" לענדער, און זיי זאָלן פאָרן ווייטער. דער אויסדרוק

„אַסטיודע״ האָט געדאַרפט באַצייכענען אַ נידעריקערע מדרגה. דאָס איז ער שולדיק אין אַנטיסעמיטיזם. מען האָט זיך געוואָלט איינרעדן אַז נאָר די אָסט־יודן האָט מען דאָס פיינט, אָבער נישט זיי — די אַסימילירטע, וכדומה. אַפילו אין די ערשטע סטאַדיעס פון היטלעריזם האָבן יידן אין דייטשלאַנד געוואָלט זיך איינרעדן, אַז מען מיינט עס נישט זיי — די אַלטגעזעסענע יידן וואָס זענען „גוטע״ מענטשן... עס זענען דאָך געווען בלויז גאָר קליינע גרופּעס יידן וואָס האָבן אָנערקענט זייער אָרגאַנישע פאַרבונדנקייט מיט די זעלביקע „אָסט־יידען״ און צו זייער יידישקייט. דאָס זענען געווען די עטלעכע אָנהענגער פון אַ פראַנץ ראָזענצווייג און פריץ קויפמאַן.

איז דאָס לגמרי נישט קיין וווּנדער וואָס אין אַמעריקע זענען פאַראַן גאַנץ שטאַרקע גרופּעס מיט אָפענער עגאָפאָביע. מיר רעדן דאָ נישט פון גוואַלדיק גרויסע צאָלן יידן וואָס האָבן פשוט פיינט אַ יידן, פיינט יעדן אויסדרוק פון יידישקייט, יעדן סימן פון יידישקייט, די וואָס ראַמען אויס יעדן זכר פון יידישקייט וואָס איז חלילה געבליבן פון עלטערן — יידישע יידן. אַזוינע זענען מסתמא די מערהייט יידן פון צווייטן דור. אָ, ווי גליקלעך זיי וואָלטן געווען, ווען זיי קענען פאַרגעסן זייער יידישן אָפּשטאַם!

איך מיין אָבער דאָ די אָרגאַניזירטע עגאָפאָביע. גאַנצע אָרגאַניזאַציעס וואָס וועלן בשום אופן נישט מאַכן קיין פאַרזאַמלונג אין אַ יידישן זאַל, עס איז מער כבוד דאָס צו מאַכן וואָס ווייטער פון יידן. די דאָזיקע וועלן באַקעמפן מיט מוט און דרייסטקייט יעדן סימן פון פאַרזיכיקער יידישקייט וואָס שטערט זיי צו פאַרגסן זייער יידישן אָפּשטאַם. איבערהויפּט איז עס געקומען צום אויסדרוק ביי די „דזשודאַיסטן״ מיט זייער קאָנסיל, מיט זייער האַס צום ציוניזם, וואָס איז ביי זיי אין די אויגן דער „ערגסטער״ באַווייז, אַז יידן זענען גאָר אַ באַזונדער פאָלק, זאָל גאָט אויסהיטן, און נישט סתם קיין אַמעריקאַנער! דערפאַר באַקעמפן זיי אַזוי האַרט דעם ציוניזם, דערפאַר באַמיען זיי זיך איינצורעדן די גוים, אַז די ציוניסטן זענען גאָט ווייס וואָס און אַז זיי זענען אָבער ווייט פון אָט די „זייאָניסטן״.. זיי זענען די אמתע אַמעריקאַנער פון אַ יידישער רעליגיע.

עס איז פשוט אַ גליק וואָס ביי די אַמעריקאַנער קריסטן זענען פאַראַן אַזוי פיל פאַרשיידענע קלויסטערס מיט פאַרשיידענע סעקטעס. דאָס באַווייזט דאָך, אַז אויך זיי — די יידן מעגן האָבן זייער פאָרעם פון גאָט־דינען, אַז זיי זענען נישט מער ווי אַ סעקטע פון אַמעריקאַנער, חלילה, נישט קיין טייל פון אַלוועלטלעכן יידישן פאָלק. וואָלט חלילה אין אַמעריקע געווען נאָר איין רע־ליגיע, וואָלטן זיי דאָך נעבעך געדאַרפט זיך שמדן, כדי צו ווייזן זייער עכטע און פולע אַמעריקאַנישקייט...

עס זענען אָבער אין אַמעריקע פאַראַן אַ סך ברייטערע קרייזן ייִדן וואָס קוקן זיך כסדר אַרום צו די גויִים און מ׳וויל פּאָרויס באַשטימען וויפל ייִדיש־קייט „אַמעריקע וועט דולדן״, וויפל ייִדישקייט מען מעג זיך דערלויבן, מען זאָל חלילה נישט אַריבער די גרענעץ מיט מער ייִדישקייט, ווי „אַמעריקע קען דערלויבן״... אַט דאָ ווייזט זיך אַרויס די „קנעכטשאַפט אין פרייהייט״, ווי אחד־העם האָט עס נאָך אַמאָל דעפינירט פאַר די מערב־אייראָפּעיִשע ייִדן.

פאַראַן אין אַמעריקע ראַבאַיס וואָס וועגן זייער עבֿרי גייען אַרום אַנעקדאָטן, אָבער דערפאַר זענען זיי גרויסע בריות צו וויסן וואָס מען מעג און וואָס מען טאָר נישט, לויטן „שולחן־ערוך״ — פון גויִים... און דאָס לגמרי — נישט בלויז ביי די דזשוּדאַיִסטן. און דווקא די „רבנים״ האָבן דערפאָלג ביי ייִדן. עס איז אַ מאָדנע דאָס אייגענע ייִדישע לעבן צו ריכטן לויט די גויִים, חלילה נישט אַריבערצוגיין די גרענעצן וואָס אפשר וועט עס נישט קענען געפעלן די בעלי־בתים... אַוודאי איז אחד־העם געווען גערעכט, ווען ער האָט עס אָנגערופן מיט דעם ריכטיקן נאָמען „פרייע קנעכטשאַפט״ — ייִדן נוצן אויס די פרייהייט צו זיין קנעכט. די צאָלן זייערע זענען אַ סך גרעסער ווי די צאָלן פון דזשוּדאַיִסטן, אָבער די לעצטע זענען דער בולטסטער מוסטער פון אַט־דעם טיפּ. פאַראַן אין אַמעריקע אַ סך סעקטעס און גרופּעס. אָדער זיי אַסימילירן זיך, און אויב נישט, לעבן זיי מיט זייער אייגענעם גאַנג און לויט זייער גייסט. עס איז אָבער נישטאָ אַט־די נייגונג נאָכצוקוקן און נאָכצוטראַכטן וואָס וועלן זאָגן די עכטע אַמעריקאַנער... מען האַלט, אַז אַמעריקע איז אַ לאַנד וואָס גיט פרייהייט אירע בירגער צו לעבן לויט זייערע פירונגען און לויט זייער גייסט. אַמעריקע קען פאַרטראָגן פאַרשיידנקייטן. ייִדן מיינען אָבער אַז זיי האָבן נישט אַט די רעכט, זיי דאַרפן זיך, זיי מוזן זיך צופּאַסן צו די פאָרמען און צו די נאָרמען פון די בעלי־בתים אין לאַנד. מאָדנע איז צו נוצן דאָס וואָרט „בעלי בתים״ אין אַזאַ דעמאָקראַטיע ווי אַמעריקע איז, אָבער ווען מען קוקט זיך צו נענטער צו דער האַלטונג פון די ייִדן אין אַמעריקע, איז גרינג צו זען, אַז ייִדן גלייבן נישט אין זייערע רעכט צו זיין ייִדן אין אַמעריקע, אַז כדי צו האָבן רעכט צו זיין ווי זיי זענען, דאַרפן זיי אומבאַדינגט זיך „אַמעריקאַניזירן״, דאָס הייסט — זיך אויסגלייכן מיט דעם הויפּט־פאָלק. און ייִדן טוען עס גערן, פריידיק, זיי זענען נאָך שטאָלץ, צופרידן וואָס מען לאָזט זיי עס טאָן; זיי זענען דאַנקבאַר פאַר די רעכט צו קענען, צו מעגן זיך אויסייִדישן, פאַר דער פרייהייט צו זיין קנעכטיש, צו בלייבן קנעכט. פון דאַנען שטאַמט אויך די שינאה פון די דזשוּדאַיִסטן צום ציוניזם: ער שטערט זיי צו פאַרגעסן זייער ייִדישקייט. עס איז דאָס זעלביקע לידל וואָס אַזוינע ייִדן האָבן געזונגען אין אַלע לענדער, אומעטום „לאָמיר זיין דייטשן פון משהס גלויבן״... אומעטום, אין

אַלע לענדער האָט דאָס לידל געהאַט זיין אויפלאַגע, זיין פּאָרעם און אויך אין אַמעריקע. האָט מען שוין אין אַנדערע לענדער זיך אָנגעהויבן שעמען מיט דעם לידל. אין אַמעריקע — שטאָלצירט מען נאָך מיט דעם. לויט דער דזשודאַיִס־טישער פילאָסאָפיע קומט אויס:

1. ווי גוט עס איז זיך צעלאָזן ווי זאַלץ אין וואַסער! אַזוי זיך צעלאָזן, אַסימילירן זיך אין דעם הויפּט־פּאַלק.

2. דער ציוניזם שטערט דעם דאָזיקן דזשודאַיִסטישן משיח צו קומען, — ער שטרייכט בסדר אונטער די פּאַרזיכיקייט פון ייִדישקייט, — דאַרף מען אין אים שיסן אַלע פיילן...

דאָס איז דער גלויבן פון די באַוווסטזיניקע דזשודאַיִסטן. פאַראַן צווישן זיי אַ ביסל ענלעכקייט צו די כנענים אין ארץ־ישראל. זיי זענען אויך אין אַמעריקע קליינע גרופּעס, זיי האָבן מער חוצפּה, מער דרייסטקייט ווי יענע. עס איז אויך קלאָר: ווער עס האָט די מאה, דער האָט די דעה, — אָבער די חוצפּה — געוויס.

ווי זעט אָבער אויס די אַלגעמיינע מאַסע ייִדן אין אַמעריקע?

איך שרייב בפירוש מאַסן ייִדן און נישט ייִדישע מאַסן, ווייל עס איז ביי מיר אַ גרויסער ספק, צי אַט די גרויסע, צאָלרייכע מאַסע אָן עין־הרע קען פאַררעכנט ווערן ווי אַ ייִדישע. זיי זענען בפירוש מאַסן־מענטשן, נישט קיין יחידים, ווי די גמרא דעפינירט דעם באַגריף. זיי לעבן איין מאַסן־שטייגער, רעדן אַ מאַסן־שפּראַך, זיי דענקען לויט איין שאַבלאָן, און טראַפּאַרעט, זיי טוען זיך אָן לויט איין מאָדע, איינער ווי אַלע, נישטאָ קיין אינדיווידועלע אונטער־שיידן. מאַסן־טיפּ, טיפּישע מאַסע. זיי זענען אַלע געלערנט, כמעט תמיד אַ מיטלשול און אַפילו אַ קאָלעדזש. אָבער די אַמעריקאַנער שול איז אויך אַ מאַסן־שול. זי באַמיט זיך לגמרי נישט צו אַנטוויקלען דאָס אינדיווידועלע אין מענטשן, זי ניוועלירט אַלעמען, אַלע גלייך. אַלע זענען און אַלע דאַרפן זיין צו־געפּאַסט צו דער מאַסן־פּראָדוקציע פון סחורות. און דערפאַר זענען זיי אַליין מאַסן. דאָס איז זיכער.

ווידער איז די אַמעריקאַנער דערציִונג אויסגערעכנט אויסצולערנען, אי־בערגעבן אַלע מענטשן באַשטימטע וויסנס און טעכנישע גענייטקייט, אָבער זי טראַכט לגמרי נישט וועגן אַנטוויקלען די אינעווייניקסטע פעיִקייטן און פאַ־טענצן פון די מענטשן. קענען זיין געבילדעטע מענטשן מיט אַ סך וויסן, אָבער זיי זענען לגמרי נישט קיין אַנטוויקלטע אינטעליגענטן, וואָס זאָלן לעבן לויט אָן אייגענעם קריטעריום און באַנעמען די וועלט לויט זייער אייגענעם, אינ־דיווידועלן פאַרשטאַנד. אַט אַזוי זענען מאַסן.

אָבער וואָס איז אין זיי פאַראַן ייִדישעס? — זייער ווייניק. פאַראַן אין זיי אַ וויסן אַז זיי זענען ייִדן, זיי געהערן נישט צו דער הויפּט־באַפעלקערונג אין לאַנד. דאָס ווייס מען. מען באַמיט זיך נישט — על פי רוב — צו פאַרלייקענען, כּל־זמן דאָס שטערט נישט קיין סך אין לעבן. אָבער אָט דאָס וויסן וואָס מען ווייס פירט נישט צו קיין פּראַקטישע עלעמענטן אין אויפפיר. דאָס גאַנצע לעבן, דער גאַנצער אויפפיר אין שטוב און אין דער געזעלשאַפט איז נישט אַנדערש פון דעם שטייגער און אויפפיר פון די מאַסן וואָס געהערן נישט צום ייִדישן פאָלק.

על פי רוב איז נאָך אָט דאָס וויסן וואָס מען ווייס וועגן דעם אייגענעם ייִדישן אָפּשטאַם נישט פון די וואָס זענען באַגלייט מיט אַ פּאָזיטיוון געפיל־טאָן, פּשוט גערעדט, מען איז נעבעך אַ ייִד, און מען וואָלט עס גערן פאַרגעסן. אויף וויפל אין אַמעריקע איז בכלל פאַרשפּרייט דאָס באַזוכן אַ קלויסטער און געהערן צו אַ קלויסטער, אויף אַזוי פיל איז אויך די זעלביקע מאָדע פאַראַן ביי די מאַסן־ייִדן. מען געהערט טאָקע צו אַ קאָנגרעגאַציע מיט אַ רב און מיט אַ סינאַגאָגע. דאָס איז אַ טייל פון דעם באַרימטן אין אַמעריקע „אויסלעבן זיך". ווי אויך דער גלח, אַזוי אויך דער ראַבאַי — ער פירט דורך די גאַנצע נייטיקע צערעמאָניע אין סינאַגאָגע, און דערמיט ענדיקט זיך דאָס ייִדישעס אין לעבן פון אָט־די מאַסן.

אַ צווייטער עלעמענט איז דאָך פאַראַן — „טשאַריטי"־צדקה. איז עס אויך פאַרשפּרייט אין לאַנד בכלל, בפרט אַז פון אָט־דער צדקה וואָס מען גיט נעמט די רעגירונג נישט קיין שטייערן. גיבן ייִדן אויך צדקה. שאַפן ייִדן אין אַמע־ריקע גראַנדיעזע סומעס געלט פאַר ארץ־ישראל און פּראָפּאָרציאָנעל נאָך מע־רער פאַר די אָרטיקע סינאַגאָגן, טעמפּלען, שפּיטעלער, וכדומה.

אָט די מאַסן האָבן גאָרנישט פון ייִדישער קולטור, פון וויסן וועגן ייִדן, פון דער ייִדישער ליטעראַטור אַפילו אין דער ענגלישער שפּראַך.

אָט די מאַסן ייִדן האָבן דאָך נאָך עפּעס פון ייִדישקייט. צוזאַמען מיט די ספּעציפישע אַנטראָפּאָלאָגישע אייגנשאַפטן אין פיזישן בוי ירשענען זיי אויך באַשטימטע גייסטיקע אייגנשאַפטן, וואָס די טרעגער אַליין גיבן זיך נישט אָפּ קיין דין וחשבון פון זיי. און צווישן זיי איז די עגאָפאָביע גאַנץ פעסט איינגע־וואָרצלט.

עס פאַרשטייט זיך, אַז פון דעם כּלל, ווי תּמיד, זענען פאַראַן אויסנאַמען. פאַראַן אַזוינע וואָס דערפילן שפּעטער זייער אָפּגעריסנקייט פון אַלע וועלטן און זיי גיבן זיך אַ קער צו אַקטיווער ייִדישקייט. פּראָפ׳ פּ. שניאורסאָן רופט עס אַן עקספּלאָזיע־ייִדישקייט. ער האַלט פון אָט־דער ייִדישקייט זייער. איך

— נישט. אַזוינע „בעלי תשובה״ דאַרפן האָבן באַשטימטע שטראָמען, וואָס אין זיי זאָלן זיי קענען זיך אַריינגיסן, און דאָס איז אָפט נישט פאַראַן אין דער סביבה. די אויפגעוועקטע עקספּלאָזיע־יידישקייט וואַרצלט נישט אויס די עגאָ־פּאָביע, נאָר זי פירט מיט איר אַ „צו להכעיס״־מילחמה. דער „אַרסענאַל״ וואָפן מיט וואָס צו קעמפן קעגן דער עגאָפּאָביע איז בדרך־כלל זייער קליין און קיין געזונט קומט פון אַזוינע מילחמות נישט צו. אַזוינע טיפן יחידים ווי אַן אַלבערט איינשטיין, ווי אַ פראַנץ ראָזענצווייג זענען דאָך זייער זעלטן. אין דער מאַסע זענען זיי דאָך לגמרי נישטאָ...

עס איז מיר זייער שווער צו זאָגן ווי אַט די מאַסן וואָלטן זיך געפירט ווען עס קומט אַזאַ סיטואַציע ווי עס איז געווען אין רוסלאַנד: דיסקרימינאַציעס, וואָס מען קען זיך פון זיי ראַטעווען מיט שמד. עס איז אָבער קיין שום ספק נישט, אַז די משומדים וואָלטן זיך געציילט אין די גרויסע טויזנטער.

האָבן מיר אין די אַמעריקעס גאַנץ גרויסע מאַסן יידן וואָס פאַרמאָגן נישט קיין פּאָזיטיוון יידישן אינהאַלט, נישט קיין רעליגיעזן און נישט קיין וועלט־לעכן, אָבער די מידה פון עגאָפּאָביע האָבן זיי דווקא אין גאַנצן גרויסע דאָזן. זי קומט צום אויסדרוק אין דער אַקטיווער דערווייטערונג פון אַלץ וואָס האָט אַ שייכות צו יידישקייט. אַלע פּאָזיטיווע יידישע שטריכן ווערן אַלץ ווייניקער און ווייניקער, קנאַפּער און קנאַפּער, אַזוי רעליגיע, ציוניזם, צדקה פאַר יידי־שע צוועקן — אַלץ ווערט ווייניקער. די עגאָפּאָביע באַהערשט די קרייזן און פירט זיי אַלץ נענטער און נענטער צו די... דזשודאַיִסטן, אויב אַפילו אָן באַ־וויסטזיניקער עקשנות און חוצפּה.

אין דער ווייטערער צייט־פּערספּעקטיוו קען מען פאָרויסזען אין אַמעריקע קלענערע ברוכטיילן פון דעם היינטיקן יידישן פאָלק וואָס האַלטן זיך פעסט אָן יידישקייט און פירן ווייטער אַ המשך פון דער געבראַכטער יידישקייט. די גרופּעס וועלן זיך מן־הסתם ווייניקער טיילן און שפּאַלטן צווישן זיך אויף פאַרשיידענע גרופּעס, פּאַרטייען און ריכטונגען. און גרעסערע טיילן פון היינ־טיקן יידישן מיליאָניקן ישוב וועלן געפירט ווערן צו פולשטענדיקער אויס־יידישונג, צו פולער אַסימילאַציע, ביז צו דער פולער פאַרגעסנקייט פון יידישן אָפּשטאַם. די קרייזן וועלן זיך איינשטילן, באַרויִקן. די עגאָפּאָביע איז שטאַרק כּל־זמן זי האָט קעגן וועמען צו קעמפן. פון דאַנען די היץ פון די „דזשודאַיִסטן״ קעגן דעם ציוניזם. מיט דער אָפּשוואַכונג פון די ספּעציפישע יידישע געזעל־שאַפטלעכע אַקציעס אין לאַנד, וועט אויך אָפּגעשוואַכט ווערן דער אימפּעט פון די דזשודאַיִסטן... זיי וועלן דאַנקען גאָט וואָס זיי האָבן שוין נישט וועמען צו באַקעמפן, וואָס עס איז שוין נישטאָ אָדער כמעט נישטאָ ווער און וואָס עס זאָל זיי דערמאָנען זייער יידישקייט, נעבעך... דאָס איז די ווייטערע פּערספּעקטיוו.

אָבער שוין היינט איז אויך וויניק קענטיק אין אַמעריקע עפּעס גרויס־צוגיקע פאַרמעסטונגען צו קאָנסאָלידירן יידישקייט אין ברייטערן פאַרנעם פון גאַנצער יידישקייט בכלל. די שפּאַלטונגען און ברעקלונגען ווייזן נישט קיין כל־ישראלדיקן נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין און ווילן. די פּאָסיליזאַציע פון די יידישע ישובים אין איראָפּע נאָך „גליקלעכער" עמאַנציפּאַציע, אָך און וויי, ווייזט פאָרויס דעם וועג פון יידישקייט אין אַמעריקע. דער פּראָצעס וועט געדויערן לענגער, אָבער צו דעם גייט עס. דאָס איז דער וועג פון דער עגאָפּאָביע. זאָלן די דזשודאָיסטן זיך פרייען...

טראַגיש בולטע אויסדרוקן פון עגאָפּאָביע זענען געקומען אין די צייטן פון דער היטלער־טראַגעדיע און נאָך איר. עס איז ביי די יידן אין פּוילן ביז היינט געבליבן אַ געפיל אַז זייערע ברידער־יידן אין די פרייע לענדער האָבן וויניק זיך באַמיט זיי צו ראַטעווען. אַז די באַמיִונגען זענען געווען נישט גענוג האָט עפנטלעך מודה געווען אַזאַ אויטאָריטעט אין די ענינים ווי נחום גאָלדמאַן, אין אַ רעדע צום צוואַנציקסטן יאָרצייט פון געטאָ־אויפשטאַנד. קלאַנגען וועגן דעם גייען אַרום אויך פון אַנדערע קרייזן. אָבער די הויפּט־סיבה איז לויט מיין מיינונג געלעגן נישט אין די פירער, נאָר אין דער קעלטערער באַציִונג פון דעם כלל יידן, נישט געווען גענוג סטימולן פון די מאַסן אויף די פירער. פון וואַנען אָט די קעלטערע באַציִונג? — פון דעם וואָס עס איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן די עמאָציאָנעלע אידענטיפיקאַציע ביי די יידן אין אַמעריקע מיט די יידן אין איראָפּע. פון דער ערשטער וועלט־מלחמה ביז דער צווייטער איז די יידישע אידענטיפיקאַציע שטאַרק געפאַלן. עס וואָלט די איניציאַטיוו פון די פירער נישט געטראָפן קיין געהעריקן אָפּהילך.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז אַרויס אַ דייטשער שרייבער פון יידישן אָפּשטאַם מיט אַ גרויס ווערק וועגן דער שהיטה אויף די אַרמענער (פראַנק ווערפל: „פערציק טעג פון מוסאַ דאג"). נאָך דער גרויסער שחיטה אין דער צווייטער מלחמה אויף יידן איז געקומען אַ גראַנדיעזע חורבן־ליטעראַטור. אָבער זי איז אין גאַנצן געשאַפן פון יידישע שרייבער מיט יידיש־לשון (געציילטע אויסנאַמען). וואָס איז דער אָנטייל אין דער ליטעראַטור פון די יידן־שרייבער אין דייטש? — אין גאַנצן נול. גאָרנישט. איך רעד שוין נישט פון די ענגליש־שרייבנדיקע יידן: זיי זענען דאָך געווען ווייט, דירעקט נישט געליטן. דאָ איז אַ טיפע פּסיכישע טראַגעדיע. די דאָזיקע יידן לויטן אָפּשטאַם און דייטשן לויט זייער קולטור האָבן זיך אין גאַנצן אידענטיפיצירט מיט דייטשן. זייער יידישער אָפּשטאַם האָט ביי זיי אַרויסגערופן נאָר פאַרדרוס און אַ ווילן צו פאַרגעסן אָט דעם „אומאַנגענעם" צופאַל. אַל דאָס דייטשישע איז געפעלן, איז גוט, איז שיין; קיין שאָטן נישט צו וואַרפן אויף אָט דעם

„גרויסן" פאָלק מיט זיין „פּראַקטיקער" קולטור. פּונקט דאָס פאַרקערטע איז געווען אין געפּיל ביי אַ־די „דויטשן" פון יידישן אָפּשטאַם בנוגע צו יידן: אַ פאַרהאַסט פאָלק, מיט רעכט האָט מען עס פיינט... און אַט דאָס גרויסע פאָלק, מיט זיין גרויסער קולטור גענומען מאָרדן די יידן. זיי אויך, טאַקע די דייטשע יידן אויך, די דייטשן וואָס זענען אַזוי שטאָלץ געווען מיט זייער דייטשישקייט, וואָס האָבן פאַרגעסן אָדער געוואָלט פאַרגעסן זייער יידישן אָפּשטאַם, איז אַט מאָרדעט מען זיי אויך, צוזאַמען מיט די „פאַרהאַכטע אַסטיודען"... ווו איז דאָ פאַר אַט די „יודען" דער אויסוועג? וואָלטן זיי געקאָנט, וואָלטן זיי זיכער געגאַנגען מיט אַלע דייטשן. די „קאַפּאָס" אין די לאַגערן און זייער אויפפיר בנוגע צו די יידן קענען נאָר באַשטעטיקן די השערה. אָבער צו דער הייליקער מצווה האָט מען זיי — די יידישע דייטשן נישט צוגעלאָזט, פאַרקערט, האָט מען זיי מיט געוואָלט געטריבן צו זייער אָפּשטאַם — זיי, די בעסטע און ערלעכסטע טרעגער פון דער דייטשישער קולטור — זיי זענען גאָר אויך יידן, צוזאַמען מיט די פאַרהאַסטע יודען!... איין אויסוועג איז געבליבן פאַר אַט אומגליקלעכע דייטשן פון יידישן אָפּשטאַם — זיך אַליין נעמען דאָס לעבן ווי סטעפאַן צווייג האָט עס געטאָן און ער איז ווייט נישט געווען איינער. אָדער לאָזן עס טאָן די גרויסע דייטשן מיט זייערע הענט, ווייל עס איז נישט געווען קיין מוט אַפילו אויף דעם. נאָך דער מלחמה. געבליבן אויך פון זיי אַ ביסל. נישט קיין וואָרט, נישט קיין קללה, נישט קיין באַריכט, נישט קיין סטאַטיסטישער חשבון, גאָרנישט. טראַגישע שטומקייט. פּאָרט אַזאַ איינער צוריק אין „זיין" דייטשלאַנד, פּאָרט אַ „גרויסער יידישער דענקער" אַהין נעמען פון זיי אַ מעדאַל, צי אַ פּרעמיע... זיי זענען געבליבן דייטשן לויט זייערע עמאָציעס, עס ציט זיי צוריק... אפשר איז נאָך אינעווייניק אין די פאַרבאָרגענישן פון דער נשמה פאַראַן אַ שטיקל „צידוק הדין" — נישקשה, נישט קיין גרויסע זינד. מען האָט אויסגעראַמט נישט מער ווי יידן...

געציילטע פון זיי, מוטיקע יחידים האָבן די דרייסטקייט אַרויסצוקומען מיט ווערק. וואָס? איכמאַן? — אַן אומשולדיקע באַשעפעניש, נעבעך. דאָס האָבן יידן אַ כשרע נשמה אומגעבראַכט. זיי זענען צוריק דייטשן, זיי ציט עס צוריק צו די דייטשן. זיי וועלן זוכן אַלע מיטלען צו מאַכן קלענער די דייטשישע זינד, באַדאַי אַרויפוואַרפן די שולד אויף די קרבנות גופא. זיי האָבן דאָס אַליין געבראַכט אויף זיך די צרות... אין זייער עגאָפּאַבישער בלינדקייט פילן זיי נישט אַפילו דעם שוידער פון דערהרגענען אַ קינד לשם שפּיל און פאַרוויילונג, פון אָפּשינדן זיין הויט איינצובינדן ביכער. זיי פילן נישט דעם ווייטיק פון איזדעקעווען זיך איבער קליינע מיידעלעך, קינדער. זיי פילן נישט צוזאַמען מיט די אומברענגער אונדזערע דעם ריח פון קרעמאַטאָריעס... די

מאַמע פון דעם ערגסטן פאַרברעכער, מענטשנפרעסער וועט דאָך געפינען זכותים אויף איר זון!... און עס וווּנדערט מיך וואָס ערנסטע ייִדישע שרייבער נעמען פאָלעמיזירן מיט די לייט. נישט מיט פאָלעמיק קען מען די לייט אויסהיילן. מען דאַרף פאַר זיי אַ דאָקטער, אָבער ווו נעמט מען אַזאַ דאָקטער און אַזוינע רפואות? ווי היילט מען ייִדן פון דער עגאָפאָביע? עס איז אפשר כאַראַקטעריסטיש וואָס די עטלעכע דייטשישע פאַרטיידיקער פון ייִדישן אָפשטאַם, וואָס איך האָב וועגן זיי געהערט, זענען אַלע פון די „יאַהודים", פון די וואָס האָבן זיך געהאָדעוועט אויף דייטש. זיי געהערן היינט נאָך צו די וואָס זייער געהערן צום ייִדישן פאָלק איז פאַר זיי אַן אומגליק. זייער עפנטלעכער אַרויסטריט מיט די טעאָריעס פון דייטשישער אומשולד זענען בלויז אַן אויסדרוק פון זייער פאַרקריפּלטער נשמה, בלויז אַן אויסדרוק פון זייער שטאַרקער עגאָפאָביע. און איך מיין אַז זיי זענען אויפריכטיק אין זייערע געדאַנקען, עס איז ביי זיי נישט קיין געמאַכטע, צוגעטראַכטע רייד. זיי ווילן נישט אָפּנאַרן. זיי גלייבן טאַקע אין דעם וואָס זיי שרייבן. עס זענען דאָך פאַראַן מענטשן וואָס זעען זאַכן פאַרקערט ווי זיי זענען. דאָס איז אַ פסיכישע קראַנקייט אַזאַ.

איך מיין אַז אַזוינע ייִדן מיט אַזאַ קוקן אויף די זאַכן זענען פאַראַן אַ סך, אַ סך מער ווי מיר שטעלן זיך פאָר, זיי שרייבן אָבער נישט קיין ביכער. קענען מיר מאַכן אַזאַ גראַדאַציע: פאַראַן גוואַלדיק גרויסע סכומים ייִדן, איבערהויפּט אין די אַמעריקעס, ווייט פון יענער דייטשישער מגפה, וואָס האָבן לכתחילה גאָרנישט געפילט און גאָרנישט געוואָלט וויסן פון דער ייִדישער טראַגעדיע. נישט איצט, און אויך נישט אין דער סאַמע צייט פון די ברענענדיקע קרעמאַטאָריעס. עס האָט זיי ווייניקער גערירט ווי פוירל האַרבאָר־אָנפאַל, ווי די ערד־ציטערניש אין יוגאָסלאַוויע. מיט אידעען אָדער אָן אידעען, אָבער אָפּגעפרעמדט, ווייט, דער איינציקער באַגער: וואָס פריער פאַרגעסן די אייגענע שייכות צו ייִדן. די צאָלן פון אַזוינע ייִדן דערגרייכן זיכער צו מיליאָנען. און אויף וויפל עס זענען דאָ געוויסע און פאַרשיידענע סיבות וואָס לאָזן נישט פאַרגעסן דעם אָפשטאַם, אויף אַזוי פיל ווערט מען „אין כעס" אויף די ייִדן, ווערט מען שונאי־ישראל, ייִדישע אַנטיסעמיטן, שונאים פון אייגענע טאַטע־מאַמע, שונאים פון זיך אַליין, אַ טראַגישער אָביעקט פאַר אַ דאָסטאָיעווסקי־טאַלאַנט.

איך האַלט נישט אַז „עמך כולם צדיקים", איך ווייס אַז עס זענען ביי אונדז דאָ געגנוג פאַרברעכער, געווען אַ סך קאַפּאָס אין די לאַגערן, געווען אַ סך ייִדישע פאָלציאַנטן־אויסוורפן אין די געטאָס, געווען אַ סך פּראָוואָקאַטאָרן אין די צאַרישע צייטן ייִדן. געווען אַ סך טשעקיסטן ייִדן, וואָס האָבן מיט אַ סאַדיסטישן פאַרגעניגן געשאָסן מענטשן, געשטעלט „צום ווענטל", אַליין גע־

טאָן די שיינע אַרבעט אָדער געהייסן אַנדערע דאָס טאָן. געווען אין די היטלער־יאָרן יידן־מוסרים („אונטער קופּערנע הימלען" פון י. עלבערג). איך קען זיך אויך פאָרשטעלן, אַז אַפילו צווישן די יידישע געזעלשאַפטלעכע טוער, זענען ווייט נישט אַלע געווען באַשאַנקען מיט אַ פולער אהבת ישראל, עס זאָל זיי זיי טאָן יעדער טראָפן יידיש בלוט... איך קען עס אַלץ אָננעמען, אַלץ אָנער־קענען. איך זאָג אָבער אַז דאָס אַלץ איז אַ תולדה פון אונדזער עגאָפּאָביע אין אירע פאַרשיידענע מדרגות־שוואַכער, שטאַרקער און אין אירע אַלערליי גע־שטאַלטן ווי זי האָט זיך באַוויזן און ווי זי דריקט זיך אויס איצט. און נאָך מער ווי פאַל זי וויזט זיך אַרויס אין דער עפנטלעכקייט, נאָך מער איז זי פאַר־סיווי. נאָך פאַרשפּרייטער איז איר פּאַסיווע פאָרעם — לאָזט געמאַך, דרייט נישט קיין קאָפּ מיט אייער יידישקייט, לאָזט פאַרגעסן... צו דרייסטער, אָפענער עגאָפאָבישער באַשולדיקונג פון יידן וועלן, פאַרשטייט זיך, דערגיין אַזוינע „יידן" פון דייטשישן אָפּשטאַם מער ווי יידן אין אַלע אַנדערע לענדער: זיי איז שווערער צו פאַרגעסן די גאַנצע טראַגעדיע, מוזן זיי זוכן אַנדערע שולדיקע, מחוץ „זייערע" דייטשן. דאָס איז אונדזער נאַציאָנאַלע קראַנקייט.

אין דער ניו־יאָרקער יידישער פּרעסע איז געווען אַפילו אַ קריטיק אָדער דיסקוסיעס וועגן די שריפטן פון אָט־די „יידן"־שרייבער, דענקער וואָס זענען אַרויסגעטראָטן מיט ווערק גאַנצע, ווו זיי באַמיען זיך צו פאַרמינערן די שולד פון די דייטשן און זיי וואַרפן אַ סך שולד אויף די יידן... יענע גאַגאָלס מעשה מיט דער אָרעמער אלמנה וואָס האָט זיך אַליין אָפּגעשמיסן... כ'וויס נישט צי דאָ איז אַן אָרט פאַר ערנסטער לאָגישער קריטיק. אפשר איז עס גאָר אַן ענין פאַר פּסיכיאַטריע. בכל אופן איז קודם־כל אַ רחמנות אויף זיי: שווער צו זאָגן וואָס די מענטשן האָבן געפילט אין דער צייט פון די שחיטות גופא, ווען זיי האָבן זיך געראַטעוועט. אָבער איצט, שוין צוואַנציק יאָר שפּעטער איז ביי זיי אַ מין בענקעניש צוריק „אַהיים", צו די דייטשן. און מ'זוכט איינצוקויפן זיך אין פריינדשאַפט. אַזוי מוזן זיך פילן מענטשן, וואָס זענען קינדוויז אונטער־געוואָרפן געוואָרן אונטער פרעמדע טירן. זיי האָבן נישט קיין עלטערן, קיין מאַמע און טאַטע. אין דער „פרעמדער היים", ווילן זיי אַדאָפּטירט צו ווערן, אָבער זיי בלייבן דאָך פרעמד. זיי ווילן חלשן אַ טראָפּן ליבע פון די אַדאָפּ־טירער, — און זיי קריגן עס נישט. און קיין אייגענע מאַמע קען מען נישט, ווייס מען נישט...

דאָס איז די טראַגעדיע פון יענע יידן, כלומרשט אַריינגעלעבטע אין פרעמדע קולטורן, אין פרעמדע פעלקער. זיי קענען זיין זייער געבילדעט, פּראָפעסאָרן, — און וואָס מער געבילדעט, אַלץ טראַגישער איז זייער געפיל... אָרעמע, אָרעמע יידן וואָס וואַרפן זיך אַליין אונטער אין פרעמדע קולטור־

היימען! מענטשן וואָס קענען און וויסן נישט זייער אייגענעם פאָלקישן אָפּ־שטאָם, אַן אייגענע טאַטע־מאַמע, אָן אַ פאָלק, טוליען זיי זיך צו פרעמדע קול־טורן, זיי באַמיִען זיך אַדאַפּטירט צו ווערן, און זיי טרעפן אַ שינאה. פאָלקס־באַוווסטזיין איז אַ סך מער ווי וויסן אַז מען איז אַ ייִד, — עס ליגט אַ סך טיפער, אין אונטערבאַוווסטזיין, אין די פסיכאָ־פיזישע רעאַקציעס... איז דאָס אַלץ פאַרהאַסט ביי די מענטשן גופא. ווילן זיי אַדאַפּטירט ווערן אין אַ צווייטן פאָלק אַריין, אָבער — ווי צו זיי! — מען קען אַדאַפּטירן, אויסלערנען די גאַנצע ליטעראַטור און שפּראַך און זיטן און שטייגער פון עמעצן, אָבער מען קען קיין פאָלק נישט אַדאַפּטירן. אַוודאי קען מען זיך פאַרשרייבן פאַר אַ דייטש, פאַר וואָס מען וויל, אָבער מען בלייבט דאָך אַ „צוגעשריבענער", נישט קיין אָרגאַנישער. קען אַן אָרגאַנישער דייטש, מיט אַ דייטשישן דורותדיקן אונטערבאַוווסטזיין אַרויסטרעטן שאַרף און שאַרפער קעגן דעם דייטשישן פאָלק און זיינע רציחות, ער איז און ער בלייבט אַ דייטש. די ייִדן־דייטשן אָבער נעבעך — זיי ווילן זיך צוטוליען צו דייטשישקייט, זיי וועלן שרייען העכער פון אַלע דייטשן „דויטשלאַנד, דויטשלאַנד איבער אַלעס!" און זיי וועלן בלייבן פרעמדע, „אונטערגעוואָרפענע" דייטשן, אַדאַפּטירטע אפשר יאָ, אָבער נישט קיין אָר־גאַנישע — זיכער נישט...

איז עס גוט די „בנונים" אין ארץ־ישראל: נישטאָ דאָך קיין לעבעדיקע בנונים, וואָס מען זאָל זיך דאַרפן אַריינבעטן צו זיי, — מען שאַפט זיך אַן אילוזיע פון אַ פאָלק, און אַבי נישט קיין ייִדן. אַנדערש איז עס אָבער ווען מען וויל זיך אַריינקריגן אין לעבעדיקע פעלקער. אויב די ווילן נישט אַדאַפּטירן, האָט מען סטאַלינען קיין מאָל נישט אויפגעוואָרפן וואָס ער איז נישט קיין רוס מבטן ומלידה, אָבער טראָצקין האָט מען דאָס כסדר אויפגעוואָרפן. האָט דער געטרייסטער דייטש, דער קולטורעלסטער דייטש און דער וואָס האָט אַזוי פיל גוטס געבראַכט דייטשלאַנד נאָך דער ערשטער וועלט־מילחמה, ראַטענוי, באַ־צאָלט מיט זיין לעבן פאַר זיין „ייִדישקייט". דאָס איז שוין די ספּעציפישע באַציִונג צו ייִדן: נישט נאָר קענען זיך אַזוינע ייִדן נישט אַריינגנבענען אין אַנדערע פעלקער, נאָר פאַר די אַנדערע פעלקער בלייבן זיי פאַרט, נישט גע־קוקט אויף אַלע זייערע אָנשטרענגונגען — „פּאַספּאַרטלאָזע בראָדיאַגעס"... סטאַלינען האָט מען אַדאַפּטירט פאַר אַ רוס, — טראָצקין — נישט. וויפל מאָל יענער טיף ייִדן האָבן דאָס געהערט אומעטום, און חזרן זיי כסדר איבער זייערע באַמיִונגען אין אַלע לענדער — אַריינדרינגען אין דעם הויפּט־פאָלק. עס העלפט זיי נישט, אָבער זיי באַמיִען זיך ווייטער. איז אין צייט פון דער דירעקטער סכנה, אין צייט פון די שחיטות, זענען זיי געלאָפן, גערעטע־זועט זייער לעבן מיט די פאַרהאַסטע ייִדן צוגלייך. מען האָט אָנגעשפּאַרט

אַפילו קיין ארץ־ישראל. אָבער איצט, די דירעקטע סכנה איז אַריבער דער־היילן, זוכט מען וועגן צוריק, צו דעם פאָלק פון פּילאָסאָפן און פּאָעטן... טראַגישע מענטשן. וואָס די פאַרהאַסטע יידן האָבן דאָס געקאָנט אָפּטאָן! כאַפּן אַן אומשולדיקן אייכמאַנען, נעבעך, אים משפּטן, און הענגען! אַזאַ עוולה! זייער דייטשישקייט קען עס נישט פאַרטראָגן! און נאָד אַלעם דעם ווילן נאָך די דייטשן זיי נישט אָנערקענען פאַר אמתע דייטשן!...

מען דאַרף זיין אַ גרויסער פּסיכאָלאָג־קינסטלער, כדי צו קענען איבער־זעצן אויף דער שפּראַך פון ווערטער דעם גאַנצן טיפן ברונעם פון ביטערקייט, וואָס עס פּילט אָן די נשמות פון אָט־די נישט־יידן און נישט־דייטשן, פון אָט די וואָס וואַרפן זיך אַליין אונטער ביי די טירן פון אַלע פעלקער, און די טירן זענען אָבער פאַרשלאָסן... רעדט נישט צו זיי וועגן זייער יידישן אָפּשטאַם — דאָס איז פאַר זיי זאַלץ אויף די ווונדן. ס'איז איינע פון די ביטערסטע פאָרמען פון דער עגאָפאָביע. אַ גאַטס רחמנות נעבעך אויף אָט די מענטשן אָן אַ פאָלק.

„אָן אַ היים און אָן אַ לאַנד", האָט אַמאָל געקלאָגט זיך אַ יידישער דיכ־טער. אָבער דאָס איז נישט דאָס ערגסטע פון דער תוכחה. ערגער איז אָן אַ פאָלק און אָן אַ גייסטיק־פאָלקישער היימישקייט; אָן אָן אונטערבאַוווסטזיניק פאָל־קישן „איך", וואָס ביי נאָרמאַלע מענטשן ליגט ער טיף אין דער נשמה אומ־באַוווסטזיניק, אין דער נאַטור, אין דעם „מאַרך פון די ביינער".

אין גרינגערע פאָרמען און אין קלענערע דאָזעס איז אָט־דאָס געפּיל פאַ־ראַן אַ סך מער פאַרשפּרייט. אָט איז אַ קליין בילד: אויף אַ לופטפּאָרט ערגעץ אין אַ לאַטיין־אַמעריקאַנער לאַנד האָב איך געזען צוויי צופעליקע גרופּעס מענטשן וואַרטן אויף זייער אַעראָפּלאַן. אַ גרופּע רוסן (דאַכט זיך — אַן אַר־טיסטן־אַנסאַמבל) און אַ גרופּע יידן. ווי די אַזוי יענע האָבן געוואַרט אויף אַן אַעראָפּלאַן. די יידן זענען געווען אַלטגעזעסענע, תושבים אין לאַנד; די רוסן — נאָר דורכפאָרער. ווי האָבן זיך געפירט די און יענע?

די רוסן — אָפן, דרייסט, נישט באַהאַלטן זייערע תנועות און העוויות, זייער נייגעריקייט צום עקזאָטישן, גאַנץ טומלדיק, ווייניק אַכט אויף די נייגע־ריקע בליקן פון דעם פרעמדן עולם; זיי זענען מיט זיך, פאַר זיך. טאַקע אין דער פרעמד, אָבער דאָס פרעמדע ענדערט נישט גאָרנישט זייער אויפפיר, זייער האַלטן זיך.

די יידן — זייער יידיש גאָר שטיל, קיין פרעמד אויער זאָל נישט דער־הערן. זייער שפּאַניש, פאַרקערט, גאַנץ הילכיק; אין זייער זיצן, אין זייער האַלטן זיך — מער קאָנצענטראַציע אויף דעם אַרום, אַ געצאַמטקייט בנוגע צו זיך, ווי אַלע וואָלטן אויף זיי געקוקט, ווי זיי וואָלטן גאָדאַרפט פאַר עמעצן יוצא זיין, זיך היטן. יענע זענען אין זייער האַלטונג, אין זייער אויפפיר געווען אין

גאַנצן נאַטירלעך — וואָס זיי זענען זענען זיי. די ייִדן זענען געווען בפירוש נישט נאַטירלעך, ווי זיי וואָלטן געגאַנגען אויף אַן אייז, ווו מען קען, חלילה, זיך אויסגליטשן. מען קען זיך גרינג פאָרשטעלן אַז אין אַן אייגענער, רייך ייִדישער געזעלשאַפט פאַלט אַראָפּ די אָנשטרענגונג, און די פרייקייט שטייגט שוין אַ ביסל אַריבער די דערלויבטע גרענעצן. דאָ קאָמפּענסירט מען זיך פאַר דער געצאַמטקייט אין דער פרעמד...

***

האָבן מיר זיך באַמיט אין די קאַפּיטלעך צו געבן אַ בילד פון עגאָפּאַביע־דערשיינונגען, ווי זיי ווייזן זיך אַרויס אין אַלע געביטן פון אונדזער לעבן, סיי ווען זי איז באַהאַלטן אינעם אונטערשלאַק פון דער טעטיקייט און נאָך מער ווען זי טרעט אַרויס אָפן און דרייסט. סיי ווען זי ווירקט אויף איינציקע מענטשן אָדער קליינע גרופּעס און סיי ווען זי באַווירקט גרעסערע גרופּעס, גאַנצע קיבוצים. די אַלגעמיינע ריכטונג אָבער איז איינע: די עגאָפּאַביע נעמט אַוועק פון די יחידים־ייִדן זייער פאַלקישקייט. נאַטירלעך טראָגט אין זיך יעדער בענטשן זיין פאַלקישקייט אַזוי ווי אַ טראָפּן וואַסער טראָגט אין זיך די אייגנשאַפטן פון וואַסער בכלל. אַט דאָס אַלגעמיינע, דאָט כללישע אין יעדן יחיד איז דער מאַגנעט וואָס ציט יעדן איינעם צו דעם צווייטן, ווי עס ציט איין טראָפּן וואַסער צו דעם צווייטן. די עגאָפּאַביע צעשטערט אָט די צוציִונג. בלייבן ייִדן באַזונדערע יחידים אָן געזעלשאַפטלעכקייט. ייִדן זענען דאָ, אָבער קיין ייִדישקייט איז שוין מער נישטאָ, קיין שעפערישע זיכער נישט. ייִדישקייט מוז אָבער זיין אַ סאָציאַלע קולטור, און אָדער זי איז אַן ענין פון קאָלעקטיוון, אָדער זי שטאַרבט אָפּ אין גאַנצן... באַזונדערע טראָפּנס וואַסער קענען זיך לאַנג נישט איינהאַלטן...

## ווי אַלט איז זי ביי אונדז די עגאָפּאַביע?

האָבן מיר זיך באַמיט צו ווייזן ווי שעדלעך די עגאָפּאַביע איז ביי אונדז אויף אַלע געביטן פון לעבן און אומעטום ווו מיר לעבן. שטעלט זיך אָבער אַ פראַגע ווי לאַנג איז זי ביי אונדז? ווי אַלט איז זי און פון וואַנען זי קומט? מען האָט ביי אונדז ליב צו וואַרפן אַלע צרות אויף דעם גלות — ער איז שולדיק אין אַלץ, אין אַלע אונדזערע חסרונות. איז די עגאָפּאַביע אויך אַ קינד פון גלות. איז עס זיכער אַן אמת, אַז דער גלות איז אַ דערשיינונג אַ ריין־ייִדישע, נישטאָ נאָך אַ פאָלק וואָס זאָל אויסהאַלטן אַזאַ לאַנגן, דויערנדיקן

גלות ווי מיר האָבן דאָס באַוויזן. און דאָס גלות־לעבן האָט זיכער אויף אונדז געווירקט. און דאָך בלייבט דאָך אַלץ די אַלטע קשיא — צי איז די עגאָפאָביע אַ תולדה פון גלות אָדער אפשר גאָר איז עס פאַרקערט? אפשר איז דער גלות אַ תולדה פון דער עגאָפאָביע. דאַרפן מיר זיך לאָזן אין אַ לענגערע עקס־קורסיע אין אונדזער געשיכטע אַריין. מיר זענען אַ פאָלק צעשפּרייט און צע־ברעקלט איבער לענדער, איבער לענדער און פעלקער, און אַזוי לעבן מיר. איז אין דער צעשפּרייטקייט פאַראַן אַ ברכה, ווי די גמרא זאָגט עס און אויך נישט ווייניק קללות. און אין אַלע גלותן, אין אַלע לענדער חזרט זיך איבער כמעט די זעלביקע זאַך. מיר אַנטוויקלען עקאָנאָמישע געביטן אין לענדער, מיר שאַפן נייע אינדוסטריעס, קאָמערץ. מען רופט אונדז אַפילו, ווען מען דאַרף אונדז. נישט בלויז אין מיצרים האָבן מיר געבויט פּיתום און רעמסס, נישט בלויז דאָרטן האָבן מיר אַריינגעמויערט אין פרעמדע קולטור־פּיראַמידן די אייגענע קינדער... אָבער אין ערגעץ פאַרפעסטיקן מיר זיך נישט, אין ער־געץ שאַפן מיר נישט קיין אייגענעם פעסטן קאָלעקטיוו כדי צו קענען ביישטיין שטאַרקערע ווינטן. פון אָנהייב אָן בויען מיר צעשפּליטערט, און אָט די אָפּ־געזונדערטקייט ווערט אַלץ גרעסער, מיר מאַכן זי אַליין אַלץ גרעסער, מיר אַטאָמיזירן זיך אַליין אָנשטאָט צו פאַראייניקן זיך אין שטאַרקערע קאָלעק־טיוון. מיר שאַפן נישט אין ערגעץ קיין פעסטן מאַסיוו, נאָר אומעטום ציט אונדז צו צעשטויבונג. ווי עפּעס מיט אַ טראַגישער שלעכטער כוונה, כדי מיר זאָלן נישט קענען קעגנשטעלן זיך אַפילו דעם שוואַכן ווינט קעגן אונדז. די צעשפּליטערונג איז אונדז מער ניחא. דאַכט זיך אַ פאָלק מיט אַ גאָר לאַנגער דערפאַרונג, וואָלט דאַכט זיך, אַזאַ פאָלק געדאַרפט פון דער אייגענער פּראַק־טיק ווויסן, וואָלט אַזאַ פאָלק געדאַרפט לערנען, אַז נאָך די זיבן גוטע זאַטע יאָרן קומען מאָגערע, צרהדיקע יאָרן, אַז די ליכטיקע נעכט זענען גאָר נישט תמיד ליכטיק, אַז זיי האָבן אַ נאַטור צו ווערן פינצטער... וואָלט דאָך אַזאַ פאָלק געדאַרפט תמיד אין די גוטע יאָרן זאָרגן און פאַרפעסטיקן זיינע קאָלעקטיווע פּאָזיציעס על כל צרה שלא תבא... טוען אָבער יידן אַלע מאָל פאַרקערט — ווי מען קומט אין אַ לאַנד איז מען צוזאַמען נאָר כל־זמן מען געוווינט זיך צו, נאָך דעם הייבט זיך אָן אַ סדרה פון כסדרדיקע צעברעקלונג און צעשפּליטע־רונג. ווי עמעצער אַ שונא וואָס זיצט אין אונדז גופא שטופּט אונדז צו ווערן דער שוואַכסטע קרבן, דער גרינגסטער קרבן פאַר אַלע פאַרצוקער אונדזערע, ווי מיר אַליין וואָלטן געשטרעבט צו פאַרגרינגערן זיי די אַרבעט אונדז צו פאַרצוקן... און אָט דער אינעווייניקסטער דראַנג ביי אונדז אַליין — דאָס איז ווידער אונדזער עגאָפאָביע. מיר זענען אַלע מאָל שוואַך, אַ גוטער אָביעקט געשלאָגן צו ווערן פון אַלעמען וואָס האָבן הנאה פון שלאָגן. און פאַרוואָס

זענען מיר אייביק שוואַך? ווייל מיר טראַכטן נישט אין די זיבן גוטע יאָר וועגן די שלעכטע וואָס קומען תמיד נאָך זיי, ווייל מיר בויען נישט אונדזער כוח אין קאָלעקטיוו. און פאַרוואָס? ווייל אונדז איז נישט ליב אונדזער קאָלעקטיוו. ווידער אונדזער עגאָפּאַביע.

מיר זענען אין גלות. אין די גוטע יאָרן זענען מיר אין די גלותן „גליק־לעך", צופרידן: מיר זענען מיט לייטן גלייך! שטאָלץ און צופרידן זענען מיר אין די גוטע גלותן, און מיר טראַכטן נישט, קיין מאָל נישט, אַז... נאָך אַ ליכ־טיקן טאָג קומט אַ פינצטערע נאַכט, אַז נאָך די זיבן פעטע גוטע יאָר קומען שלעכטע יאָרן, אַז נאָך דעם ליבן זומער קומט דער בייזער ווינטער און —

אַז יעדער גוטער גלות ווערט פריִער אָדער שפּעטער אַלע מאָל שלעכט. אַז נאָר מיט אַ גוט־אָרגאַניזירטן קאָלעקטיוון כוח קען מען אין די גוטע יאָרן פאַרהיטן זיך פון אָנקום פון די שלעכטע יאָרן. דאָס אַלץ פאַרגעסן מיר, אַלע מאָל פאַרגעסן מיר.

און פאַרוואָס פאַרגעסן מיר? — ווייל אין די ערשטע גוטע יאָרן איז אונדז נישט ליב אַ יידישער קאָלעקטיוו, אונדז געפעלן תמיד מער די פרעמדע קאָלעקטיוון, און מיר ווילן אַהין אַריינדרינגען. דערפאַר איז אונדז נישט ליב אַ יידישער קאָלעקטיוו. ווידער אַמאָל די זעלביקע עגאָפּאָביע. מיר כאַפּן זיך איז שוין צו־שפּעט. אַלע מאָל אַזוי.

קליינע מיידעלעך שפּילן זיך גערן אין מאַמעס און טאַטעס. עלטערע מיידלעך ווילן דאָס נישט טאָן: זיי שעמען זיך שוין. יעדער אינסטינקט קומט צום אָנהייב אָפן, דרייסט. נאָך דעם הייבט ער זיך אָן צו באַהאַלטן. די ערשטע משכילים האָבן אָפן גערעדט און געשריבן, געבעטן זיך און געבעטלט ביי די בעלי־בתים, מען זאָל זיי אַריינגעמען אין דער „געזעלשאַפט" („סליאַניע" צו־נויפגיסן זיך — דער אידעאַל). שפּעטער, שוין נאָך די פּאָגראָמען האָבן יידן נישט פאַרלאָרן דעם דראַנג צו אַלץ וואָס איז פרעמד, נאָר מען שעמט זיך צו בעטן זיך אָפן, צו רייסן זיך פון אייגענעם קאָלעקטיוו. וואָס איז ביי יידן אין די אויגן אַ „געטאָ" אין די פרעמדע הויכגעשעצטע געזעלשאַפטן... דער דראַנג איז געבליבן, נאָר ער רעדט נישט. ער איז אַריבער אין דער מדרגה פון „אונטערשלאַק", אַפילו ביי די וואָס פוצן זיך אויס אין אַ „נאַציאָנאַלן" אוי־בערשלאַק. ווידער אַמאָל די עגאָפּאָביע. און דער אונטערשלאַק, מען זעט אים נישט אַרויס, ער איז פאַרבאָרגן, אָבער ער איז פאַרט נענטער צום לייב.

דאָ ליגט איינע פון אונדזערע אַנדערשקייטן, אָבער שוין לגמרי נישט קיין געבענטשטע: אַלע פעלקער שטרעבן צו פאַרזיכיקייט פון זייער נאַציאָ־נאַלע קאָלעקטיוון, יידן ווילן עס נישט, שרעקן זיך פאַר דעם. יאָרהונדערטער

לעבן פעלקער אין געמיינזאַמע טעריטאָריעס, און מען בלייבט באַזונדערע פעלקער — בעלגיע, שווייץ, קוויבעק אין קאַנאַדע, דרום־אַפריקע, און נאָך אַלע פעלקער זוכן סעפּאַראַציע, יידן — אַסימילאַציע. מען איז גליקלעך ווי נאָר מען לאָזט זיי. יידן פילן זיך נישט גוט מיט זייער יידישקייט. און נישט מחמת יידישע צרות, נאָר מחמת די יידישקייט גופא איז די צרה. שווער צו זיין אַ ייד, איבערהויפּט ווען מען לאָזט ווערן אויס ייד. האָט אַ ייד פון זיין יידישקייט ספיקות, אינעווייניקסטע פּראָבלעמען, אומצופרידנקייטן, זוכענישן, נער־ווענע קריגערייען, קעגנזייטיקע חשדים, אומאַכטונג, ביטול און האַס. די גאַנצע יידישקייט איז ווי אַ טונקעלער שאָטן, וואָס מאַכט אַ שוואַרצן פלעק אויפן וועג... דאָס לעבן פון יעדן ייד באַזונדער איז פול מיט שטורעמס־שטורעמלעך. סיידן מען פאַרגעסט זיך אָן איר. די אויסיידישונג איז אַן אויסלייזונג. אַ יידנס נשמה איז ווי אַן אָנגעגליטער שטיין. יעדער טראָפּן וואַסער זידט אויף מיט רעש. איינגעזונקען אין אַן עמער וואַסער, ווערט דער שטיין קיל, אָפּגעקילט, שטיל באַרויִקט, אויס מיט אַלע שטורעמס און מיט אַלע פּראָבלעמען, אַ שטיל פּלי־סנדיק טייכל איז דאָס לעבן. געווען ביי יידן אין רוסלאַנד שרייבערס וואָס האָבן געענוג און איבערגענוג אָנגעטומלט מיט „גרויסע יידישע און וועלטלעכע" פּראָבלעמען. און ווי נאָר מען האָט זיך אַ ביסעלע אונטערגעשמדט, זענען אַלע פּראָבלעמען אַוועק. דער הייסער שטיין האָט זיך אָפּגעקילט, אַלע ברויזענישן און אַלע „וועלט־שמאַרצן" זענען אויסגעהיילט געוואָרן... מען האָט עס אויך פריִער די אייגענע צעריסענע, עגאָפּאָבישע נשמה פּראָיעקטירט אויף דער וועלט...

מען זאָגט און מען שרייבט, אַז דער גלות האָט געבוירן די עגאָפּאָביע. מיר דאַכט זיך, אַז עס איז פאַרקערט: מיר זענען אין גלות, ווייל די עגאָפּאָביע ברענגט אויף אונדז די גלותן אַפילו ווען מיר זענען פאַר זיך. מיר דאַכט זיך, אַז די עגאָפּאָביע איז אַ סך עלטער פון גלות, און זי איז די מוטער פון גלות.

אין אַ פריִערדיקער אַרבעט („אונדזער גאַנג צווישן פעלקער"), האָב איך געשריבן, אַז די עגאָפּאָביע האָט זיך אָנגעהויבן אין משהס צייטן. משה האָט צו הויך געוועלט ציִען די יידן און די יידן האָבן זיך ווי נישט געלאָזן... איך טראַכט איצט, אַז די עגאָפּאָביע איז געבאָרן געוואָרן צוזאַמען מיט אונדזער פאָלק. אברהם האָט געהאַט צוויי זין. נאָר איינער איז געגאַנגען אין יידישקייט, דער צווייטער זון פון ערשטן יידן איז אַוועק זוכן עפּעס אַנדערש, עפּעס שע־נערס. יידישקייט איז אים — אברהמס עלטערן זון — נישט געפעלן געוואָרן.

יצחק האָט ווידער געהאַט צוויי זין. נאָר איינער איז געבליבן אין יידיש־קייט. דער צווייטער האָט שוין שטאַרק פיינט געהאַט זיין יידישן ברודער און ער חלומט שוין וועגן מאַכן פּאָגראָמען אויף יידן... יעקבס אַלע זין בלייבן

אין ייִדישקייט, אָבער זיי לאָזן זיך אַלע בעסער, זאַטער אין גלות אַריין. דאָרטן איז מען גליקלעכער, זאַטער. זיי שלעפּן נאָך מיט דעם אַלטן טאַטן. און אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה גלותן.

און משה — דער גרויסער טרוימער און קעמפער האָט טאַקע פאַרטראַכט צו נעמען אַן אָנגעליטן, אויסגעמאַטערט פאָלק און עס מאַכן פאַר אַ „ממלכת כוהנים וגוי קדוש", — אַ מוסטער־פאָלק, אַ פאָלק וואָס ברענגט אַראָפּ די געטלעכקייט פון די־הימלען און פירט עס איין אין אייגענעם לעבן. אַז משה האָט דאָס גענומען פאַרווירקלעכן, — האָט ער טאַקע אָנגעטראָפן אויף גאָר די שווערקייטן. דאָס פאָלק, וואָס משה האָט געוואָלט אויפבויען פאַר אַ מוסטער פאַר אַלע אַנדערע, האָט גאָר געבענקט נאָך די ציבעלעס מיטן קנאָבל פון מיצרים, דאָס פאָלק האָט נישט געקאָנט פאַרגעסן די פולע טעפּ מיט פלייש, וואָס פּרעה האָט געשאָנקען זיינע אומזיסטע אַרבעטער, כדי זיי זאָלן בעסער קענען אַרבעטן פאַר אים... און פאַרוואָס טאַקע נישט קיין שיינעם „אמתן" גאָט פון גאָלד, טאַקע ווי די פּריצים, די מיצרים אַליין האָבן געהאַט. און דער גוטער אהרן, דער כוהן, טאַקע משהס אַ ברודער, אָבער ער איז אַ כוהן, אַ דינער, ער איז נישט קיין נביא, קיין קעמפער, ער גייט מיטן פאָלק, ווילט איר אַ קעלבערנעם גאָט, — נאַט אייך. אָט אַזוי איז דאָס פאָלק און זיין כוהן. און אַז משה זעט עס... דאָס פאָלק וויל אַ גאָט! וויל פלייש, וויל ציבעלעס מיט קנאָבל! היינט איז ביי די שכנים פאַראַן אַזאַ „געשמאַקער" גאָט, ווי דער בעל־פעור. בלויז פאַרגעניגן גיט דער גאָט. און דער שלעכטער משה לאָזט נישט! וואָס וויל ער, דער בייזער טרוימער? וואָס איז עס ביי אים פאַר אַ גאָט אַזאַ, וואָס מען זעט נישט, און וואָס רק לא און לא — מען טאָר נישט און מען טאָר נישט און מען טאָר ווידער נישט? אַזאַ מאָדנער משה מיט זיין מאָדנעם גאָט... עס ציט אַזוי צו אַלע אַנדערע שיינע און פיינע, און געפּוצטע געטער, צו אַלע געשמאַקע פאַרגעניגנס וואָס די גוטע געטער גיבן. און ער — משה — לאָזט נישט! פאַרוואָס זאָל מען וועלן זיין ייִדן? פון אָנהייב אָן ווילן ייִדן נישט קיין ייִדישקייט. נישט אומזיסט איז אין גמרא פאַראַן אַ מעשה וואָס איז צוגע־טראַכט געוואָרן מסתמא ווי אַ וויץ אויפן חשבון פון ייִדן. ייִדן האָבן דאָך ליב אָפּצולאַכן פון זיך אַליין אויך. ווערט דערציילט, אַז די ייִדן האָבן ביים באַרג סיני גאָר נישט געוואָלט נעמען די תורה, באשר גאָט האָט גענומען דעם באַרג איבער זייערע קעפּ און האָט אַ ברום געטאָן: וועט איר נעמען די תורה איז גוט און טאָמער נישט — איז דאָ אייער קבורה!... האָבן ייִדן זיך שטאַרק דער־שראָקן. וואָס האָבן זיי נעבעך געקאָנט טאָן אין אַזאַ סכנה?...

זעענדיק דאָס פון אָנהייב אָן געווען צווייַ באַזונדערע און פאַרשיידענע וועגן — ייִדישקייט איז לכתחילה אַוועק אַן אַנדער וועג, נישט ווי די אַלע אַנדערע

פעלקער. דאַכט זיך מיר אַז דער הויפּט־אונטערשייד פון ייִדישקייט איז פון אַנהייב אָן געווען אַ טאָפּלטער:

1. איינצאַמען אינסטינקטן, אָנשטאָט זיי צו פאַרהייליקן. דער אייביקער ייִדישער „מען טאָר נישט", אָנשטאָט „פאַר גאָט מעג מען אַלץ".

2. די דעמאַטעריאַליזאַציע פון גאָט־באַגריף.

מיר דאַכט זיך אַז די צוויי שטריכן פון ייִדישקייט גייען אין ייִדישקייט פון אייביק אָן און ביז היינט.

אָבער ביידע יסודות פון ייִדישקייט זענען שווער, זיי קומען אין קאָנפליקט מיט דער עצם־נאַטור פון מענטשן, מיט דעם „יצר הרע". איך ווייס גאָרנישט צי עס איז פאַראַן אַ באַזונדערער „יצר טוב". איך גלייב אַז עס איז פאַראַן איין יצר־אינסטינקט. נאָר ייִדן האָבן אויסגעטראַכט פאַר אים דעם עפּיטעט „הרע" און אויסגעטראַכט אַ קעגנער פאַר אים „יצר טוב", וואָס מען דאַרף אים ערשט איינפלאַנצן אין מענטשן, ווייל פון לכתחילה איז ער גאָר נישטאָ.

אויך דער צווייטער פּרינציפּ פון ייִדישקייט, דער „לא תעשה לך כל פסל" — איז זייער שווער פאַר מענטשן צו באַגרייפן. געטלעכקייט אָנשטאָט געטער — דאָס איז שוין גאָר אַ הויכע מדרגה פון דענקען. „עס איז שווער צו זיין אַ ייִד", נישט נאָר מחמת גזירות פון רשעים־הערשער. עס איז אין עצם תוך אירן ייִדישקייט אַ שווערע הלכה. האָבן די נביאים געהאַט אַ לאַנגן און שווערן קאַמף דורך דורות. איך בין נישט מסכים מיט דעם מאמר אין דער גמרא, אַז המנס גזירה אומצובערענגען די ייִדן האָט מער אומגעקערט ייִדן צו ייִדישקייט ווי די אַכט און פערציק נביאים און זיבן נביאות (מגילה, י"ד, ע"א). ווען נישט די נביאים וואָלטן נישט געווען קיין סופרים און ווען נישט קיין סופרים, וואָלט נישט געווען קיין כנסת הגדולה און אַזוי ווייטער. וועגן דעם מאמר מעג מען זאָגן: „לשון גוזמא קאתני". ווי עס זאָל נישט זיין האָבן די נביאים געמוזט לאַנג און שווער קעמפן, ייִדן זאָלן זיך נישט אַסימילירן. און דאָ איז אויך די סיבה פאַרוואָס דער גורל פון יהודה איז געווען אַנדערש פון דעם גורל פון מלכות ישראל. די לעצטע האָט געהאַט רייכערע און קולטורעלע שכנים. האָבן זיך ייִדן דאָרטן אַ סך מער און גיכער אַסימילירט, אָפּגעשוואַכט געוואָרן אַ סך פריִער ווי די שוואַכערע און קלענערע יהודה. און ווי נאָר די דאָרטיקע ייִדן זענען געקומען אין גלות, אַזוי האָבן זיי זיך ענדגילטיק אַסימילירט, אַז פון זיי איז געבליבן בלויז אַ לעגענדע וועגן די ייִדן אויף יענער זייט סמבטיון.

האָט זיך די קלענערע און שוואַכערע יהודה געהאַלטן לענגער. פאַרוואָס? — ווייל אַרום, אין שכנות זענען געווען קליינע און שוואַכע פעלקערלעך, אָרע־

מע, און מיט אַזוינע אַסימילירן זיך ייִדן נישט אַזוי גערן. האָט זיך ביי זיי טאַקע ערשט אין גלות אויסגעשמידט אַ פאָלק מיט אַ באַוווסטזיין, מיט אַ פאָלקישער נאַציאָנאַלער אחריות. האָט דאָס פאָלק יהודה שוין אין גלות גענומען בויען אַ נאַציאָנאַלע קולטור־אויטאָנאָמיע, פון היימישע ציגל געבויט, פון פאָלקישע און פאָלקלאָריסטישע מאַטעריאַלן אַ תורה געשאַפן, אַ תורה פאַרפעסטיקט, אַ תורה וואָס האָט דאָס פאָלק צוריק צונויפגעבויט צעמענטירט און געבראַכט צוריק אין יהודה, און דאָרטן, אין דעם אייגענעם לאַנד, אויף דעם אייגענעם באָדן געפונען אַ פולשטענדיקע אַסימילאַציע, ווי נחמיה דערציילט עס. לויט דער גמרא ווערט די תורה כסדר פאַרגעסן אין ארץ־ישראל און עולים פון גלות באַנייען זי (סוכה, כ׳, א׳). דווקא אין דער היים, האָט דאָס פאָלק „אשר לא הלכו בגולה" פאַרגעסן די אייגענע שפּראַך, פאַרגעסן די גאַנצע ייִדישקייט, און עזרא האָט זי ווי כמעט פון דאָס ניי געגעבן. און טאַקע פון גלות. איז טאַקע משהס אידעאַל וועגן ממלכת כוהנים יאָ מקוים געוואָרן, אָבער נאָר ביי אַ טייל פון ייִדן לויטן אָפּשטאַם און דאָס — אין יאָרהונדערטער אַרום.

איז טאַקע דער געשיכטלעכער וועג פון ייִדישקייט געגאַנגען ווי עס רעכנט אויס די ערשטע משנה אין פרקי אָבות, אָבער אַלע מאָל איז פאַראַן ביי ייִדן אַן אומווילן צו טראָגן אָט די אַנדערשדיקע ייִדישקייט וואָס איז דערצו נאָך שווער, הן מצד די בעלי־בתים און הן אַליין מצד איר מאָראַל. איז אָט פון וואַנען עס וואַקסט אויס די עגאָפּאָביע. איז אין צייטן מיט דרויסנדיקע שוועריקייטן, אין צייטן פון דרוק און צוואַנג, ווערט די אינעווייניקסטע מאָראַלישע שוועריקייט גרינגער, ווערט די עגאָפּאָביע אַ סך שוואַכער. אָבער אין צייטן גרינגערע, ווען דער דרויסנדיקער דרוק ווערט קלענער, דעמאָלט שטאַרקט זיך די אינעווייניקסטע שוועריקייט צו זיין אַ ייִד, די עגאָפּאָביע. פון אַמאָל, פון פאַרצייטנס און ביז אונדז איז עס אַ קאַפּיטל פון אונדזער נאַציאָנאַלער פּסיכאָלאָגיע: צוויי שוועריקייטן האָט ייִדישקייט — פון דרויסן און פון אינעווייניק. ווען איינע שטאַרקט זיך, שוואַכט זיך אָפּ די צווייטע. און דערמיט דערקלערט זיך דער אויפקום און אומקום פון העגעמאָן־שבטים אין ייִדישער געשיכטע. די שפּיל צווישן די צוויי קרעפטן איז די תורה פון אונדזער נאַציאָנאַלן קיום. ווי אַלט איז אונדזער עגאָפּאָביע? — אַזוי אַלט ווי אונדזער געשיכטע. שטאַרקער אָדער שוואַכער, אָבער זי לאָזט אונדז נישט אָפּ.

## עגאָפּאָביע און אונדזער געשיכטע

די געשיכטע פון אַלע פעלקער איז כמעט תמיד — די געשיכטע פון דעם פאָלקס מילחמות. מילחמות מיט שונאים, מיט אַנדערע פעלקער. די ייִדישע

געשיכטע איז אויך פול מיט מילחמות. די הויפּט־מילחמות זענען אָבער אי־נעווייניקסטע, אין פאָלק גופא קומען זיי פאָר. דאָס איז די כסדרדיקע מילחמה צווישן דער עגאָפאָביע אין אירע פאַרשיידענע געשטאַלטן און דעם קעגנגע־זעצטן דראַנג צו קיום. ווידער האָט אויך דער דראַנג געהאַט זיינע פאַרשיי־דענע געשטאַלטן און נעמען. אַלע מאָל איז עס אָבער געווען אַ קאַמף פון צו־צענטרישע דראַנגען און פונצענטרישע. די פונצענטרישע האָבן תמיד געצויגן צו פרעמדע פאָרמען פון לעבן און דענקען און די צ־צענטרישע האָבן געשטרעבט צו אַנדערשקייט, פאַרזיכיקייט. עס איז געווען אַלע מאָל די עגאָפאָביע און איר קעגנזאַץ — אהבת ישראל, ריכטיקער — אהבת היידישקייט. די פאַר־זיכיקע אַנדערשקייט איז תמיד געווען אידענטיש מיט קיום, און די עגאָפאָביע האָט תמיד געפירט צו אונטערגאַנג.

איז גאָר צום אַנהייב געווען דער קאַמף צווישן דעם גאָט פון אברהם און די געטער פון אַנדערע פעלקער, די גאָלדענע קאַלב און די בעל־געטער. דאָס דינען דעם אָדער יענעם גאָט — האָט באַטייט די אָדער יענע קולטור — די אייגענע אָדער די פרעמדע, פון צווייטן פאָלק, אייגנס אָדער פרעמדס, גאָט פון די אָבות, פון דער אייגענער טראַדיציע אָדער די געטער פון די פרעמדע, שכנישע פעלקער. און דער קאַמף איז געווען אַ דויערנדיקער. וויפל דראַמאַ־טישקייט עס ליגט אין דער געשיכטע מיט די בני ריכב, וואָס ווילן נישט אָנ־נעמען די אַגריקולטור, ווייל דער ערשטער פאָטער זייערער יהונדב בן ריכב האָט זיי אַזוי אָנגעזאָגט, היטן זיי די נאָמאַדן־טראַדיציע און ירמיהו ברענגט זיי ערב דעם חורבן ווי אַ ביישפּיל צו די יידן (ירמיהו, ל"ה) און נישט אומ־זיסט טוט עס אים ווי וואָס די יידן וואַרפן אַוועק זייערע אייגענע קוואַלן פון לעבעדיק וואַסער און זיי גייען מאַכן גריבער וואָס קענען דאָס וואַסער אַפילו נישט איינהאַלטן. פרעמדע קולטור איז נישט שעפעריש, קוואַלט נישט. (ירמיהו, ב').

עס איז צום באַוווּנדערן דעם מוט פון די נביאים. ירמיהו, דער נביא פון שוואַכן פאָלק ערב זיין חורבן, לאַכט־אָפּ פון די מאַטעריעלע, געמאַכטע געטער ביי אַנדערע פעלקער, און נאָך מער טוט עס ישעיה דער צווייטער, אין גלות גופא. אָבער זייערע קעגנער, די „פאַלשע נביאים" זענען לגמרי נישט קיין קלענערע מחנה און זיי ציט עס צו די פרעמדע, געפּוצטע, רייכע געטער און זייער קולטור. זיי זענען דורכגענומען מיט דער עגאָפאָביע, מיט דעם ביטול צו דער אָרעמער, גלותדיקער יידישקייט, וואָס, מ'שטיינס געזאָגט, איז זי לגבי דער רייכער הערשנדיקער קולטור פון דעם הערשנדיקן פאָלק... און דער קאַמף האָט זיך נישט איבערגעריסן. אין דער ערשטער העלפט פון בית שני, אין דער פערסישער תקופה איז די עגאָפאָביע שוואַכער געווען: דאָס הער־

שערישע פאָלק איז ווייט, און אַרום זענען עפּעס נישטאָ קיין מאַכטיקע גרופּעס מיט וועמען זיך צו אַסימילירן. איז דאָס געווען אַ רייכע, קולטור־שעפערישע תקופה. אַ פּאָר הונדערט יאָר, און עס איז אויסגעוואַקסן אַ גאַנץ פאָלק מיט אַ שטאַרקער אייגענער קולטור, מיט אַ גלויבן און מיט אַ קאַמף־מוט, ווייל גע־גלייבט אין זיך, ווייל די עגאָפּאָביע האָט אָפּגעלאָזן, שוואַכער געוואָרן.

נאָר אָט האָט אין צפון זיך באַוויזן אַ שטאַרק פאָלק, אַ נאָענטער שכן, מיט אַ גרינגער קאָמוניקאַציע צו אים! און עס איז ווידער אַוועק אַ דראַנג זיך אויס־צווייִדישן, פּטור צו ווערן פון ייִדישקייט. עס האָט זיך ווידער צעשפּילט די עגאָפּאָביע: לעבן זאָל די העלעניזאַציע! און אין אַ פּאָר צענדליק יאָר האָט עס געהאַלטן אַז פון יהודה זאָל גאָרנישט בלייבן. דאָס איז דער כוח פון עגאָפּאָביע ווען זי צעשפּילט זיך...

און די ייִדישע געשיכטע גייט ווייטער, עס גייט ווייטער די מילחמה צווישן דער עגאָפּאָביע און... ייִדישקייט. די ייִדישקייט רופט זיך איצט תורה, אורייתא. די עגאָפּאָביע טראָגט אַ מאַסקע פון אַ נאַציאָנאַלער מלוכה, „איי־גענע" קייסאָרים, גרויסמאַכט. די עגאָפּאָביע שטייט אײַן ביי דער אַריסטאָ־קראַטיע. איר „אויבערשלאַק" איז געפּוצט שיין, נאַציאָנאַל, רעליגיעז: זיי היטן די תורה פון משה. מער נישט איין קלייניקייט דאַרטן — זיי האַלטן נישט פון דער „פלעבעיִשער" העסלעכער פאָלקישקייט. דאָס איז מיאוס, נאַריש! די אַלטע תורה, משהס תורה — זי איז אַנדערש! זי דאַרף מען היטן אין איר ריינקייט! זאָל מען זי נישט „אַרומפּוצן" מיט די הייִנטיקע נאַרישקייטן... זיי זענען די צדיקים (צדוקים)... דער עגאָפּאָבישער אונטערשלאַק דאָ איז באַ־האַלטן... ער איז אָבער נענטער צום לייב, נענטער צו די אמתע מאָטיוון. אויסגעייִדישט זיך די צדוקים, נישט געבליבן אין ייִדישקייט, נישט געבליבן אין ייִדנטום. אָבער די עגאָפּאָביע איז נישט אויסגעגאַנגען. זענען אויפגע־קומען פאַרשיידענע פאַלשע משיחים; איז אויפגעקומען השכלה. איז אויפגע־קומען עמאַנציפּאַציע, איז פון איר אויפגעקומען אויטאָעמאַנציפּאַציע. איז פון אַן אַנדער צווייג פון דער השכלה אַרויסגעקומען: די וועלטלעכקייט. און אור־מעטום איז דער אונטערשלאַק דער זעלביקער — די עגאָפּאָביע... איז פון אַן אורהאַלטן שטאַם אַרויס דער גלויבן אין וועלטלעכער מאַכטיקייט — נישט תורה, נאָר מלוכה איז דער ציל: נישט תלמוד־תורה נאָר דינאַסטיעס וועלן אויפהאַלטן דעם קיום פון פאָלק, דאָס איז דער ציל פון קאָלעקטיווער ייִדיש־קייט... מצדה און בר־כוכבא איז איין וועג, יבנה און יוחנן בן זכאי — איז דער אַנדערער וועג... פאַרשיידענע געשטאַלטן האָט אָנגענומען דער געראַנגל צווישן די צוויי כוחות אין ייִדישקייט — צוצענטרישע און פונצענטרישע. פון אייביק ביז אייביק ציט זיך אונדזער געשיכטע, פון אייביק און ביז אייביק גייט זי —

אונדזער געשיכטע, צוזאַמען מיט איר שותף פון נוחן אָן, צוזאַמען מיט איר באַהאַלטענעם, אָבער גאָר שטאַרקן אונטערשלאַק, צוזאַמען מיט דער עגאָפּאַ־ביע, וואָס האָט אונדז קיין מאָל נישט אָפּגעלאָזט און וואָס איצט האָט זי זיך צעשפּילט גאָר שטאַרק אין אַלע אונדזערע נייע ישובים.

און דעם אמת געזאָגט, ווונדערט מיך נישט דער דראַנג צו אַסימילירן זיך, עס ווונדערט מיך דאָס פאַרקערטע — דער כוח פון יידישקייט, פון דער תורה. מיר האָבן אין פריערדיקן עסיי באַמיט זיך צו באַווייזן דעם „מאור שביהדות" — די גרויסע און טיפע העכערקייט פון יידישקייט, וואָס גילט אונטער דעם נאָמען תורה. קען זיך דאָך שטעלן די פראַגע, ווי גייען זיי צוזאַמען אָ די צוויי עלעמענטן פון אונדזער געשיכטע? ווי האָט די עגאָפּאָביע דערלאָזן די אַנטוויקלונג פון דער אַזוי אַנדערשדיקער יידישקייט? אין אַ סך פראַצעסן פון אונדזער געשיכטע האָבן מיר געזען די שפּיל צווישן אויבערשלאַק און אונטערשלאַק, און דער אונטערשלאַק איז על פי רוב שטאַרקער פון דעם אויבערשלאַק, ווערט דאָך די פראַגע נאָך שטאַרקער: ווי פאַרט האָט זיך ביי אונדז געקאָנט אַנטוויקלען די אייגנאַרטיקע יידישקייט? עס קומט אַ תרתי דסתרי — צוויי קעגנזאַצן איינצייטיק, צוויי כוחות וואָס קעמפן קעגן אַנאַנד.

האָבן מיר טאַקע אין אונדזער געשיכטע נישט קיין שטענדיקן גראַדן גאַנג. מיר דאַרפן קלאָר אונטערשיידן צייטן און ערטער. פאַראַן ביי אונדז צייטן פון אויפשטייג, אונדזער קולטור אַנטוויקלט זיך, ווי קיינע איבערווייניקסטע שטערן וואָלטן גאָר נישט געווען. און פאַראַן צייטן פון ירידה, צייטן ווען מיר פאַרלירן זיך אַליין, מיר פאַרלאָזן און פאַרגעסן אונדזער גאַנצע קולטור, מיר פאַרגעסן זי און ביז מיר פאַרלירן זיך אין דעם פרעמדן אַרום. און פאַראַן ערטער, לענדער פון אויפשטייג און לענדער פון ירידה אין דער זעלביקער צייט. בעת אין איין יידישן ישוב, אין איין לאַנד גייט אַ שטאַרקער קולטור־שעפערישער פראָצעס, גייט אין אַנדערע ישובים אַ פראָצעס פון ירידה, פון אַסימילאַציע און פאַסיליזאַציע. אָט די ישובים פון אויפשטייג רופט דובנאָוו אָן העגעמאָן־ישובים. קומט אויס, אַז עס איז גערעכט די גמרא מיט דעם מאמר אַז „צדקה עשה להם הקב"ה שפיזרם לבין האומות" (פסחים, פ"ז, ע"ב) און נישט דווקא ווי רש"י דערקלערט עס, כדי מען זאָל זיי נישט קענען אומברענגען מיט איין מאָל, נאָר אויך, זיי זאָלן אַליין נישט אונטערגיין מיט איין מאָל.

פרעגט זיך אָבער, פאַרוואָס איז ביי איין שבט, אין איין לאַנד פאַראַן אַן אויפשטייג או אין אַנדערע קומט פאָר אַ ירידה?

ביי גאָר אַ גרינגן אַנאַליז וועלן מיר זען, אַז אין אַלע צייטן און לענדער פון אויפשטייג האָבן דרויסנדיקע פאַקטאָרן אָפּגעשוואַכט די עגאָפּאָביע. עס

איז געווען די תנ"ך־תקופה, ווען יידן זענען געווען (אין יהודה) אָפּגעזונדערט געאָגראַפיש פון שטאַרקע פעלקער. עס איז געווען אין בבל, ווען יידן האָבן פשוט אין די עטלעכע צענדליק יאָר נישט באַוויזן זיך אויסצומישן מיטן הויפּט־פאָלק. עס איז שפּעטער געווען אין ארץ־ישראל אונטער פּרס, ווען יידן זענען געווען אָפּגעטיילט און דערווייטערט פון הערשנדיקן פאָלק דורך אַ גרויסן מידבר, אויך דורך אַנדערע אונטערטעניקע פעלקער, קליינע פעלקערלעך, וואָס מיט אַזוינע ווילן זיך יידן נישט אַסימילירן. איז אין אַזאַ צייט און אין אַזוינע סיטואַציעס די עגאָפּאָביע שוואַכער.

אין דער צווייטער העלפט פון בית־שני איז טאַקע די תורה איינגעשטאַנען נאָר ביי אַ טייל פון פאָלק, בעת דער צווייטער טייל האָט געזוכט מלוכה־שאַפט, לענדערייען, קולטור, דערנענטערונג צו קולטור־פעלקער. אין דער זעלביקער צייט האָט דער ערשטער טייל פון פאָלק, טאַקע דער „עמכהדיקער", זיך פאַרטיפט אין דער אייגענער יידישער תורה, און האָט נישט געוואָלט וויסן פון די פרעמדע רייכע קולטורן, פון די „סבי דבי אתונה" וכדומה, וכדומה. מען טאָר עס גאָרנישט. דאָס איז געווען אַ באַוווסטזיניקע פאָלקיסטישע ריכטונג ביי די פּרושים. עס איז געווען ווי אַ פּראָטעסט קעגן דער אַריסטאָקראַטיע מיט איר יאָגן זיך צו הויכע קולטורן... און מחמת דעם אַנטאַגאָניזם האָט מען שוין אויך נעגירט די גאַנצע פּאָליטישע פאַרזייכיקייט. מען האָט ווי נישט געזען די מלוכה, מיט די דינאַסטיעס, אַפילו די חשמונאישע, מיט די קריגערייען, מיט די מילחמות און בלוט־פאַרגיסונגען, מיט דער פּאָליטיק, מיט אַלץ. מלוכה אָדער תורה? די אַריסטאָקראַטיע האָט אירע אידעען, און דאָס פאָלק גייט זיין גאַנג.

דאָ האָט זיך איבערגעחזרט אין אַ שטאַרקערער מאָס דאָס וואָס איז געווען אין אַן ענלעכער סיטואַציע אין די צייטן פון ירמיה — פאַר מילחמה, פאַר זעלבשטענדיקייט, אויב אַפילו עס דראָט מיט אומקום אָדער פאַר אַ שלעכטן שלום, אויב אַפילו עס פירט צו אונטערטעניקייט, אַבי נאָר מען זאָל קענען גייסטיק, קולטורעל בלייבן פאַר זיך... האָט מיט אַ זעקס הונדערט יאָר פריער ירמיה ביי יידן נישט געווונען, זיי האָבן אים נישט געפאָלגט, געשיכטלעך אָבער האָט געוווּנען זיין אידעע.

און אַזוי אויך איצט, אין אַ ברייטערער מאָס, אין אַ דויערנדיקער צייט. עס האָט זיך איבערגעחזרט די דיסקוסיע אויף אַ מער בלוטיקן אופן: פאַר אַ זעלבסטמערדערישער מילחמה מיט רוים אָדער פאַר אונטערטעניקייט מיט „יבנה"... אויף דעם מאָמענט האָט געזיגט דער העלדישער יוחנן פון גוש־חלב, דער קעמפער. געשיכטלעך האָט דאָס יידישע פאָלק פאַר זיין קיום צו פאַרדאַנקען אַ צווייטן יוחנן — דעם בן זכאי.

און ווייטער איז די העגעמאָניע אַריבער קיין בבל. דאָ האָבן די יידן געלעבט באַזונדער, געאָגראַפיש טאַקע נאָענט, אָבער יורידיש, פּאָליטיש, געזעלשאַפטלעך אָפּגעטיילט.

איז שפּעטער די העגעמאָניע אַריבער צו אשכנז. געווען אונטער אַ וואַנט פון בלוט און אייזן, אָפּגעטיילט פון הערשער־פאָלק און ווי נאָר די וואַנט איז איינגעבראָכן געוואָרן דורך דער עמאַנציפּאַציע, האָט אשכנז פאַרלאָרן די העגעמאָניע און זי איז אַריבער צו מיזרח־אייראָפּע, ווו די יורידישע וואַנט האָט געהאַלטן די יידן אָפּגעטיילט פון דער הויפּט־באַפעלקערונג. אין אַלע איבעריקע סיטואַציעס האָט די עגאָפּאָביע נישט דערלאָזט די יידישקייט, די יידישע תורה זאָל זיך אַנטוויקלען אין איר פולער מאָס.

זענען די וויכטיקסטע צוויי שפּעטערישסטע תקופות אין דער יידישער געשיכטע טאַקע געווען די פּערסישע און די מיזרח־אייראָפּעישע.

אין דער ערשטער, פּערסישער תקופה איז געבוירן געוואָרן דער תלמוד אין דער פאָלקשפּראַך. די תקופה האָט טאַקע אויפגעשטעלט דאָס יידישע פאָלק באַזונדער פון אַלע אַנדערע פעלקער, איבערגעפורעמט, איבערגעשאַפן דאָס פאָלק, אַריבערגעפירט עס אויף לגמרי אַנדערע קולטור־רעלסן און אָנגעהויבן די לענגסטע, שפּעטערישסטע תלמודיש־שטעטלשע תקופה אין אונדזער געשיכטע.

די צווייטע, די מיזרח־אייראָפּעישע תקופה האָט ווידער אָנגעהויבן די פּרוכטבאַרע תקופה פון וועלטלעכער קולטור, וואָס האָט צו אונדזער אומגליק נישט געהאַט גענוג צייט זיך צו אַנטוויקלען אין איר פולער מאָס און צו ווערן פון אַ פאָלקישער (געבונדן צו איר תקופה) אין אַ נאַציאָנאַלער (אייביקער). די ביידע תקופות האָבן אַרויסגעהויבן ביידע מאָל די פאָלק־שפּראַכן ווי די יסודות פון דעם פאָלקס קולטור. און צוזאַמען מיט דעם פאָלקס שפּראַך האָבן זיי אַרויסגעהויבן דאָס פּשוט־פאָלקישע, דאָס טאָג־טעגלעכע פּשוטע אין פאָלק, אַרויסגעהויבן, פאַרוואַנדלט דאָס אין קולטור, דאָס פאָלקישע פאַרוואַנדלט אין נאַציאָנאַלע אוצרות. ביידע תקופות האָבן דערגרייכט זייערע הייכן דערפאַר וואָס זיי האָבן זיך געשטעלט מיטן פּנים צום פּשוטן פאָלק — „פּוק חזי עמא מאי דיבר", צו זיין שפּראַך און זיינע פּירונגען און געדאַנקען. און אין ביידע תקופות איז עס געווען נישט דאָס גאַנצע פאָלק, עס זענען געווען נאָר די עלעמענטן וואָס זענען געווען געשטימט פאָלקיש און דערפאַר פריי פון דער עגאָפּאָביע־קראַנקייט. אין ביידע תקופות זענען געווען און עס זענען דאָ גרויסע מאַסן, גרויסע שיכטן פון פאָלק וואָס ווילן נישט דאָס פאָלקישע, וואָס דערווייטערן זיך פון אַלץ וואָס עס איז פאָלקיש. און די געשיכטע ווייס זייער גורל. נישט איין מאָל שוין געווען...

מיר האָבן פריִער געזאָגט, אַז די וועלטלעכע, פאָלקישע קולטור פון אונדזער היינט האָט נישט געהאַט גענוג צייט זיך צו אַנטוויקלען אין איר פולער מאָס. איך דאַרף צוגעבן, אַז דאָס איז נישט די גאַנצע סיבה פון דער שוואַכקייט פון אונדזער וועלטלעכער, פאָלקישער קולטור. נישט נאָר די דרויסנדיקע צרות האָבן זי אונטערגעבראָכן, נאָר אויך די אינעווייניקסטע: זי האָט נישט געשאַפן קיין וועלטלעכע הלכה, קיין אייגענעם שטייגער לעבן, קיין פרינציפּן — אַט אַזוי דאַרף לעבן אַ וועלטלעכער ייִד, נישטאָ קיין וועלטלעכע דינים, קיין שקלא וטריא אַפילו ווי איז דער דין לויט וועלטלעכער פאָלקישקייט פון, לאָמיר זאָגן, אַ ביצה שנולדה, וכדומה. און נישט געשאַפן האָט עס די פאָלקיש־וועלטלעכע קולטור דערפאַר, ווייל זי איז נישט געווען און איז אויך איצט נישט פריי פון עגאָפּאָביע, גאָר נישט פריי... מיר האָבן פריִער אַ סך געשריבן וועגן דער עגאָפּאָביע אין ציוניזם, אין דער וועלטלעך־העברעיִשער קולטור. מען טאָר נישט באַהאַלטן, בשום אופן נישט, אַז די פאָלקיש־ייִדישע קולטור איז אויך גאַנץ שטאַרק פאַרפּעטיקט מיט עגאָפּאָביע... און אין דעם איר שוואַכקייט. דער העברעיִש־וועלטלעכער קולטור האָט לאַנג די עגאָפּאָביע געהאָלפן, שטאַרק געהאָלפן. דער וועלטלעך־ייִדישער קולטור האָט די עגאָפּאָביע נישט געהאָלפן און נישט געקאָנט העלפן... דערפאַר איר שוואַכקייט...

## די ספרדישע גאָלדענע תקופה און עגאָפּאָביע

פאַרבייגייענדיק אין אונדזערע באַטראַכטונגען ווערט אונדז אויך אויפגעקלערט נאָך אַ היסטאָרישע דערשיינונג. מיר האָבן פריִער שרייבנדיק וועגן דעם איבערגאַנג פון אונדזער העגעמאָניע פון לאַנד צו לאַנד, פון תקופה צו תקופה אין גאַנצן אויסגעמיטן די גלאַנציק־גאָלדענע תקופה פון ספרד, וואָס מיר שטאָלצירן מיט איר אַזוי שטאַרק. און אויסגעמיטן האָבן מיר די תקופה, נישט חלילה מחמת „ראַסיסטישע מחזקות" פון אַן אשכנזי קעגן ספרד. עס איז פאַר אונדז אַ כלל, אַז אַ העגעמאָן־שבט דאַרף איבערלאָזן אַ ירושה נישט אין אַרכיוון, נייערט דירעקט אין לעבן פון לעבעדיקע דורות. און זעט אַ וואונדער! אַזאַ פּראַכטיקע ליטעראַטור, אַזאַ פּאָעזיע, אַזאַ פילאָסאָפיע! אַזוינע גרויסע נעמען, באמת דאָך אַ גאָלדענע תקופה! און פאַרוואָס איז די גאַנצע קולטור נישט געבליבן אין פאָלק, אין לעבן? פאַרוואָס האָט מען די ליטעראַטור כמעט ווי אויסגעגראָבן פון אַרכיוון? פאַרוואָס איז דער גלאַנציקער, שטאָלצער שבט פון די באַרימטע „ספרדי טהור", גלייך נאָכן גירוש כמעט ווי אונטערגעגאַנגען? פאַרוואָס געפינט ער זיך ביז איצט אין צושטאַנד פון שטענדיקער ירידה, ווי קולטורעל אַזוי אויך עטנאָגראַפיש? פאַרוואָס האָט ער אַזוי גרינג איבערגעגעבן די בכורה צו די אשכנזים? פאַרוואָס?

זאָל מען זאָגן, אַז דער גירוש האָט געווירקט, — קענען זיך, דאַכט זיך, די אשכנזים פאַרמעסטן מיט די ספרדים אין צרות, גזירות און גירושים. דאָס האָט די אשכנזים נישט געפעלט קיין מאָל נישט. און איך שטעל זיך נישט פאָר. אַז די ספרדים קענען זיך „איבערנעמען" מיט אַזוי פיל פּאָגראָמען ווי די אשכנזים, וואָס אויף זיי איז מקוים געוואָרן דער פסוק פון חומש: „וואָס מער מען מאַטערט אים, אַלץ מער פאַרמערט ער זיך און אַלץ מער צעשפרייט ער זיך" (שמות א׳, 12). ווו־זשע ליגט די סיבה פון דער ירידה פון די ספרדים?

עס דאַכט זיך מיר אַז די סיבה ליגט אין דעם וואָס זייער קולטור האָט נישט קיין באַזיס פון פאָלקישקייט. דאָס זענען טאַקע גרויסע שאַפונגען, קיין פראַגע נישט, אָבער די שעפער פון די זאַכן זענען יחידים, גרויסע מעכטיקע, אָבער דאָך יחידים וואָס זענען גאָר ווייט אַוועק פון פשוטער פאָלקישקייט — הן אין אינהאַלט און הן אין שפראַך. נישט קענטיק אין די גרויסע פּאָעטישע און פילאָסאָפישע שאַפונגען די דירעקטע השפעה פון פאָלק, איז זייער גאַנצע קולטור געגליכן צו די שענסטע פרוכט וואָס מען האָט געקויפט... נישט פון פאָלקס לעבן און נישט פון פאָלקס געמיט אַרויסגעוואַקסן. די גרויסע און פּראַכטיק־שיינע קולטור איז נישט אַרויסגעוואַקסן פון פאָלק און פון זיין לעבן. און אַזאַ קולטור איז געגליכן צו ביימער וואָס האָבן נישט קיין וואָרצלען. איך גיב אָן דעם געדאַנק ווי אַ סברה, נישט דאָ איז דאָס אָרט ברייטער זיך אָפּצושטעלן אויף דעם. איך וויל נאָר זאָגן, אַז די יידישע שעפערישע אינטעליגענץ דאָרטן און דעמאָלט אָנגעפילט און אָנגעלערנט מיט דער גאַנצער גריכיש־אַראַבישער קולטור, האָט ווייניק אָדער גאָרנישט געשעפּט פון פאָלקס פשוטע קוואַלן, פון פאָלקס לעבן און דענקען. דערפאַר די דעגענעראַציע, דער אונטערגאַנג.

איך וויל מיט דעם כלל דערקלערן נאָך אַ דערשיינונג אין אונדזער געשיכטע. די בעלי־הגמרא האָבן ווי אָפּגעשניטן דעם תנ״ך: נישט לערנען צופיל, נישט אַריינגעמען נאָך ספרים. פון די כתובים אחרונים וואָס זענען געבליבן אין גריכיש קען מען זען, אַז עס זענען געווען נאָך אַנדערע גאָר געהויבענע ספרים, מען האָט זיי אָבער נישט אַריינגענומען אין תנ״ך. פון די נישט־לאַנג געפונענע מגילות איז אויך צו זען, אַז דער פּראָצעס פון שאַפן האָט זיך לגמרי נישט אָפּגעשטעלט. און ווער ווייס, ווער קען גאַראַנטירן, אַז עס זענען נישט געווען נאָך און נאָך ספרים, אָבער מיר האָבן זיי נישט, אין גאַנצן פאַרלאָרן. פרעגט זיך, פאַרוואָס אַזאַ שטרענגער אָפּקלייב? פאַרוואָס האָט זיך רבי עקיבא אַזוי שטאַרק איינגעשטעלט פאַר שיר־השירים און נישט פאַר חכמת בן סירה? פאַרוואָס האָט מען יאָ אַריינגענומען די געשיכטע פון ישראל־מלכים מיט זייערע אינטריגעס, און מען האָט נישט אַריינגענומען די

חשמונאים־ספרים? אַזוינע פראַגעס קען מען פרעגן אָן אַ סוף. מיר דאַכט זיך, אַז דאָ איז געווען אַ באַשטימטער אידעאָלאָגישער קריטעריום. אין די ערשטע ספרים פון תנ״ך איז פול מיט פאָלקלאָר. וואָס ווייטער ווערט די תנ״ך־ליטע־ראַטור אַלץ מער אינדיווידואַליסטיש, אַלץ וויניקער אָטעמט דאָרטן דער פאָלקישער געמיט. זיי זענען ווייט פון פשוטן פאָלקישן גייסט. און פאַר דעם האָבן זיי מורא געהאַט — די חכמי התלמוד, די פאָלקיסטישע אינטעליגענטן ווי מיר וואָלטן זיי היינט גערופן. עס פאַרדריסט מיר וואָס איך דערמאָן זיך נישט עפּעס פון די מקורים עס זאָל קענען אויסגענוצט ווערן ווי אַ סמך, אָבער אין זיך בין איך כמעט ווי זיכער אַז דאָס איז געווען דער יסוד פון אָפּקלייב: עס טאָר נישט זיין צו פיל אָפּגעריסן פון פאָלקסטימלעכקייט, פון פאָלקישן גייסט. און זיי — די חכמי־התלמוד — זענען דאָך געווען זייער פאָלקיש נישט נאָר בנוגע צו דער שפּראַך. זיי האָבן אַפילו די אידעען פון די גרעסטע אוי־טאָריטעטן איבערגעגעבן ווי זיי זענען געווען גאַנגבאַר אין פאָלק: האָט דער געזאָגט אין נאָמען פון דעם, און פון יענעם, אַז דער גדול האָט אַזוי געזאָגט. ענלעך קען מען איצט דאָס הערן אין אַ מסיבה פון חסידים ווי זיי הייבן אָן דערציילן די זאָגעכצן און מעשיות פון זייערע רביים. בעת פון תורה־שטאַנד־פונקט איז אָט די „תורה״ זייער פרימיטיוו. דער תלמוד אַנטקעגן דעם תנ״ך איז געווען ווי אַ קער „צוריק צום פאָלק״, און אַזוי איז אויך געווען די חסי־דישע באַוועגונג „צוריק צום פשוטן פאָלק״. דער ספרדישער גאָלדענער תקופה האָט געפעלט דאָס פאָלקישע, דער פשוטער ערדישער יוארצל פון די שיינע הימלישע בלומען. איך קען נישט זאָגן, אַז דאָרטן איז עס געווען מחמת עגאָ־פּאָביע, ווייל דאָס פאָלקישע איז אַפילו צו קיין דיסקוסיע נישט געקומען אין די ווערק פון די גרויסע ספרדישע שעפער. יאָ צי ניין, אָבער דאָס פאָלק זעען מיר נישט אין יענע שריפטן.

## די עגאָפאָביע און אונדזערע חורבנות

איך האָב שוין פריִער אָנגעמערקט, אַז די עגאָפאָביע שוואַכט־אָפּ אונדזער קאָלעקטיוו, אונדזער געמיינזאַמקייט, און אַז עס קומט די שעה פון ווידער־שטאַנד, איז נישטאָ קיין געמיינזאַמקייט. מיר אַליין שוואַכן זיך אָפּ, מיר צע־שפּאַלטן זיך און צעברעקלען זיך, ביז מיר פאַרלירן דעם כוח וואָס ליגט נאָר אין איר גאַנצקייט. זאָגט די גמרא (יומא, ט׳, ב׳): דער ערשטער בית־המיקדש איז חרוב געוואָרן, ווייל די ייִדן זענען געווען זינדיק ביז די גרעסטע עבירות. דער צווייטער בית־המיקדש איז חרוב געוואָרן, מחמת דער שינאת־חינם וואָס איז דאָרטן געווען. דאָס איז אַ לאַקאָנישער זאָג, ווי עס קומט כסדר אין דער גמרא — אין זאַץ, און דאָס איבעריקע איז „זיל וגמור״ — גיי, לערן אַליין.

און טאַקע איז דאָך געגוג צו לייענען יעדער געשיכטע פון צווייטן בית, פון די חשמונאים אָן צו זען, אַז טאַקע האָט די שינאת־חינם, די קריגערייען און רייסערייען חרוב געמאַכט דאָס לאַנד. דאָס וואָס די ערשטע העלפט צייט, די פערסישע תקופה האָט אויפגעבויט, האָט די צווייטע העלפט חרוב געמאַכט. ביסלעכווייז, אָבער געפירט כסדר צום חורבן. און פאַרוואָס דער אונטערשייד? דערפאַר אַליין וואָס ווי מיר האָבן שוין געשריבן, איז אין דער פערסישער תקופה די עגאָפאָביע געווען שוואַכער, אפשר נישט געווען אין גאַנצן, בכל־אופן נישט געקאָנט זיין אַקטיוו. אָבער ווי נאָר עס איז געוואָרן גרינג זיך צו העלעניזירן, געקומען די „גליקלעכע״ מעגלעכקייט פון אַסימילאַציע, איז שוין אויפגעקומען אויך די עגאָפאָביע, וואָס די גמרא רופט עס שינאת־חינם, קריגערייען, טראָן־איבערקערענישן, און ווען דער חלף איז שוין געלעגן אויפן האַלדז, און די רוימישע אַרמייען זענען געשטאַנען אַרום ירושלים, האָבן די יידן, די באַלאַ־גערטע, די אויסגעמאַטערטע, די הונגעריקע און דאָרשטיקע, נישט פאַרגעסן זיך צו קריגן צווישן זיך, צו הרגענען זיך פשוט... די רוימער האָבן זיך גאָר נישט געאיילט — זיי האָבן עס געוווּסט: לאָזט די יידן זיך קריגן, זיי וועלן שוין ברענגען דעם חורבן...

אגב, די חכמי התלמוד דערמאָנען כסדר דעם חורבן פון בית־המיקדש, זיי דערמאָנען אָבער נישט דעם חורבן פון דער מלוכה, ווי זיי וואָלטן עס לגמרי נישט באַדויערט... זיי האָבן בכלל כמעט נישט גענומען אין אַכט די פּאָליטישע מדינה, די מלוכה. די געשיכטע פון דער מלוכה האָט געשריבן יוסף פלאַוויוס... צי ער איז געווען אַ פאַררעטער אָדער נישט — נישט מיין פּראָבלעם, אָבער געשריבן האָט ער פאַר גוים, גויִיש, זיין נאָמען האָט ער פאַרגויִישט, — און אפשר האָט ער שוין געהאַט אַן אַנדער גערעדאַנקען־גאַנג אויך. געשריבן די גע־שיכטע האָבן אַנדערע, געפירט די יידישע געשיכטע, געלעבט די געשיכטע און זי געשאַפן — דאָס האָט די גמרא. און עס איז די ריכטיקסטע היסטאָריאָ־סאָפיע, אַז דער חורבן איז געקומען, מחמת דער שינאת־חינם, דער עגאָפאָביע. און אין ערשטן חורבן איז עס אויך געווען נישט קיין סך בעסער. די קריגערייען צווישן די נביאים פון שלום, ווי ירמיהו און די נביאים פון מילחמה איז נישט געווען קיין שלומדיקע און די הריגה פון גדליה איז אויך געווען אַ געוואוגנדיקע צרה, נישט אומזיסט האָט מען איינגעשטעלט אַ תענית. אין אַלץ דערפאַר וואָס יידן קענען זיך נישט צונויפרעדן. און דאָס מחמת דער עגאָפאָביע, מען האָט זיך פשוט פיינט.

און עס איז נישט בלויז די צוויי חורבנות. מען וואָלט געקאָנט אַלע אונ־דזערע חורבנות דערפירן צו דעם פּרינציפּ. מיר האָבן אויך געזען פריִער, אַז

די עגאָפאָביע הייבט אָן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער צו ווירקן אין ארץ־ישראל אין אַלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג, פון אונטן און ביז אויבן.

חזרן מיר איבער וואָס מיר האָבן שוין אויבן געזאָגט: נישט דער גלות האָט אַנטוויקלט אין אונדז די עגאָפאָביע, נאָר פאַרקערט, אונדזער עגאָפאָביע האָט געבראַכט די גלותן אויף אונדז. מיר זענען אין די גלותן דערפאַר, ווייל מיר קענען זיך נישט צונויפרעדן, ווייל אונדז איז ליבער צו זיין אין גלות ביי פרעמדע, איידער מיט אייגענע. מיר אָרדענען איין אונדזער זיין אין דער וועלט גלותדיק, נישט ווי קליינע אויטאָנאָמע ווינקעלעך, מחמת אונדזער עגאָפאָביע. און אַזוי כסדר. מיר גלייבן דאָך, אַז דער אויפפיר פון פאָלק שאַפט זיין געשיכטע, אַז דאָס אומגליק איז אַ דירעקטע תולדה פון דעם אויפפיר, אַז נישט די דרויסנדיקע פאַקטאָרן, די באַדינגונגען פורעמען דעם כאַראַקטער פון פאָלק, נאָר דער כאַראַקטער פון פאָלק בויט זיינע באַדינגונגען. און דאָס איז שוין געזאָגט געוואָרן: „און וויסן זאָל מען, אַז די ברכות און די קללות וואָס זענען פאַראַן אין דער תורה זענען נישט סתם ווי אַן אָפּצאָל און שטראָף. נאָר זיי זענען נאַטירלעך ממש. עס איז גלייך ווי דער זייער שניידט זיין זייונג. און מען זאָל נישט טראַכטן, אַז די שטראָפן וואָס די תורה רעדט פון זיי זענען ווי די שטראָפן וואָס מען באַשטראָפט אַ מענטשן פאַר נישט פאָלגן די געזעצן פון לאַנד. נישט אַזוי! נאָר זיי זענען ממש נאַטירלעכע" (של"ה, ח"א, דף י"א, ע"ב). אַזוי האָט עס אויך אָנגערופן רוסאָ — נאַטירלעכע שטראָפן. אונדזערע חורבנות און נישט דווקא די צוויי זענען נאַטירלעכע פּועל־יוצאס פון אונדזער אויפפיר, פון אונדזערע דרכים אין לעבן. אַזוי איז עס און אַנדערש קען עס נישט זיין. און אָט פאַרוואָס:

פאָלק, האָבן מיר געזאָגט פון אָנהייב אָן, דאָס איז אַ קאָלעקטיווער אָרגאַניזם. און ווי אַזאַ איז עס אַ סך מער ווי דער סכום פון די מענטשן וואָס געהערן צום פאָלק. וואַלד איז אַ סך מער ווי דער סכוםביימער וואָס וואַקסן דאָרט. און דער קאָלעקטיוו וואַלד האָט זיינע השפּעות אויף די יחידים ביימער, ווי אויך אויף אַנדערע קאָמפּאָנענטן פון דעם קאָלעקטיוו. אַזוי איז אויך דער קאָלעקטיוו פאָלק: יעדער איינער פון דעם פאָלק מוז זיך אונטערוואַרפן די אינטערעסן פון כלל.

און אַזוי ווי די קאָלעקטיווע אינטערעסן פון וואַלד ווערן אויסגעפירט דורך די יחידים־ביימער, פאַרשטייט זיך, אָן באַוווסטזיין און אָן וויסן אַפילו, אַזוי איז עס אויך אין אַ סך מענטשלעכע קאָלעקטיוון — פעלקער, אויב אַפילו דער אינדיוויד ווי אַזאַ ליידט גאָר פון דער האַנדלונג. די אינטערעסן פון כלל צעגייען זיך מיט די אינטערעסן פון פּרט. און דאָך ווערן די קאָלעקטיווע באַדערפעענישן געטאָן אַפילו צום שאָדן פון אינדיוויד וואָס טוט עס. און עס ווערט

געטאָן, אויסגעפירט נישט „לשם יחוד", אָן געפיל, אַז „אַט גיי איך טאָן אַ מיצווה". ביי יידן זענען אַט די קאָלעקטיווע אינטערעסן זייער אָפּגעשוואַכט, איז ווען עס קומט צו קאָנפליקטן צווישן דעם קאָלעקטיוו און אינדיוויד, צווישן דעם כלל און דעם פּרט. וועגן די פּרט־אינטערעסן אַריבער, און די כלל־אינטערעסן ווערן נישט אָפּגעהיט. „וואָס וועל איך האָבן דערפון?" — איז די שטענדיקע פראַגע. זענען ביי אונדז אַט־די קאָלעקטיווע פליכטן, די קאָלעקטיווע אינטערעסן נישט אַנטוויקלט, זענען אונטערדריקט. איז די עגאָפּאַביע ביי אונדז שטאַרקער.

דערפאַר האָבן די וואָס זענען טיפער געווען אַריינגעלעבט אין פאָלק, אין זיין געשיכטלעכן איך, דערפאַר אַז זיי האָבן יאָ געטראַכט געטריי און געווען איבערגעגעבן דעם פאָלק און זיין צוקונפט, דערפאַר האָבן זיי אַזוי פיל אַכט געלייגט, אַזוי פיל האָפענונגען געהאַט אויף דער תורה, אויף דעם לערנען, אויף תלמוד תורה.

אַ פאָלק האָט זיך געקליבן צו גיין אין גלות. אַ פאָלק האָט אָנגעוואָרן יעדער גלויבן אין מלוכה און פאָטערלאַנד. עס איז געקומען נישט מיט איין מאָל, עס האָט געדויערט פון ירמיהו אָן, עס זאָל איינגעוואָרצלט ווערן אַ גלויבן צו קענען זיין אַ פאָלק אויך אין גלות. איז נאָך איידער דער גלות האָט זיך אָנגעהויבן שוין די מערהייט פון פאָלק געווען צעשפּרייט. האָבן די טרעגער פון אייביקער יידישקייט דעם קיום פון כלל באַזירט אויף די איינהייטלעכע פירונגען, אויף די הלכות. איז דאָס געוואָרן די תורה, איז די תורה געוואָרן די גייסטיקע היים און פאָטערלאַנד. ווי נאָר זיי האָבן זיך איבערצייגט, אַז דער קיום פון פאָלק ליגט אין דער הלכה און נישט אין דער מלוכה, איז דער סכום הלכות דער עיקר פון דער תורה וויכטיקער ווי די תורת משה, און דער פּראָצעס פון שאַפן די הלכות, שאַפן זיי און פורעמען, זיי פעסטשטעלן לדורות איז געוואָרן דער תלמוד־תורה וואָס איז כנגד כולם, העכער און וויכטיקער פון אַלע מצוות. און דעמאָלט האָבן זיי די אינטערעסן פון כלל, פון פאָלק אין זיין גאַנצקייט פאַרוואַנדלט אין מיצוות, זיי האָבן די אינטערעסן פון כלל אַרויפגעלייגט אויף יעדן יחיד און ער וועט דערפאַר קריגן זיין געצאָלט. עס איז געווען אַ פאַרקערטער אידעען־גאַנג. ביי אַנדערע דאַרף דער כלל, די מלוכה היטן די אינטערעסן פון די פּרטים. ביי יידן איז עס געוואָרן אַז דער יחיד האָט געדאַרפט צוליב זיינע אינטערעסן פון שכר ועונש היטן די אינטערעסן פון כלל. גייט עס אָן נאָר ביי אַ טייל פון פאָלק, און דאָס איז בשכר. אָבער דאָס גאַנצע פאָלק האָט דאָס אויך נישט. איז ווען עס עפענען זיך די קלאַפּעס, ווערט דער פונצענטרישער דראַנג אַלץ שטאַרקער און מען קען איינער דעם אַנדערן נישט פאַרטראָגן. ווערן פאַרטיי־רייסערייען שטאַרקער און

העפּטיקער, און עס קומען צו די פּערזענלעכע האַס און שינאה, נערוועזע אומגעדולד און עס דערגייט ביז צו גאָר ביטערע רעזולטאַטן.

אַט אַזוי גייט זי, די עגאָפּאַביע און דערפירט אַ סך גוטע אָנהייבן ביז צו חורבנות, ביז צו אַלגעמיינע חורבנות אויך. אין היץ פון קאַמף, פון אידעאָלאָגישע דיסקוסיעס רייסן זיך אַריין די פּריוואַטע סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס. און... „צוליב אַ קריגערייַ פון צוויי לייט — קמצא און בר־קמצא איז חרוב געוואָרן ירושלים.

גאָר אַמאָל, ביי די ערשטע פּרימאָרגן־שטראַלן פון אונדזער געשיכטע האָבן געקאָנט עטלעכע נאָמאַדן־שבטים אַריינדרינגען אין אַן אַגריקולטור־לאַנד, אַן ארץ זבת חלב ודבש און זיך באַזעצן דאָרטן... איז פון אַן ארץ־הגויים, ארץ פלשתים, ארץ האמורי געוואָרן אַן ארץ־ישראל. האָט עס געדויערט עטלעכע יאָרהונדערטער, און דאָס ארץ־ישראל איז געוואָרן אַן ארץ הקדושה פאַר אַ סך פעלקער פון דער וועלט. דאָרטן, אין שויס פון אונדזער פאָלק, — און טאַקע אין דער צייט פון בית־שני — זענען געבאָרן געוואָרן רעליגיעס, אידעען און אידעאַלן פאַר אַ וועלט מיט מענטשן. האָבן יענע פאַרצייטיקע ייִדן געקאָנט פאַרנעמען אַ „יבוסי־שטאָט, אַ עיר היבוסי מיט טמאַגעצן, מיט אַן אָפּגאָט מולך און זיי האָבן פון דעם געקאָנט מאַכן אַ „ירושלים עיר הקודש". געקאָנט מאַכן גלייבן און האָפן, אַז „מציון תצא תורה ודבר ה' מירושלים" און נישט נאָר פאַר ייִדן אַליין, נאָר „ונהרו אליו כל הגויים" — אַלע פעלקער, אַ וועלט אַ גאַנצע וועט שטראָמען צו הערן דאָס געטלעכע וואָרט פון ירושלים, וואָס די ייִדן האָבן געמאַכט פון דער עיר היבוסי. דאָס האָבן יאָ געקאָנט די פאַרצייטיקע אורעלטערן פון אונדזער פאָלק. האָבן זיי געקאָנט האָפן, אַז פון דאָרטן וועט עס קומען דער „וגר זאב עם כבש" — אַ וואָלף מיט אַ ציגעלע צוזאַמען...

פאַרנעמען לענדער האָבן געקאָנט אויך אַנדערע נאָמאַדן־שבטים, נישט קיין נייעס. אָבער פאַרוואַנדלען אָט דאָס לאַנד, אָט די שטאָט אין אַ הייליקייט — דאָס האָט געקאָנט נאָר דאָס ייִדישע פאָלק און מער נישט. און אָט די הייליקייט איז געקומען אויף דעם לאַנד און אויף דער שטאָט דאָך נישט פון הימל, נאָר פון דעם פאָלק וואָס האָט דאָרטן געלעבט. די הייליקייט איז אַ ייִדישע. שטעלט זיך אָבער גאָר אַ גרויסע און אַ שווערע פראַגע. דאָס פאָלק וואָס האָט „פּראָדוצירט הייליקייט" פאַר זיך און פאַר אַ וועלט איז אַוועק אין גלות אַריין, צוערשט מיטן אייגענעם ווילן און שפּעטער אויך געצוווּנגען. און אַזוי האָט מען זיך „פאַרגלותט" אַ סך מער ווי צוויי טויזנט יאָר, טאָ פאַרוואָס האָט עס דאָס פאָלק נישט געקאָנט מאַכן נאָך אַמאָל אַזאַ מין הייליק לאַנד? נעמען אַ לאַנד ערגעץ אין דער גרויסער וועלט, נעמען מיט גוטן אָדער מיט

בייזן און ווידער מאַכן אַ צווייט ארץ־ישראל? פאַרוואָס האָבן דאָס געקאָנט טאָן די ערשטע פרימיטיווע ייִדישע שבטים, און פאַרוואָס האָט עס נישט געקאָנט שאַפן אַ פאָלק, אַן עם־הספר? און ווי נייטיק עס איז געווען אַ סך הונדערטער יאָרן אָט אַזאַ שטיקל היים! האָבן ייִדן געבלוטיקט, אַ גאַנצע געשיכטע געבלוטיקט אין די נעגל פון פעלקער־וועלף, און נישט געבויט נאָך אַ ווינקל, נאָך אַן ארץ־ישראל? האָט דאָס ייִדישע פאָלק אין זיין לאַנגער גלות־געשיכטע כסדר געבענקט נאָך זיין אַלטער היים, נאָך ארץ־ישראל וואָס מען איז פון איר געלאָפן נאָך פאַרן חורבן, געלאָפן איידער מען האָט געטריבן. איצט, ווען מען האָט די היים פאַרלאָרן, האָט מען זיך פאַרבענקט. און פאַרלאָרן האָט מען די היים טאַקע אַליין, יאָ, מפני חטאינו, — צוליב שינאת חינם און צוליב נאַרישקייטן פון קמצא און בר־קמצא, צוליב אַ האָן מיט אַ הון, צוליב אַ שטעקל פון אַ וואָגן, — צוליב קריגערייען און ברידער־מילחמות. האָט מען זיך פאַרבענקט און גענומען בעטן גאָט ער זאָל ראַטעווען די היים. און דאָס לאַנד, די פאַרלאָרענע היים, איז געשטעלט געוואָרן אויפן ערשטן אָרט, פריִער ווי דאָס פאָלק . אָבער פאַרוואָס האָט מען נישט געקאָנט נעמען אַ צווייט שטיקל לאַנד אין דער וועלט וואָס איז געווען אַ סך לייַדיקער ווי איצט און מאַכן פאַר אַ היים, פאַר אַ ניי ארץ־ישראל? אָט האָבן דאָך פעלקער און קלענערע גרופּעס פון פעלקער יאָ באַזעצט נייע לענדער, נייע ווינקעלעך אויף דער ערד און דאָרטן געשאַפן זייערע נייע היימען. האָבן מיר איצט אַ סך לענדער און שטעט מיט דעם צוגאָב־נאָמען „ניי". פאַרוואָס האָט נישט געקאָנט זיין אַ ניי ארץ־ישראל? האָט דאָך גאָט געקאָנט זאָגן זיינע ייִדן: נעמט און בויט אייך אויס אַ ניי שטיקל לאַנד און איך וועל אייך העלפן און הערט נאָר אויף מיר צו פאַרווינען מיין כסא הכבוד. פאַרוואָס איז דאָס לאַנד וואָס מען האָט פריִער פאַרלאָזן גאָר אָן גרויסע טראַכטענישן, איצט מיט איין מאָל געוואָרן ליב און טייער? זי איז איינע און וויטער קיינע? און נאָך אַלעמען זענען גאָר נישט געווען אַזוינע שטאַרקע יאָגענישן צוריק צו קומען אין דעם לאַנד צוריק. איז די פראַגע: פאַרוואָס נישט קיין צווייט ארץ־ישראל?

דאַכט זיך מיר אַז מיר האָבן דאָ ווידער פאַר זיך אַ דערשיינונג פון דער פריִער געשילדערטער עגאָפּאָביע. אוודאי איז די היים געוואָרן אין יענע צייטן צו שווער: טאַקע די קמצא און בר־קמצא מחלוקתן האָבן געמאַכט שווער צו לעבן אין לאַנד, טאַקע די „פרשיות" מיט די גאַנצע סדרות פון נייע און נייערע פרשיות האָבן געמאַכט שווער צו בלייבן אין לאַנד. און ווידער איז טאַקע מער כבוד צו זיין אַ רוימישער בירגער איידער פון דער אָרעמער יהודה. און די מטבע מאַכט זיך אויך גרינגער. איז גוט. אַי, וואָס? עס פעלט היימישקייט אין שטייגער לעבן? — איז ער דאָך גאָרנישט ליב, דאַרף מען דאָך דאָס גאָר־

נישט, ווייל מען דאַרף דאָס נישט. איז דאָך בעסער צו לעבן ווייט פון דער היים, צווישן נישט־ייִדן און זיין פּטור פון אַלץ. אין אונדזערע צייטן האָבן מיר דאָס געזען אין אייראָפּע ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע מאַסן־עמיגראַציע פון רוסלאַנד. דעמאָלט האָבן די ייִדן אין מערב־אייראָפּע אָרגאַניזירט הילף פאַר די עמיגראַנטן. אָבער מיט איין ציל: זיי זאָלן פאָרן ווייטער, זיך נישט חלילה אָפּשטעלן אין „זייערע" לענדער און דערמיט פאַרשווערן זייער אַסי־מילאַציע. זיי האָבן לגמרי נישט געוואָלט אָנערקענען זייער פאָלקישע ברוּ־דערשאַפט מיט די עמיגראַנטן, היות ווי זיי זענען גאָר דייטשן אָדער פראַנ־צויזן פון משהס גלויבן. אַזוי זענען מיסתמא אויך געווען יענע פאַרצייטיקע ייִדן אין דער רוימישער אימפּעריע...

אין מיצרים איז אַפילו געווען אַ טעמפּל, אַ מין בית־המיקדש. פאַרוואָס נישט? זענען דאָך איצט אויך פאַראַן ביי ייִדן טעמפּלען. און נאָך וואָס פאַר אַ טעמפּלען! די שפּראַך אין יענעם טעמפּל איז מיסתמא אויך געווען גריכיש, ווי היינט דייטש אָדער ענגליש. זיי האָבן דאָך גאָר נישט געקענט קיין העב־רעיִש, און דער ייִדישער אַראַמיש איז געווען נישט ליב, עלעהיי דאָס היינ־טיקע ייִדיש... אַך, ווי מאָנאָטאָן עס איז אונדזער געשיכטע!... און די תול־דות? — אַ פלימעניק פון דעם פילאָסאָפיש־געטר־יען ייִדן פילאָן איז געווען אַ גענעראַל אין טיטוסעס אַרמיי און ער האָט אָן האַרצווייטיק געהאָלפן ברענגען דעם חורבן ירושלים מיט דעם בית־המיקדש. מיסתמא איז ער געווען פון די היינטיקע דזשודאַיסטן.

זענען דעמאָלט ווי היינט אין ייִדישן לעבן אָנגעגאַנגען צוויי שטרעמונ־גען. צוויי קעגנגעזעצטע שטרעמונגען: איינע איז געווען די פאָלקיסטיש־פּרוּ־שישע ריכטונג, וואָס האָט פון פאָלקישע הליכות (שטייגער־גענג) געמאַכט הלכות, פון מינהגים געמאַכט דינים. און די צווייטע ריכטונג דורכגעווייקט מיט עגאָפּאָביע וואָס אַנטלויפט דעמאָלט ווי היינט פון אַלץ וואָס דערמאָנט אָן ייִדישקייט.

גאָר אינטערעסאַנט איז די באַציִונג פון די פרומע ייִדן. זיי איז ליב נישט ייִדישקייט ווי אַזאַ, נישט דאָס פאָלקישע אין ייִדן, נאָר זיי טוען אַלץ פאַר גאָט, זיי היטן ייִדישקייט, די מצוות, ווייל גאָט וועט דערפאַר צאָלן און וועט שטראָפן אויב מען וועט נישט פאָלגן... דערפאַר האָט מען טאַקע געהיט — און אפשר זייער שטרענג געהיט — די רעליגיע, דאָס וואָס איז רעגלאַמענטירט פון פריִער, פון אַמאָל. קיין אַקטועלע ייִדישקייט פון זייער צייט האָבן זיי נישט געהאַט און זיי ווילן נישט. איז פון זייער פרומער ייִדישקייט ביי די ווייטער־דיקע דורות נישט געבליבן גאָר נישט, אפשר אַזוי פיל וויפל עס איז געבליבן פון דער צדוקישער ייִדישקייט... דאָס הייסט, גאָרנישט. און ווידער האָבן מיר

איצט גאַנץ געגוג ביישפּילן צווישן אונדזערע הייגטיקע יידן. דער כאַראַקטער פון די יידן האָט זיך נישט געביטן...

גאָר אַנדערש איז געווען די לאַגע פון די יידן אין בבל. אויך גלות, אָבער אין גאַנצע קאָלעקטיוון. אויטאָנאָם און פאַר זיך, באַזונדער, נישט מיט דעם הויפּטפאָלק צוזאַמען. האָט די דרויסנדיקע סיטואַציע געהאָלפן דעם ישוב צו ווערן דער העגעמאָן און אויף לאַנגע, לאַנגע יאָרהונדערטער. אָבער אויך דאָרטן איז געווען אַ היים נישט פאַר יידן, נאָר פאַר יידישקייט, פאַר דער תורה. עס זענען אין תלמוד נישטאָ קיין סך סימנים אַז יידן זאָלן האָבן אַ סך צו טאָן מיט נישט יידן. אויטאָנאָמיע. און דער ישוב האָט שטאַרק קאָנקורירט אין היילי־קייטן מיט ארץ־ישראל. טיילמאָל ווערט ער געשטעלט אַפילו העכער, הגם די ארץ־ישראלדיקע האַלטן זיך גרויס( תענית, כ״ג, ב׳; מגילה, כ״ח, ב׳) פון דעסט וועגן איז ארץ־ישראל נאָר „עיסא״ לבבל (כתובות, קי״א, ׳); און מען טאָר נישט עולה זיין פון בבל קיין ארץ־ישראל (כתובות, ק״י, ב׳) און איטלעכער וואָס לעבט אין בבל איז גלייך ווי ער וואָלט געלעבט אין ארץ־ישראל (דאָרטן). הגם עס זענען געווען אמוראים וואָס האָבן סנאָביסטיש געהאַלטן זיך העכער אין ארץ־ישראל און אַריינגעזאָגט אַלערליי ווערטלעך און וויצן אויף די חכמים אין בבל, אויף די „טיפּשים אין בבל״.

פאַר דער תורה איז עס געווען אַ היים. דערמיט האָבן אַפילו די געטרייע יידן זיך באַנוגנט און נישט געטראַכט וועגן אַ היים אויך פאַר יידן. אויב נאָר די תורה האָט אַ היים איז עס שוין גענוג. מער האָבן די געטרייע און איבער־געגעבענע יידן פון בבל אַפילו נישט געטראַכט צו וועלן. קען זיין אַז עס איז געווען אַ לאַנגדויערנדיקע ריאַקציע קעגן צרות פון דער פּאָליטישער היים, וואָס די יידן האָבן געהאַט אין ארץ־ישראל פון די דינאַסטיעס נאָך די חשמו־נאים. און קען זיין, אַז עס איז אין דער נשמה פון די יידן געלעגן עטוואָס פון שמואל הנביאס נעגאַציע פון מלוכות און קייסאָרים. קען זיין. דער עיקר איז אָבער , אַז יידישקייט האָט געדאַרפט אַ היים, און פאַר דעם האָט מען געזאָרגט, וועגן דעם האָט מען געטראַכט און זי־ מוסר־נפש געווען אַ גאַנץ לעבן. אָבער דאָס עצם לעבן און רויק לעבן פון יידן ווי מענטשן — דאָס האָט ווייניקער אינטערעסירט, עס האָט זיך אויסגעאַרבעט אַזאַ פּסיכאָלאָגיע: פאַר גאָט און פאַר זיין תורה אַלץ, פאַר זיך גאָרנישט. אַפילו די תורה איז אויך נישט אונדזערע, נישט מיר האָבן זי געשאַפן, נישט מיר האָבן זי אויפגעבויט, נאָר זי איז גאָטס. און מיר זענען נאָר די היטער און מער גאָרנישט. און כ׳מיין — וואָס איז דאָ וואָס צו זאָרגן פאַר דעם לעבן פון אַ יידן, אַז בסך־הכול איז דאָס גאַנצע לעבן דאָך נישט מער ווי אַ פּרוזדור, אַ דורכגאַנג, אַ פּירהויז. איז עפּעס אַ גרויסע נפקא־מינה ווי עס גייען אַריבער די עטלעכע צענדליק יאָר — צי

אָרעם צי רייך? צי רויק אָדער מיט רדיפות? דער עיקר איז דאָך אָנקלייבן מיט וואָס צו קומען אויף דער אמתער וועלט, אין דער עלמא דקשוט, און דאָרטן צו פאַרדינען דעם אמתן חלק עולם הבא. און דערפאַר אַלץ פאַר ייִדיש־קייט, פאַר דעם ייִדן גאַרנישט. עס איז מיר שווער אָנצורופן אָט דעם צוגאַנג מיט דעם נאָמען עגאָפּאָביע. נאָר עס איז יאָ בפירוש „התפשטות הגשמיות״, ווי מען פלעגט עס רופן. אויסגעטאָן זיך פון אַלץ וואָס האָט אַ שייכות צו מאַ־טעריע און צו מאַטעריעלן לעבן. האָבן אַזוינע ייִדן, וואָס דער קאָפּ איז זיי געלעגן אין אַ גמרא, אין אַ תוספות, אין אַ האַרבן רמב״ם, צי אין עפּעס אַנדערש, זיי זאָלן זאָרגן וועגן איינאָרדענען אַ ייִדיש געזעלשאַפטלעך לעבן, אַז אויך דער גוף זאָל זיין באַוואָרנט — דאָס וואָלט געווען צו פיל. האָבן ייִדן געזאָרגט פאַרן שבת, אָבער כמעט נישט פאַר דער וואָך; האָבן ייִדן געזאָרגט פאַר דער תורה און פאַר די לומדי־תורה. אָבער זיי האָבן נישט געזאָרגט פאַר דעם רויקן, פיזישן און סאָציאַלן לעבן; סיידן מען האָט געזאָרגט וועגן אָרעמע קראַנקע, וועגן פדיון־שבויים וכדומה. האָבן ייִדן טאַקע געבויט און אויפגע־בויט ירושלימס אין די גלותן טאַקע, אָבער דאָס זענען געווען ירושלימס פאַר דער תורה, אַ היים פאַר איר. אַוודאי האָט געקאָנט ירושלים דליטא (ווילנע) גאָר גרינג קאָנקורירן מיט ירושלים דארץ־ישראל ווער עס האָט מער אויפ־געטאָן פאַרן קיום פון דער תורה און במילא שוין אויך פאַרן קיום פון פאָלק. אַוודאי האָט אַ קליין סלאָבאָדקע ביי קאָוונע געזייט און געפלאַנצט ייִדישקייט פאַר דער גאַנצער וועלט. און נאָך מער האָט עס געטאָן ערגעץ אַ קליין פאַר־וואָרפן שטעטעלע — אַ וואָלאָזשין ערגעץ אין די בערגלעך פון ווילנער ליטע. אַוודאי האָט זי געהאָדעוועט גאונים, און לומדים און וועלטלעכע ייִדן מער ווי ירושלים דארץ־ישראל. און אויב עס איז איצט דאָ אין אַ ניו־יאָרק אַ ייִדיש לעבן, ייִדיש וויסן, ייִדישער געדאַנק, ייִדישע שעפערישקייט, — איז דאָך דאָס אַלץ אימפּאָרטירט פון יענע איצט חרובע שטעטלעך. און אויב עס איז איצט פאַראַן אַ ירושלים און אַן ארץ־ישראל און טאַקע מיט תורה און מיט וויסן, מיט ייִדישקייט און שעפערישקייט, איז דאָך דאָס אַלץ נישט מער ווי אַ שטיקל ירושה פון יענע גלותדיקע ירושלימס, נישט מער ווי זאָמען פון יענעם ייִדישקייט־בוים, ווייל עס איז ריכטיק די גמרא, וואָס זאָגט, אַז: „עתי־דין בתי־כנסיות ובתי־מדרשות שבבבל שיקבעו בארץ־ישראל״ (מגילה, כ״ט, א׳). אָבער די ייִדן אין די שטעטלעך האָבן אין סאָציאַלן און עקאָנאָמישן זינען און יורידישן — אין אַלע זינענס האָבן די ייִדן אין יענע שטעטלעך געלעבט אין עם עני ואביון, אין צרות און אין פּיין און זיי האָבן אַפילו נישט געטראַכט וועגן איינאָרדענען זייער מענטשישן לעבן בעסער. אָרעמע, דערשלאָגענע ייִדן האָבן געשאַפן אַ רייכע און דערהויבענע ייִדישקייט.

עס איז אמת, מען טאָר עס נישט רופן עגאָפּאָביע, אָבער עס האָט אָבער געגעבן אַ באָדן פאַר עגאָפּאָביע זי זאָל זיך קענען אַנטוויקלען און עס איז געווען אַ ביטול־באַציִונג צום לעבן פון אַ ייִדן, ווען די תורה איז געוואָרן אויס יחסנטע, אויס עיקר כל העיקרים האָבן אַנדערע פעלקער־גרופּעס ווען זיי האָבן געבויט אַ נייעם ישוב, האָבן זיי געזאָרגט פאַר זייער באַקוועמען וואָכע־דיקן לעבן, פאַר זייער היימישקייט אין אַלע מענטשלעכע זינענס. היימען, ישובים אייגענע, ראַיאָנען פאַר זיך באַזונדערע, זייער שפּראַך זאָל זיין, זייערע זיטן און מינהגים. זיי דאַרפן זיין באַלעבאַטים. זענען ייִדן געלאָפן פון זייערע „היימען", געלאָפן — פאַר זיך אַ שטיקל ברויט, פאַר דער תורה אַ היים, — פון גלות אין גלות. און אַז דער נייער גלות האָט זיך אַרויסגעוויזן צו בייז, איז מען ווייטער געלאָפן, מיט דער תורה געלאָפן ווייטער, וועגן אויפבויען אַ זיכערע היים ערגעץ־ווו, אין אַן אָרט — וועגן דעם האָט מען נישט געטראַכט אַפילו. אגב, כדי צו בויען אַ היים אויך פאַר זיך אַליין, דאַרף מען דאָך קעמפן מיט עשון. און בנוגע צו עשון האָט יעקב געהאַט נאָר איין עצה — ברח לך — אַנטלויף, ר' יאַנקל... און אַזוי האָבן געטאָן אַלע ייִדן ווי דער ערשטער ייִד, יעקב.

און עס איז געווען אַז ייִדן האָבן פאַרלאָרן דעם יחוס פון דער תורה, איז דער ביטול היש פון פריִער אויך געוואָרן שטאַרקער און עס האָט זיך געשטאַרקט די עגאָפּאָביע. מען דאַרף מודה זיין — די ייִדן אין די שטעטלעך האָבן געלעבט מער מיט דעם הימל ווי מיט דער ערד, און אַז זיי האָבן פאַרלאָזט אָדער פאַר־לאָרן דעם הימל, איז אָבער דער ביטול צו ערדישקייט געבליבן.

## די עגאָפּאָביע אין צווייטן דור

זייער שווער איז די השפעה פון דער עגאָפּאָביע אויף דעם צווייטן דור אין די פרייע לענדער. און שווער אין אַלע הינזיכטן, ווי אין עקאָנאָמישן אַזוי אויך אין מאָראַלישן. מיר וועלן אָנהייבן פון עקאָנאָמישן געביט. די אימי־גראַנטן אַליין זענען געוואַקסן אין מאַסיווער ייִדישקייט. אַרום און אַרום נאָר ייִדיש לעבן. אין די שטעטלעך איז גאָר נישט געווען עפּעס אַנדערש. מען האָט געלעבט ווי ייִדן און מען האָט זיך אויסגעלעבט ווי ייִדן. צי אין בית־מדרש, אָדער — אין דער גאָר נייער צייט — אין דער פּאַרטיי, אויף דער בירזשע אין פּראָפעסיאָנעלן פאַרבאַנד וכדומה — אומעטום איז מען געווען נאָר מיט ייִדן, נאָר צווישן ייִדן. מיט גויִים פלעגט מען זיך „טרעפן", געלעבט האָט מען מיט ייִדן. געאָגראַפיש איז מען טאַקע געווען גאָר נאָענט, אָבער סאָציאַל, קולטו־רעל — גאָר ווייט, עק וועלט. אויסגעוואַקסן און איינגעלעבט, נאָר אין ייִדיש־

קייט, האָט מען אין די נייע היימען אויך נישט געקאָנט אַרויס פון יידישע סביבות. האָבן זיך יידן ווי אַריינגעריסן אין די פּרעמדע גרויסע שטעט, אָבער מיט די גאַנצע שטעטלעך זייערע, זענען געוואָרן לאַנדסמאַנשאַפטן, מיט די שטעטלשע זיטן און פירונגען. מען האָט עס טאַקע געהאַלטן פאַר „געטאָ", אָבער אַליין איז מען שוין געווען צו אַלט און צו האַרט אַ ביסל אַריינצוריסן זיך אינדיווידועל אין דער פרעמדער סביבה. האָט מען געלעבט אין די גרויסע שטעט שטעטלעכווייז, אַזוי צו זאָגן. סיידן עמעצער איז געוואָרן גאָר רייך. דעמאָלט האָט מען קיין מורא נישט געהאַט צו גיין וווינען אין אַ „בעסערן" ראַיאָן, צווישן גויים, הייסט עס. האָבן אַפילו אַזוינע יידן אויך פון גוייִשע ראַיאָנען זיך אַראָפּגעכאַפּט בסדר צו די יידן, איינקויפן „יידישע מאכלים", אויסלעבן זיך צווישן יידן.

און דער עיקר — זיי האָבן זיך געקאָנט אַרויפאַרבעטן, מאַכן אַן עקאָנאָמישע קאַריערע, מיט דער גאַנצער יידישער עקשנות, מיט דער פולער יידישער ענערגיע, וואָס האָט דאָ נישט געהאַט קיין יורידישע באַריערן, האָבן זיך יידן דאָ אַריינגעטאָן אין „מאַכן אַ לעבן", נישט געווען קיין אָפּהאַלט פאַר זייער מוט, ענערגיע און אַרבעטסזאַמקייט, — אַלץ אויף איין פּראָנט — מאַכן אַ לעבן. און יידן האָבן אויפגעטאָן וווּנדער. מען האָט אויפגעבויט נייע עקאָנאָמישע געביטן, מען האָט אָרגאַניזירט סאָציאַלע קערפּערשאַפטן, יוניאָנס, וואָס זענען געוואָרן גאָר־גאָר וויכטיקע סאָציאַלע פאַקטאָרן. מען האָט אויפגעבויט נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס, צדקה־אַנשטאַלטן און אַגענטורן וואָס מען האָט זיך גאָר־נישט געקאָנט חלומען פריער. אַלץ דער ערשטער דור. די ענרעגיע און מוט אין גלויבן וואָס זענען דורות געווען געצאַמט, האָבן דאָ, אין די נייע ישובים זיך אַרויסגעוויזן אין דער פולער מאָס. פון סטאַטיש איז עס געוואָרן קינעטיש. יידן זענען געוואָרן אַפילו אַ פאָליטישער כוח אין לאַנד. אַלץ דער ערשטער דור, אָן בילדונג, אָן שפּראַכן, אָן דיפּלאָמען, — נאָר מיט דעם יידישן באַפרייטן מוט, מיט דער פולער יידישער עקשנות, וואָס ווייס אַז קודם־כל דאַרף מען „מאַכן אַ לעבן". אויסלעבן זיך קען איך ביי זיך, אין מיין שטעטלשער היים, וואָס רופט זיך איצט „לאַנדסמאַנשאַפט".

איז געקומען דער צווייטער דור. די טאַטעס האָבן געגעבן די קינדער אַלץ וואָס זיי האָבן אין שטעטל נישט געהאַט — זאַטקייט ביז איבער דער מאָס, שפּילן, פרייהייט און וואָס נישט? און בילדונג. די גאַנצע ליבע און געטרייקייט צו דער תורה האָט געביטן די ריכטונג, שולן, קאַלעדזשן און וואָס נישט... זענען די שטעטלשע יידן אַראָפּגעפאַלן ביי זיך אויף אַנטקעגן דער אַמעריקאַנער קולטור! אין קליינינקייט: וואָסער גיסט זיך פון וואַנט; ליכט — אַ דריק אַ קנעפּל און יהי אור!... פון אַמאָליקן שטעטל גלייך אין מאָדערנע שטעט

אַריין. האָט זיך אַ ביסל פֿאַרדרייט דער קאָפּ טאַקע אויך, איז מען אַראָפּגעפֿאַלן בײַ זיך אויך... „ברײַנע, ברײַנע! וואָס זאָגסטו צו אַזאַ אויוון, האַ? מען דאַרף נישט האַקן האָלץ, טריקענען, צינדן. קיין זאַך נישט — אַ דריי אַ קראַן און שוין, עס ברענט!... אַי אַמעריטשקע! אַי איז דאָס אַן אַמעריטשקע!“... האָט מען פֿאַר די קינדער אַלץ געוואָלט — דאָס טעלערל פֿון הימל. איז אַליין „מאַכט מען אַ לעבן“ אין די גרויסע שטעט, מען לעבט זיך אויס אין די שטעטלעך וואָס מען האָט אַרײַנגעבראַכט (אין די לאַנדסמאַנשאַפֿטן), אָבער פֿאַר די קינדער איז אַנדערש. דער עגאָפּאָבישער ביטול לגבי דער „גרויסער אַמעריטשקע“ באַמיט זיך די קינדער זאָלן נישט וויסן פֿון „שניפּעשאָק“ און „כאַנדריקעווקע“. נישט קענען זייער שפּראַך... „הער נאָר — ווער רעדט עס זשאַרגאָן אין נעוו־יאָרק? האַ!“... קיין זאַך פֿון שטעטל פֿאַר די קינדער. אַפֿילו ייִדישע עסנס פֿון די היימען אויך נישט.... איז טאַקע מיר, „די אָלטטיימערס“, מיר זענען געוווינט צו געפֿילטע פֿיש און קרעפּלעך, אָבער די קינדער, זאָלן זיי שוין בעכער עסן די „הייסע הינט“ (האָט־דאָג). „אַז מען לעבט אין אַ לאַנד, דאַרף מען עסן די עסנס פֿון לאַנד“; „אויף וואָס פֿאַר אַ וואָגן דו זיצסט, אַזאַ לידל זאָלסטו זינגען“... וואָס ווײַניקער ייִדישקייט פֿאַר די קינדער — אַלץ געזינטער... אַזוי מיינען די גוטע עלטערן. מען האָדעוועט די קינדער אַזוי אַז די עלטערן אַליין פֿילן זיך פֿרעמד אין זייער אייגענער היים, מיט די אייגענע קינדער. צוויי וועלטן. דעם טאַטנס לאַנדסמאַנשאַפֿט — ניין, מײַן קינד, עס איז נישט פֿאַר דיר... דער טאַטע קויפֿט אַ ייִדיש בוך, — עס איז אַפֿילו בעסער די קינדער זאָלן עס נישט זען. עס קומען לאַנדסלײַט — פֿון היימישן שטעטל — די קינדער זענען פֿרעמד. די גוטע עלטערן ווילן, אַז די קינדער זאָלן זיך גרינגער אַרײַנלעבן אין אָט דער אַמעריקע, מיט אַלע פּרטים.

און עס איז פֿאָרט נישט דאָס. די קינדער דערפֿילן אַז זייער אַמעריקאַנישקייט איז דאָך נישט קיין גאַנצע. עס קומט אַ זונטיק, די שכנישע קינדער פּוצט מען אויס און מען גייט מיט די עלטערן אין קלויסטער, זיי אָבער גייען נישט. פֿאַרוואָס? עס קומט אַ חגא, קריסטמעס... עס איז אין דער ייִדישער היים פֿאָרט נישט דאָס! קיין ייִדישקייט איז טאַקע נישטאָ, אָבער צו קיין גוייִשקייט קומט עס דאָך נישט. הייבן אָן די קינדער צו פֿילן זייער אַנדערשקייט, נישט אַהין און נישט אַהער. און עס ווילט זיך זיין ווי אַלע, באַמיט מען זיך. אָבער עס העלפֿט נישט אין אַלץ: די נאָכגעמאַכטע גוייִשקייט איז דאָך נישט קיין עכטע סחורה. דערצו קומען נאָך צו שטריכן וואָס מען ירשנט פֿון די עלטערן, נישט ווילנדיק, גענעטיש. קומען קאָנפֿליקטן, אַ רוגזה אויף די עלטערן, אַ האַס און ביטול צו זיי. און קאָנפֿליקטן אויך מיט זיך אַליין. די טאַטעס דערפֿילן, אַז די קינדער געהערן צו אַ פֿרעמדער וועלט, געהאָדעוועט אַזוי געטריי,

דאָס טעלערל פון הימל, — און אויסגעוואַקסן זיינען פּרעמדע, צומאָל אַפילו שׂונאים, אַפּלאַכער... די געטרייע מאַמע באַמיט זיך נאָכצוגיין נאָך די קינדער, אָבער עס העלפט איר וויניק, דער טאַטע, פאַרקערט — די קינדער האָט ער פאַרלאָרן, אין דער פרעמדקייט פאַרלאָרן, ציט עס אים אָפּט צוריק, צו זיין היימישקייט. ווערן קאָנפליקטן אין די היימען. איז די עלטערן, מילא, אָבער די קינדער גופא האָבן די טראַגעדיע אין זיך. דער האַס צו די עלטערן פאַר־שפּרייט זיך אויף אַלץ אין וואָס די עלטערן האָבן געלעבט, צו אַלץ וואָס שמעקט מיט יידישקייט... אַ גאַנץ היפּשע דאָזע אַנטיסעמיטיזם... מען ווייזט זי נישט ארויס, אָבער אינעווייניק איז זי דאָ. דער טאַטע האָט זיך געמישט אין יידישע ענינים, געגעבן מיט אַ ברייטער האַנט. די יורשים ווילן פון דעם נישט וויסן. דער טאַטע האָט געהאַט אַ יידיש בוך, — וואָס גיכער דאָס אַרויסוואַרפן, אַפילו אין מיסט אַריין. דעם נאָמען האָט שוין אייגנטלעך דער טאַטע אַליין געביטן, אָבער טאָמער איז נאָך געבליבן עפּעס אַ רעשטל, דאַרף מען דאָס ווי עס איז וואָס גיכער אַרויסוואַרפן. טאָמער קומט אַ פריינד פון די עלטערן און הייבט אָן, חלילה, צו רעדן יידיש, ווערט מען אויפגערעגט ביז גאָר, נערוועז: „איך פאַר־שטיי נישט קיין וואָרט!"... דאָס קען מען אַמאָל הערן אַפילו פון אַזוינע וואָס זענען קינדוויז געגאַנגען אין אַ יידישער שול אַ ביסל. מיט שטעקנס וואָלט מען געיאָגט, אַלץ אַרויסוואַרפן. די נאָז איז צו יידיש, דאַרף מען אפשר מאַכן אַ פּלאַסטישע אָפּעראַציע... און נאָך אַלעמען דערשפּירט מען אַז מען איז נאָך אַלץ נישט קיין אמתער גוי... די גוים אַליין זאָגן דאָס גאַנץ אָפן: מיר האָבן אונדזער רעזאָרט פאַר אונדזערע, מיר האָבן נישט ליב אין אונדזערע האָטעלן, אַז איר מישט זיך. געגוג, אַז מיר האַנדלען מיט אייך, מיר אַרבעטן מיט אייך, אָבער אויסלעבן זיך, אין די אָוונטן, אין די פרייע טעג ווילן מיר זיין מיט אונ־דזערע... עס איז ביי זיי אַפילו נישט קיין אַנטיסעמיטיזם. עס איז אַ נאַטיר־לעכער דראַנג צו זיך, צו מיינס, צו אייגנס. די יידן אָבער וואָס זיי ציט עס פאַרקערט פון אייגנס, צו פרעמדס, זיי נעמען עס אָן ווי אַנטיסעמיטיזם. זיי באַמערקן נישט אַז דער אַנטיסעמיטיזם איז ביי זיי גופא שטאַרקער ווי ביי יענע, ווייל מען גיט אין דער פרעמד צו פילן, אַז „איר זייט פרעמדע", גייט צו אייערע. הייבט מען אָן צו שאַפן ריין־יידישע אָרגאַניזאַציעס, כמו גוישע. גימנאַסטיק־פאַרבאַנדן, קלובן וכדומה. אָבער די אינסטיטוציע דאַרפן זיין ריכ־טיקע קאָפּיעס פון די נישט־יידישע, מיט אַלע פּרטים, על טהרת הגוישקייט. איבער הויפּט רופט זיך עס אָפּ אויף די סינאַגאָגעס. גוים האָבן קלויסטערס. זייער שיין. אגב, וואָלט מען אונדז דאָרטן מסתמא אויך נישט געוואָלט האָבן, וועלן מיר זיך מאַכן אונדזערע, וואָס זאָלן אָבער זיין ווי וויט מעגלעך ענלעך צו זייערע קלויסטערס. אָט איז דער ריכטיקער מקור פון די יידישע רעפאָרם־

טעמפּלען. אַז מען קען נישט זיין בכל הגויים, לאָמיר זיין כאָטש ככל הגויים. דאָס איז עס. דאַרף טאַקע די סינאַגאָגע אויסזען וואָס מער ענלעך צו אַ נישט־יידישן געבעטהויז, און וואָס מער גוייִש, אַלץ בעסער. וואָלטן די גויים נישט געהאַט קיין קלויסטערס, וואָלטן די יידן אויך נישט געהאַט. און וואָס מער גוייִש עס זעט אויס די סינאַגאָגע, אַלץ מער דערפאָלג וועט זי האָבן ביי יידן. אָבער דערמיט שעפּט זיך אויס די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט פון די דאָזיקע יידן. זיי געהערן שוין נישט מער צו אַ לעבעדיק פאָלק מיט לעבעדיקע הייני־טיקע אַקטועלע אינטערעסן און פּראָבלעמען. די יידישע ליטעראַטור, איבער־געזעצט אין די שפּראַכן פון די לענדער, ווערט נישט געליינט. מען לייענט נישט קיין יידישע ליטעראַטור, כלומרשט ווייל מען קען נישט קיין יידיש, לייענט מען אָבער אויך נישט קיין איבערזעצונגען פון יידיש אויך אין ענגליש. זענען פאַראַן אין אַמעריקע שוין גאַנצע מיליאָנען יידן וואָס זייער שפּראַך איז ענגליש, און עס איז נישטאָ קיין איין ענגליש־יידישע טאָגצייטונג. אין פּוילן ביי אַן ענלעכער צאָל יידן בכלל זענען געווען צוויי יידישע טאָגצייטונ־גען אין פּויליש. און נישטאָ, ווייל די ענגליש־רעדנדיקע יידן האָבן נישט קיין אינטערעס צו קיין יידישע ענינים. עס אינטערעסירט אויך נישט ארץ־ישראל. מען זאָל מאַכן אַ סטאַטיסטיק פון דעם עלטער פון די וואָס פאָרן באַזוכן דאָס לאַנד, וואָס קויפן באָנעס, וואָס קומען אויף מאַסן־פאַרזאַמלונגען, וועט מען זען, אַז דער הויפּט־עולם איז אַן עלטערער, איבערהויפּט אַ געקומענער, אי־מיגראַנטן. ווען מען זאָל פאַרגלייכן די אַקטיווקייט פון יידן אין אַמעריקע אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה מיט דער זעלביקער אַקטיווקייט אין דער צייט פון דעם צווייטן יידישן חורבן, וועט מען זען ווי אונדזער יידי־שע קאָלעקטיוויטעט איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן, איצט, צוואַנציק יאָר נאָך דעם געטאָ־אויפשטאַנד האָט מען זיך געכאַפּט און די זיכטיקסטע געזעלשאַפטלעכע יידישע טוערס האָבן זיך געשלאָגן על חטא, וואָס מען האָט מיט צוואַנציק יאָר צוריק ווייניק געטאָן. און נישט געטאָן האָט מען ווייל עס איז נישט געווען אַזאַ השפעה פון די יידישע מאַסן, ווי עס איז געווען בשעת דער ערשטער וועלט־מלחמה. מען מאַכט אזכרות אומעטום, זייער גוט. דער תוך פון פּראָגראַם איז כמעט תמיד אַ... קאָנצערט, אַן אינטערעסאַנטער גאַסט־רעדנער... אַנדערש האָט דאָס יידישע פאָלק געטרויערט דורות נאָך אַ חורבן. קיין קאָנצערט־אַטראַקציעס האָט מען נישט געדאַרפט האָבן אַז דער עולם זאָל קומען. און אַז מען קומט? מען באַרימט זיך — „פולע זאַלן”, געפּאַקטע זאַלן. אָבער — ווידער אַמאָל — אַ ביסל סטאַטיסטיק, — און אַז מען וועט זען, אַז דער יינגערער, דער היגער עולם יידן איז שוין נישטאָ, ער האָט נישט קיין אינ־טערעס דערפאַר. איך בין שטאַרק מסופק צי עס וואָלט איצט עמעצן, אַפילו

אַ באַצויבערנדיקן זשאַבאָטינסקין, צי אַ בן־גוריוֹנען און בן־צבי געלונגען צו־בויפצונעמען אין אַמעריקע אַ יידישן לעגיאָן פאַר ארץ־ישראל. איך גלייב נישט אַז די יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט אַ סך יונגע מיטגלידער. מען זאָל אַ זוך־טאָן אין די אַרבעטער־רינגען, אין די צווייגן פון פאַרבאַנד, — וועט מען, דאַכט זיך, אומעטום געפינען, אַז זיי האַלטן זיך כּמעט תּמיד אויף דעם עלטערן עולם אימיגראַנטן. וווּ איז דער יינגערער עולם? — אין ערגעץ נישט. ער האָט נישט קיין שום יידישע געמיינזאַמע אינטערעסן. דאָ הייבט זיך אָן דער פּראָצעס פון צעפאַלן. געוועזן אַ פאָלק מיט אינטערעסן און מיט פּראָבלעמען, מיט אַקטיווקייטן. צעפאַלט עס אָבער אויף באַזונדערע יחידים, נישטאָ מער קיין געמיינזאַם, קיין גאַנץ פאָלק. נישטאָ קיין געמיינזאַמע אינטערעסן, נישטאָ קיין געמיינזאַמע פּראָבלעמען. ווערט אויך די רעליגיע איינגעצאַמט און איינגעשרומפּן נאָר צו גאָטעס־דינס, אין סינאַגאָגע. נישט מער.

דאָס יידישע פאָלק ווערט שוואַכער, ווערט פּשוט קלענער, עס פאַלן פון אים אָפּ באַוווּסטזיניק און אויך אומבאַוווּסטזיניק אַ סך, גרויסע סכומים יידן. אַלע יידישע ישובים מיט אָפּגעשוואַכטער יידישקייט דעגענערירן אויך עטנאָגראַפיש, ווערן פּשוט קנאַפּער. דער דורכשניט־עלטער ווערט העכער, דער פּראָצענט קינדער ווערט קלענער. ווי האַלט עס מיטן יידישן ישוב אין די אַמעריקעס, ווייס איך נישט. איך ווייס אָבער נישט צי אַמעריקע וועט זיין אַן אויסנאַם פון דעם כּלל.

און אין דער זעלביקער צייט „שלאָפט נישט און דרימלט נישט דער שונא ישראל"... פון אַ פּאַסיווער פרעמדקייט גייט עס איבער צו אַן אַקטיווער שינאה. און די וועלט האָט געקראָגן אַ „גוטע לעקציע". איצט איז שוין די וועלט די גאַנצע פּאַרפּעסטעט, פּאַרסמט. אומעטום זענען זיי באַהאַלטן, דערווייל באַהאַלטן די וואָס דאַרשטן נאָך אונדזער בלוט. זיי הייבן אָן אַרויסצוקריכן פון די נאָרעס, פון זייערע באַהעלטענישן. זיי וואַרטן נאָר עס זאָלן ווערן עטוואָס אומרויִק אויף דער וועלט, אַ ביסל טומל און ווי וויסן שוין וואָס צו טאָן... די „פּיאָנערן" האָבן געדאַרפט האָבן טעאָריעס, פילאָסאָפיעס, כּדי זיך צו לאָזן מיט פּלענער און מיט סיסטעמען צו דער „ענדגילטיקער" ליזונג פון יידן־פּראָבלעם". איצט איז דער וועג שוין גרינגער... און דער אָפּווער־כּוח? ער איז נישטאָ, נישטאָ קיין געמיינזאַמקייט, נישטאָ קיין יידישער קאָלעקטיוו, איז אויך נישטאָ קיין ווילן, קיין כּוח צו וועלן האָבן אַזאַ יידישן קאָלעקטיוו... זענען פּאַראַן אַנטידעפּאַמאַציע־ליגעס אומעטום. גיט מעז אויס פאַנטאַסטישע סומעס אויף זיי. גייען זיי אָבער אין אַ פאַרקערטער ריכטונג. זיי ווילן איינרעדן די וועלט מען זאָל אונדז נישט פיינט האָבן, אַז מיר זענען פּונקט ווי זיי, אַ האָר זאָל פעלן... אַנשטאָט דעם וואָס זיי וואָלטן געדאַרפט שטאַרקן מאָראַליש דעם

ייִדן, ווילן זיי אָפּשוואַכן דעם גוי... און פּאַרוואָס גייען זיי אויף דער ריכטונג? — ווייל זיי אַליין, די טוער און די פירער ווילן נישט זיין קיין פולבלוטיק־גייסטיקע ייִדן...

אָבער נאָך ערגער איז וואָס אויך עקאָנאָמיש קען אָט־דער צווייטער דור נישט פעסטהאַלטן די פּאָזיציעס וואָס דער ערשטער דור, די אימיגרירטע האָבן איינגעבויט.

די טאַטעס האָבן מיט דער פולער ענערגיע אָנגעהויבן און געבויט און אויפגעבויט גראַנדיעזע פּאָזיציעס. אָבער די זין נאָך דעם? — מען האָט נישט די ענערגיע, מען האָט געלערנט, מען האָט די שפּראַך און די בילדונג מיט די דיפּלאָמען, אָבער, די נשמה פאַרסמט מיט עגאָפּאָביע פאַרמאָגט נישט דעם מוט און די ענערגיע. קען מען אָפט נישט נאָר נישט אויפבויען, נאָר מען קען אַפילו נישט איינהאַלטן וואָס די עלטערן האָבן אויפגעבויט. דערצו איז מען דאָך געהאָדעוועט אויף ווילטאָג, פאַרווײלונג, אַ „גודטיים". גייט עס אָפט און אָפטער ווי אין פרצעס „פיר דורות — פיר צוואות".

## דער אַלגעמיינער אויספיר

עגאָפּאָביע איז אַ ספּעציפיש־ייִדישע דערשיינונג, וואָס ווירקט אויף אונדזער געשיכטע פון קדמונים אָן. זי גייט דורך ווי אַ רויטער שנור דורך אונדזער לאַנגער געשיכטע. זי שטאַרקט זיך און זי שוואַכט זיך אָפּ, אָפּהענגיק פון די דרויסנדיקע באַדינגונגען. זי איז דער וויכטיקסטער פאַקטאָר פון אונדזערע גלותן. זי דערלאָזט נישט, זי האַלט אָפּ די אַנטוויקלונג פון אונדזער קולטור, זי שוואַכט אָפּ די פּאָלקישע פאַרבינדונגען און דערמיט שוואַכט זי אָפּ אונדזער אָפּווער־כוח, ווען עס שטייען אויף אויף אונדז שונאים. די עגאָפּאָביע באַגלייט אונדזערע נאַציאָנאַלע באַוועגונגען און פירט זיי אַראָפּ פון ריכטיקן וועג. זי האָט געהאָלפן בויען די ייִדישע היים און מדינה אָבער איצט שטערט זי און קען, חלילה, פירן צו גרויסע אומגליקן. זי ווירקט שטאַרק אין די נייע ישובים, איבערהויפּט אויף די יונגע דורות, און זי קאָן שטעלן די ישובים אין ביטערע סיטואַציע. אין די פריִערדיקע תקופות איז אַלע מאָל געווען כאָטש איין ישוב, ווו ייִדן האָבן געלעבט באַזונדער, נישט צוזאַמען מיט דעם הויפּט־פאָלק. האָט אָט דער ישוב נישט געקאָנט אַזוי שטאַרק באַווירקט ווערן פון דער עגאָפּאָביע און אַזאַ איז געוואָרן דער העגעמאָן, וואָס האָט געפירט די ייִדישע געשיכטע ווייטער. אַנדערש איז איצט ווען אַלע קאָלאָניאַלע און סובאָרדינירטע פעלקער ווערן פאַר זיך. אויך דער אַפריקאַנער קאָנטינענט גייט צו דעם, און מיר ייִדן בלייבן אפשר דאָס איינציקע סובאָר־

דינירטע פאָלק אין דירעקטער פאַרבינדונג מיט די הויפּט־פעלקער, — איצט קען די עגאָפּאָביע שטאַרק באַווירקן אַלע אונדזערע ישובים אין אַלע לענדער, און מיר זאָלן בלייבן אַפילו אַן איין העגעמאָן־שבט, אין אַלע אונדזערע גלותן. די אָפּשוואַכונג פון קולטור ווירקט פאַטאַל אויך אויף אונדזער דעמאָגראַפיע, דער ישוב וואָס פאַרלירט זיין קולטור הייבט אָן אַלט צו ווערן, געמישטע חתו־נות נעמען צו דעם נאַטירלעכן צוווּקס; מיר ווערן וויניקער אין צאָלן, מיר ווערן פון אַ פאָלק באַזונדערע יחידים. דעמאָלט וועדן מיר דער גרינגסטער און שוצלאָזער אָביעקט פאַר אַלע אונדזערע פיזישע שונאים און בלוטדורש־טיקע טייוואָלים, וואָס פעלן קיין מאָל נישט, וועלן נישט פעלן, קיין מאָל. די עגאָפּאָביע האָט אויך אַ שטאַרקע דעסטרוקטיווע ווירקונג אויף אונדזער מדינה. אין די היינטיקע צייטן פון פאַרזיכיקע מדינות וואָלט אויך אונדזער קליין מדינהלע געקאָנט און געדאַרפט שפּילן גאַר אַ וויכטיקע ראָל, טאָקע ווי דער העגעמאָן־שבט וואָס פירט די קולטור פון גאַנצן פאָלק. אָבער אויך דאָ ווירקט די עגאָפּאָביע, דער שטנישער שותף, און ער קען פאַרפירן חלילה די מדינה אויף אַנדערע וועגן און קען זי דערפירן צו די גרעסטע אינעווייניקסטע סכנות, וואָס עס ווילט זיך גאָרנישט אָנרופן ביים נאָמען.

## איז פאַראַן אַ רפואה?

איך וויל גלייבן, אַז יאָ. מען פאַרלירט דאָך אַזוי פיל כוחות צו זוכן אַ רפואה קעגן קאַנסער, מען האָט נישט געפונען דערוויל, אָבער מען זוכט ווייטער. איך שטעל זיך נישט פאָר, עס זאָל זיין גרינג צו געפינען: אַ קראַנקייט וואָס האָלט זיך ביי אונדז דורך אונדזער גאַנצער געשיכטע, קען נישט זיין גרינג זי אויסצוואָרצלען. און דאָך טאָר מען נישט זאָגן: „כלו כל הקצין" און נישטאָ וואָס צו טאָן. פאַרקערט, וואָס שווערער עס איז די אויפגאַבע, אַלץ מער אָנשטרענגונגען דאַרף מען אָנווענדן.

בכן, אַז איך נעם טראַכטן וועגן יידן וואָס זענען פריי פון עגאָפּאָביע, פאַלט מיין געדאַנק אויף די קליינע גרופּעס חסידים, וואָס פירן זיך אין אַמע־ריקע אָט ווי זיי וואָלטן געווען ערגעץ אין סקווירע אָדער אין ליבאַוויטש. איך קען נישט זאָגן, צי זיי זענען אין גאַנצן פריי פון עגאָפּאָביע אָדער זי איז ביי זיי אַזוי פאַרדריקט, פאַרשטויסן, אַז אין זייער פירונג און אין זייערע האַנד־לונגען, טאָג־איין און טאָג־אויס, פילט מען נישט און מען שפּירט נישט קיין עגאָפּאָביע. זייער מעלה איז וואָס זיי לערנען אַנדערש דעם פּשט פון אַמעריקע. אַלע יידן לערנען, אַז אין אַמעריקע דאַרף מען זיך צופּאַסן צו אַמעריקע. און „אַמעריקע" מיינט דאָס הויפּטפאָלק אין לאַנד. מיר יידן — אַ מינדערהייט,

מוזן זיך אָנשטרענגען „צוצופּאַסן", צו זיין ווי דאָס הויפּטפאָלק. און די חסי־דים לערנען די מסיכתא אַמעריקע פּאַרקערט: אַמעריקע איז אַ פּריי לאַנד, קענען מיר דאָ צופּאַסן אַלץ צו אונדז, צו אַלע אונדזערע געוווינהייטן און פּי־רזנגען. אַ דאַנק גאָט — מען צווינגט נישט, מען דריקט נישט. קען מען דאָך פּירן זיך אין אַמעריקע ווי מיר ווילן, ווי מיר פאַרשטייען, ווי מיר האַלטן פאַר ביטיק. נישט זיי פּאַסן זיך צו צו אַמעריקע, נאָר זיי פּאַסן צו אַמעריקע צו זיך. ביי אונדז יידן זענען זיי, דאַכט זיך, די איינציקע גרופּע וואָס פירט זיך אַזוי. עס זענען אָבער פאַראַן נישט־יידישע גרופּעס אַ סך מער, און אַמעריקע גייט נישט אונטער, חלילה. בין איך זיי מקנא. זיי קענען זיין אין אַמעריקע און נישט גיין אין קינאָס, נישט באַזוכן קיין טעאַטער, נישט לויפן זען אַלע וווּנדיירים וואָס אַמעריקע האָט. זיי האָבן זייער וועלט און זיי זענען גליקלעך מיט אַמע־ריקע, זייער גאַנצע יידישקייט איז גליקלעך. מען קען אין אַמעריקע היטן דעם גאַנצן שטייגער פון ליבאַוויטש. דאָס איז די פרייהייט פון אַמעריקע.

איך האָב פריער געזאָגט, אַז איך בין לגמרי נישט זיכער אין זייער פריי־הייט פון עגאָפּאָביע. און אָט פאַרוואָס איך בין זיי חושד: זיי אַנטלויפן נישט נאָר פון דעם וואָס אַנדערע יידן רופן „אַמעריקאַנישקייט", נאָר זיי אַנטלויפן פון אַ גאָר אַ סך יידישקייט. זייער יידישקייט איז אויך דורך זיי אַליין באַ־גרענעצט, אָפּגעשניטן. און אָפּגעשניטענע יידישקייט קען נישט גיין פאָרויס, אַן אָפּגעשניטענע יידישקייט איז שוין מער נישט לעבעדיק. זיי האָבן אַליין מורא פאַר אַלץ וואָס עס איז מחוץ זייער אָפּגעגרענעצטער וועלט. עס איז די „סיטרא אחרא" — אַ פרעמדע וועלט, וואָס קען חלילה פאַרפירן. זיי זענען נישט זיכער אין זיך אַליין. דאָס איז איין זאַך. און די צווייטע זאַך — זיי לאָדן אויס זייער עגאָפּאָביע, וואָס איז אפשר יאָ דאָ ביי זיי, אויף גאָר די יידישקייט וואָס איז ווייטער פון זייער רבין. און יידישקייט איז ברייטער, איז מערער. דאָס איז ביי זיי זייער עגאָפּאָביע. דאָ איז זייער גוואַלדיקער חסרון וואָס לאָזט זיי נישט זיך צעשפּרייטן איבער גאָר דער יידישקייט.

זייערע צוויי מעלות וועגן אָבער אַריבער. זיי האָבן זייער געביט וואָס דאָ איז די עגאָפּאָביע לגמרי נישט שולט. איך ווייס נישט נאָך אַ צווייטע גרופּע יידן וואָס זאָלן האָבן כאָטש איין ווינקעלע פריי פון עגאָפּאָביע. און די צווייטע מעלה. זיי הייבן אָן זייער יידישקייט פון פּשוטן עם הארץ. מיר האָבן שוין עטלעכע מאָל געבראַכט, אַז אמתע קולטור גייט פון אונטן, ווי אַ געוויקס וואַקסט אַרויס פון זאָמען, פאַרזייט אין שוואַרצן באָדן. די חסידישע תורה איז נישט קיין תורה, נאָר מעשיות פון די רביים, וועגן די רביים, וועגן די רביים און צדיקים... יידישקייט הייבט זיך אָן פון דער מעשה, קולטור און ליטע־ראַטור הייבט זיך אָן פון בעל־פּה...

בין איך מיט זייער פאַרשמעלערטער ייִדישקייט לגמרי נישט מסכּים. איך בין אָבער יאָ מסכּים מיט זייער האַלטן פון זייער ייִדישקייט. זיי האָבן זייער הלכה־שטייגער, וואָס גילט פאַר זיי ווי זיי זענען, אין ניו־יאָרק צי אין טריסק. דאָס דאַרפן מיר זיך פון זיי אָפּלערנען. דאָס האָט אַ קיום אין אַ ריכטיקן באַגריף וועגן דעם וואָס אַמעריקע איז און וואָס אַמעריקע דאַרף זיין פאַר ייִדן, אַזוי אויך פאַר אַנדערע פעלקער־גרופּעס. אַמעריקע דאַרף נישט אָפּמעקן קיינע קולטורן, פאַרקערט, דאַרף זי זיי געבן אַלע מעגלעכקייטן צו וואַקסן און צו אַנטוויקלען. דעם דין פון הלכות אַמעריקע האָבן שוין געפּסקנט גרעסערע מומחים אין דער מסיכתא אַמעריקע, און איך בין דאָ גאָרנישט מחדש. מער נישט וואָס אַלע אונדזערע ייִדן מחוץ יענע חסידים ווילן דעם דין נישט לער־נען און נישט וויסן. אָט יענע חסידים האָבן אויפגעגנומען אַמעריקע לויט איר ריכטיקן פּסק און טייטש: מען דאַרף אַמעריקע אויסנוצן, אָבער זיך נישט צופּאַסן צו איר.

פאַרוואָס קענען יענע ייִדן און אַנדערע קענען עס נישט? — דאָס איז דערפאַר, ווייל זיי — די חסידים — האָבן אַ שטאַרקע אמונה אין זייער ייִדיש־קייט. זייער כּוח איז זייער אמונה. אמונה טייטשן מיר, דאָס איז געטרייקייט. זיי גלייבן אַז אַזוי דאַרף זיין, אַזוי דאַרף מען זיין, און זיי פירן זיך אַזוי, — און אַמעריקע לאָזט זיי. זי ווערט פון דעם נישט חרוב.

זייער ייִדישקייט האָט אָבער אַ גוואַלדיקן דעפעקט: זי איז נישט קיין כּולע, נישט קיין גאַנצע. זיי שנײַדן אָפּ ייִדישקייט: נאָר דאָס און ווייטער גאָר־נישט. נאָר דער תלמוד און אַלע זיינע „נושאי כּלים״. מער ווילן זיי נישט וויסן. אָבער ייִדישקייט איז און מוז זיין אַ שטראָם, וואָס האָט זיך נישט אָפּגע־שטעלט, נישט אויפגעהערט צו שטראָמען אַלץ ווייטער, נישט צו שאַפן און צו פּראָדוצירן. דאַרפן דאָס פירן אַנדערע די וואָס האָבן זייער אמונה אויך אין די נייע שטראָמען, אין די נייע שאַפונגען און אין די נייע שעפער פון ייִדישקייט.

אָבער די פּראָבלעם איז אַ צו ברייטע און זי פאָדערט אַ באַזונדערע אַרבעט.

# טײלװײַזע ביבליאָגראַפֿיע פֿון א. גאָלאָמבס שריפֿטן

פֿון יעפֿים ישורין

(אין דער ביבליאָגראַפֿיע האָט נישט געקאָנט אַרײַנגײן, צום באַדױערן, װאָס עס איז געשריבן געװאָרן װעגן א. גאָלאָמבס שריפֿטן, װי אױך דאָס װאָס גאָלאָמב האָט געשריבן אין רוסיש (ביז 1921) און דאָס װאָס ער האָט געשריבן אין „װילנער טאָג" און נאָך אַ סך אַנדערע, צעשאָטן אין פֿאַרשײדענע אױסגאַבעס איבער דער גאַנצער ייִדישער װעלט).

## באַזונדערע אױסגאַבעס

1. גװױקסן. לערנבוך פֿאַר ייִדישע שולן, לױט ג. באַטש און אַנדערע, פֿאַרלאַג „קולטור־ליגע", קיִעװ, 1919, 127 זײטן.
גװױקסן. לערנבוך פֿאַר ייִדישע שולן, צװײטע אינגאַנצן איבערגעאַרבעטע אױפֿלאַגע, פֿאַרלאַג „קולטור־ליגע", װאַרשע, 1922.
גװױקסן. לערנבוך פֿאַר ייִדישע שולן, געדרוקט פֿאָטאָ־אָפֿסעט אין מעקסיקע, 1947 (געדרוקט לױט דער װענדונג פֿון װאַרשע, גלײך נאָך דער מלחמה, ספּעציעל פֿאַר די ייִדישע שולן אין פּױלן), 162 זײטן.
2. װי אַ פֿיש איז אַ פֿראָש געװאָרן. דערצײלונג פֿאַר קינדער, פֿאַרלאַג „קולטור־ליגע", קיִעװ, 1918, 32 זײטן.
װי אַ פֿיש איז אַ פֿראָש געװאָרן. צװײטע אױפֿלאַגע, ביאַליסטאָק, 1922.
3. דאָס ערשטע מאָל אין װאַלד. פֿאַרלאַג „קולטור־ליגע", קיִעװ, 1918.
דאָס ערשטע מאָל אין װאַלד. צװײטע אױפֿלאַגע, ביאַליסטאָק, 1922.
4. דאָס לעבן פֿון אַ בױם. פֿאַרלאַג „קולטור־ליגע", קיִעװ, 1922.
5. פּראַקטישע אַרבעט אױף נאַטור־לימוד. העפֿט פֿאַרן לערער, װאַרשע, 1922, „קולטור־ליגע".
פּראַקטישע אַרבעט אױף נאַטור־לימוד. העפֿט פֿאַרן תּלמיד, װאַרשע, 1922, „קולטור־ליגע".

6. וואַסער־געוויקסן. הילפסביכל צו באָטאַנישע עקסקורסיעס אויפן וואַסער. אילוסטרירט, 52 זז׳. צענטראַלע יידישע שול־אָרגאַניזאַציע, ווילנע 1923.
7. אַרבעטס־העפט אויף געאָגראַפיע. „קולטור־ליגע״, וואַרשע, 1924.
אַרבעטס־העפט אויף געאָגראַפיע. צווייטע אויפלאַגע, וואַרשע 1926, „קול־טור־ליגע״.
7. פּראָגראַם פאַר נאַטור־לימוד. צענטראַלע יידישע שול־אָרגאַניזאַציע, וואַר־שע, 1927.
9. אידן און אידישקייט אין אַמעריקע. אַרויסגעגעבן פון וו. קעלער, 40 זייטן, וויניפּעג, 1940.
10. אונדזער נייער ש״ס. אַרויסגעגעבן פון מחבר, וויניפּעג, 1941.
11. אומוועגן און אויסוועג (אַ פּרווו צו פאָרמולירן אַ יידישן וועלטבאַנעם), אַרויסגעגעבן פון מחבר, וויניפּעג, 1942, 88 זייטן.
12. פּסיכאָלאָגיע פון כעס. סעפּאַראַט־אָפּדרוק פון די ייִוואָ־בלעטער.

## געקליבענע שריפטן פון א. גאָלאָמב

13. ערשטער באַנד, אַרויסגעגעבן פון אַ קאָמיטעט אַרויסצוגעבן געקליבענע שריפטן פון א. גאָלאָמב, צו די פינף און דרייסיק יאָר פון זיין פּעדאַגאָ־גישער טעטיקייט, מעקסיקע, 1945, 316 זז׳.
14. צווייטער באַנד, פּעדאַגאָגישע שריפטן ב׳, 1טער טייל — אַלגעמיינע פּע־דאַגאָגיק און 2טער טייל — יידישע פּעדאַגאָגיק, 343 זז׳, מעקסיקע, 1946.
15. דריטער באַנד, אונדזער גאַנג דורך דער אייביקייט. אַרויסגעגעבן פון קאָ־מיטעט, 283 זז׳, מעקסיקע, 1946.
16. פערטער באַנד. אין פלאַנטער פון היינט, קאָמיטעט 1947, 280 זז׳.
17. פינפטער באַנד, פון טאָג צו טאָג, קאָמיטעט, 316 זז׳, 1947.
18. זעקסטער באַנד. דעם מאָרגן אַנטקעגן, מעקסיקע 1948, קאָמיטעט, 282 זז׳.
19. מעשהלעך פאַר קינדער (רעדאַקטירט). ערשטע אויפלאַגע, מעקסיקע, פאַרלאַג „יידישע שול אין מעקסיקע״, 109 זז׳, 1946.
מעשהלעך פאַר קינדער. צווייטע אויפלאַגע, „יידישע שול אין מעקסיקע״, 1947.
20. מעשהלעך פאַר קינדער. בוך צוויי, פאַרלאַג „יידישע שול אין מעקסיקע״, 1947, באַאַרבעט און צונויפגעשטעלט פון פאַרלאַג „יידישע שול״, 1947, 162 זז׳, 1947.
21. אגדות פאַר שולן און היימען. אָפּגעקליבן און איבערגעזעצט. וויניפּעג, „פון קוואַל״, 1943, 63 זז׳.
22. דאָס ייִנגל אין געטאָ. דערציילונג פאַר קינדער, 1947.

23. דער העלדישער האָן. אַ מעשהלע פאַר גאָר קליינע קינדער. געשריבן און אילוסטרירט פון י. פריינד ע"ה. פאַרלאַג „קרעמערמאַן־פאַנד", מעקסיקע, 1949.

24. פסיכאָלאָגיע. אַלגעמיינער קורס, ערשטער טייל, „קרעמערמאַן־פאַנד", מעקסיקע, 1947, 208 זז'.

25. פראָגראַם פאַר דער יידישער שול אין מעקסיקע, 1948, 84 זז'.

26. אַ האַלבער יאָרהונדערט יידישע דערציִונג. אַרויסגעגעבן פון קרייז פון „ייווא־פריינד אין ריאָ דע זשאַניירא", 1957, 25 זז'.

27. אויף די וועגן פון קיום (עסייען). אַרויסגעגעבן פון א קאָמיטעט, בוענאָס־איירעס, 1959, 327 זז'.

28. ספר טביה. פרושים און באַלייכטונגען צו הילף דעם תלמיד און לערער, 1961, 63 זז'. אַרויסגעגעבן פון א. און ג. קרעמערמאַן, מעקסיקע.

29. אונדזער גאַנג צווישן פעלקער. אַרויסגעגעבן פון אַ קאָמיטעט, בוענאָס־איירעס, 1961, 347 זז'.

30. אינטעגראַלע יידישקייט. טעאָריע און פּראַקטיק. אַרויסגעגעבן פון מחבר, מעקסיקע, 1962, 45 זז'.

31. אייביקע וועגן פון אייביקן פאָלק. אַרויסגעגעבן פון אַ יובל־קאָמיטעט, מעקסיקע־בוענאָס איירעס, 1964.

32. **Ensayos Pedagógicos,** México, 1955.

33. וועגן שנאה צו יידן ביי יידן. סעפּעראַט־אָפּצוג פון ייווא־בלעטער, באַנד 17, 1941.

34. דאָס זעלביקע אין ענגליש פון „ייווא־אַנואַל" 112 זז', באַנד 1, 1946.

35. אומה ולשון, סעפּאַראַט־אָפּצוג פון יאָרבוך 13, „נייע יידישע שול", 1962.

## א. גאָלאָמבס אַרטיקלען וועגן יידישער דערציִונג, פּעדאַגאָגיק און וועלטלעכן שולוועזן

נאַטורלימוד אין דער יידישער שול. „שול און לעבן", קיעוו, נומ' 1, 2, 3, 4, 1919.

צום לימוד פון געשיכטע אין פאָלקשול. „שול און לעבן", 8־9, קיעוו, 1919.

וועגן לערן־ליטעראַטור. צום 1טן שול־צוזאַמענפאָר. „נייע שול", 1921.

לערער־אויסבילדונג. צום ערשטן שול־צוזאַמענפאָר, „נייע שול", 1921.

אַ מעטאָד אָדער אַ לימוד. „שול און לעבן", וואַרשע, סעפּט., 1921.

אויפגאַבן פון נאַטור־לימוד אין שול. „נייע שול", סעפּט־אָקט. 1922.

נאָך אַמאָל וועגן רעליגיעזער דערציִונג, „נייע שול", סעפּט.אָקט., 1922.

וועגן אַ יידישער הויכשול. „קולטור", נומ' 1, וואַרשע, נאָוו., 1922, זז' 35־37.

צי קענען אונדזערע שולן זיך אַנטוויקלען אָן אַ הויכשול. „נייע שול“, נאָוו.־דעצ., 1922.

וועגן דיאַלאָגישן מעטאָד. „נייע שול“, וואַרשע, מערץ־יוני, 1923.

צו דער געשיכטע פון נאַטור־לימוד. „נייע שול“, סעפּט., 1923.

ייִדישער לערער־סעמינאַר. „שול־פּנקס“ — 5 יאָר אַרבעט פון צענטראַלן בילדונגס־קאָמיטעט, ווילנע, 1924, זז׳ 262־272.

רעפעראַט וועגן נאַטור־לימוד אין ייִדישע שולן. 2טע לערער־קאָנפערענץ, וואַרשע, 1925.

צום ערשטן סיום פון סעמינאַר. „שול און לעבן“, סעמינאַר־נומער, וואַרשע, אפּר., 1926.

פאָרשונג־עקספּעדיציע ווי אַ מעטאָד אין שול. „נייע שול“, אויג־אָקט.־נאָוו.־דעצ., 1926.

פּעדאַגאָגישע לימודים אין סעמינאַר. („אַ יאָר אַרבעט אין סעמינאַר“), ווילנע, 1926־1927.

פאָרשונג־עקספּעדיציאָנען אַלס לעהר־מעטאָדע אין דען שולן (דייטש). „די נויע ערציהונג“, בערלין, 1927, נומער 11.

פון ייִדישן שולוועזן אין לעטלאַנד, „נייע שול“, מערץ, 1, 1929.

שטאָף־פאַרטיילונג פון געאָגראַפיע, „נייע שול“, אָקט., 1929.

וועגן דער אויסשטעלונג, „נייע שול“, יאַנואַר 1, 1930.

דאָס רעוואָלוציאָנערע אין דער ייִדיש־וועלטלעכער שול. „קולטור און דערציִונג“, נ. י., אַפּר., 1930.

די ייִדישע שול אין פּוילן. „וואָך“, נ. י., נומער 30, אַפּר., 25, 1930, זז׳ 11־12.

ייִדישע דערציִונגס־פּראָגראַם. „קולטור און דערציִונג“, נ. י., דעצ., 1930.

פאַרוואָס קומט מען אָן אין אַ לערער־סעמינאַר. „ייִוואָ־בלעטער“, ווילנע, יאַנ., 1931, זז׳ 89־91.

צי איז פאַראַן אַ ייִדישע פּעדאַגאָגיק? „קולטור און דערציִונג“, נ. י., אָקט. 1931.

וועגן געשיכטע־לימוד. „אונזער שול“, נ. י., אַפּריל 1932, זז׳ 23־25.

אַ מוסטער פון אַן אומגליקלעכער דערציִונג. „קולטור און דערציִונג, נ. י., דעצ., 1932.

וועגן אַ תכלית־דערציִונג. „אונדזער שול“, נ. י., אַפּריל, 1934, זז׳ 19־21.

די ראָל און אויפגאַבע פון דער ייִדישער שול. „קולטור און דערציִונג“, נ. י., נאָוו., 1934.

וועגן תכלית אין דערציִונג. „קולטור און דערציִונג“, נ. י., אַפּריל, 1936.

דער אַרבעטער־שולוועזן אין ארץ־ישראל. „קולטור און דערציִונג“, נ. י., אָקט., 1936.

דערציִונג פון ייִדן. „קולטור און דערציִונג“, נ. י., אָקט., 1937.

גאַנצע יידישע פערזענלעכקייט דורך דערציִונג. „קולטור און דערציִונג", נ. י., אָקט., 1939.

צעבראָכענע נשמות פון אונדזערע קינדער. „קולטור און דערציִונג", נ. י., נאָוו., 1939.

וואָס קאָסט דעם אַמעריקאַנער יידנטום די ענגלישע דערציִונג. „קולטור און דערציִונג", פעבר., 1940.

די שול ווי אַ יסוד פון לעבן. „דער שפּיגל", בוענאָס־איירעס, מערץ 16, 1940, זז' 5־6.

דער גורל פון יידישן לעבן און יידישער מאָניסטישער דערציִונג. „קולטור און דערציִונג", נ. י., נאָוו., 1940.

פונדאַמענטן. — פּרץ שול, וויניפּעג. „יידישערי קעמפּער", „יידישע פּרעסע", בראַזיל, „דער שפּיגל", בוענאָס־איירעס.

דערציִונג ביי יידן. טראַדיציאָנעלע דערציִונג. „אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע", נ. י., באַנד: יידן־ג., 1942, זז' 369־377.

אויסבילדונג פון כאַראַקטער ביי יידישע קינדער אין אַמעריקע. „קולטור און דערציִונג", נ. י., פעב., 1943.

30 יאָר י. ל. פּרץ־שול אין וויניפּעג ווייזן דעם וועג פאַר אַן אמת אידיש־וועלט־לעכער דערציִונג און פאַר אַן עכטער אידישער סביבה. „דער טאָג", נ. י., יאַנ., 2, 1944.

אַרום דער דיסקוסיע וועגן העברעִישער דערציִונג. „דער שפּיגל", בוענאָס־איירעס, מערץ 6, 1944, זז' 3־4.

אויסבילדונג פון כאַראַקטער ביי אידישע קינדער אין אַמעריקע. „דער שפּיגל", בוענאָס־איירעס, נאָוו., 1944, זז' 3־4; דעצ., 1944, זז' 3־4.

דערציאונג וואָס דערציט ניט. „שריפטן", בוענאָס־איירעס, יולי 1944.

וואָס מען דאַרף און וואָס מען דאַרף ניט לערנען אין אַ יידישער שול. „קול־טור און דערציִונג", נ. י., יאַנ., 1945, זז' 5־7; „דער שפּיגל", בוענאָס־איירעס, מערץ, 1945, זז' 1־4.

דער גייסטיקער וווקס פון יידישע קינדער אין די טאָג־שולן. „שולבלאַט", נ. י., מאַי, 1945, זז' 4־6.

פון דער אידישער שולע. „דער וועג", מעקסיקע, יוני, 16, 1945.

די לעצטע אויפטוען פון דער יידישער שול. „די שטימע", מעקסיקע, סעפּט., 8, 1945.

אַ יידישע שול איז מער ווי אַ שול. „אונדזער שול", יאָרבוך, מעקסיקע, סעפּ־טעמבער, 1945, זז' 7־12.

דאָס יאָר 1945 אין דער יידישער שול. „אונדזער שול", יאָרבוך, מעקסיקע, 1945, זז' 19־26.

צו דער כאַראַקטעריסטיק פון דער ייִדישער יוגנט אין די אַמעריקעס. „אונדזער שול", מעקסיקע, ראש־השנה תש"ז, 1946, זז' 5־10.
דער וועג פון דער ייִדישער דערציִונג אין אַמעריקע. „צוקונפט", נ. י., מערץ, 1946, זז' 175־177.
וועגן דער קאָאָרדינאַציע פון די אידישע שולעס. „דער וועג", מעקסיקע, דעצ., 21, 1946;
די ייִדישע שול און דאָס ייִדיש לעבן. „די שטימע", מעקסיקע, אָקט., 19, 1946.
אויך אין מעקסיקע קען מען דאָס באַווייזן. (דער ייִדישער לערער־סעמינאַר ביי דער ייִדישער שול אין מעקסיקע). „די שטימע", מעקסיקע, דעצ., 7, 1946.
די נאַציאָנאַל־געזעלשאַפטלעכע דערציִונג אין דער ייִדישער שול. „די שטימע", מעקסיקע, דעצ., 21, 1946.
וועגן לערער. „די שטימע", מעקסיקע, פעברואַר, 22, 1947.
צילן פון דערציִונג, „עלטערן־טריבונע", יוני, 1947, מעקסיקע.
וועגן פּאַטעטישן חוש ביי די קינדער אין אַמעריקע. „עלטערן־טריבונע", מעקסיקע, נומ. 6, נאָוו., 1947.
געצנדינעריי אין דערציִונג. „אונדזער שול", מעקסיקע, 1947, זז' 38־43.
פאָלקשול אָרער פּאַרטיי־שול. „עלטערן־טריבונע", מעקסיקע, סעפּט., 1948.
עלטערן און קינדער. „בלעטער פאַר דערציִונג", 1949.
עלטערן און קינדער ביי ייִדן אין אַמעריקע. „בלעטער פאַר דער ייִדישער דערציִונג", נ. י., יוני־סעפּט., 1949, זז' 40־48.
וועגן דער אַנטוויקלונג פון דער שול. „אונדזער שול", מעקסיקע, נומ. 13, 1949, זז' 10־15.
דאָס דענקען ביי קינדער. „אונדזער שול", מעקסיקע, נומ. 13, 1949, זז' 32־36.
די ייִדישע שול אין ווילנער פּראָווינץ. „אונדזער שול", נומ. 13, מעקסיקע, 1949, זז' 37־40.
וועגן העברעיִש לימוד. „קיום", פּאַריז, פעב. און מערץ, 1950.
אַ לערנען וואָס פאַרטעמפּט. „עלטערן־טריבונע", מעקסיקע, מערץ, 1950, זז' 2־4.
וועגן דעם העברעיִש־לימוד אין שול און וועגן דעם הברה. „בלעטער פאַר ייִדישער דערציִונג, נ. י., יוני־סעפּט., 1950, זז' 55־63.
נאָרמאַלע ייִדישע דערציִונג — ווי אַזוי. „קיום", פּאַריז, נומ 32־33, אויג., 1950.
וועגן העברעיש אין ייִדישע שולן. „נייע ייִדישע שול", 1950.
די צילן פון ייִדישער דערציִונג. „אונדזער שול", מאָנטעווידעאָ, מאַי, 1951.
עלטערן און קינדער — צוויי פעלקער. „נייע ייִדישע שול", „עלטערן־טריבונע", מעקסיקע, יוני, 1951, זז' 7־12.

פּאָזיטיוויסטישע און נאַציאָנאַל־עטישע צילן אין דערציִונג. „בלעטער פאַר יידישער דערציִונג, נ. י., יוני־סעפּט., 1951, זז' 16־22.

פּאַר בראשית צו דער געשיכטע פון יידישן שולוועזן. „נייע יידישע שול", יאָרבוך, מעקסיקע, אָקט., 1951, זז' 14־18.

עלטערן און קינדער, „האָלץ־אינדוסטריאַל", בוענאָס־איירעס, 1951.

דערציִונג אָן שטייגער, „דער טאָג", נ. י., אויג., 12, 1952.

איינהייט אין אידישער דערציאונג. „טאָג־מאָרגען זשורנאַל", נ. י., אויג., 11, 1953.

דערצאונג און פּאָליטיק. „טאָג־מאָרגען זשורנאַל", נ. י., סעפּט., 2, 1953.

אַ יידישע מיידלשול אין צאַרישן רוסלאַנד. „נייע יידישע שול", יאָרבוך, מעקסיקע, 1953, זז' 3־8.

אַקטועלע דערציִונגס־־פּראָבלעמען. „נייע יידישע שול", יאָרבוך, מעקסיקע, סעפּט., 1953, ז' 19.

וואָס זאָל טאָן די יוגנט? „קולטור־לעבן", מעקסיקע, יאַנ., 1954, זז' 4־5.

די טראַגעדיע פון דער מאָדערנער דערציִונג. „פרייע אַרבעטער שטימע", נ. י., יאַנ., 15, 1954, ז' 6; „אויסטראַלישע יידישע נייעס", מעלבורן, מאַי, 21, 1954.

צו דער געשיכטע פון יידישן שולוועזן. „נייע יידישע שול", יאָרבוך 5, מעקסיקע, אָקט., 1954, זז' 3־6.

איז מעגלעך אַ דערציִונג צו צוויי קולטורן? „דער שפּיגל", בוענאָס־איירעס, יולי, 1955.

מאָניזם אָדער פּלוראַליזם אין דערציִונג. „נייע יידישע שול, יאָרבוך 6, מעקסיקע, אָקט., 1955, זז' 35־40.

פּסיכישע קאָנפליקטן ביי יידישע קינדער. „די פּרעסע", בוענאָס־איירעס, דעצ., 1, 1955; „קולטור און דערציִונג", נ. י., יאַנ., 1956, זז' 8־10.

אַ דערציִערישע פּראָבלעם. „דער שפּיגל", בוענאָס־איירעס, פעב. 1956, זז' 3־4.

העברעיִש־יידישע שולן. „דער שפּיגל", בוענאָס־איירעס, מערץ 1956, זז' 3־4.

אַ נישט־אָביעקטיווע געשיכטע פון אידישן שול־וועזן. „אידישער קעמפער", נ. י., פעב., 22, 1957, זז' 11־13.

יידישע דערציִונג. „20 יאָר פאָלקשול", יאָהאַנעסבורג, אויג., 1957, זז' 39־40.

אַ נאָרמאַלע יידישע דערציִונג. „נייע יידישע שול", יאָרבוך 8, מעקסיקווע, אָקט., 1957, זז' 37־43.

וועגן אהבת ישראל אין יידישער דערציִונג. „קולטור און דערציִונג", נ. י., דעצ., 1957, זז' 3־5.

דער מענטשלעכער ווערט פון יידישער דערציִונג. „דער וועג", מעקסיקע, דעצ., 7, 1957; דעצ., 10, 1957.

יידישע דערציונג, וואָס מיינט דאָס וואָרט? „דער וועג", מעקסיקע, יאַנ., 25, 1958.
אַ ועוויזיע אין דער דערציונג. „דער שפּיגל", בוענאָס־איירעס, יוני־יולי, 1958, זז' 3־4 און 10.
דעפעקטן אין אַמעריקאַנער דערציונג. „פרייע אַרבעטער שטימע", נ. י., יולי, 15, 1958, ז' 2.
אַ רעוויזיע פון דערציונג. „דער וועג", מעקסיקע, אויג., 9, 1958; אויג., 12, 1958.
קיום און דערציונג. „אונדזער וועג", שיקאַגאָ, סעפּט., 1958, זז' 73־80.
דערציונג, וווהין? „קולטור און דערציונג", נ. י., אָקט., 1958, זז' 3־4.
די פּעדאַגאָגישע קורסן אין גראַדנע. „מייַ יידישע שול", י. ל. פּרץ־יזכרבוך 9, מעקסיקע, 1958, זז' 3־9.
וועגן דער יוגנט. „דער וועג", מעקסיקע, אָקט., 25, 1958.
צי קאָן מדינת־ישראל באַזאָרגן לערער פאַרן גלות? „דער וועג", מעקסיקע, נאָוו., 1, 1958.
מכוח אַ שול־פּראָגראַם. „קולטור און דערציונג", נ. י., דעצ., 1958, זז' 4־5.
קיום און דערציונג. „אונדזער וועג", שיקאַגאָ, דעצ., 1958, זז' 6־11.
וועגן פאַרשיידענע שול־סיסטעמען. „דער וועג", מעקסיקע, פעב., 14, 1959.
וואָסערע שולן עס טויגן אויף מער. „דער וועג", מעקסיקע, אָקט., 22, 1959.
אויף אייגנע וועגן (צום איצטיקן קריזיס אין דערציונג). „צוקונפט", נ. י., אָקט., 1960, זז' 383־386.
וועגן אונדזער יוגנט. „דער וועג", מעקסיקע, דעצ., 3, 1960.
וועגן דער דערציונג ביי אונדז. „דער וועג", מעקסיקע, יוני 8, 1961.
נאָך וועגן דערציונג. „דער וועג", מעקסיקע, יוני, 15, 1961.
די גראָדנער פּעדאַגאָגישע קורסן. „גראָדנער אָפּקלאַנגען", נומ. 12־13, בוענאָס־איירעס, יולי, 1961, זז' 16־19.
ווידער וועגן יידישער דערציונג. „דער וועג", מעקסיקע, יולי 22, 1961.
די ווירקונג פון די פרעמדע שפּראַכן אויף קינדער. „דער וועג", מעקסיקע, אויג., 19, 1961.
יידישע דערציונג און איר ריכטונג. „קענעדער אָדלער", מאָנטרעאָל, דעצ. 16, 1961.
וועגן אונדזערע שפּראַכן. „דער וועג", מעקסיקע, דעצ., 23, 1961.
וועגן דער יידישער דערציונג אין מעקסיקע. „בלעטער פאַר יידישער דער־ציונג, ניו־יאָרק, 1962, זז' 52־54.
קדושה און וואַכעדיקייט אין לעבן און אין דערציונג. „קולטור און דערציונג", נ. י., יאַנ., 1962, זז' 3־5.

דעליגיע, וועלטלעכקייט און דערציִונג. „קולטור און דערציִונג, נ. י., פעב., 1962, זז' 7־10.

לערער און לערער. „דער וועג", מעקסיקע, אַפּריל, 7, 1962; אַפּריל 17, 1962.

אויפן דערציִונגס־צוזאַמענפאָר אין ירושלים. „צוקונפט", נ. י., אָקט., 1962, זז' 357־360.

רעליגיע, וועלטלעכקייט און דערציִונג. „שריפטן", בוענאָס־איירעס, אָקט 1962, יאַנ., 1963, זז' 113־1181.

וועגן לימוד פון יידישער געשיכטע. „קולטור און דערציִונג", נ. י., מערץ 1963, זז' 5־7.

טעאָרעטישע און פּראַקטישע פּראָבלעמען פון יידישער דערציִונג אין גלותח „ערשטע יידישע לערער־קאָנפערענץ אין מעקסיקע", 1958 (רעפּעראַט), זז' 11־45.

## א. גאָלאָמבס אַרטיקלען וועגן יידן, יידישקייט און יידישער שפּראַך

אַלוועלטלעכע יידישקייט. „ליטעראַטור", נומ. 121־122, 1926.

אייביקע יידישקייט. „פרייער געדאַנק", ווילנע, נומ. 3־4, 1927.

די אויפגאַבן פון יידישיזם. „ליטעראַרישע בלעטער", וואַרשע, נומ. 37, 1928.

די אויפגאַבן פון יידישיזם. 20 יאָר נאָך טשערנאָוויץ. „ליטעראַרישע בלעטער", וואַרשע, נומ. 35, 37, 1928.

יידישיזם אויפן שיידוועג. „יידיש", דעצ., 30, 1932.

יידישיסטישע געדאַנקען. „ליטעראַרישע בלעטער", וואַרשע, נומ. 7, 1933.

וואָס איז יידישיזם. „קולטור און דערציִונג", נ. י., יאַנ., 1935.

וועגן „מאַקסימום־יידישקייט". „יידישע קולטור", נ. י., מערץ, 1939, זז' 68־73.

יידן און בלוטפאַרגיסונג. „דער שפּיגל", בוענאָס־איירעס, אָקט., 1939; דעצ., 1939.

אויפגאַבן פון יידישן געדאַנק. „אויפן שיידוועג", באַנד1, פּאַריז, 1939.

וואָס איז יידישע טראַדיציע. „אויפן שיידוועג", באַנד 2, פּאַריז, 1939.

דער גורל פון יידישן פאָלק און זיין וועג. „דער שפּיגל", בוענאָס־איירעס, נאָוו., 1940; יאַנ., 1941.

יידישקייט און ארץ־ישראלדיקייט. 1טער טייל, „אידישער קעמפער", נ. י., יולי 4, 1941.

תורה און לעבן ביי יידן. „דער שפּיגל", בוענאָס־איירעס, דעצ., 1941.

דער גורל פון יידן אין יידישקייט. „דער שפּיגל", בוענאָס־איירעס, 1941.

די היינטיקע יידישקייט הלכה למעשה. „אויפן שוועל", נומ. 5־6, נ. י., 1941.

ייִדן און גויִים. „שריפטן", בוענאָס־איירעס, יוני 1942.
דריי פּרינציפּן פון ייִדישקייט. „שריפטן", בוענאָס־איירעס, סעפּט., 1942.
ווי נעמט מען אַ ייִדישע אינטעליגענץ? „צוקונפט", נ. י., סעפּט., 1943, זז' 538־541.
ייִדישקייט און דער ייִדישער קיום. „צוקונפט", נ. י. אויג., 1944, זז' 481־484.
דעהיסטאָריזאַציע אָדער המשכדיקייט. „שריפטן", בוענאָס־איירעס, אויג.־סעפּט., 1944.
ייִדישע יום־טובים אין דער ייִדישער שול. „די שטימע", מעקסיקע, מאַי, 19, 1945.
ניט אין שפּראַכן איז ייִדישקייט. „שריפטן", בוענאָס־איירעס, יוני־יולי, 1945.
ייִדישקייט און דער ייִדישער קיום. „שריפטן", בוענאָס־איירעס, פעב.־מערץ, 1946.
פּרינציפּן פון אינטעגראַלער ייִדישקייט. „שריפטן", בוענאָס־איירעס, אַפּריל־מאַי, 1946.
וואָס מיינט אינטעגראַלע ייִדישקייט. „שריפטן", בוענאָס־איירעס, אויג.־סעפּט. 1946.
דער פּעדאַגאָגישער געדאַנק ביי ייִדן. „אונדזער שול", מעקסיקע, ראש השנה תש"ז־1946, זז' 34־40; „שול־פּנקס", שיקאַגאָ, 1946.
אייביקע, אַלוועלטלעכע, אומעטומיקע ייִדישקייט. „שריפטן", בוענאָס־איירעס, נומ. 53, 54, 1956.
קיום און דערציִונג. „צוקונפט", נ. י., סעפּט., 1948, זז' 516־521.
ייִדיש און ייִדישקייט. „אויפן שוועל", נ. י., יאַנ., 1950.
רעליגיעזע און וועלטלעכע ייִדישקייט. „אונדזער קיום", פּאַריז, יולי 1951.
די וועלטלעכע ייִדישקייט, ווהין? „קיום", נומ. 46, פּאַריז, אָקט., 1951.
ייִדישקייט און מענטשלעכקייט. „האַלץ־אינדוסטריאַל", בוענאָס־איירעס, 1952.
אויסייִדישונג. „האַלץ־אינדוסטריאַל", בוענאָס־איירעס, 1953.
וואָס איז וועלטלעכע ייִדישקייט? „שול־שריפטן", אַרגענטינע, 1953.
דערציִונג צו אינטעגראַלער אידישקייט. „אידישער קעמפער", נ. י., סעפּט., 1954, זז' 7־8; „שריפטן", בוענאָס־איירעס, יאַנ.־פעבר., 1955.
נאָך וועגן צוקונפט פון ייִדן אין אַמעריקע. „אויפן שוועל", נ. י., יאַנ., 1955.
ייִדן אין גלות און אין דער אייגענער מדינה. „צוקונפט", נ. י., יולי־אויג., 1955.
ווי זענען אַהינגעקומען די ייִדישע קעפּלעך. „דער שפּיגל", בוענאָס־איירעס, סעפּט., 1955.
די וואָרצלען פון שפּראַכן־קריגערייַ ביי ייִדן. „שריפטן", בוענאָס־איירעס, נומ. 166־168, מערץ, 1956.
איינגעלעבטע ייִדישקייט. „קולטור און דערציִונג", נ. י., מערץ, 1956.
ייִדן דענקען ניט. „האַלץ־אינדוסטריאַל", בוענאָס־איירעס, 1956.

גאַנצע און האַלבע ייִדן. „דער שפּיגל", בוענאָס־איירעס, אַפּריל, 1957.
ייִדישיזם און ייִדישקייטיזם. „קולטור און דערציִונג", נ. י., מאַי, 1957; „שריפטן", נומ. 223־225.
פון דעם אידייען־גאַנג פון פּראָפעסאָר שמעון ראַבידאָוויטש ז"ל. „שריפטן", נומערן 187־188, בוענאָס־איירעס, יאַנ.־פעב., 1958, זז' 195־209.
וועגן ייִדיש און טשערנאָוויץ. „אויפן שוועל", נ. י., סעפּט., 1958.
ייִדישקייט אין אַמעריקע, וווהין? „צוקונפט", נ. י., סעפּט., 1958, זז' 328־330.
נעבעדיקע און פאַרגליווערטע ייִדישקייט. „שריפטן", בוענאָס־איירעס, נומ. 202־204, 1959.
רעליגיעזע און וועלטלעכע ייִדישקייט. „אונדזער קיום", נומ. 10, פּאַריז, יולי 1961, זז' 16־17.
צעשפּאָלטענע ייִדישקייט. „דער וועג", מעקסיקע, סעפּט., 2, 1961.
באַר אידיש און פּאַר אידישקייט. „קענעדער אָדלער", מאָנטרעאָל, אָקט., 17, 1961.
ייִדן און ייִדישקייט. „דער וועג", מעקסיקע, נאָוו., 16, 1961.
וועגן ש. ראַבידאָוויטשעס וועלט־באַנעם פון ייִדישקייט. „צוקונפט", נ. י., דעצ., 1961, זז' 463־467.
מענטש און ייִד. „יצחק שטיינבערג געדענק־בוך", נ. י., 1961, זז' 307־310.
דער העברעיִשער אידישיסט — קלמן קאַצענעלסאָן. „קענעדער אָדלער", מאָנטרעאָל, יאַנ., 11, 1962.
מאָדערנע ייִדישקייט. „טאָג־מאָרגען זשורנאַל", נ. י., יוני 30, 1962.
ייִדישקייט אָן ייִדיש. „דער וועג", מעקסיקע, סעפּט., 22, 1962.
קולטור און אידישקייט. „אונדזער דור", נ. י., נאָוו.־דעצ., 1962, זז' 20־22.
נאָך עפּעס וועגן אינטעגראַלער ייִדישקייט. „דווקא", נומ. 49, בוענאָס־איירעס, יאַנ.־יוני, 1963, זז' 116־119.
אומה ולשון — ייִדיש פאָלק — ייִדיש לשון. „דרום־אַפריקע, נומ. 3 (163), יאָהאַנעסבורג, מאַי־יוני, 1963, זז' 11־13; סעפּט־אָקט., 1963, זז' 7־10.
וועגן פרעמדע און אייגענע שפּראַכן ביי ייִדן. „דער וועג", מעקסיקע, יוני, 15, 1963.
אינטעגראַלע ייִדישקייט און מדינת ישראל. „אייגנס", תל־אביב, אָקט.־נאָוו., 1963, זז' 4 און 14.

## א. גאָלאָמבס אַרטיקלען וועגן קולטור און יידישער ליטעראַטור

קולטור און פאַרטייִישקייט. „ליטעראַרישע בלעטער״, נומ. 31, וואַרשע, 1928.
ווי דאַרף מען לערנען ליטעראַטור. „אונדזער שול״, נ. י., דעצ., 1931, זז׳ 12־15.
דורות און קולטור־שטרייטן. יידישע וועלטלעכע שול אין לעטלאַנד, 1931.
דערציִונג פון יידן דורך ליטעראַטור. „אונדזער שול״, נ. י., אַפּריל, 1932.
נאַציאָנאַלע און „נאַציאָנאַלע״ קולטור. „קולטור און דערציִונג, נ. י., אָקט., 1934.
דער נאַציאָנאַל־קולטורעלער ווערט פון אַ שפּראַך־באַוועגונג. „קולטור און דערציִונג״, נ. י., 1935.
יידישע ליטעראַטור אין יידישע שולן. „ליטעראַרישע בלעטער״, וואַרשע, יוני, 1937.
יידיש לעבן און יידישע קולטור. „יידישע קולטור״, נ. י., יאַנ., 1939; „דער שפּיגל״, בוענאָס־איירעס, פעב., 1939.
יידישע שפּראַכן. „דער שפּיגל״, בוענאָס־איירעס, דעצ., 1940; יאַנ., 1941.
שפּראַך איז מער ווי שפּראַך. „אידישער קעמפער״, נ. י., דעצ., 6, 1940.
דאָס פאָלק און זיין ליטעראַטור. „דער שפּיגל״, בוענאָס־איירעס, מערץ 1941; „דער קאָנטינענט״, מעקסיקע, 1941.
פיר מאָל פיר קשיות צו אַ יידישן שרייבער. „אויפן שוועל״, נ. י., יאַנ., 1942.
וועלטלעכקייט איז ניט הפקרות. „דער שפּיגל״, בוענאָס־איירעס, אָקט., 1942.
קולטור און קריטיק. „אויפן שוועל״, נ. י., נומ. 11־12, 1942.
וועגן זינען פון שרייבן. „אויפן שוועל״, נ. י., נומ. 15, 1942.
קולטור קאַמף ביי יידן. „דער שפּיגל״, ב.־איירעס, 1944 (אין דריי נומערן).
אונדזער וויכטיקסטע קולטור־פּראָבלעם. „אויפן שוועל״, יוני־יולי, נ. י., 1945.
וועמענס קולטור דאַרפן יידן ירשנען? „שריפטן״, בוענאָס־איירעס, אויג־סעפּט., 1945.
קולטור־איינזאַמלונג. „קיום״, פּאַריז, יולי־אויג., 1948.
ליטעראַטור און יידישע דערציִונג. „קיום״, פּאַריז, נאָוו.־דעצ., 1949, זז׳ 1268־1273.
אונדזער ליטעראַטור און אונדזער קיום. „בלעטער פאַר יידישער דערציִונג״, נומ. 2, 1949.
קולטור־שול און שפּראַך־שול. „קיום״, פּאַריז, פעב., 1950, זז׳ 1394־1402.
ישראל־ציוויליזאַציע אָדער גלות־קולטור. „צוקונפט״ ,נ. י., אָקט., 1951.
די קיִעווער תקופה פון יידישער קולטור־שעפערישקייט. צו דער געשיכטע פון יידישן שול־וועזן. „נייע יידישע שול״, מעקסיקע, סעפּט., 1952, זז׳ 3־7.

דערציִונג פון יִדן דורך ליטעראַטור. „בלעטער פאַר יִדישער דערציִונג״, נ. י., אַפּריל, 1953, זז׳ 42־50.

ציוויליזירטע קולטורלאַזיקייט. „אידישער קעמפּער״, נ. י., אָקט., 28, 1954.

דאָס פאָלק און זיין קולטור. „ליטעראַרישע בלעטער״, וואַרשע, נומ. 70־71, 1934.

ליטעראַטור און דערציִונג. „קולטור און דערציִונג״, נ. י., פעב., 1958, זז׳ 5־7.

קולטור־קאָנגרעס — וועגן וואָס עס גייט. „צוקונפט״, נ. י., מאַי־יוני 1959, זז׳ 230־232.

אונדזערע קולטור־אוצרות פאַרן פאָלק. „צוקונפט״, נ. י., מאַי־יוני 1960. זז׳ 222־224.

היסטאָריקער און זאַמלער. „אידישער קעמפּער״, נ. י., אויג., 5, 1960.

צווישן שרייבער און זיין בוך. „דער וועג״, מעקסיקע, סעפּט., 23, 1961.

וועגן דער קולטור פון רעפּעראַטן. „שריפטן״, נומ. 232־234, בוענאָס־איירעס, סעפּט.־נאָוו., 1961, זז׳ 111־116.

פאָלקלאָר. „דער וועג״, מעקסיקע, אָקט. 21, 1961.

די טראַגישע לאַגע פון דער העברעיִשער קולטור. „קולטור און דערציִונג״, נ. י., נאָוו., 1961, זז׳ 4־5.

דער העברעיִזם שעדיקט דער העברעיִשער קולטור. „שריפטן״, בוענאָס־איירעס, נומ. 229־231, 1961.

וועגן לערנען יִד. ליטעראַטור. „דער וועג״, מעקסיקע, יאַנ., 13, 1962.

וועגן נייע דרכים אין יִדישן קולטור־לעבן. „דער וועג״, מעקסיקע, פעב., 10, 1962.

די מיסיע פון דער יִדישער ליטעראַטור (ערשטער קאַפּיטל). „אונדזער דור״, נ. י., יולי־אויג., 1962, זז׳ 5־7.

אָרגאַנישע אַנטוויקלונג פון אַ ליטעראַטור. (צווייטער קאַפּיטל). „אונדזער דור״, נ. י., סעפּט־אָקט., 1962, זז׳ 13־16.

## אַרטיקלען געשריבן פון א. גאָלאָמב אויף פאַרשיידענע טעמעס, אָן גענויע דאַטעס

דובנאָווס בריוו וועגן אַלטן און נייעם יִדנטום. „אידישער קעמפּער״.

עלטערן און קינדער ביי יִדן אין אַמעריקע. „בלעטער פאַר יִדישער דערציִונג, נומ. 1.

וועגן העברעיִש אין יִדישע שולן. „בלעטער פאַר יִדישער דערציִונג, נומ. 3.

ירושלים דליטאָ. „די גאָלדענע קייט״, תל־אביב, נומ. 2.

לא זו הדרך. „די גאָלדענע קייט״, תל־אביב, נומער 7.

י. ל. פרץ און אונדזער קולטור־גאַנצקייט. „די גאָלדענע קייט", תל־אביב, נומ. 10.

וועגן היסטאָרישן ווערט פון נאַציאָנאַלער דיכטונג. „די גאָלדענע קייט", תל־אביב, נומ. 12.

די ברכות און קללות פון גלות. „די גאָלדענע קייט", תל־אביב, נומ. 14.

דער תניא. „די גאָלדענע קייט", תל־אביב, נומ. 27.

יצחק נחמן שטיינבערג ז"ל. „די גאָלדענע קייט", תל־אביב, נומ. 28.

רבן שמעון ראַבידאָוויטש ז"ל. „די גאָלדענע קייט", תל־אביב, נומ. 29.

רעליגיעזע וועלטלעכקייט. „די גאָלדענע קייט", תל־אביב, נומ. 31.

ייִדישע שולן אין וויטעבסק פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה. וויטעבסק אַמאָל.

פון זייער אַנהויב (וועגן די אומגעבראַכטע ייִדישע שרייבער אין רוסלאַנד). „זאַמלביכער", 8, נ. י.

אַסימילאַציע־כוואַליעס אין אַלטערטום. „זאַמלביכער", נ. י., 1930.

אונדזער חשבון מיט די דעמאָקראַטיעס. „ייִדישע וועלט", מעקסיקע, נומ. 1; אויפן שוועל, נ. י.; „שריפטן", ענגלאַנד.

אַ פאָלק וואָס עסט אויף זיינע אינטעליגענטן. „ייִדישע וועלט", מעקסיקע, נומ. 2.

אַמאָל איז געווען. „ייִדישע וועלט", מעקסיקע, נומ. 2.

אייביקע, אַלוועלטלעכע, אומעטומיקע, אַלגעמיינע ייִדישקייט. „ייִדישע וועלט", מעקסיקע, נומ. 3.

אינטעגראַלע ייִדישקייט און אמתער ציוניזם. „ייִדישע וועלט, מעקסיקע, נומ. 4־3.

נאָטיצן. „ייִדישע וועלט", מעקסיקע, נומ. 4־3.

גלות, גולה, גאולה. 1טער טייל. „ייִדישע וועלט", מעקסיקע, נומ. 5־6; 7־8.

פאַרגליווערטע געדאַנקען (וועגן בונד). „ייִדישע וועלט", מעקסיקע, נומ. 9־10, 11.

וועגן אַ אינטעליגענץ־עקזאַמען. „ייִוואָ־בלעטער", 1טער באַנד.

פסיכאָלאָגיע פון כעס. „ייִוואָ־בלעטער", 3טער באַנד.

כעס אין דער ייִדישער ליטעראַטור. „„ייִוואָ־בלעטער", באַנד 4.

וועגן שנאה צו ייִדן ביי ייִדן. „ייִוואָ־בלעטער", 1946.

דאָס וואָס עס איז דער עיקר. „ליטעראַרישע בלעטער", וואַרשע, נומ. 463.

אַ לערנען וואָס פאַרטעמפּט. „עלטערן־טריבונע", באַנייטע אויסגאַבע, נומ. 2 פון דער „נייער שול".

וועגן דער באַנייטער שפּראַכן־פּאָלעמיק. „עלטערן־טריבונע", נומ. 5.

ייִדן־פּראָבלעם. „פרייע שריפטן", לאָנדאָן.

ציוניזם און פּאַלעסטיניזם. „פרייע שריפטן", 7־8, לאָנדאָן.

די מיסיע פון ייִדישן פאָלק. „פרייע שריפטן", 9, לאָנדאָן.

אויפן קולטור־פראָנט פון ארץ־ישראל. „פרייע שריפטן", 17, לאָנדאָן.

קולטור, קולטור און נישטאָ קיין קולטור. „קיום", פּאַריז, נומ. 2.
אונדז פעלן בטלנים. „קיום", פּאַריז, נומ. 130, איבערגעזעצט אין העברעיִש „הצופה", אלול, תשי"א.
דער יידישער לערער אָן די נאַטור. „שול און לעבן", 40.
וועגן אַ יידישן פּעדאַגאָגישן מוזיי. „שול און לעבן, קיִעוו, נומ. 3.
מדינת־ישראל און אחדות האומה. „שריפטן", ב. איירעס, נומ. 91־93.
תורה און וויסנשאַפט. „שריפטן", ב. איירעס, נומ. 97־98.
אונדזער אידעאָלאָגישער קריזיס. „שריפטן", ב. איירעס, נומ. 101־102.
אַ נייִע צרה — כנענים עליך ישראל. „שריפטן", ב. איירעס, נומ. 111־112, אויך „קיום", פּאַריז.
אויסיידישונג. „שריפטן", ב. איירעס, נומ. 143־144.
סכנות וואָס לויערן אויף דער העברעיִשער קולטור. „שריפטן", ב. איירעס, נומ. 175־177.
דאָס פאָלק און זיין ליטעראַטור. „שריפטן", ב. איירעס, נומ. 196־198.
פון כל ישראל צו ישראל אחד. „שריפטן", ב. איירעס, נומ. 205־207.
צו לייוויקן. „שריפטן", ב. איירעס, נומ. 205־207.
יידישע קולטור אין יידיש און אין אַנדערע שפּראַכן. „שריפטן", ב. איירעס, נומ. 208־210.
דערציִונג, וווּהין? „שריפטן", ב. איירעס, נומ. 211־213.
די דערשיינונג שלום־עליכם. „שריפטן", ב. איירעס, נומ. 211־213.
יידישקייט און מענטשלעכקייט. „שריפטן", ב. איירעס, נומ. 214־216.
חסידות און השכלה, געזעצן פון אונדזער געשיכטע. „שריפטן", ב. איירעס, נומ. 220־222.
יחידהשע און ציבורדיקע יידישקייט. „שריפטן", ב. איירעס, נומ. 223־225.
אויף אייגענע וועגן. „שריפטן", ב. איירעס, נומ. 226־228.
מתן תורה. „שריפטן", ב. איירעס, 1957.
באַריכט פון י.ד. לערער־סעמינאַר אין ווילנע. שריפטן פאַר פּסיכאָלאָגיע און פּעדאַגאָגיק פון ייִוואָ.
בריוו פון געוועזענע תלמידים. „דער וועג", מעקסיקע.
זיך אָראָפּצונעמען אַ מוסר. „דער וועג", מעקסיקע.
נאַציאָנאַל־פּעדאַגאָגישע יסודות פון דער טראַדיציאָנעלער דערציִונג. 30 יאָר פּרץ־שול אין וויניפּעג.
פּרק בפדגוגיה יהודית. „החינוך", סיון, תשכ"א.
אַ לעקציע נאַטור־לימוד, מוסטער־לעקציע. מערץ, 1929. „נייע שול", וואַרשע.
בית הספר על פרשת דרכים. „אורים", חלק ב־ג.
ראשונים, וועגן כהשטאַמען. „אורים", חלק ד־ה.

אַנטוויקלונג פון ייִדישע קינדער. „יאָרבוך י. ל. פרץ שול", ווינעפעג.
הדימוקרטיה והחינוך. זאַמלונג „ראשונים", תל־אביב, תרצ"ו.

## א. גאַלאָמבס אַרטיקלען אויף פאַרשיידענע טעמעס

כהנשטאַם (זכרונות און שטריכן). „שול און לעבן", 6, קיִעוו, 1919.
אַ טרויעריקער סך־הכל. „שול און לעבן", קיִעוו, 1919.
פּראָטאָקאָלן פון נאַטור־קאָנפערענץ. „נייע שול", אַפּריל 1922.
פון לאַבאָראַטאָריע־פּראַקטיק. „נייע שול", סעפּט.־אָקט., 1922.
פּראָטאָקאָלן פון העברעיִשער קאָנפערענץ. „נייע שול", נאָוו., 1922.
וועגן העברעיִש. „נייע שול", יאַנ., 1924.
דער זינען פון לעבן. „ליטעראַרישע בלעטער" (דיסקוסיע מיט ד"ר זשיט־לאָווסקין), 1926.
פּראָיעקט פון היימלימוד פאַרן 3טן יאָר. „נייע שול", יולי־דעצ., 1930.
וועגן אַן אינטעליגענץ־עקזאַמען. „ייִוואָ־בלעטער", ווילנע, באַנד 1, נומ. 3, מערץ 1931, זז' 208־219.
זעלבסט־פּאַרטיידיקונג. „ליטעראַרישע בלעטער", וואַרשע, נומ. 29, 1931.
לאָמיר זוכן נייע וועגן. „דאָס נייע וואָרט", נומ. 5, 1933.
וווּ האַלטן מיר? „ליטעראַרישע בלעטער", וואַרשע, נומ. 44, 1933.
נעונטער צום ענין. „דאָס פרייע וואָרט", יוני, 1934.
צייכנס פון אַ דור. „ליטעראַרישע בלעטער", וואַרשע, נומ. 18, 1934.
סאָציאַלער קאַמף אין ישראל. „דאָס פרייע וואָרט", נומ. 4־5, 1934.
אין אַ מזלדיקער שעה. „ליטעראַרישע בלעטער", וואַרשע, נומ. 10, 1934.
לחינוך התנוקות בקיבוץ. „מבפנים", אַפּריל, 1936.
די אומוועגן פון „הבימה". „ארץ־ישראל־שריפט", 1937.
וועגן דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ. „ליטעראַרישע בלעטער", וואַרשע, נומ. 43, 1938.
אַ יום־טוב פון דער ייִדישער אַלוועלטלעכקייט. „קולטור און דערציִונג", נ. י., פעב., 1939.
פרייראַנד און פרייפאַלק. וואַרשע, פעב., 1939.
עין חרוד אין אַמעריקע. „אידישער קעמפער", נ. י., מערץ, 3, 1939.
אַלע טאָג אַדער בלויז יום־טוב. „אידישער קעמפער", נ. י., מערץ, 31, 1939.
וואָס איז רער יום־טוב. „דער שפּיגל", ב. איירעס, אַפּריל, 1939.
זיין אָדער נישט זיין. „דער שפּיגל", ב. איירעס, אָקט., 1939.
וואָס מיר ווילן נישט זען. „אידישער קעמפער", נ. י., אָקט., 1939.
די טראַגעדיע פון אַמעריקאַנער ייִדנטום. „אידישער קעמפער", נ. י., אָקט., 13, 1939.

„אונדזער נישט־ברודער פון נצרת". „דער שפיגל", ב. איירעס, פעב. 1940.
אָן דעם פונדאַמענט. „דער שפיגל", ב. איירעס, יוני, 1940. און נאָך 2 אַרטיקלען.
וועלטלעכקייט. „יידישע שריפטן", ב. 1, העפט 4, 1941.
אויף מאָרגן נאָך דער מלחמה. „אויפן שוועל", נ. י., נומ. 7־8, אָקט., 1941; נומ. 9, נאָוו. 1941.
לאָמיר זיך קלאָר מאַכן. „אויפן שוועל", נ. י. נומ. 5־6, 1941; „שריפטן", ב.־איירעס, מערץ, 1943.
הוראָ! עס לעבט! „אידישער קעמפער", נ. י., פעב., 20, 1942.
אַ ביסל טערמינאָלאָגיע. „דער שפיגל", ב. איירעס, יולי 1942.
אַ האַרבע קשיא. „שריפטן", ב. איירעס, אויג., 1942.
ווען אַ פאָלק פאַרלירט זיין זכרון. „דער שפיגל", בוענאָס־איירעס, סעפט. 1942.
די מעלק־קו. „שריפטן", בוענאָס־איירעס, סעפט., 1942.
די טראַגעדיע חזרט זיך איבער. „שריפטן", בוענאָס־איירעס, סעפט., 1942.
נאָר נישט צעטומלט. „אויפן שוועל", נ. י., אָקט., 1942.
גלייכהייט און גלייכקייט. „שריפטן", בוענאָס־איירעס, 1942.
דער גורל פון סאָציאַליזם. „שריפטן", בוענאָס־איירעס, נאָוו.־דעצ., 1942.
מיט די טריט פון משיחן וועט שטייגן די חוצפה. „יידיש וואָרט", 2, וויניפעק, 1942.
נאָך דער מלחמה. „שריפטן", בוענאָס־איירעס, יאַנ., 1943.
אויף מאָרגן נאָך דער מלחמה. „שריפטן", בוענאָס־איירעס, פעב., 1943.
און דער גייער גייט. „דער שפיגל", בוענאָס־איירעס, מערץ, 1943.
ארץ־ישראל און עם־ישראל. „שריפטן", בוענאָס־איירעס, אַפּריל, 1943.
וואָס וועלטלעכקייט האָט געדאַרפט אויפטאָן און עס נישט געטאָן. „קולטור און דערציִונג, נ. י., אַפּריל, 1943.
איבער אַלע וועגן פון דיין וואָגלען. „דער שפיגל", ב. איירעס, אַפּר., 1943.
שעדלעכע רעזיגנאַציע. „אידישער קעמפער", נ. י., אַפּר., 30, 1943.
סך־הכלען און אויספירן. „שריפטן", בוענאָס־איירעס, מאַי, 1943.
אַ דור וואָס בלאָנדזשעט. „דער שפיגל", 1טער טייל, יוני, 1944; 2טער טייל, יוני, 1944.
קדושת־העם און קדושת־הארץ. „אויפן שוועל", נ. י., פעב., 1944.
דער כוח פון גאַנצקייט. „דער שפיגל", בוענאָס־איירעס, מערץ, 1944.
כל התורה כולה פון היינטיקער צייט. „שריפטן", ב.־איירעס, העפטן 5־7, 1944.
עגאָפּאַביע (בטעות אָנגעגעבן אויטאָפּאַביע). געדאַנק און לעבן, באַנד 2, נומ. 1, 1944.
קיין תנך מאַכט מען נישט. „אויפן שוועל", נ. י., יאַנ.־פעב., 1945.
דער קאַנאָן פון שטייגער. „שריפטן", ב.־איירעס, מערץ־אַפּר., 1945.

אַ קליינער אידישער ישוב מיט אַ גרויסער אידישער שול מעקסיקאָ. „**דער שפיגל**", **בוענאָס־איירעס, אַפּריל, 1945, זז' 9־10.**
אַפּשטאַם און אינהאַלט פון וועלטלעכקייט. „**שריפטן**", **ב.־איירעס, מאַי, 1945.**
אַז איר ווילט איז עס נישט קיין מלחמה. „**דער שפיגל**", **ב. איירעס, מאַי 1945.**
דער דואַליסטישער שקר. „**שריפטן**", **בוענאָס־איירעס, יוני־יולי, 1945.**
אונדזער חשבון מיט די דייטשן, מיט די דעמאָקראַטיעס, מיט דער וועלט, מיט זיך אַליין. „**שריפטן**", **בוענאָס־איירעס, אָקט־נאָוו., 1945.**
דער קאַמף פאַר גלויבנס. „**שריפטן**", **בוענאָס־איירעס, 1945.**
די קוק־פילאָסאָפיע. „**שריפטן**", **בוענאָס־איירעס, מערץ, 1946.**
איך גלויב. „**שריפטן**", **בוענאָס־איירעס, יוני־יולי, 1946.**
אַ קאָנסער אויף דער נשמה. „**עלטערן־טריבונע**", **יולי 1947.**
וויסן אָדער וועלן וויסן. „**עלטערן־טריבונע**", **אויג., 1947.**
די ברכה פון אויסגעהאַלטנקייט. „**עלטערן־טריבונע**", **נומ. 5, אָקט., 1947.**
געדאַנקען ביי דער אַרבעט. „**אונדזער שול**", **מעקסיקע, 1947, זז' 5־11.**
קיום אָן אַ פאַרוואָס. „**אידישער קעמפער**", **נ. י., יוני, 4, 1947.**
וואַרצלען. „**דער שפיגל**", **ב. איירעס, נומ. 5, 395, אָקט. 6, 1949, זז' 7־8.**
פון וואָס הענגט אָפּ די צוקונפט פון יידן אין אַמעריקע. „**קיום**", **פּאַריז, נומ. 12, 1948.**
ראָל און מעטאָדיק פון אינטויציע. „**אונדזער שול**", **מעקסיקע, 1948, זז' 18־22.**
פאַרבאַנד פון יידיש־אויסגעהאַלטענע היימען. „**דער שפיגל**", **בוענאָס־איירעס, יאַנ., 1949.**
עם ארצים און גראָבע יונגען. „**קיום**", **פּאַריז, נומ. 13, 1949; „שריפטן", ב.־איירעס, אָקט־נאָוו., 1949.**
אונדזער גייסטיקע צעשפליטערטקייט און אירע מקורים. „**קיום**", **פּאַריז, נומ. 6 און 7־8, 1949.**
ארץ־ישראל און די הסתדרות. „**שריפטן**", **בוענאָס־איירעס, מאַי, 1950.**
צי מעג אַ ציוניסט זיין אַ טעריטאָריאַליסט? „**אויפן שיידוועג**", **נ. י., סעפּ. 1950.**
מאַסע און המון. „**קיום**", **פּאַריז, נומ. 34, אָקט.,1950.**
אָפּגעמעקט דער זכר פון ווילנע. „**אויפן שוועל**", **נ. י., נאָוו., 1950.**
המשך אָדער „כנען". „**צוקונפט**", **נ. י., דעצ., 1950.**
גייסטיקע צעשפּליטערטקייט. „**האָלץ־אינדוסטריאַל**", **ב.־איירעס, 1950.**
וועגן דעם בונד איצט. „**קיום**", **פּאַריז, יולי, 1951.**
וועגן דעם „בונד" איצט. „**קיום**", **פּאַריז, נומ. 6־7, יוני־יולי, 1957 זז' 230־236.**
צי איז דער בונד פּאָלקיסטיש אָדער פּראָלעטאַריש. „**קיום**", **פּאַריז, נומ. 47, נאָוו. 1951.**
אין אַלטע פּראָגע. „**עלטערן־טריבונע**", **נומ. 1, 1951.**
יום־טובים אין לעבן און פאָלק. „**עלטערן־טריבונע**", **נומ. 1, 1951.**

צום סיום פון 10 יאָר „שריפטן״. „שריפטן״, ב. איירעס, נומ. 123, 1952.
די אויפגאַבעס פון פרייליאַנד. „אויפן שוועל״, נ. י., מערץ, 1952.
מיר אַליין זענען שולדיק. „דער שפיגל״, בועגאָס־איירעס, אַפּריל, 1952.
פאַרשוויגענע פּראָבלעמען. „דער שפיגל״, בועגאָס־איירעס, נאָוו., 1952.
וועגן דער זיכערקייט פון יידן אין אַמעריקע. „צוקונפט״, נ. י., דעצ., 1952, זז׳ 490־494.

„וועגן וואָס עס גייט״. „דער שפיגל״, בועגאָס־איירעס, מערץ, 1953.
אָט אין וואָס עס גייט. „דער שפיגל״, בועגאָס־איירעס, מאַי 1953.
בונדישע פּראָבלעמען. „אויפן שוועל״, נ. י., מאַי־יוני, 1953.
הים אָדער גלות. „אויפן שוועל״, נ. י., מאַי־יולי, 1953.
מען דאַרף בויען די גלותן. „אויפן שוועל״, נ. י., סעפּט.־אָקט., 1953.
ווידער אַמאָל שלילת הגלות. „דער שפיגל״, בועגאָס־איירעס, דעצ., 1953.
אחדות האומה דורך אחדות הקולטור. „שריפטן״, בועגאָס־איירעס, נומ. 135־137, 1954.

שריפטן און תורה. „שריפטן״, ב.־איירעס, נומ. 133־134, 1953.
ירושלים דליטע. „שריפטן״, בועגאָס־איירעס, נומ. 130־132, 1953.
קלאָרע דיבורים. „אויפן שוועל״, נ. י., פעב.־מערץ, 1954.
וועגן אונדזער מאָרגן אין אַמעריקע. „אויפן שוועל״, נ. י., יוני, 1954.
צווישן אתה בחרתנו און ככל הגויים. „אידישער קעמפער״, נ. י., יוני, 4, 1954.
ווער פון וועמען דאַרף זיך לערנען. „דער שפיגל״, ב. איירעס, יוני־יולי 1954.
אַביעקטיווע פאַקטאָרן אין דעם אויפקום פון מדינת־ישראל. „אויפן שוועל״, נ. י., סעפּט., 1954.
ווערבאַלע ליבע, המשך אָדער איבעררייס. „דער שפיגל״, ב. איירעס, נאָוו. 1954.
בנין הארץ און בנין העם. „שריפטן״, נומ. 145־147, 1954.
גאַנגבאַרע שקרים. „האַלץ־אינדוסטריאַל״, ב. איירעס, 1954.
דער גלות וואָס בויט די גאולה. „שריפטן״, נומ. 138־140, 1953־1954.
די אַלטע קשיה. „דער שפיגל״, ב. איירעס, פעב.־מערץ, 1955.
צי מוז ארץ־ישראל זיין נאָר אין ארץ־ישראל? „אויפן שוועל״, נ. י., מערץ, 1955.
די גבורה פון אַ מינדערהייט. „אויפן שוועל״, נ. י., אַפּריל, 1955.
פאָלק, פאָלקישקייט און פאָלקיזם. „אידישער קעמפער״, נ. י., מאַי 13, 1955.
אין וואָס מיר זענען שולדיק. „אויפן שוועל״, נ. י., נומ. 110, אָקט., 1955.
טראַגישע פּראָבלעמען. „אויפן שוועל״, נ. י., אָקט.־דעצ., 1955.
אחדות האומה, „שריפטן״, בועגאָס־איירעס, נומ. 157־159, 1955.
ביטערע אמתן. „האָלץ־אינדוסטריאַל״, בועגאָס־איירעס, 1955.
דאָס אייביקע און פאַרגענגלעכע. „אידישער קעמפער״, נ. י., יוני 15, 22, 1956.
יידישע נאָכמאָכעריי. „דער שפיגל״, בועגאָס־איירעס, אויג.־סעפּט., 1956.
אָפּקליב און כינוס, „אידישער קעמפער״, נ. י., סעפּט., 21, 1956.

אַ בוך פון ליבע און טרערן. „דער שפיגל", ב.־איירעס, אָקט., 1956.
וועגן אונדזער וועלטלעכקייט. „דער שפיגל", ב. איירעס, מאַי, 1957.
די רעליגיע פון וועלטלעכע יידן. „צוקונפט", נ. י., סעפט., 1957.
דער גרויסער וויכוח. „דער שפיגל", ב.־איירעס, סעפט־אָקט., 1957.
ווען וועט קומען משיח? „שריפטן", ב' איירעס, נומ. 172־174, סעפט־נאָוו., 1956.
אַ קאַלטער ציוניסטישער קאָנגרעס. „אויפן שוועל", נ. י., נומ. 116־117, סעפט.־אָקט., 1956.
טאַלאַנטן וואָס פאַרבלאָנדזשען. „קולטור און דערציִונג", נ. י., נאָוו., 1957.
שפּראַך און אינהאַלט אין קיום פון פאָלק. „שריפטן", ב. איירעס, נומ. 181־183, 1957.
נאָך וועגן דער השכלה. „אידישער קעמפער", נ. י., יאַנ. 24, 1958.
צום בונד. „אויפן שוועל", נ. י., מאַי, 1958.
קיום־פּראָבלעמען. „שריפטן", ב.־איירעס, יוני־אויג., 1958.
דער תניא. „שריפטן", בוענאָס־איירעס, נומ. 190־192, 1958.
יידישע שטעטלעך. „צוקונפט", נ. י., יאַנ. 1959, זז' 13־15.
טעריטאָריאַליזם אויף די ערטער. „אויפן שוועל", נ. י., יאַנ.־פעב., 1959.
פאַרברעכן און שטראָף. „קולטור און דערציִונג", נ. י., פעב., 1959.
ווידער וועגן נייע שטעטלעך. „אויפן שוועל", נ. י., מאַי־יוני, 1959, זז' 6־7.
גלות און חוץ־לארץ. „אויפן שוועל", נ. י., אויג־סעפט., 1960.
העברעיִזאַציע וואָס פירט צו אַסימילאַציע. „צוקונפט", נ. י., פעברואַר, 1961, זז' 60־64.
גלות און חוץ־לארץ. „אויפן שוועל", נ. י., אויג־אָקט., 1961, זז' 9־10.
„מיר אינטעגרירטע מעקסיקאַנער". „דער וועג", מעקסיקע, סעפּט. 19, 1961.
שטראָמען שמוץ. „דער וועג", מעקסיקע, סעפט. 26, 1961.
אַן עברה פון אַ פרומען ייִדן. „דער וועג", מעקסיקע, אָקט. 3, 1961.
לאָמיר לערנען אַ שטיקל פשט. „דער וועג", מעקסיקע, יאַנ. 27, 1962.
וואָס ווייטער? „דער וועג", מעקסיקע, פעב. 24, 1962.
נוסח מזרח־איראָפּע. „דער וועג", מעקסיקע, מערץ, 10, 1962.
די טראַגעדיע פון אַסימילאַציע. „דער וועג", מעקסיקע, מערץ 24, 1962.
אונדזער געדאַנק אין גלות. „שריפטן", בוענאָס־איירעס, נומ. 238־240, מערץ־מאַי, 1962, זז' 241־246.
„משה רבנוס מעקסיקאַנער". „דער וועג", מעקסיקע, אַפּריל, 14, 1962.
המון איז נישט פאָלק. „דער וועג", מעקסיקע, אַפּריל, 24, 1962.
קיום־פּראָבלעמען. ציוניסטישע געדאַנקען. „אויפן שוועל", נ. י., אַפּר.־מאַי, 1962, זז' 5־8.
גלות־גאולה. „היימיש", תל־אביב, אַפּר.־מאַי 1962, זז' 4־5 און 20.
וועגן דעם היגן דור. „דער וועג", מעקסיקע, מאַי 12, 1962.

דורות און מענטשן. „דער וועג", מאַי 15, 1962.
וועגן דער היגער יוגנט. „דער וועג", מעקסיקע, יוני 7, 1962.
אַסימילאַציע מיט אַ הכשר. „דער וועג", מעקסיקע, יוני 23, 1962.
געסט־געסט. „דער וועג", מעקסיקע, יולי, 17, 1962.
ייִדישע נעמען. „דער וועג", מעקסיקע, יולי, 14, 1962.
צו אונדזערע רעליגיעזע. „דער וועג", מעקסיקע, אויג., 11, 1962.
יאָ, נאָסטאַלגיע (אַן ענטפער אויף אַ קריטיק). „אידישער קעמפער", נ. י., אויג., 17, 1962.
וואָס ווייטער? „אונדזער קיום", פּאַריז, יולי־סעפט., 1962, זז' 10־12.
קונסט און רעליגיע. „טאָג־מאָרגען זשורנאַל", נ. י., סעפּט., 1, 1962.
מיט וואָס ייִדן פרייען זיך. „דער וועג", מעקסיקע, סעפּט., 8, 1962.
נישט קיין יום־טובדיקע געדאַנקען. „דער וועג", מעקסיקע, סעפּט., 29, 1962.
מאַסע און אינטעליגענץ. „צוקונפט", נ. י., 1962, זז' 362־367.
די אויפגאַבע פון אונדזער צייט. „קולטור און דערציִונג", נ. י., 1962, זז' 11־13.
טאַבו. „דער וועג", מעקסיקע, נאָוו. 3, 1962.
אונדזער מאָראַל. „דער וועג", מעקסיקע, נאָוו., 24, 1962.
ביים קינסטלער אין דער היים. „דער וועג", מעקסיקע, יאַנ., 26, 1963.
אונדזער און זייער מאָראַל. „קולטור און דערציִונג", נ. י., פּעב. 1963, זז' 12־15.
סכנות וואָס דראָען אונדזער ישוב. „דער וועג", מעקסיקע, פּעב., 2, 1963.
וועגן אַ וועלט־צוזאַמענפאָר פון ייִדישע שרייבער. „דער וועג", מעקסיקע, פּעבר., 16, 1963.
וואָס מיינט קנעכטשאַפט „דער וועג", מעקסיקע, אַפּר. 20, 1963.
צווישן פרומע. „דער וועג", מעקסיקע, מאַי, 4, 1963.
וועגן וואָס מ'רעדט נישט. „דער וועג", מעקסיקע, מאַי, 11, 1963.
שווער צו פאַרשטיין. „דער וועג", מעקסיקע, מאַי, 18, 1963.
מען לעבט פון די טעג. „דער וועג", מעקסיקע, מאַי 25, 1963.
שווער צו פאַרשטיין. „דער וועג", מעקסיקע, יוני, 1, 1963.
קען מען זיך פאַרשטיין? „דער וועג", מעקסיקע, יוני, 8, 1963.
אונדזער שטרענגע צענזור. „דער וועג", מעקסיקע, יוני, 22, 1963.

## א. גאָלאָמבס אַרטיקלען וועגן יידישע שרייבער און קריטיק

פּראָבלעם ביאַליק אין ארץ־ישראל. „ליטעראַרישע בלעטער", וואַרשע, נומ. 32, 1934.
אַן ענטפער לעשטשינסקין. „אידישער קעמפער", נ. י., ראש־השנה, 1941.
די טראַגעדיע זשיטלאָווסקי. „אויפן שוועל, נ. י., נומ. 18, 1944.
אויס מיט פרץ־יאָרציַיטן. „אויפן שוועל", נ. י., אַפּר.־מאַי, 1945.

ישראל עפּרויקין איננו. „שריפטן", בוענאָס־איירעס, נומ. 147, 1945.
ביאַליק און בן־יהודה — צוויי וועגן אין העברעיזם. „זאַמלביכער", נומ. 5, נ. י., 1945.
קולטור אָדער אַלטוואַרג. (אַן ענטפער ד״ר ש. מאַרגאָשעס). „צוקונפט", נ. י., מערץ, 1951, זז' 124־126.
פרץ און נאַציאָנאַלע יידישע דערציונג. „נייע יידישע שול", יאָרבוך, מעקסיקע, אָקט., 1951, זז' 10־12.
פרץ און פרציזם. „צוקונפט", נ. י., מערץ, 1952.
רבן שמעון ראַווידאָוויטש. „די גאָלדענע קייט", נומ. 29, תל־אביב, 1957, זז' 214־222.
אָמר רבן שמעון. „שריפטן", בוענאָס־איירעס, נומ. 184־186, 1957.
פון דעם אידעען־קאַמף פון פּראָפ. ש. ראַבידאָוויטש ע״ה. „שריפטן", בוענאָס־איירעס, נומ. 187־189, 1958.
אויף דער לוויה פון בער באָראָכאָוו. „דער וועג", מעקסיקע, מערץ, 1958.
די דערשיינונג שלום־עליכם. „קולטור און דערציונג", נ. י., מאַי, 1959.
ד״ר שמעון ראַבידאָוויטש ז״ל (צום צווייטן יאָרצייט). „אויפן שוועל, נ. י., יולי־אויג., 1959, זז' 6־8.
דובנאָווס אַ טעות (אויטאָנאָמיע). „אידישער קעמפער", נ. י., סעפּט. 9, 1960.
וועגן י. ראַפּאַפּאָרטס אימפּראָוויזאַציעס. „צוקונפט", נ. י., מערץ, 1961, זז' 140־141.
שלמה גילינסקי ע״ה. „דער וועג", מעקסיקע, סעפּט., 30, 1961.
צוויי שרייבער־יובלען: מאַנגער און י. י. שוואַרץ. „דער וועג", מעקסיקע, נאָוו. 14, 1961.
דער „היימיש" און זיין שעפער. „היימיש", תל־אביב, פעב.־מערץ, 1962, ז' 7.
אַ מוסר זיך אָראָפּצונעמען. (אַ יובל פאַר י. באָטאָשאַנסקי). „דער וועג, מעקסיקע, יוני, 30, 1962.
אמונה, רעליגיע, קולט און יידישקייט. „היימיש", תל־אביב, אָקט., 1962, זז' 20־21.
וועגן דעם צוזאַמענפאַר פון די העברעישע שרייבער. „דער וועג", מעקסיקע, אָקט. 25, 1962.
שלום־עליכם פאַר וועמען? „דער וועג", מעקסיקע, נאָוו., 17, 1962.
ד״ר שמעון ראַבידאָוויטש. „שריפטן", אַרגענטינער אָפּטייל פון אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס, בוענאָס־איירעס, 1962, זז' 23־29.
אַ מתנה פון מדינת ישראל. אַלמאַנאַך פון די יידישע שרייבער פון ישראל. „דער וועג", מעקסיקע, פעב., 23, 1963.

„דער לעבנסוועג פון ב. דאָבריאַנסקי". „דער וועג", מעקסיקע, מערץ, 23, 1963.
ש. דובנאָווס זכרנות. „אידישער קעמפער", נ. י., יוני, 28, 1963.
„שריפטן" אין 22סטן יאָר און ווייטער... „די פּרעסע", בוענאָס־איירעס, אויג., 16, 1963.
תורה יום־טובים. „דער וועג", מעקסיקע, אָקט. 5, 1963.

# אינהאַלט


פון די אַרויסגעבער — — — — — — — — — — — 9

פון מחבר — — — — — — — — — — — — — — 11

ישראל ואורייתא — — — — — — — — — — — — 13

ירמיהו הנביא, דער באַגרינדער פון גלות־ייִדישקייט — — 141

תקופות און דערציִונג — — — — — — — — — — — 155

אומה ולשון — ייִדיש פאָלק און ייִדיש לשון — — — — — 197

מאַסע און אינטעליגענץ — — — — — — — — — — — 229

קדושה און וואָכעדיקייט אין ייִדישן לעבן — — — — — — 245

עגאָפאָביע — — — — — — — — — — — — — — — 275

טיילווייזע ביבליאָגראַפיע פון א. גאָלאָמבס שריפטן פון יעפים ישורין — — — — — — — — — — — — — 395

Este libro se terminó de imprimir el día 31 de marzo de 1964, en los Talleres Gráficos JULIO KAUFMAN S. R. L. - Avda. Corrientes 1976 - Buenos Aires, República Argentina.

Impreso en la Argentina
Printed in Argentina

Copyright by:
A. GOLOMB
México

HECHO EL DEPOSITO QUE MARCA LA LEY

Industria Argentina

A. GOLOMB

# Sendas Eternas del Pueblo Eterno

ENSAYOS

PUBLICADO POR EL COMITE DE HOMENAJE

México - Buenos Aires, 1964